STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00212

FORGEYER UN MITTSAYTLER

Nachman Mayzel

Permanent preservation of this book was made possible by
Julia & Robert Spiegelman
in honor of
Julia Spiegelman's Bat Mitzvah

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מייזיל

פאָרגייער און מיטצייטלער

פונעם זעלבן מחבר:

דוד בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען“ (קיעוו, 1913), 48 ז״ז.

חיים נחמן ביאַליק (וואַרשע, 1921), 64 ז״ז.

נאָענטע און ווייטע, ב׳ 1 (וואַרשע, 1924), 240 ז״ז.

נאָענטע און ווייטע, ב׳ 2 (וואַרשע, 1926), 260 ז״ז.

שלום אַש, לעבן און שאַפן (וואַרשע, 1929), 64 ז״ז.

פּרצעס בריוו און רעדעס (וואַרשע, 1929), 302 ז״ז.

י. ל. פּרץ, לעבן און שאַפן (וואַרשע, 1931), 240 ז״ז.

אהרן ליבערמאַן (וואַרשע, 1934), 64 ז״ז.

חיים נחמן ביאַליק (וואַרשע, 1934), 64 ז״ז.

אויף אונדזער קולטור־פראָנט (וואַרשע, 1936), 336 ז״ז.

יוסף אָפּאַטאָשו, לעבן און שאַפן (וואַרשע, 1937), 192 ז״ז.

טעג און נעכט אין עמק (וואַרשע, 1938), 128 ז״ז.

דער כוח פון יידיש (ניו־יאָרק, 1939), 32 ז״ז.

אברהם גאָלדפאַדען (ניו־יאָרק, 1939), 44 ז״ז.

שלום־עליכם (ניו־יאָרק, 1940), 32 ז״ז.

דוד בערגעלסאָן (ניו־יאָרק, 1940), 48 ז״ז.

אוריאל אַקאָסטאַ (ניו־יאָרק, 1940), 32 ז״ז.

פּרץ מאַרקיש (טאָראָנטאָ, 1942), 24 ז״ז.

דורות און תקופות אין דער ייד. ליטעראַטור (ניו־יאָרק, 1942), 96 ז״ז.

אייזיק מאיר דיק (ניו־יאָרק, 1943), 32 ז״ז.

דר. חיים זשיטלאָווסקי (ניו־יאָרק, 1943), 32 ז״ז.

בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ (ניו־יאָרק, 1944), 416 ז״ז.

י. ל. פּרץ, לעבן און שאַפן (ניו־יאָרק, 1945), 368 ז״ז.

נחמן מייזיל

פאָרגייער און מיטצייטלער

איקוף פארלאג

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פון די איקוף־פּרײַנט
אין פּאַסעיק, נ. דזש.

געדרוקט אין 3,000 עקזעמפּלאַרן

1946
NACHMAN MEISEL
FORGEIER UN MITZEITLER
Ycuf, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי פון פּראָספּעקט פּרעס, 113—4טע עוו., ניו־יאָרק
Printed in U.S.A.
209

אינהאַלט

זייט

צו די לייענער 7
אייזיק מאיר דיק (1893—1808) 11
שלום יעקב אַבראַמאָוויטש (1917—1836) 28
שלום־עליכם (1916—1859) 74
יצחק לייבוש פּרץ (1915—1852) 101
שמעון דובנאָוו (1942—1860) 116
ש. אַנסקי (1920—1863) 132
דר. חיים זשיטלאָווסקי (1943—1865) 147
ראובן ברייַנין (1940—1862) 182
חיים נחמן ביאַליק (1934—1873) 192
הלל צייטלין (1943—1872) 218
שלום אַש (—1880) 227
פּרץ הירשביין (—1880) 265
יונה ראָזענפעלד (1944—1880) 275
א. ראַבאָי (1944—1882) 289
דוד בערגעלסאָן (—1884) 304
דער נסתר (—1884) 342
אַלטער קאַציזנע (1941—1885) 361
י. י. זינגער (1943—1893) 372
איציק מאַנגער (—1901) 394
חיים גראַדע (—1912) 408
זוכצעטל 425

צו די לייענער

אין דעם בוך „פאַרגייער און מיטצייטלער" קומען אַריין אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען וועגן צוואַנציק עלטערע און יינגערע שרייבער,—אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען, וואָס איך האָב געשריבן די לעצטע עטלעכע יאָר ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און מיט אַ פאַרשיידענעם צוגאַנג צום שרייבער און צו זיין שאַפן. און וויבאַלד די אַרבעטן זיינען געשריבן ביי פאַרשיידענע סיטואַציעס, זיינען זיי נישט פון איין שניט און כאַראַקטער. קומען דעריבער וועגן אייניקע שרייבער מער־אַלגעמיינע און מער „אָביעקטיווע" אָפּשאַצונגען און וועגן אַנדערע זיינען געגעבן מער־סוביעקטיווע און מער־אינטימע כאַראַקטעריסטיקעס. אייניקע אַרטיקלען זיינען מער־אויסשעפּנדיקע, אַנדערע ווידער באַהאַנדלען אָדער באַרירן בלויז אייניקע עלעמענטן און מאָמענטן פון דעם שרייבערס לעבן, שאַפן און טעטיקייט.

איך האָב דאָס בוך אָנגערופן „פאַרגייער און מיטצייטלער", אָבער דאָס מיינט נישט, אַז ס'איז אַזוי פּשוט און לייכט פאַנאַנדערצוטיילן די באַהאַנדלטע שרייבער אויף פאַרגייער און מיטצייטלער. אייניקע שרייבער, וואָס זייער שאַפן האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ 70, 60, 50 יאָר צוריק, און לויט דער צייט געהערן זיי גיכער צו די פאַרגייער, זיינען זיי אָבער לויט דער אַלץ־דויערנדיקער ווירקונג פון זייערע פערזענלעכקייטן און פון זייערע שאַפונגען אמתע מיטצייטלער, זיי און זייערע ווערק זיינען נאָך אַלץ היינטצייטיק און אַקטועל, און זיי זיינען דעריבער אָפּטמאָל גאָר פאַראויסגייער און פּיאָנערן אויך פאַר אונדזער איצטיקער צייט.

כדי אָבער בעסער צו באַגרייפן און באַזינען דעם אַדורכגעגאַנגענעם וועג אין אונדזער קולטור־שאַפערישן לעבן, דאַרפן מיר אָוועקשטעלן וועג־צייכנס, וואָס זאָלן געבן די מעגלעכקייט בעסער צו זען דעם וואוקס און די אַנטוויקלונג פון אונדזער יידישער ליטעראַטור און קלאָרער צו פאַרשטיין די פאַרשיידענע פּראָצעסן, די דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אונדזער לעבן, און וועלכע האָבן זיך אַזוי שאַרף און בולטע אָפּגעשפּיגלט אין אונדזער יידישן שאַפן די לעצטע דורות.

פאַר דעם דאָזיקן בוך, — דער ערשטער באַנד פון נאָך עטלעכע וועגן עלטערע און ייִנגערע ייִדישע שרייבער, — האָב איך געגעבן אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען בלויז וועגן צוואַנציק שרייבער. פאַרוואָס איך האָב אויסגעקליבן פון די אַלע אַנדערע אַרבעטן גראָד וועגן ד י און נישט וועגן אַנדערע שרייבער, — אויף דעם איז דאָ אַ פאַרענטפערונג.

איך האָב, ערשטנס, נישט געוואָלט איבערחזרן אין דעם איצטיקן בוך דאָס, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זאָגן אין מיינע פריערדיקע שוין־דערשינענע ביכער. מיר האָט זיך אויך געוואָלט אַרויסברענגען כאַראַקטעריסטיקעס און אָפּשאַצונגען פון שרייבער, וואָס זיינען אונדזער היגן לייענער ווייניק אָדער לחלוטין נישט באַקאַנט.

אין אַ רעפעראַט וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס י. ל. פרץ האָט געהאַלטן אין 1910, האָט ער צווישן אַנדערן געזאָגט: „. . . עס וואָלט פיליכט קאָמיש געווען צו האַלטן אַ רעדע וועגן אַ ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי יונג און אַזוי אָרעם ווי די ייִדישע... וועגן אַ ליטעראַטור, וואָס אירע שעפער האָבן נאָך א י י ן מ צ ב ה אויפן בית־עלמין (אייזיק מאיר דיק)...“ דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט 36 יאָר צוריק. פאַר די איבער דריי צענדליק יאָרן האָט זיך אונדזער ליטעראַטור שטאַרק געענדערט, זי איז געוואַקסן אין דער ברייט און אין דער טיף; עס איז זי, די ליטעראַטור, ממש נישט צום דערקענען. און אַך־און־וויי איז אונדז: אויף ייִדישע בית־עלמינס פון גאָר דער וועלט האָבן מיר איצט קברים און מצבות, און אויך מאַסן־קברים פון פיל ייִדישע שרייבער און דערצו פיל ייִדישע קינסטלער־מאַרטירער, וואָס קיינער ווייסט גאָרניט וואו זיי זיינען באַהאַלטן, אָדער וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן דורך די דייטשע מערדער אין קאַלך־אויוונס...

אַט קוק איך אויף דער רשימה פון די צוואַנציק באַהאַנדלטע שרייבער. בלויז זיבן פון זיי לעבן, די איבעריקע דרייצן זיינען שוכני־עפר (פון זיי — זעקס אין דער אַמעריקאַנער ערד). דריי פון זיי (ש. דובנאָוו, ה. צייטלין, א. קאַציזנע) זיינען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער אַרישער אויבער־נאַציע. און ווייטער: פון די צוואַנציק זיינען אַכצן געבוירן אין 19טן יאָר־הונדערט און צוויי (מאַנגער, גראַדע) אינעם הייַנטיקן, 20טן יאָרהונדערט; און בלויז איינער (א. מ. דיק) איז געשטאָרבן אינעם 19טן יאָרהונדערט. די אַנדערע צוועלף זיינען אַוועק די לעצטע דרייסיק יאָר — זינט 1915. —

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז איך פּרעטענדיר נישט אין דעם בוך צו געבן אַלזייטיקע און אויסשעפּנדיקע אַרבעטן וועגן דעם אָדער יענעם שרייבער. וועגן אייניקע פון די באַהאַנדלטע שרייבער האָב איך פאַרעפנטלעכט גרעסערע מאָנאָגראַפיעס. האָב איך אין דעם פאַל זיך באַגנוגנט בלויז מיט אייניקע

שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון די־אָ קינסטלער. וועגן אייניקע שרייבער האָב איך דאָ געבראַכט צוויי אָדער דריי אַרטיקלען, וואָס יעדער איינער נעמט אַרום אַן אַנדער זייט אין זייער שאַפערישער טעטיקייט. איך האָב דאָס רוב אַרטיקלען געבראַכט אין דער פאָרם ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן, איך האָב נישט געוואָלט אַוועקנעמען ביי זיי דאָס „געלעגנהייטלעכע״, וואָס איז פאַראַן אין זיי.

מיט אַ טייל פון די באַהאַנדלטע שרייבער איז מיר אין לויף פון יאָרן אויסגעקומען צו שטיין אין ענגע פאַרבינדונגען, אָפטמאָל אַפילו צו אַרבעטן ביי די זעלבע קולטור־שאַפערישע וואַרשטאַטן. מיט אייניקע שרייבער איז מיר באַשערט געווען אינאיינעם אַדורכצומאַכן קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן און איבערוואַנדלונגען, — אָנגעהויבן פון די ערשטע ליטעראַרישע שריט אין קיעוו, שפּעטער מאָסקווע, וואַרשע און ביז ניו־יאָרק. ביים כאַראַקטעריזירן פאַרשיידענע מאָמענטן און עפּיזאָדן פון די־אָ שרייבער האָב איך ממילא זיי געגעבן אויפן הינטערגרונט אָדער צוזאַמען מיט די קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, דורך וועלכע מיר זיינען אינאיינעם געוואַקסן.

מיין כוונה איז געווען, אַז דער ערשטער באַנד „פאָרגייער און מיטצייט־לער״ זאָל ווי־ווייט מעגלעך אַרויסברענגען דעם גאַנג פון דעם יידישן שאַפן די לעצטע דורות דורך די פ אַ ר ש י י ד נ ס ט ע שרייבער, — כדי אַלע אינאיינעם זאָלן געבן אַן אַלגעמיין בילד פון דער יידישער ליטעראַטור אין אירע פאַרשיידענע אַנטפלעקונגען און גערענגלענישן....

איך וויל האָפן, אַז מיר וועט זיך איינגיכן אַרויסצוגעבן דעם צווייטן באַנד „פאָרגייער און מיטצייטלער״, וואו ס׳וועלן קומען אָפּהאַנדלונגען וועגן נאָך און נאָך ווירקנדיקע און שאַפנדיקע יידישע שרייבער.

נחמן מייזיל

אַפּריל, 1946

אייזיק מאיר דיק

עס איז איצט געוואָרן 50 יאָר ווי אייזיק מאיר דיק — דער אַמאָל זייער־פּאָפּולערער און שטאַרק־געלייענטער שרייבער — איז אין טיפן עלטער געשטאָרבן אין זיין שטאָט ווילנע, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און פאַרבראַכט כמעט אַלע זיינע קרוב צו ניינציק יאָר. עס איז שוין אַ 100 יאָר, ווי אָט דער ווילנער וואויל־קענעוודיקער משכיל האָט אָנגעהויבן צו שרייבן, פריער אין העברייאיש און דערנאָך אין יידיש, זיינע לייכטע, סענטימענטאַלע, האַלב־דערציילערישע און האַלב־דידאַקטישע (באַלערנדיקע) מעשיות־געשיכטעס, וואָס ער האָט געשעפּט פון אַנדערע ליטעראַטורן, ווי אויך פון רעאַלע פּאַסירונגען. ער האָט געשריבן מיט דער כוונה, מיטן צוועק, אַז די אָפּגע־שטאַנענע „לעזערינס" זאָלן עפּעס אַרויסלערנען און אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל, כדי אויסצומיידן אויף ווייטער די זעלביקע נאַרישקייטן און כדי זיי זאָלן מער נישט זיין פאַרזונקען אין אַבערגלויבענישן.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס איז שוין אַ גאַנצער יאָרהונדערט, ווי ער איז געוואָרן טעטיק ווי אַ שרייבער און אויפקלערער, — האָט אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג ווייניק אָפּגעגעבן אויפמערקזאַקייט אָט דעם אָריגינעלן פּאַרצייטיקן יידישן שרייבער, וואָס האָט אין לויף פון איבער 50 יאָר אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן עטלעכע הונדערט פאַרשיידענע מעשה־ביכלעך, וואָס זיינען אין אַמאָליקע צייטן פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די פאַרשיידענע שיכטן פונעם פאָלק אין טויזנטער און טויזנטער קאָפּיעס.

די ליטעראַטור איבער אָט דעם אויסטערלישן שרייבער איז זייער אַן אָרעמע. מען קאָן אָנציילן אפשר אַ צוויי צענדליק אַרטיקלען־אָפּהאַנדלונגען, וואָס מען האָט געשריבן וועגן אים אין לויף פון די 50 יאָר, זינט 1893, ווען ער איז געשטאָרבן.

די מיינונגען וועגן א. מ. דיק זיינען דערצו זייער ווידערשפּרעכנדיק: אין דער צייט, וואָס אייניקע לויבן און רימען אים און שטעלן אים אַוועק אין סאַמע אויבן־אָן פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, זיינען אים אַנדערע מבטל, מאַכן אים צו־נישט און פאַרקלענערן אינגאַנצן זיין ראָלע אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

זאָגט איין קריטיקער, אַז א. מ. דיקס געשיכטן האָבן אַ גאָר קנאַפּן ווערט, און זיין שפּראַך איז יידיש־דייטשמעריש; און אַ צווייטער האַלט, אַז „דיק איז דער פאַקטישער גרינדער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", און אַז זיין באַדייטונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז גאָר נישט אָפּצושאַצן.

עס איז שווער פעסטצושטעלן די פּינקטלעכע צאָל פון א. מ. דיקס ווערק. זיי פלעגן דערשיינען אין ביליקע אויסגאַבעס, צו 16 און 32 זייטעלעך, נישט געבונדן, נישט גענייט, מיט אַרויפגעקלעפּטע שער־בלעטלעך, און זיי פלעגן אַזוי געקויפט ווערן, ווי מען קויפט היינט אַ צייטונג צום לייענען. אין פאַר־שיידענע ביבליאָטעקן זיינען געווען אויפגעהיט צענדליקער פאַרשיידענע דיקס מעשה־ביכלעך, — אין ווילנע, אין פעטערבורג, אין וואַרשע. אויך דאָ אין ניו־יאָרק זיינען אין די ביבליאָטעקן אויפגעהיט מעשה־ביכלעך פון א. מ. דיק, אָבער אַ טייל פון זיי, וואָס זיינען דערשינען מיט אַ 70־75 יאָר צוריק, ווערן צעפאַלן ווי טרוקענע טאַבאַק־בלעטער.

מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, אין 1922, האָט אַ וואַרשעווער פאַרלעגער („צענטראַל") אַרויסגעגעבן א. מ. דיקס „געקליבענע ווערק", אָבער דער „רעדאַקטאָר" פון אָט דער אויסגאַבע, דוד קאַסעל, אָן קיין שום חוש פאַר ליטעראַטור־געשיכטע־פאָרשונג און אָן קיין געשמאַק, האָט אַזוי „אויס־געבעסערט" דיקן, אַז דער גאַנצער פאַרצייטישער חן און דער גאַנצער סטיל און אייגנאַרט פון א. מ. דיקן איז פאַרלוירן געגאַנגען. ער האָט פּשוט אַ תל געמאַכט פון דיקן. דעריבער דאַרף זיך דער לייענער היטן פאַר אָט די „גע־קליבענע ווערק" פון א. מ. דיק. מען דאַרף בעסער אָנקומען צו די שלעכט־און טאַנדעט־אַרויסגעגעבענע ביליקע ביכלעך, כדי צו האָבן אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם אמתן און נישט־געפעלשטן אייזיק מאיר דיק.

דער באַוואוסטער העברייאיש־יידישער שריפטשטעלער דר. ל. קאַנטאָר (געבוירן אין ווילנע אין 1849, וואו געווען אַ לענגערע צייטן ראַבינער — ער איז געשטאָרבן אין 1915) האָט אין זיין אינטערעסאַנטן אַרטיקל וועגן א. מ. דיק, וועמען ער האָט נאָענט געקענט, געענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„. . . די וועלט שטייט ניט אויף איין אָרט, און אַזעלכע שריפט־שטעלער ווי דיק, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זייער צייט, מוזן נאָך אַ באַשטימטער צייט אַלט ווערן, זייערע געדאַנקען ווערן פאַר־ווירקלעכט אין לעבן און הערן אויף צו זיין ניי; זייער אָרט, זייער מאַניר ווערט אויך פאַרעלטערט. אָבער ניט נאָר די זשאַרגאָן־ליטעראַטור, נאָר אַלע וואָס האָבן אַ וואַרעם האַרץ פאַר אונדזער פאָלק, וועלן ניט אויפהערן

צו אַכטן און צו שעצן און מיט דאַנקבאַרקייט אויסצושפּרעכן דעם נאָמען פון דעם ווירקלעכן משכיל, דעם טרייען זון פון זיין פאָלק, דעם ערלעכן שטרייטער פאַר דער עקאָנאָמישער און זיטלעכער פאַרבעסערונג פון אונדזערע ברידער, דעם נאָמען פון אייזיק מאיר דיק.״

דער אַרטיקל פון דר. ל. קאַנטאָר איז פאַרעפנטלעכט אין 1905 (אינעם פעטערבורגער חודש־זשורנאַל „דאָס לעבן״). זינט דער אַרטיקל איז געשריבן, זיינען פאַראיבער נאָך קרוב צו פערציק יאָר, און זינט דאַן איז אוודאי די וועלט ניט געשטאַנען אויף איין אָרט, און אונדזער יידישע (שוין ווייט נישט זשאַרגאָנישע!) ליטעראַטור האָט פאַר אָט די פיר צענדליק יאָר אַדורכגעמאַכט וויכטיקע פּראָצעסן און אַוועק אויף ווייטערע און ברייטערע און טיפערע וועגן.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אונדזער יידיש־שאַפן האָט געמאַכט אַזעלכע פאַרשריטן, איז נישט נאָר וואָס מיר „אַכטן און שעצן״ דעם נאָמען פון א. מ. דיק, נאָר דער אינטערעס פאַר אים, פאַר זיינע ווערק, פאַר זיין אייגנאַרטיקן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור איז נאָך אַלץ שטאַרק. און דער אינטערעס צו א. מ. דיקן דאַרף וואַקסן, ווייל מען איז באַגאַנגען קעגן אים אין דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג אַן עוולה, מען האָט וויניק זיך אָפּגעגעבן מיט זיינע ווערק, ווי ער האָט עס באמת פאַרדינט.

און אין דער איצטיקער צייט, ווען ווילנע און וואַרשע מיט זייערע וואונדערלעכע ביכער־אוצרות זיינען כמעט אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן, איז שווער און אפשר אוממעגלעך צו פאַרמעסטן זיך אויף אַן אויסשעפּנדיקער און אַרומנעמענדיקער אָפּהאַנדלונג וועגן א. מ. דיק.

א. מ. דיק איז געווען פון די סאַמע פּראָדוקטיוווסטע שרייבער. די ליטע־ראַטור־פאָרשער און ביבליאָגראַפן האָבן נישט געקאָנט און נישט באַוויזן אפילו פעסטצושטעלן די פּינקטלעכע צאָל פון א. מ. דיקס ווערק. זלמן רייזען (אין „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור״, ווילנע 1926) שרייבט: „וועגן דער צאָל ביכער, וואָס דיק האָט פאַרעפנטלעכט, זיינען, ליידער, ניטאָ קיין גענויע דאַטן, אַלנפאַלס מוז זי גרייכן ביז אַ 400.״ נ. שטיף (אין זיין ליטע־ראַרישער כרעסטאָמאַטיע „די עלטערע יידישע ליטעראַטור״, קיעוו 1929), זאָגט: „זיין ליטעראַרישער אינווענטאַר איז ביז היינט נאָך ניט גענוי פעסט־געשטעלט; מען שאַצט די צאָל דיקס ביכלעך פון 300 ביז 400.״ ז. רייזען מיינט, אַז „פון די הונדערטער ביכלעך דיקס האָט זיך בלויז אַ קלענערער טייל אויפגעהיט און צונויפגעזאַמלט געוואָרן; אַ גרויסער טייל פון זיי איז אוודאי אויף אייביק פאַרלוירן געגאַנגען. שוין אין די 60ער יאָרן איז דיקן שווער אָנגעקומען צונויפצוקלייבן אַ קאָמפּלעקט פון זיינע ביכלעך.״

עס איז אַן אויפגאַבע פאַר אַ ספּעציעלן פאָרשער, ער זאָל זיך פירנעמען

אויפצושטעלן אַ פולע ביבליאָגראַפיע פון א. מ. דיקס ביכלעך, וואָס זײנען אויפגעהיט אין די היגע ביבליאָטעקן און פּריוואַטע זאַמלונגען. עס וואָלט אויך געווען וויכטיק, ביי דער געלעגנהייט פון די 50 יאָר נאָך דיקס טויט, מען זאָל אויך אויפשטעלן אַ גענויע ביבליאָגראַפיע פון אַלע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, וועלכע זײנען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפטן, וואָס זײנען שוין אויך אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנקייט.

ווען מיר רעדן וועגן א. מ. דיקס ליטעראַרישער טעטיקייט, מוז מען נעמען אין באַטראַכט די צייט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן, און די סביבה, וואו ער האָט געלעבט. אייזיק מאיר דיק איז געבוירן אָנהויב דעם 19טן יאָרהונדערט. עס איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן גענוי די דאַטע פון זײן געבוירן (לאָמיר געדענקען, אַז דאָס נעמלעכע איז מיט ש. י. אַבראַמאָוויטש־מענדעלע מוכר ספרים, וואָס זײן פּינקטלעכער געבוירנטאָג איז אויך נישט באַשטימט). פאַרשײדענע קוועלן גיבן אָן פאַרשיידענע דאַטעס, וואָס הייבן זיך אָן פון יאָר 1803 און ענדיקן זיך מיטן יאָר 1814. עס איז אָנגענומען צו רעכענען זײן געבוירניאָר אין 1808. א. מ. דיק, הייסט עס, איז געבוירן געוואָרן מיט אַ 135 יאָר צוריק, און זײן קולטור־טעטיקייט האָט זיך אָנגע־הויבן מיט אַ הונדערט יאָר צוריק. פאַר אונדזערע הײנטיקע מענטשן איז אַפילו שווער זיך פאָרצושטעלן ביי וואָס פאַר אַ באַדינגונגען מען האָט דאַן געלעבט אין אונדזער יידישער וועלט, וואָס איז נאָך אין תוך געווען אַ שטיק מיטלאַלטער. אײזיק מאיר איז אויפגעוואַקסן אין ווילנע, זײן פאָטער איז געווען אַ קליינער תבואה־הענדלער און אַ חזן אין אַ שולכל. מען האָט אייזיק מאירן פרי חתונה געמאַכט אין דעם שטעטל זופּראַן. זײן פרוי איז אים גיך געשטאָרבן, האָט ער אַ צווייט מאָל חתונה געהאַט קיין נעסוויזש, און איז געווען, ווי אַלע אַמאָליקע יונגעלייט, אָן איידעם אויף קעסט. און דאָ „עסנדיק קעסט" האָט ער זיך אויסגעלערנט רוסיש, פּויליש און דייטש, — ער האָט עס געהאַט צו פאַרדאַנקען דער באַקאַנטשאַפט מיטן אָרטיקן קאַטוילישן גלח, וואָס ער האָט זיך מיט אים אין דער שטיל באַפרײנדט. דיקס קענטענישן אין תלמוד און מדרשים, און אין פאַרשיידענע שפּראַכן, זײנען אים דערנאָך צונוץ געקומען פאַר זײן פּראָדוקטיווער ליטעראַרישער אַרבעט. ער האָט לכתחילה, ווי דאָס רוב משכילים פון זײן צייט, געשריבן העברייאיש און דערנאָך אַריבער צו יידיש. זײנע ערשטע ווערק אין העברייאיש האָט ער געשריבן סוף 30ער אָדער אָנהויב 40ער יאָרן, און יידיש האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן אין עטלעכע יאָר אַרום, אָנהויב די 50ער יאָרן. אַזוי־אַרום האָט זײן שריפט־שטעלערישע טעטיקייט געדויערט איבער פופציק יאָר. א. מ. דיק האָט אָנ־געהויבן שרייבן יידיש גוטע עטלעכע יאָר איידער ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט

געגומען שרײַבן ייִדיש (זײַן ערשט ייִדיש װערק, „דאָס קלײנע מענטשעלע", האָט ש. י. אַבראַמאָװיטש פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1864).

אײַזיק מאיר דיק האָט זיך סוף 30ער יאָרן צוריק אומגעקערט קײן װילנע, װוּ ער האָט אָפּגעלעבט איבער פֿופֿציק יאָר. ער איז געװען ענג און אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט גאָר דעם װילנער לעבן, געװען אײנער פֿון די װילנער משכּילים־אױפֿקלערער, זיך באַטײליקט אין די אַלע אױפֿקלערערישע טעטיקײטן פֿון דער װילנער השׂכּלה־באַװעגונג. ער האָט זיך באַטײליקט אין צונױפֿשטעלן דעם געהײמען מעמאָראַנדום, צוזאַמען מיט די װילנער משכּילים מרדכי אהרן גינצבורג (1795—1846), יצחק אײַזיק בן־יעקב (1801—1863), װעגן דער ייִדישער אַלט־פֿרענקישער באַקלײדונג — דאָס איז געװען מיט 100 יאָר צוריק, אין 1843. פֿאַר זײַן קאַמף קעגן די פֿאַנאַטישע ייִדישע מנהגים, איז ער פֿאַר־מסרט געװאָרן דורך די פֿרומאַקעס פֿאַר דער מאַכט און אַ קורצע צײַט איז ער אַפֿילו געװען אַרעסטירט. ער האָט אױך קאָרעספּאָנדירט מיטן בילדונגס־מיניסטער אוּװאַראָװ װעגן רעפֿאָרמירן די ייִדישע לערן־שולן. ער איז געװען אַ לערער אין דער ערשטער ייִדישער מאָדערנער שול, װאָס איז געגרינדעט געװאָרן אין װילנע אין 1841.

אײַזיק מאיר דיק איז לױט זײַן גאַנץ װעזן געװען אַן עכטער װילנער משכּיל. אָבער דאָך האָט ער זיך געגומען אױסטײלן פֿון דער גאַנצער גרופּע און סביבה און איז אַריבער פֿון העברעיִיש צו מאַמע־לשון. מען דאַרף גע־דענקען, אַז בײַ דער אַמאָליקער באַציִאונג צו ייִדיש, איז עס געװען פֿון זײַן זײַט אַ גרױסע העלדישקײט, ממש אַ רעװאָלוציאָנערע טאַט.

דר. ל. קאַנטאָר, אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל, שטעלט זיך אָפּ אױף אָט דעם מאָמענט, װאָס טײלט אױס א. מ. דיקן פֿון דער גרופּע װילנער משכּילים. „נאָר אײנער פֿון זײ, א. מ. דיק", — שרײַבט דר. קאַנטאָר, — „איז געװען אַ יוצא מן הכּלל (אַן אױסנאַם—נ. מ.); ער האָט געפּרוּװט צו גײן זײַן אײגענעם װעג און צו װירקן טאַקע אױפֿן המון. ער האָט קלאָר אײַנגעזען, אַז אָט צו דעם צװעק מוז ער אױסטאָן די יום־טובֿדיקע זשופּיצע מיטן שטרײַ־מעלע און אָנטאָן זיך גאָר װאָכעדיק; ער מוז אױפֿהערן מיטן שײנעם לשון קודש, מיט די פֿײַנע קונציקע מליצות און אָנהײבן רעדן אױף דעם לשון פֿון דער פּראָסטער מאַסע. . . ." און דר. קאַנטאָר זאָגט װײַטער: „דיק איז געװען דער ערשטער, װאָס האָט אַ רײד געטאָן צום עולם אין זײַן שפּראַך װעגן זאַכן, װאָס זײַנען נוגע צום לעבן, צו דער פּרנסה, צו דער דערציִאונג פֿון קינדער און פֿון אַנדערע פֿראַגן, װאָס דאָס פֿאָלק האָט מיט זײ צו טאָן אַלע טאָג, אַלע װײַלע. עס איז, נאַטירלעך, ניט לײַכט געװען אײַזיק מאירן אָװעקצולײגן דאָס יחוס, די לשון־קודשדיקע מליצה, און צו רעדן אױף אַ

לשון, וואָס אַלע בעלי־מלאכות און אַלע ווייבער קאָנען אים פאַרשטיין. אָבער אַ גליקלעכער איינפאַל איז דאָס געוויס געווען פון אים און ער האָט מסתמא ניט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך אין דעם פּרט אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער חברה משכילים און האָט געמאַכט אַן אייגענע שיטה.״

עס דערמאָנען זיך מענדעלעס ענלעכע רייד אין זיין „אויטאָביאָגראַפיע״, וואו ער דערציילט אונדז וועגן דעם מאָמענט, ווען ער האָט באַשלאָסן אַריבער־צוגיין פון העברייאיש אויף יידיש.

מענדעלע מוכר ספרים, ווי באַוואוסט, האָט באַוויזן פון ווערק צו ווערק אַלץ־מער אויסצושלייפן זיין יידיש, ער איז געוואָרן דער גרויסער שפּראַך־מייסטער. א. מ. דיק אָבער איז פאַרבליבן ביי זיין „זשאַרגאָן״, ער האָט נישט נאָר קיין מי זיך נישט געגעבן אויסצופיינערן זיין שפּראַך, נאָר, פאַר־קערט, אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז זיין יידיש געוואָרן אַלץ־מער אָפּ־געלאָזענער, אַלץ־מער פאַרדייטשמערישט און פאַררוסישט. זאָגט טאַקע דער ליטעראַטור־ און שפּראַך־פאָרשער נ. שטיף אין זיין קורצן אַרטיקל וועגן א. מ. דיק אין דער דערמאָנטער ליטעראַרישער כרעסטאָמאַטיע: „אָנגעהויבן האָט דיק צו שרייבן אויף אַ ריינעם פאָלקסטימלעכן ליטווישן יידיש מיט דעם גאַנצן שפּראַכלעכן פאָלקלאָר פון דעם דאָזיקן דיאַלעקט: פאָלקס־אויסדריקן, ווערטלעך, וויצן, — שפּעטער איז אים צו זיין גרונט־טענדענץ, — „באַלערן״ דעם לייענער, — צוגעקומען נאָך איינע — „אויסלייטישן״ די „מאַרק־שפּראַך״, און ער האָט פאַרדאָרבן זיין שפּראַך מיט דייטשמעריזמען (דיקס שפּראַך איז דעריבער פאַרשמט געוואָרן פאַר דייטשמעריש), אויך מיט רוסיציזמען, וואָס ער פאַרטייטשט זיי אָפּטמאָל אויף אַן אייגענעם שטייגער.״ „אָבער״ — זאָגט ווייטער נ. שטיף — „אַפילו אין דער דאָזיקער פאַרדאָרבענער פאָרמע פאַר־מאָגט דיקס שפּראַך אַ סך קערנדיקן מאַטעריאַל פון דעם פאָלקסטימלעכן יידיש יענע צייט: די שפּראַך פונעם פאָלקס־מענטשן, פון דעם „יודע ספר״ א. ד. גל.״

כדי צו געבן דעם לייענער אַ באַגריף וועגן א. מ. דיקס שפּראַך, ברענגען מיר דאָ אַן אויסצוג פון א. מ. דיקס אַ מעשה, וואָס הייסט „דיא שיינע מינקע״. עס איז אויך זייער כאַראַקטעריסטיש דער שער־בלאַט (שאַאַר־בלאַט) פון דעם דיק־ביכל (מיר ברענגען וואָרט אין וואָרט מיט זיין, דיקס, אָרטאָגראַפיע):

„דיא שיינע מינקע — דאָס איז איינע שיינע ערציילונג פון איינע געוויסע מיידכען וואָס האָט געהייסען דיא שיינע מינקע, אַ טאָכטער פון אַ חסיד וואָס האָט זיך פערליבט אין אַ מתנגדישן יונגען מאַן וואָס האָט געהייסען איציק שוואַרץ. דיא געשיכטע איזט גוט געווירצט און קנאַפּ געקירצט, זיא איזט שיין אונד אויך זייער ריין, און שפּיגעלט זיך אַב

אין איר איין העלער מוראלישער זינן, וויא איין זאהנען שטראל אין איינעם געשליפענעם רובין״, — און ס׳איז אנגעגעבן „מאת א. מ. ד.״ [פון א. מ. ד. — דאס מיינט, אייזיק מאיר דיק. — אויפן זעלבן זייטל איז פון אונטן צוגעגעבן א שורה „ראזסקאז א. מ. דיקא״.—נ. מ.]

דאס מעשה־ביכל, מיט דעם נאאיוו־פרימיטיוון שער־בלאט, הויבט זיך אן אזוי (מיר גיבן ווארט אין ווארט—נ. מ.):

„אין איינע גרויסע שטאדט וואס ליגט אין וואלינען און וואס איזט דער ברענפוקט פון דעם חסידיסמוס (חסידות) האט פאר א יאר עטלעכע און צוואנציג צוריק געוואוינט איין געוויסער אקסען הענדלער ר׳ יודעל שלאבאנער, איין חסיד פון הויט און קנאכען, ער וואר זייער רייך און העכסט בראוו ערגעבען זיינעם רעבען מיט לייב און לעבען, ער וואר זיין אראקעל (געטליכע שפרוך), אן זיין הסכם האט ער נישט געקויפט קיין אקסען אויך ניט פערקויפט, זיך קיין הויז געבויט און אויך ניט גע־קינדעלט, און פשיטה שוין קיין שידוך געטאן מיט זיינע קינדער, און האט וויא צו זאגען ניט געהאט קיין מאל אורזאך עס צו בערייען (חרטה צו האבען) דען עס האט אים אין אלץ געלונגען (געגליקט) ביז דיא פערהייראטהונג (אויסגעבונג) זיינע אינגסטע טאכטער מינע איין אויס געצייכענטעס מיידכען וואס וואר זייער שיין און זייער קלוג, דאס מע האט מיט איר דעם גרעסטען שידוך, דען ער וואר בדעה צו געבען איהר נדן איניגע טויזענד רוביל, און איר גערופען דיא שיינע מינקע, נון וואס דער דאהער אלס זיא וואר שוין אלט א יאהר פופצעהן האבען שיין שדכנים אפ געשלאגען אים די שוועלען. . . .״

אט האבן מיר א צווייטן שער־בלאט פון דער זייער פאפולערער מעשה „חייציקל אליין״, וואס א. מ. דיק האט פארעפנטלעכט אין יאר 1864 [פאר אונדז ליגט די ווילנער אויסגאבע פון 1887, איבערגעדרוקט פון דער ערשטער ווארשעווער אויסגאבע פון יאר 1864—נ. מ.]:

„איינע שיינע און וואהרע געשיכטע וואס עס האט זיך געטראפין אין דער שטאט אילון פאר א יאהר פינף און צוואנציג, עס איז דער פון צו לערנין מוסר און דרך ארץ און וויא אזו עלטערען זאלען זייערע קינ־דער ערציהען. מיר האבען דאס מעתיק געווען [איבערגעזעצט—נ. מ.] פון דער רייזע בעשרייבונג פון ר׳ שלמה פורקער פון האנאווער, וואס האט גערייזט אין יענער צייט דורך דיזע לענדער, ער האט זעלבסט דאס געזהן און האט עס ריכטיג בעשריבען. מאת [פון—נ. מ.] א. מ. דיק.״

אגב, די שטאט אילון — ווילנע פיגורירט אפט אין דיקס מעשיות.

צווישן דיקס הונדערטער ביכלעך זיינען פאראן פארשיידנארטיקסטע

געשיכטעס — מעשיות פונעם יידישן לעבנס־שטייגער, באַשרייבונגען פון פאַרשיידענע פעריאָדן אין דער יידישער געשיכטע, איבערזעצונגען, באַאַרבעטונגען, מוסר־ביכלעך, ווי אויך נאַטור־ און רייזע־באַשרייבונגען, ביאָגראַפיעס פון באַרימטע יידישע פערזענלעכקייטן א. אַז. וו., א. אַז. וו.

עס ליגט פאַר אונדז א. מ. דיקס אַ ביכל מיט נאָמען „דאָס איינגעפראָרענע שיף אויף דעם אייזמעער״, אַרויס אין יאָר 1879, ווילנע. דאָס ביכל הויבט זיך אָן מיט אַזאַ מין אַריינפיר (אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט!):

„איינע קליינע הקדמה.

„דיזע קליינע בעשרייבונג פון דעם (ים הקרח) וואָס איז העכסט אינטערעסאַנט און העכסט וואונדערליך האָב איך אַרויסגענומען פון דער גרויסער וועלט־בעשרייבונג אום די וועלט, וואָס האָט איר פאַרפאַסט אַ געוויסער רייזענדער יאַקאָב האַרשט אין ניין גראָבע טיילען אין דער ענגלישער שפּראַך, דען ער וואַר אַ געבוירענער ענגלענדער פון דער שטאָט קוועבעק וואָס איז אין קאַנאַדע, דאָרט אין דער צפונדיגער אַמעריקע, וואָס איז איינע ענגלישע קאָלאָניע און איז שוין איבערזעצט אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען און ווערען געלעזען פון אַלע פעלקער דער ערדע מיט לוסט און פערגעניגען, נור ניט פון אונזערע אידישע טעכטער, ווייל דער גרעסטער טייל פון זיי פערשטייען ניט איין אייראָפּעאישע שפּראַך, מער ניט ווי דעם זשאַרגאָן און נאָך האָט זיך ניט איינער ביז אַהער אונטערגענומען פון אונזערע ברידער עס איבערצוזעצען אין דיזער שפּראַכע ביי זיינעם ווייסען דאָס ניט איינע פון אונזערע מיידכען און דאַמען וועלען עס קויפען, דען זעלבסט איינע קליינע געשיכטע פון פינף זעקס קאָפּייקען ווערט ניט געקויפט נאָר געליען איינע פון דער אַנדערער, און ווען שוין הויך געזאָגט ווערט ענטנומען אויף נוץ־געלט, פון וועלכע וועט שוין ווערין איינצאָלען פינף אָדער זעקס טאָלער פאַר איינציגע לעזער ביכער. פיל בילכער מיט דיזעס געלדע אויסצופוצען דעם קערפּער מיט איינעם מאָדערנעם קליידע, אַלס אויסצירן דעם גייסט מיט איינעם וויסן און דערביי ביי איינעם גייסטיקן פאַרגעניגען צו געניסען. עס איז פיל מער ערטרעגלעכער צו בלייבן גאַנץ אונוויסנד און צום אַלס צו ערשיינען אין שול אָן מאַנכעס בלום...״

א. מ. דיק באַמיט זיך אין זיין הקדמה צום ביכל צו באַווייזן די נויטווענדיקייט פון זיין אַרבעט: „אַזוי איין זאַרגאָן שרייבער, מיינע טייערע לעזערין, קאָן איך זאָגן מיט שטאָלץ, בין איך, גאָט זאָ דאַנק, דאָס איך בין ניט אָנגעוויזן פון אים צו לעבן, נור פון מיינע שרייבעריי, און דאָס איך בין

אײן פֿרײַנד פֿון מײַנער נאַציאָן, און בין גערן איר צו דינען מיט ניצלעכע און מאָראַלישע שריפֿטן."

דאָס נוצלעכע און מאָראַלישע איז פֿאַר אים כּסדר געשטאַנען פֿאַר די אויגן, ווען ער איז צוגעטראָטן צום שרײַבן, און דאָס איז פֿאַרבליבן דער עיקר־צוועק בעת זײַן שרײַבן. ער האָט געהאַט פֿאַר זיך זײַן לײענער, ריכטיקער — זײַן לײענערין, און ער האָט אַלץ געזוכט ווי זיך צוצופּאַסן צו איר געשמאַק און פֿאַרשטאַנד, ווי אויך צו אירע קויף־מעגלעכקײטן.

זײַן ביכל „מוטער און טאָכטער" (1887, 48 ז"ז) ענדיקט א. מ. דיק אַזוי:

„מיר האָבן דיזן וואָס אין דער טאָט געשען פֿיל רונדער געקאָנט באַשרײַבן, ער [דער ראָמאַן—נ. מ.] וואָלט אָבער געוועזן פֿיל דיקער און קאָמפּיליקער, און נאָך האָבן קײן צוטרויען צו אונזערע יידישע טעכטער, דאָס זיי זאָלן וועלן צאָלן מער אַלס צען צוועלף קאָפּיקעס פֿאַר אײן לעזע בוך אום נור דאָס האַרץ אָן דעם קערפּער בילדן."

פֿאַר די אַלע פֿופֿציק יאָר פֿון זײַן נאָכאַנאַנדיקן שרײַבן האָט א. מ. דיק נישט געמאַכט קײן וויטערדיקע פֿאַרשריטן, ער איז אַלץ פֿאַרבליבן בײַ די פּרימיטיווע, נאַאיווע מיטלען און בײַ זײַן געמישטער אַפּגעלאָזענער שפּראַך, הגם אין די 70ער יאָרן פֿונעם פֿאַריקן יאָרהונדערט איז שוין די יידישע ליטעראַטור אַוועק גאָר אויף נײַע קינסטלערישע, טעמאַטישע וועגן, און די יידישע שפּראַך איז אַלץ־מער אויסגעאײדלט און אויסגעפֿײַנערט געוואָרן.

א. מ. דיק איז געוועזן זײער פּאָפּולער אין זײַן צײַט און בעיקר אין ווילנע איז ער געוועזן שטאַרק באַליבט און געשעצט. אײנער משה קלמן לאַנדע, אַ ווילנער משכּיל, אַ געוועזענער שילער פֿון דער ווילנער ראַבינער־שול, שרײַבט (אין „המליץ", אין 1868) אָט וואָס: „און אײדער איך וועל ענדיקן מײַן איצטיקן בריוו קאָן איך זיך נישט אײַנהאַלטן נישט צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן מײַן פֿרײַנט דעם געבילדעטן און יידישן שרײַבער אײַזיק מאיר דיק (אמ"ד). דער דאָזיקער מאָן באַמיט זיך פֿון זײַן יוגנט אָן ביז הײַנט פֿאַר דעם יידישן פּשוטן פֿאָלק אויפֿצוקלערן אים און צוציען זײַן האַרץ מיט אינטערעסאַנטע דערציילונגען. ער שוינט נישט זײַן צײַט און זײַן פֿען און מיט זײַן גרויסער באַשײדנקײט וויל ער זײַן צווישן די דערשלאָגנסטע און געפֿאַלנסטע. ער הויבט אויף אַ קריטישע בײַטש אין אַלע זײַנע דערציילונגען (געשריבן אויף יידיש־דײַטש) און מיט דער רוט פֿון זײַן מויל שמײַסט ער אַלדאָס שלעכטס, נאַרישקײט און פֿאַלשע אײַנרעדעניש. ער לאָזט הערן דעם פֿאָלק זײַן שטראָף מיט קלוגשאַפֿט און פֿאַרשטאַנד אַזוי ווי יענער דאָקטאָר, וואָס פֿאַרשטײט צו

פאַרזיסן דעם רעצעפּט. ער האָט פיינט שרייבער־כבוד, וויל נישט אַרויס־שטעלן זיין נאָמען, דעריבער באַהאַלט ער זיך (זיין נאָמען) אַפילו אין זיינע העברייאישע ווערק." (נ. שטיף — „די עלטערע יידישע ליטעראַטור", ז' 101.)

אָט דער משה קלמן לאַנדע רעכנט אויס דיקס העברייאישע ווערק און ער ברענגט אַ צעטל פון דיקס 55 געדרוקטע ביכלעך, וואָס ער האָט געליפערט ביז 1868 (ז. רייזען, „לעקסיקאָן", ב. 1, ז' 727).

וועגן דיקס עניוות און באַשיידנקייט דערציילן אַלע זיינע פריינט און מיט־ציטלער. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געהערט צום קרייז ווילנער משכילים, געווען איינער פון זיינע הויפּט־זיילן, האָט ער דאָך זיך שטענדיק געהאַלטן אָן דער זייט, זיך נישט גערוקט פון פּאַרנט. צוזאַמען מיט די אַנ־געזעענע ווילנער שרייבער האָט ער געגרינדעט די באַרימטע שול „טהרת הקודש", „אָבער אין זיין גרויס עניוות פלעגט ער טאָן די פונקציעס פון אַ שמש, זיין אָרט געהאַט ניט אויבנאָן, נאָר ערגעץ הינטן לעבן טיר. ער האָט אויסגעמיידט יעדן פּירסום, אַנטלאָפן פון כבוד, זיין גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט זייער קאַרג, צייטנווייז שיער ניט געהונגערט, אָבער זיין באַשיידענע דירה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ זעלטענער זויבערקייט..." (ז. רייזען אין „לעקסי־קאָן"). און נישט געקוקט אויף זיין פאַרגעשריטנקייט, איז א. מ. דיק, ווי פיל משכילים פון זיין צייט, געגאַנגען אָנגעטאָן יידישלעך, לאַנג־געקליידט, הגם ער אַליין האָט אַמאָל פאַרלאַנגט רעפאָרמען אין דער יידישער אַלט־פרענקישער קליידונג.

ש. ל. ציטראָן דערציילט, ווי ער איז אין 1879 געקומען קיין ווילנע, און געגאַנגען מיט אליקום צונזער (1840—1913) באַזוכן א. מ. דיקן: „בשעת מיר זיינען אַריין אין שטוב, האָבן מיר געפונען דיקן זיצנדיק אין אַ סאַמעטענער יאַרמולקע איבער אַ גרויסן „מדרש תנחומא". דיק איז שוין דאַן געווען העכער פון אַ בן־שבעים (זיבעציק יאָר), אינגאַנצן גרא, כאָטש די פולע האָר אויפן קאָפּ. אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ מין נעימותדיקייט, וואָס פאַנגט דאָס האַרץ פונעם ערשטן אויגנבליק." (ש. ל. ציטראָן — „דריי ליטעראַרישע דורות", ווילנע, 1920, ב. 1.)

אַן אינטערעסאַנטע שילדערונג וועגן זיינעם אַ באַזוך ביי א. מ. דיק גיט איבער ראובן בריינין (1862—1939) אין זיין ווערק „פון מיין לעבנס־בוך". אַלס יונגערמאַן איז ער אַמאָל געווען אין ווילנע און צוזאַמען מיטן ווילנער משכיל און שרייבער צבי הירש רייכערסאָן (1857—1892) האָט ער באַזוכט א. מ. דיקן, וואָס איז שוין געווען אין טיפן עלטער. „די באַקאַנטע און פאַר־שפּרייטע פאָטאָגראַפיע פון דיקן — שרייבט ר. בריינין — איז גאָרנישט ענלעך צו זיין ווירקלעכן פּנים, ווי איך האָב אים געזען און ווי ער איז פאַרבליבן

לעבן אין מיין זכרון. זיין ווירקלעכער פנים איז געווען פיל פיינער, די שטריכן — פיל דינער און איידעלער, דער אויסדרוק פון זיין בליק — פיל גייסטיקער, פיל פריינטלעכער און ניט אזוי טרויעריק ווי עס ווייזט זיין פאטאגראפיע... דיק האט געהאלטן זיין זילבער־ווייסע בארד און זיין קאפ־האר אין פולער ארדענונג ; צוגעשארן, זייער זויבער געוואשן און גוט צוגעקעמט... אין דער געזעלשאפט פון די ווילנער אלטע תלמידי־חכמים, שרייבער און געלערנטע, האב איך נאר געהערט זיפצן און קרעכצעניש, אבער קיינמאל ניט געזען אויף א געזיכט א גוטמוטיקן, נישט קיין פארביסענעם שמייכל, ווי איך האב דאס געזען אויף די ליפן פונעם אלטן דיק.״

„די שפראך — דערציילט ווייטער ר. בריינין, — אין וועלכער דיק האט צו מיר גערעדט, באזונדערס צו מיר, איז געווען דייטש, בוך־דייטש געמישט מיט פיל העברייאישע אויסדרוקן און מיט כאראקטעריסטישע סקארבאווע יידישע ווערטלעך. נאר ווען ער האט זיך פאנאנדערגעפלאמט און זיך פאר־געסן, אדער ווען ער האט געשילדערט, מיט א דינעם קינסטלערישן חוש, סצענעס פון דער יידישער גאס, האט ער געברויכט א זייער רייכן און זאפטיקן פאלקס־יידיש. ער איז געווען א לעבעדיקע ענציקלאפעדיע פון דער יידישער שפראך. אין די שפעטערדיקע יארן, ווען איך האב געהאט געלייענט אייניקע פון דיקס הויפט־ווערק, האב איך זיך געמוזט איבערצייגן, אז ער האט אין זיינע אייגענע שריפטן האלב ניט אויסגענוצט זיין אייגענע ענציקלאפעדיע, אז אן יעדער נויטווענדיקייט האט ער אריינגעבראקט דייטשע ווערטער און גאנצע אויסדרוקן אין דער רייך־יידישער שפראך.״ ר. בריינין גיט איבער, אז דיק האט זיך ווי פארענטפערט פארוואס ער שרייבט „זשארגאן״ און נישט העב־רייאיש. „ער האט געטענהט, אז מען מוז בילדן דעם המון־עם, וואס ווערט פארווילדט, ווייל ער האט ניט וואס צו לייענען אין דער איינציקער שפראך, ד. ה. אין „זשארגאן״, וואס ער פארשטייט.״

און אט ווי בריינין דערציילט, ווי דיק האט געשריבן : „ער לייגט אוועק אויפן טיש א ווייסן בויגן פאפיר, נעמט א גענזענע פעדער, טונקט זי איין אין א גרויסן טינטער און שרייבט כסדר, נישט צו מעקן און צו פארבעסערן.״

און בריינין חזרט איבער דאס, וואס פיל האבן געזאגט וועגן דיקן : „דער דרשן, דער מוסר־זאגער און דער פאלקס־לערער האבן דערשטיקט אין דיקן דעם דיכטער, דעם קינסטלער און דעם כאראקטער־שילדערער.״

אין יענע צייטן, ווען א. מ. דיק האט געלעבט און געשריבן, איז נאך אין רוסלאנד קיין יידישע פריאדישע פרעסע נישט געווען, — די ערשטע יידישע טעגלעכע צייטונג האט אנגעהויבן צו דערשיינען אין רוסלאנד, אין פעטערבורג, ערשט אין 1903. עס איז דאן ארויסגעגאנגען אין פעטערבורג מיט איבער־

רייסן אַ מאָגערע וואָכנשריפט, און דאָס גאָר. א. מ. דיק איז געקומען צום לייענער אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער — כמעט יעדע וואָך פלעגן דער־שיינען זיינע מעשה־ביכלעך אויף ביליקן פּאַפּיר און זייער פּראָסט אַרויס־געגעבן. אָט די ביכלעך זיינען דורך די פּאַקנטרעגער פאַרשפּרייט געוואָרן אין די טויזנטער קאָפּיעס. עס איז שווער אויך צו דערגיין פון ווען־אָן עס האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אָט די ביכלעך. „עס איז אָבער באַוואוסט פון זיין הקדמה צו זיין העברייאישן סיפור „מחזה מול מחזה“ (וואַרשע, 1861, אין יידיש באַאַרבעט אונטערן טיטל „דער פורים־שפּיגל“), אַז שוין ביז צו יענער צייט זיינען צעכאַפּט געוואָרן אַ 100 טויזנט עקזעמפּלאַרן פון זיינע יידישע מעשה־ביכלעך, און מ'פלעגט זיי ניט אויפהערן צו פאָדערן.“ (ז. רייזען — „לעקסיקאָן“, ז' 717.) ס'איז געווען נישט פון די לייכטע זאַכן צו קריגן אַ יידישע דרוקעריי, וואָס זאָל וועלן דרוקן יידיש־וועלטלעכע ווערק. און די באַוואוסטע פאַרלאַג־ און דרוקעריי־פירמע ראָם, צוזעענדיק דעם גרויסן דער־פאָלג פון דיקס מעשיות, האָט געשלאָסן מיט אים אַן אָפּמאַך (אין 1865), אַז אַלץ וואָס דיק וועט שרייבן אין יידיש זאָל געהערן צו דער פירמע, וואָס האָט אים דערפאַר געצאָלט אַ וועכנטלעכן געהאַלט. דאָס איז געווען דער ערשטער און איינצעלנער פאַקט אין דער יידישער ליטעראַטור פון יענער צייט.

דיקס מעשה־ביכלעך זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן איבער די פאַרוואָרלאָזטע און פאַרחושכטע יידישע שטעט און שטעטלעך, זיי זיינען געווען אַנציענדיקער לייען־שטאָף פאַר די יידישע פאָלקס־לייענער און לייענערינס.

דר. ל. קאַנטאָר שטעלט זיך אָפּ אויף דעם איינפלוס, וואָס א. מ. דיק האָט געהאַט אין זיין צייט. א. מ. דיק האָט איינגעזען פאַרשיידענע גרונט־פעלער אינעם יידישן לעבן און ער האָט דורך זיינע מעשה־ביכלעך באַמיט זיך זיי אויסצובעסערן. פריער פון אַלץ — די פריע חתונות, וואָס האָבן געבראַכט גרויסע אומגליקן אינעם יידישן אָפּגעשטאַנענעם לעבן: „אָט צו דעם הויפּט־אומגליק אין יידישן לעבן פון יענער צייט האָט זיך גענומען דיק, האָט עס באַשריבן אין זייער פיל דערציילונגען אום צו באַווייזן דעם זשאַרגאָן־לעזנדיקן עולם, צו וואָס עס פירן די פריע חתונות פון מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין פאַך, קיין פּראָפעסיע, קיין מעגלעכקייט אַ פאַמיליע ברויט צו געבן, וואָס קאָנען, ווייל זיי זיינען אַזוי יונג און שוואַך, נאָר אַרויסברענגען גאַנצע דורות פון שוואַכע, קראַנקע, אומגליקלעכע מענטשן, וואָס גייען אום אויף דער וועלט ווי אַ שאָטן און שטאַרבן פאַר דער צייט. זיין דערציילונג „חייציקל אַליין“ איז אין דעם עניין ממש אַ קלאַסיש ווערק. דער עולם האָט שטאַרק געלאַכט לייענענדיק; אַפילו די יונגע לייט און די עלטערע באַלעבאַטים, וואָס האָבן שטאָלצירט מיט זייער לומדות און מיט זייער ביסל לשון־קודש (אויף

שונאי־ציון געזאָגט געוואָרן, וואָס זיי האָבן דערפון פאַרשטאַנען!), האָבן אויך געגלייבט „חייציקל אַליין“ און האָבן הנאה געהאַט, נאַטירלעך, ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז מען מיינט דאָס אַנדערע חייציקלעך. יעדער שוטה, יעדער נאַריש בחורל האָט געהייסן ביים עולם „חייציקל“...“ און דר. קאַנטאָר פירט אויס: „אַזאַ ווירקונג אין לעבן און אויף דעם פּראָסטן עולם, האָט נאָך קיין יידישער מחבר ביז אַהער ניט דערגרייכט!...“

אויך אַנדערע שרייבער פון יענער צייט גיבן איבער אויף ווי ווייט דיקס מעשיות פלעגן געשמאַק געלייענט ווערן. עס דערציילט ש. ל. ציטראָן (1860—1930), אַז שוין אַלס יונג ייִנגל פון אַ 7־8 יאָר פלעגט ער פאַרלייענען פאַר שכנות א. מ. דיקס וויציקע מעשהלעך. ער האָט אייגנטלעך פאַרגעזעצט די אַרבעט פון זיין וואוילקענעוודיקער מוטער, וועלכע פלעגט פאַרלייענען דיקס אויסטערלישע געשיכטעס. און יעדן פרייטיק, צוריקגייענדיק פון חדר אַהיים, פלעג ער זיך אַריינכאַפּן צום פאַקנטרעגער און נעמען ביי אים פאַר אַ קאָפּיקע נוץ־געלט דיקס אַ מעשהלע. א. י. פּאַפּערנאַ (1840—1918) — דער באַוואוסטער העברייאישער שרייבער — גיט איבער אין זיינע זכרונות: „קיין קאָפּוליע האָט אַ פאַקנטרעגער געבראַכט דיקס „חייציקל אַליין“ און „שמעיה דער גוט־יום־טוב־ביטער“. פון דאַן אָן פלעגט מען דיקס מעשיות צעכאַפּן ווי מצה־וואַסער. די נעמען פון זיינע העלדן זיינען געוואָרן אַ שם־דבר און איינציקע אויסדרוקן זייערע זיינען געוואָרן פאָלקס־ווערטלעך.“ (פון רוסיש־יידישן זאַמלבוך „פּערעזשיטאָיע“ — זע ש. ניגער: „דאָס נייע לעבן“, ניו־יאָרק, 1923, נומ׳ 5.) און ש. י. פין (1819—1890) — דער באַוואוסטער העברייאישער שרייבער פון ווילנע, האָט איבערגעגעבן א. י. פּאַפּערנאָן — אַז „דער פּאָפּולערער שרייבער ביי אונדז איז דיק. אַ ווילנער באַלעבאָסטע, אַז זי גייט אַרויס פרייטיק אויפן מאַרק מיטן קערבל איינקויפן אויף שבת — גרינס, געבעקס א. אַז. וו., פאַרגעסט זי נישט צו קויפן אויך עפּעס דיקס פאַר עטלעכע קאָפּיקעס, און דאָס געהערט צו די בעסטע שבתדיקע מאכלים.“ (דאָרט.)

ס׳איז אינטערעסאַנט נאָך איין פּרט וועגן א. מ. דיק. אין זיין צייט האָט זיך שוין אָנגעהויבן די „חיבת־ציון“־באַוועגונג, ס׳איז פאַרגעקומען די קאַטאָוויצער קאָנפערענץ פון די חובבי־ציון, ס׳איז דערשינען דר. ל. פּינסקערס „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע“ (אין 1882), וואָס ש. ל. ציטראָן האָט איבערגעזעצט אויף העברייאיש און ש. י. אַבראַמאָוויטש — מענדעלע מוכר ספרים — האָט עס באַאַרבעט אין יידיש. אָבער א. מ. דיק איז נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען. ער איז געווען גאָר אַ שטאַרקער און עקשנותדיקער אָנהענגער פון דער יידישער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. ש. ל.

ציטראָן גיט איבער דיקס שאַרפע ווערטער בעת זיין באַזוך ביי א. מ. דיקן אין ווילנע. דיק האָט געטענהט צו ציטראָנען: „צוויי חורבונות האָבן מיר שוין געהאַט, איז איך, הייסט עס, צו־ווייניק, און איךווילט זיך האָבן דווקא נאָך אַ דריטן חורבן, און דעריבער ציט איך קיין ארץ־ישראל. איר וועט דאָך מסתמא אַליין ניט גיין; געוויס וועט איר דאָך וועלן מיטנעמען אין דעם געבענטשן לאַנד אונדזערע קהלה קדישא . . . מיט דער גאַנצער כאַפּטע כלי־קודש און מיט אַלע ראשי־גלותעס מיט די מלחכי־פּנכאס (טעלער־לעקערס— נ. מ.) . . . און דאָרט זיי געבן די פּרייע האַנט; טוט זיך איך, ידעלעך, ווי איך געפעלט . . . און איר וועט זען, אַז ס׳וועט לאַנג נישט געדויערן און זיי וועלן אייך אין אייער ארץ־ישראל אָנמאַכן אַזאַ מין חורבן . . . אויב שוין יאָ גיין, הגם איך האַלט, אַז דאָ קאָן נאָך אויך ווערן בעסער, איז שוין בעסער, נאָך מיין מיינונג, פּיל גלייכער קיין אַמעריקע. אַמעריקע פאַרמאָגט עפּעס אַזאַ גרויסע זון, וועלכע צעבאַקט און צעשרפהט (צעברענט—נ. מ.) אויף אַן אָרט אַלע מינים יתושימלעך. . . .״ (ש. ל. ציטראָן — „דריי ליטעראַרישע דורות״.)

אויך דר. ל. קאַנטאָר באַטאָנט א. מ. דיקס דעמאָלסטיקן פּאָזיטיוון קוק אויף אַמעריקע: „אַ מערקווירדיקע זאַך איז פון דיקן, דאָס ער האָט שוין דעמסטמאָל, מיט 40 יאָר צוריק (דער אַרטיקל פון דר. ל. קאַנטאָר איז געשריבן אין 1905—נ. מ.), שטאַרק אָנגערעדט דעם עולם צו עמיגראַציע קיין אַמעריקע. באַזונדערס יונגע לייט, נישט קיין באָוויבטע, פלעגט ער ממש טרייבן קיין אַמעריקע. און זייער פּיל לייט האָבן אים טאַקע געפאָלגט און זיינען געפאָרן אויף יענער זייט ים. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין יענער צייט איז אַ רייזע קיין ניו־יאָרק אָדער באַלטימאָר געווען ניט דאָס וואָס היינט. פאָרן פון ווילנע קיין אָדעס האָט דענסטמאָל געהייסן זיך „אַראָפּלאָזן קיין אָדעס״; ווער עס איז געפאָרן קיין פראַנקרייך, פון דעם האָט מען געזאָגט, אַז ער איז אַוועק אין די ווייטע לענדער, און אַ נסיעה קיין סאַן־פראַנציסקאָ איז געווען ווי היינט אַן עקספּעדיציע צום נאָרד־פּאָל. אָבער דיק זעלבסט איז געווען אַזוי קלאָר און פעסט איבערצייגט, אַז נאָר אין אַמעריקע, אין דעם לאַנד פון פרייהייט און פון אַרבעט, קאָנען ליטווישע יונגע לייט ווערן טיכטיקע און נוצלעכע מענטשן צו נוצן פאַר זיך אַליין און פאַר אַנדערע. דאָס פלעגט ער אַנדערע אויך איבערצייגן, און די, וואָס זיינען דענסטמאָל געפאָרן, האָבן טאַקע קיין חרטה ניט געהאַט. די ערשטע צייט האָבן זיי, נאַטירלעך, געליטן, דען זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען די שפּראַך און האָבן אויך ניט געהאַט קיין באַקאַנטע; אָבער שפּעטער האָבן זיי זיך געוויינלעך דורכגעאַרבעט און פלעגן שרייבן דיקן דאַנק־בריוו פאַר זיינע גוטע עצות.״ און דר. ל. קאַנטאָר גיט צו: „עס פאַרשטייט זיך, אַז שרייבן וועגן עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָט דיק דענסטמאָל

ניט געקאַנט; דען אין יענער צייט האָט נאָך געהאַט זיין קראַפט דער אַרטיקל פון געזעץ, לויט וועלכן פאַר אָנרעדן צו פאַרלאָזן דאָס פאָטערלאַנד האָט גע־קומט אַ גרויסע שטראָף. אָבער וואָס ער האָט געקאָנט טאָן דורך ווערטער און אויך דורך בריוו, האָט ער געטאָן, אַזוי אַז דיק דאַרף צוגערעכנט ווערן צו די מענטשן, וואָס האָבן דערוועקט און פאַרברייטערט דעם געדאַנק פון עמיגראַציע קיין אַמעריקע."

אַזאַ צוגאַנג צו אַמעריקע אין דעם סאַמע ברען פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג צווישן די משכילים — איז וויכטיק איצט באַזונדערס צו באַטאָנען.

* * *

ווי געזאָגט, זיינען די מיינונגען וועגן א. מ. דיק געווען און פאַרבליבן זייער פאַרשיידן. עס שרייבט זלמן רייזען („לעקסיקאָן", ב. 1, ז' 725), אַז „דיקס מעשה־ביכלעך זיינען געווען אומגעהויער פּאָפּולער ניט נאָר ביים פאָלקס־לעזער, נאָר אויך ביי לומדים און משכילים, און אַפילו דר. יעללינעק, דער באַרימטער ווינער פּרידיקער, איז געווען אַ פלייסיקער לעזער פון זיי. האַלטנ־דיק, אַז „ווער עס וויל קענען דאָס לעבן פון דער יידישער מאַסע און אירע אייגנאַרטיקייטן, מוז זיך באַקענען מיט דיקס דערציילונגען". שלום־עליכם האָט מיט זיין געזונטן חוש אויפגענומען די מעלות פון דיקן, „דעם רייכסטן בעלעטריסט", און ער האָט באַטאָנט: „די נאָוועלן פון ה' דיק, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן (ווי מען זאָגט) מער אַלס 200 שטיק, טראָגן אויף זיך עפּעס אַ מין צויבערלעכקייט, אַ מין רייץ, אַז זיי לעזן זיך מיט פאַרגעניגן און זייער לייכט אַפילו ביים וואָלינער לעזער, דאָס הייסט, ביי דעם גיט־ליטווישן לעזער. זיינע מעשהלעך זיינען זייער זיטלעך, האָבן שטענדיק אַ געוויסן צוועק, אַ מוסר, זיינען באַלעבט, פריי באַאַרבעט, אינטערעסאַנט צום לעזן, האָבן טיפן פון לעבעדיקע מענטשן, פון יידן."

פון דער אַנדערער זייט האָבן אייניקע קריטיקער שטאַרק אונטערגעשאַצט דיקס שרייבן. אַט זאָגט י. ח. ראַווניצקי (1859—1944): „אויסער מיני בבא־מעשיות זיינען אַרומגעגאַנגען צווישן עולם א. מ. דיקס קליינע ביכלעך, וואָס האָבן אייגנטלעך גאָר ווייניק שייכות געהאַט מיט ליטעראַטור און האָבן מערסטנטיילס נאָר דידאַקטישע [באַלערנדיקע—נ. מ.] צוועקן געהאַט." בעל־מחשבות זאָגט: „בלעטערט דורך אַ מעשה פון א. מ. דיק, וואָס איז געגאַנגען נישט פשוט צום פאָלק, נאָר ווי אַ מדריך, אַ מוכיח [אַ דערציער, אַ שטראָפער—נ. מ.], און פאַרגלייכט זיין שפּראַך מיט דער שפּראַך פון אַבראַמאָוויטשן און איר וועט זען דעם געוואַלדיקן חילוק!" און געדעכט איז ש. ל. ציטראָן, וואָס זאָגט, אַז „גיכער פון אַלץ לאָזן זיך דיקס דערציילונגען באַצייכענען אַלס אַ

מין פובליציסטיק אין בילדער. דער פובליציסטישער עלעמענט וועגט אין זיי אַריבער דעם מאָלעריש־קינסטלערישן. זיין פובליציסטיק איז אָבער נישט קיין טרוקענע. פון דער נאַטור איז דיק מער רעדנער ווי פובליציסט... אין זיינע דערציילונגען ווייזט זיך דיק אַרויס אַלס זייער אינטערעסאַנטער און אַנ־גענעמער פּלוידערער (דאָס וואָס די פראַנצויזן רופן אַן „קויזערי"—פּלוידעריי). ער פאַרשטייט צו פּלוידערן וועגן די פאַרשיידענע ענינים אינהאַלטספּול, באַ־לערנדיק און מיט געשמאַק... ביי דיקן זיינען דאָ דערציילונגען, וואָס זיינען אינגאַנצן געבויט אויף אַנעקדאָטן און אויף פאָלקסטימלעכע וויצן... ביי דיקן זיינען דאָ דערציילונגען, וואָס זייער גאַנצער צוועק איז רעכט צו מאַכן שווערע שטעלן אין מדרש און אין תלמוד... אין דיקס דערציילונגען געפינען מיר אַריינגעפלאָכטן שיינע באַטראַכטונגען וועגן ענינים פון נאַטור־וויסנשאַפט, געאָגראַפיע און געשיכטע, און וועגן אַלץ רעדט ער זיך גאַנץ רואיק, געלאַסן און מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גוטן אַלטן פריינט." (ש. ל. ציטראָן — „דריי ליטעראַרישע דורות", ז"ז 3—27.) נ. שטיף שרייבט: „אַן אויסגעצייכנטער קענער פונעם יידישן פאָלקס־לעבן, האָט דיק דאָס פאַרקערפּערט אין זיינע ווערק, און דיקס ליטעראַרישע ירושה איז אַ וועגווייזער צום ליטווישן יידישן לעבן פון זיין צייט: פּרנסות, „לערנען", בילדונג, דערציאונג, פאַמיליע־לעבן, זיטן, שטייגער, קליידונג, פאַרוויילונג א. אַז. וו." און ש. ניגער גייט נאָך ווייטער: „דיק איז דער פאַקטישער גרינדער פון דער נייער יידישער ליטע־ראַטור. אויך האָט ער דעם גרויסן פאַרדינסט, וואָס נאָך אַ צייט פאַר דינעזאָנען, ספּעקטאָרן, שלום־עליכמען (אויך פאַר שמ"רן) האָט ער געשאַפן אַ מאַסן־לייענער פאַר די ניי־יידישע, וועלטלעכע, יידישע מעשה־ביכלעך."

יאַ, אייזיק מאיר דיק האָט געשריבן געשיכטעס, נישט בלויז צוליב דער געשיכטע אַליין, נאָר דורך זיי האָט ער געוואָלט לערנען, באַווייזן באַשיינפּער־לעך די שלעכטע זיטן, די שלעכטע געוואוינהייטן ביי יידן, וואָס מען מוז אויסראָטן. און דעריבער איז פאַר יעדער געשיכטע דאָ ביי אים אַ לאַנגע פאָר־רעדע, וואו ער שמועסט זיך דורך מיטן לעזער וועגן דעם, וואָס ער איז אויסן מיט זיין מעשה. אָפט בראָקט ער אַריין אין מיטן דער געשיכטע אַ פאַרציע מוסר־רייד, יעדע געשיכטע ווערט אויך פאַרענדיקט ביי אים מיט אַ נאָכ־וואָרט, וואָס דערווייזט וואָס דער לעזער האָט אָפּצולערנען פון דער פּאַסירונג.

א. מ. דיק האָט גוט געקענט דאָס יידישע לעבן, די יידישע פּירעכצן און אין לויף פון זיין דערציילן די געשיכטע וואַרפט ער אָן, אפשר נישט־ווילנדיק און נישט־באַוואוסטזיניק, אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דעם יידישן לעבנס־שטייגער. עס איז קיין ספק נישט, אַז מען קאָן פיל אַרויסדרינגען און אַרויס־באַקומען שטאָף צו דער געשיכטע און צו דעם אויסזען פון דעם יידישן לעבן

אין אַמאַליקן רוסלאַנד. דיק האָט געטייטלט אויף דער שלעכטער דערציאונג, אויף דער אָפּגעלעבטקייט פונעם יידישן פאַמיליע־לעבן, אויף דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם, אויף דער גראָביונגישקייט פון די אויפגעקומענע גבירים, אויף די פאַרשיידענע פוסט־און־פּאַסניקעס אין יידישן לעבן. אָבער ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז שולדיק אין דעם אַלעמען זיינען די שווערע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַדינגונגען, וואָס די יידן לעבן אין זיי אין די רעכטלאָזע און פאַראָרעמטע שטעט און שטעטלעך אין צאַרישן רוסלאַנד.

דעריבער האָבן דיקס מעשיות, ווי אָפּגעשטאַנען זיי זאָלן נישט זיין פאַר אונדזערע איצטיקע באַגריפן פון קונסט און ליטעראַטור, און ווי אָפטמאָל די שפּראַך זיינע זאָל נישט זיין פאַרמישט מיט דייטש, רוסיש אָדער העברייאיש, — נישט געקוקט אויף די פאַרשיידענע פּשטלעך און אויסטייטשונגען פון פּסוקים, וואָס ער בראָקט אַריין אין מיטן פון דער דערציילונג, — נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען האָבן זיינע דערציילונגען פיל וויכטיקן געשיכטלעכן, סאָציאַלן, שטייגערישן און עטנאָגראַפישן שטאָף. מען דאַרף ביים לייענען קאָנען אויסטיילן דאָס ווילדגראָז און אַרויסשיילן דאָס אינטערעסאַנטע, קערנדיקע, וואָס זיינע מעשיות פאַרמאָגן.

דר. ל. קאַנטאָר זאָגט: „דיק איז געווען בכלל אַ גרויסער מאָראַליסט; דער צוועק פון זיין לעבן איז — אויסצובעסערן די זיטן פון זיין פאָלק און דורכדעם זיין לאַגע בעסער צו מאַכן — דאָס האָט ער מיר מערערע מאָל געזאָגט... כדי צו בעסערן די זיטן פון פאָלק, פלעגט ער אויך זאָגן, טויג ניט אים מוסר צו זאָגן. מען דאַרף אים ווייזן אַ שפּיגל פון זיין לעבן, וועט דאָס פאָלק אַליין דעריבער לאַכן און וועט זיך טאַקע נעמען צום שכל. און דאָס האָט דיק געטאָן כמעט זיין גאַנץ לעבן, און עס איז דענסטמאָל כמעט קיין אַנדערער ניט געווען וועמ עס וואָלט דאָס אַזוי געטאָן ווי א. מ. דיק...״ און גערעכט איז דר. ל. קאַנטאָר ווען ער זאָגט, אַז „פאַר דעם היסטאָריקער פון שפּעטערדיקע דורות וועלן דיקס ווערק זיין אַן אוצר, וואָס מען וועט פון זיי קאָנען שעפּן און שעפּן, דען מען וועט געפינען אין זיי אַן אמתע ענציקלאָפּעדיע פון יידישן לעבן און פון דער יידישער לאַגע אין רוסלאַנד אין די ערשטע זעכציק יאָר פון 19טן יאָרהונדערט.״

1943

ש. י. אבראַמאָוויטש

עס איז געווען מיט 25 יאָר צוריק, — דעם 8טן דעצעמבער, 1917, — ווען גאַנץ רוסלאַנד איז געווען אויפגעשטורעמט, די געמיטער — אויפגעטרייסלט פון די קאָלאָסאַלע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם גרויסן, נישט־אַרומנעמענדיקן לאַנד. עס איז געווען אין יענע מערקווירדיקע טעג, ווען לאַנג־יאָריקע קייטן זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן, ווען הונדערט־יאָריקע תפיסות זיינען פאַנאַנדערגעפּראַלט געוואָרן, און פעלקער זיינען מיטאַמאָל אויפגעוואַכט געוואָרן צו אַ ניי, נישט־געדאַכט לעבן, ווען געוואַלדיקע טרוימען זיינען געוואָרן וואָר, ווירקלעכקייט.

אָט אין יענער יום־טובדיקער, מיט פרייד און געזאַנג אָנגעזאַפּטער צייט, איז אָנגעקומען קיין קיעוו די טרויעריקע ידיעה, אַז ש. י. אבראַמאָוויטש איז געשטאָרבן.

שוין אַ מעשה פון צענדליקער יאָר, ווי שלום יעקב אבראַמאָוויטש איז געוואָרן אַ זיידע, דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור. שלום־עליכם האָט אים אַזוי אָנגערופן נאָך אין 1888. דאָס „אייניקל" — שלום־עליכם — איז שוין געהאַט אַוועק פון דער וועלט, אויך דער „פאָטער" פון דער יידישער ליטעראַטור — פּרץ — איז שוין געווען אויפן עולם־האמת. אָבער דער זיידע האָט נאָך געשפּאַנט מיט זיין שטאָלץ־ווייסן קאָפּ אין זיין אַדעס און איז געווען אַרומגערינגלט מיט תלמידים, פאַרערער, חסידים, וואָס האָבן ווי דורשטיקע געשלונגען די פערלדיקע רייד, די קלוגע ביישפּילן, די טרעפלעכע משלים פון דעם גרייז־גרויען אַלטן, וואָס ווערט גאָרנים אַלט.

אַזאַ מין געפיל האָט ש. י. אבראַמאָוויטש אַליין אָפטמאָל געהאַט וועגן זיך. ער האָט דאָך געגלויבט, אַז ער לעבט און וועט נאָך אַזוי לאַנג לעבן. ער האָט אַמאָל געזאָגט צו ש. אַנ־סקין: „פאַר הונדערט יאָר בין איך איך ערב (אַרעוו), און ווייטער ווועלן מיר זען..."

סוף אויגוסט 1917 האָבן מיר געהאַט אין קיעוו אַ טייערן, האַרציקן עכט־מענדעלישן גרוס פון דעם זיידן. עס איז אָנגעקומען אַ רירנדיקע באַגריסונג פון דעם „זיידן" צו דעם צוזאַמענפאָר פון די יידישע אַרטיסטן אין קיעוו, — דער צוזאַמענפאָר, וואָס איז געווען אַ וואונדערלעכע פייערונג, מיט קלעזמער,

מיט טאַצן און פויקן. און דווקא אין די אַמאָליק־קאַלטע און גרויע ווענט פון דעם אוניווערסיטעט פונעם „הייליקן וולאַדימיר", וואָס די פאָלקס־רעוואָ־לוציע האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפנט זיינע הויכע, שווערע טירן פאַר די יידישע „בלאָנדזשענדע שטערן". אין אָט דער אייגנאַרטיקער באַגריסונג האָט זיך געפילט, אַז אויך מענדעלען האָט די רעוואָלוציאָנערע סטיכיע אויפגעמונטערט, אויפגעלעבט, פאַריונגערט.

און פלוצים — דער „זיידע" איז שוין נישטאָ!

די טרויעריקע ידיעה האָט אַרויסגערופן אַ טיפן און שטאַרקן טרויער ביים גאַנצן יידישן פאָלק, ביי אַלע שיכטן, צו וועלכע מענדעלע האָט געהערט. ס'האָט שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס דער „זיידע", וועלכער האָט זיך אָנגעזען אינעם צאַרישן רוסלאַנד אַזוי פיל צרות און עוולות, האָט נישט באַוויזן צו דערלעבן מער נחת און פרייד אינעם באַפרייטן רוסלאַנד.

מענדעלע מוכר ספרים איז געווען דער גרויסער נאַציאָנאַלער שרייבער, וואָס האָט מיט זיין שאַפן אַרויסגעהויבן די יידישע ליטעראַטור צו דער הויך, צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. ביז אים זיינען געווען פאַר־שיידענע יידישע שרייבער, אָבער זיי זיינען געווען ווי איינצעלנע, אָפּ־געזונדערטע מענטשן, וואָס האָבן געשריבן „זשאַרגאָן". מיט מענדעלען איז אויפגעוואַקסן, אויף די פריערדיקע פונדאַמענטן, דער וויכטיקער יידישער ליטעראַטור־בנין, דער ליטעראַטור־פּאַלאַץ, וואו עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויפ־זאַמלען די גרויסע פאָלקס־אוצרות, און טאַקע אין דער ערשטער ריי — די ווערק־אוצרות פון מענדעלען אַליין.

רייך און פאַרשיידנאַרטיק איז געווען דאָס לעבן פון ש. י. אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט זיך געצויגן פון 1836 (און אפשר מיט אַ צוויי־דריי יאָר פריער, פון 1833־1834) ביז 1917. רייך און פאַסירונגען אינעם אייגענעם, פריוואַטן לעבן, — הגם קיין ספּעציעלע „אויסטערלישע" פאַסירונגען האָט עס נישט פאַרמאַגט, — און רייך מיט פּראָצעסן פון דער אַלגעמיינער און יידישער וועלט אינעם אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד מיט זיין אָפּגעשטאַנענעם יידישן לעבן. און כאָטש אויסערלעך האָט, דוכט זיך, מענדעלע נישט גענומען קיין דירעקטן אָנטייל אין די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען פון זיין צייט, אָבער ער האָט, ווי „פון דער זייט", שטאַרק און טיף מיטגעמאַכט די אַלע איבער־וואַנדלונגען און זיי אויף זיין ספּעציעלן, ספּעציפישן שטייגער און מאַניר אַרויסגעבראַכט אין זיינע פאַרשיידענע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן פאַר די איבער פופציק יאָר פון זיין באַוואוסטזיניקן און צילאַנגעווענדטן שאַפן.

עס איז באַקאַנט דאָס וואָרט, וואָס ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט אַמאָל אין אַ שמועס געזאָגט צום באַוואוסטן יידישן היסטאָריקער ש. דובנאָוו: „איך בין

אויך אַ היסטאָריקער, — ווען איר וועט קומען צו דער געשיכטע פון די יידן אין דעם 19טן יאָרהונדערט, וועט איר מוזן אָנקומען צו מיינע ווערק, כדי צו שילדערן דעם לעבנס־שטייגער פון די דעמאָלטיקע יידן.״

מענדעלעס לעבנס־וועג און שאַפונגס־וועג האָט זיך געצויגן איבער דורות און תקופות. מענדעלע מוכר ספרים איז געבוירן געוואָרן אַנהויב די 40ער יאָרן פון דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט, און ער האָט אַריינגעלעבט ביז סוף 1917. עס זיינען מער ווי אַכציק יאָר, וואָס זיינען געווען רייך מיט פאַרשיידנסטע אַלגעמיינע, רוסלענדישע און יידישע ענדערונגען און איבער־וואַנדלונגען. זיין ליטעראַריש שאַפן האָט זיך אָנגעהויבן פון די 60ער יאָרן, אין דער צייט פון דער פריסטער השכלה־עפּאָכע (זיין ערשטער אַרטיקל איבער דערציאונג איז דערשינען אין דעם העברייאישן „המליץ״ אין יאָר 1857) און זיך אַריינגעשניטן אין דער גרויסער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1917 — גאַנצע זעכציק יאָר. אַ דריי צענדליק יאָר איז מענדעלע געשטאַנען כמעט איינער אַליין אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז נאָך כמעט נישט געווען קיין אמתע יידישע ליטעראַטור. עס זיינען געווען איינצעלנע שרייבער דאָ און דאָרטן, וואָס האָבן געשריבן ווערק, אָבער עס איז נאָך צווישן זיי קיין פאַרבינדונג נישט געווען. עס איז נאָך קיין יידישע פּרעסע נישט געווען און אויך נישט קיין לייטישע זאַמלביכער. יעדער איינער פון די פריערדיקע שרייבער, די פירגייער מענדעלעס, זיינען געווען ווי אַ וואונדער, נישט געווען נאָך קיין יידישע ליטעראַטור־סביבה, עס איז געווען אַ מין „תוהו־ובוהו״, אַ ווילד־וואַלד, אָן וועגן און שטעגן. איז געקומען מענדעלע מוכר ספרים און אַדורכגעהאַקט אַ וועג אין דעם וואַלד, אַריינגעבראַכט לופט און ליכט און אויסגעפּלאַסטערט אַ שליאַך פאַר די וויטערדיקע, פאַר די קומענדיקע.

אַזוי איז עס געווען אין זיין אָנהויב, וואָס איז געווען דער „בראשית״ — דער אָנפאַנג — פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער אַליין איז געווען דער אָנהויבער, איינער פון די ערשטע — איז ער גלייך פון זיינע ערשטע ווערק געוואָרן דער „נוסח״, דער סטיל, דער מייסטער, ביי וועמען די שפּעטערדיקע יידישע קינסטלער האָבן זיך געלערנט.

ווען מיר ווילן וואַרפן אַ צוריקבליק אויף דעם רעכטלאָזן, פאַראומערטן, דערשלאָגענעם יידישן לעבן אין דעם אַמאָליקן רוסלאַנד, ווען מיר ווילן אויפֿ־שטעלן פאַר אונדז אַ בילד פון דער אַמאָליקער יידישער טרויעריקער ווירק־לעכקייט, דאַרפן מיר אָנקומען צו די מענדעלע־ווערק, צו דעם „קליינעם מענטשעלע״ (1864, דערנאָך פאַרברייטערט עס אין 1879), צו דער „טאַקסע, אָדער די באַנדע שטאָט־בעלי־טובות״ (1869), צו „פישקע דער קרומער״ (1869), צו דער „קליאַטשע״ (1873), „מסעות בנימין השלישי״ (1878), „דער

פּריזיוו" (1884), „ווינטשפינגערל" און „שלמה ר' חיימס" (געשריבן אין לויף פון פיל יאָרן). אין אַט די אַלע ווערק, וואָס אייניקע פון זיי פאַרמאָגן פאַרשיידענע וואַריאַנטן און אויפלאַגעס, ווי אויך אין די קלענערע מענדעלע־דערציילונגען, האָבן מיר אַ שאַרפע און טרעפלעכע, אַ צאַרנדיקע און גלייכצייטיק אַ רירנדיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם יידישן שטעטל און שטאָט. קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע, ווי אויך גלופּסק, זיינען שוין פון לאַנג געוואָרן סימבאָלישע באַגריפן פון דעם פאַרצייטיקן יידישן לעבן מיט זיינע ליכט און שאָטן, מיט זיינע אויסטערלישע און מערקווירדיקע אייגנשאַפטן, וואָס עס האָט פאַרמאָגט דאָס יידישע לעבן, די יידישע עדה, דער יידישער מענטש אין דעם 19טן יאָרהונדערט.

אַמאָל — אין די 80ער יאָרן — האָט מענדעלע אין אַ בריוו צו פּ. אַ. בעזסאָנאָוו, דעם ליבעראַלן מיטגליד פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע פאַר דער יידן־פראַגע, אַזוי באַצייכנט זיין אַרט שרייבן: „וואָס נוגע מיר פּערזענלעך, איז, אָפן גערעדט, האַלט איך פאַר זיך אויפריכטיקייט, אַ חוץ אַלע זייטיקע סטימולן — פאַר אַן עטישן חוב... און אַזוי ווי איך האָב יידן ליב מיטן גאַנצן האַרצן, האָב איך דעריבער אויסגעקליבן אין דער ליטעראַטור דעם וועג פון סאַטירע, גאַרנישט מורא האָבנדיק צו פאַנאַנדערנעמען און אויפדעקן אונדזערע אינעווייניקסטע פעלערן..."

מענדעלע איז קיינמאָל נישט געווען קיין גלייכגילטיקער באַאָבאַכטער און שילדערער. אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען, געשריבן אין יאָר 1890, זאָגט מענדעלע וועגן זיך: „. . . איך האָב געטאָן מיינס — געשריבן וואָס מען באַדאַרף, וואָס דער אמת איז, ווי דער שטייגער מיינער, אַרויסצושטעלן פאַרבאָרגענע מכות, אַ פּיק טאָן, טרעפן אין קאַרב, עס זאָל אויסרינען דער אייטער. אַ פּיק טוט וויי, גאָר נישקשה, דערפאַר אָבער היילט זיך די מכה גיכער און בעסער, ווי מען וואָלט זיך מיט איר געשטיקט, זיך נישט וויסנדיק געמאַכט."

און דאָס טוט מענדעלע מיט אַ צוויייענדיקן געפיל. אָט איז ער דער בייזער, דער צאַרנדיקער, דער כעסן, און אָט איז ער פאָטערלעך, האַרציק, אַמאָל אַפילו סענטימענטאַל.

מענדעלע אַליין האָט עס געפילט שאַרף אין זיך — אָט די צעצווייטקייט. ער האָט וועגן זיך געזאָגט אין איינעם פון זיינע ווערק („אין אַ שטורעם־צייט"): „. . . אין מיר לעבן צוויי מענדעלעך, צוויי באַשעפענישן. יעדע פאַרשיידן פון דער צווייטער: זיי וואוינען אין איין דירה, נאָר זיי קוקן אויף אַלצדינג מיט פאַרשיידענע אויגן, זיי האַלטן כסדר מלחמה און קאָנען איינע ניט גובר זיין די צווייטע..."

און נאָך מער קאָן מען עס זאָגן וועגן מענדעלען פון פאַרשיידענע צייטן.

אין לויף פון די איבער 50 יאָר פון זיין שאַפן האָט ער זיך געענדערט. אַמ איז ער געווען דורכאויס משכיל, געקוקט מיט די אויגן פון דער השכלה, די „טאָכטער פון הימל". שפּעטער האָט ער גאַנץ אַנדערש אויפגענומען די אומ־נאַרמאַלקייטן פון דעם יידישן פאָלק, געזען און אונטערגעשטראָכן דעם סאָציאַלן אומרעכט, פאַרבויגן די נאַציאָנאַליסטישע געפילן, און מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער אַליין פאַרגלעט די שאַרפע סאָציאַלע קעגנזאַצן און ווידערשפּרוכן, וואָס ער האָט אַזוי באַטאָנט און פאַרשפּיצט אין זיינע פריערדיקע ווערק. די צייט, די אַרומיקע סביבה, זיין עלטער האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף אים און אויף זיין שאַפן.

מענדעלע איז גאַרניט מיד געוואָרן ווידעראַמאָל און אַבעראַמאָל אומ־צוקערן זיך צו זיינע טעמעס, צו זיין טעמאַטיק און אויך צו די זעלבע ווערק, וואָס ער האָט יעדעס מאָל פונדאַסניי באַאַרבעט, אויסגעבעסערט, צוגעגעבן, אויסגעמעקט. ער איז געווען זייער שטרענג צו זיך, זייער שטרענג צו דער שפּראַך, און זיך נישט געלאָזט פירן און פאַרפירן פון זיין אייגענער פּעדער. ער האָט געשליפן יעדעס וואָרט, יעדן אויסדרוק, ער האָט געפילט פאַר־אַנטוואָרטונג פאַר דער יידישער שפּראַך. אייניקע פון זיינע ווערק האָט ער דערנאָך אַליין איבערגעזעצט און איבערגעפורעמט אין העברייאיש, און שפּע־טער, פון זיין אייגענער איבערזעצונג, עס צוריק פאַריידישט. אין דעם פּרט איז מענדעלע מוכר ספרים געווען אין דער יידישער ליטעראַטור געוויס דער ערשטער. קיינער ביז אים האָט אַזוי נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער יידישער שפּראַך, אויף דעם יידישן וואָרט. וועגן דעם זיינען פאַראַן פיל אינטערעסאַנטע, מערקווירדיקע מעשיות, ווי מענדעלע פלעגט נאָכזוכן און אויסגעפינען אַ וואָרט און זיך פרייען דערמיט, ווי מיט אַן אבן־טוב.

מענדעלע האָט זייער פיל געאַרבעט אויף זיך, אויף זיינע ווערק ביז ער איז דערגאַנגען צו שלמות, צו מייסטערשאַפט, צו פולקאָמענקייט. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דעם משכיל אין זיך, דערנאָך מיט דעם נאַציאָנאַליסט אין זיך. ער האָט עס קיינמאָל נישט פאַרבאַרגן און עס אין זיינע ווערק און אין זיינע הקדמות אַרויסגעבראַכט און עס שטאַרק און שאַרף באַטאָנט. דער אָביעקטיווער באָאַבאַכטער האָט זיך געראַנגלט מיט דעם סוביעקטיוון קינסט־לער. אין יעדן באַוועג, אין יעדער תנועה, אין יעדן קנייטש פון זיינעם אַ מענטש, פון זיינער אַ געשטאַלט האָט ער געזען דעם פאָלקס־כאַראַקטער. אין דעם איינציקן ר' ישראל האָט ער געזען דעם כלל־ישראל. זאָגט טאַקע מענ־דעלע ערגעץ, אַז „יעדער ייד איז זיך אַן „עם־קטן", אַ „פאָלק פאַר זיך". אין דעם חסרון, אין דער שוואַכקייט פונעם איינצלנעם ייד האָט ער געזען דעם חסרון פונעם גאַנצן כלל. דאָס גאַנצע פאָלק ישראל איז ביי אים אָפּט־

מאָל ווי אין באַשעפּעניש, וואָס לעבט און באַוועגט זיך לויט אײן געזעץ, מיט אײן ווילן און באַגער. און מענדעלע זאָגט אויף אײן אָרט איראָניש און בייסנדיק: „איז דען דאָ נאָך אַן אומה אויף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער שטייגער־לעבן פון איטלעכן באַזונדער זאָל זיך ציִען פונעם געבוירן ווערן ביז צום שטאַרבן אויף אײן נוסח, ווי ביי אונדז, יידישע קינדער?״ אָט די שטענדיקע איבערגאַנגען ביי מענדעלען פון דעם איינצל־טיפּ צו דעם כלל און פון דעם כלל צום יחיד זיינען זייער אינטערעסאַנט און פול מיט דער מענדעלעשער חכמה, פּקחות.

מענדעלע מוכר ספרים האָט נאָך מיט פיל צענדליקער יאָרן צוריק פאַר־שטאַנען, אַז מען טאָר נישט שרייבן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, אַז מען טאָר נישט שרייבן צוליב שרייבן. נאָך אין זיין אָנהויב האָט ער פאַרשטאַנען און עס געפּריידיקט מיט זיין אייגענעם שאַפן, אַז וואָרט איז טאַט. און אַפּט־מאָל קומט פאָר אין אים אַליין אַ מין געראַנגל. איינער אין מענדעלען וויל בלויז קוקן, זען, אָבער דער צווייטער אין אים רופט אים צו טאַדלען, צו שטראָפן. און מענדעלע ווערט אָפט געפירט פון אָט די ביידע כחות. ער האָט געזען און פאַרשטאַנען, געקוקט און דערביי געמאַכט די געהעריקע אויספירן.

אָט איז מענדעלע גוט, מילד און ווייכהאַרציק, און באַלד גייט אָן אויף אים אַ ברוגזע כמאַרע און ער ווערט דער שטראָפער. און אַ בייזער, אַ שטראָפער ווערט ער, ווען ער קומט צו די „שיינע יידן״, צו די אַלערליי תקיפים, גבירים, בעלי־טובות, קאַכלעפל, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דעם בידנע פאָלק־ישראל און ציִען אַרויס פון אים די עצמות.

מענדעלע זאָגט עס אַרויס זייער קלאָר אין דער הקדמה צו זיין בייסנ־דיקער סאָציאַלער סאַטירע, אין „די טאַקסע״, געשריבן אין באַרדיטשעוו, וואו ער האָט געהאַט פאַר זיך לעבעדיקע בעלי־טאַקסע, רעדל־פירער, „פיינע לייט״, וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין ווערק. מענדעלע שרייבט: „עס שרייט צו אייך אַ קול פון אַ סך צעבראָכענע הערצער, פון אַ סך אומגליקלעכע יידן, — דאָס איז אַ קול פון אָרעמע לייט, פון נויטבאַדערפטיקע, פון באַל־מעלאָכעס און פון דערשלאָגענע מענטשן, וואָס מען דישעט ווי די קעץ, און מען לאָזט נישט קיין קאָפּ אויפהויבן.״

און דורך זיין הויפּט־געשטאַלט אין דער „טאַקסע״, דורך שלמה וועקער רעדט צו אונדז מענדעלע אַזוי: „איך טו דאָס, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געטאָן אַמאָל בשעתן חורבן, דאָרטן אויף די טייכן בבלס. אויף די ווערבעס דאָרטן האָבן די משוררים אויפגעהאַנגען זייערע פידלען. זיי האָבן מער נישט געוואָלט שפּילן, נאָר קלאָגן, יאָמערן און טרויערן. גענוג זינגען, גדליה!

גענוג שרייבן שירים, מליצות, בשעת אונדזער פאָלק, אונדזער אָרעם פאָלק, לײדט אויף דעם טייך גנילאָפּיאַטעװוקע. צערייס אויך די סטרונעס פון דער יידישער פידל (ער רייסט די סטרונעס מיט אימפּעט)... מען מוז האָבן אין זינען ערנסטע זאַכן... מיר װעלן פּרוּוון ביידע עפּעס שאַפן, עפּעס װירקן פאַר אונדזערע אָרעמע יידן...״

מענדעלע מיט זיינע גרויסע װערק האָט געװעקט ביי די אָפּגעשטאַנענע יידישע מאַסן פּראָטעסט און בונט קעגן די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע עװלות און געמאָנט מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע װירדע און זעלבסט־װירדע. זיין טרעפלעכער דיאַגנאָז פון דעם יידישן לעבן אינעם צאַרישן רוסלאַנד איז פון גרויס באַטייט און די שילדערונגען פון דעם פּאַרצייטיקן קאַבצאַנסק און טונעיאַדעװוקע און פון דעם אַמאָליקן גלופּסק זיינען מאָנומענטן, װאָס װעלן פאַרבלייבן אויף אייביק.

מענדעלע מוכר ספרים, אָט דער גרויסער יידישער שרייבער, איז גע־צוואונגען געװען אַלע זיינע יאָרן מאַטעריעל זיך מאַטערן, ער האָט געמוזט זיין אַן אויפזעער אין אַ תלמוד־תורה אין אָדעס, װאו ער האָט געהאַט איבער זיך „נאַטשאַלסטװאָ״, סיי די יידישע און סיי די צאַרישע. און דאָס האָט אים אָפּטמאָל דערדריקט, נישט געלאָזט פראַנק און פריי אַרויסזאָגן זיינע מיינונגען. ער האָט אויך נישט געהאַט די פולע מעגלעכקייט צו שרייבן, װייל די אַרבעט אין דער תלמוד־תורה האָט ביי אים אַװעקגערויבט צייט און ענערגיע. ער האָט זיך שטענדיק דערויף געקלאָגט. אין איינעם אַ בריװ צום שלום־עליכמען (1903) שרייבט ער: „. . . אויב איך שרייב הײנט װייניק, איז די שולד נישט אין מיר, נאָר אין די אומשטענדן. איך זאָל שרייבן הײנט װאָס איך װיל און דאָס װאָס מען באַדאַרף, האָב איך באַדאַרפט איינגאַנצן איבערשטעלן אויף דאָס ניי מיין אַרט לעבן, אָפּזאָגן זיך פון אַ סך זאַכן, זיין אַ מענטש פאַר מיר וכו׳ וכו׳. איר הייסט מיך לערנען זיך פון ל. טאָלסטאָי. אַ געלעכטער, כ׳לעבן! אַנו, לאָז נאָר טאָלסטאָי פּרוּוון כאָטש אויף עטלעכע טעג זיין אַ ייד, דערצו נאָך אַ מלמד אין אַ תלמוד־תורה און דערצו נאָך שרייבן לשון־קודש, יידיש („זשאַרגאָן״, װי מען רופט עס) פאַר אַ יידישער פּובליקע און דערצו נאָך... נאָר גענוג שוין דאָס פּריערדיקע. אֵי, װאו נעמט מען אַ יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן, אַז מען זאָל קאָנען אַ שפּיי טאָן אויף איטלעכן און שרייבן, שרייבן, שרייבן!...״

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין 1911, נאָך די גראַנדיעזע פאָלקס־פייערונגען, װאָס מען האָט איינגעאָרדנט פאַר מענדעלען אין גאַר דער יידישער װעלט, צו זיין 75טן געבוירנטאָג, שרייבט ער אַ בריװ צו זיין פריינט ש. דובנאָװ: „אומזיסט האָבן געשריבן װעגן מיר די שרייבער און מיך פאַרשאָטן

מיט באַגריסונגען און אָנגערעדט ניין מאָס רייד. איך בין אַלץ אַן אייביקער קנעכט ביי דער תלמוד־תורה.״

מענדעלע, דאַרף מען געדענקען, איז דאַן אַלט געווען איבער 75 יאָר! ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביי די אַכציקער יאָרן, האָט מענדעלע צו־זאַמען מיט ח. נ. ביאַליק און י. ח. ראַווניצקי געאַרבעט אויף דער פאַר־טייטשונג פון תנ״ך אויף יידיש, וואָס עס איז אַרויס אין יאָר 1913 אונטערן נאָמען „פונעם חומש״, און אויך געשריבן אַנדערע זאַכן.

אָנהויב 1917 איז מענדעלע, דער אַלטער דעמב, צוזאַמענגעבראָכן, ער איז געוואָרן קראַנק, און האָט שוין צו זיך נישט געקאָנט קומען. ח. נ. ביאַליק, דער גרויסער העברייאישער דיכטער, וואָס איז געווען פיל יאָרן נאָענט צו מענדעלען, דערציילט וועגן די לעצטע וואָכן פון מענדעלעס לעבן: „מענדעלע איז אויפגעשטאַנען פון קראַנקן־בעט, אָבער זיין פריערדיקע שטאַרקייט האָט זיך צו אים נישט צוריקגעקערט... די עלטער האָט געזיגט. דער אַלטער איז מיד געוואָרן צו ראַנגלען זיך מיט דער אַלטקייט און אָנגעהויבן צו וויאַנען... דער אַלטער איז איינגעשרומפן און קלענער געוואָרן.״

און דער שריפטשטעלער ב. עפּעלבוים, וואָס איז געווען ביי זיין קראַנקן־בעט די לעצטע שעהן, דערציילט: „דאָס פּנים איז נאָך ליכטיק, די אויגן נאָך אָדלעריש פאַרשפּיצט, דער קאָפּ בלישטשעט נאָך מיט דער זעלביקער בלוי־ווייסקייט, דער הויכער שטערן זאָגט עדות, אַז דער געדאַנק רוט נישט. די ליפּן זיינען אָבער פאַרשנורעוועט און ער שווייגט. אייניקע פון זיינע נאָענטע שטייען לעבן אים, זיינע אויגן באַוועגן זיך, מ׳זעט, אַז ער דערקענט זיי, נאָר קיין וואָרט נישט...״

שבת, דעם 8טן דעצעמבער, 1917, האָט דער זיידע אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

1942

די גרענעצן צווישן ש. י. אַבראַמאָוויטש און מענדעלע מוכר ספרים

1.

עס ווערט איצט אַכציק יאָר זינט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט אַריינ־געפירט צום ערשטן מאָל אין דער יידישער ליטעראַטור דעם נאָמען מענדעלע מוכר ספרים, אָבער ביז איצט זיינען ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן די גרענעצן צווישן שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און מענדעלע מוכר ספרים.

צענדליקער יאָרן מישן זיך אָט די בײדע נעמען — אַבראַמאָװיטש און מענדעלע — מישן און פּלאָנטערן זיך בײַ די אַלע, װאָס האָבן געשריבן װעגן ש. י. אַבראַמאָװיטש, װעגן אים און זײַנע װערק. אָט די צװײ נעמען מישן זיך און פּלאָנטערן זיך אױך כּסדר בײַ די לײענער פֿון אַמאָל און איצט, װאָס קאָנען נישט דערגײן װאו ענדיקט זיך אײנער און װאו הױבט זיך אָן דער צװײטער.

צום ערשטן מאָל האָט שלום יעקב אַבראַמאָװיטש אַרײַנגעבראַכט דעם נאָמען מענדעלע מוכר ספרים אין דער הקדמה צו זײַן ערשטער דערצײלונג אין ייִדיש „דאָס קלײנע מענטשעלע אָדער אַ לעבנס־באַשרײַבונג פֿון יצחק אברהם תקיף (געדרוקט אין „קול מבשר“, 1864). דאָרטן שטעלט ער אים אַזױ פֿאָר פֿאַר אונדז: „אַלײן בין איך אַ געבױרענער פֿון צביאַטשיץ, איך הײס — מענדעלע מוכר ספרים.“ אָבער װי אַ פּסעװדאָנים פֿון ש. י. אַבראַמאָװיטש קומט מענדעלע מוכר ספרים מיט פֿינף יאָר שפּעטער, אין יאָר 1869, אױפֿן שער־בלאַט פֿון „פֿישקע דער קרומער“.

װאו זײַנען די גרענעצן צװישן שלום יעקב אַבראַמאָװיטש און מענדעלע מוכר ספרים? װאו הײבט זיך אָן אײנער און װאו ענדיקט זיך דער אַנדערער? װי האָט ש. י. אַבראַמאָװיטש אַלײן אױפֿגענומען און פֿאַרגעשטאַלטיקט אין זײַנע װערק דעם טיפּ מענדעלע מוכר ספרים?

קריטיקער און פֿאָרשער, טײַטשער און אױסטײַטשער האָבן אין זײערע אָפּהאַנדלונגען פֿאַרשײדן און אַנדערשדיק אַרױסגעבראַכט און פֿאָרמולירט די כאַראַקטער־שטריכן, די עלעמענטן, די פֿונקציעס פֿון אַבראַמאָװיטש און מענדעלען.

אין זײַן בוך „מענדעלע מוכר ספרים“ באַרירט ש. ניגער עטלעכע מאָל אָט דאָס פּראָבלעם: „ער איז געװען צװײגעשטאַלטיק: מענדעלע מוכר ספרים (אַ פֿאָלקס־טיפּ) און שלום יעקב אַבראַמאָװיטש (אַ שטאַרקע פּערזענלעכקײט)“, (ז. 268). אין דער עפּענונג צום בוך „מענדעלע מו״ס“ זאָגט ש. ניגער צװישן אַנדערן: „שלום יעקב אַבראַמאָװיטש אין דעם „גױאישן“ היטל מיט דער קאָקאַרדע פֿון אַ „קאַזיאָנעם“ לערער — װאָלט געװען אַ צו־פֿרעמדער און ניט־פּאַסיקער נאָמען פֿאַר אײנעם, װאָס האָט געװאָלט רעדן צו זײַן פֿאָלק, װי אַן אײגענער מענטש, װי אַן אַלטער גוטער פֿרײַנט. מיט דעם אױסזען פֿון אַ מענדעלע מוכר ספרים איז אים לײַכטער געװען צוצוקומען צום ייִדישן כּלל. אין דער געשטאַלט פֿון מענדעלע מוכר ספרים איז פֿאַר אים נאַטירלעך געװען צו קוקן אױפֿן ייִדישן לעבן פֿון אינעװײניק און דאָך אַ ביסל אַ זײַטיקער. איז דען דער פֿאַקנטרעגער, װאָס האָט זיך צעלײגט מיט זײַנע ספרים, בענטשערלעך און תּחינות אױפֿן לאַנגן טיש — נישט געװען אי אַן אורח, אי אַ הײמישער? אַזױ איז אױך מענדעלע מוכר ספרים געבליבן אַן אינעװײניקסטער, שטײענדיק

אַן אַ זייט״ (ז׳ 15). דאָס זעלבע חזרט איבער ש. ניגער אין בוך: „ווי געזאָגט, האָט ער זיך נישט געוואָלט ווייזן פאַר אים (פאַרן לעזער) ווי ש. י. אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז לויט זיין אויסזען, לויט זיין אויפפירונג און לויט זיין גאַנצן הילוך, שוין געווען אַ ביסל אָפּגעזונדערט פון דער ייִדישער פאָלקסמאַסע. ער האָט געוואָלט זיין אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַן אייגענער מענטש, אַזאַ היימישער ייִד, ווי עס איז געווען אַ פּאַרצייטיקער פּאָקנטרעגער״ (ז׳ 101).

אין אַן אַנדער אָרט פּרוּווט ש. ניגער אַזוי פאַנאַנדערטיילן די פונקציעס פון אַבראַמאָוויטשן און מענדעלען: „זיין גאַנץ שאַפן איז, ווי מיר ווייסן, אַ פּראָדוקט פון דעם אינדיווידועלן ש. י. אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט זיך דערהויבן ביז צום קאָלעקטיוון מענדעלע מוכר ספרים. דאָס איז דאָס שאַפן פון אַ גרויסן יחיד, אויף וועלכן עס האָט גערוט די שכינה פון נאָך אַ גרעסערן כלל...״ (ש. ניגער — „דער סופר״, אַלע ווערק פון מענדעלע, ב׳ 22, „מענדעלע טורעם״, אויפגעקליבן דורך נחמן מייזיל, ז׳ 146.)

ראובן בריינין כאַראַקטעריזירט אַבראַמאָוויטשן און מענדעלע מוכר ספרים אָט ווי אַזוי: „שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט געשאַפן דעם טיפּ פון מענדעלע מוכר ספרים, און דער געשאַף האָט באַאיינפלוסט דעם שעפער.״ שילדערנדיק אַבראַמאָוויטשן אין זיין רעדן, זאָגט ר. בריינין: „עס האָט גערעדט מענדעלע דער פּקח, דער ייִד שבייד. מענדעלע האָט גערעדט מיט דעם לשון פון תחינות, פון צאינה־וראינה, געמישט מיט פיל כאַראַקטעריסטישע העברייאישע ווערטער. . . . די פאָלקס־נשמה אַליין האָט פון אים אַרויסגערעדט, ווען אַפילו אין דעם לשון פון אַ תלמיד־חכם.״ (ראובן בריינין — „מענדעלע אין זיין רעדן״, אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס, ב׳ 21, „מעשיות וועגן מענדעלע״, אויפגעקליבן דורך נחמן מייזיל, ז׳ 144.)

נאָך מער אויסטערליש קומט אַרויס מענדעלע מוכר ספרים ביי ש. ניגערן אין זיין רעפעראַט צו ש. י. אַבראַמאָוויטשעס 75־יאָריקן יובילייִ (1910), פאַרעפנטלעכט אין ב׳ 1, „אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס״. ש. ניגער זאָגט דאָרט: „. . . אַבראַמאָוויטשעס ליטעראַרישער נאָמען — מענדעלע מוכר ספרים — איז אַליין אַ ווערק, אַ געשטאַלט, אַן איבערגאַנגס־טיפּ פון אַן איבערגאַנגס־צייט. מיט אַ סך געזיכטער און מיט איין שמייכל אויף זיי אַלעמען. מיט אַ דרויקן, איינגעהאַלטענעם, כמעט פאַרגליווערטן און דאָך לעבעדיקן שמייכל. אַ לעבעדיקע דערינערונג פון אַ געשטאָרבענער עפּאָכע. מענדעלע האָט זיך אָפּגעוואָשן, אָנגעטאָן אין בגדים פון איין פאַרב און איין שטיק און באַהאַלטן לזכרון פאַר די קומענדיקע דורות . . .״ (ז׳ 89). אין דעם זעלבן רעפעראַט, מיט 30 זייטן ווייטער, שיילט אַזוי אויס ש. ניגער מענדעלען פון

אבראַמאָוויטשן: „מענדעלע מוכר ספרים איז ניט אַבראַמאָוויטש, דער קאַזיאָנער לערער, דער אַפּיקורס.״ און נאָך ווייטער זאָגט ש. ניגער: „... אַבראַמאָוויטש טוט און סטיליזירט, ד״ה, ער שאַפט ניט זיין סטיל, זיין שאַפונגס־ריטם, פון זיך, „פון קאָפּ״; ער האָט תמיד מוסטערן פאַר זיך, מוסטערן פון פאָלקס־לעבן, פון דער פאָלקס־ליטעראַטור, פון דער פאָלקס־שפּראַך. זיין ערשטער מוסטער איז — מענדלע מוכר ספרים אַליין. דאָס איז זיין ערשטע מאַסקע. איין מאָל האָט ער זי אָנגעטאָן, פון דאַן אָן איז זי אַ פאַרגליווערטע געבליבן ביי אים אויפן געזיכט, ער גייט און שטייט און פאָרט און רעדט ניט ווי אַבראַמאָוויטש, נאָר ווי מענדעלע מוכר ספרים״ (ז׳ 144, דאָרט).

אַ שאַרפע פאַנאַנדערטיילונג צווישן אַבראַמאָוויטשן און מענדעלען גיט ד״ר א. מוקדוני אין זיין אַרטיקל וועגן אַבראַמאָוויטשעס צוויי דראַמאַטישע ווערק „דער פּריזיוו״ און „די טאַקסע״. אַזוי ווי ער איז נישט צופרידן מיט די דראַמעס, איז פּרואווט ער דערווייזן, אַז אַבראַמאָוויטש און מענדעלע זיינען צוויי פאַרשיידענע מענטשן. אינעם ערשטן רעדט דער משכיל, דער קעמפער מיט דער פינצטערניש, דער פאַרביסענער שונא פון די „מורדי אור״. ער רעדט ביטער און ערנסט. אין מענדעלען רעדט גלופּסק, קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע. . . . ש. י. אַבראַמאָוויטש שטייט מן הצד, באַטראַכט זיין עולם פון אויבן אַראָפּ, ווייזט אָן אויף זייערע פעלער. ער האַלט זיך אַליין בעסער, שענער און קליגער פאַרן עולם. מענדעלע זאָרגט פאַרן כלל ישראל און איז אין גאַנג פאַר זיך. ער איז דער כלל ישראל אַליין. אַלץ, וואָס איז פאַראַן אינעם כלל, איז דאָ אין אים. . . . אַבראַמאָוויטש האַנדלט נישט מיט ביכלעך, מיט וועלכע מענדעלע האַנדלט. ביי מענדעלען אין ביידל געפינט איר תחינות, קינות, הגדות, מחזורים און אַ מעשה־ביכל. אַבראַמאָוויטש האַנדלט נאָר מיט „ספרים חיצונים״ . . .״ (ד״ר א. מוקדוני — „צוויי מענטשן״, אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס, ב׳ 1). און ד״ר א. מוקדוני פירט אויס, אַז „די צוויי דראַמעס האָט געשריבן שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און ניט מענדעלע. . . . מענדעלע האָט קיין שייכות ניט צו די צוויי דראַמעס. נישט דער קינסטלער האָט זיי געשריבן, נאָר דער „קעמפער״ אַבראַמאָוויטש. . . . דאָס איינציקע, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט גענומען ביי זיין נאָענטן און ליבן מענדעלע איז די שפּראַך, דער ערנסט צום וואָרט און צום רעאַליסטישן וואָרט.״

קומט אויס, אַז אַבראַמאָוויטש איז אַ שוואַכע אָפּשפּיגלונג, אַ שלעכטע קאָפּיע פון מענדעלען.

און עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט אין דעם פאַרהערלעכן מענדעלע מוכר ספרים און אין דעם פאַרלייקענען שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן, אַז מיר האָבן געקאָנט האָבן נאָך פאַר ש. י. אַבראַמאָוויטשעס לעבן אַזעלכע שורות, געשריבן

פון י. ל. פרץ (צום 75טן געבוירנטאָג פון ש. י. אַבראַמאָוויטש, אין 1910, יובל־אויסגאַבע פון „פריינד", — זע אַלע ווערק פון מענדעלע מו"ס, ב' 1, ז' 3): „ . . . איך — שרייבט י. ל. פרץ — וויל מענדעלען ערן. און דאָס טוען אַלע, דאָס האָט שוין דאָס פאָלק אין דער גרויסער מאַסע לאַנג געטאָן. דאָס פאָלק האָט אָנערקענט זיין אַרבעט, און רופט אים אויף זיין אַרבעט. נישט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, דאָס איז אַ פּריוואַט־נאָמען, אַ נאָמען פאַר וויב און קינד און פאַרן מעטריקול־שרייבער און פאַספּאָרטן־געבער; דאָס פאָלק רופט אים „מענדעלע מוכר ספרים", מאהבת הקיצור — „מענדעלע", אויפן נאָמען פון זיין בעסטער קרעאַציע. און מענדעלע איז ווערט דעם כבוד . . ."

אַ צווייט מאָל האָט י. ל. פרץ דאָס נעמלעכע אויסגעדריקט מיט אַנדערע ווערטער („מענדעלע־טורעם", ב' 22, ז' 10 — דער אַרטיקל איז איבערגעזעצט פון העברייאיש): „דאָס פאָלק רופט אים מענדעלע. ווען ער [ש. י. אַבראַמאָוויטש — נ. מ.] וואָלט געשריבן איין ווערק, וואָלט אים דאָס פאָלק גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר. ער האָט אָבער געשריבן פיל ספרים. און דער אָקס, אויף וועלכן אַלץ דרייט זיך, איז „מענדעלע מוכר ספרים" — און אַזוי איז זיין נאָמען אויף שטענדיק און אויף אייביק. און צוליב קיצור — מענדעלע. שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז באַקאַנט נאָר יחידים; זיין פּריוואַטער נאָמען וועט זיין אויסגעקריצט אין די געשיכטע־ביכער פון דער יידישער ליטעראַטור; אין פאָלקס־מויל אָבער וועט ער הייסן „מענדעלע", — און דאָס איז זיין נאָמען אויף אַלע צייטן, און דאָס איז זיין לויב."

אויף אַן אָריגינעלן אופן און אויף זיין יידישלעכן שטייגער, ווען ער האָט געשריבן זיינע יידישע כתבים, מאָלט פאַר אונדז מיכה יוסף בן גריון (בערדיטשעווסקי) אַבראַמאָוויטשן און מענדעלען, און ווי ער האָט אויפגענומען אָט די צוויי פאַר אים גאַנץ־באַזונדערע געשטאַלטן און שרייבער און זייער השפּעה אויף אים. „אַצינד — זאָגט בערדיטשעווסקי — וועל איך רעדן פון מענדעלען, פונעם גרויסן מענדעלע מוכר ספרים, פונעם זיידן. איך ווייס נישט, צי ס'איז איטלעכן ידוע, אַז מענדעלע מוכר ספרים, שכולנו חייבים בכבודו וכולנו שתינו מבארו, און אַלע האָבן מיר זיך געלאָבט פון זיין ברונעם, האָט אַמאָל געהייסן שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, און האָט געשריבן דעם „האבות והבנים", דעם „תולדות הטבע" און דעם „משפט שלום" און נאָך אַנדערע זאַכן אויף לשון־קודש. דאָס איז געווען אין יענע יאָרן פון דער אַלטער השכלה מיט חיים צבי לערנערן, מיט די מדקדקים און מיט ראַבינער־שולן, וואָס פון זיי האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. — אַמאָל האָב איך באַקומען אַ העפטל „השחר" און איך האָב דאָרט געפונען אַן אַרטיקל פון אַבראַמאָוויטשן: „מה אנו?" און דאָס איז געווען אַ ביסל גוט און אַ ביסל שלעכט. איטלעכער פון

אונדז, וואָס האָט שטאַרק געלייענט ליליענבלומען און סמאָלענסקינען און גאָרדאָנען, וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, אַז פון אַבראַמאָוויטשן האָט ער גענאַשט. עפּעס איז דאָס געווען אַ מין נישט פיש און נישט פלייש. . . . און דאָ נעמט זיך אַבראַמאָוויטש און הייבט אָן צו שרייבן ביכער אויף יידיש, און וואָס פאַר אַ ביכער; אויף איין מאָל האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט, עפּעס אַזוינס און אַזאַ מין דרך האָבן מיר נאָך קיינמאָל נישט געזען. . . . דאָ דערציילט איינער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און שניידט די קישקעס. דאָ איז די כנסת ישראל, ווי זי לעבט און ליידט און ריכט אָפּ חצות, אַז סע ציטערט די נשמה און אַליין טוט מען אויך אַ וויין. . . . איר פאַרשטייט, ס'זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס זיי זיינען גאָרנישט קיין משכילים: ס'איז אַ פּראָסטער גראָבער עולם, שטיקלעך גנבים און נאָך אַזוינע פיינע לייט, און פונדעסטוועגן האָבן זיי אויך אַ נשמה. . . . איר פאַרשטייט, אַ ייד איז אַזאַ מענטש, וואָס צו אים דאַרף מען זיך צוהערן. און דווקא אַריינקריכן אין אים, כדי תופס צו זיין אים מיט אַלע זיינע אברים. . . . מענדעלע מוכר ספרים דערציילט נישט צו אונדזער דערקוויקעניש, ער וויל נישט פאַרשאַפן אונדז קיין פאַרגעניגן און דערציילן גלאַט אַזוי אַ מעשה; פאַרקערט: ער וויל, מיר זאָלן זיך אַנידערזעצן און אים אויסהערן און זיך דערוויסן פון אים, וואָס זיינען מיר אַליין. און דאָס איז דער גרויסער מורה-דרך, און ער ווייסט איטלעכס ווינקעלע אין הארצן. עפּעס טוט ער משפּטן און איז אַ מוכיח, און דאָס אַלץ זאָגן מיר זיך אַליין. . .״ (ב׳ 22, אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס, ז״ז 11־12.)

ב. ריווקין אין זיין סעריע אַרטיקלען „כמו־טעריטאָריע במקום רעליגיע״ כאַראַקטעריזירט אַזוי אַבראַמאָוויטשן און מענדעלען: „מענדעלע דער סופר (דאָס מיינט: ש. י. אַבראַמאָוויטש — נ. מ.) האָט אַלעגאָריש זיך אַריינגעזעצט אין מענדעלע מוכר ספרים — אַ העכערער פאָלקס־טיפּ, וואָס רעדט פאַר דער ידישער עדה אין איר שטרעקן זיך צו כנסת־ישראל. איז געשאַפן געוואָרן אַ שפּוע, אַ באַרג־אַראָפּ, איבער וועלכן אַלץ, וואָס דער סופר (אַבראַמאָוויטש — נ. מ.) האָט פאַרמאָגט, האָט זיך גענומען אַראָפּקייקלען מיט האַסט און פלאַסט אין פאָלקס־טיפּ אַריין (אין מענדעלען — נ. מ.), און עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ געשטאַלט, אַ טאָפּל־מיינענדיקע, וואָס זעט טאָפּלט און הערט טאָפּלט און רעדט טאָפּלט, פאַרן סופר און פאַרן פאָלק, און אין וועמענס מויל מענדעלעס אַלעגאָריש־סימבאָלישער נוסח האָט גאַנץ נאַטירלעך זיך אַריינגעלייגט. לכתחילה אַן אַלעגאָריע, אָבער ווייל אין דינסט צו כנסת ישראל, איז זי לויט דעם כלל ביי מענדעלען אַנגעקוואָלן געוואָרן מיט אַלץ מער נשמה און האָט אַנגענומען אויף זיך אַלץ מער לייב — ביז זי איז געוואָרן אַ קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פון אַ דור אין איבערגאַנג — אַ געשטאַלט, וואָס האָט אַרויס־

גערופן ענלעכע צו זיך, וואָס זיינען פריער נישט געווען—איבערגעשטאָלטיקטע פּאָלקס־מענטשן, פּאָלקסטימלעכע משכילים, אויך טאָפּלט־מיינענדיקע, טאָפּלט־זעעוודיקע און טאָפּלט־הערעוודיקע, מיט צווייערליי חכמה — פאַר דער פאַר־צייטיקער און פאַר דער היינטיקער וועלט.״ („ליטעראַרישע בלעטער״, נ׳ 27, 1938.)

פון דעם אַלעם געבראַכטן איז צו זען, אויף וויפיל יעדער איינער פון די קינסטלער און קריטיקער, וואָס איז געקומען צו רעדן וועגן אַבראַמאָוויטשן און זיין באַגלייטער, זיין צווייט געשטאַלט אָדער זיין שאָטן, מענדעלע מו״ס, — אויף וויפיל יעדער איינער האָט אויפגעבויט תלי־תלים, גאַנצע בערג מיט סברות, אינטערעסאַנטע געדאַנקען, שאַרפזיניקע באַהויפּטונגען. אָבער דאָך, פון די אַלע פאַרשיידנאַרטיקע באַצייכענונגען און כאַראַקטעריסטיקעס איז נאָך אַלץ נישט אויפגעקלערט געוואָרן איין פּראָסט־פּשוטע און וויכטיקע זאַך: ווער איז אייגנטלעך אָט דער מענדעלע מוכר ספרים ביי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, ווי האָט ער, שלום יעקב אַבראַמאָוויטש גופא, וואָס קריגט זייער אָפט גאָר נישט קיין פיינע אַטעסטאַציעס, געשאַפן און צוליב וועלכע צילן האָט ער געשאַפן אָט די מענדעלע־געשטאַלט, וואָס מיט איר שלאָגט מען אָפט און מען דער־נידעריקט שטאַרק אים, דעם באַשאַפער, שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן ?

כדי צו דערגאַנצן דאָס בילד, ווי מען האָט אין פאַרשיידענע צייטן און דורך פאַרשיידענע צוגאַנגען צו ליטעראַטור, צו ווערק, אויפגעפאַסט דאָס פּראָבלעם אַבראַמאָוויטש־מענדעלע, ווילן מיר ברענגען אייניקע אויסצוגן פון אַן אָפּהאַנדלונג, וואָס געהערט צו אַבראַמאָוויטשעס בן־דור—צו יעקב דינעזאָן. עס איז פאַר אונדז וויכטיק צו זען, ווי די יידישע שרייבערישע און לייענערישע וועלט האָט זיך אָפּילו אַמאָל געפּלאָנטערט אַרום דעם רעטעניש שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און מענדעלע מוכר ספרים.

מיר לאָזן רעדן יעקב דינעזאָנען (די אָפּהאַנדלונג איז פאַרבליבן צווישן די דינעזאָן־כתבים, זי איז פאַרעפנטלעכט דורך מיר אין די „ליטעראַרישע בלעטער״, 1927, און דערנאָך אַריין אין דער זאַמלונג „מענדעלע־טורעם״):
„שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און מענדעלע מוכר ספרים — דערציילט יעקב דינעזאָן — האָב איך אַ צייט נאָכאַנאַנד אַלץ געמיינט — זיינען זיך צווי גאָר באַזונדערע יידן, וואָס האָבן איינער צום אַנדערן קיין שום שייכות נישט און קענען זיך איינאַנדער אפשר גאָרנישט. שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, מוז זיין אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער קענער, שרייבט לשון־קודש אָפּילו נישט מיט ריין ישעיה־לשון, ווי מאַפּו אָדער קלמן שולמאַן, אָבער וואָס ער שרייבט, לייענט זיך גרינג און באַטעמט . . . פאַר אים האָב איך רעספּעקט געהאַט. . . . אַנדערש האָב איך

מיר פאַרגעשטעלט ר׳ מענדעלען. ר׳ מענדעלע מוכר ספרים, האָב איך מיר אויסגעמאָלט, איז שוין געווים אַן עלטערער ייד, אַ זעכציקער, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַ הויכער, דאַרער, מיט טיפע קנייטשן אויף זיין שטערן, מיט אַ פּאָר קלוגע און גוטע אויגן, וועלכע קוקן תמיד מיט ליבשאַפט און רחמנות אויף איטלעכן. . . . ר׳ מענדעלע אַליין, האָט זיך מיר געדאַכט, איז אַפילו גאָר קיין שרייבער נישט. דאָס, וואָס איך האָב געלייענט פון זיינע מעשהלעך, האָט ער נאָר דערציילט, אויפגעשריבן האָט עמעץ אַן אַנדערער . . . — — — עס זיינען איבערהויפּט דעמאָלט געווען יאָרן, וואָס מיט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט מען זיך מייחס געווען, און מיט מענדעלע מוכר ספרים האָבן זיך נאָך די מיוחסים פון דער אַלטער גאָלדענער פּאַן צוגעשעמט, ווי מיט עפּעס אַ נחית־דרגא אין דער משפחה.״

יעקב דינעזאָן דער יונגערמאַן האָט זיך פאַרגעשטעלט אָט דעם מענדעלע מוכר ספרים ווי אַ „ייד נישט קיין נגיד, ער פאָרט מיט זיין אייגןביידל אויף אַלע יאַרידים, יידן צו באַזאָרגן מיט קינות און תחינות . . . און איז אָפט אַליין אי אַ שטיקל בעל־עגלה, אי אַ שטיקל שמייסער ביי זיין אייגענעם פערדל״. און אַזוי האָט דינעזאָן אַ לענגערע צייט געהאַלטן, אַז אַבראַמאָוויטש און מענ־דעלע זיינען צוויי באַזונדערע מחברים. „האָט מען מיר אַמאָל שפּעטער אַ זאָג געטאָן, אַז עס איז פאַראַן אַ יש אומרים, אַז ר׳ מענדעלע מוכר ספרים איז דער באַרימטער שרייבער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, הוא, הוא, בכבודו ובעצמו, הוא ולא אחר. האָב איך עס געהאַלטן פאַר גלאַט־אַזוי אַ בויך־סברא.״

אָבער עס טרעפט זיך אַ מעשה, און יעקב דינעזאָן, וואָס האָט דאַן גע־וואוינט אין מאָסקווע, זוכט דאָס ווערק „די קליאַטשע״, וואָס האָט באַקומען אַ שם אין דער יידישער וועלט. ער דערפרעגט זיך צו אַ מאָסקווער יידישן מוכר ספרים לידסקי. ער טרעפט אים אין טלית ותפילין, אינמיטן דאַווענען, און עס קומט פאָר צווישן יעקב דינעזאָן און דעם מוכר ספרים לידסקי אַזאַ מין דיאַלאָג:

— „די קליאַטשע״ קאָן מען באַקומען ביי אייך? — פרעגט דינעזאָן.

— „די קליאַטשע״ אַבראַמאָוויטשעס? — פרעגט לידסקי איבער דינע־זאָנען.

— ר׳ מענדעלע מוכר ספרימס! — ענטפערט דינעזאָן.

— היינו הך! [די זעלבע זאַך!—נ. מ.] — ענטפערט לידסקי מיט אַ גמרא־לשון.

— געהערט האָב איך עס שוין אַפילו אייניקע מאָל, אָבער עפּעס שיקט זיך מיר עס נישט, בין איך אים מודה, — דערציילט דינעזאָן, — און געמיינט האָב איך נישט אַזוי די צוויי־אייניקייט און די צוויי באַזונדערע נעמען, ווי די

צוויי באַזונדערע כאַראַקטערן אין איין און דעם זעלבן מענטשן, לויט ווי איך האָב מיר אַלע מאָל פאָרגעשטעלט אונטער די צוויי נעמען.

— וואָס שיקט זיך איך דאָ נישט? — פרעגט מיך דער אַלטער לידסקי,
— עס איז דוכט זיך אַזוי פּשוט, וואָס פּשוטער קאָן גאָר נישט זיין. ווייסט איר דען נישט, אַז מיט דער זיידענער קאַפּאָטע, אין וועלכער מען גייט שבת און יום־טוב אין שול אַריין, גייט מען נישט אינדערוואָכן אין מיל אָדער אין קראָם?

— וואָס מיינט איר דערמיט? — טו איך אים אַ פראַגע, נישט באַגרייפנדיק דעם נמשל פון זיין משל.

— איך מיין פּשוט, — ענטפערט ער. — דער נאָמען שלום יעקב אַבראַ־מאָוויטש איז שוין לאַנג באַרימט מיט זיינע ביכער אויף לשון־קודש. איר שפּילט זיך מיט זיין „משפּט שלום", מיט זיין „האָבות והבנים" און מיט זיין „תולדות הטבע"? נו, און אַז עס פאַרגלוסט זיך אים אַמאָל אויך אַ שפּילעכל זיך מאַכן אָדער פּשוט אַ שטיף טאָן און אויפשרייבן אַ „טאַקסע" למשל, אָדער אַפילו אַ „קליאַטשע" אויפן פּשוטן עברי־טייטש, איז ער מחויב זיין באַרימטן נאָמען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש אויף אַזוינס אָנצורופן? כבוד וועט עס אים צוגעבן?..."

און לייענענדיק די „קליאַטשע" און כאַפּנדיק התפּעלות פון דעם, האָט דינעזאָן זיך אַליין געפרעגט: „צי איז דאָס דער אייגענער אַלטער באַקאַנטער מענדעלע, וועלכן כ'האָב פון אַ צייט פריער גוט געקענט, מיט אים ווי אייגן כמעט זיך געפילט און האָב אים שטענדיק גאָר ליב געהאַט? כאָטש איך בין שוין אַזוי נאַאיוו נישט געווען און האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז הינטער דעם דאָזיקן מענדעלע מוכר ספרים באַהאַלט זיך ערגעץ אַ פיל־געלערנטער ייד, און זאָל זיין ווי דער אַלטער האָט מיך מבטיח געווען, אַז מענדעלע מוכר ספרים איז נישט מער ווי די וואָכעדיקע קאַפּאָטע פון דעם באַרימטן לשון־הקודש־שרייבער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, האָט עפּעס טאַקע די דאָזיקע וואָכעדיקע קאַפּאָטע ביי מיר גאָר אַן אַנדער פּנים דורך דער „קליאַטשע" באַקומען, אַ פּנים דווקא פון אַ פיין־זיידענער קאַפּאָטע, וואָס מעג אָנשטיין אַפילו דעם גרעסטן מיוחס שבת און יום־טוב מיט איר אין שול און אין בית־המדרש צו שטאָלצירן.
... ר' מענדעלע איז דאָ, אין דער „קליאַטשע", אויסגעוואַקסן פון אַן איינפאַכן יידן אַ מוכר־ספרים, וואָס דערציילט בנעימות, נישט מער ווי דאָס, וואָס ער זעט און הערט, אין אַ יידן אַ למדן, אַ חריף, אַ חקרן, אַ גאַנצע־וועלט־אַרומ־נעמער, וואָס מען מוז זיך צוהערן צו יעדעס וואָרט, וואָס ער רעדט אַזוי אַרויס און זיך גוט פאַרטראַכטן אויף דעם זינען, וואָס ער טוט אַריין אין דעם."

(„מענדעלע־טורעם", ז"ז 79—97.)

אַן אינטערעסאַנטע אינטערפּרעטאַציע (אויסטייטשונג) פון מענדעלע מוכר

ספרים, און אויך אַ פּרואוו אויסצוטיילן מענדעלע מוכר ספרימען פון אַ צווייט געשטאַלט מיט אַן אַנדער נאָמען „מענדעלע דער ביכער־הענדלער" אָדער „מענדעלע דער מוכר־ספרימניק" און דערמיט אָפּצוטיילן די געשטאַלט פון אַבראַמאָוויטש־מענדעלע, מאַכט בדרך אגב דער סאָוועטיש־יידישער פאָרשער און קריטיקער מ. ווינער אין זיין ווערק „די געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור אינעם 19טן יאָרהונדערט":

„די געשטאַלט פון דעם ביכער־הענדלער מענדעלע ווערט אין „פּישקע" רייכער באַהאַנדלט, ווי אין אַלע איבעריקע ווערק מענדעלעס. דאָ איז דער פאַקנטרעגער מענדעלע ניט בלויז אַ קלוגער און האַרצלעכער צוקוקער און רעזאָניאָר, ניט בלויז אַ וויציקער קאָנפעראַנסיע, נאָר אויך אַ האַנדלענדיקע פיגור.

„מענדעלע דער פאַקנטרעגער איז די פאַרקערפּערונג פון דער פאָלקס־טימלעכער האַרצלעכקייט און קלוגשאַפט. ער איז דער פאָלקסטימלעכער מאַנער, דאָס געוויסן פון די פאָלקס־מאַסן — אַ פאָלקס־מענטש דורך און דורך. ער איז באַהאַוונט אין די קליינע אותיות, אָבער ניט אָפּגעשלאָסן אין די פיר איילן פון ביכער. מיט זיין ביידל קומט ער אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען און אין די גרעסערע שטעט, באַגעגנט זיך מיט אַלע שיכטן פון דער יידישער און נישט־יידישער באַפעלקערונג, באַזונדערס אָבער מיט די פאָלקס־מאַסן, מיט די אָרעמע, מיט ווייבער, יוגנט, קינדער. ער באַגעגנט זיך מיט דער נאַטור, ס'טרעפן זיך אים אויף זיינע נסיעות פאַרשיידענע פאַסירונגען, ער הערט פאַר־שיידענע נייעס, געשעענישן, מעשות. ער איז אינטעלעקטועלער, מער גע־לערנט, שאַרפער, שטרענגער, ערנסטער פון שלום־עליכמס טביה, וויניקער גוטמוטיק, מער אָנגעלאָדן מיט יענע זאָרג, וואָס קומט ביים באַוואוסטזיניקן באַטראַכטן דאָס לעבן. ער פאַרמאָגט אָבער די זעלבע פאָלקסטימלעכע קלוג־שאַפט, די זעלבע נייגונג זיך צו טיילן מיט זיינע באַטראַכטונגען, די זעלבע שעפערישע באַרעדעוודיקייט.

„לויט זיין טיפסטן מהות שטאַמט דער דאָזיקער וואַנדערנדיקער ביכער־הענדלער פון דער זעלבער משפחה ווי דער אַרומפאַרנדיקער מילכיקער. מענדעלע איז טביהס אַן עלטערער ברודער, טביה איז אַ געניאַלע וואַריאַציע פון דער מענדעלע־געשטאַלט, מער פאַרזעלבאַשטענדיקט אַלס האַנדלענדיקע געשטאַלט, ערדישער און ממשותדיקער אַנטוויקלט."

צו אָט די באַצייכענונגען גיט צו מ. ווינער פאָלגנדיקע צוגאָב־באַמערקונג:

„די אונטערגעשטעלטע „דערציילער־פיגור" פון מענדעלע דעם מוכר־ספרים־ניק איז אין אָנהייב געווען בלויז אַ טעכניש הילף־מיטל: אינעם מויל פון דעם דאָזיקן דערציילער וועט די שטאַרק־פאָלקסטימלעכע שפּראַך, דענק־אַרט

און בילדערישקייט קלינגען נאַטירלעך און ניט־נאָכגעמאַכט. אויפן אַנטשטיין פון דער געשטאַלט האָט, הייסט עס, מיטגעווירקט אַ „ראַציאָנאַליסטישער" מאָטיוו. אָבער, ווי עס טרעפט זיך אָפט ביי מענדעלען — איז די דאָזיקע פיגור גיך אויסגעוואַקסן פון די „פונקציאָנעל־טעכנישע" ראַמען צו אַ זעלב־שטענדיק־לעבעדיקער געשטאַלט."

.2

און עס איז וויכטיק צו שטעלן אַ פראַגע: צי איז שלום יעקב אַבראַמאָוויטש אינגאַנצן אויפגעלייזט געוואָרן אין מענדעלע מוכר ספרים? און צי איז אפשר ביי אים גופא געווען אַ באַזונדערע פאַנאַנדערטיילונג אויף צוויי ווידערשפּרעכנדיקע עלעמענטן, וואָס פאַר איינעם האָט געגאָלטן דער נאָמען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און פאַרן צווייטן — דער נאָמען מענדעלע מוכר ספרים? איז טאַקע ריכטיק, ווי אייניקע האָבן באַטאָנט, אַז די מענדעלע־געשטאַלט איז געשאַפן געוואָרן דורך שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן צוליב ספּעציעלע צוועקן, ווען ער האָט געוואָלט אַוועק פון זיך גופא און גענומען רעדן מיטן פאָלק אויף זיין, דעם פאָלקס, שטייגער, אויף זיין שפּראַך? איז דאָס טאַקע געווען דער מיין, די כוונה פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש?

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז עס איז געווען אַזאַ מין „טראַדיציע" אָדער אַ „שוואַכקייט" ביי די אַמאָליקע יידישע משכילים, די העברייאישע בעלי־מליצה, צו באַהאַלטן זיך אונטער פאַרשיידענע פאַרשטעלטע נעמען, ווען זיי האָבן גענומען שרייבן אויף יידיש.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש דערציילט וועגן דעם גאַנץ קלאָר אין די „שטריכן צו זיין ביאָגראַפיע", וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר נ. סאָקאָלאָווס „ספר זכרון" אין יאָר 1889 (די איבערזעצונג אין יידיש, ב׳ 19 פון אַלע ווערק פון מענדעלע מו"ס): „. . . אונדזערע שרייבער, די בעלי־הלשון, וואָס האָבן נאָר אינזינען געהאַט די הייליקע שפּראַך און זיך נישט אינטערעסירט מיטן פאָלק, האָבן געקוקט אויף יידיש פון אויבן אַראָפּ און מיט גרויס שפּאָט. און אויב איינער פון צען האָט זיך אַמאָל דערמאַנט אָן דער „פאַרשאָלטענער" און האָט עפּעס וואָס אָנגעשריבן, האָבן זיי דאָס באַהאַלטן אונטער זיבן שלעסער, האָבן זיי דאָס באַהאַלטן אונטער זייער הייליקן טלית, כדי זייער שאַנד זאָל נישט אַנטפּלעקט ווערן און עס זאָל נישט שאַדן זייער גוטן נאָמען. און ווי גרויס איז געווען דעריבער מיין פאַרלעגנהייט, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אויב איך וועל מיך אַראָפּלאָזן צו דער „אומווירדיקער" שפּראַך, וועט מיין כבוד זיך באַדעקן מיט שאַנד." (ז׳ 165.)

„דאָס קליינע מענטשעלע" איז טאַקע געדרוקט געווען אין „קול מבשר"

אַנאַנים. און אויף דעם צווייטן ווערק אין יידיש, „דאָס ווינטשפינגערל" (אַרויס אין 1865) איז דער מחבר אָנגעגעבן אויף אַזאַ מין אופן: „... אַרויסגעגעבן געוואָרן לטובת הכלל פון מענדעלע מוכר ספרים, מאת איש, דעם מחבר פון דעם „קליינעם מענטשעלע" (איש — אויף צוריק איז ש. י. א. — די איניציאַלן פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש. — נ. מ.).

יצחק יואל לינעצקי, דער מחבר פון „דאָס פוילישע יינגל", חתמעט זיך אויף זיין ווערק אַט אַזוי: „עלי־קצין הצחקואלי מק״ק וציוני". — דאָס זיינען די אותיות יצחק יואל לינעצקי פון וויניצע, אַנדערש אויסגעשטעלט. אויך משה אהרן שאַצקעס האָט זיין ווערק „דער יידישער פּאַר־פסח אָדער מנהג ישראל", אַרויס אין 1881, אונטערגעשריבן נישט מיט זיין נאָמען, וואָס איז שוין דאַן גוט באַקאַנט געווען אין דער יידישער וועלט, ווי דער מחבר פון דעם העברייאישן ספר „המפתח".

אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען דערציילט שלום־עליכם, אַז ווען ער האָט באַשלאָסן צו שרייבן יידיש האָט ער „צוגעטראַכט דעם פסעוודאָנים „שלום־עליכם", אונטער וועלכן דער מחבר האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון קרובים און באַקאַנטע".

מיט שלום ראַבינאָוויטשן איז געשען אַ וואונדערלעכע איבערוואַנדלונג. אָנגעהויבן שרייבן, צוליב גאָר זייטיקע טעמים און מאָטיוון, אונטערן נאָמען שלום־עליכם, האָט ער, שלום ראַבינאָוויטש, זיך אינגאַנצן אויפגעלייזט אין דעם נאָמען שלום־עליכם.

גאַנץ אַנדערש איז עס ביי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש. ער איז נישט מוותר אויף זיין נאָמען, אדרבא, ער היט אים אויף, ער באַנוצט זיך מיט אים שטענדיק אין בריוו, ער היט אים אויף צווישן פריינט. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי ביז די לעצטע יאָרן האָט ער נאָך אַלץ נישט געקאָנט אַדורכקומען מיט אָט דעם מענדעלע מוכר ספרים, וואָס אָט איז ער אַ שטיק שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, ווערט ווי צונויפגעשמאָלצן מיט אים, אָבער על פי רוב, ווי מיר וועלן ווייטער זען, איז מענדעלע מוכר ספרים דאָך נישט מער ווי אַ געשטאַלט, אַ מין באַגלייטער, לאָמיר זאָגן, אַ לעבנס־באַגלייטער אַבראַמאָוויטשעס, אָדער אַזאַ מין געשטאַלט, וואָס האָט אין באַשטימטע מאָמענטן אויסצופילן געוויסע שליחותן פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז ביי די עלטערע יידישע שרייבער זיינען זייערע ווערק אַרויסגעוואַקסן פון זיי גופא, פון זייער אייגענעם תוך און וועזן; דאָס שאַפן איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם שרייבערס אינעווייניקסטער וועלט, מיט זיין אייגענער פסיכיק. ווי זאָגט מענדעלע מוכר ספרים אין דער הקדמה צום „ווינטשפינגערל": „ווירקן אויף אַ פאָלק קאָן נאָר אַזעלכער,

וואָס איז ביין פון זייער ביין, פלייש פון זייער פלייש, וואָס האָט געליטן איינע צרות, געפילט איינע ווייטיקן מיט זיי..." דער עלטערער יידישער שרייבער האָט באַמיט זיך דורך זיינע ווערק אַרויסצואַנטפּלעקן זיך, זיין אייגן פּרצוף פּנים, זיין אייגענעם מהות. דאָס שרייבן איז געווען דער אויסדרוק פון אייגענע געראַנגלענישן, פון דעם קאַמף, וואָס זיי האָבן געפירט מיט זיך גופא, מיט דער אַרומיקער סביבה. שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט במשך פון די איבער פופציק יאָר פון זיין שאַפן געהאַט פאַרשיידענע צייטן און שטימונגען. אַט איז ער געווען דורכאויס משכיל, און אַט — פאָלקס־מענטש, אַט שטראָפער און אַט מיטליידנדיקער, אַט סאַטיריקער און אַט — מיטפילנדיקער. דעריבער איז אַזוי פאַרשיידן די אויפפאַסונג פון זיין מענדעלע־מוכר־ספרים־געשטאַלט.

עס איז נישט געווען ביים שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איין גאַנצער, פאַר־ענדיקטער מענדעלע מוכר ספרים. עס זיינען געווען פאַרשיידענע מענדעלעך. זיי ענדערן זיך פון ווערק צו ווערק, זיי האָבן צו דערפילן פאַרשיידענע אויפ־גאַבעס און פונקציעס, און זייער ראָלע איז דעריבער אַלעמאָל אַן אַנדערע.

עס איז געווען, ווען מיר זיך באַנוצן מיט דעם מענדעלע־וואָרט, אַ שטענדיקער „ויתרוצצו", אַ געראַנגלעניש צווישן אַבראַמאָוויטשן און מענ־דעלען, און אַט איז גובר איינער, און אַט — דער צווייטער.

מיר ווילן דערביי מאַכן די באַוואָרעניש, אַז אויסשעפּן אַט די טעמע אינ־גאַנצן וועט זיך לאָזן ערשט דאַן, ווען מיר וועלן האָבן פאַר זיך אַן אַקאַדעמישע מענדעלע־אויסגאַבע, און מיר וועלן קאָנען פאַרגלייכן די פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון די פאַרשיידענע מענדעלע־ווערק און אויך דערגייון, וואָס עס שטאַמט פון מענדעלען גופא און וואָס עס קומט פון זיינע איבערזעצער אָדער אַרויסגעבער.

עס איז קלאָר, אַז דעם אמתן ענטפער אויף דער פראַגע שלום יעקב אַבראַמאָוויטש־מענדעלע מוכר ספרים ווי אויך דער איינציקער מקור, פון וועלכן מיר קאָנען שעפּן מאַטעריאַלן כדי פעסטצושטעלן די גרענעצן צווישן זיי ביידן, קאָן זיין טאַקע בלויז שלום יעקב אַבראַמאָוויטש דורך זיינע ווערק. וועלן מיר זיך ווענדן צו אים גופא און צו זיינע פאַרשיידענע ווערק, און זען ווי עס וואַקסט אַרויס פון זיי און ווי עס אַנטוויקלט זיך די מענדעלע־געשטאַלט פון ווערק צו ווערק און וואָס פאַר אַ כאַראַקטער־שטריכן זי באַקומט.

.3

איידער מיר גייען ווייטער — לאָמיר פריער זען פון וואַנעט עס שטאַמט דער נאָמען מענדעלע מוכר ספרים ביי שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן. וועגן

דעם האָבן מיר אָן אינטערעסאַנטע סיפּור־המעשה, וואָס ס׳גיט אונדז איבער ש. י. אַבראַמאָוויטשעס נאָענטער פריינט — שלום־עליכם. אין זיין באַוואוסטער שילדערונג „פיר זיינען מיר געזעסן“ (געשריבן אין יאָר 1908) גיט ש״ע אונדז איבער וואָס ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט דערציילט אויף אַ שפּאַציר אין די אַלפּענבערגביים בייזיין פון ח. נ. ביאַליק און בן־עמי. דער עולם האָט געשטעלט דעם זיידן אַ ריי פראַגן און צווישן זיי אויך די פראַגע: „זיידע, פאַרוואָס האָט איר זיך אויסגעקליבן דעם פּסיידאָנים מענדעלע מוכר ספרים?“ און שלום־עליכם דערציילט: „. . . עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צו שרייבן יידיש, דאָס הייסט צו רעדן מיטן גאַנצן פאָלק אויף זיין לשון, האָט אים שוין לאַנג געצויגן, נאָך פאַרן ערשטן אַרויסטריט אויפן פעלד פון דער יידישער ליטעראַטור; און מחמת שרייבן יידיש איז מיט פערציק יאָר פריער נאָך געווען אַ שאַנדע, ובפרט נאָך פאַר אַזאַ יונגנמאַן אַ משכיל, ווי ער, וואָס „קלוגע מענטשן“ האָבן אויף אים געזאָגט, אַז דאָס וואַקסט אַ „חיים זעליג סלאָנימסקי“, — האָט ער זיך מיט זיין ערשטן ווערק „דאָס קליינע מענטשעלע“ באַהאַלטן בחדרי חדרים, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, און האָט אַוועקגעשטעלט דערויף אַ נאָמען פון אַ לעבעדיקן פאַרשוין, איינעם אַ סענדערל אַ מוכר־ספרימניק, וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין יענער צייט מיט זיין פערד און װעגעלע אין דער סביבה פון באַרדיטשעוו, דאָס באַרימטע גלופּסק אַליין. „דאָס קליינע מענטשעלע“, אָדער „יצחק אברהמל תקיף“ איז גענומען געוואָרן פון אַ לעבעדיקן פאַרשוין, וואָס האָט אין יענער צייט געקנאַקט אין גלופּסק מיט דער גרויסער בייטש און אָנגעטריבן די כנסת ישראל. . . . אָנגעשריבן האָט ער „דאָס קליינע מענטשעלע“ אין פאַרלויף פון דריי טעג, ניט מער, מיט פּחדים און מיט פיבער, און אַוועקגעשיקט עס אין „קול מבשר“ אַריין, צו אַלעקסאַנדער צעדערבוים. דערזעען אויפן שער דעם נאָמען „סענדערל מוכר־ספרים“, האָט זיך אַלעקסאַנדער צעדערבוים דערשראָקן, צי מיינט מען דאָס ניט אים אַליין טאַקע (אַלעקסאַנדער—סענדער־סענדערל?), האָט ער זיך מיישב געווען — קיין צערעמאָניעס מיט אַ יידישן מחבר דאַרף קיינמאָל אַ יידישער רעדאַקטאָר ניט מאַכן, ובפרט נאָך אין יענער צייט — און האָט אים איבערגעמאַכט דעם נאָמען סענדערל אויף מענדעלע, — און אָט אַזוי איז זיך אַרויס אויף דער וועלט מענדעלע מוכר ספרים, וואָס האָט ניט אויפגעהערט אַרומצופאָרן מיט זיין ביסל געדרוקטע סחורה איבער דער מדינה פון גלופּסק, פאַרבלאָנדזשעט פון דאָרטן קיין קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע. . . .“ (אַלע ווערק פון שלום־עליכם, ב׳ 15, ז׳ 156.)

דאָס זעלבע גיט איבער אין זיין ביאָגראַפיע וועגן ש. י. אַבראַמאָוויטש אויך י. ח. ראַווניצקי, אַ נאָענטער מענטש און לאַנגיאָריקער פריינט פון אַבראַ־

מאָוויטשן. „. . . ווען ער, אַבראַמאָוויטש, האָט זיך דורכגעשלאָגן און איז אַרויס אויף זיין אמתן וועג, האָט ער זיך פאַר די לעזער באַוויזן אין דער געשטאַלט פון מענדעלע מוכר ספרים. . . . אַראָפּלאָזן זיך פונעם הויכן באַרג אין טיפן טאָל, נעמען שרייבן אין יענער צייט פשוט זשאַרגאָנישע מעשות פאַרן פּראָסטן עולם, בפרט פאַר אַזאַ שרייבער מיט אַזאַ נאָמען ווי אַבראַמאָוויטש האָט שוין געהאַט אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט, — צו דעם האָט מען געדאַרפט האָבן אַ באַזונדער גבורה און דרייסטקייט, וואָס האָט דעמאָלט גע־גרענעצט כמעט מיט אַ ליטעראַרישן זעלבסטמאָרד...‟ און אויך י. ח. ראַוו־ניצקי דערציילט, אַז אַבראַמאָוויטש אַליין האָט זיך אָנגערופן אין „קליין מענטשעלע‟ „סענדערל מוכר ספרים‟ (פון דער יוגנט האָט ער געדענקט איינעם אַ סענדערל מוכר ספרים, וואָס פלעגט אַראָפּקומען קיין קאַפּוליע), נאָר צעדער־בוים, וואָס זיין נאָמען איז אויך געווען סענדער, האָט געפונען, אַפּנים, אין דעם עפּעס אַן אומכבוד פאַר זיך און האָט משנה שם געווען אויף מענדעלע מו״ס — און פון דעמאָלט אָן איז שוין אַזוי פאַרבליבן דער נאָמען מענדעלע מוכר ספרים.‟ (אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס, ב׳ 1.)

און אַזוי איז באַשערט געווען, אַז אָט דער נאָמען, וואָס איז לכתחילה געגעבן געוואָרן פון אַבראַמאָוויטשן, כדי צו „פאַרבאַהאַלטן זיך פאַר לייטן‟, כדי ניט צו שאַטן זיין אייגענעם פאַרדינטן נאָמען ש. י. אַבראַמאָוויטש, אַז אָט דער נאָמען מענדעלע מוכר ספרים זאָל פאַרקערפּערן מיט זיך דעם קלאַסיקער פון דער נייער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און זאָל ווערן דער שטאָלצער און ווירדיקער אַריינפיר־אַריינפאַר אין אַ נייער פּרעכטיקער תקופה פון דעם מאָדערנעם יידישן שאַפן.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, אַ חשובער און לייטישער משכיל, דער מחבר פון אייניקע ספרים און אָפּהאַנדלונגען אין דער מיוחסדיקער העברייאישער שפּראַך, האָט אין 1864 „צוגעטראַכט‟ אַ זייטיקן נאָמען, כדי זיך צו פאַרשטעלן, כדי זיך צו פאַרבאַהאַלטן, כדי נישט אַרויסגעבן זיך אַליין. ער האָט זיך גאָר אַליין ניט פאָרגעשטעלט, אַז דער נאָמען מענדעלע מוכר ספרים זאָל גאָר מיט דער צייט אַריין אים אין בלוט, ער זאָל ווערן אַ טייל פון אים, און גאָר ניט אויף קאַטאָוועס זאָל ער ווערן מיט אים געקניפּט און געבונדן אויף לאַנגע יאָרן. עס איז מערקווירדיק, ווי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט אין לויף פון די אַלע ווייטערדיקע יאָרן, אפשר אָן דעם אייגענעם ווילן און וויסן, גע־שפּילט מיט מענדעלען, זיין באַגלייט־געשטאַלט, אַ מערקווירדיקע שפּיל. אָדער ריכטיקער געזאָגט — שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט אַלעמאָל אַנדערש און פאַרשיידן געזען און אויפגעפּאַסט די צוזאַמענבינדונג זיינע מיט מענדעלע מוכר ספרים. גאָר ניט ווי זיין „אייניקל‟ שלום־עליכם, וואָס האָט גלייך פון

אָנהויב אָן זיך איבערגעוואָנדלט פון שלום ראַבינאָוויטש אין שלום־עליכם, האָט ער דאָך ניט געקאָנט און אפשר ניט געוואָלט אויפלייזן שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן. בליבט דעריבער זייער אָפּט אַ דיסטאַנץ צווישן אַבראַ־מאָוויטשן און מענדעלען, — אָבער אין ערגעץ ניט איז ש. י. אַבראַמאָוויטש נידעריקער, עפּעס וויניקער, און אוודאי ניט מינדערווערטיקער פון מענדעלע מוכר ספרים, ווי איניקע האָבן געפּרואווט אַרויספּשטעלן. ווייל מענדעלע מוכר ספרים איז דאָך סוף־כל־סוף ניט מער ווי אַ טייל, אַן אָפּבילד, אַ באַגלייטנדיקער שאָטן פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש. און עס קומט אויס, ווי ס'איז געווען שטענדיק אַ קאַמף, אַ גערעַנגל פון ש. י. אַבראַמאָוויטש און מענ־דעלע מוכר ספרים. און נאָך ריכטיקער — מענדעלע האָט פּאַרגעזעצט צו לעבן זיין אייגענעם, אייגנאַרטיקן לעבן ביי ש. י. אַבראַמאָוויטש; און ס'איז אין דער אמתן ניט געווען קיין איין מענדעלע מוכר ספרים, נאָר עס זיינען געווען פיל מענדעלע־געשטאַלטן אין די פאַרשיידענע ווערק פון ש. י. אַבראַמאָוויטש.

אין די שוין־דערמאָנטע „שטריכן צו זיין ביאָגראַפיע" (ז' 19, אַלע ווערק פון מענדעלע מו"ס) דערציילט ש. י. אַבראַמאָוויטש ווי ער האָט ייִנגלווייז ביי זיין שטיפפאָטער אין דעם דאָרף מעלניקי אָנגעהויבן צו שרייבן: „. . . און אַ וואונדערלעכע זאַך: ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן און די ערשטע זאַך אויפגעשריבן — איז צו מיר געקומען דער שטן, דאָס איז דער אָפּשפּעטער, וואָס געוועלטיקט איצט אין מיר אין געשטאַלט פון מענדעלע מוכר ספרים, און האָט מיך אָנגערעדט אָפּצושפּעטן פון מענטשן און אַראָפּרייסן די מאַסקע פון זיי." (ז' 157.)

האָבן מיר דאָ ביי מענדעלע גופא, פון דער דאַטע 1899, אַזאַ מין כאַראַק־טעריסטיק וועגן מענדעלע מוכר ספרים — אין דער געשטאַלט פון אַן אָפּ־שפּעטער, וואָס רייסט אַראָפּ די מאַסקע ביי מענטשן.

אַז די באַצייכענונג מענדעלע מוכר ספרים איז געווען אָפּט ביי שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן ניט בלויז פאַר זיין יידיש שרייבן פאַר די פאָלקס־מאַסן, ווען ער האָט ספּעציעל צוגעקליבן אַ פאָלקס־נאָמען, ווי ש. ניגער דעפינירט דעם נאָמען מענדעלע, זעען מיר פון אַ בריוו פון יאָר 1886 פון אַבראַמאָוויטשן צו זיין נאָענטן פריינט ל. בינשטאָק, וואו ער שרייבט: „אונדזער מענדעלע מוכר ספרים האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ נייע דערציילונג אויף העברייאיש. דאָס ערשטע קאַפּיטל וועט איר די טעג לייענען אין דער צייטונג „היום". (זע „מענדעלע־טורעם" — אַלע ווערק פון מענדעלע מו"ס, ב' 22, ז' 40.)

און הגם שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט נאָך אין 1869 אויסגעקליבן פאַר זיין פּסייִדאָנים מענדעלע מוכר ספרים און אונטער זיין נאָמען אָנגעהויבן

אַרויסגעבן אין בוך נאָך דעם צווייטן, אָבער אין די ווערק גופא זיינען דאָ ווידעראַנאַנדן אין דעם פּסיידאָנים. אין אַ ריי ווערק איז מענדעלע מוכר ספרים ביי אַבראַמאָוויטשן ניט מער ווי אַ פאַקנטרעגער, אַ מוכר ספרים, וואָס שלעפּט זיך אַרום פון שטעטל צו שטעטל און פאַרקויפט כלערליי דומ״ל־סחורה, ציצית, תחינות, בענטשערלעך, טליתים קטנים און די אַלע איבעריקע סחורות, וואָס עס פלעגן אַמאָל פאַרקויפן מוכרי־ספרים און פאַקנטרעגער. אין אייניקע ערטער איז שוין מענדעלע מוכר ספרים אַ מין אַרויסגעבער, ער העלפט מיט דעם מחבר, דעם פּראָפעסער, צו פאַרשפּרייטן דאָס בוך. בלויז אין אייניקע זאַכן קומט אויס, אַז מענדעלע איז טאַקע דער פּראָפעסער און פון זיין נאָמען גייט עס די דערציילונג.

מיר וועלן אַזוי גיין כסדר מיט שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן און אויפנעמען לויט זיינע ווערק די געשטאַלט פון מענדעלע מוכר ספרים, ווי זי ווייזט זיך און אַנטפּלעקט זיך אין די ווערק פון ש. י. אַבראַמאָוויטש.

עס ליגט פאַר אונדז די יובליי־אויסגאַבע „אַלע ווערק פון ש. י. אַבראַמאָוויטש״ (פאַרלאַג „מענדעלע״, וואַרשע, 1928), און מיר גייען מיט ש. י. אַבראַמאָוויטשן לויט דער דאָזיקער אויסגאַבע.

אין „דאָס קליינע מענטשעלע״ קומט דאָס ערשטע קאַפּיטל, וואָס דערציילט אין מענדעלע מוכר ספרימס נאָמען, אַז ער איז געשטאַנען מיט זיין ביידל אינמיטן וועג און ניט געקאָנט ביי זיך באַשליסן וואוהין צו פאָרן — קיין גלופּסק, אָדער אין שטעטל, אַ מין קאַבצאַנסק, — האָט ער אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדל, אָפּגעלאָזט די לייצעס, און דאָס פערדל האָט פאַרנומען רעכטס אויף דעם וועג קיין גלופּסק. גלופּסק האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מענדעלען, און באַזונדערס דער רב. די מעשה איז, וואָס עס איז געשטאָרבן דאָרט אַ ייד אַן עושר יצחק אברהם, האָט ער איבערגעלאָזט אַ פּעקל פּאַפּירן, וואָס ער האָט איבערגעגעבן דעם רב מיט דער בקשה, אַז נאָך זיין טויט זאָל ער עס איבערלייענען פאַר די שטאָטישע נגידים. האָט דער רב מקיים געווען די צוואה פון דעם פאַרשטאָרבענעם און אָנגעהויבן לייענען דאָס פּעקל פּאַפּירן פאַר די נגידים, און דאָס איבעריקע האָט מען אָפּגעלייגט צו לייענען מאָרגן. „וואָס זשע וויל איך פון אייך? — ווענדט זיך דער רב צו מענדעלע מוכר ספרים. — פון אייך, ר׳ מענדעלע, וויל איך, איר זאָלט זיך מטריח זיין מיט אייער כבוד אויך קומען צו מיר מאָרגן פרי, אם ירצה השם, בשעת קריאת הפּאַפּירן. פאַרוואָס? אָט דאָס וועט איר וויסן, אם ירצה השם, לאחר הקריאה. מסתמא איז רעכט. מאָרגן וועט איר שוין וויסן, אַז איך האָב אייך מטריח געווען איבער אַ דבר גדול. לעת עתה גיב איך אייך לייענען פאַר זיך אין דער היים, ביחידות, אָט די בלעטלעך, וועלכע איך האָב היינט פירגעלייענט

פאַר אונדזערע נגידים, כדי איר זאָלט באַקאַנט ווערן מיט דעם ענין מתחילת ועד סוף."

אין דעם בוך איז, אגב, דאָ אַן אָרט, וואָס עס ווילט זיך דאָ ברענגען פון דאָרט אייניקע שורות. עס קומט דאָ אויף פאַר אונדז די געשטאַלט מענדעלע מוכר ספרים און די געדאַנקען, וואָס אַבראַמאָוויטש טיילט אים צו צו טראַכטן. עס זיצט דאָס בינטל נגידים ביים רב און מען לייענט די כתבים פון יצחק אברהם. דערוויל קומט אַריין אין צימער די רביצין און דערזעענדיק מענדעלען טוט זי אַ זאָג:

— אַ, ר' מענדעלע! וואָס מאַכט איר גוטס? שוין אַ לאַנגע צייט טאַקע, ר' מענדעלע, זיינט איר הי ביי אונדז ניט געווען. האָט איר אונדז, ווייבער, עפּעס געבראַכט נייע ספרים?"

די מאַנסבילן שמייכלען און חוזקן פון די ווייבער און ווייבערישע ביכלעך, אָבער מענדעלע מוכר ספרים נעמט זיך אָן פאַר די ווייבער און זייערע ספרים. איינער אַ נגיד טוט אַ זיס שמייכעלע צו מענדעלען, וואָס ער מאַכט אַ מרידה צווישן די ווייבער. און די רביצין, אַ וואווילקענעוודיקע, האַלט אַ לאַנגע דרשה וועגן דער דאָליע פון די ווייבער און וועגן דער באַדייטונג פון די תחינות און ווייבערשע ספרימלעך, און זי דאַנקט ר' מענדעלען, וואָס ער האָט אין איר ניט פאַרגעסן. און מענדעלע דערציילט: „איך בין מיר געזעסן אומעטיק אין אַ ווינקל און צעקייט דער רביצינס איטלעכס וואָרט. אירע ווערטער זיינען געווען אָנגעזאַפּט ווי אַ שוואָם מיט שאַרפע, ביטערע געפילן, האָבן מיך געשטאָכן, געצופּט און אָנגעכאַפּט ביים האַרץ, וואָס מער איך האָב זיי צעקייט. מיר איז דענסטמאָל געווען צו מוט עפּעס גלייך ווי מען וואָלט פאַר מיינע אויגן געפּאַלמעסט אַ לעבעדיקן מענטשן, אַרויסגענומען דאָס וואָרעמע, נאָך צאַפּלדיקע האַרץ, עס געעפנט, געשניטן, אַריינצוקוקן און זען אַלצדינג, וואָס דאָרט אינעווייניק גייט פאָר. איך בין זיך מודה, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן איז מיר אויסגעקומען ערנסט צו באַטראַכטן די שפּלע לאַגע פון די ווייבער, צו פאַרשטיין זייער האַרץ און צו האָבן אויף זיי רחמנות." (ז' 79.)

אויף זייט 150 ווערט פאַרענדיקט דאָס פּעקל איבערגעבליבענע כתבים פון דעם קליין מענטשעלע, וואָס דער רב האָט פירגעלייענט פאַר די באַלע־באַטים פון דער שטאָט. צום סוף פון דעם פּעקל פּאַפּירן איז צוגעגעבן פון דעם פאַרשטאָרבענעם: „אויף מסדר צו זיין מיינע פּאַפּירן ווי געהעריק, אויס־צובעסערן די גראָבע גרייזן מיינע דאָרט, צוצוגעבן אַ ביסל פעפער, אַ ביסל געווירץ, עס זאָל לאַפּצען, עס זאָל אַ טעם האָבן, אָפּצודרוקן זיי אין באַזונדערע ביכלעך און צו פאַרשפּרייטן זיי דערנאָך אין דער וועלט — דערויף איז דאָך איין בריה טאַקע ר' מענדעלע מוכר ספרים. איך געדענק אים נאָך פון צבוע־

טשיק, בשעת ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, אַ באַלעבעסל. אים זאָלט איר עס איבערגעבן און ער וועט, פאַרהאַף איך, דערפילן מיין וואונטש ווי צום בעסטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז ער באַדאַרף פאַר זיין טרחה זייער שיין באַלוינט ווערן." אויף דעם ענדיקן זיך די פאַפּירן, וואָס דער רב האָט פירגעלייענט פאַר די אָרטיקע נגידים.

און נאָך דעם, ווי דער רב האָט געבעטן מענדעלען פאָרן קיין צבועטשיץ איבערצוגעבן דאָרט דעם בריוו צו גוטמאַנען, ווי עס איז דערמאָנט אין דער צוואה פונעם פאַרשטאָרבענעם, האָט דער רב געזאָגט צו מענדעלען: „און וויטער בעט איך אייך, ליבהאַרציקער ר' מענדעלע, איר זאָלט נעמען אויף אייך אָפּצודרוקן די אַלע דאָזיקע פּאַפּירן אין אַ סך ביכלעך און אויסברענגען זיי בכל תפוצות ישראל פאַר אַ וואָלוועלן מקח, בכדי דער עולם זאָל זיי מער קויפן. מכוח אייער באַלוינונג איז ניטאָ וואָס צו רעדן, עס וועט אם ירצה השם זיין רעכט."

מענדעלע קומט צוריק צו זיין פערד און טרעפט אים אין זייער אַ שלעכ־טער לאַגע, נעבעך. קונדסים, ווייסע־חברה האָבן אים אויסגעריסן כמעט אַלע סטרונעס, איבערלאָזנדיק אים נאָר אָקעגן פערציק האָר אין וויידל. עסן האָט ער מכות. ער איז געשטאַנען ערנסט, אַראָפּגעהאַנגען די אונטערשטע ליפּ, געקוקט אין ביידל אויף די ספרים און געטראַכט. „וואָס אַ פערד טראַכט קוקנדיק אויף ספרים — דאָס איז ניט פאַר אונדזער מוח צו פאַרשטיין..." און מענדעלע טוט זיך אַזוי אַ זאָג: „דו האָסט טאַקע געטאָן אַ גרויסע חכמה, וואָס דו האָסט מיך געפירט קיין גלופּסק. מיט דיין חכמה האָסטו געבראַכט נוצן אי מיר, אי דער ליטעראַטור. דו ווייסט, פערד, וואָס אַזוינס דו האָסט געטאָן? וואָס פאַר אַ שיינעם חיבור מיר איז אַציִנד באַשערט דער וועלט אַרויסצוגעבן, נאָר צוליב דיר טאַקע, צוליב דיין מוח, וואָס האָט גראָד אַ נעם געטאָן גלופּסק? פון היינט אָן פיר דו מיך, פערדל, דו חכם מיינער..." און אינעם סוף וואָרט שרייבט צווישן אַנדערן מענדעלע: „ . . . איך האָב מיך גענומען צו מיינס און געאיילט גיכער אָפּצודרוקן דעם דאָזיקן ספר, ניט געשפּאָרט קיין מי, ער זאָל אַרויסקומען, ווי מען זאָגט, „אָגיל ואשמח" — קיילעכדיק און שפּיצעכ־דיק." (ז' 153.)

אַזוי זעט אויס די מענדעלע־געשטאַלט אין „דאָס קליינע מענטשעלע" און דאָס זיינען זיינע פונקציעס.

אַזאַ איז די מענדעלע־געשטאַלט אין דער מענדעלע־אויסגאַבע פונעם „קליין מענטשעלע" פון 1928 — אַן איבערדרוק פון דער אויסגאַבע פון 1907. אין דער אויסגאַבע פון 1879 הויבט זיך אָן דאָס ווערק מיט אַ קאַפּיטל, וואו מענדעלע שטעלט זיך פאָר: „מענדעלע הייס איך!" ס'איז אַ נאָמען נאָך אַן

עלטער־יידן. ער איז „אַ געבירטיקער פון צוויאַטשיטש", „אין פּאַספּאָרט שטייט ער אַלט 52 יאָר, נאָר באַשטימט וויפל ער איז אַלט קאָן ער נישט זאָגן". און ער שטעלט זיך פאָר: „... מיין שטערן איז אַ הויכער מיט אַ סך קנייטשן, מיינע נאָזלעכער זיינען זייער גרויסע און עפּעס משונה, אַז איך קוק, מאַך איך דערביי צו אַ ביסל די אויגן ווי אַ קורצזיכטיקער, און אַז איך פאַרצי די ליפּן — זעט עפּעס אויס ווי איך שמייכל מיט אַ שטעכנדיק געלעכטערל..." „האַנדלען האַנדל איך מיט רומל, דאָס הייסט מיט חומשים, מחזורים, סידורים, סליחות, תחינות וכדומה אַזעלכע מיני ספרים. דערביי געפינט זיך ביי מיר אַלערליי מעשיות — און אַ ביסל פון היינטיקע מיני ביכלעך." ער רעכנט אויס פאַרשיידענערליי פרנסות, וואָס ער האָט איבערגעהאַט אין זיין לעבן, און דערביי דערציילט ער וואָס נאָך סאָראַ סחורות ער האָט מיט זיך... און ער גיט צו: „... אפשר האָב איך עפּעס פאַרגעסן, מעגט איר מיר זיכער גלויבן אויף מיין וואָרט, אַז וויבאַלד איך וועל מיך נאָך דערמאָנען, וועל איך עס גאַנץ געוויס צושטעלן אין איינער פון מיינע מעשיות, וואָס איך האָב בדעה מיט גאָטס כוח איינע נאָך אַנדערער אָפּצודרוקן..."

שוין דאָ זעען מיר ווי ביי אַבראַמאָוויטשן גופא איז די מענדעלע־געשטאַלט אַ נישט־פּאַרטיקע, אַ נישט־פאַרענדיקטע. פון אַ פאַרקויפער פון רומל ווערט ער אַ מחבר, וואָס האָט שרייבערישע אַספּיראַציעס.

פיל מער אַקטיווער איז שוין מענדעלע אין „פישקע דער קרומער". ער ברענגט שוין דאָרט אַריין אַ סך מער פון זיך, פון זיין אייגענעם נאָמען, ריכטעט אָפּט די געשיכטע לויט זיין ווילן, מאַכט אָפּנויגן, גיט צו אַ סך „גיט דאָס בין איך אויסן" און לאָזט אַלעמאָל זיך וואוילגיין מיט זיינע אַריינזאָגעכצן און ווערטלעך און מוסר־השכלס.

עס איז שוין אַזוי־אַרום אַ וווייטערע אַנטוויקלונג פון דער מענדעלע־געשטאַלט ביי אַבראַמאָוויטשן.

ווי אין אָנהייב פון „דאָס קליין מענטשעלע", אַזוי הייבט זיך אויך אָן „פישקע דער קרומער" מיט מענדעלע מוכר ספרים, וועלכער פאָרט אין זייןביידל. עס איז אין רעכטן מיטן זומער. „קוים — זאָגט מענדעלע — גיט אַ שיין די ליכטיקע זון און זומער־לעב אין דעם לאַנד, מענטשן ווערדן ווי ניי־געבוירן און דאָס האַרץ פרייט זיך זיי, קוקנדיק אויף גאָטס וועלט דער שיינער — דענסטמאָל הייבט זיך ביי יידן אָן די רעכטע אומעטיקע צייט צו קלאָגן און פאַרגיסן טרערן. עס גייט דאָס גאַנצע צעטל טרויער: תעניתים, פייניקן זיך, יאָמער און געוויין פון ספירה ביז העט אין די גרויסע בלאָטעס און נאַסע אָסיענדיקע קעלט. דענסטמאָל שטעלט זיך פאָר מיר, מענדל מוכר ספרים, דער גרויסער יאַריד. איך אַרבעט, פאָר באַשטענדיק אַרום צו פאַרזאָרגן

יידישע קינדער אין אַלע שטעטלעך מיט די אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן צום וויינען, מיט קינות, מיט סליחות, ווייבערשע תחינות, מענה־לשונס, שופרות און מחזורים. הכלל, יידן קלאָגן, פאַרוויינען דעם זומער — און איך מאַך דערווייל געשעפטן.״

און אָט ווי מענדעלע שטעלט זיך פאָר פאַר אונדז: „אונטערוועגנס איין־מאָל, שבעה עשר בתמוז, גאַנץ פרי, זיץ איך מיר אויף דער קעלניע פון מיין ביידל אין טלית און תפילין, מיט דער בייטש אין דער האַנט, גאַנץ יידישלעך. די אויגן זיינען מיר צוגעמאַכט, בכדי ניט אַנצוקוקן ביים דאַוונען די ליכטיקע וועלט. מעשה שטן אָבער איז זי, די נאַטור, ווי הייסט מען עס, געווען וואונדער־שיין, גאָר אַ בילד. און עס האָט מיך געצויגן עפּעס ווי אַ כישוף אַ קוק צו טאָן. איך האָב אַ היפּשע צייט מיך געראַנגלט מיט מיר אַליין. דער יצר טוב זאָגט: „פּע!... מען טאָר נישט!״ דער יצר הרע אקעגן טאַרעט: „נישקשה! האָב הנאה, נאַרעלע!״ און אַזוי זיצנדיק און שלעפנדיק אין דעם הייסן זומער־טאָג און אין דעם תענית, ווערט מענדעלע אַנדרימלט. ער כאַפּט זיך אויף פון דעם, וואָס זיין ביידל האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַן אַקס פון עפּעס אַן אַנדער ביידל. עס ווערט אַ געטומל, מען בטלט זיך אויס אַלע חלומות און לסוף — דאָס איז אַ צווייטער מוכר ספרים, — ר׳ אַלטער יקנה״ז, אַ באַקאַנטער מענדעלעס פון אַלטע יאָרן. און אָט וואָס מענדעלע מוכר ספרים זאָגט וועגן דעם צווייטן מוכר ספרים: „ער איז אַ מענטשל פאַר זיך, ניט שטאַרק איבער־געשפּיצט, ניט קיין גרויסער בעל־דברן, שטענדיק אַנגעבלאָזן, ווי ברוגז אויף דער וועלט, הגם ער איז בטבע ניט קיין שלעכטער מענטש.״ אַלטער איז אַ טונעיאַדעוועקער, „אַ יאַדערדיק יידל, אַ געשפּיקעוועטער מיט אַ דיק בייכל. זיין פּנים איז געדיכט באַוואַקסן מיט שמוציק־געלע האָר, פון וועלכע ס׳איז דאָ גענוג אויף פּאות, אויף אַ באָרד און אויף וואָנצעס אי פאַר זיך, אי אויף נאָך עטלעכע יידן צו באַטיילן. אין דעם ים ליגט אַ וויספּע — אַ ברייטע, פּלישיקע נאָז, וואָס איז דאָס רוב יאָר פאַרלייגט, אָן שום התמנות . . .״ און אַזוי ווייטער מאָלט מענדעלע זיין באַקאַנטן מוכר ספרים, וואָס שיידט זיך אינ־גאַנצן פאַנאַנדער פון אים, מיט זיין כאַראַקטער, מיט זיין אופן אויפצונעמען און רעאַגירן אויף אַרומיקע פּאַסירונגען.

עס איז אינטערעסאַנט דאָס געבעט פון מענדעלען נאָך דעם, ווי גויאישע פורלעך פאָרן אָן מיט געשריי אויף זיי, הלמאי זיי, מענדעלע און אַלטער, האָבן פאַרשטעלט דעם וועג, און חוזקן פון זיי און שפּאָטן פון זיי. זאָגט מענדעלע אַ געבעט אויף תחינה־לשון און ענדיקט אים אָט אַזוי: „טו אויך באַגיטיקן מיין מזל פאַר מיין לויבונג און באַשיינונג היינט דיין נאָמען באַשיינפּערלעך מיט אַכפּערקייט. טו צושיקן מיר, דייך קנעכט מענדל, דער זון פון דיין דינסט

גנענדל, און כל ישראל עפּעס פּרנסה, אַ גוט געשעפטל מיט נחת רוח, אָמן!״

מענדעלע אין „פישקע דער קרומער״ באַווייזט זיך פיל מאָל אין לויף פון דער האַנדלונג אין בוך. אין די ערשטע זייטלעך ברענגט ער אַרויס אַלטערן, האַלט אין איין אָנרעגן אים, ער זאָל רעדן און אויסדערציילן וועגן זיך, וועגן זיין ערשטן ווייב און די קינדער. און אָט לייענען מיר אַזעלכע עטלעכע שורות: „איך האָב מיך אין האַרצן — זאָגט מענדעלע — שטאַרק באַשולדיקט, למאי האָב איך אויפגערירט אַלטערס אַלטע וואונדן. דאָס איז טאַקע די מעשה מיט אַ יידן, אַריינצומישן זיך אין יענעמס היימישע זאַכן און אַריינצוקריכן מיט שאלות יענעם אין דער נשמה אַריין, בשעת זי טוט וויי און וואַרגט זיך נעבעך מיט די צרות שטילערהייד פאַר זיך אַליין. . . . איך האָב ניט געקאַרגט, ווייטער איינגעגעבן אַלטערן רעד־מיטל מיט דער פולער מאָס. צוגעפּאַסט צו אים אַ גוט שליסעלע, אָנגעדרייט אים מיט קונצן — און דער אומרו, דאָס צינגל זיינס, האָט ווידער זיך צעשאָקלט.״ און אַלטער האָט ווייטער אָנגעהויבן צו דערציילן די געשיכטע „מיט זיין לשון״, ווי מענדעלע שרייבט.

און אַז אַלטער דערציילט די באַקאַנטע געשיכטע, ווי ער האָט צונויפגעפירט אַ שידוך מיט צוויי בחורים, פאַרט אַרויס מענדעלע:

— „בע!... — מאַך איך, קוים איינהאַלטנדיק זיך פאַר געלעכטער און אַנטוענדיק זיך אַ כוח אָנצונעמען אַן ערנסט פּנים.״

מענדעלע „צעהיצט זיך אויף אַ קול״, ווי ער אַליין זאָגט וועגן זיך, ווען ער הערט אַלטערס געשיכטע, און עס רופט אַרויס ביי אים אַסאָציאַציעס וועגן ענלעכע פּאַסירונגען, וואָס ער איז געווען פון זיי אַן עדות.

און וואָס ווייטער אין גאַנג פון דער דערציילונג, אַלץ מער צעוואַרעמט זיך מענדעלע, ער ווערט באַרעדעוודיקער, לעבעדיקער, ער לאָזט ניט דורך קיין איין זאַך, ער זאָל ניט מאַכן דערביי קיין טרעפלעכע, שאַרפע באַמערקונג אויף אַלטערן אָדער בכלל אויף כלל־ישראל. יעדע אייגנשאַפט און עפּיזאָד פון אַלטערן און פון אַלטערס לעבן פאַרכוללט מענדעלע, מאַכט פון זיי אַ כאַראַקטער־שטריך פון יידן בכלל. און דערביי איז מענדעלע אָפט סאַרקאַסטיש, בייזלעך, ער פאַרלירט אָבער ניט דערביי זיין גוטמוטיקייט און מיטלייד צו אַלטערן און צו זיינע יידישלעכע אייגנשאַפטן און שוואַכקייטן.

עס ווערט אויך אַרויסגעבראַכט מענדעלעס התפעלות פאַר דער נאַטור און דאָס באַזונדערע ספּעציפישע מענדעלעשע שילדערונג פון דער לאַנדשאַפט. נאָך אַ גלענצנדיקער באַשרייבונג פון אַ פאַרנאַכט, וואָס ביי מענדעלען איז עס „מנחה־צייט״, ווען „אַ געשמאַק ווינטעלע הויבט אָן צו בלאָזן און די ביימער נעמען זיך שאָקלען און שפּילפייגעלעך טרעטן אַרויס, און ניט ווייט אין אַ וועלדעלע קנאַקט דער סאָלאָוויי, צעלאָזט זיך אויף זיין העלדזעלע, מאַכט זיסע

שטײַגער און שפּילט גאָר מחיה. איטלעכער, וואָס קאָן נאָר עפּענען אַ מויל, האַלט דעם וועלט־באַרימטן חזן אונטער . . .״ דאַן רופט אויס מענדעלע מיט באַגייסטערונג:

— „ר׳ אַלטער, ס׳איז גוט! ר׳ אַלטער, ס׳איז שיין! עס ציט עפּעס ביי דער נשמה. עס רעדט עפּעס צום האַרצן: גאָטס וועלטל איז שיין, גאָטס וועלטל לעבט! עס ציט און גלוסט זיך אַריינוואַרפן זיך עפּעס אַהין, אַהין מיט הענט און פיס. . . .״ אָבער דאָ טוט ר׳ אַלטער אַ קרום אויף מענדעלען: „פע, שוין צייט בעסער מנחה דאַווענען! פאַרגעסט בעסער ניט פון אייערע אַלע זאַכן צו זאָגן „עננו״. . .״

מענדעלע דערציילט: „איך פאַרבינד די זאָקן, גאַרטל־אַרום מיט אַ פּאַסיק די קאַפּאָטע און היים אָן זאָגן „קטורת״ אויף אַ ביי־קול, גאַנץ לוסטיק.״

און אַז אַלטער טרייבט אונטער מענדעלען: „האַיעט ניט, ר׳ מענדעלע, מאַכט עס בקיצור!״, דאַן דערציילט מענדעלע, אַז ער „נעמט זיך צו דעם וואָגן טאָן אים זיין רעכט. איך אייל מיך ניט, שמיר די רעדער באַלעבאַטיש, איך קאַרג ניט קיין טריף־געווירץ, באַטראַכט מיר די אַקסן, איטלעכס פּיצעלע באַזונדער.״ דערווייל גייט אַלטער נאָך די פערדלעך, כדי צו לאָזן זיך אין וועג, מען זאָל קאָנען נאָך ביז נאַכט גאַנץ־וויטלעך אַריינפאָרן. אָבער דאָ געשעט אַ מאָדנע זאַך — אַלטער קומט ניט צוריק. מענדעלען באַפאַלט אַ מורא: וואָס האָט געקאָנט געשען מיט אַלטערן? און מענדעלע מאַכט זיך האַרץ און גייט ווייטער און טיפער אין וואַלד אַריין. אָבער „אַלטער און די פערד זיינען אַזוי ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלן״. און דאָ קומט אַ פּראַכטפולע וואונדערבאַרע טיף־אָריגינעלע שילדערונג פון דעם וואַלד ביינאַכט. „דער וואַלד שטייט און שלאָפט, איבערגעדעקט פון אויבן עפּעס מיט אַ טונקעלן פאַרהאַנג.״ און ווייטער מאָלט מענדעלע אויסגעצייכנט די שרעק אין דעם וואַלד, דאָס שושקען זיך פון דיביימער, און מענדעלע שרייבט: „דאָס רעדט דער וואַלד פון שלאָף. דאָס חלומט זיך אים נעכטיקער טאָג מיט אַלע לייד און פרייד אין אים״, און אַזוי ווייטער, און מענדעלע דערגרייכט דאָ באמת וואונדערלעכע מייסטערשאַפט. ער שרייבט: „עפּעס אַ גאַנצער וואָלקן מרה־שחורה רוקט זיך אָן אויף דעם וואַלד און אויך אויף דער נשמה מיינער. דער כוח המדמה, דער פּאַקוסניק, דער וועלט־באַרימטער ליגנער, מעקלערט־אויס מיט שווינדל עפּעס אַ מין שותפות־געשעפטל...״

און עס גייען אַזוי אינטערעסאַנטע בלעטלעך, וואו ש. י. אַבראַמאָוויטש דערציילט אויף אָן אָריגינעלן אופן די איבערלעבענישן פון מענדעלען אין וואַלד. ער כאַפּט אַ זופּ אַ ביסל שנאַפּס און זיין פאַנטאַזיע צעהיצט זיך נאָך מער, און אַבראַמאָוויטש זאָגט: „עס באַמבלען זיך אַרום אים פון אַלע

זייטן עפּעס חלקימלעך מענדעלע״ . . . „עס ווערט דענסטמאָל פון מיר, דאַכט זיך, גאָר צוויי מענדעלעך. איינער קריכט קיין יעהופּעץ, דער אַנדערער קיין בויבריק, די בשותּפותע פּיס ווערן משוגע, ניט צו וויסן וועמען צו פאָלגן. איינער פרעגט, דער אַנדערער ענטפערט. די רייד מיינע קומען מיר, ווי פון דער זייט אַ ווידער־קול, צוריק טאַקע אין מיינע אויערן אַריין . . .״

שפּעטער דערשלעפּט זיך מענדעלע צו אַ קרעטשמע און ער טרעפט אָן אויף אַ קרוב. מען שטעלט פאַר מענדעלען, און דער רבי, אַ יונג בחורל, מאַכט אים אַ וואַזשנעם ברוך־הבא:

— „ר׳ מענדעלע! . . . ר׳ מענדעלע מוכר ספרים! פּישש! . . . אַ קאַ־טאַוועס עפּעס! ווער קען ניט ר׳ מענדעלען?! איך האָב געהאַט אַמאָל די זכיה, אין גלופּסק נאָך, קויפן ביי אייך אַ בענטשערל . . .״

און אַזוי ווייטער פלעכט אַלעמאָל אַריין ש. י. אַבראַמאָוויטש די מענדעלע־געשטאַלט אין דער געשיכטע, וואָס ס׳ווערט דערציילט אין „פישקע דער קרומער״. מענדעלע איז דאָ, אין בוך, ניט נאָר אַ באַאָבאַכטער, אַ צוהערער, נאָר אַלעמאָל רייסט ער זיך אַריין מיט אַ וואָרט, מיט אַ באַמערקונג, און ניט איין מאָל כאַפּט ער אָן אָפּשניט פון ר׳ אַלטערן, זיין באַגלייטער, זיין שותּף.

אין איין אָרט האָבן מיר אַזעלכע עטלעכע שורות, וואָס כאַראַקטעריזירן די מענדעלע־געשטאַלט פון „פישקע דער קרומער״:

„איך הייב אָן פישקען אונטערצוגעבן פאַרע, צו דערוואַרעמען אים מיט אַ שמועס וועגן זיין האַרבאַטע מיידל, און דערביי האָב איך טאַקע מיך אַליין אויך צעהיצט, געדעדט פונעם האַרצן מיט פייער און אויסגעלאָזט דעם שמועס אַזוי: — וויפיל אומשולדיקע קינדער, נעבעך, קומען עס אויף דער וועלט אַזוי אָפּ פאַר די זינד פון זייערע עלטערן, וואָס גלוסט זיך זיי נאַרישקייטן, דרייען זיך, גטן זיך און לאָזן איבער די קינדער, זייער פליש און בלוט, הפקר ווי אויפן וואַסער! וואָס גייט זיי אָן קינדער! זיי האָבן אין זינען נאָר דאָס נפשל, זייער אייגן נפשל . . .״ און ש. י. אַבראַמאָוויטש גיט צו אין נאָמען פון מענדעלען: „איך בין געבליבן ווי דערוואָרגן אין דער מיט פונעם שמועס. אַלטער מיינער, זע איך, איז צעקאָכט, אויס מענטש. עס טוט מיר באַלד טאַקע אַ קלאַפּ אין האַרצן: אַי, האָב איך עס באַגאַנגען אַ מיאוסן פעלער, זיך אַרויסצוכאַפּן פאַר אַלטערן מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו אים און האָבן אים געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ! עס טוט מיר שרעקלעך באַנג, איך שטראָף מיך אין האַרצן און זאָג מיר אַליין מוסר: געוואַלד, מענדל, מענדל, שוין צייט קומען צום שכל, ניט אַרויסצוזאָגן יענעם דעם אמת ווי אַ יינגל! ביסט דאָך, ברוך השם, שוין אַ ייד מיט אַ גרויסער באָרד. שוין צייט

זיין אַ מענטש, פאַרשטיין וואָס זיך איז נוצלעך און גוט. אַי, דיין צונג, דיין צונג!"

און מענדעלע זאָגט ווייטער: „איך האָב מיר אין האַרצן אַ נדר געגעבן, ווייטער מיך צו היטן מיט אַ וואָרט, הערן, זען און שווייגן — די גוטע מידה פון אַלע קלוגע, פיינע לייט, וואָס איז נייטיק אין לעבן. איטלעכן וועל איך נאָר לויבן, באַליבט צו מאַכן זיך דערמיט ביים עולם . . ."

דאָ ברענגט שוין ש. י. אַבראַמאָוויטש אַרויס דעם כאַראַקטער פון זיין אַרט שרייבן און ער טוט עס דורך די רייד פון מענדעלען...

גאָר אַנדערש וואַקסט אויס פאַר אונדז די ראָלע פון מענדעלע מוכר ספרים אין דער „טאַקסע" אָדער „די באַנדע שטאָט בעלי־טובות", וואָס איז אַרויס צום ערשטן מאָל אין 1869 (זשיטאָמיר) און איז דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן פיל מאָל אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

„די טאַקסע" הייבט זיך אָן מיט „אָמר מענדעלע מוכר ספרים — זאָגט מענדעלע מוכר ספרים". און נאָך דעם, ווי ער גיט אָפּ אַ שבח דעם בורא, וואָס „האָט באַשאַפן גרויסע ימים, דייַער פיל טייכן", א. אַז. וו. און „וואָס האָט אונדז ייִדן אויסגעוויילט פון אַלע אומות און האָט אונדז געלייטזעליקט מיט אַ טאַקסע, מיט אַ „קעסטעלע", און „געלויבט איז דער בורא פאַר אַלצדינג וואָס ער האָט געשאַפן" . . . אָבער ניט דאָס איז ער אויסן, מענדעלע. ער דאַנקט און לויבט גאָט, „וואָס ער האָט מיך באַהאַרצט און מיר געהאָלפן אָפּצודרוקן די דאָזיקע שרעקלעך־שיינע מעשה". „איך האָב ניט געזשאַלעוועט קיין מי — זאָגט מענדעלע — ניט קיין געלט און האָב ניט געקוקט דערויף, וואָס אַ טייל וועלן אויף מיר שטאַרק ברוגז זיין. די מעשה איז כ'לעבן אמת. איך האָב זי אָסור ניט אויסגעטראַכט פון דעם קאָפּ. הערט נאָר, ייִדן, הערט נאָר, וואָס עס איז געשען."

און עס ווערט ווייטער דערציילט:

„מעשה שהיה כך היה. היינטיקן טאָג נאָך סוכות האָב איך מקבל געווען אַ פּאַסילקעלע, וואָס איז אָנגעקומען דורך דעם פּאָטשט גלייך צו מיר אויף מיין נאָמען. איך האָב תחילת געמיינט, אַז דאָס מוז זיין פּעקלעך ציצית אָדער קינדערשע וולוטשקענע יאַרמעלקעלעך וכדומה אַזעלכע זאַכן, נאָר אַז איך האָב עס אויפגעעפנט, האָב איך אַרויסגענומען אַ גאַנצן פּאַק פּאַפּירן, פאַר־שריבן פון אַלע זייטן, און צווישן זיי איז געלעגן אַ בריוול, וואָס אין אים איז געשטאַנען געשריבן די דאָזיקע ווערטער."

און דאָס בריוול הייבט זיך אָן אויפן ייִדישלעכן שטייגער: „להרבני הנגיד המפורסם מוהר"ר מענדל נ"י. הנה אַזוי ווי איר האָט אַ שם אין דעם היגן ווינקל פאַר אַן ערלעכן מאַן, אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז איר פאָרט תמיד אַרום

אין אַלע יידישע מקומות מיט ספרים און איר זייט אַמאָל אַ בעלן אָפּצודרוקן מעשיות אויף אייערע הוצאות, בכן שיקן מיר אייך דאָ אַריין אַ שרעקלעכע מעשה, וואָס איז פאַרלאָפן אין אונדזער שטאָט, און בעטן אייך, אַז איר זאָלט מוחל זיין אָפּדרוקן . . .״ און עס גייט אַ באַשרייבונג פון די גלופּסקער בעלי־טובות, וואָס פירן אַלעמען ביי דער נאָז און וואָס „האָבן שוין ביי אונדז אַרויס־געצויגן די קליי פון די ביינער״. „מירליידן, מיר ווערן פאַרשוואַרצט, מיר עסן ניט קיין פלייש״ און „קאָנען שוין מער ניט אויסהאַלטן פון די טובות״. און אַזוי ווי אַלע געשרייען און אַלע אָנקלאָגן האָבן גאָרנישט געהאָלפן, איז געבליבן איין מיטל — „אָפּדרוקן די דאָזיקע מעשה, וואָס איינער פון אונ־דזערע שטאָט־לייט האָט זי אָנגעשריבן. זיין נאָמען וויל ער דערווייל ניט מגלה זיין, מחמת כמה טעמים״, אָבער „מיר פאַרזיכערן אייך, אַז אַלצדינג, וואָס דאָ שטייט, איז אמת, מיר קאָנען אַפילו שווערן אין טלית און אין קיטל. פאַרקערט, דאָ פעלט נאָך זייער פיל זאַכן. מיר בעטן אייך, ר׳ מענדעלע, טוט אַ מצווה און דרוקט אָפּ די מעשה . . .״ און די, וואָס ווענדן זיך צו ר׳ מענ־דעלען, בעטן זיך: „דאָס איז אַ קול פון אַ סך דערשלאָגענע, פאַרוואָגלטע יידישע קינדער. הערט, ר׳ מענדעלע, דאָס קול, פאָלגט און דרוקט אָפּ די מעשה. טאָמער וועט דורך דעם נצמח ווערן אַ טובה. יידן, כ׳לעבן, וועלן די דאָזיקע מעשה קויפן, ווארים עס קאָן זיין, אַז זי פאַרלויפט זיך ניט נאָר אין גלופּסק אַליין, אפשר טאָקע אויך אין אַנדערע יידישע שטעט.״

און מענדעלע דערציילט, אַז ער האָט די מעשה איבערגעלייענט און פאַר־געגומען זי אָפּצודרוקן. אָבער דאָס איז אים ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען. „דער כתב־יד — זאָגט ער — איז ניט געווען ריין געשריבן, ערטערווייז פאַרפלעקט מיט טינט, פיל סצענעס זיינען געווען פאַרוועגדט, ניט געשטאַנען כסדר, היינט אין אַ פּאָר ערטער האָט גאָר געפעלט עטלעכע בלעטלעך, דער שרייבער האָט זיך אַפּנים געאיילט.״ און מענדעלע גיט צו: „איך האָב מיר ניט געקאָנט איינהאַלטן און ערטערווייז אַריינגעמישט מיינע אַ פּאָר ווערטער פון דעם, וואָס איך האָב געזען־געהערט אויף מיינע נסיעות.״ און „אַ חוץ דעם האָב איך געמאַכט אַ באַזונדער צעטל פון די אַלע פּערזאָנען, וואָס קומען פאָר אין דער מעשה, כדי זיי זאָלן אַלע שטיין פאַר די אויגן און מען זאָל זיי תמיד געדענקען.״ און מענדעלע פאַרענדיקט זיין הקדמה, צום בוך: „דאַכט זיך, אַז איך האָב געגוג יוצא געווען און געטאָן מיין זאַך בשלמות. דאָס ביכל האָט מיר געקאָסט געגוג מי און הוצאות.״

הכלל, איצט, ווי מיר זעען, איז שוין מענדעלע — אַ מיט־שותף צום ווערק, ער האָט צוגעשריבן, צוגעגעבן און אַליין, אויף אייגענע הוצאות, אַרויס־געגעבן דאָס בוך. מענדעלע מוכר ספרים איז פון סתם אַ פאַקטרעגער, אַ פאַר־

קויפער פון מעשה־ביכלעך, תחינות, מזוזות, ציצית, געוואָרן שוין אַליין אַ שטיק פאַרפאַסער און אַרויסגעבער.

ש. י. אַבראַמאָוויטש גיט זיין מענדעלען, — די געשטאַלט, וואָס ענדערט זיך אין זיין יעדן ווערק און באַקומט אַלץ־נייע שטריכן, — נייע אויפגאַבן, נייע פונקציעס. די מענדעלע־געשטאַלט וואַקסט אַרויס פון די ראַמען, וואָס ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט זי לכתחילה אין זיי איינגעפאַסט, און זי וואַקסט זיך פאַנאַנדער און האָט אויסצופירן ביי ש. י. אַבראַמאָוויטשן אַלץ־נייע שליחותן.

מיר וועלן גיין ווייטער, צו די איבעריקע ווערק פון ש. י. אַבראַמאָוויטש.

„די קליאַטשע אָדער צער בעלי־חיים" (די ערשטע אויפלאַגע איז דער־שינען אין יאָר 1873), וואָס איז באַצייכנט אויפן שער־בלאַט „אַ מעשה וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט צווישן די כתבים פון ישראליק דעם משוגענעם" און איז געדרוקט, ווי עס איז אָנגעוויזן, „בהשתדלות מענדעלע מוכר ספרים", — הויבט זיך אָן מיט דעם טראַדיציאָנעלן „הקדמת מענדעלע מוכר ספרים": „אָמר מענדעלע מוכר ספרים, זאָגט מענדעלע מוכר ספרים — געלויבט איז דער בורא", און דערציילט, ווי דער השם יתברך האָט מיט אים געטאָן אַ גרויס גענאָד נאָכדעם, ווי ער האָט אים געשטראָפט. און ער דערציילט, מענדעלע מוכר ספרים, אַז זיין פערדל, וואָס האָט אים לאַנגע יאָרן געדינט געטריי, איז געוועזן געניט אין אַלע וועגן, אויסגעפאָרן מיט מענדעלען אַלע יידישע קהילות, אַז דאָס פערד „האָט איינגענומען אַ מיתה משונה אין גלופסק". עס איז אים, מענדעלען, געווען זייער ביטער אויפן האַרצן און ער איז געזעסן פאַרזאָרגט, קומט צו אים אַ באַקאַנטער און פרעגט אים: „ר' מענדעלע, איר וועט קויפן אַ קליאַטשע?" מענדעלע האָט זיך אָנגעכאַפּט: ער וואָלט אַוודאי געקויפט, נאָר וואו נעמט ער געלט? זאָגט אים יענער, אַז קיין געלט דאַרף מען נישט. ווייל מענדעלע אָנקוקן די סחורה, די קליאַטשע. זאָגט אים דער באַקאַנטער, אַז ער האָט די קליאַטשע ביי זיך אונטערן מאַנטל. ווערט מענדעלע ברוגז: „איר לאַכט פון מיר, ר' קרוב?" אָבער יענער ענטפערט אים, אַז דאָס איז אַ פאַק מיט כתבים מיטן נאָמען „די קליאַטשע". דער מחבר איז צעמישט, צעטראָגן, משוגע. אָבער „אונדז אַלע, זיינע גוטע פריינט, גלוסט זיך זייער, אַז זיינע מעשיות זאָלן אָפּגעדרוקט און פאַרקויפט ווערן. און וועמען אַנדערש האָבן מיר געקאָנט אויסקלייבן, דערמיט זיך מתעסק צו זיין, ווען נישט טאַקע אייך, ר' מענדעלע, וואָס איר האָט אין אונדזער ווינקל אַזאַ שם? מיר פאַרלאַנגען פון אייך, איר זאָלט גוט איבערקוקן די פאַפּירן, אויסשטעלן איטלעכע מעשה אַקוראַט ווי מען באַדאַרף, דערויף פאַרלאָזן מיר זיך שוין אויף אייך, און גאָר צום ערשטן זאָלט איר אָפּדרוקן די קליאַטשע. . . ."

מענדעלע דערציילט ווייטער אין דער הקדמה: „נאָכדעם אַז איך האָב מיך

אָפּגעפּאַרטיקט מיט מיינע געשעפטן, האָב איך מיך גענומען געשמאַק צו דער קליאַטשע, זי צונויפגעשטעלט ווי עס געהער צו זיין, איינגעטיילט זי אין קאַפּיטלען און איטלעכס קאַפּיטל אַ נאָמען געגעבן ווי אים פּאַסט — אַזאַ איין אַרט, וואָס נאָר דערפאַר אַליין שרייבן זיך אַנדערע אונטער אויף יענעמס כתבים און הייסן מחברים. . . .״ די הקדמה איז אונטערגעשריבן „אויף דער בויד מיט ספרים, צווישן גלופּסק און טעטריווקע, הקטן מענדעלע מוכר ספרים״.

אין „דער טאַקסע״, ווי מיר האָבן אַנגעוויזן, האָט מענדעלע, ווי ער זאָגט, „אַריינגעמישט אַ פּאָר ווערטער פון דעם, וואָס איך האָב געזען־געהערט אויף מיינע נסיעות״, דאָס מיינט, אַז ער איז געווען אַ מיט־מחבר, דאָ אין דער „קליאַטשע״ האָט ער נאָר אַריינגעבראַכט אַ סדר אין די קאַפּיטלען און גע־האָלפן דאָס בוך אַרויסצוגעבן.

שוין גאָר אַנדערש איז מענדעלע מוכר ספרים אין דעם „מסעות בנימין השלישי״, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1878. אויפן שער־בלאַט איז אָנגעוויזן: „מסעות בנימין השלישי — דאָס הייסט, די נסיעה אָדער אַ רייזע־באַשרייבונג פון בנימין דעם דריטן, וואָס איז אויף זיינע נסיעות פאַרגאַנגען העט־וויט אַזש הינטער די הרי־חושך און האָט זיך געגנוג אָנגעזען און אָנגעהערט חידושים, שיינע זאַכן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַלע שבעים לשונות און היינט אויך אין אונדזער לשון, בהשתדלות מענדעלע מוכר ספרים.״

דאָ, אין אָט־דעם ווערק, איז מענדעלע מוכר ספרים נישט בלויז דער שליח, וואָס ברענגט אויף דער ליכטיקער שיין אַ פרעמד ווערק, וואָס מען גיט עס אים איבער, ער זאָל אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן, נאָר ער איז שוין, לויט ש. י. אַבראַמאָוויטשעס ווילן, אַליין דער מחבר, דער פאַרפאַסער.

מענדעלע מוכר ספרים הויבט אָן זיין הקדמה צום בוך, ווי דער שטייגער איז, מיט אַ לויב צום בורא עולם, וואָס „באַשטימט דעם גאַנג פון די גלגלים אין די הימלען אויבן און דעם גאַנג פון זיינע באַשעפענישן אויף דער ערד אונטן״ און אַזוי ווייטער. און ער כאַפּט זיך גלייך, אַז „נישט דאָס בין איך אויסן״. „איך בין אויסן צו דערציילן אייך, רבותים, ווי איינער פון אונדזערע ברידער איז פאַרגאַנגען העט, העט אין די ווייטע מקומות און האָט דערמיט קונה שם געווען.״ און דערציילנדיק וועגן דעם רעש, וואָס די וואונדערלעכע נסיעה פון בנימין, אַ פּויליש יידל, האָט אַרויסגערופן אין דער וועלט, זאָגט ער: „ואני מענדעלע, און איך מענדעלע, וואָס מיין כוונה איז תמיד נוצן צו ברענגען אונדזערע יידעלעך כפי מיין מעגלעכקייט, האָב איך מיך נישט גע־קאָנט איינהאַלטן און געזאָגט: איידער די יידישע מחברים, וואָס זייער מינדסטער פינגער איז גרעבער פון מיינע לענדן, איידער זיי וועלן זיך אויס־

שלאָפן אַרויסגעבן די ספרים פון בנימינס נסיעה אין לשון־קודש, וועל איך דערווייל פּרואוון כאָטש אַ קיצור פון זיי אַרויסגעבן אויף פּראָסט יידיש. איך האָב אָנגעגורט מיינע לענדן ווי אַ גיבור, און ווי אַלט און שלאָף איך בין, לא עליכם, האָב איך מיר פאַרט שטאַרקע מי געגעבן אַרויסצובאַקומען פונעם גרויסן אוצר אַזעלכע ענינים, וואָס טויגן פאַר די קינדער ישראל און צו דער־ציילן זיי פריי כפי מיין שטייגער. איך האָב געפילט, ווי מען שלאָגט מיך פון אויבן מיט די ווערטער: הקיצה, מענדעלע, כאַפּ זיך אויף, מענדעלע, און קריך אַרויס פון הינטערן אויוון! גיי נעם אָן פולע הויפנס געווירץ פון בנימינס אוצר און מאַך דערפון פּאַטראָוועס צו דיינע ברידער, אַזוי ווי זיי האָבן ליב. איך בין מיט גאָטס הילף אַרויסגעקראָכן און צוגעברייט די געשמאַקע שפּייז, וואָס איך שטעל איצט דאָ פאַר אייך אַנידער. עסט, רבותים, לאָז אייך וואויל באַקומען.״

אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון מענדעלע מוכר ספרים האָבן מיר אין דער דערציילונג „צוריק אַהיים״, וואָס איז אויף יידיש איבערגעזעצט פון העברייאיש (אין אָריגינאַל האָט די דערציילונג געהייסן „בסתר רעם״, פאַר־עפנטלעכט אין 1888) דורך מ. אַלגין. אין אָט דער דערציילונג איז שוין מענדעלע גופא אַן אַקטיווע פּערזאָן, די דערציילונג פירט זיך די גאַנצע צייט פון מענדעלעס נאָמען און מיט שטענדיקע באַמערקונגען און באַטאָנונגען פון זיין זייט. מענדעלע איז שוין דאָ מער נישט קיין פאַרמיטלער צווישן עפּעס אַ פאַרפאַסער און דעם עולם; מענדעלע איז שוין אויך נישט אַ מיט־שותף צו אַ נישט־פאַרענדיקט ווערק, ווי אין די פריערדיקע ביכער, נאָר מענדעלע נעמט שוין אויף אַלדי פאַסירונגען דורך זיין אייגענער פּריזמע און רעאַגירט אויף זיי, באַטראַכט זיי און אַנאַליזירט זיי. אָפטמאָל דערהערן מיר פון מענ־דעלעס רייד אַבראַמאָוויטשן, אָבער דער עיקר לעבט דאָ פאַר אונדז מענדעלע, וואָס איז אין לויף פון יאָרן אויסגעוואַקסן און האָט ווי אויסגעקעמפט ביי שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן אומאָפּהענגיקייט פאַר זיך.

מענדעלע פיגורירט דאָ נישט נאָר אין דער טראַדיציאָנעלער מענדעלע־הקדמה, נאָר מיר האָבן אים אין דער דערציילונג גופא. די דערציילונג הויבט זיך טאַקע אָן פון מענדעלעס נאָמען: „אמר מענדעלע מוכר ספרים — זאָגט מענדעלע מוכר ספרים: אָט די שטאָט גלופּסק, וואָס איך וויל אייך פון איר דערציילן . . .״ און ווייטער זאָגט מענדעלע: „איך בין שוין, ברוך השם, ניט קיין יינגעלע, איך האָב זיך אָנגעזען אַ וועלט, זאָג איך אייך, אַז איך האָב נאָך ניט באַגעגנט קיין איינציקן יידן, א. אַז. וו.״

מענדעלע הויבט אויף יעדעס מאָל דעם פאָרהאַנג און פירט אַדורך פאַר אונדז סצענע נאָך סצענע פון גלופּסק, וואָס איז ביי אים דער סימבאָל פון אַלע

אַנדערע יידישע שטעט. און מענדעלע שרייבט מיט דער פולער זיכערקייט: „איך, מענדעלע מוכר ספרים, זאָג אייך מיט אַ קלאָרער דעה און מיט אַ רואיק געמיט, אַז אַ גלופּסקער ייד איז בטבע אַן עניו . . .“ און נאָך דעם ווי מענדעלע מאָלט אַזוי פאַמעלעך די גלופּסקער, באַמיט זיך אויסצוגעפינען אין זיי פיינע שטריכן — פאַרט אים אַריין אַ באַקאַנטער אין די רייד, און זאָגט צו אים: „ר' מענדל! עפּעס שמעקט מיר אייערע רייד מיט פּלפּול, ממש סע זעצט אין דער נאָז . . . איך מיט אייך רעד קלאָרע דיבורים, פּראָסט און פּשוט, און איר פאַרדרייט מיר די פאַקטן, און איר . . .“

אָבער מענדעלע דערוויזט מיט אַ סך ביישפּילן און שילדערונגען, ווי ער האָט טאַקע אַמאָל געטראַכט, אַז אויס, ער וועט זיך מער נישט אָנקערן מיט גלופּסק, עס איז אַוועק אָבער אַ שטיקל צייט, „איך האָב טאַקע געשוויגן, ניט געלאָזט זיי גריסן, ניט געשריבן קיין וואָרט. טרעפט זיך אָבער אַ מעשה — איך הויב אָן בענקען נאָך דעם היימישן ווינקעלע, נאָך די ליבהאַרציקע גלופּסקער יידן, סע ציט מיך אַהיים, איך וויל דאָרט פאַרברענגען מיין רעשטל יאָרן שטיל און פרידלעך, ווי אַמאָל. נו, בין איך איצט ווידער אין גלופּסק, איך שטיי איבעראַנייס אויף דער וואַך, איך קוק זיך צו צו אַלצדינג, וואָס סע טוט זיך אין שטאָט און אין דער גאַנצער געגנט, און וואָס איך זע און הער, דערצייל איך דער גרויסער וועלט, כדי מען זאָל וויסן . . .“

דאָ רעדט צו אונדז דורך מענדעלען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש. דאָ האָבן מיר שוין מענדעלען — דעם פאַרשטייער פון ש. י. אַבראַמאָוויטשן. אין די געבראַכטע שורות, ווי אויך אין אַ ריי אַנדערע, האָבן מיר דעם געמיט־צושטאַנד פון ש. י. אַבראַמאָוויטש, וואָס עטלעכע יאָר (זינט 1878, נאָכן פאַר־עפנטלעכן זיין „מסעות בנימין השלישי“) האָט ער זיך ווי אָפּגעריסן פון דער וועלט און כמעט גאָרנישט ניט געשריבן. אַ ביסל דערציילט ש. י. אַבראַ־מאָוויטש וועגן דעם אין זיין ווידמונג צום „פריזיוו“, אַז „די צרות האָבן מיר פאַרשטיינערט מיין האַרץ, אַזוי אַז די צונג האָט מיר זיך נישט געלייגט צו רעדן און די האַנט צו שרייבן אַ וואָרט“. די זעלבע רייד פון דעם „צוריק אַהיים“, שרייבט ש. י. אַבראַמאָוויטש (אין דער ווידמונג צו זיין פריינט משה מרגליות): „. . . מיך האָט עפּעס געצויגן אַהין, אין יענעם ווינקל פונעם יידישן לעבן, וואו עס געפינען זיך מיינע אַלטע באַקאַנטע פאַרשווינען, פון וועלכע איך פלעג אַמאָל דעם עולם דערציילן משונה־ווילדע וואונדערלעכע מעשיות. עס האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט ווידער צו מיינע לייט.“

אין לויף פון דער דערציילונג זאָגט מענדעלע אַרויס אינטערעסאַנטע געדאַנקען פאַר ש. י. אַבראַמאָוויטש. ער רעדט מיט איראָניע וועגן די „בייע פּאָעטן־קלאַגמוטערס“ און ער זאָגט וועגן זיי אָט וואָס: „איר דאַרפט וויסן,

אַז היינטיקע ביטערע יאָרן, ווען סע שטייען אויף אונדז אויף אַזויפיל מזיקים און בייזע מחבלים, וואַקסן, קיין עין־הרע, אין די יידישע צייטונגען נייע שרייבערס, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן. אַזוי איז ביי אונדז שוין די מאָדע, אַז יעדע נייע געשעעניש, וואָס סע טרעפט זיך דעם כלל־ישראל, סיי צו גוטן, סיי צו שלעכטן, רופט אַרויס באַזונדערע פּאָעטן און שרייבערס, דרשנים און שתדלנים, אָט אַ שטייגער ווי בלאָטע, באַלד ווי סע צעגייט דער שניי, באַווייזן זיך אין איר זשאַבעס, וועלכע קוואַקען דאָרט די גאַנצע צייט, כל זמן ס׳איז דאָ פייכטקייט; אַז סע ווערט אָבער אויסגעטריקנט די בלאָטע, ווערן זיי אַנט־שוויגן און סע בלייבט פון זיי ניט קיין זכר ...״ און מענדעלע ברענגט די באַפליגלטע מליצות פון איינעם אַ פּאָעט־אַ קלאָגער, וואָס ער בראַקט אין זיינע קינות, און ער מאַכט פון זיי חוזק. מענדעלע דריקט דאָ אויס די מיינונג פון ש. י. אַבראַמאָוויטש, ער לאַכט אָפּ פון אָט די „פּאָעטן־קלאָגמוטערס״ פאַר זייערע הויכע פראַזן און ער מאַכט אַ פאַרגלייך צווישן זיי און זיך: „... איך זאָג דאָס נישט מער, נאָר כדי איר זאָלט דערקענען די גרויסע מעלות פון אונדזערע נייע פּאָעטן. זיי זיינען, חלילה, ניט קיין פּראָסטע מענטשן, ניט ווי אַלע געוויינלעכע ברואים, וואָס דרייען זיך אַרום אויף אונדזער זינדיקער וועלט. זיי זיינען ווייט אָפּגעשיידט פון די הבלי עולם־הזה (פון די נישטיקייטן פון דער וועלט—ב. מ.). מיר וואוינען אויף דער ערד, זיי פליען אין הימל אַריין. מיר דערציילן דאָס, וואָס מיר זעען, זיי דערציילן ס׳רוב דאָס, וואָס זיי האָבן קיינמאָל נישט געזען, וואָס ס׳איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן; מיר רעדן ווי מענטשן, פּראָסט, פשוט, יעדער קאָן פאַרשטיין, זיי זינגען, האַקן מליצות, בראַקן פּיוטים, שיטן מיט קנאַקנדיקע ווערטער, בינדן צונויף אַזוינע פּסוקים, וואָס קלעפּן זיך ווי אַן אַרבעס אין וואַנט, און נישט יעדער איז זוכה צו פאַר־שטיין, וואָס זיי מיינען. ...״

אין דער דערציילונג „שם און יפת אין וואַגאָן״ פאַרט שוין מענדעלע מער נישט מיט זיין פערדל און בויד, נאָר אין אַ באַן. „דאָס איז געווען מיין ערשטער אַרויספאָר מיט דער אייזנבאַן״ — זאָגט מענדעלע. ער מאָלט אויף זיין ספּעציפישן שטייגער אַ רייזע אין דער באַן און פירט אַרויס פאַרשיידענע טשיקאַווע פאַרשוינען מיט זייערע רייד, מיט זייערע תנועות און האַוואַיעס.

אויף אַ גאָר אינטערעסאַנטן און מערקווירדיקן אופן ברענגט אַרויס ש. י. אַבראַמאָוויטש מענדעלען אין דער גרעסערער דערציילונג „אין אַ שטורעם־צייט״ (פאַרעפנטלעכט אין העברעיאיש, אין 1894, איבערגעזעצט אויף יידיש דורך מ. אָלגין). אין אָט דער דערציילונג פירט אַרויס ש. י. אַבראַמאָוויטש צוויי הויפּט־טיפּן, מענדעלען און דעם מלמד ר׳ לייב, וואָס דערמאָנען מיט זייער תמימות, האַרציקייט, פאַנטאַסטיק און אומבאַהאָלפנקייט די פּרעכטיקע

טיפּן פון „מסעות בנימין השלישי״, מער נישט, וואָס דאָ, אין דער דערציילונג, האָבן מיר פאַר זיך רעאַלע וואָר, אַ שטיק יידישעווירקלעכקייט אין די 80ער יאָרן פון דער בהלה־צייט פונעם חיבת־ציון, ווען מען איז געלאָפן קיין אַדעס, כדי פון דאָרט צו מאַכן די נסיעה קיין ארץ־ישראל. ש. י. אַבראַמאָוויטש שרייבט: „אַז ס׳איז געוואָרן דער געשריי: יידן, אין די קאָלאָניעס! — אַט ווי מען רופט אַ שטייגער, אין באָד אַריין, יידן! — האָט זיך לייב דער מלמד אויפגעכאַפּט מיט אַן אימפּעט און געענטפערט: הנני, איך בין אָנגעברייט, איך בין מוכן ומזומן מיט אַלע מיינע רמ״ח אברים.״ און אַזוי אויך מענדעלע. ער דערציילט, אַז ווי ס׳איז אַרויס אַ קלאַנג וועגן יידישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, איז דאָס מיר שטאַרק אַריין אין דער מחשבה... די פאַנטאַזיע האָט מיר אָנגעהויבן פליען, איך האָב שוין געזען פאַר זיך דאָס הייליקע לאַנד, וואו עס רינען טייכן מילך און האָניק און ציגן עסן באָקסערן און פייגן...״ ש. י. אַבראַמאָוויטש מאָלט מיט פיל איראָניע און סאַרקאַזם די בהלה, וואָס איז גע־וואָרן אין דער יידישער וועלט. ער פלעכט קונציק אַריין אין דעם גאַנצן גערודער און געטומל מענדעלען און זיין באַגלייטער, ר׳ לייב דעם מלמד. סאַר אַ וואונדערבאַרע פּאַר, און ווי אינטערעסאַנט יעדער איינער פון זיי נעמט אויף די אַלע באַגעגענישן און פּאַסירונגען. עס איז אַ פּרעכטיקער געשפּיל פון די צווי יידן אויף דעם פּאָן פון יענער שטורעם־צייט. מיר האָבן, ליידער, קיין פּלאַץ נישט אויספירלעך איבערצוגעבן די מייסטערישע שטעלן אין אָט דער וויניק־פּאָפּולערער דערציילונג. מיר רעקאָמענדירן דעם לייענער זיך באַ־קענען מיט איר. זי איז אַריין אין די ווערק פון ש. י. אַבראַמאָוויטש. אין אונדזער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג אינטערעסירט אונדז די מענדעלע־געשטאַלט, וואָס צעשפּילט זיך דאָ ביי אַבראַמאָוויטשן מיט אַלע קאָלירן. דאָ האָט ש. י. אַבראַמאָוויטש „גענומען אויפן צימבל״ זיך אַליין דורך מענדעלען, ער גראָבט זיך אַלץ־טיפער אין אים און ברענגט אַרויס און אַנאַליזירט זיינע ווידערשפּרוכן און ווידעראַנאַנדן. און דורך מענדעלען, ווי דער שטייגער עס איז ביי ש. י. אַבראַמאָוויטשן, גייט ער אַריבער כסדר פון יחיד צום כלל, פון ר׳ ישראל צו כל ישראל, און מענדעלע, וואָס פון זיין נאָמען גייט די דערציילונג, גיט טרעפלעכע באַצייכענונגען וועגן דעם ייד און דעם יידישן פאָלק.

מיר וועלן ברענגען ווייטער בלויז קלענערע אויסצוגן, וואָס כאַראַקטערי־זירן די מענדעלע־געשטאַלט. ער קוקט אויף זיין פריינט ר׳ לייב, דעם מיט־שותף אין דער גאַנצער „אַוואַנטיורע״, און ער זאָגט דערביי וועגן זיך:
„. . . איך האָב ניט געוואוסט, וואָס פריער: חוזק מאַכן אָדער זיין אין כעס...״
„עס טרעפט זיך אַמאָל״ — הויבט אָן מענדעלע רעדן וועגן זיך — „איך פיל, אַז אין מיר לעבן צווי מענדעלעך, צווי באַשעפענישן, יעדע פאַרשיידן פון

דער צווייטער; זיי וואוינען ביידע אין איין דירה, נאָר זיי קוקן אויף אַלצדינג מיט פאַרשיידענע אויגן, זיי האַלטן כסדר מלחמה און קאָנען אײנע ניט גובר זיין די צווייטע. אַז איין מענדעלע ווייַנט, ווילט זיך דעם אַנדערן לאַכן, און וואָס איינער לויבט, איז ביים אַנדערן ניט ווערט אַ דרייער. איין מענדעלע איז אַ שוטה, אַ פּתי יאמין לכל דבר (ער גלויבט אַלץ, וואָס עמעץ זאָגט אים — נ. מ.)... דער אַנדערער מענדעלע איז גראָד אַ חכם, אַן איבערגעשפּיצטער, ער פּילט שטענדיק וואו דער שוך קוועטשט, ער ווייסט, אַז ניט אַלצדינג וואָס סע בלישטשעט איז גאָלד, און אַז אַ חזיר בלייבט אַ חזיר, כאָטש ער מעג אַפילו אַרויסשטעלן דאָס הינטערשטע פיסל."

און עס גייט אַוועק ביי ש. י. אַבראַמאָוויטשן אַ לענגערע שילדערונג, ווי די צוויי מענדעלעך ראַנגלען זיך. יעדער פון די צוויי מענדעלעך האָט אַנדערש־דיק רעאַגירט אויף דער תוכחה, אויף די פּאַגראָמען, יעדער איינער פון די מענדעלעך איז געקומען מיט טענות־מענות צום אַנדערן. און דערנאָך קומט אַזאַ מין „אַפּנויג" אין דער דערציילונג פון מענדעלען דעם העלד אין דער געשיכטע: „ויתרוצצו . . . האָבן זיך די צוויי מענדעלעך געבוצקעט אינע־ווייניק, געריסן זיך און געפּליקט, ווי די הענער. דערביי האָבן זיי געמאַכט אַזוינע קולות, אַז ס'האָט מיר געלעכערט דער מוח... זיי האָבן זיך אַלץ גע־ווערטלט, געקראַכן איינער דעם אַנדערן אין די לעבער, געצופּט מיך דער אַהין, דער אַהער, אַז איך האָב ניט געוואוסט, וואו טו איך זיך אַהין. דער שוטה מיינער טאַרעט מיך: צוריק, מענדעלע, צו דיינע יידעלעך, צו די פאַר־ווּיסטע, פאַרחושכטע, פאַראומערטע יידעלעך, וואָס האָבן זיך ווי דו אַוועק־געלאָזט אויף קידוש־השם; דאָרט וועסטו אויסרוען דיין פאַרמאַטערטע נשמה! אָבער דער חכם מיינער האָט זיך אָן מיר געהאַלטן שטאָל און אייזן — און האָט געשריען אויף אַ קול: שוטה שבעולם! וואוהין גייסטו? וואָס וועסטו דאָרטן טאָן?..."

און ש. י. אַבראַמאָוויטש דערציילט ווייטער, אַז מענדעלע האָט שוין מער נישט געקאָנט איינזיצן און ער האָט זיך מיט אימפּעט געלאָזט אין גאָס. שטעלט אים אָפּ איינער אַ באַקאַנטער, דער קאַרלינער, און פרעגט אים: „וואוהין לויפט איר אַזוי אָן אַן אָטעם?"

ענטפערט אים מענדעלע: „איך לויף דען? דאָס הייסט אַזוי געגאַנגען! אַ ייד, פאַרשטייט איר מיך, האָט קיין צייט נישט, אַ ייד יאָגט זיך שטענדיק. דאָס האַרץ ציט, די מחשבות פליען, די איברים אַלע גייען כּאַדאַראָם, דער מוח ברענט און די פיס לויפן..."

און ווען דער באַקאַנטער פּרוּווט באַרואיקן מענדעלען, אַז „אַ מענטש דאַרף וויסן, אַז אויף אַלצדינג איז דאָ צייט", ענטפערט אים מענדעלע „מיט אַ

ביטער געפיל״: „אויף אַלצדינג איז דאָ צייט, אָבער ניט ביי יידן. אַ ייד, ווי איר זעט אים, לעבט קיינמאָל ניט צו דער צייט: ער עסט ניט און טרינקט ניט צו דער צייט. ער צאָלט זיינע חובות און קומט מיט בקשות און טוט תשובה און חרטה — נאָך דער צייט. ער נעמט אַ ווייב און האָט קינדער און ווערט געעלטערט און שטאַרבט פאַר דער צייט.״ און מענדעלע זעצט פאָר: „די גאַנצע יידישע היסטאָריע, פונעם אָנהויב ביזן סוף, איז איין לאַנג צעטל פון צרות מיט ווייטיקן, מיט שלעק, מיט פורעניות, וואָס האָבן זיך געטראָפן אונדזערע ברידער אין די ערשטע דורות, ווייל זיי זיינען צו־פרי געקומען אויף דער וועלט, און אין די לעצטע דורות, ווייל זיי זיינען, ווי די שונאים זאָגן, צו־שפּעט, צו־לאַנג פאַרבליבן אויף דער וועלט...״

ש. י. אַבראַמאָוויטש הערט אויס זיין מענדעלען און ער טוט אַ זאָג דורך דעם קאַרלינער, מענדעלעס באַקאַנטער: „איך פאַרשטיי, מענדעלע, אוי, פאַר־שטיי איך, וואָס אייך קוועטשט! איר טוט זיך אַליין אַ ביס און אַנדערע דערפילן אים אויך, דעם ביס...״

און אַ צווייטן מאָל, ווען מענדעלע באַגעגנט זיך מיטן זעלבן באַקאַנטן, דעם קאַרלינער, און יענער פאַרטשעפּעט מענדעלען מיט אַ שמועס וועגן דעם יידישן פאָלק, רייסט אים מענדעלע איבער די רייד און זאָגט: „אַ ייד איז איין גרויסע סתירה, אָט ווי ער שטייט און גייט, איין לעבעדיקער ווידעראַנאַנד: אַ חכם און אַ טיפּש; אַ בעל־חשבון ווי אַן אויסגערעכנטער סוחר, און פול מיט פאַנטאַזיעס, ווי אַ קינד; אַ ברענענדיקער ווי פייער און אַ קאַלטער ווי אייז; אַ מאמין און אַן אַפּיקורס; אַ למדן און אַן עם־הארץ; אַן עניו און אַ מגושמדיקער גדלן; אַ שעמעוודיקער און אַ מחוצף; אַ תקיף און אַ ניונקעלע; אַ ניט־פאָלגער, ווען עס הייסן אים לייטישע מענטשן, און אַ זריז צו מקיים זיין, ווען ס׳באַפעלט אים דער שוואַרציאַר ווייסט ווער; אַ ווייכער און אַ האַרטער; אַ גיבור ווי אַ לייב, און אַ שרעקנדיקער ווי אַ האָז; אַ בעל־רחמנות און אַן אכזר; אַ וותרן און אַ קמצן; אַן אויסגעפּוצטער און אַ שלעפּער אַ מנובל; און נאָך און נאָך אַלערליי סתירות, וואָס אַז איר ווילט, וועל איך זיי אויס־רעכענען אויספירלעך.״

און נאָך די אַלע געשיכטעס און פּאַסירונגען, וואָס קומען פאָר מיט די צוויי פאַרשוינען אין דער שטאָט אָדעס אין דער צייט פון דער בהלה, לאָזט זיך מענדעלע צוריק אין זיינע מקומות, נישט געקוקט אויף די וואָרנונגען פון זיין פריינט ר׳ לייב דער מלמד, ער זאָל עס ניט טאָן, ווייל עס פאַרלאָזן דעם יידישן תחום אַלץ מער קאָמפּאַניעס, קאַבצאַנסקער יידן. זאָגט אים מענדעלע: „נישקשה, ר׳ לייב, האָט ניט קיין מורא. דער יידישער תחום איז ווי אַ קוואַל,

וואָס ווערט ניט אויסגעשעפּט קיינמאָל. קאָמפּאַניעס גייען, קאָמפּאַניעס קומען, און קאַבצאַנסק און גלופּסק וועלן בלייבן אייביק...״

און אָט קומט דער טרויעריקער אַקאָרד פון דער מענדעלע־געשטאַלט, דער אַקאָרד, וואָס איז אויך געווען דער גורל פון נאָך אַ טרוימער ביי ש. י. אַבראַמאָוויטש, פון בנימין דעם דריטן אין זיין „מסעות״: „מיט מי און מאַטערניש האָב איך זיך אומגעקערט קיין גלופּסק. אַריינפאָרנדיק אין שטאָט אַריין, האָב איך מיך געפילט אַזוי ווי עס פילט זיך אַ פּראָש, ווען זי קערט זיך אום נאָך אַ לאַנגן שפּאַצירגאַנג איבער דער יבשה, צוריק אין איר בלאָטע אַריין און טוקט זיך אונטער ביז איבער די אויערן. איך האָב געזען בחוש, אַז איך און גלופּסק זיינען אַ זיווג מן השמים; טאַקע נאָר צווישן די מייניקע, אין גלופּסק און אין אַנדערע יידישע מקומות, בין איך אַ מענטש מיט מענטשן גלייך.״

דאָס איז דער גורל, וואָס ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעצייכנט און פאַר־ריגלט פאַר זיין מענדעלע־געשטאַלט.

פון דעם מענדעלע, וואָס מיר האָבן פאַר זיך אין די ערשטע ווערק, אין „קליינעם מענטשעלע״, „פישקע דער קרומער״, ביז דער איצטיקער מענדעלע־געשטאַלט האָבן מיר אַ גרויסן מהלך. די מענדעלע־געשטאַלט, ווי מיר זעען, האָט זיך ביי אַבראַמאָוויטשן אין לויף פון יאָרן און אין דעם גאַנג פון ווערק צו ווערק אַלץ מער אַנטוויקלט, זי איז פאַרטיפט און פאַרברייטערט געוואָרן.

ווי אַנדערש, למשל, איז אַרויסגעבראַכט פון אָנהויב אָן ביי שלום־עליכמען די געשטאַלט פון טביה דער מילכיקער, וואָס שלום־עליכם האָט זי אין לויף פון צוואַנציק יאָר געהאַלטן אין אויספורעמען אין זיין שאַפן. די טביה־געשטאַלט איז כסדר געוואַקסן אין איר אייגענער סביבה, געוואַקסן מיט ווייב און קינדער, געווען פאַרוועבט אין איר אייגענעם שטייגער, זיך שטאַרק גע־ענדערט, אָבער אַלץ פאַרבליבן אין די אייגענע רעאַלע און ווירקלעכע ראַמען. אין אַ בריוו צו דוד פינסקי האָט שלום־עליכם געשריבן וועגן זיין טביה: „די צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב טביהס מעשיות איבערגעגעבן, האָב איך געפילט, אַז אַלע מיינע סימפּאַטיעס זיינען אויף דער זייט פון דעם דאָזיקן פּראָסטן, נאָר גאַנצן, נישט־באַרירטן יידן.״ שלום־עליכם רעדט דאָ וועגן טביהס מעשיות, וואָס ער, דער פּראָפעסער, האָט בלויז איבערגעגעבן. גאָר אַנדערש איז די מענדעלע־געשטאַלט ביי ש. י. אַבראַמאָוויטשן, זי קרייצט זיך אָפט מיט דעם מחבר אַליין, אָפטמאָל פאַרטרעט זי אים, אַבראַמאָוויטשן, און אָפטמאָל איז זי גאָר אַ זייטיקע, אַ זעלבסטשטענדיקע געשטאַלט.

מיר וועלן זען, ווי די מענדעלע־געשטאַלט קומט אַרויס אין ש. י. אַבראַ־

מאַוויטשעס ווערק „שלמה ר׳ חיימס״, וואָס איז, ווי באַקאַנט, די לעבנס־געשיכטע פון ש. י. אַבראַמאָוויטש.

אויך „שלמה ר׳ חיימס״ — די לעבנס־געשיכטע פון ש. י. אַבראַמאָוויטש — הויבט זיך אָן מיטן געוויינטלעכן „אמר מענדעלע״ (האָט מענדעלע געזאָגט), אָבער דאָ האָבן מיר שוין פאַר זיך גאָר אַ נייע קאָמבינאַציע פון אַבראַמאָוויטש־מענדעלע. ניט אַבראַמאָוויטש דערציילט וועגן מענדעלען, נאָר, פאַרקערט, מענדעלע פירט דאָ אַרויס פאַר אונדז ר׳ שלמהן, דאָס מיינט — שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן. דאָס בוך הויבט זיך אָן מיט דעם, ווי מענדעלע איז געקומען פון אַ וויטן וועג זייער מיד אין דער גרויסער שטאָט (אָדעס, הייסט עס). עס איז אַ שלעכטער וועטער, באַשליסט ער צו גיין זיך זען מיט אַלטע באַקאַנטע, און ער לאָזט זיך גיין „צו שלמה ר׳ חיימס״ — „זיינער גאָר אַן אַלטער באַקאַנטער״.

און אָט ווי מענדעלע מאָלט זיין אַלטן באַקאַנטן, שלמה ר׳ חיימס: „אָט דער שלמה מיינער האָט געוואוינט אַמאָל אין גלופּסק, און די גלופּסקער האָבן אים אויסגעהאַלטן בכבוד גדול...״ און מענדעלע גיט צו גלייך איראָניש: „נישט זיי האָבן זיך אויסגעבראַכט אויף אים מיט געלט, חס ושלום! נישט קיין גראָשן אַפילו... נאָר וואָס דען? ר׳ שלמה איז אַ שרייבער, אַ מחבר הייסט דאָס, האָבן די גלופּסקער אים געדינט פאַר אַ קרענעצע צו זיינע מעשיות, דאָס הייסט, ער פלעגט זיך גוט צוקוקן צו די גלופּסקער, באַטראַכטנדיק זייערע אַלע מעשים, ווי דער שטייגער איז פון די נאַטור־פאַרשער, וואָס זיי באַטראַכטן די טבע פון די באַשעפענישן און רעדן איבער „שקצים״, רמשים און איבער אַלע מיני חיות און בהמות. און באַקענענדיק זיך מיט דער טבע פון די גלופּסקער ברואים, מיט זייער שטייגער לעבן, מיט די אַלע גענג און אויפפירונג זייערער, פלעגט ער זיי דערנאָך באַשרייבן, אַנידערשטעלנדיק אַ בילד אַ וואונדער־שיינס, מחיה־נפשות, וואָס פלעגט האָבן אַ שאַרפן אָפּגאַנג צווישן יידן און דערפון האָט ער געהאַט נישקשהדיק זיין אויסקומעניש.״

אַזוי רעדט מענדעלע וועגן זיין אַלטן באַקאַנטן ר׳ שלמה, וואָס ער גייט אים באַזוכן. מענדעלע דערציילט אונדז ווייטער, ווי ר׳ שלמה האָט געשריבן זיינע גלופּסקער געשיכטעס. ביז לסוף האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז „די דאָזיקע קרענעצע, פונוואַנען ער שעפּט, האָט אָנגעהויבן, מחילה, אונטערעיפּושן און ווימלען מיט מיני קליינע באַשעפענישלעך, וואָס איז נישט כדאי מיט זיי זיך אָפּצוגעבן, און געהערט האָט ער אויך, אַז ס׳האָבן זיך געוויזן גאָר נייע מאָדנע מיני ברואימלעך, אויפן קוק, דאַכט זיך, ווי די אַלטע, אָן פאַרט אַנדערש, עפּעס מיני כאַמעלעאָנען אַזוינע, נאָך נישט גוט אויסגעפאָרשט לעת־עתה, ווער און וואָס זיי זיינען. ס׳איז צו האָפן, אַז מיט דער צייט וועט קומען דער

געלערנטער מאַן, וואָס אים וועט באַשערט זיין גוט אויספּאַרשן און באַקאַנט מאַכן מיט זיי די וועלט. דעריבער האָט ר׳ שלמה מפקיר געווען זיינע גלופּסקער און איז פון זיי אַוועק.״

און מענדעלע טוט זיך אַ זאָג: „צי האָט ר׳ שלמה זיך אָפּגעגעבן מיט די נייע מאָדנע ברואים און אים איז ניט געראָטן גוט זיי אויסצולערנען, דאָס ווייס איך ניט... נאָר דאָס ווייס איך באַשטימט, אַז ער האָט דאָרטן היינט אין „ב״ . . . אַן אייגענע שולע פאַר יידישע קינדער.״

מענדעלע קומט אַריין צו ר׳ שלמהן אין הויז, און ער דערציילט: „שטיי איך מיר אַזוי אַ ווילע אין פאָדער־חדר זייער שטיל, טאַפּנדיק זיך ביי דער קאַפּאָטע, ביי די פאות, אונטערהויבנדיק אַ ביסל דאָס היטל אויפן קאָפּ, גוט אויסצוגלייכן די יאַרמעלקע אויף אים.״ ער זעט ר׳ שלמהן: „אַ גרייז־גרויער מאַן״, וואָס זיצט אויבנאָן אויף אַ שטול, מיט דריי מאַנסבילן אַן דער זייט ביים טיש. דאָס זיינען שרייבער, גוטע פריינט פון ר׳ שלמהן. ווען מענ־דעלע קומט אַריין אין צימער, גייט אַוועק אַ לענגערער שמועס צווישן ר׳ שלמהן און מענדעלען, וואָס לכתחילה דערקענט ער ניט זיין פריינט מענדעלען.

„וואָס מאַכט איר ר׳ שלמה?״ — זאָגט מענדעלע. — „אוי, שוין אַ צייט מיט יאָרן, אַז מיר האָבן זיך ניט געזען, מיר זיינען ביידע אַלט געוואָרן אין דער צייט. די האָר אייערע זיינען שוין גאָר ווייס געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט איר זיך קיין סך נישט פאַרענדערט. איך האָב אייך באַלד דערקענט, אין דעם הויכן שטערן און אייער קורצער ראיה, די זעלביקע אויגן די פייערדיקע, די זעלביקע ליפּן, אויף וועלכע צאַרן מיט שמייכל שוועבן אינאיינעם, דער זעלביקער ברען און דאָס זעלביקע מאַכן מיט די הענט אַזוי ווי אין דער יוגנט. איר זייט אַן אַלט־יונגל, איך בעט איבער אייער כבוד!״ — אַזוי כאַראַקטערי־זירט זיך גופא ש. י. אַבראַמאָוויטש דורך זיין פריינט מענדעלע.

ר׳ שלמה און זיינע פריינט האָבן געהאַלטן אין מיטן אַ הייסן שמועס וועגן הויכע ליטעראַרישע ענינים, און מיט מענדעלעס אַריינקומען, איז דער שמועס איבערגעריסן געוואָרן. ר׳ שלמה, ווי מענדעלע דערציילט, האָט זיך אָנגערופן: „לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער פריערדיקן שמועס. פאַר ר׳ מענדעלען איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען, ער איז דערין זייער געניט, ער איז אַ בקי אין דעם דאָזיקן ענין... אדרבא, זאָל ער הערן און זאָגן זיין מיינונג.״

און עס גייט אַוועק זייער אַן אינטערעסאַנטער לענגערער שמועס צווישן די אַלע — ר׳ שלמה, מענדעלע און די דריי געסט — איבער דער פּסיכאָלאָגיע פון שרייבן און וועגן דעם שטאַף, וואָס דער שרייבער דאַרף פאַרברויכן פאַר זיינע ווערק. און עס דויערט אַזוי אַ גאַנצן אָוונט, ביז עפּעס אַן אָרעם בחור

קומט אַריין און בעט זיך איבערצונעכטיקן די נאַכט אין דער שולע. ר׳ שלמה זאָגט אים אָפּ, דער בחור גייט אַוועק, און מענדעלע דערציילט: „ר׳ שלמה איז געבליבן זיצן פאַרבליפט נאָך דעם בחורס אַוועקגאַנג, פאַרטראַכט און פאַר־זאָרגט. דאָס פּנים זיינס האָט זיך פאַרענדערט, אַזוי אַז איך האָב נישט דער־קענט דעם ר׳ שלמהן, וואָס איך האָב ערשט נישט לאַנג געזען. פאַר מיר זיצט אַן אַלטער, אַ שוואַכער, גאָר אַ צעבראָכענער שאַרבן, און דאָס געזיכט שטאַרק צעקנייטשט...״

אויפן צווייטן טאָג האָט מען זיך ווידער פאַרזאַמלט ביי ר׳ שלמהן. און ש. י. אַבראַמאָוויטש דערציילט דורך מענדעלען אַט וואָס: „ר׳ שלמה האָט געפּילט קאַפּוויטיק און ער איז דעם גאַנצן טאָג נישט אַרויס פון זיין צימער. דאָך איז דאָס וויב זיינס אַריינגעגאַנגען צו אים זאָגן, אַז מיר זיינען געקומען, און באַלד טאַקע האָט ער אונדז פאַרבעטן צו זיך. דאָס צימער איז נישט אַזוי גרויס און ס׳איז דאָרטן עפּעס אַ נחת, ריין־ציכטיק אין אַלע ווינקלעך, די ווענט און מעבל, און די שאַפעס ביכער זאָגן, אַז דאָ וואוינט אַ תלמיד־חכם.״ ש. י. אַבראַמאָוויטש לאָזט ווייטער מענדעלען צו שילדערן זיך: „ר׳ שלמה זיצט אָנגעלענט ביים שרייבטיש פאַרטיפט אין געדאַנקען מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, פאַר אים ליגט אַ בויגן פּאַפּיר פאַרשריבן און געמעקט אין פיל ערטער, אויך אַ פּען נאָך נישט רעכט אָפּגעטריקנט פונעם טינט. ביים אַריינגאַנג, האָט ער תחילה אונדז נישט באַמערקט. דערנאָך האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און האָט אונדז צוגענומען פריינטלעך.״

און ווידער וויקלט זיך פאַנאַנדער אַ שמועס. ר׳ שלמה רעדט מיט טיפן ווייטיק וועגן דער גרויסער עוולה, וואָס ער איז באַגאַנגען נעכטן אָוונט, הלמאי ער האָט נישט פאַרבעטן דעם אָרעמען בחור איבערצונעכטיקן אין דער שול. ער לאָזט זיך אַוועק אין אַ מין ווידוי וועגן זיך, וועגן זיין יוגנט, וועגן זיין שרייבן. ר׳ שלמה זאָגט ווייטער: „איך וועל אַציַנד ענדיקן אייך מיין שמועס, וועלכער איז נעכטן אין אָנהויב איבערגעהאַקט געוואָרן. שוין אַ לאַנגע צייט, אַז די פּען מיינע געפינט זיך צווישן צוויי פאַרשיידענע דעות, פּונקט קאַפּויר איינע פון דער אַנדערער, ווי דער אָרון פון מחמדן הענגט, לויט ווי מען זאָגט, צווישן צוויי מאַגנעטן. אין דער צייט וואָס איינע פון די דעות ציט זי אַהין צו באַשרייבן אַלטע זאַכן וואָס־פריער, איז די וואָס אַקעגן האַלט זי אָפּ, ציענדיק זי אַהער צו באַשרייבן וואָס אין אונדזער צייט גייט פאָר...״

אויסהערנדיק דעם ווידוי־שמועס פון ר׳ שלמהן, האָבן אַלע גענומען טענהן צו אים, אַז ער מוז שרייבן זיין לעבנס־געשיכטע, שרייבן און טאַקע דרוקן. דערויף האָט ר׳ שלמה געענטפערט זיי מיט אַ שמייכל: „אויב יאָ אַזוי, אַז

איר זאָגט דרוקן, גייט זשע ווייטער און רעכנט אויס נאָך און נאָך מלאכות, וואָס אַ יידישער מחבר האָט צו טאָן, כסדר...״

און ר׳ שלמה — ש. י. אַבראַמאָוויטש — רעכנט אויס דאָס צעטל מלאכות: „שרייבן און צונויפנעמען פּרענומעראַנטן און הסכמות; דרוקן און מגיה זיין (מאַכן קאָרעקטן, פּרואווס—נ. מ.), קנעלן, האָבן צו טאָן מיט דעם בחור הזעצער; מאַכן אַ גרויסן לוח־הטעות, אַזויפיל וויפיל אין ביכל זיינען דאָ ווערטער; אַרומגיין איבער די הייזער, טיילן און אַנוואַרפן אויף יידן די ספרים, דערבּידעריקן זיך פאַר איטלעכן גאַרנישט, פאַר אַ ליאַדע מענטשל, אַריינלאָזן זיך אין וויכוחים מיט קמצנים און נאָך אַזוינע נפשות, וואָס ווילן זיך אויס־דרייען; בוקן זיך און קבצענען לכבוד גאָט, לכבוד התורה ולכבוד דעם הייליקן לשון פון קודשא־בריך־הוא מיט די כנסת־ישראל; געבן אַ סך ספרים באַקאַנטע במתנה און מוכרי־ספרים אויף באָרג ביז משיח וועט קומען; און נאָך אַלע זאַכן פאַרקויפן דאָס רעשט ווי שמאַטעס אויף פּאַפּיר — אַ קאָפּיקע אַ פונט!״ — „ניין! ברידער — רופט אויס ר׳ שלמה — איך טויג נישט צו אַזעלכע אַרבעטן.״

טוט זיך מענדעלע אַ כאַפּ: „האָט איר דען פאַרגעסן, ר׳ שלמה, אַז ס׳איז עפּעס דאָ אַ מענדעלע מוכר ספרים אויף דער וועלט...״ און אויסרעכענענדיק נאָך אַ צוגאָב־צעטל, וואָס דער מוכר ספרים האָט צו טאָן מיט אַ יידישן ספר, האָט ער געזאָגט: „בּישקשה, ר׳ שלמה, נעמט שרייבט, און וואָס נאָכן שרייבן דאַרף זיין, דאָס נעם איך שוין אויף מיר...״ און מענדעלע גיט צו: ר׳ שלמה האָט געשוויגן און מיר פריינטלעך געדריקט די האַנט, ווי איינער זאָגט: „טאַקע, זאָל זיין ווי איר ווילט!״

און מענדעלע ענדיקט זיין „אמר מענדעלע״, זיין הקדמה צו ש. י. אַבראַ־מאָוויטשעס לעבנס־געשיכטע „שלמה ר׳ חיימס״, מיט די ווערטער:

„געזונט זאָל זיין ר׳ שלמה, וואָס האָט געהאַלטן וואָרט, און אין אַ יאָר אַרום מיר אַריינגעשיקט פיל פון זיינע געשריבענע זאַכן, וועלכע איך וועל מיט דעם אויבערשטנס הילף לאָזן אָפּדרוקן אין אַ קורצער צייט כסדר איינע נאָך די אַנדערע.״

דאָס איז, אין קורצן, די געשיכטע פון די איבערוואַנדלונגען פון דער מערקווירדיקער מענדעלע־געשטאַלט ביי שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן זינט זיין באַווייזן זיך צום ערשטן מאָל ביי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש ביז דעם לעצטן ווערק.

1944

שלום עליכם

1.

אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענישן, געשריבן אין 1908, צו זיין 25־יאָריקן יובילײַ („שלום־עליכם־בוך", ז' 4), דערציילט אונדז שלום עליכם: „אין יענער צייט, אין 1883, האָט דער רעדאַקטאָר פונעם „המליץ" אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אַ זשאַרגאָנישע צייטונג „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט". דער ערשטער נומער וואָס איז אים אַריינגעפאַלן אין די הענט [שלום עליכם האָט געשריבן זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן אין דער דריטער פערזאָן—נ. מ.] האָט איבערראַשט דעם שריפטשטעלער מיט דער איינפאַכקייט פון דעם איינפאַל. אַט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — דרוקט זיך אויף אַזאַ פשוטער שפראַך, וואָס איז צוגענגלעך פאַר אַלע יידן, אַפילו פאַר ווייבער! פון דעמאָלט אָן האָט זיך אין אים פאַרגנבעט דער געדאַנק: צי שפייזט נישט די העברייאישע שפראַך מיט איר פיינער „מליצה" נאָר אַ קליינע צאָל אויסדערוויילטע, וואָס באַזיצן זי? דאָס איז איינס. און דאָס צווייטע איז, וואָס סיי ווי סיי, ווען דו שרייבסט העברייאיש, טראַכסטו דאָך אויף זשאַרגאָן — איז שוין נישט בעסער טאָקע גלייך אויפן אָרט צו שרייבן יידיש, דאָס הייסט, שרייבן אַזוי ווי דו טראַכסט? אָבער ווי אַזוי קאָן מען עס פועלן ביי זיך צו שרייבן אויף אַזאַ שפראַך, אויף וועלכער „אַלע רעדן", און דער עיקר — אויף וועלכער עס דרוקן זיך „תחינות פאַר ווייבער"? וואָס וועט זאָגן דערויף דער טאַטע?...

אַט דעמאָלט איז עס צוגעטראַכט געוואָרן דער פסיידאָנים „שלום עליכם", אונטער וועלכן דער מחבר האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון קרובים און באַקאַנטע, דערהויפט נאָכדעם, ווען ער האָט דורך די אומשטענדן (זיין חתונה האָבן אויס ליבע מיט אַ רייכן מיידל) אַוועקגעלאָזט דאָס רבנות און איז אַריינגעפאַלן אין דעם סאַמע געדיכטן פון דער פּלוטאָקראַטיע, וואָס איז אַזוי באריכות באַשריבן פון מנחם מענדלען אין זיינע אומצייליקע בריוו. אין דער דאָזיקער סביבה (אויף דער קיעווער בערזע) האָט זיך בכלל גערעכנט פאַר אַ חרפה אָנצוקערן זיך מיט די, וואָס שרייבן, בפרט נאָך אויף זשאַרגאָן."

און עס איז געשען אַ וואונדערבאַרע זאַך: שלום ראַבינאָוויטש איז איבערגעוואַנדלט געוואָרן אין שלום עליכם. שלום ראַבינאָוויטש האָט זיך אויפגעלייזט אין שלום עליכמען. און עס איז גאָר שווער אָפּצוטיילן דעם מענטש שלום ראַבינאָוויטש פון דעם שרייבער שלום עליכם. שלום ראַבי־נאָוויטש, זיין לעבן און זיין סביבה, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די מייסטערישע צאַפּלדיקע שלום־עליכם־ווערק. מיט דער צייט האָט שלום עליכם געשאַפן וואונדערבאַרע געשטאַלטן און ער האָט אַריינגעבראַכט אין זיי זיין האַרץ, זיין נשמה, זיין כאַראַקטער, זיין לייב און לעבן.

אין איינעם פון זיינע בריוו, געשריבן אין די יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען אַ מעקלער אויף דער בערזע, זאָגט שלום עליכם: „סאָלאָמאָן ראַבינאָ־וויטש איז פיר שעה אין טאָג אויף דער בערזע אַ מאַכער, אַ דרייער, אַ שטיקל טויז ב״ה. נאָר פון זייגער פינף בייטאָג ביז דריי־פיר אין דער נאַכט בין איך שלום עליכם.״ זיין באַקאַנטשאַפט, זיין נאָענטקייט מיט דער בערזע, מיט די סוחרים, מיט די אַלע „דרייערס״ און „מאַכערס״, איז אים וואויל באַקומען. עס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אויפצונעמען זיי און זייער לעבן פון אינעווייניק, פאַרשטיין זיי דורך און דורך. שלום עליכם אַליין האָט אַדורכ־געמאַכט די אַלע פּלאָגן, אַליין אַדורכגעגאַנגען די אַלע שבעה מדורי גיהנום פון דעם לעבנס־יאַריד און דערנאָך עס אַזוי אמתדיק געשילדערט.

מיט דער צייט האָט שלום עליכם אַלץ מער גובר געווען, באַזיגט אין זיך שלום ראַבינאָוויטשן. אַט שרייבט י. ד. בערקאָוויטש, דער איידעם און דער קענער פון שלום עליכמען: „ער איז נישט געווען שלום עליכם אין דער ליטעראַטור און ראַבינאָוויטש אין דער היים. ער האָט בכלל דעם ראַבי־נאָוויטש אָפּגעטשעפּעט פון זיך, באַלד ווי ער האָט דערפילט אויף אַן אמת זיין קינסטלערישע מיסיע. ער איז געווען אומעטום כולו שלום עליכם. אין דער היים אָבער איז ער געווען, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, נאָך מער שלום־עליכמדיק ווי ער האָט אויסגעזען פאַר דער דרויסנדיקער וועלט. . . . צי שטעקט ניט ווידעראַמאָל דער סוד אין דעם, וואָס ביי שלום עליכמען האָט זיך זיין פּריוואַט לעבן מיט זיין שאַפן צוזאַמענגעגאָסן אין איין איינהייט?״

און נאָך מער: פאַר שלום־עליכמען אַליין איז מיט דער צייט אויס־געוואַקסן שלום עליכם דער שרייבער. ער זעט אין אים אַ פאַרגאַנצטע גע־שטאַלט, ער זעט אים און ער קוקט שוין אָפּט אויף אים ווי פון דער זייט, ער רעדט וועגן אים ווי וועגן אַ צווייטן, אַ זייטיקן.

עס שרייבט שלום עליכם אין זיין בוך „פונעם יאַריד״ אין דעם ערשטן קאַפּיטל: „איך, שלום עליכם דער שרייבער, וועל אייך דערציילן די ריכטיקע ביאָגראַפיע פון שלום עליכם דעם מענטשן, אָן צערעמאָניעס, אָן באַפּוצעכצן

און צאַצקערייען, ווי עס וואָלט אייך דערציילט, למשל, אַ זייטיקער פּאַרשוין, אַ ווילד־פרעמדער, נאָר אַזעלכער, וואָס איז געווען מיט אים אומעטום...״

געדענקט איר דעם אָנהויב פונעם צווייטן אַקט אין „דאָס גרויסע געווינס״? שימעלע סאָראָקער, ווען ער ווערט אַן עושר, זיצט ביי זיך אין זאַל אויף אַ שטול, ער איז פאַרטאָן אין עפּעס אַ בוך. עטי־מעני, די פרישגעבאַקענע גבירינטע, פרעגט שימעלען וואָס ער טוט, ענטפערט שימעלע סאָראָקער: „איך לייען אַ געשיכטע, לייען איך.״ „וואָס פאַר אַ געשיכטע לייענסטו?״ — פרעגט עטי־מעני. דערקלערט שימעלע: „איך לייען אַ קריטיקע פון איינעם אַ לץ, וואָס מאַכט חוזק פון דער גאַנצער וועלט. און הייסן הייסט ער שלום־עליכם.״ ווערט עטי־מעני אויפגעבראַכט: „עליכם שלום! . . . וואָס האָט ער צו דער וועלט?״ ענטפערט איר שימעלע סאָראָקער מעשה־קענער: „צו דער וועלט האָט ער גאָרניט, נאָר ער באַשרייבט דאָ איינעם אַ שניידער, וואָס איז געווען אַמאָל אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס און איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גביר. . . . לצעוועט ער פון אים אָפּ און פון זיין ווייב . . . אַ רעכטער ממזר; אַן אמתער „עמך״; ער מאַכט פון זייביידן אויסצודרייען. נאָר פון איר, פון דער שניידערין, מאַכט ער אַ לעמעשקע — אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין!״ און עטי־מעני גיט צו פון איר זייט צו שימעלעס קללה: „מאַכן זאָל זיך אים אַ מכה — טפו! איך וואָלט אַזאַ פאַסקודסטווע אין די הענט ניט געהאַלטן!...״

אין אַ בריוו צום באַוואוסטן יידישן קריטיקער בעל־מחשבות (1873—1924) זאָגט שלום עליכם וועגן זיך: „מיר דאַכט, אַז יעדער שרייבער, ניט נאָר אַ שלום עליכם, נאָר אַ סך אַ גרעסערע קאַליקע, וויל געבן דאָס בעסטע וואָס ער פאַרמאָגט.״ און דערמאָנענדיק איינעם אַ באַוואוסטן שרייבער, וואָס האָט דאַן געהאַט אַ נישט־גוטע באַציאונג צו אים, צו שלום־עליכמען, שרייבט ער: „ער וואָלטן וועלן, אַז מיט שלום עליכמען זאָל שוין אויפהערן אַמאָל צו שלום־עליכמען. שוטים! נאַראָנים! זיי ווייסן ניט, אַז די גוטע פריינט, אַז שלום עליכם האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און וויל ערשט אָנהויבן צו שלום־עליכמען.״ (1912).

און אויף וויפיל זיין שרייבן איז געווען טיף איינגעבאַקן אין זיין האַרצן, אויף וויפיל די געשטאַלטן זיינען געווען אייגן און נאָענט אים, איז צו זען פון דעם, ווי אָפטמאָל רופט שלום עליכם זיך אָן מיט די נעמען פון זיינע הויפּט־העלדן, דערהויפּט מיט די נעמען מנחם מענדל און טביה. מנחם מענדל און טביה — אָט די צוויי קאָנטראַסטן — זיינען באמת גרונט־עלעמענטן פון זיין כאַראַקטער, שטיקער פון זיין אייגענעם איך.

שלום עליכמען איז אָפטמאָל גרינגער געווען צו באַצייכענען באַשטימטע

מאָמענטן אין זיין לעבן, כאַראַקטעריזירן אָן אייגענעם געמיט־צושטאַנד מיט דער הילף פון זיינע פאַרשוינען מנחם מענדל און טביה. נישט איין מאָל פירט שלום־עליכם צונויף אָט די צוויי ווידעראַנאַנד־טיפּן, כדי שאַרפער צו זען יעדן איינעם מיט זיין אַרט פילן און אויפנעמען זאַכן. טביה באַשולדיקט מנחם מענדלען, און באַדויערט אים נישט זעלטן. טביה רופט אָן אַמאָל מנחם מענדלען: „אַ פליער, אַ ברענער, אַ לויפער, אַ דרייער, אַ נעכטיקער טאָג.״ אָן אַנדערש מאָל רעדט ער וועגן אים מיט רירנדיקע ווערטער. שלום עליכם האָט זיי ביידן געשעפּט פונעם אייגענעם קוואַל, דאָס וואַכעדיקע און דאָס יום־טובדיקע, דעם הו־האַ און די גוטמוטיקייט, דעם צעטראָגענעם מנחם מענדל און דעם באַדן־פעסטן טביה. אין שלום־עליכמען גופא האָבן אָפּט געקעמפּט די צוויי ווידערשפּרעכנדיקע כחות.

אין אַ בריוו פון פעטערבורג (1904), וואוהין שלום עליכם איז געפאָרן צוליב פאַרשיידענע געשעפטן און געהאַט דאָרט אַ סך לויפעניש, שרייבט שלום עליכם צו י. ח. ראַווניצקי וועגן זיך: „... פון דער שטאָט פּייטערבאָרג איז מנחם מענדל גאָר מטושטש. אַ שטעטל, ברענען זאָל דאָס אויפן פייער! אַי, מאָווערן! אַי, אַ טומל!״

אָן אַנדערש מאָל זעט זיך שלום עליכם אין די ביידע געשטאַלטן צוזאַמען, אין מנחם מענדלען און אין טביהן. אָט שרייבט ער אין אַ בריוו צו איינעם יצחק יאַמפּאָלסקי (1908): „... זאָגט איך וואָס איר ווילט, קיין שונאים האָב איך ניט, ווייל איך בין קיינעם קיין שונא ניט. ווייל טביה איז אַ בעל־בטחון און ווייל מנחם מענדל גלויבט דער גאַנצער וועלט.״ (ש״ע־בוך, ז׳ 227.)

אינטערעסאַנט איז אַ גרעסערער בריוו, וואָס שלום עליכם האָט געשריבן צו אַ ייד אַ גביר, שמואל שרירא. שלום עליכם האָט „באַפולמעכטיקט״ מנחם מענדלען צו פירן די קאָרעספּאָנדענץ אין זיין נאָמען. מנחם מענדל פון יעהופּעץ שרייבט אָנשטאָט שלום עליכמען: „... אייער בריוו האָט שטאַרק אויס־געצומען הן ביי מיר, הן ביי שלום עליכמען.״ ער באַרירט שלום עליכמס מאַטעריעלע לאַגע און גיט צו: „... והשנית, ווייס איך, וויפיל בלוט עס קאָסט אונדזער פריינט שלום עליכם, וואָס האָט געמוזט פאַר אַ נזיד עדשים [אַ טאָפּ ליגנדון—ג. מ.] פאַרקויפן זיינע בעסטע שרייבעכצן צו פאַרשיידענע פאַרלעגער.״ און מנחם מענדל בעט צו ענטפערן אים אויף דעם אַדרעס פון שלום עליכם. (ש״ע־בוך, ז׳ 294.)

אָט אַזוי איז שלום ראַבינאָוויטש נישט נאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שלום־עליכם, נאָר אויך אין די געשטאַלטן, וואָס שלום־עליכם האָט אַרויס־געבראַכט.

.2

אין 1884, ווען שלום ראַבינאָוויטש איז קוים אַלט געווען 25 יאָר און געהאַט אָפּגעדרוקט בלויז עטלעכע זאַכן אין דעם איינציקן דאַן יידישן „פאָלקס־בלאַט״ האָט ער געשיקט אַ בריוו צו מענדעלע מוכר ספרים קיין אָדעס, אַ באַגריסונג צו זיין 25־יאָריקן ליטעראַרישן יובילײ. דער בריוו איז געשריבן געווען אין דער רוסישער שפּראַך. אין דעם באַגריס־בריוו שטעלט זיך פאָר ש. ראַבינאָוויטש ווי „אַ יונגער פייערדיקער פאַרערער״ פון מענדעלעס טאַלאַנט, „אַ פאַרערער, וואָס אַרבעט אויפן באָדן, וואָס איז פון אים, פון מענדעלען, צעאַקערט געוואָרן, נאָכפאָלגנדיק איינגעשפּאַרט און פלייסיק די טריט, וואָס ער האָט אַזוי שאַרף איבערגעלאָזט אויף די פעלדער פון אונדזער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור״. דער 25־יאָריקער שלום ראַבינאָוויטש זאָגט: „אויב איך האָב ביז איצט, אין פאַרלויף פון מיין צוויי־יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט . . . מיט מיינע אומבאַדייטנדיקע אַרבעטן נאָך גאָרנישט געגעבן — דערפאַר אָבער וואָס פאַר אַ צוקונפט סע שטייט־פאָר פאַר מיר, ווי פאַר אַן אָנפאַנגער, וואָס פאַר אַ ברייט פעלד פאַר יעדן איינעם, וואָס ווינטשט צו ווידמען זיין צייט דער עבודה אויפן מזבח פון אונדזער פאָלקס־מוזע.״ ער פאַרענטפערט זיך, פאַרוואָס ער רעדט אינעם בריוו וועגן זיך. ער טוט עס נישט אין פערזענלעכע אינטערעסן, נאָר אין אינטערעסן, וואָס דינען נוגע „אי דער יידישער מאַסע, וואָס פייערט דעם יובילײ, אי אונדזער אָרעמען פאַריאָגטן און דורכאויס־עקספּלואַטירטן זשאַרגאָן, אי מיך אַליין, אי אַפילו אייך.״

אָט דאָס צונויפבינדן די יידישע מאַסע, דעם אָרעמען „זשאַרגאָן״ און זיך אין איין גאַנצעס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום־עליכמען. דאָס איז געוואָרן דער דעוויז און די ריכטליניע פון שלום־עליכמען און זיין שאַפן אין לויף פון זיין גאַנץ לעבן.

שוין אין די ערשטע יאָרן פון זיין שרייבן האָט זיך שלום־עליכם נישט באַגנוגנט בלויז מיט זיין שאַפן. ער האָט אָנגעהויבן פילן די אחריות פאַר דעם יידישן וואָרט, פאַר דער יידישער ליטעראַטור, פאַר דער יידישער מאַסע. אין די קרייזן פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ, צווישן די העברייאישע שרייבער און אַפילו צווישן די, וואָס האָבן שוין יאָ באַשלאָסן „אַראָפּצולאָזן זיך״ צו דער יידישער שפּראַך, האָט דאָן נאָך געהערשט האָס, חוזק, ביטול צום מאַמע־לשון. דער יונגער שלום־עליכם איז אַרויסגעטראָטן קעגן אָט דער פיינטלעכער און גלייכגילטיקער באַציאונג און דערקלערט אַ פאַרביטערטן קאַמף די אַלע אָפּענע און באַהאַלטענע שונאים. ער האָט אָפּגעשלאָגן די אָנ־

גריפן, אַליין אויפגעשטעלט פּאָזיציעס, אָנגעהויבן גרופּירן אַרום זיך די וויכטיקסטע רוסיש־יידישע, העברייאישע און „זשאַרגאָנישע" שרייבער פאַר אַן איינהייטלעכער גאַנצער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור.

עס איז געווען אַ דרייסטער אַרויסרוף פון דעם יונגן 27־יאָריקן שלום־עליכם צו דער יידישער וועלט צו אָרגאַניזירן אין יענער צייט, אין 1888, גרויסע זאַמלביכער און סטימולירן אַלטע אָנערקענטע שרייבער, פאַרביטערטע קעגנער פון דער יידישער שפּראַך, פאַר אַ „פאַראייניקטן קולטור־פראָנט", ווי מיר זאָגן איצט, אויף אונדזער היינטיקער שפּראַך.

איינינקע באַוואוסטע העברייאישע און רוסיש־יידישע שרייבער, וואָס האָבן פאַרעפנטלעכט זאַכן ביי שלום־עליכמען אין זיינע זאַמלביכער „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", אין די יאָרן 1888־1889, האָבן זיך באַצויגן גאָר שלעכט צו יידיש. דער באַרימטער העברייאישער דיכטער י. ל. גאָרדאָן (1829—1892), וואָס האָט געגעבן שלום־עליכמען אַ יידיש ליד „אַ ברכה" פאַר זיין זאַמלבוך און מיט אַ צוויי יאָר פריער האָט ער אַפילו אַרויסגעגעבן אַ לידער־ביכל אין יידיש, „שיחת־חולין", שרייבט אין דער זעלבער צייט אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען: „איר פרעגט מיין מיינונג וועגן דעם זשאַרגאָן? . . . וועל איך אייך אָפן זאָגן, אַז איך האָב תמיד גערעכנט דעם קיום פון דעם דאָזיקן דיאַלעקט אינעם מויל פון אונדזער פאָלק פאַר דער סאַמע טרויעריקער דערשיינונג אין זיין היסטאָרישן לעבן. דאָס איז אַ שאַנד־צייכן פון דעם געטריבענעם נע־ונדניק, און איך האָב עס גערעכנט פאַר אַ חוב פון יעדן געבילדעטן יידן צו באַמיען זיך, אַז ער זאָל ביסלעכוויז אָפּגעווישט ווערן און פאַרשווינדן פון אונדז. אים קאָן מען דולדן ווי אַ נויטווענדיק שלעכטס, מיט אים מעג מען זיך באַנוצן ווי מיט אַ מיטל דורכצופירן די בעסטע אידייען אין אונדזער פינצטערער מאַסע, נאָר בשום אופן נישט באַמיען זיך וועגן זיין באַפעסטיקונג און זיין אויפבליאונג." און י. ל. גאָרדאָן וואונדערט זיך אויף דעם יונגן שלום־עליכם, „וואָס שרייבט גוט אויף רוסיש און באַהערשט פראַכטפול העב־רייאיש", ווי אַזוי קאָן ער זיך אָפּגעבן צו קולטיווירן דעם „זשאַרגאָן".

אַ צווייטער העברייאישער שרייבער, דער פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור, אלעזר שולמאַן (1837—1904), וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אין דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" אַן אַרטיקל „צו דער געשיכטע פון דער זשאַר־גאָן־ליטעראַטור", שרייבט אין דעם זאַמלבוך וועגן יידיש: „דער זשאַרגאָן איז אין אונדזערע אויגן נאָר אַ מיטל דאָס פאָלק צו בילדן, אָבער ניט קיין צוועק פאַר זיך אַליין. . . . מען קאָן האָפן, ווען די גליקלעכע צייט וועט קומען, אַז מען וועט שוין דעם זשאַרגאָן מיט אַן אמת ניט באַדאַרפן, וועלן מיר אונדז געוויס אַלע פרייען מיטן גאַנצן האַרצן." און דער יידיש־פאָרשער באַדויערט,

וואָס „דאָס איז אָבער נאָך זייער לאַנג צו וואַרטן, און ווער ווייסט, ווער פון אונדז וועט עס נאָך אַמאָל דערלעבן ?"

אין אַזאַ מין אַטמאָספער, ביי אַזאַ פיינטלעכער באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך און צו איר ליטעראַטור, איז ש"ע אַרויסגעקומען מיט דער פאָדערונג פון אַ יידישער ליטעראַטור און געמאָנט רעכט פאַר יידיש.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייטן אין יענער צייט, דער העברייאישער דיכטער, דער סימפּאַטיקער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, דר. יצחק קאַמינער, האָט אָפּגעשאַצט די מיסיע פון שלום-עליכם, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט אַרום זיינע יידישע זאַמלביכער די דעמאָלסטיקע באַוואוסטע שרייבער. אין זיין באַגריס-אַרטיקל, וואָס קומט צום אָנהויב פונעם ערשטן באַנד „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק", שרייבט דר. י. קאַמינער: „איך האָב דערזען ביי אייך ניט נאָר אַלע בעסטע זשאַרגאָניסטן, נאָר אויך פיל העברייער, פון אונדזערע בעסטע יידישע שרייבער אין דעם הייליקן לשון; אויך האָב איך געפונען דאָרט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעפיינט מיט זייערע יידישע ווערק אין דער רוסישער שפּראַך — הכלל, זיי זיינען אַלע דאָ, אַלע יידישע כחות, די שענסטע פאָרטרעטער פון אונדזער ליטעראַטור, און אַלע רעדן זיי מיט איין לשון, מיט דעם לשון, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק רעדט."

שלום-עליכם האָט געטאָן באַוואוסטזיניק זיין אַרבעט. ער האָט אַליין געשריבן זאַכן, וואָס זיינען פון מאָל צו מאָל אַלץ גאַנצער און מייסטערישער געוואָרן. גלייכצייטיק האָט ער ליידנשאַפטלעך באַקעמפט די שרייבער און רעדאַקטאָרן, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן די חשיבות פון דעם יידישן וואָרט. ער דערקלערט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף שמ"רן און זיינע ביכער, וואָס האָבן דאַן געוועלטיקט אין דער יידישער וועלט. ער גיט אַרויס אַ ביכל „שמ"רס משפט", וואו ער פאַראורטיילט אַט דעם מין שרייבן. ער שלאָגט אָפּ די אַטאַקעס, וואָס ווערן דאַן געמאַכט אין דער העברייאישער און רוסיש-יידישער פּרעסע און אַפילו אויך אין דער איינציקער יידישער אויסגאַבע אין רוסלאַנד קעגן דער יידישער שפּראַך. ער זוכט פאַרבינדעטע פאַר זיין קאַמף, כדי אָפּצושלאָגן די אַלע אָנגריפן קעגן יידיש.

שלום-עליכם ווייזט אַרויס פיל ענערגיע אין זיין אַרויסגעבערישער אַרבעט. ער גיט אַרויס אויף זיין אייגענעם חשבון „די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק", צוויי גרויסע, פאַר יענער צייט כמעט לעגענדאַרע האָנאָראַרן, ער פאַרעפנטלעכט אין די ערשטע צוויי בענד זיינע ראָמאַנען „סטעמפּעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי". ער שרייבט רעצענזיעס, קריטישע אָפּהאַנדלונגען, ער פאַרעפנטלעכט אַ ביבליאָגראַפיע פון יידישע ביכער, ברענגט אַן אייגענע אַר־

בעט „וועגן זשאַרגאָן־אויסלייג" — הכלל, ער לייגט פונדאַמענטן פאַר דעם ווייטערדיקן וואוקס און אויפבוי פון דער יידישער ליטעראַטור.

און ניט בלויז פונדאַמענטן האָט ער געלייגט פאַר דער יידישער ליטע־ראַטור. שלום־עליכם מיט זיינע ווערק איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקע זיילן אין דעם גרויסאַרטיקן יידישן ליטעראַטור־בנין.

אויב פון געציילטע, צעטיילטע „זשאַרגאָן"־שרייבער איז געוואָרן אַ יידישע ליטעראַטור, — האָט אין דעם אַ גרויסן חלק שלום־עליכם, וואָס האָט דורך זיינע ווערק און זיין אומדערמידלעכע פאַרטיידיקונגס־קאַמפּן קעגן די יידיש־פיינט, און צונויפזאַמלען די אַלע יידישע שרייבער אונטער איין דאַך, געהאָלפן צו דערהויבן זי צו אַ נאַציאָנאַלער יידישער ליטעראַטור.

.3

„געוועזן אַ ייד אַ פשוטער" — דאָס איז די ערשטע שורה פון אַן אויפ־שריפט אויף זיין אייגענער מצבה, וואָס שלום־עליכם האָט אין 1905, אין סאַמע ברען פון זיין לעבן און שאַפן, אויפגעשריבן. אין אָט די ווערטער האָבן מיר די אמתדיקסטע כאַראַקטעריסטיק פון שלום־עליכם — שלום־עליכם דעם מענטש און שלום־עליכם דעם שרייבער.

„געוועזן אַ ייד אַ פשוטער", און זיין גאַנץ לעבן האָט ער געשריבן פשוט, פּראָסט, גוטברודעריש, היימיש און יידישלעך.

ווער עס קלעטערט אויף הויכע הויכן, ווער עס לאָזט זיך נידערן אין טיפע טיפענישן, אָבער שלום־עליכם איז שטענדיק געגאַנגען מיט דעםברייטן שליאַך. אין זיינע ווערק האָט ער כסדר מיטגעלעבט מיטן מאַסן־מענטש, מיט־געלאַכט, מיטגעשטיפט, מיטגעטרויערט. ער איז שטענדיק געווען אין סאַמע געדרודער פונעם קאָכעדיקן לעבן.

ער האָט פאַר זיין יידיש שרייבן אויסגעקליבן אַזאַ פשוטן, גוטברודערישן נאָמען, אַ נאָמען, וואָס מיט אים שליסט מען באַקאַנטשאַפט מיט יעדן זייטיקן און פרעמדן, דורך אים גיט מען דעם ערשטן וואַרעמען בליק אין יענעמס אויגן און מען טוט דעם ערשטן היימישן דריק פון דעם צוויטנס האַנט. „שלום עליכם", „עליכם שלום", און עס פאַרקניפּט זיך גלייך אַ שמועס; אַ וואָרט אַהער און אַ וואָרט אַהין, און שוין, מ'איז פאַרטיק! און מער דאַרף נישט שלום־עליכם; ווי נאָר יענער כאַפּט זיך אַרויס מיטן ערשטן וואָרט, האָט ער אים שוין גלייך געפּאַקט: יענער לאָזט זיך שוין גלייך אויף דער וועגטקע און ער וועט שוין אויסדערציילן פאַר שלום־עליכמען אַלץ וואָס אויף דער לונג און וואָס אויף דער צונג.

אַ גאַנץ פאָלק איז געקומען דורך שלום־עליכמען צום וואָרט. עס האָט באַקומען לשון, און נאָך וואָס פאַר אַ מין לשון! אַ לשון אויף רעדלעך, אַ לשון — אַ מחיהדיקס! לייענען מיר שלום־עליכמס מעשיות, האָבן מיר דעם באַגריף, ווי דאָס פאָלק וואָלט געוועזן ביז אַהער פאַרשטויסן, אָפּגערוקט אָן אַ זייט, און געשעמט זיך אַרויסצורעדן אַ וואָרט. האָט שלום־עליכם ווי פאַנאַנדערגעבונדן די צונג, און דאָס פאָלק האָט באַקומען קוראַזש, גענומען רעדן. און עס רעדן ביי שלום־עליכמען ייִד און ייִדענע, עס רעדט באַלעבאָס און באַלעבאָסטע, עס רעדט מנחם מענדל, שיינע שיינדל, עס רעדט מאָטל פּייסי דעם חזנס, עס רעדט טביה, עס רעדן זיינע טעכטער, — הכלל, עס רעדן אַלע, אַלע. זיי רעדן און רעדן און קאָנען זיך זאַט נישט אָנרעדן. מען רעדט ווידער־אַמאָל און אַבעראַמאָל, און אַז עס פעלט אויס שטאָף פון אייגענע רייד, דער־ציילט מען איבער וואָס די מאַמע זאָגט, וואָס די שוויגער זאָגט, און וואָס סתם ייִדן זאָגן. און אַז עס איז אַלץ ווייניק — האַקט מען אַריין אַ פּסוק, אַ תורה, וואָס איז נישט געשטויגן נישט געפלויגן. און אַז די אַלע רייד זעטיקן נאָך אַלץ נישט, נעמט מען זיך גאָר צו שרייבן בריוולעך, וואו מען קאָן ווידער עפּעס אַרויסזאָגן, עפּעס אויסדערציילן, עפּעס אָפּמאָלן.

און ווי זיינע מענטשן, אַזוי שלום־עליכם אַליין — אַ קוואַל, וואָס הערט גאָרנישט אויף צו שלאָגן. וויפיל ער שרייבט נישט, אַלץ מער ווילט זיך אים שרייבן. ער ווערט גאָר נישט מיד און אויסגעשעפּט. און ער שרייבט שטענדיק און ביי יעדער געלעגנהייט, און וויפיל ער זאָל נישט שרייבן, האַלט ער אַלץ פונפאַרנט. זאָגט טאַקע שלום־עליכם וועגן זיך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז „ער קאָן שרייבן צו יעדער צייט, אויף יעדן אָרט און ביי אַלערליי אומשטענדן: אין סאַלאָן, אין קיך, אין וואַגאָן, אין רעסטאָראַן, אַפילו פאַרנדיק אויף אַן „איזוואָשטשיק" און אַפילו ליגנדיק אין בעט." „רבונו של עולם — רופט אויס שלום־עליכם — אַזאַ מאָסע טעמעס און סיוזשעטן! וואָלט נאָר געווען פרייע צייט, און וואָלטן נאָר מענטשן געלאָזט שרייבן."

אין אַ בריוו צו ביאַליק און ראַווניצקי דערציילט שלום־עליכם, אַז ער האָט געקענט שרייבן „אַפילו אויף אַ לאָקשן־ברעט אָדער אויף אַ טעצל פון אַ סאַמאָוואַר, אָדער אויף אַ דנאָ פון אַ פעסל, אָדער גאָר זיצנדיק אין טראַמוויי". „איר ווייסט דאָך — שרייבט ער אַמאָל צו י. ח. ראַווניצקי — ווי אַזוי איך בין מסוגל צו שרייבן — אַפילו אויף אַ שפּיץ פון אַ נאָדל און אויף אַ שאַרף פון אַ שווערד."

שלום־עליכמס לעבן איז געווען זיין שרייבן, און שלום־עליכמס שרייבן — דאָס מיינט שלום־עליכמס לעבן.

„איך שרייב — זאָגט שלום־עליכם אין אַ בריוו צו בעל־מחשבותן נאָך

אַ שוועדער קרענק, — אַ סימן, אַז איך לעב.״ „איך גיי מיטן גאַנג — שרייבט שלום־עליכם — ווי מיין פריינט טביה: כל זמן שהנשמה בקרבי, דאַרף מען אַריינכאַפּן און שרייבן . . .״

אין 1903, נאָך אַ צוואַנציק יאָר אַרויסגעבן פיל ווערק, שרייבט ער צו מרדכי ספּעקטאָר (1858—1925): „איך פיל מיך עפּעס ווי ניי־געבוירן, מיט שפּאָגל־נייע כחות. כמעט קאָן איך זאָגן, אַז איך הויב ערשט אָן שרייבן. ביז אַהער האָב איך מיך נאָר געמאַכט נאַריש, מעשה־קונדס. איך האָב נאָר מורא, טאָמער חלילה גייען אויס די יאָרן . . . איך בין איצט מעוברת מיט אַזוי פיל מחשבות און בילדער, אַז איך בין שטאַרקער פון אייזן, וואָס איך ווער נישט צעשפּרונגען . . .״

און עס איז אים אַ שאָד געווען די צייט, ווען ער האָט געמוזט זיך פאַר־נעמען מיט אַנדערע זייטיקע זאַכן. שלום־עליכם קלאָגט זיך אין איינעם אַ בריוו, וואָס ער „דאַרף גאָר לויפן זוכן אַ קערבל״. שלום־עליכם זאָגט וועגן זיך: „מען פרעגט מיך, די וואָס קענען מיך און זעען מיך אַלע טאָג: ווען שרייב איך? כ׳לעבן, אַז איך ווייס אַליין נישט ווען. אָט אַזוי שרייב איך, גייענדיק, לויפנדיק, זיצנדיק ביי יענעם אין קאַבינעט, פאָרנדיק אין טראַמווײ. און פונקט בשעת מען דולט מיר אַ קאָפּ מיט אַ וואַלד, נישט־געהאַקטן וואַלד, אַן אימעניע אַ טייערע, אַ זאַוואָדל, פונקט דעמאָלסט וואַקסן אויס די שענסטע בילדער, און עס לייגן זיך צונויף די בעסטע מחשבות, און מען קאָן זיך נישט אָפּרייסן אויף קיין איין מינוט, אויף קיין איין רגע דאָס אַלצדינג אַרויפצו־ברענגען אויף פּאַפּיר . . .״

איך געדענק גוט ווי שלום־עליכם פלעג ליגן אין דער זומער־וואוינונג באַיאַרקע (ביי שלום־עליכמען הייסט עס בויבעריק) אַרום קיעוו אויף זיין „האַמאַק״, וואָס איז צוגעבונדן צו צוויי סאָסנע־ביימער, אַרומגערינגלט מיט יידענעס און יידן. זיי אַלע האָבן אַרום שלום־עליכמען זיך געפילט גאָר היימיש און זיי האָבן פריי גערעדט און אויסגערעדט זיך, און ש״ע האָט דערביי געמאַכט פאַרצייכענישן אין זיין קליין נאָטיצן־ביכעלע. ס׳איז געווען אַ לעבעדיקער גוטברודערישער קאָנטאַקט צווישן דעם קינסטלער און זיינע פאַרשוינען...

עס איז געווען אַן אָנגענומענע מיינונג ביים עולם, ביי שרייבער, אַז שלום־עליכם האָט געשריבן לייכט, אַזוי זיך פון דער האַנט, ער האָט באַדאַרפט נישט מער ווי „אָפּדרייען דעם קראַן״ און עס האָט געשטראָמט מיט מענטשן, מיט עפּיזאָדן און סצענעס, און ס׳האָט געפלאָסן מיט שפּראַך־שפע, מיט שפּראַך־עשירות. עס איז אָבער ניט ריכטיק. שלום־עליכם האָט זייער שטאַרק מקפּיד געווען אויף זיין שפּראַך, אויף זיין סטיל, אויף אַן אויסדרוק. ער איז נישט מיד געוואָרן אויסצובעסערן און פאַרריכטן זיין מאַנוסקריפּט, און עס האָט

איס נישט געלאָזט רוען אויך דאַן, ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעשיקט די דערציילונג צום דרוקן. עס שרייבט י. ד. בערקאָוויטש: „ער פלעגט שרייבן זייער שנעל — זיין האַנט איז געלאָפן איבערן פּאַפּיר אַזוי לייכט ווי זיין געדאַנק. ער פלעגט אָבער דאָס אָנגעשריבענע נאָכדעם שטאַרק באַאַרבעטן, אויסמעקן שורות און אָנשרייבן פון אויבן אַנדערע, אַריינפלעכטן ווערטער, אויסרייסן אָנגעשריבענע בלעטלעך און צושרייבן נייע. . . . ערשט נאָך דעם, אַז די זאַך איז שוין געווען אַוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע אַריין, פלעגט שלום-עליכם זיך נעמען זיפן די קאָפּיע, וואָס ער האָט געהאַט איבערגעלאָזט פאַר זיך, אויסזוכן נייע סטיליסטישע אָדער וועזנטלעכע חסרונות און פאַר-וואָרפן די רעדאַקציע מיט בריוו און טעלעגראַמעס וועגן תיקונים אין מאַנו-סקריפּט, איידער ס׳גייט צום דרוק... די שפּראַך פלעגט ער לייטערן און איבער-לייטערן אַ סך מאָל. ער האָט פאַרמאָגט אַ רייכן אוצר פון סטיליסטישע קאָמבינאַציעס און ער פלעגט זיי אַלע אויספּרואוון, ביז ער האָט געפונען די פּאַסיקסטע. . . . ער האָט אַלע מעגלעכע ווערטער גלייך אַרויסגענומען אויפן פּאַפּיר, געוואָלט זיי אָנקוקן פריער, ווי זיי זעען אויס; די רעוויזיע פלעגט ער שוין מאַכן נאָכדעם. און אַמאָל האָט דורך דעם פּאַסירט, אַז צו-זאַמען מיטן אויסדערוויילטן וואָרט זיינען שוין פאַרבליבן אויך עטלעכע פון די איבעריקע קאַנדידאַטן; עס האָט זיך נישט געהויבן די האַנט אויסצומעקן זיי — צוליב זייער שפּראַכלעכן זכות.״ („שלום-עליכם-בוך״, ז׳ 322.)

דאָס שרייבן איז ביי שלום-עליכמען געווען אַ הייליקע עבודה. אין דעם שרייבן האָט ער דערגרייכט העכערע עולמות. ער האָט נישט געוואָלט און נישט באַדאַרפט לכתחילה שטעלן פאַר זיך הויכע צילן. אין דעם שרייבן אַליין האָט ער געזען תכלית, צוועק. ווען ער האָט זיך באַהעפט מיט זיין מוזע, מיט זיין „פריילעכער מוזע״, ווי ער האָט אַליין אָנגערופן זיין שרייבן, זיינען געוואַקסן טיפּן, געשטאַלטן, וואונדערבאַרע רייד, גלענצנדע סצענעס. בעת דעם שרייבן זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן צום לעבן זיינע פאַרשוינען, וועלכע האָבן געווימלט אין זיין פאַנטאַזיע, וואָס איז געווען אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן רעאַלן לעבן. אין די סאַמע געפערלעכסטע מאָמענטן פון זיין לעבן, אין דער צייט פון די שווערסטע פיזישע ווייטיקן, האָט ער זיך פאַרשיכורט מיטן שרייבן. ער שרייבט צו ש. ניגער פון דער שווייץ (אין 1913, וואוהין דאָקטוירים האָבן אים געשיקט זיך צו היילן פון זיין שווערער קרענק): „וואָס הייסט נישט שרייבן? ווי שטייט דאָס אויף אַ מענטש אינדערפרי, עסט און טרינקט, גייט אַרום און שרייבט ער נישט? ווי איז דאָס מעגלעך? קאָן דאָס אויס-געהאַלטן ווערן? קאָן מען אַט אַזוי לעבן? וואָס איז עס פאַר אַ גן-עדן, אַז עס באַמבלען זיך אין קאָפּ טויזנטערליי פּלענער, סיזשעטן, טיפּן און בילדער,

וואָס בעטן זיך, שוין לאַנג צייט זיך נעמען צו זיי, און דו זיץ און עס און טרינק און שלאָף און טו גאָרנישט. מילא, עסן און טרינקען — מהיכי תיתי. אָבער שלאָפן — ווער קאָן עס שלאָפן? אַז אַ גאַנצע נאַכט פּלאָנטערן זיך חלומות, משוגענע פּלענער, מען וועקט אייך און מען טאַרעט אייך . . .״

און אויך אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן, ווען ער האָט שוין געזען דעם מלאך המות פאַר די אויגן, האָט ער נישט אויפגעהערט צו שרייבן. ער פאַרמעסט זיך דאַן מיט פרישע כחות אויף אַ גראַנדיעז ווערק, וואָס האָט באַ־דאַרפט אַרומנעמען זיין גאַנץ לעבן, פון אָנהויב ביזן סוף. און ווידער האָט שלום־עליכם דאָס געפיל, ווי ער האַלט ביי „בראשית״, ביים אָנהויב. עטלעכע וואָכן פאַרן טויט, שרייבט שלום־עליכם אין די „פאָר ווערטער״ צום בוך „פונעם יאַריד״, אַז „דער וועג איז נאָך גענוג גרויס. די עפּאָכע הויבט ערשט אָן צו צעוואַקסן זיך, די בילדער הויבן ערשט אָן צו וועבן זיך, די געשעענישן הויבן ערשט אָן צו אַנטוויקלען זיך, און געשטאַלטן פון מענטשן לאַנג־פאַרשוואונדענע, און טיפן פון פאַרשוינען נאָך לעבעדיקע און גאַנץ בכבודיקע בעטן זיך אויפן פּאַפּיר. . . . לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן דערפירן אונדזער אַרבעט ביז צו אַ מעגלעכן סוף.״

און ער בעט זיך, שלום־עליכם: „און דער, וואָס גיט כח דעם מענטשן, ער זאָל געדענקען אַלצדינג, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין זיין לעבן, זאָל מיר ביישטיין, אַז איך זאָל נישט דורכלאָזן חלילה קיין זאַך, וואָס מיר האָט געטראָפן און וואָס קאָן האָבן אַן אינטערעס, און קיין פאַרשוין, וואָס איך האָב ווען באַגעגנט אויף דעם גרויסן יאַריד, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין די פופציק יאָר פון מיין לעבן.״

אָבער „דאָס ווערק פון זיינע ווערק״, זיין לעצט בוך „פונעם יאַריד״ איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן, עס איז איבערגעהאַקט געוואָרן אינמיטן, פּונקט ווי שלום־עליכם אַליין איז אַוועקגעריסן געוואָרן אין סאַמע מיטן, אָדער ווי ער אַליין האָט געפילט — אין סאַמע אָנהויב פון זיין לעבן־שרייבן, פון זיין שרייבן־לעבן.

4.

עס וואָלט געווען פאַלש צו מיינען, אַז שלום־עליכם איז געווען בלויז באַאָבאַכטער און שילדערער פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט. ער האָט זייער אָפט זיך דערהויבן איבער דער שווערער וואָר און אַרויסגעבליקט אין פאַנ־טאַסטישע וועלטן. אויך זיינע מענטשן רייסן זיך פון דער ביטערער נויט, זיי פאַנטאַזירן און טרוימען וועגן אַ שענערער וועלט. זיין מענטש איז קייג־

מאָל נישט דערשלאָגן, ער פאַרמאָגט פרייד, לוסט, ער רייסט זיך צו עפּעס שענערס און בעסערס. „מיין מוזע איז אַן אָרעמע און פריילעכע", האָט אַמאָל שלום־עליכם געזאָגט וועגן זיין שרייבן. אויך זיינע מענטשן זיינען אָרעמע, אָבער פריילעכע, לוסטיקע.

אין די קורצע ביאָגראַפישע שטריכן, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן, אין 1904, פאַר י. ח. ראַווניצקי, זאָגט שלום־עליכם וועגן זיך: „די פאַנטאַזיע איז ביי מיר געווען פון קינדוויי׳ז אַן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הייזער האָבן ביי מיר אויסגעזען ווי שטעט, הויפן — מדינות, ביימער — מענטשן, מיידלעך — בת־מלכהס, רייכע יונגעלייט — פּרינצן, גראָז — חייל, שטעכלקעס און קראָפּיווע — פּלשתים, אדום און מואב, און איך פלעג גיין אויף זיי מיט מלחמה." (זע „גרינס אויף שבועות".)

אָט די „מאָדנע־גרויסע און צעהיצטע פאַנטאַזיע" איז געווען אַ וויכטיקער עלעמענט אין שלום־עליכמס רעאַליסטיש שאַפן. עס איז געווען די טרייב־קראַפט פון זיין שפּרודלדיקן טאַלאַנט, דער לעבנס־יסוד און דער לעבנס־סוד פון זיינע צאַפּלדיקע פאַרשוינען. ווען מיר קוקן זיך צו צו די שלום־עליכמישע טיפּן, שפּירן מיר, ווי זיי וואָלטן אַלע געטריבן געווען פון דער־אָ „מאָדנע־גרויסער און צעהיצטער פאַנטאַזיע". און נישט נאָר דער פלי־קאָפּ, דער דרייער, דער פאַנטאַסט, דער לופט־מענטש מנחם מענדל שוועבט אָפּט איבער דער ערד, נישט נאָר ביי אים ברענט די ערד אונטער די פיס. אויך די אַלע אַנדערע שלום־עליכמישע געשטאַלטן, און אַפילו דער האַרט־ביי־דער־ערדיקער טביה, דער האַרציקער, שטענדיק־קינדישער מאָטל פּייסי דעם חזנס און די אַלע פון דער רייכער שלום־עליכם־געשטאַלטן־גאַלעריע, אַלע, אַלע ווערן זיי געטראָגן אויף פליגלען פון רייכער פאַנטאַזיע איבער דעם גרויען טרויעריקן יידישן לעבן.

כאַראַקטעריסטיש איז פאַר שלום־עליכמען איינע פון זיינע וואונדער־לעכסטע מעשיות „דאָס פאַרכישופטע שניידערל" (געשריבן אין 1900). מיט וואָס פאַר אַ ליבע און באַגייסטערונג שלום־עליכם שילדערט דעם תמימותדיקן און גלויביקן שמעון אלי שמע קולנו! און די ציג — אין וואָס פאַר אַ פאַנטאַסטיש געשטאַלט וואַקסט זי אויס אונטער שלום־עליכמס פעדער! „שמעון אלי — דערציילט שלום עליכם — פועלט ביי זיך, אַז די דאָזיקע ציג, וואָס ער פירט זיך מיט איר אַרום, איז נישט קיין ציג, נאָר אַ גלגול, אָדער אַ לץ, וואָס אָט באַלד שטעלט ער אים אַרויס אַ צונג אויף צען אַרשין, אָדער ער טוט אַ פּאַטש מיט די פליגל און טוט אַ געשריי איבער דער גאַנצער שטאָט: „קוקאַריקו!" . . . און מעשה־שטן קומען אים אַנטקעגן דווקא אַלערליי מורא־דיקע בילדער פון באַקאַנטע, וואָס זיינען שוין לאַנג אויף דער אמתער וועלט

. . . און ער דערמאָנט זיך אָן אַ סך שרעקלעכע מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אויף זיין לעבן.״

שלום־עליכם פאַרשטייט גוט, פון וואַנעט עס נעמט זיך ביי זיינע מענטשן אַזאַ צעהיצטע פאַנטאַזיע. אַז דאָס אַרומיקע לעבן איז שווער און גרוי, מוז די פאַנטאַזיע אויסחלומען אַן אַנדער וועלט, אַ נישט־ראַלע, אַ נישט־ממשותדיקע. שלום־עליכם העלפט מיט זיינע פאַרשוינען זיך אַריבערצוטראָגן אין אַן אַנדער ניט־דאַאיקער וועלט, וואָס איז אַ תרופה פאַר די דערשלאָגענע, פאַרשטויסענע.

דאָס פילן מיר אין דער קאָמעדיע „די גאָלדגרעבער״. אַ גאַנץ שטעטל (איז עס נישט אַ שטיק אַמאָליקע יידישע וועלט ?) ווערט פאַרכאַפּט פון עפּעס אַ וואָרט וועגן רענדלעך. פון דעם איין וואָרט, וואָס פאַלט ערגעץ־וואו, וואַקסט אויס אַ גאַנצע לעגענדע, וואָס שטעלט דאָס גאַנצע שטעטל אויף די פיס. עס הויבט זיך אָן אַ געלאַף, אַ גערודער, אַ געטומל. אַלע ווערן מיטגעריסן, די פאַנטאַזיע טרייבט אַלעמען, און פון עפּעס אַ רענדל וואַקסן אויס גאַנצע פעסלעך גאָלד, וואָס זיינען פאַרגראָבן אויפן בית־עלמין. מען פאַרגעסט אָן די טאָג־זאָרגן, אָן דער נויט און פּלאָגן און מען לאָזט זיך זוכן די נישט־געשטויגענע נישט־געפלויגענע רענדלעך. אויך שלום־עליכם ווערט מיט־געריסן מיטן אַלגעמיינעם דראַנג. שלום־עליכם לעבט אויף שטענדיק אין אַזאַ מין געשפּאַנטקייט, זיין צאַפּלדיקע שפּראַך און זיין שרייבערישער אימפּעט העלפן אים צו, צו פאַרשיכורן זיך מיט דער אַלגעמיינעם שיכרות.

אַ פאַנטאַסטישע געשיכטע איז אויך דאָס „פאָלקס־שפּיל״, ווי שלום־עליכם רופט אָן זיין „דאָס גרויסע געווינס״ (אָנגעשריבן אין 1915, אינעם יאָר, ווען ער איז געשטאָרבן). אַ פאַנטאַסטישע מעשה מיט אַ גרויסן געווינס. אַ מין חלום אין דער וואָר, וואָס פאַרכאַפּט שימעלע סאָראָקער. אין ערשטן אַקט קומט דער „שניידער בן שניידער״ אַרויס מיט אַ מעלדונג: „איר זאָלט וויסן, וואָס פאַר אַ חלום מיר האָט זיך היינטיקע וואָך געחלומט. איך הויב אויף די אויגן און טו אַ קוק, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, דערזע איך אַ בוים אינמיטן שטוב . . . און אויפן בוים וואַקסן רענדלעך, גאָלדענע רענדלעך.״ שימעלע נויטיקט זיך אין אַן אויסטערלישער איבערוואַנדלונג, אַנדערש קאָן ער נישט אַרויס פון קלעם. די מעשה גופא מיטן גרויסן געווינס, דאָס געלט, וואָס ער באַקומט, איז סוף כל סוף נישט מער ווי אַ ביי־זאַך ביי אָט דעם פאַנ־טאַסט,ביים גרויסן קינד שימעלע סאָראָקער. דער עיקר איז דער טרוים, די נישט־רעאַלע געשיכטע, און די צוריק־איבערוואַנדלונג פון דעם גביר אין דעם פשוטן „עמך״־מענטש.

אַ שליסל צו אָט דעם פאַנטאַסטישן עלעמענט אין זיין כאַראַקטער און אין זיין שאַפן גיט אונדז שלום־עליכם גופא אין זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק,

אינעם „פונעם יאַריד“. מיט וואָס פאַר אַ ליבע און באַגייסטערונג ער דער־ציילט אונדז אין פיר פּראַכטפולע קאַפּיטלען וועגן זיין יוגנט־חבר שמואליק דער יתום, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויפן יונגן, עמפּינדלעכן שלום נחום ווערוויקס — דער אייגנטלעכער נאָמען פון שלום־עליכם. שלום־עליכם גיט איבער, ווי ער „האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים (צו שמואליקן) פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבן זיך באַקענט“ און „געוואָרן חבר — אָבער וואָס חבר הייסט! נפש אחת — איין לייב, איין נשמה! פאַר וואָס? איבער זיינע מעשיות.“ „קיינער — זאָגט שלום־עליכם — האָט נישט געהאַט אַזוי פיל מעשיות אויף צו דערציילן וויפיל שמואליק.“ און שלום־עליכם מאָלט ווי שמואליק דערציילט איין מעשה שענער פון דער אַנדערער, און ער, דער יונגער שלום, זיצט און שלינגט יעדעס וואָרט. ער „האָט געהאַלטן אָפן מויל און אויערן, קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פונעם דאַזיקן טשיקאַוון בחורל מיט די רויטע בעקלעך און מיט די פאַרחלומטע נאַסלעכע אויגן“. „און האָט שמואליק אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אוצר, אַזוי האָבן די פאַרחלומטע אויגן ביי אים זיך אָנגעצונדן, די רויטע בעקלעך צעפלאַמט, און אַליין האָט ער זיך אַזוי צעהיצט און צעברענט און צעפלאַקערט, אַז ער האָט אויך דעם חבר זיינעם אָנגעוואָרעמט, צעהיצט, צעברענט און צעפלאַקערט.“

און שלום־עליכם פרעגט זיך אַליין: „צי האָט אָט דער אָרעמער יתום מיט זיינע וואונדערלעכע מעשיות זיך ווען אָפּגערופן נאָכדעם אין די שרייבעכצן פון זיין חבר שלום, בעת שלום נחום ווערוויקס איז געוואָרן אַ „שלום־עליכם“ — דאָס איז שווער צו זאָגן. איין זאַך איז געוויס: זיין פאַנטאַזיע האָט ער געמאַכט רייכער, זיין השגה ברייטער, און שמואליקס טרוימען וועגן אוצרות, וואונדערשטיינער און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן טראָגט ער ביי זיך טיף אין האַרצן נאָך עד היום. אפשר אין אַן אַנדער פאָרם, אפשר אין אַנדערע גע־שטאַלטן — נאָר ער טראָגט זיי, ער טראָגט זיי ביז צו הייַנטיקן טאָג.“

שלום־עליכם האָט טאַקע דערציילט מעשיות מיט געשיכטן, וואָס האָבן דערנאָך דעם לייענער „אַזוי צעהיצט און צעברענט און צעפלאַקערט“, ווי אַמאָל שמואליק דער יתום האָט אים, דעם יונגן קינד שלום, צעוואָרעמט און צעפלאַקערט...

5.

שלום־עליכם דער שרייבער האָט געהאַט אַ באַזונדערן מזל ביים יידישן עולם. ער איז גיך באַליבט געוואָרן ביי אַלע שיכטן פון יידישן פאָלק, ער איז געוואָרן דער אַממערסט געלייענטער שרייבער ביי יידן. שלום־עליכם איז

געוואָרן אַ היימישער און שטענדיק־אַנגעלייגטער גאַסט אויף אַלע שמחות, צונויפקומענישן. מיט אַ „שטיקעלע" שלום־עליכם האָט מען מכבד געווען די געסט, מיט שלום־עליכמען האָט מען משמח געווען דעם עולם, סיי דעם פּראָסטן און סיי דעם אויפגעקלערטן.

און ווי דאָס מזל האָט צוגעשפּילט שלום־עליכמען דעם מעשה־שרייבער, אַזוי שלים־שלימזל איז געגאַנגען שלום־עליכמען דעם דראַמאַטורג. וויפיל שלום־עליכם האָט נישט באַמיט זיך צו דערגרייכן צו דער יידישער בינע, האָט עס אים נישט געראָטן. אין יידישן טעאַטער איז אים שטענדיק געגאַנגען „מיט דער פּוטער אַראָפּ".

און שלום־עליכם האָט דאָך פאַרמאָגט אין זיינע ווערק פיל דראַמאַטורגישעס. זיינע טיפּן און פאַרשוינען צאַפּלען זיך און באַוועגן זיך און זיי בעטן זיך סצעניש פאַרגעשטאַלטיקט צו ווערן דורך שוישפּילער. שלום־עליכם האָט עס גוט געפילט און אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן האָט ער גענומען צו שרייבן מאָנאָלאָגן — די פאָרם, דורך וועלכער דער מענטש רעדט און חלשט זיך אויסרעדן. נאָך אין 1887 האָט שלום־עליכם אָנגעשריבן אַן איינאַקטער „אַ חתן אַ דאָקטאָר" (שפּעטער אָנגערופן „אַ דאָקטאָר") און די קאָמעדיע „דער נס". מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1889—„אַ ריינע קאָמעדיע", „די אסיפה". יידיש טעאַטער האָט שוין דאַן דאָ און דאָרטן עקזיסטירט, עס האָט אָבער זיך געפירט אַן אייגן וועלטל, געהאַט ווייניק פאַרבינדונג מיט ליטעראַטור און שרייבער. שלום־עליכם, ווי די אַנדערע שרייבער פון יענער צייט, האָט מסתמא לכתחילה געהאַט אַ קנאַפּע האָפענונג, אַז זיינס אַ ווערק זאָל געשפּילט ווערן אין טעאַטער. און דאָך האָט אים אַן אויפהער געצויגן צו דער דראַמאַטורגיע. זיינען דען נישט צעוואָרפן אמת־דראַמאַטורגישע עלעמענטן אין אַלע שאַפונגען פון שלום־עליכם? שלום־עליכם אַליין איז געווען אַ מייסטער פאַרצולייענען זיינע זאַכן, ער פלעגט אָפט אויפטרעטן מיט פאָרלייענונגען, וואָס האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. מיט דער צייט איז ביי אים געוואָקסן דער דראַנג צו דער בינע. אָבער נישט געקוקט אויף זיינע אַלע באַמיאונגען, האָט אים די בינע נישט אויפגענומען, נישט באַנומען.

אין אַ בריוו פון יאָר 1894 (צו הלל מאַלאַכאָווסקי, אַרויסגעבער פון פּיטסבורגער „די טויב") פרעגט ער זיך, צי ס'איז דאָ אין פּיטסבורג אַ יידיש טעאַטער און צי ס'איז נישט מעגלעך אויפצופירן אינעם טעאַטער זיינע אַ פּיעסע, ווייל „ער האָט פאַרטיק אַ קאָמעדיע אַלאַ „רעוויזאָר" פון גאָגאָל". עס איז די פיר־אַקטיקע קאָמעדיע „יקנה"ז אָדער דאָס גרויסע בערזע־שפּיל" (אַ סאַטירע אויף די קיעווער־יעהופּעצער בערזע־סוחרים). זי איז געדרוקט געווען אין 1894, אָבער נישט דערגאַנגען צום ברייטן עולם, ווייל די צענזור האָט

דאָס בוך קאָנפּיסקירט צוליב אַ מסירהלע פון די קיעווער בערזע־סוחרים, וואָס האָבן דערקענט זיך אין די פּערסאָנאַזשן פון דער קאָמעדיע. די קאָמעדיע ווערט פאַרענדיקט מיט אַ טשיקאַווער רעדע פון דעם סטודענט מאַרקוס: „זעט, קוקט אייך אָן אין שפּיגל, וואָס פאַר אַ פּנים איר האָט מיט אייערע ספּעקו־לאַציעס, מיט אייער בערזע, מיט אייער יקנה״ז, מיט אייערע קאָרטן, מיט אייערע זשורפיקסן, מיט אייערע דאַמען, די אַריסטאָקראַטקעס און מיט אַלע אייערע גענג אַרום און אַרום!״ און ווייטער קומען וואָרנונגס־רייד: „עס וועט זיך געפינען איינער, וואָס וועט אייך באַשרייבן אויף די גאַזעטן, וועט פון אייך מאַכן אַ בוך, אַ קאָמעדיע, אַ גאַנצע קאָמעדיע! צו שאַנד און צו שפּאָט וועט איר דעמאָלט זיין אומעטום, וואו מען הערט אַ יידיש וואָרט! אויף טעאַטער וועט מען אייך אַרויסשטעלן! מען וועט קוקן אויף אייך, מען וועט טייטן מיט די פינגער און מען וועט לאַכן, זיך איינרייסן דאָס געזונט לאַכנדיק!״

מאַרקוסעס ווערטער ווערן אָבער אַזוי גיך נישט מקוים. עס גייען אַוועק יאָרן און יאָרן, און שלום עליכם קאָן זיך נישט דערשלאָגן צום יידישן טעאַטער.

אין 1899 שרייבט ער אָן אַן איינאַקטער „מזל טוב“, אין 1903 דרוקט שלום־עליכם אין פאַרזעצונגען זיין „צעזייט און צעשפּרייט“. אין 1905 אַרבעט איבער שלום־עליכם די פּיעסע און גיט צו אַן אַריינפיר, וואו ער זאָגט צווישן אַנדערן: „מיט אייניקע יאָר צוריק האָט זיך געדרוקט פון מיר אַ פעליעטאָן אין דער „יידישער פאָלקס־צייטונג״ אונטערן נאָמען „צעזייט און צעשפּרייט, בילדער פונעם יידישן לעבן״. הגם די דאָזיקע בילדער זיינען געשריבן אין אַ דראַמאַטישער פאָרם, דאָך האָט זיך מיר אַפילו נישט געחלומט, אַז איך וועל אַמאָל זוכה זיין צו זען זיי אויפגעפירט אויף דער סצענע. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט מען די פּיעסע איבערגעזעצט אין דער פּוילישער שפּראַך און מען האָט זי געשפּילט אין פּוילישן טעאַטער זייער ראַשנד, די גאַלעריע האָט געפּאַטשט „בראַוואָ“ ווי געוויינלעך. נאָר וואָס מער דער עולם האָט געגוואַלדע־וועט, אַזוי מער האָט דאָס דעם מחבר פאַרדראָסן: ער האָט געפילט, אַז דער פּיעסע פעלט אַ סך מער וויפיל זי פאַרמאָגט: ער האָט געפילט, אַז אויף דער בינע ווערט געשפּילט אַ פעליעטאָן, נישט קיין דראַמע . . . איך בין געווען דענסטמאָל אויב נישט דער איינציקער, וואָס האָט אויסגעפייפט דעם מחבר פון דער פּיעסע. איצט, ביי דער צווייטער אויפלאַגע, צום אויפפירן זי אויף דער יידישער בינע, האָב איך זי גענומען צום אויסבעסערן. דאָס „אויסבעסערן״ האָט מיך אָבער אַזוי ווייט פאַרשלעפּט, אַז איך האָב כמעט אָנגעשריבן אַ גאַנץ נייע פּיעסע, כמעט נאָר איבערגעלאָזט דעם הויפּט־געדאַנק, די נעמען פון די פּאַרשוינען און אַ צוויי־דריי סצענעס אומגעענדערט. איך האָב געוואָלט, אַז

מיין ערשטע פּיעסע אויף דער יידישער בינע זאָל האָבן כאָטש אַ שטיקל פּנים פון אַ פּיעסע. . . . „יונגע דראַמאַטורגן — זאָגט טשעכאָוו — באַדאַרף מען ווינציקער אַפּלאַדירן און מער אויספייפן.״ גאָלדענע ווערטער!״

עס וואָלט אונדז צו־ווייט פאַרפירט, ווען מיר גייען אויספירלעך אויס־דערציילן וואָס שלום־עליכם האָט זיך אָנגעליטן אַרום דעם יידישן טעאַטער, אַרום זיין באַשטרעבונג, מען זאָל זיינע פּיעסעס אויפפירן אויף דער יידישער בינע. עס איז אַ אינטערעסאַנט בלעטל געשיכטע אינעם לעבן פון אונדזער גרויסן שרייבער און אויך — אינטערעסאַנטע בלעטלעך יידישע טעאַטער־געשיכטע. מיר וועלן עס דערציילן אין קורצן.

אין 1905 האָט שלום־עליכם געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט יעקב ספּיוואַקאָווסקי און סעם אַדלער צו גרינדן אין אָדעס אַ קונסט־טעאַטער, וואו ער, שלום־עליכם, האָט געזאָלט זיין דער ליטעראַרישער פירער. צוליב אַ מסירה פון קאָנקורענטן איז דער פּלאַן נישט רעאַליזירט געוואָרן. אין דעמזעלבן יאָר שיקט שלום־עליכם קיין אַמעריקע צוויי פּיעסעס, „מאיר שאַלאַנט״ („צעזייט און צעשפּרייט״) און „סטעמפּעניו״ (אָדער „דער יידישער פּאַגאַניני״). אַמע־ריקע האָט פאַרלאַנגט איבערצומאַכן דעם פינפטן אַקט. שלום־עליכם פאָלגט און שרייבט אין זיין בריוו: „איך שיק אייך דעם פינפטן אַקט צו „סטעמפּעניו״, אַ נייער אַקט, אַנשטאָט דעם פריערדיקן, מיט אַ טויט, לויט אַמעריקע פאָדערט. אַ יידישע העלדין, נאָך מיין מיינונג, סמט זיך זעלטן אויס ליבע. נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז אַמעריקע הייסט? ווייזט דעם 5טן אַקט דעם ה׳ אַדלער. לאָז ער די גאַנצע פּיעסע גוט דורכקוקן, לאָז ער זי איין מאָל אויפפירן מיט אַלע פּישטשעווקעס, מיט אַלע דעטאַלן — וועט ער זען וואָס דאָס איז!״

אין יענער צייט אַרבעט שלום־עליכם נאָך אויף אַ פּיעסע „דער לעצטער קרבן״, געבויט אויף די געשעענישן פון רעוואָלוציע און פּאַגראָמען פון 1905־1906 אין רוסלאַנד. זי האָט אַ שייכות מיטן ראָמאַן „דער מבול״, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן שפּעטער מיט אַ יאָר. שלום־עליכם שרייבט צו זיין פריינט דר. מ. פישבערג אין ניו־יאָרק: „. . . איך דאַרף אייך זאָגן אַפּריער, אַז בנוגע דער פּיעסע וועט אייך מסתמא אויסקומען אויסצושטיין אַ קאַמף דערפאַר, וואָס זי פאַרמאָגט נישט קיין עפעקטן. נאָר איך וועל זיך קיינמאָל נישט דערלויבן נאָכצוגעבן דעם אַמעריקאַנישן געשמאַק און פאַרבויגן די געזעצן פון קונסט. זאָלן זיי רעפּעטירן אויך די פּיעסע. אין איר איז פאַראַן מער אמת פון לעבן איידער אין דער פריערדיקער, הגם ווייניקער פּאָעזיע ווי אין „סטעמפּעניו״ . . .״ מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער שרייבט שלום־עליכם צום זעלבן דר. פישבערג, וואו ער רעדט וועגן דער פּיעסע, וואָס ער שיקט אים גלייכצייטיק, אַז „וואָס שייך דער סצענישקייט פון דער פּיעסע, איז ביי

אַ פּינקטלעכער אויפפירונג און מיט רייכע דעקאָראַציעס וועט זי מאַכן אַ פוראָר." די־אָ פּיעסע, אַגב, איז נישט אויפגעפירט געוואָרן, און דער מאַנו־סקריפּט איז פאַרלוירן געגאַנגען.

אָקטאָבער 1906 קומט שלום־עליכם קיין אַמעריקע, און עס הויבן זיך אָן נייע פאַרדרייעניש מיט קלאָפּאָטן מכח אויפפירן שלום־עליכמס פּיעסעס אין יידישן טעאַטער. סוף כל סוף גיט זיך איין צו שטעלן אין איין צייט אין צוויי טעאַטערן צוויי זאַכן פון שלום־עליכם: „שמואל פּאַסטערנאַק אָדער דער אויסוואורף" (באַאַרבעט פון „יקנה"ז"), אין יעקב אַדלערס „גרענד־טעאַטער", און „יידישע טעכטער" (באַאַרבעט פון „סטעמפּעניו") ביי באָריס טאָמאַשעוו־סקין אין „פּיפּלס־טעאַטער". אָבער קיין נחת האָט שלום־עליכם נישט געהאַט פון די־אָ ביידע פאָרשטעלונגען. די דעמאָלסטיקע יידישע פּרעסע האָט דאַן נאָך ווייט נישט געוואוסט ווי אָפּצושאַצן שלום־עליכמס דראַמאַטורגישע אייגנ־שאַפטן און מעלות, דערצו האָט קליינלעכע פּאָליטיק געשפּילט אַ שטאַרקע ראָלע. ווי עס גיט איבער י. ד. בערקאָוויטש, האָבן בלויז דער „טאָגעבלאַט" און „מאָרגן־זשורנאַל" געלויבט די אויפפירונגען, און די איבעריקע צייטונגען האָבן די „פּיעסעס אָראָפּגעריסן מיט די גרעסטע זלזולים".

שלום־עליכם האָט עס זייער שאַרף און ליידנשאַפטלעך איבערגעלעבט. ער שרייבט צו זיין משפחה צווישן אַנדערן: „. . . וואָס שייך דער פּרעסע, איז פאַר דער ענגלישער בין איך רואיק, וואָרים זי איז ערלעכער פון דער יידישער; די יידישע איז פאַרטייאיש, פון איר דערוואַרט איך קיין שום גוטס נישט. נאָר זי איז אינגאַנצן ווערט אַ גראָשן. דער עיקר איז דאָס פּובליקום, דער גרויסער עולם." שלום־עליכם גיט צו, אַז „עס שטייט מיר נאָך אַ סך שטרויכלונגען אויף דעם דאָזיקן נייעם וועג, אַ גרויסער קאַמף, און איך האָף אַרויסצוקומען אַ זיגער."

נאָוועמבער 1907 פאַרענדיקט שלום־עליכם אַ נייע פּיעסע „דער אוצר" (באַקאַנט אונטערן נאָמען „גאָלדגרעבער"). ער שיקט זי פון זשענעווע צו זיין איידעם י. ד. בערקאָוויטש קיין ניו־יאָרק צו פאַרהאַנדלען מיט יעקב אַדלער. אָט די פּיעסע — ווי בערקאָוויטש גיט איבער — איז דאַן געלייענט געוואָרן כמעט פון אַלע דעמאָלטיקע ניו־יאָרקער טעאַטער־דירעקטאָרן, זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זיי צופיל „ליטעראַריש". איינער האָט זי יאָ גע־וואָלט אָננעמען, נאָר מיטן תנאי, אַז ער אַליין זאָל זי איבערמאַכן אין אַן אָפּערעטע מיט געזאַנג און מיט טענץ. שלום־עליכם האָט, מערץ 1908, גע־שריבן וועגן אָט דער פּיעסע צו ישראל י. זעווין (תשר"ק), רעדאַקטאָר פון „טאָגעבלאַט", צווישן אַנדערן: „. . . גראָדע איצט געפינט זיך דער „אוצר" אין ניו־יאָרק ביי בערקאָוויטשן. איך האָב אים באַפולמעכטיקט, ער זאָל

אונטערהאַנדלען מיט דעם „נשר הגדול" (מיט אַדלערן), פאַר וועלכן, אייגנטלעך, איך האָב באַשאַפן אַ טיפּ פון אַ יידישן יידן, פון אַ מאמין, פון אַן אולטראַ־בעל־בטחון — אַן עקסטראַקט פונעם יידנטום. דאָס איז שוין איינמאָל אַ ייד: לוי מאַזגאַוואָיער הייסט ער, פון די מאַזגאַוואָיערס... — — — אין דעם מאָמענט פיל איך דאָ, אַז דאָרט דינגט מען זיך איבער דעם, ווי איבער אַן אָקס. מען וויל קויפן דעם אָקס וואָס־ביליקער, און מען קוקט, אַז נישט נאָר פליש, נאָר חלב זאָל ער געבן, דער אָקס, און פעל זאָל זיין אַזעלכע, וואָס זי אַליין זאָל ווערט זיין דאָס געלט. . . . מיר, יידישע משטיינס־געזאָגט ליטעראַטן, זיינען דאָרט אינעם פרייען לאַנד מער פאַרשקלאַפט אַלס אַלע אַנדערע פאַרשקלאַפטע דורכן קאַפּיטאַליזם . . . נאָר גאָרנישט, כאַטאַ פּאָקרישקע. אַלץ ביז אַ צייט. עס וועט אַמאָל אויף אונדזער בלאָטקעלע אויך געבן אַ שיין די ליכטיקע זון, און מיר וועלן זיך אויך אַמאָל פּאַליאָסקען, ווי די חזירים, די באָסעס, מיין איך, מיט די מענעדזשערס, מיט די איבעריקעווילדע חיות."

שלום עליכם שרייבט דעם 7טן אַפּריל, 1908, אַ פאַרצווייפלטן בריוו צו בערקאָוויטשן: „איך האָב מיך שוין מייאש געווען און האָב שוין אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט דערויף. איך גלויב מיטן פולן גלויבן, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, וואָס מען וועט זוכן דעם „אוצר" מיט ליכט און מען וועט זיך אַרומטראָגן מיט אים און מען וועט הנאה האָבן פון אים און מען וועט רעדן פון אים זייער און זייער אַ סך. נאָר דערווייל איז די זאַך זייער שווער. וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן און וואָס קאָנען מיר טאָן?" „. . . דאָס יידישע טעאַטער — זאָגט שלום־עליכם — וועט זיך אַנטוויקלען דווקא אין רוסלאַנד, און ערשט נאָך דעם אין דעם יאַנקי־לאַנד, און מיר, מיר וועלן זיין די באַלעבאַטים אויף אונדזער וועלט, און די דאָזיקע פלעדערמייז — — — וועלן גיין צו אַלדי רוחות און זייער נאָמען וועט זיין צו אייביקער שאַנד. מיינע אויגן וועלן דאָס אפשר נישט זען, אָבער דו וועסט עס געוויס זען, וואָרים דו ביסט יונג, און דער וועג פון דיין לעבן איז נאָך גרויס פאַר דיר . . ."

און וואָס מער דאָס יידישע טעאַטער שטויסט אָפּ שלום־עליכמען, אַלץ מער ווערט ער צוגעבונדן צו אים. אין די יאָרן 1909־1911 שרייבט שלום־עליכם אַן זיין וואונדערבאַרן גרויסן ראָמאַן פונעם לעבן פון די יידישע אַקטיאָרן, „בלאָנדזשענדע שטערן" (אין 2 טיילן: „אַקטיאָרן" און „נע־ונד"), וואו שלום־עליכם ווייזט אַרויס פיל ליבע און פיעטעט פאַר דער אייגנאַרטיקער יידישער אַקטיאָרן־וועלט. שלום־עליכם שרייבט אויך אַן אין די ווייטערדיקע יאָרן פאַר דער בינע: „מענטשן" (1907), „אַגענטן" (1909), „קיניג פּיק" (1910), „שרגא" (1911) א. אַ.; אין 1914 פאַרפאַסט ער די טראַגיקאָמעדיע „שווער צו זיין אַ ייד" (לויטן ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס") און אין 1915

— דאָס פֿאָלקס־שטיק „דאָס גרויסע געווינס". אָבער אויך זיי דערגייען נישט אין זייער צייט צום טעאַטער.

ערשט עטלעכע יאָר נאָך שלום־עליכמס פּריצייטיקן טויט הויבט זיך אָן די פֿאַראינטערעסירונג מיט שלום־עליכמס פּיעסעס אינעם יידישן טעאַטער. מאָרס שוואַרץ איז דער, וואָס גיט זיי דעם ערשטן סצענישן תיקון. אין 1919 (דעם 29טן אויגוסט) הויבט ער אָן דעם טעאַטער־סעזאָן מיט שלום־עליכמס „טביה דער מילכיקער"; דעם 3טן סעפּטעמבער 1920 גיט ער די פּרעמיערע פֿון שלום־עליכמס „שווער צו זיין אַ ייד"; דעם 16טן דעצעמבער, 1920 — „אָן עצה"; דעם 8טן דעצעמבער, 1922 — „דאָס גרויסע געווינס"; אין 1927 — שלום־עליכמס „גאָלדגרעבער" („דער אוצר"); אין 1928 — „סטעמפּעניו"; אין 1929 — „בלאָנדזשענדע שטערן" א. אַ. וו. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מ. שוואַרץ געגעבן אַ נייע שלום־עליכם־פֿאָרשטעלונג — „סענדער בלאַנק" (אינסצענירט און רעזשיסירט פֿון י. ראָטבוים). מאָריס שוואַרץ האָט פֿאַר־פֿילמט „טביה דער מילכיקער".

דער קאַמער־טעאַטער אין מאָסקווע, אונטער דער רעזשי פֿון אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי און מיט דער באַטייליקונג פֿון מאַרק שאַגאַל, האָט זיך געעפֿנט אין 1921 מיט אַ שלום־עליכם־פֿאָרשטעלונג („אַגענטן", „מזל טוב", „דער פֿאַרשטערטער פּסח"), אין 1924 — „דער גט" און שפּעטער ווערט אויפֿגעפֿירט דער פּראַכטפֿולער ספּעקטאַקל, וואָס איז דערנאָך געגאַנגען פֿיל הונדערטער מאָל, „דאָס גרויסע געווינס" („200,000").

און אַזוי אויך אין אַלע אַנדערע לענדער, וואו עס עקזיסטירט יידיש טעאַטער, איז שלום־עליכם געוואָרן אַן עיקר, אַ יסוד אין דעם רעפּערטואַר. אין פֿיל יידישע טרופּעס, בעסערע און ערגערע, האָט מען געשפּילט יאָרנלאַנג שלום־עליכמס דראַמאַטישע ווערק. יעדער איינער אויף זיין אופֿן און לויט זיינע השגות האָט געפּרואווט אויסטייטשן און אַרויסברענגען די שלום־עליכמישע טיפּן און געשטאַלטן, די שלום־עליכמישע פֿריילעכע סביבה. „דאָס גרויסע געווינס" (אָדער „200,000") האָט באַוויזן אַ לאַנגע צייט געשפּילט צו ווערן אין אַלע עקן וועלט. עס זיינען דאָ אַזויפֿיל „קאָנצעפּציעס", אַזוי פֿיל אויסטייטשונגען, וויפֿיל עס זיינען געמאַכט געוואָרן ערנסטע אויפֿפֿירונגען פֿון אָט דער באַצויבערנדיקער פּיעסע. און וויפֿיל גוטע אַקטיאָרן — אַזוי פֿיל גע־שטאַלטן פֿון שימעלע סאָראָקער. און אַזוי אויך איז מיט „טביה דער מיל־כיקער", וואָס איז געוואָרן ביי אַ ריי וויכטיקע שוישפּילער זייער קרוין־ראָלע. דאָס זעלבע מיט אַ ריי אַנדערע שלום־עליכם־געשטאַלטן.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער גע־געבן אַ פּראַכטפֿולע שלום־עליכם־פֿאָרשטעלונג „טביה דער מילכיקער" לויט

דער אינסצעניִרונג פון י. דאָברושין און נ. אויסלענדער. לעצטנס ווערט אויפגעפירט שלום־עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מען מיט אַ 25 יאָר צוריק געמאַכט אַ פילם פון שלום־עליכמס „מנחם מענדל" — רעזשי אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי, מיט מיכאָעלסן אין דער ראָלע פון מנחם־מענדל. און אויך האָט מען פאַרפילמט „מאָטל פייסי דעם חזנס" א. אז. וו.

דער ניו־יאָרקער „אַרטעף", אונטער דער רעזשי פון בענאָ שניידער, האָט אַ פּאָר יאָר געשפּילט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן שלום־עליכמס „דאָס גרויסע געווינס" און עטלעכע אַנדערע קלענערע זאַכן און סצענעס. און דער האַר־שעווער „יונג טעאַטער" — אונטער דער רעזשי פון דר. מ. ווייכערט — האָט אַרויסגעבראַכט אויף אַ נייעם שטייגער שלום־עליכמס „דער אוצר" אונטערן נאָמען „נאַפּאָלעאָנס אוצר". יעקב שטערנבערג פון רומעניע האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק באַוויזן אַן אָריגינעלן שלום־עליכם־ספּעקטאַקל לויט זיין „דאָס פאַרכישופטע שניידערל", וואָס איז דערנאָך געשפּילט געוואָרן אין וואַרשע און איז געגאַנגען אַ לאַנגע צייט אין פּאַריז ביים „פּיאַט" (רעזשי — דוד ליכט). אין 1937 איז אין וואַרשע דורך זיגמונט טורקאָוו געגעבן געוואָרן אַ אינ־סצעניִרונג פון שלום־עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן", וואו עס זיינען אַרויס־געבראַכט געוואָרן אָריגינעלע געשטאַלטן פון דעם אַמאָליקן טעאַטער. אַט די רשימה וואָלט מען געקאָנט פירן נאָך און נאָך.

מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז די העברייאישע „הבימה" האָט אַריינגענומען אין איר שטאַם־רעפּערטואַר שלום־עליכמען. עס זיינען געגעבן דורך איר „דער אוצר", „עמך" („דאָס גרויסע געווינס"), אַ שלום־עליכם־ספּעקטאַקל „עלי כינור" (אויפן פידל), וואָס גיט די קלעזמער־טיפּן ביי שלום־עליכמען, און לעצטנס — „טביה", וואָס האָט גרויס דערפאָלג.

ווי גאָלדפאַדען, און דערנאָך יעקב גאָרדין, לעאָן קאָברין, ד. פּינסקי, שלום אַש, פּרץ הירשביין, — האָט אויך שלום־עליכם אַ קער געטאָן דאָס יידישע טע־אַטער אויף אַ נייעם וועג. דורך זיינע צאַפּלדיקע דינאַמישע געשטאַלטן איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן אויף דער יידישער בינע פרייד, באַוועגונג, לעבעדיקער יידישער הומאָר, קוועקזילבערדיקע שפּראַך, און אַן אַ שיעור שפּילעוודיקייט. דאָס יידישע טעאַטער האָט נישט נאָר געצויגן יניקה פון זיינע, שלום־עליכמס, דראַמאַטישע שאַפונגען, נאָר פיל סתם־מעשיות פון שלום־עליכם, געשיכטן, דערציילונגען זיינען צוגעפּראַוועט געוואָרן פאַר דער בינע און נעמען ביז איצט געוואַלדיק אויס. עס איז אַלץ איינס, אייגנטלעך, וואָס מען פירט אויס פון שלום־עליכמען, אַבי מען גיט „אַ שטיקל שלום־עליכם".

דער וועג פון שלום־עליכם צום יידישן טעאַטער איז געווען אַ זייער

שווערער, דורך פיל שטערונגען און שטרויכלונגען. יאָרן און יאָרן האָט שלום־עליכם נישט געקאָנט קומען צום יידישן טעאַטער, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע באַמיאונגען. אָבער דער וועג פון יידישן טעאַטער צו שלום־עליכמען איז שוין גאָר אַן אַנדערער — ער איז אַן אינטערעסאַנטער, פיל־קאָלירנדיקער און זייער אַ וויכטיקער.

.6

„דער סך־הכל, דער רעזולטאַט פונעם גרויסן יאַריד" — אַט אַזוי האָט שלום־עליכם באַצייכנט זיין ווערק „פונעם יאַריד", וואָס ער האָט געשריבן די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן. אָבער נישט נאָר אין דעם־אָ ווערק האָט שלום־עליכם אויסדערציילט די פּאַסירונגען און אָפּגעמאָלט די פאַרשוינען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און באַגעגנט אויף זיין לעבנס־וועג, בעת ער איז געפאָרן אויפן יאַריד און פונעם לעבנס־יאַריד. אין אַלע זיינע גרעסערע און קלענערע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן מיט אַזאַ ברען און ליידנשאַפט, האָט ער אַרויסגעבראַכט מענטשן און עפּיזאָדן, געשטאַלטן און סצענעס, וואָס זיין שאַרף אויג און זיין וואַך אויער און זיין וואַרעם האַרץ האָבן זינט זיינע קינדער־יאָרן אויפגעכאַפּט.

שלום־עליכם האָט אַדורכגעמאַכט די איבערוואַנדלונגען, וואָס דאָס יידישע לעבן האָט אַדורכגעמאַכט די צווייטע העלפט פון 19טן יאָרהונדערט און די ערשטע יאָרן פונעם 20טן יאָרהונדערט. געבוירן און אויפגעוואַקסן, ווי ער שרייבט אַליין, „אין סאַמע קאַסרילעווקע", איז ער דערנאָך צוזאַמען מיט זיין דור, צוזאַמען מיט זיין תקופה געגאַנגען פון קאַסרילעווקע אין יעהופּעץ. „דעם העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע — זאָגט שלום־עליכם וועגן זיך אַליין — האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עס ווייזט זיך אויס מסתמא יעדן ייִנגל, אַז זיין שטעטל — דאָס איז דער מיטלפּונקט פון דער וועלט, דער סאַמע נאָפּל פון דער ערד, און זיינע יידן — דאָס זיינען די אויסדערוויילטע ביי גאָט, וואָס צוליב זיי איז באַשאַפן געוואָרן די דאָזיקע וועלט." („פונעם יאַריד", ב' 1, ז' 94.) דאָס אַמאָליקע פּאַטריאַרכאַלע לעבן איז געווען אַ פעסטונג, וואָס מען האָט פון אינעווייניק און פון דרויסן, מיטן אייגענעם ווילן און דורך גזירות רעות, אַרומגערינגלט מיט פעסטע ווענט. יידן האָבן געלעבט אַן אָפּגעבאַזונדערט עקאָנאָמיש און גייסטיק לעבן, ס'האָט זיך געשאַפן אַן אייגענע סטרוקטור, און מען האָט אַריינגעלעבט מיט אַ שטיק מיטלאַלטערלעך לעבן טיף אין דער בייער צייט אַריין. שלום־עליכם איז פון די פריע קינדער־יאָרן אַן געווען אַן עדות, ווי „עס האָבן זיך פּלוצים די ציילן פון דער פעסטונג געגעבן אַ

שאָקל, דער פּאַלאַץ האָט גענומען איינבויגן זיך אויף אומצופאַלן, און דער גאַנצער כּישוף פונעם גליקלעכן שטעטל איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן."

עס הויבט זיך אָן די גרויסע עמיגראַציע: פריער די איבערוואַנדערונג פון דעם שטעטל אין דער גרעסערער שטאָט, און דערנאָך — דערהויפּט אין די 80ער יאָרן, נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, די עמיגראַציע קיין אַמעריקע. קאַסרילעווקע איז אין באַוועגונג, קאַסרילעווקע איז אין גאַנג, קאַסרילעווקע בייט איר אויסזען, איר כאַראַקטער, איר אינעווייניקסטן און אויסנווייניקסטן שטייגער. דאָס לעבן אין גרויסן רוסלאַנד מאַכט אַדורך שאַרפע און קאַנטיקע ענדערונגען. דאָס פעאָדאַלע רוסלאַנד ענדערט זיך ראַשיק. ס'קומט אויף אַן ענערגישע בורזשואַזיע, וואָס בויט איבער דאָס אַרומיקע לעבן; דאָס לייב־אייגנטום ווערט אָפּגעשאַפט, עס רוקן זיך אַרויס אינעם לעבן נייע פאַקטאָרן און נייע ווירקנדיקע כּחות. יידן ווערן אַריינגעצויגן אינעם אויפקומענדיקן האַסטיקן אינדוסטריאַליזירטן לעבן. עס קומען אויף נייע שטעט, עס באַווייזן זיך נייע מסחר־צווייגן, עס עפענען זיך נייע מעגלעכקייטן פאַר פלינקע ענערגישע מענטשן. הכּלל, עס הויבט זיך אָן צו דרייען אַ ראָד מיט רעדלעך, וואָס ציט אַריין אין זיין געדריי אויך די יידן. דער קאַסרילעווקער „בעל־החלומות" לאָזט זיך שווימען אין דעם ים, וואָס פאַרבייט אים די אַמאָליקע גנילאָפּיאַטעווקע. שלום־עליכם איז לכתחילה אַליין אַריינגעצויגן געוואָרן אין געווירבל פון די כלערליי אויסטערלישע געשעפטן. און געלעבט אַליין אין אָט דער צעהיצטער סביבה, פאַרמאָגט שוין שלום־עליכם זין און פאַר־שטאַנד אָפּצולאַכן פון איר, מאַכן אויסצודרייען אָט די אַלע פאַרשוינען און זייערע מעשׂים. עס איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז נאָך אין יאָר 1892 האָט שוין שלום־עליכם פאַרעפנטלעכט די ערשטע סעריע בריוו פון מנחם מענדל און שיינע שיינדל, שוין דאַן האָט ער אָנגעהויבן אויפצופאַסן דאָס מנחם־מענדלישע אין יידישן לעבן, אין יידישן מסחר, אין יידישן כאַראַקטער. אין 1894 שרייבט ער אָן זיין קאָמעדיע „יקנה"ז אָדער דאָס גרויסע בערזן־שפּיל", וואו ער „שטעלט אַרויס — ווי ער זאָגט אַליין — אויף לייטיש געלעכטער די גאַנצע יעהופּעצער בערזע מיט אַלע ספּעקולאַנטן און מעקלער פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן". און אַזוי ווייטער פלעכט שלום־עליכם אַריין דאָס רעאַלע לעבן, זיינע אַלע פּראָצעסן אין זיין שאַפן.

שלום־עליכם איז אַ לאַנגע צייט געווען פאַרוויגט ווי אַ קינסטלער אַ פרייער פויגל, וואָס זינגט זיך אָט אַזוי, אָן אַ באַשטימטער כּוונה, אָן אַ מיין, ווייל עס איז אים גוט און ליב צו לאַכן און צו לצעווען. אָבער אָט די מיינונג האָט זיך אַרויסבאַוויזן פאַר אַ פאַלשע און אומגערעכטע: שלום־עליכם האָט קלאָר און שאַרף אויפגענומען די שאָטן־זייטן פון דער יידישער ווירקלעכקייט,

פון יידישן לעבנס־שטייגער און זיי אָפּגעמאָלט מיט זייער גאַנצער אומ־ברחמנותדיקייט. מער נישט, וואָס ער האָט נישט געקוקט דערויף פון אויבן אַראָפּ ווי אַ זייטיקער, נאָר געלאַכט און אויסגעלאַכט אויך זיך, זיך גופא האָט ער נישט אַרויסגענומען פונעם כלל. מנחם מענדלען זעט שלום־עליכם „ווי אַ פליער, ברעכער, לויפער, דרייער, אַ נעכטיקער טאָג", ער זעט אין אים „דעם פאַרשטייער פון די יעניקע יידישע פרנסות, וואָס אָנהויבן הויבן זיי זיך אָן, דאַכט זיך, גאַנץ נישקשהדיק מיט אַזוי פיל בטחון און גלענצנדע האָפענונגען און לאָזן זיי זיך אויס צומייסטן מיט שלים־שלימזל".

שלום־עליכמס קאַסרילעווקע איז אַ וויטערדיקער עטאַפּ פון מענדעלעס קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע. שלום־עליכם האָט געפילט און פאַרשטאַנען אָט די פאַרזעצונג זיינע פון מענדעלען. און אויב ער איז נישט געווען קיין אייניקל פון מענדעלען, איז ער געוויס געווען אין זיך שרייבן און אין זיין אויפפאַסן דאָס יידישע לעבן דער זון, די וויטערדיקע רינג אין דער ליטע־ראַטור־ און קולטור־געשיכטלעכער קייט. קאַסרילעווקע לעבט שוין איבער ביי שלום־עליכמען עמיגראַציע, ציוניזם, סאָציאַליזם, מעשה־דרייפוס. נאָך קאַסרילעווקע קומט ביי שלום־עליכמען יעהופּעץ. יעהופּעץ איז דער וויטער־דיקער המשך פון קאַסרילעווקע. דאָ טרעטן שוין אַרויס די נייע מענטשן פון די וויטערדיקע יאָרצענדליקער פון סוף 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט. און עס קומען אויך געשטאַלטן און פּאַסירונגען פון נאָך דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1905־1906. אין די קאַפּיטלען פון בלויז איין שלום־עליכמס „טביה דער מילכיקער" (געשריבן פון 1894 ביז 1914) זיינען אַריינגעפלאָכטן שטיקער יידישע לעבנס, וויכטיקע פּראָצעסן פון אָט די צוואַנציק מערק־ווירדיקע יאָרן. שלום־עליכם מאַכט־מיט מיט זיינע העלדן, איבערהויפּט מיט זיינע באַליבטע העלדן („מאָטל פּייסי דעם חזנס" א. אַ.), דעם וועג פון קליינ־שטעטל אין דער גרויסער שטאָט, און דערנאָך דורך לעמבערג, לאָנדאָן אַזש קיין אַמעריקע.

אין אַלע זיינע ווערק האָט שלום־עליכם אַריינגעפלאָכטן, אַריינגעוועבט שטיקער לעבנס, צאַפּלדיקע פאַרשוינען, אויסגענוצט אמתע פּאַסירונגען און מייסטעריש פאַרגעשטאַלטיקט זיי. און אומעטום מיט טיפער ליבע און באַ־גייסטערונג פאַר דעם „עמך"־מענטש, פאַר זיין פּשטות, פאַר זיין ערלעכקייט, פאַר זיין האַרעפּאַשנעקייט, און מיט בפירושן ווידערווילן פאַר דעם געלט־זאַק, פאַר דעם אויפגעבלאָזענעם, פאַר דעם עקספּלואַטאַטאָר, פאַרן קאַכלעפל, פאַר דעם שטאָט־באַלעבאָס און גאַטס־סטראַפּטשע.

„איך ווייס נאָר איינס — שרייבט שלום־עליכם אין אַ בריוו צו דוד פּינסקי אין 1914 — אַז אין די צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב טביהס מעשיות איבער־

געגעבן, האָב איך געפילט, אַז אַלע מיינע סימפּאַטיעס זיינען אויף דער זייט פון דעם דאָזיקן פּראָסטן, נאָר גאַנצן, נישט־באַרירטן ייִדן.״

קיינער פון די ייִדישע שרייבער האָט נישט געפילט אַזוי שטאַרק ווי שלום־עליכם און נישט אַרויסגעפּירט מיט אַזאַ שאַרפקייט דאָס אומנאַרמאַלע און אומגעלומפּערטע, וואָס די צאַרישע „קראַמיע־יעוורעיעוו״ (חוץ־ייִדן)־געזעצן האָבן געשאַפן. שלום־עליכם האָט לענגערע יאָרן געלעבט אין דער שטאָט קיעוו, אָט די שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן דעם ייִדישן תחום און דאָך, ווי אַ „הייליקע״ רוסישע שטאָט, איז זי געווען אויסגעטיילט מיט ווילדע ספּעציפישע אַנטי־ייִדישע געזעצן און פאַראָרדענונגען. שלום־עליכם האָט געזען נישט בלויז דאָס טראַגישע, נאָר אויך דאָס טראַגיקאָמישע אין די אַלע פאַראָרדענונגען און געזעצן, וואָס זיינען געשאַפן געווען קעגן דער רעכטלאָזער ייִדישער נאַציע. אָבער ווי די מאַסן, אַזוי אויך זייער פאָלקס־שרייבער שלום־עליכם האָט נישט נאָר געקרעכצט אונטער דער שווערער יאָך פון די געזעצן, נאָר אויך געלאַכט, געשפּאָט, געמאַכט חוזק. און שטענדיק מיט דער ליכטיקער האָפענונג און מיט דער פולער איבערצייגונג, אַז מען וועט עס איבערלעבן.

און אַזוי איז געשען: דער צאַריזם איז געפאַלן, און אין די שטעט און דערפער, וואו ייִדן איז געווען אַמאָל פאַרבאָטן צו לעבן, זיינען איצט דאָ גאַסן אויף שלום־עליכמס נאָמען, און די פאַרשיידענע פעלקער, וועלכע באַוואוינען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין די גרויסע שלום־עליכם־פייערונגען, וואָס ווערן איינגעאָרדנט אויף אַ ברייטן מלוכה־מאַסשטאַב. אין די פאַרשיידענע שפּראַכן פון די סאָציאַליסטישע פאַרבאַנדן דערשיינען איבערזעצונגען פון אָט דעם שרייבער, וואָס איז אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט זיין ליב און לעבן מיט אוקראַינע, וואָלין, מיט אַלע שטעט און שטעטלעך פונעם געוועזענעם ייִדישן תחום.

ביי היינט צו טאָג זעען מיר שלום־עליכמען, זיינע געשטאַלטן, די סיטואַציעס, וואָס ער פירט אַרויס אויפן פּאַן פון רעכטלאָזיקייט, פון אויסער־ייִדן־געזעצן, גאָר אין אַן אַנדער ליכט.

שלום־עליכם האָט נישט געלאַכט אין דער וועלט אַריין, ווייל „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן״, — אַ פראַזע, וואָס מ׳האָט אַזוי אומגערעכט אַנגעבונדן שלום־עליכמען. שלום־עליכמס לאַכן איז געווען אַ לאַכן דורך טרערן. אַזוי האָט מיט דער צייט שלום־עליכם גופא אָנגעהויבן אויפצונעמען און פאַרשטיין זיין געלעכטער. אין אַ בריוו צו יעקב דינעזאָן כאַפּט זיך אַרויס ביי שלום־עליכמען אינטערעסאַנטע שטריכן וועגן זיין אייגענעם שאַפן: „. . . און איר קענט דאָך מיך, אַז איך בין עפּעס נישט פון די גרויסע מרה־שחורהניקעס; איך בין, האָב איך מורא, פּונקט דער היפּוך פון אייך, דינעזאָן:

איר ווייַנט און קלאָגט אין גיסט, ווי אַ בערעזשענע, און צום סוף לאָזט איר תמיד אויס מיט אַ זיס וואָרט, מיט אַ גוטער האָפענונג, און אַז מען גייט אַוועק פון איר, איז מען אויפגעלעבט, אַ ביסל צעווייקט, אָבער צופרידן, גליקלעך אָנ־געוואָרעמט, אויסגעגלעט און געטרייסט אויפן בעסטן אופן. דאַגעגן אָבער איך — כאַ־כאַ־כאַ און כי־כי־כי, לעבעדיק און פריילעך, און אַ צופ, אַ ריס, אַ שטאָך, אַ קרעל, און אַמאָל אַ זיפץ, אַ קרעכץ, אַ טרער, און ווידער — כאַ־כאַ־כאַ און אָבער כי־כי־כי, און ווי מען גייט אַרויס פון מיר, פילט מען זיך אַ ביסל, דאַכט זיך, דאַסיק... איך שטעל מיר פאָר, אַז מען קאָן אַזוי זאָגן: „אָט דער ימח־שמוניק, דאַכט זיך, האַ? מהיכי תיתי; קומט צום שפּיץ, זאָל אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין!" . . ."

אין דער ווידמונג „מיינע קינדער", וואָס שלום־עליכם האָט אָנגעשריבן ווי אַ פאָרוואָרט צום „פונעם יאַריד" (פעברואַר 1916, אַ צוויי חדשים פאַר זיין טויט), האָט שלום־עליכם אַרויסגעבראַכט אָט די מערקווירדיקע ווערטער: „איך ווידמע איך דאָס ווערק פון מיינע ווערק, דאָס בוך פון מיינע ביכער, דעם שיר־השירים פון מיין נשמה. איך ווייס, אַז מיין בוך איז, ווי יעדעס מענטשנס ווערק, ניט ריין פון חסרונות, נאָר ווער נאָך ווייס אַזוי ווי איר וואָס עס קאָסט מיך? איך האָב אַוועקגעגעבן און אַריינגעלייגט אין דעם דאָס בעסטע וואָס איך פאַרמאָג — מיין האַרץ. לייענט דאָס פון צייט צו צייט, אפשר וועט איר אָדער אייערע קינדער דערפון עפּעס לערנען — ווי אַזוי ליב צו האָבן אונדזער פאָלק און צו שעצן זיינע גייסטיקע אוצרות, וואָס ליגן צע־וואָרפן אין אַלע פינצטערע ווינקעלעך פון אונדזער גרויסן גלות אויף דער גרויסער וועלט. דאָס וועט זיין דער בעסטער לוין פאַר מיינע העכער דרייסיק יאָר געטרייע אַרבעט אויפן פעלד פון אונדזער מאַמע־לשון און ליטעראַטור."

אָט די טייערע, טיף־רירנדיקע ווערטער פון דעם גרויסן שלום־עליכם צו זיינע קינדער וועגן זיין ווערק זיינען אייגנטלעך ווערטער, וואָס מיט זיי ווענדט זיך דער גרויסער פאָלקס־מענטש, דער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור צו אַלע זיינע קינדער, צו די אַלע יידישע מענטשן, וואָס זיי איז טייער דאָס יידישע פאָלק און זיין יידישע שפּראַך.

1941

יצחק לייבוש פרץ

אין זיין רעדע, וואָס ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אין ניו־יאָרק אין אַפּריל 1915 אויפן הזכרה־אָוונט נאָך פּרצעס פּלוצימדיקן אַוועקגיין פון אונדז, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו געבן אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון פּרצעס לעבן און שאַפן, אָבער ער „האָט זיך נישט באַרעכנט, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט, ווען אַזאַ אַרבעט זאָל קאָנען ווערן געטאָן.״ ווייל „ערשט איצט וועלן מיר, — די אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין דעם גאַנג פון דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, זיך נעמען ערנסטער צוקוקן צו דעם, וואָס פּרץ האָט אונדז איבערגעלאָזט בירושה.״

אָט־דער צוגאַנג פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי צו פּרצן און צו זיין שאַפן איז געוואָרן דער צוגאַנג פון אַלע ערנסטע יידישע שרייבער, דענקער און פאָלקס־מענטשן צו פּרצן, צו זיין פּערזענלעכקייט און צו זיין גרויסער גייסטיקער ירושה.

אין די דרייסיק יאָר נאָך פּרצעס אַוועקגיין איז אין די טיפענישן פון דעם יידישן פאָלק געשאַפן געוואָרן אַ טיפערער און רייכערער, אַ דערהויבע־נערער און לויכטנדיקערער פּרץ, ווי אין די פיר צענדליק יאָר, ווען פּרץ גופא האָט געשאַפן און פאַרעפנטלעכט זיינע ווערק.

עס איז פאַראַן אַן אַלט וואָרט: „לא איכשרא דרא״, — דער דור איז נאָך נישט ראוי אויפצונעמען געוויסע אידייען, צו באַגרייפן גרויסע געשעענישן, צו פאַרשטיין אַ גרויסן דיכטער און זיין באַטייט.

פּרץ איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אויף אַן אייגענעם און אייגנאַרטיקן אופן און וועג. ער איז נישט אַרויסגעוואַקסן גלייך פון דעם געוויינלעכן יידישן שטעטל, פון דעם שטעטלדיקן לעבנס־שטייגער, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט פיל יידישע שרייבער פון זיין צייט, ווי י. י. לינעצקי, מ. א. שאַצקעס, מענדעלע מוכר ספרים, אברהם גאָלדפאַדען, מ. ספּעקטאָר, שלום־עליכם, וואָס זיינען אַרויסגעשפּראָצט געוואָרן פון דער יידישער ערד, געוואַקסן אונטער די פאַרכמאַרעטע יידישע הימלען און זיך צעוואַקסן צוזאַמען מיט זייערע יידישע מענטשן, זייערע מיטצייטלער.

פּרץ איז געווען עפּעס אַנדערש. נאָך אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער איינ־געזאַפּט אין זיך פאַרשיידענע היימישע און פרעמדע איינפלוסן, געזען דאָס יידישע לעבן אין ווירקלעכקייט און אין וויזיע, געלעבט אין אַ מערקווירדיקער שטאָט, וואָס איז געווען אַ געמיש פון זכרונות פון אַמאָל און פון אַ ווירקלעך לעבן; אין פּרצן גופא האָבן זיך געקרייצט פאַרשיידנסטע ווירקונגען, ער איז געווען — ווי ה. ד. נאָמבערג האָט אַמאָל געשריבן וועגן אים — אַ מין ברענ־גלאָז, וואָס האָט אויפגענומען די פאַרשידענע זון־ און ליכט־שטראַלן און זיי צוריקגעגעבן אין אַ מערקווירדיקן גלאַנץ און שימער.

אַנדערע יידישע שרייבער זיינען געוואַקסן, ווי דאָס אָרעמיקע לעבן גופא, פּאַמעלעך, בהדרגה, ווערק נאָך ווערק, געוואַקסן און אַלץ־פאַרברייטערט זייערע האָריזאָנטן, אַריינגענומען אַלץ מער אָרומיקע געשטאַלטן און טיפן פון זייער סביבה. פּרץ איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין „מאָניש", ווען ער איז שוין אַלט געווען אַ 36 יאָר. ער איז געקומען אַ רייפער און אַ שווער־אָנגעלאָדענער מיט פּראָבלעמען און פאָדערונגען, מיט ספקות און פּער־ספּעקטיוון. און אַזוי אַלע זיינע יאָרן האָט ער געשאַפן ווערק, אַרויסגעזאָגט געדאַנקען, גערופן און געמאָנט אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער און מיט זיך אייגענעם טאָן, וואָס די אָרומיקע האָבן עס נישט באַגריפן, געהאַלטן עס פאַר סודי־סודות, סתרי־תורה...

און ווי זיין ערשטלינג־ווערק „מאָניש" איז געווען עפּעס אַ נייס, עפּעס אַנדערש ווי די אַלע ווערק, וואָס זיינען אין זיין צייט געשאַפן געוואָרן, אַזוי אויך די אַלע איבעריקע גרעסערע און קלענערע פּרצישע ווערק, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט די אַלע יאָרן זינט 1888 ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, זיינען געווען אויסטערלישע, אייגנאַרטיקע, אַ פּראָדוקט פון כסדרדיקן אומרואיקן זוכן און געפינען, אַ פּועל־יוצא פון שטענדיקע אינעווייניקסטע געראַנגלענישן. אין איין און דער זעלבער צייט האָט ער אָנגעשלאָגן אין סאַמע טיפסטע און עכטסטע פאָלקס־קוואַלן און אין אַלגעמיין־מענטשלעכע, אוניווערסאַלע מאָטיוון. און מערקווירדיק זיינען געווען זיינע שאַפונגס־וועגן: די יידישיסטע מאָטיוון זיינען דורך אים פאַרוועלטלעכט געוואָרען, און די אוניווערסאַלע — פאַריידישט גע־וואָרן. און ס׳איז געווען ביי אים אַ שטענדיקער הין־און־צוריק גאַנג — פון סאָציאַלע צו נאַציאָנאַלע, פון נאַציאָנאַלע צו סאָציאַלע מאָטיוון און טענדענצן, פון תמימות־פאָלקסטימלעכע צו בולט־אינדיווידואַליסטישע און אינטעלעקטו־עלע. הויכער ראָמאַנטיזם, טיפער גלויבן און סאַטירע און ספקות; רעאַלע געשיכטן און אַלעגאָריעס און סימבאָלן; הוילע, שטימונגספולע ליריק און לידער סאָציאַל־אָנגעלאָדענע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע. ער האָט זיך איבער־גערופן מיט די נביאים און מיט היינריך היינע, מיט שאָפּענהויערן און ביטשען,

מיט גאָרקין און איבסענען, מיט וויספּיאַנסקין און טשעכאָוון א.אַ.וו.

מיר זיינען נאָך נישט פּאַרטיק געווען אין 1915 צו מאַכן אַ סך־הכל, אונ־טערצופירן אַ חשבון און באַווייזן די גרויס און דעם באַטייט פון פרצן און פון דער פרץ־ירושה.

ערשט נאָך פרצעס אַוועקגיין האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פּאַרטיפטע נאָכשאַפונג, די פאָרשונגען און שטודיעס פון פרצן און זיינע ווערק, פון פרצן און זיין צייט. עס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פון פרצעס לעבן, מען איז דערגאַנגען צו די דירעקטע און אומדירעקטע השפּעות, די רעגונגען און רייצתגען פון פרצן און אַזוי אַרום איז מעגלעך גע־וואָרן אויפצונעמען און באַגרייפן זיין פילגעשטאַלטיקייט און זיין גאַנצקייט.

מיר האָבן דערבליקט און דערשפּירט די עלעמענטן פון פרצעס גייסטיקער פיזיאָנאָמיע, פון פרצעס כאַראַקטער, פון פרצעס אופן פון אויפנעמען דערשיי־נונגען און זיי איבערקאָכן אין זיך און אַרויסברענגען זיי אויף זיין פרצישן שטייגער. און צי דאָס זיינען געווען רעאַלע געשיכטעס פון פשוטע מענטשן, צי דאָס זיינען געווען פאָלקסטימלעכע געשיכטן, וואָס דאָס פאָלק האָט אין זיין טיפער תמימות געשאַפן, צי דאָס זיינען געווען איבערערדישע כוונות און מימראָס פון גרויסע ידישע קעפּ, אָדער עס זיינען געווען סענטענצן, וואָס דאָס ידישע פאָלק האָט אין משך פון טויזנטער יאָרן אויסגעטראָגן אין זיינע גע־הירן און געפילן, צי דאָס זיינען געווען פאַרווירקלעכטע, פאַראידעאַליזירטע טרוימען, אָדער „פאַרטרוימיזירטע" רעאַלקייטן, — אַלץ האָט פרץ אויפגענומען אין זיך און אויף זיין באַזונדערן שטייגער זיי אַרויסגעבראַכט, איבערדערציילט, איבערגעדיכטעט. פרץ האָט מיט דער זעלבער טיפקייט און שאַרפקייט אַרויס־געבראַכט דעם אפּיקורס און דעם גלויביקן, דעם מתנגד און חסיד, דעם פאָלקס־מענטש און דעם אויסגעוויקטן פּרוש, דעם זינדיקן און הייליקן, דעם כלל און דעם יחיד. זיי אַלע זיינען אַדורך די פּריזמע פון פרצן, זיינען געוואָרן אָפּגע־שטראַלט פון זיין ליכט, זיינען דורך אים באַלעבט געוואָרן, כדי ווידער צו ווירקן און באַווירקן אין לעבן.

און ס'איז פאַרשטענדלעך געוואָרן, אַז פרץ האָט געמוזט אָנקומען צו פאַרשיידענע פאָרמען, ווייל דער אינהאַלט איז געווען פאַרשיידן. דער קול פון נגינה האָט זיך ביי אים געענדערט צוזאַמען מיט דעם ניגון, וואָס ער האָט גע־זונגען. און נישט נאָר דעם גלגול פון אַ ניגון האָט פרץ געוויזן, נאָר אויך דעם גלגול פון דער ידישער נשמה, די איבערוואַנדלונג פון דעם ידישן מהות, פונעם ידישן וועזן, פונעם ידישן געדאַנק, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט די לעצטע דורות אַ שנעלן און ראַשן וועג פון טיפן מיטלאַלטער צו אַ מאָדערנעם לעבן. פיר דורות פיר צוואות, די גאָלדענע קייט, צווישן צוויי בערג, אַ גלגול פון

אַ ניגון — אומעטום איז ביי פּרצן דאָ דער גאַנג אַרויף, אויב נישט נאָך העכער, אָדער עס ווערט באַוויזן דאָס פאַלן אַראָפּ, אַלץ נידעריקער אין שאול תחתיה אַריין, כדי ווידער גליידך דערהויבן צו ווערן.

מען איז אָוועק ביי אונדז פון נביאים, פון הייליקע ספרים, פון טיפער חקירה, פון העכערע עולמות, פון דערהויבענע ענינים, פון וואונדערלעכע שיינקייטן צו פּראָסט־פּשוטע מעשיות, צו מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס, צו פלאַכע באַשרייבענישן, איז געקומען דער יום־טובדיקער פּרץ און גלייך פון אָנהייב געפאָדערט נייע דערהויבונג, נייע הימלען, ברייטן פּאַרמעסט, שבת און יום־טוב.

אין איינעם פון זיינע שפּעטערדיקע פּראָגראַם־אַרטיקלען „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור?" האָט פּרץ געשריבן (אין 1910, צוריק מיט 36 יאָר): „אַן אַלט פאָלק, אַ גלאַנץ־שטראַלנדע פּאַרגאַנגענהייט, אַ בלוטיקער, לאַנגער מאַרטירער־וועג צו אַ פּראָפּעטיש־געחלומטער צוקונפט... אַ צעזייט און צע־שפּרייט פאָלק, אַ וואַנדער־פאָלק, אַ וועלט־פאָלק און אַן אייביק פאָלק, און אַ מאָמענט־אויפנאַם־ליטעראַטור, וואָס קאָן פון וואַלינער, ליטווישער און פּוי־לישן קליינשטעטל בשום אופן נישט אַרויס..." און פּרץ האָט געטענהט, אַז „עס פעלט דער העכער פּונקט, פון וועלכן דאָס אַלץ זאָל געזען ווערן..."

און אָט־דעם הויכן פּונקט האָט פּרץ געבויט און געשאַפן.

די לעצטע 30 יאָר האָבן מיר אַדורכגעמאַכט אין דער וועלט און אין אונדזער יידישן לעבן שווערע און נסיונות־פולע יאָרן. מיר זיינען געשטאַנען פאַר גרויסע פּראָבלעמען און פאַר נאָך גרעסערע איבערראַשונגען פון וועלט־ און יידיש־וועלטן. עס זיינען פאָרגעקומען שטאַרקע איבערגרופּירונ־גען פון סאָציאַלע און קולטורעלע כוחות, נייע פּראָבלעמען זיינען אויפגעשוואָו־מען און אַ נייע דיפערענצירונג פון די שאַפנדיקע און פּראָדוצירנדיקע קינסט־לער אויף דער יידישער גאַס איז אויפגעקומען. און באַזונדערס האָבן די לעצטע צען יאָר געבראַכט אונדז גרויסע, ביז־אַהער נישט־געדאַכטע געשעענישן און נישט־געהערטע פּאַסירונגען, וואָס די אַזוי אויך רייכע יידישע געשיכטע האָט וועגן זיי נישט געוואוסט, — דאָס אַלץ האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט נייע פליכטן און לאַסטן, נייע פאַראַנטוואָרטונגען און אויפגאַבן. גרויסע, רייכע יידישע ישובים, וואו ס׳האָט זיך געצויגן אַ שאַפעריש לעבן אין לויף פון יאָר־הונדערטער, זיינען אין פייער און אין בלוט, אין גרויזאַמע יסורים און פּייני־קונגען צעשטערט געוואָרן און כמעט ווי אָפּגעווישט געוואָרן. מער ווי ווען עס איז נויטיקן מיר זיך איצט אין נייער דערמונטערונג, אין נייעם גלויבן, אין נייעם ברען, מיר זאָלן קאָנען אויף די מוראדיקע חורבות און פאַרוויסטונגען אויפשטעלן אַ ניי לעבן.

און וואו איז דער קוואַל אין דער יידישער ליטעראַטור, וואו מיר קאָנען

שעפֿן פֿרייד און התלהבֿות, ברען און באַגייסטערונג, אויב נישט ביי פּרצן, וואָס מיט זיין טיפֿן בליק האָט ער אַריינגעקוקט אין אונדזער גייסטיקן יידישן לעבן, געזען די שיינקייטן, דערשפּירט די גרויסע נשמות אין יעדן איינציקן, אפֿילו ביים סאַמע פּראָסטן ייד, דעם פֿאָלקס־מענטש. פּרץ האָט גערופֿן צו פּראָפּעטן, צו באַגייסטערטע וואָרט־זאָגער, וואָס זאָלן באַלויכטן דעם וועג און מאַכן פֿון דעם אינדערוואָכן שבת, יום־טובֿ, ער האָט כּסדר גערופֿן צו דערהויבנקייט, צו אויבן נישט נאָך העכער.

מיר האָבן זיך צוגעוואוינט אַרויסצורעדן אין איין אָטעם „מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם", און עס קומט אויס ווי זיי אַלע דריי וואָלטן געוואַקסן און זיך צעוואַקסן פֿון איין קולטור־געזעלשאַפֿטלעכער און קינסטלערישער סבֿיבֿה און ווי זייער שאַפֿן וואָלט זיין פֿון איין שניט און כאַראַקטער.

אין דער אמתן אָבער איז אָט־דער „חוט־המשולש" (דער דריי־פֿעדעמדי־קער שנור) ווייט־ווייט נישט פֿון איין שטאָף געשאַפֿן. עס זיינען דאָ וועזנטלעכע אונטערשיידן צווישן מענדעלען און שלום־עליכמען, און אוודאי זיינען פֿאַראַן נאָך טיפֿערע ווידעראַנאַנדן צווישן זיי ביידע און פּרצן.

לויט די דאַטעס פֿון זייער געבוירן איז פּרץ דער מיטלסטער. מענדעלע איז געבוירן אין 1836, פּרץ — אין 1852, שלום־עליכם — אין 1859. לויט דער צייט פֿון זייער אַריינטרעטן אין דער יידישער ליטעראַטור איז פּרץ דער יינגסטער צווישן די דריי: מענדעלע איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער לי־טעראַטור אין 1864, שלום־עליכם — אין 1883 און פּרץ — ערשט אין 1888. עס איז פֿאַראַן אַלגעמיינעס ביי אַלע די דריי גרויסע קינסטלער, וואָס אין משך פֿון עטלעכע און צוואַנציק יאָר — זינט 1888 ביז אָנהייב דעם ערשטן וועלט־קריג אין 1914 — זיינען זיי געוואָרן די דריי הויפּט־זיילן פֿון דער נייער יידי־שער ליטעראַטור.

ווען מיר דרינגען אָבער אַריין טיפֿער אין דעם לעבנס־גאַנג פֿון יעדן איינעם פֿון די דריי גרויסע מייסטער, ווען מיר נעמען אויף דאָס שאַפֿן פֿון יעדן איינעם פֿון זיי, זיין אָרט אין דער יידישער שאַפֿונגס־וועלט, און ווי יעדער פֿון זיי איז באַווירקט געוואָרן פֿון יידישע און ניט־יידישע דערשיינונגען און ווערק און נאָך מער — ווי ווייט עס זיינען געווען און געגאַנגען זייערע ווירקונגען און איינפֿלוסן אויף די יינגערע שרייבער — ווען מיר נעמען דאָס אַלץ אין באַטראַכט, דאַן וואַקסן אויס די דריי יידישע קלאַסיקער אין גאַנץ באַזונ־דערע וועלטן, און בעיקר — טיילט זיך שטאַרק און באַזונדערס אויס מיט זיין אַנדערשקייט י. ל. פּרץ.

עס איז גוט באַקאַנט דער לעבנס־גאַנג פון מענדעלע מו״ס, זיין וואוקס און אַנטוויקלונג, וואָס איז געגאַנגען אַליין בהדרגה פון ווערק צו ווערק, ביז ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ צענטראַלער געשטאַלט אין דער יידישער ליטע־ראַטור. ווען שלום־עליכם האָט אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש איז שוין מענדעלע געווען אַ תושב אין דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע האָט שוין דאַן געהאַט געפייערט זיינע 25 יאָר שאַפן. די ערשטע ווענדונג פונעם יונגן שלום־עליכם צו מענדעלען איז טאַקע געווען די באַגריסונג (אין דער רוסישער שפּראַך) צום פאַרדינסטפולן יובילייאַר. אין אָט־דעם בריוו ווענדט זיך שלום־עליכם צו מענדעלען — ווי ער אַליין שרייבט — „ווי אַ יונגער, גאַר פייער־דיקער פאַרערער פון זיין, מענדעלעס, טאַלענט.״ ער, שלום־עליכם, האַלט נאָך גאָר פון פאַרנט: „איך האָב מיט מיינע אומבאַדייטנדיקע אַרבעטן נאָך גאָר־נישט געגעבן, — דערפאַר אָבער וואָס פאַר אַ צוקונפט עס שטייט פאַר מיר, ווי פאַר אַן אָנפאַנגער, וואָס פאַר אַ ברייט פעלד פאַר יעדן איינעם, וואָס ווינטשט צו ווידמענען זיין צייט דער עבודה אויפן מזבח פון אונדזער פאָלקס־מוזע.״

און ווען שלום־עליכם דערפילט אין זיך די רייפקייט צו שאַפן, ווען ער פאַרמעסט זיך אויף אַן אמת צו שרייבן, רופט ער אָן, אין 1888, מענדעלע מוכר ספרימען „זיידע״. און מענדעלע נעמט עס אָן ווי אַ פאַרדינטע און ריכטיקע באַצייכענונג און רופט אָן שלום־עליכמען „אייניקל״, מיין ליבהאַרציק אייניקל.

פרץ אָבער, ווי מיר זעען עס פון זיינע בריוו צו שלום־עליכמען פון די יאָרן 1888־1889, ווען ער איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור אַ צייטיקער, אַ פול־אָנגעלאָדענער מיט אידייען און מיט שאַפונגען, האָט זיך גאַנץ־ווייניק אָנגעקערט מיט מענדעלען און זיין שאַפן. אין דער צייט, וואָס שלום־עליכם ווערט אַלץ מער צוגעבונדן צו מענדעלען, ווערט שטאַרק באַ־ווירקט פון אים און ער קלאַמערט זיך אַלץ מער צום „זיידן״, איז פרץ כמעט ווי נישט באַקענט מיט מענדעלעס ווערק און ער פאַרבייט אפילו אַבראַמאָוויטשן (מענדעלען) אויף ראַבינאָוויטשן (שלום־עליכם), און שרייבט־צו מענדעלעס ווערק צו שלום־עליכמען. און ווי ער איז זיך אַליין מודה, אין זיינע בריוו צו שלום־עליכמען, האָט ער געלייענט מענדעלעס ווערק נישט אין אָריגינאַל אין יידיש, נאָר די פּוילישע איבערזעצונג (בריוו און רעדעס, ז״ז 141, 148, 149).

ערשט מיט דער צייט הייבט אָן פרץ פילן אַ פאַרערונג צו מענדעלען, אָבער דאָס איז מער אַ פּיעטעט ווי צו אַ פאַרדינסטפולן גרונטלייגער פון דער יידישער ליטעראַטור, אַ פּיעטעט פאַר זיין פּיאָנערנטום, אָבער נישט ווי צו אַ שרייבער פון זיינס אַ גלייכן.

עס איז אויך געווען אַ טיפער אונטערשייד צווישן שלום־עליכם און פרץ.

אין יאָר 1888, ווען פרץ, וואָס האָט דאַן נאָך נישט פאַרעפנטלעכט אין ייִדיש קיין איין זאַך, שרייבט בריוו צו שלום-עליכמען, גיט ער אָן, אין די בריוו, דעם אונטערשייד, וואָס עס איז דאָ צווישן אים און שלום-עליכמען (און אויך מענ־דעלען). ער שרייבט אין בריוו: „איך ווייס די אַרבעט פון מיין האַר: זיין ווילן און שטרעבן איז (אויף וויפל איך האָב געקאָנט פאַרשטיין) צו שרייבן צוליבן עולם, וואָס רעדט זשאַרגאָן פון זשאַרגאָנען־לאַנד, און איך שרייב צוליב זיך, צוליב מיין הנאה ווענן, און אויב איך דערמאָן זיך אַמאָל אָן דעם לעזער, איז ער פון אַ העכערער מדרגה פון דער געזעלשאַפט, ער איז דער מענטש, וואָס האָט געלייענט און געלערנט אין אַ לעבעדיקער שפּראַך." אין אַ צווייטן בריוו פון יענער צייט שטעלט אַרויס פרץ אַזעלכע פאָדערונגען צו דער ייִדישער ליטעראַטור: „אַז מיר ווילן אַריינברענגען נייע געדאַנקען, מוזן מיר געבן אויך נייע פאָרמען, נייע אויסדרוקן, ווייל דער אַלטער לבוש פּאַסט זיך נישט צום נייעם, די אויסדרוקן זענען אויס לכתחילה פרעמד, אָבער סוף־כל־סוף וועלן זיי אַריינדרינגען צום לעזער און וועלן באַרייכערן זיין פאַרשטאַנד."

און נישט נאָר אין די ליטעראַרישע בריוו צו שלום־עליכמען (פון די יאָרן 1888־1889) זעען מיר ווי־ווייט פרץ איז אונטער דעם שטאַרקן איינפלוס פון וועלט־דענקער און שרייבער, אויך די אינטימע בריוו צו זיין כלה (פון 1877) דערציילן אונדז, אַז פרץ, דער פּראָווינץ־אַדוואָקאַט, לייענט מיט ליידנ־שאַפט סאָציאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגישע און קינסטלערישע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור און איז טיף אָנגערעגט פון זיי.

און טאַקע וועגן די איינפלוסן אויף פּרצן, וואָס זיינען געגאַנגען אין פאַר־שיידענע צייטן פון פאַרשיידענע זייטן און וואָס האָבן אָנגעטראָפן אַ גוטן באָדן אין פּרצן — דאַרף מען פיל רעדן.*) און דאָס טיילט באַזונדערס אויס פּרצן פון מענדעלען און שלום־עליכמען און שטעלט אים אַוועק אויף אַ באַזונדערן אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

וועגן דעם גיט פרץ אַליין איבער אויך אין זיינע „זכרונות", וואָס ער האָט געשריבן אין 1913. די השפּעות פון דער וועלט־ליטעראַטור זיינען ביי אים געווען זייער שטאַרק נאָך איידער ער האָט גענומען שרייבן און דרוקן ווערק.

אַ באַזונדער און אינטערעסאַנט קאַפּיטל איז די השפּעה פון היינריך היינע אויף פּרצן. איין צייט האָט מען געהאַט פאַרגעוואָרפן פּרצן, אַז ער איז אַ „נאָכמאַכער" פון היינעס לידער. פרץ אַליין האָט אייניקע מאָל גערעדט וועגן היינעס ווירקונג אויף זיך און מיט דער צייט באַקעמפט אין זיך דאָס „היינעשע". אין אַ בריוו צו ד"ר י. צינבערג, וואָס האָט ביי אים געבעטן ביאָגראַפישע

---

*) זע אויספירלעכער אין מיין בוך „י. ל. פרץ", קאַפּיטל „דער פאָטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור".—נ. מ.

פרטים, האָט פרץ געשריבן: „ערנסט האָבן אויף מיר געווירקט די פּראָפעטן, אַ צייט לאַנג בין איך דאָך געווען אונטער דער ווירקונג פון היינע און בערנע — מיינע ערשטע יידישע געדיכטן.“

וואָס שייך די ווירקונג פון די נביאים אויף פּרצן, איז עס אַ באַוואוסטע זאַך. פּרץ האָט אַלע זיינע יאָרן אַרויסבאַוויזן אַ טיפן אינטערעס צו דעם תנ״ך, צו זיינע עטישע, דיכטערישע און פילאָסאָפישע אידייען, ער האָט נישט אויפגעהערט איבערצודיכטן פון די סאַמע ערשטע יאָרן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן קאַפּיטלען, ספרים פון תנ״ך און פאַרלאַנגט כסדר דאָס נביאישע, פּראָפעטישע פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס גייט אַדורך ווי אַ רויטע שנור איבער גאַנץ פּרצעס שאַפן.

עס איז גוט באַקאַנט די שטאַרקע השפּעה פון דעם פּוילישן וויספּיאַנסקי אויפן פּרצן, און די נאָענטשאַפט צווישן וויספּיאַנסקיס דראַמאַטיש שאַפן „וועסעלע“ מיט פּרצעס דראַמאַטישע ווערק. עס קאָן אויך זיין, אַז מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, איבערהויפּט זיינע חסידישע מעשיות, האָבן באַווירקט פּרצן, אים שטאַרקער דערנענטערט צום מקור פון חסידות, אַנטפּלעקט פאַר אים די נשמה פון חסידות, ווייל פּרץ גופא, ווי באַוואוסט, האָט אויף זיין לעבן קיין רבין אין זיינע אויגן נישט אָנגעקוקט.

און אוודאי און אוודאי האָט זיך פּרץ געפונען אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פון די פּוילישע פילאָסאָפיש-געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען פון זיין צייט.

עס דערציילט ה. ד. נאָמבערג, ווי פּרץ „איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן טיפסטן פּעסימיזם, מיט אַן עקל צום לעבן.“ דאָס איז געווען אין די לעצטע יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט, ווען נאָמבערג איז אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע, איידער פאַר פּרצן האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס יידישע פאָלקס־מעשהלע, וואָס פון דעם האָט ער דערנאָך געשאַפן די פאָלקסטימלעכע געשיכטן. „פּרץ — דערציילט נאָמבערג — איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון אָט־דעם „מאָדערניזם“ ווי יעדער דעמאָלט. אָבער דערין — זאָגט נאָמבערג — צייכנט זיך אויס פאַר אונדז דער מהות פון פּרצן, זיין אינערלעך וועזן, וואָס ער טרייסלט זיך אָפּ פון איר ביי דער ערשטער מעגלעכקייט.“ נאָמבערג גיט איבער, ווי פּרץ „האָט זיך געראַנגלט מיט דער מאָדערניסטישער ווירקונג, ווי איינער, וואָס ראַנגלט זיך מיט פינצטערע כוחות. אין דער טיפעניש פון זיין נשמה האָט ער נישט געקאָנט סובל זיין דעם הויך פון טויט און צעלייגונג, וואָס האָט געטראָגן פון יענער ריכטונג. ער איז אינערלעך געווען פרעמד און וויט דערפון...“

און דאָס מערקווירדיקע איז, וואָס מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט זיך דאַן ערשט באַוויזן אין דער, אין אַלגעמיין, דערדריקטער רוסישער ליטעראַטור מיט זיינע קרעפטיקע, פולבלוטיקע און בונטאַרישע דערציילונגען און מיט

פאַרהערלעכונג און יראת־הכבוד פאַר דעם מענטש, — מאַקסים גאָרקי האָט אַרויסגעהאָלפן פרצן אַרויסצובאַפרייען זיך פון דער שווערער פאַרצווייפלונג, פון דער אינעווייניקסטער מיזקייט.

און אויך אַנטאָן טשעכאָוו, דער גרויסער רוסישער נאָוועליסט, איז געווען פרצן באַזונדערס נאָענט. שכנא עפשטיין האָט דאָ נישט לאַנג, צו א. טשעכאָווס 40־טן יאָרצייט, איבערגעגעבן ווי פרץ האָט טייער געהאַלטן טשעכאָוון.

פרץ האָט איבערגעזעצט אייניקע דערציילונגען פון טשעכאָוון, און ער פלעגט זיי לייענען אויף פאַרזאַמלונגען.

און פרץ האָט דאָך דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטע־ראַטור די ווערק פון קנוט האַמסון, מולטאַטולי, ווי אויך אייניקע פוילישע שרייבער. און ס'איז מערקווירדיק ווי פרץ האָט פאַריידישט ה. נ. ביאַליקס לידער, וואָס האָבן אויף אים שטאַרק געווירקט. דאָס איז געווען אַן עיקר־שטריך אין זיין כאַראַקטער, ער האָט גערן אויפגענומען השפעות און געווען שעפעריש באַאַפּרוכפּערט פון זיי.

דאָס וואָס פרץ האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך אויפגענומען אויף זיך איינפלוסן פון דער מאָדערנער ליטעראַטור, — רוסישער, פוילישער, העברייאישער אָדער דייטשער — דאָס האָט אים דערנעענטערט צו די יונגע און יינגערע יידישע קינסטלער. אָפטמאָל איז ער געווען גאָר יינגער און מאָדערנער פון פיל פון זיי, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געוואָרצלט אין דער פאַרצייטיקער יידישער וועלט. פרץ איז דאָ געווען דער פיאָנער, דער פירגייער פון דורות שרייבער, וואָס זיינען לויט די יאָרן געווען פיל יינגער פון אים.

אין דער צייט, וואָס מענדעלע האָט שוין אַ לענגערע צייט ווי פאַרחתמעט זיין שאַפערישע וועלט און יאָרנלאַנג האָט ער זיך געוואָרעמט ביי זיינע אייגענע פייערן, וואָס ער האָט אָנגעצונדן מיט יאָרן צוריק, אין דער צייט, וואָס שלום־עליכם איז געווען פאַרטאָן אין דער וועלט פון זיינע פאַרשוינען־געשטאַלטן, וועלכע ער האָט מיט זיך מיטגענומען פון קאַסרילעווקע און יעהופּעץ, האָט פרץ כסדר געהאַלטן אין קלעטערן און אין זוכן און אין נישטערן. פיל יידישע שרייבער האָבן געוויס צו פאַרדאַנקען פרצן, וואָס ער האָט זיי אָנגערעגט פאַר נייע אַספּיראַציעס, וואָס ער האָט זיי אַרויפגעפירט אויף נייע שאַפערישע וועגן.

דער לעבעדיקער, רייצנדיקער און אָנרעגנדיקער קאָנטאַקט פון פרצן מיט די יינגערע שרייבער קומט טאַקע פון דעם, וואָס פרץ אַליין האָט נישט אויפ־געהערט אויפצונעמען אויף זיך השפעות פון פאַרשיידענע זייטן. אַ דורשטיקער האָט ער אַליין געטרונקען פון די קוואַלן, וואָס האָבן גלייכצייטיק אויך באַאַפּרוכ־פּערט די יינגערע שרייבער.

עס איז איינע פון די עיקרדיקסטע פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטע־

ראַטור אויסצופאַרשן די השפעות פון פּרצן אויף די פאַרשיידנסטע יידישע קינסטלער, סיי פון די, וואָס באַטאָנען עס, שפּירן עס, און סיי פון די, וואָס גיבן זיך אפשר אַליין נישט אָפּ קיין רעכענונג וועגן דעם. עס איז זיכער: פּרץ האָט געהאַט אַ דירעקטע השפעה אויף פאַרשיידענע טאַלענטפולע יידישע שרייבער, אָן אַנרעגנדיקע ווירקונג. און אָט־די באַווירקונג הערט נישט אויף, נאָר אדרבא זי ווערט וואָס־ווייטער אַלץ שטאַרקער, און אָפט קאָנען מיר שפּירן די השפעה אויף קינסטלער, ווען אפילו די קינסטלער אַליין ווילן עס, אין אַ באַשטימטער צייט אָדער שטימונג, פאַרקלענערן אָדער פאַרלייקענען.

עס האָבן זיך מיט דער צייט איינגעשטעלט צוויי באַזונדערע שטראָמען אין דער יידישער ליטעראַטור, צוויי שיטות, וואָס זיינען אפשר אין אָנהייב, ביי זייער אויפקום, נאָך נישט איבגאַנצן קלאָר און אויסגעשפּראָכן געווען, אָבער מיט דער צייט, אין דעם ווייטערדיקן וואוקס פון דער יידישער ליטעראַטור, האָבן זיי זיך אַלץ־מער אויסגעקריסטאַליזירט. איין שטראָם, וואָס גייט פון מענדעלע מוכר ספרים און שלום־עליכם, און דער צווייטער — וואָס שטאַמט מער און בעיקר פון פּרצן.

אין פאַרשיידענע אָפּהאַנדלונגען וועגן מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ זיינען אויף פאַרשיידענע אופנים באַרירט געוואָרן די השפעות פון די דריי קלאַסיקער אויף די ווייטערדיקע יידישע שרייבער. נישט איינער איז צוגעגאַנגען צו אָט־דער פראַגע לייכט און לייכטזיניק און בעיקר געפּרואווט מאַכן צו „קליין־געלט" פּרצעס השפעה אויף זיינע מיטצייטלער און דערפירט עס, ווי ס'איז גוט באַקאַנט, בלויז צו „רבישע טישן", צו פּרצעס קאַפּריזן, צו פּרצעס שוואַכקייטן.

עס איז אָבער קיין ספק נישט, אַז פּרץ, מער ווי מענדעלע און מער ווי שלום־עליכם, האָט אינספּירירט, אַרויסגערופן רייך און געהאַט אַ דירעקטע שאַפערישע השפעה אויף דעם וואַקסנדיקן דור שרייבער. מענדעלע איז יאָרנלאַנג געווען פאַררוקט אין זיין אָדעסער תלמוד־תורה און דערצו איז ער געווען באַפריינדט מיט דער אָדעסער גרופּע העברייאישע און רוסיש־יידישע שרייבער, וואָס האָבן בכלל געקוקט מיט אומצוטרוי און מיט פרעמדקייט אויף דער וואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור. שלום־עליכם האָט געלעבט אין דעם רוסיפיצירטן קיעוו און נאָך זיין פּרואוו אַרויסצוגעבן, אין 1888־1889, זיין „יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק", האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון אַ דירעקטן, שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער יינגערער שרייבערישער סביבה. פּרץ אָבער האָט זינט 1888 געלעבט אין דער יידישער מעטראָפּאָליע, וואַרשע. זינט דאַן איז ער געווען און וואָס־ווייטער אַלץ מער געוואָרן דער מיטלפּונקט, דער פאָטער פון די וואַקסנדיקע יידישע שרייבער.

נאָך אין 1901, חוען מ׳האָט אין וואַרשע אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן געפּיי־ערט פּרצעס יובילייִ, האָבן די דעמאָלסטיקע יונגע, ספּאָנטאַן, נישט אָרגאַני־זירטערהייט, געזונגען פּרצן דאָס חסידיש־באַגייסטערט ליד „אונדזער רביניו, רביניו״.

דאָס איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. לויט זיין כאַראַקטער און טעמ־פּעראַמענט איז פּרץ געווען מער אַריינגעצויגן אין קאָלעקטיוער, קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. און פּונקט ווי ער האָט זיך כסדר געפּונען אונטער שטענדיקע השפּעות, אַזוי אויך האָט ער געהאַט די נויטווענדיקייט צו ווירקן און באַווירקן. פּרצן האָט געצויגן צו אַן עולם, ער האָט אויפגעלעבט אַרום אַ פּובליקום און ליב געהאַט צו באַלעבן זיינע צוהערער. מענדעלע, ווי אויך שלום־עליכם זיינען געווען מער „יושבי אוהל״ — שטוב־זיצער און פּאַ־מיליע־מענטשן; פּרץ, דער אומרו, איז מיטגעריסן געוואָרן פון אַלץ־נייע באַ־קאַנטשאַפטן, פון נייע אידייען, פון נייע ווערק. ער איז געווען אַזוי גוט אַ תלמיד, אַ פלייסיקער צוהערער, ווי אַ רבי, ווי אַ לערער.

פּרץ אַליין האָט זיך געגוויטיקט אין אַלץ נייע השפּעות, אין אַלץ נייע באַ־געגענישן, יעדער נייער שרייבער איז גלייכצייטיק געווען פאַר פּרצן אַן אַנ־רעגער, אַן אָנזאָגער פון עפּעס נייעס.

ה. ד. נאָמבערג, אַ מקורב צו פּרצן צו פּרצן זיינע לעצטע 18 יאָר, זאָגט אין זיין אַרטיקל איבער פּרצן: „... פּרץ איז דער פירער פון דער תקופה, ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן: דער מיטלפּונקט פון דער תקופה, אַ צענטער פון השפּעות. אַלץ שפּיגלט זיך ביי אים אָפּ און שטראַלט צוריק, אַזוי ווי אַ ברען־גלאָז. ער איז ניט קיין גרינדער פון אַ ליטעראַרישער שולע, ווייל ער איז ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן געווען אַ זוכער און אַ שטרעבער, ער האָט שטענדיק איבער־געשפּרונגען פון סטיל צו סטיל. דער ליטעראַרישער דור אָבער, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום אים, זיינע תלמידים, זיינען ניט געגאַנגען אין זיינע דרכים. כמעט יעדער פון זיי האָט זיין אויסגעטראָטענעם וועג, זיין געביט און זיין סטיל. פּרץ איז געווען — אַ פאָטער פון אַ ליטעראַרישער משפּחה.״ („פּעליע־טאָנען״, וואַרשע, 1924, ז׳ 170.)

יהואש שרייבט וועגן פּרצן: „...דער גרעסטער טייל פון די יידישע שריפטשטעלער פון זיין דור, דער דור וואָס איז געקומען הינטער אים, האָט אים צו פאַרדאַנקען די ערשטע טריט, אָדער דאָס אונטערפירנס. קיינער פון אונדזערע שריפטשטעלער איז נישט געווען אַזאַ מעורר און באַגייסטערער פון יונגע אויפשפּראָצנדיקע טאַלאַנטן, ווי ער. געניי רעדנדיק, איז פּרץ און נישט קיין אַנדערער דער טאַטע פון דער יידישער ליטעראַטור. אַלע יידישע שריפט־שטעלער זיינען אין אַ (געוויסן) זין פּרצעס תלמידים. פּרץ האָט געבראַכט

אמונה אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט דעם בנין געזען, איידער דער פונדאַמענט איז געלייגט געוואָרן״... (יהואש — באַטראַכטונגען, „ליט. בל.״ 1925, ז״ז 49־50.)

און יהואש באַטאָנט דאָס, וואָס מיר האָבן אַפריער געזאָגט, אַז נישט נאָר האָט פרץ געווירקט אויף די יינגערע קינסטלער, נאָר ער איז פון זיי באַווירקט געוואָרן. „פרץ — זאָגט יהואש, — האָט פון זיינע תלמידים געלערנט. דער וואָס גלויבט אין דער צוקונפט, גייט אין חדר ביי דער צוקונפט. לערנען פון תלמידים איז דער שטאַרקסטער און זיכערסטער סימן פון אמונה אין דער צוקונפט. פרצעס גרויסער אינטערעס אין נייע תלמידים, די פרייד, וואָס ער האָט געהאַט אין אַרויסברענגען אַ יונגן, אַ נייעם, האָט אָפט אָנגענומען די איבערטריבענע פאָרם פון וועלן צופיל ענדערן, צופיל אַריינפלעכטן די אייגע־נע פעדעם אין דעם פרעמדן געוועב, מיט דער כוונה עס צו מאַכן בעסער, וואָס דאָס האָט דעם יונגן טאַלאַנט אָפט פאַרשאַפט נישט ווינציק עגמת־נפש״ (דאָרט).

י. אָפּאַטאָשו שרייבט: „פרץ איז געווען דער ערשטער יידישער קינסטלער ביי וועמען מען האָט געקענט עפּעס לערנען און מען לערנט ביי אים נאָך היינט. אָן פרצן וואָלטן מיר געהאַט אַן אַנדער ליטעראַטור. אין פרצעס דרכים גייען נאָך ביזן היינטיקן טאָג, יעדער אויף זיין שטייגער, די באַדייטנדיקע יידישע שרייבער.״

די פאַרערונג פאַר פרצן, די פּיעטעט פאַר זיין גייסט, דער יראת־הכבוד פאַר זיין שאַפן און פאַר זיין פּערזענלעכקייט האָט ניט איין מאָל אַרויסגערופן שטאַרקע קעגנערייַ און פאַרביטערונג, און די התנגדות, ווי די פאַרהערלעכונג, איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע, געקומען פון פאַרשיידענע זייטן און צוליב פאַרשיידענע מאָטיוון.

מען האָט אָפּט פאַרזען די נאַטירלעכע און אָרגאַנישע צוגעבונדנקייט צו פרצן און פאַלש אויסגעטייטשט די פּיעטעט פאַר פרצן, וואָס איז געווען ביי דער יידישער יוגנט אין יענער צייט.

פרץ און זיין שאַפן האָבן אויך באַאיינפלוסט די יידישע שרייבער, וואָס זיינען געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, שרייבער, וואָס האָבן שוין פּערזענלעך פרצן נישט געקענט, אָבער זיין ווירקונג אויף זיי איז געווען אומגעהויער.

פונקט ווי עס אינטערעסירן אונדז אַלעמען די מערקווירדיקע פּראָצעסן פון פרצעס שאַפן, זיינע אַלע וועגן און אומוועגן, זיינע בלאָנדזשענישן און התגלותן סיי פון אים גופא און סיי פון אַלע זיינע ווערק, — אַזוי אויך דאַרפן

אונדזו אינטערעסירן און פאַרנעמען די אַלע פּראָצעסן פון דערנעענטערן פּרצן און אים דערווייטערן, פון וועלן אײַנגלידערן זיך אין אים און אַרויסטיילן זיך פון אים, — די אַלע פּראָצעסן, וואָס זײַנען אָנגעגאַנגען די לעצטע דרייסיק יאָר, זינט 1915 און ביז איצט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ רייכע, זייער אינ־טערעסאַנטע ליטעראַטור איבער פּרצן, וואו מיר האָבן פאַרגאַפונג, באַגייסטע־רונג און פאַרגעטערונג פון פּרצן, פון זײַן פּערזענלעכקייט און פון זײַן שאַפן, — און גלייכצייטיק — אמת אין אַ פיל קלענערער מאָס — אויך לעסטערונג, ביטול און שאַרפע קריטיק אויפן אַדרעס פון פּרצן. אין אָט־די ביידע מיני אָפּהאַנדלונגען, אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען שפּיגלען זיך בולט אָפּ די פּאַר־שיידענע ריכטונגען און שטרעמונגען אין אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכן, קינסטלעריש־ליטעראַרישן לעבן פאַר די לעצטע דריי צענדליק יאָרן.

פּרץ איז געווען און פאַרבליבן דער רייצער, דער אָנרעגער, דער מיט־רייסער, דער אָנצינדער.

מיט צען יאָר צוריק, אין 1935, ווען מיר האָבן נאָך געהאַט אַ פולבלוטיקן, לעבעדיקן און צאַפּלדיקן דריי־מיליאָניקן יידישן קיבוץ אין פּוילן, מיט לעבע־דיקע פּראָדוצירנדיקע יידישע קיבוצים אין ליטע, לעטלאַנד, רומעניע, — דאַן, אין 1935, האָט זיך געעפנט דער פּרץ־נומער פון די „ליטעראַרישע בלעטער" צו פּרצעס צוואַנציקסטן יאָרצײַט מיט אַן אַרטיקל: „פּרץ לעבט מיט אונדז". איך האָב דאָרטן געשריבן:

„צוואַנציק יאָר נאָך פּרצעס טויט.

איז עס דען אַ ריכטיקע באַצייכענונג פאַר דעם אָרט, וואָס פּרץ פאַרנעמט אין אונדזער יידיש־יידישיסטישן לעבן, און צו דער ראָלע, וואָס זײַן שאַפן שפּילט אין אונדזער קולטור־וועלט? קאָן מען דען די צוואַנציק יאָר פון פּרצעס אַוועקגיין — זינט 1915 ביז דעם איצטיקן טאָג — באַצייכענען ווי צוואַנציק יאָרצײַטן? בשום אופן נישט. נישט קיין צוואַנציק יאָר זינט פּרץ איז געשטאָרבן פייערן מיר איצט, נאָר, אדרבא, צוואַנציק יאָר פון פּרצעס אינטענסיוו און פּרוכפּערדיק לעבן. אין די צוואַנציק יאָר האָט פּרץ אין זײַן שאַפן זיך אַלץ מערער צעוואַקסן, רייפער געוואָרן און געגעבן אַן אַ שיעור פרישע פּרוכטן.

איצט, צו דער דאַטע פון צוואַנציק יאָר, וואָלט געווען ביז גאָר וויכטיק אונטערצופירן אַ גרויסן סך־הכל צו דער שאַפערישער טעטיקייט פון פּרצן אין דער יידישער קולטור־וועלט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גראָד פון 1915 און זיך באַזונדערס צעוואַקסן אין דער צייט פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע. דער לעבעדיקער פּרץ־גייסט, די גרויסע פּרץ־געשטאַלט האָט סטימולירט צום שאַפן אונדזער גאַנצן דור, זי האָט באַפליגלט אַלע אונדזערע וויכטיקע אויפ־

טוען אויף די פאַרשיידענע קולטור־געביטן. פרץ איז געווען דער עמוד האש, נאָך וועמען עס האָבן זיך געצויגן די יידישע שאַפער און קולטור־קעמפער אין דעם מדבר פון אונדזער יידישער ווירקלעכקייט. די פרץ־זוימען זיינען כסדר געפאַלן אויף דעם יידישן באָדן און ס׳זיינען אויפגעגאַנגען שפּראָצונגען און ס׳זיינען צייטיק געוואָרן געוויקסן. עס וואָלט געווען אַ וויכטיקע אויפגאַבע נאָכצוזוכן און אויסצוגעפינען די פרץ־עלעמענטן אין די אַלע וויכטיקע קולטור־טוּאונגען. נישט אומזיסט איז פרצעס נאָמען פאַרבונדן מיט פיל קולטור־אינ־סטיטוציעס אין גאַר דער יידישער וועלט, — שולן, ביבליאָטעקן, אויסגאַבעס, דראַמאַטישע קרייזן. עס איז נישט געווען בלויז פּיעטעט־באַציאונג און פּיעטעט־באַצייכענונג. פרץ האָט געהאַלטן אין רייצן און רעגן דעם יידישן שאַפערישן געדאַנק, און האָט וואָר פון יידישע דיכטער, שוישפּילער און קינסטלער געוואָלט קלעטערן אויף נישט־געדאַכטע הויכן, האָט ער געזוכט אָנהאַלט און איינהאַלט ביי פרצן. פרץ האָט באַרייכערט און דערהויבן דאָס יידישע שאַפן, און אויך דאָס יידישע שאַפן האָט אונדז פאַר דער־אַ צייט געגעבן אַ נייעם, פאַרגאַנצטן, פאַרטיפטן פרץ. במשך פון די צוואַנציק יאָר האָבן מיר אַרויסגעשלאָגן נייע מאָטיוון, נייע קלאַנגען און אַרויסאַנטפּלעקט נייע וועלטן אין פרצן און אין זיין שאַפן...״

און דעם אַרטיקל האָבן מיר געענדיקט מיט די ווערטער: „פרץ מיט זיין שאַפן האָט געהאָלפן געפינען דעם סינטעז פון יידישן און וועלטלעכן, וואָס אונדזער דור איז פאַרנומען געווען צו געפינען אים. פרץ האָט אַריבערגעוואָרפן בריקן צווישן דעם אַמאָל און היינט, און אויף אָט־די בריקן זיינען מיר מיט אונדזער יידישן שאַפן זיכערער געגאַנגען צום מאָרגן. נישט קיין צוואַנציק יאָר נאָך פרצעס טויט, נאָך פרצעס אַוועקגיין פון אונדז פייערן מיר איצט, נאָר פאַר־קערט — צוואַנציק יאָר פון פרצעס לעבן און מיטלעבן מיט אונדז באַצייכענען מיר איצט. פרץ איז מיט אונדז, פרץ לעבט מיט אונדז!״ („ליט. בלעטער״, נ׳ 17, 1935.)

און עס ליגט פאַר מיר נאָך אַ נומער „ליטעראַרישע בלעטער״, שוין מיט פיר יאָר שפּעטער, פון אַפּריל 1939, איינער פון די לעצטע נומערן ערב דעם אַריינדרינגען פון די דייטשישע בעסטיאַלישע מערדער, און ווידער אַן אַרטיקל, וואָס עפנט דעם נ׳ 12 (775) פונעם וואָכנשריפט, און דער נומער, ווי ס׳איז שוין געווען די טראַדיציע זינט יאָרן, הייבט זיך אָן מיט אַ געדענק־אַרטיקל צו פרצעס 24־טן יאָרצייט, געשריבן פונעם שטילן, האַרציקן, פיינפילנדיקן דיכ־טער און עסייאיסט ש. זאַראַמב (ווער ווייסט וואו ער איז איצט?) אונטערן נאָמען „דאָס ליכט פון עקסטאַז״, אַן אַרטיקל, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט טיפן טרויער און גלויבן, מיט אומרו און התלהבות. עס ווערט געשילדערט „די

בייזע פינצטערע צייט פאַר די מאָסן־ישובים פון די אייראָפּייאישע יידן", וואָס האָט זיך געצויגן די גאַנצע צייט פון פּרצעס ליטעראַרישער טעטיקייט. און ס'ווערט ריכטיק באַטאָנט, אַז „עס איז נויטיק געווען די גרויסע, שטאַרקע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל אָנצינדן אַ פייער פון התלהבות און אַ גלויבן אין אונדזער אמתער גייסטיקער, נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, וואָס מ'קאָן נישט אומברענגען..."

און אָט זיינען די לעצטע פּאָר שורות פון דעם התלהבותדיקן, טיף־טרויעריקן און דערהויבענעם אַרטיקל, געשריבן זומער 1939, ווען די נאַצישע היצלעס האָבן שוין אויסגעאַרבעט זייערע פינצטערע פּלענער אומצוברענגען און אָפּצואווישן פון דער ערד אַלע יידן, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק: „הייגט לעבן מיר ווידער איבער אַזאַ שווערע צייט ווי דאַן, ווען פּרץ איז געשטאָרבן. מיר דאַרפן ווידער געשטאַרקט ווערן אין אַ גלויבן, כדי אויסצוהאַלטן, כדי איבערצוקומען. מיר מוזן ווידער פאַרציען איבער אונדז פּרצעס הימל פון די אַלטע גרויסע פאָלקס־אידעאַלן פאַר אונדז און פאַר דער וועלט."

דאָס איז געווען דער לעצטער גרויסער חשבון, דאָס איז דער לעצטער קאָנטאַקט פון דער פּראָגרעסיווער יידישער אינטעליגענץ און מאַסע אין פּוילן מיט פּרצן, וואָס האָט געגעבן גלויבן, וואָס האָט געלויכטן און געטרייסט און געמונטערט אויך אין די סאַמע גרויזאַמע, מוראדיקע טעג פון נאַצישער הערשאַפט און נאַצישער אויסראָטונג פון די עטלעכע מיליאָן יידן אין אייראָפּע.

1945

שמעון דובנאָוו און יידיש

שמעון דובנאָוו — דער פּראָפעסאָר פון דער גרויסער וועלט־געשיכטע פונעם יידישן פאָלק, דער לאַנגיאָריקער פאָרשער פון דער חסידישער באַוועגונג ביי יידן, און איין צייט אַ באַדייטנדיקער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער, — ש. דובנאָוו איז אויך געווען איינער פון די וויכטיקסטע טעאָרעטיקער פון אויטאָנאָמיזם און גייסטיקן נאַציאָנאַליזם, דער שטענדיקער „באַיאָער" פונעם גלות און דער טעאָרעטיקער־קעמפער פאַר יידישע נאַציאָנאַלע רעכט און פאַר די רעכט פון דער יידישער שפּראַך אין די לענדער, וואו יידן וואוינען.

אָבער אַ מערקווירדיקע זאַך — ש. דובנאָוו האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אַרויסבאַפרייען פון דעם שפּראַכן־געראַנגל, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביי אים גופא אַלע זיינע יאָרן. רוסיש, העברייאיש, יידיש האָבן, פון סאַמע אָנהויב פון זיין גײַסטיק־ליטעראַרישער און געשיכטלעך־פאָרשערישער טעטיקייט ביזן סוף פון זיין לעבן, געקעמפט אין אים און נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זייערע רעכט ביי דובנאָוון. און אין אָט דעם העפטיקן שפּראַכן־געראַנגל, נישט געקוקט אויף ש. דובנאָווס טעאָרעטישע באַגרינדונגען, איז פיל מאָל די יידישע שפּראַך אַרויס ביי אים נישט די זיגערין, נאָר די באַזיגטע: די אַנדערע צוויי שפּראַכן, רוסיש אָדער העברייאיש, האָבן ביי דובנאָוון באַהערשט דאָס יידישע מאַמע־לשון.

ווייזט אויס, אַז דער כוח פון דער סביבה, וואו ש. דובנאָוו איז געוואַקסן, די השפעה פון זיינע נאָענטע פריינט, די אָנהענגער און פאַנאַטיקער פון רוסיש און העברייאיש, זיינען געווען שטאַרקער פון זיין אידייאישער איינשטעלונג, און יידיש איז אין ש. דובנאָווס פאָרשערישער און ליטעראַרישער טעטיקייט פאַרבליבן דאָך אַ טפל, אַ ביי־זאַך. דער פּרינציפּיעל־אויסגעהאַלטענער ש. דובנאָוו, דער לאָגישער סינטעטיקער, דער פריידיקער פון גאַנצקייט, האָט נישט געקאָנט באַזיגן אין זיך דעם שפּראַכן־ווידערשפּרוך, דעם אייגענעם שפּראַכן־„ויתרוצצו".

אין אָנהויב פון זיין פאָרשעריש־ליטעראַרישער קאַריערע איז ש. דובנאָוו — דענסטמאָל אַ מיטאַרבעטער פונעם רוסיש־יידישן „וואָסכאָד" אונטערן

נאָמען קריטיקוס — געווען אַ שאַרפער קעגנער פון יידיש. אין 1886, אין סאַמע ברען פון די הייסע שלאַכטן פאַר און קעגן דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט נאָך דאַן געטראָגן דעם נאָמען „זשאַרגאָן", אין יענער צייט האָט דער יונגער 26־יאָריקער שמעון דובנאָוו, אַן אויטאָריטעטער און פיל־צוזאָגנדיקער פאַרשער, אַזוי געשריבן וועגן יידיש אין זיין אָפּרוף וועגן יהודה לייב גאָרדאָנס (יל״ג — דער באַרימטער העברייאישער דיכטער) ביכל אין דער יידישער שפּראַך, „שיחת חולין": „איך בין זיך מודה, אַז נישט אָן אַ געוויסן פאַר־אורטייל זיינען מיר צוגעטראָטן צו לייענען אָט דאָס קליינע ביכל, וואָס איז אָנגעשריבן דורך אַזאַ אָנגעזעענעם שריפטשטעלער פון דער יידישער (גע־מיינט העברייאישער—נ. מ.) ליטעראַטור. אונדזער פאָראורטייל האָט זיך בעיקר באַצויגן צו דער פאָרם פונעם נייעם ווערק פון דעם דיכטער, אָדער ריכטיקער געזאָגט — צו זיין שפּראַך." און ש. דובנאָוו באַטאָנט: „די רעכט פונעם יידישן זשאַרגאָן אויף ליטעראַטור און בפרט אויף דיכטונג האָבן פון אַלע מאָל אויסגעזען אין אונדזערע אויגן צווייפלדיק. כדי צו ווערן אַ ליטע־ראַרישע שפּראַך, דאַרף זשאַרגאָן פריער פון אַלץ פּשוט זיך אַ שפּראַך, דאָס מיינט — האָבן אַ פעסטגעשטעלטע גראַמאַטיק און פּראָזעאָלאָגיע, וועלכע זאָל נישט דערוועקן קיין שום חילוקי־דעות. זשאַרגאָן באַפרידיקט נישט אָט די פאָדערונגען. די זשאַרגאָנישע שפּראַך פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אומגע־לומפּערטס (אין רוסישן — „ניעסאָאָבראַזנאָיע"—נ. מ.) און לעכערלעכס, די שפּראַך איז צוגעפּאַסט צו זייער אַ באַגרענעצטן קרייז באַגריפן."

אין דעמזעלבן גייסט האָט ש. דובנאָוו אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט דאַן געהאַט אויסצושטיין פון פאַרשיידענע זייטן שטאַרקע פאַרפאָלגונגען און שאַרפע אָנפאַלן.

אין יענער צייט, אונטערן דרוק פון די אויפגעוואַכטע כחות אינעם יידישן פאָלק, וועלכע האָבן זיך גענומען אַרויסבאַפרייען פון דעם מיטלאַלטערלעכן רעליגיעזן יאָך און אַרויסבאַוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס און נייגיר צו דער ברייטער וועלט און צו אירע שאַפונגען, אין יענער צייט האָבן זיך באַוויזן יידישע שרייבער, וואָס האָבן מיט פלייס גענומען צעאַקערן דעם פאַרוואָרלאָזטן יידישן שאַפונגס־באָדן. מענדעלע מוכר־ספרים, יצחק יואל לינעצקי, אברהם גאָלדפאַדען, א. ב. גאָטלאָבער, יעקב דינעזאָן און די יונגע — מרדכי ספּעקטאָר און שלום־עליכם און י. ל. פּרץ. ווי פרילינג נאָך אַ וואַרעמען רעגן האָבן זיך גענומען ווייזן פון דער זאַפטיקער שוואַרצערד שפּראָצונגען, און אַ מענטש אַן עמפּינדלעכער און אויפריכטיקער, מיט אַ געזונטן חוש פאַר אמתדיקע ווערק, ווי ש. דובנאָוו, האָט עס גלייך דערשפּירט. און ס'האָט זיך גיך געביטן זיין באַציאונג צו יידיש און צום יידישן שאַפן. מ. ספּעקטאָר האָט אָנגעהויבן

אַרויסצוגעבן זיינע זאַמלביכער „הויז־פריינד" און שלום־עליכם האָט געגומען גרייטן זיין „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" און פאַרבעטן אין דעם זאַמלבוך די אָנגעזעענע העברייאישע און רוסיש־יידישע שרייבער, וואָס האָבן געקוקט אויף יידיש פון אויבן־אַראָפּ, מיט אַ פאַראַכטונג אָדער מיטלייד־געפיל.

און דער זעלבער דובנאָוו־קריטיקוס, וואָס מיט אַ צוויי יאָר צוריק, אין 1886, האָט ער געשריבן וועגן יידיש מיט אַזאַ ביטול, מיט אַזאַ גרינגשאַצונג, האָט שוין איצט גאָר אַנדערע ווערטער פאַר דער יידישער שפּראַך.

מיר ברענגען פונעם אַרטיקל (אינעם זעלבן „וואָסכאָד", 1888, ב׳ 10), וואו ש. דובנאָוו באַגרינדעט זיין נייע באַציאונג צו יידיש, גרעסערע אויסצוגן. אָט ווי עס פאָרמולירט ש. דובנאָוו זיין נייע אויפפאַסונג פון דער ראָלע פון יידיש: „אין אונדזער ליטעראַטור — זאָגט דובנאָוו־קריטיקוס — באַמערקט זיך זינט אַ קורצער צייט איינע זייער אַ מערקווירדיקע דערשיינונג. אָט די דערשיינונג קאָן מען בשום אופן נישט האַלטן פאַר אַ גיך־דורכגייענדיקע, צייטווייליקע; אַדרבא, אורטיילנדיק לויט די אַלע סימנים, קאָנען מיר מיט זיכערקייט זאָגן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ נייע גייסטיקע באַוועגונג, וואָס איז פול מיט גאַנץ־וויכטיקע פאָלגן אין דער נאָענטער צוקונפט און וואָס קאָן אַרויסרופן אויף דער ליטעראַטור־אַרענע פיל נייע כחות צו פאַרגרעסערן די לייענער־מאַסע מיט אַ נייעם פיל־צאָליקן קאָנטינגענט."

ש. דובנאָוו שרייבט ווייטער: „מיר רעדן איצט וועגן דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור, וועגן דער באַשטרעבונג פון דער פאָלקס־שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן — דעם אַזוי־גערופענעם זשאַרגאָן — צו ווערן אַ ליטעראַרישע שפּראַך און צו באַשאַפן איר אייגענע ליטעראַטור, וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו די גייסטיקע באַדערפענישן פון דער מאַסע, ווי די שוין־עקזיסטירנדיקע ליטעראַטורן אויף העברייאישער און רוסישער שפּראַכן. אָט די באַשטרעבונג האָט זיך אַרויסבאַוויזן מיט אַ באַזונדערער קראַפט אין די סאַמע לעצטע יאָרן. פאַר אונדזערע אויגן קומט פאַר אַ דערפרייענדיקער איבערגאַנג אינעם זשאַרגאָן פון לייכטע „לובאָק"־ווערק (פּרימיטיווע—נ. מ.), מיט וועלכע ס'האָט זיך באַזין ברירה געשפּייזט די מאַסע, צו ערנסטע ווערק, צו ווערק, וואָס וועקן דעם געדאַנק, ווערק, וואָס ברענגען אַריין אַ פרוכטבאַרן, דערפרישנדיקן שטראָם אין דעם פאָלקס־אינטעלעקט. מיר זעען אין דער יונגער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור פיל־צוזאָגנדיקע אָנהויבן פון אַן ערנסטער שטייגער־בעלעטריסטיק, מיר זעען טאַלענטירטע שרייבער, וואָס טרעטן אַרויס מיט מונטערקייט, מיר באַמערקן דעם אויפקום פון אַ פּעריאָדישער פּרעסע, וואָס באַפרידיקט די אינטערעסן פון אַ געוויסן טייל פונעם לייענער־עולם, — בקיצור, מיר זייגען עדות פון אַ פאָלקס־ליטעראַטור,

וואָס הויבט זיך אָן צו אָרגאַניזירן, פון אַ פאָלקס־ליטעראַטור, וואָס איז אַדורכ־געדרונגען מיט פאַרשיידנאַרטיקע אויפריכטיקע שטרעבונגען, און וואָס פאַר־שטייט גוט די אויפגאַבן און פאָדערונגען פון דער היינטיקער צייט."

און ש. דובנאָוו פרעגט זיך אַליין: „איז נאָרמאַל אָט די דערשיינונג? זיינען געזעצלעך אָט די באַשטרעבונגען? מיר וועלן שטעלן די פראַגע פינקטלעכער: דאַרף מען רעכענען אָט די דערשיינונג פאַר אַ נאַטירלעכע, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג גופא פון דער רוסיש־יידישער מאַסע, מיט אירע טעגלעכע באַדערפעענישן, אָדער עס קומט פון אַ צופעליקן צוזאַמענטרעף פון אומשטענדן, אַ קאַפּריז פון אונדזער קרענק־לעכער עפּאָכע?"

און שטעלנדיק אָט די וויכטיקע פראַגע, נעמט זיך ש. דובנאָוו ערנסט צו ענטפערן אויף איר. ער שטעלט זיך אָפּ אויף די קולטור־געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען אינעם יידישן לעבן, אויף די ליטעראַטורן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך יידן אין העברייאיש און אין רוסיש. לסוף גייט ער אַריבער צו יידיש. ער באַהאַנדלט די פאַרשיידענע פאַרמען פונעם פאָלקס־שאַפן אין יידיש און ער זאָגט: „די ערשטע ערנסטע ביכלעך אויף זשאַרגאָן זיינען אויפגענומען געוואָרן דורך דעם רוב אויפגעקלערטע מענטשן מיט אומצוטרוי און אַפילו פיינטלעך." און ש. דובנאָוו פרעגט: „איז עס יושרדיק? איז עס קלוג? דאַרף דען אַן אָרעמאַן, וואָס פאַרמאָגט בלויז אַ הילצערנע לעפל, לחלוטין נישט עסן קיין געקעכץ און ער מוז הונגערן בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט נישט קיין זילבערן לעפל? איז עס יושרדיק אָפּצוזאָגן אַ דורשטיקן אין אַ ביסל וואַסער נאָר דערפאַר, ווייל ער קאָן עס טרינקען נישט פון אַ זילבערנעם, נאָר פון אַ ליימענעם קווערטל?"

און ש. דובנאָוו גייט ווייטער און פרעגט גאַנץ ריכטיק: „מיט וואָס איז די יידישע שפּראַך ערגער פון דער בולגאַרישער שפּראַך אָדער בכלל פון די קליינע סלאַווישע, גערמאַנישע און ראָמאַנישע דיאַלעקטן, וואָס זיי זאָגט קיינער נישט אָפּ די רעכט צו האָבן ליטעראַטורן אויף זייערע אייגענע שפּראַכן? איז דען די צאָל יידן, וואָס רעדט זשאַרגאָן, ווייניקער פון דער צאָל טשעכן, בולגאַרן, וואָס האָבן זייערע זעלבשטענדיקע ליטעראַטורן (טשעכן זיינען דאָ עפּעס מער ווי דריי מיליאָן, בולגאַרן — ביי צוויי מיליאָן)?" און דערביי קומט ש. דובנאָוו צו אַ וויכטיקן געדאַנק, וואָס האָט געוויס אין יענע צייטן אויסגעזעהן נאָך גאָר ניי. (אגב, — צו אָט דעם געדאַנקען־גאַנג איז אויך ש. י. אַבראַמאָוויטש געקומען, ווען ער איז אַריבער פון העברייאיש צו יידיש.) ש. דובנאָוו דערקלערט: „ווייל משפט נאָר אַליין: אַ ראָמאַניסט, אַ דערציילער, וואָס באַשרייבט דאָס שטייגערישע יידישע מאַסן־לעבן אויף רוסיש אָדער אין

העברייאיש, איז געצוואונגען איבערצוזעצן די שמועסן און געדאַנקען פון די מענטשן, וואָס פיגורירן אין ווערק, פון זשאַרגאָן, אויף דער שפּראַך, וואָס ער שרייבט, ווייל אָט די העלדן רעדן און דענקען אין זשאַרגאָן. דער זשאַרגאָנישער שרייבער אָבער דאַרף נישט אָנקומען צו אַזעלכע אומפּינקטלעכע און נישט־גענויע באַשרייבונגען, ער קאָן איבערגעבן די רייד און די געדאַנקען פון די טיפּן ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט. הייסט עס, אַז ביים שילדערן דאָס יידישע לעבן איז זשאַרגאָן אַפילו מער צוגעפּאַסט ווי די רוסישע און העב־רייאישע שפּראַכן."

„צו אָט דער אויפריכטיקער איבערצייגונג" — גיט צו ש. דובנאָוו — איז ער געקומען „נאָך פיל נאָכטראַכטענישן און וואַקלענישן", און די איבערצייגונג איז: „די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור קאָן און דאַרף עקזיסטירן באַגלייך מיט דער העברייאישער און רוסישער (געמיינט רוסיש־יידישער—נ. מ.) ליטעראַ־טורן."

און וואָס־ווייטער ווערט ש. דובנאָוו אַלץ־נעענטער צו דער יידישער ליטע־ראַטור, ער ווערט אַפילו מיטגעריסן מיטן יידישן שאַפן.

מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1889, אין אַן אַרטיקל „די נייע ביכער אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור" („וואָסכאָד", בוך 7), קאָנסטאַטירט ש. דובנאָוו (קריטיקוס) מיט פרייד דעם ווייטערדיקן פאַנאַנדערוואוקס פון דער יידישער ליטעראַטור. ער שרייבט צווישן אַנדערן: „דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט אַפּצושטעלן זיך אין אונדזער באַריכט אויף דעם מערקווירדיקן און באַזונדערס־דערפרייענדיקן פאַקט אין אונדזער ליטעראַריש־אומגליקלעכער צייט. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דעם ווידערגעבורט און באַ־נייאונג פון דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור אויף דער יידישער שפּראַך (אין רוסישן — „ראַזגאָוואָרני", — אגב, שוין מער נישט „זשאַרגאָן"—נ. מ.), וואָס קומט פאַר די לעצטע צייט; מיר האָבן אָנגעוויזן אויף איר קאָנטיקן איבער־גאַנג פון ביליקע „מאַכערייקעס", צוגעפּאַסט צום גראָבן געשמאַק פון דער מאַסע, צו ערנסטע און נוצלעכע ווערק, וואָס זיינען מסוגל אויסצואיידלען דעם געשמאַק און צו ברענגען דער מאַסע מער־דערהויבענע גייסטיקע שפּייז. איצט קאָנען מיר מיט צופרידנקייט קאָנסטאַטירן, אַז אָט די נוצלעכע, וואוילטעטיקע באַוועגונג ווערט נישט נאָר ניט שוואַכער, נאָר אדרבא, זי שטאַרקט זיך אַלץ־מער, און אַז אונדזער באַנייטע פאָלקס־ליטעראַטור זעצט־פאָר איר אַנט־וויקלונג אין דער פריער־אָנגעצייכנטער און אין אַ געוויסער מאָס פאָראויס־געזאָגטער פּראָגרעסיווער ריכטונג." און ש. דובנאָוו גיט צו, אַז „כדי צו דערגרייכן נאָך גרעסערע רעזולטאַטן, איז נייטיק נאָך אַ לאַנגע, עקשנותדיקע און באַוואוסטזיניקע אַרבעט. מען דאַרף דערהויפּט שטרעבן דערצו, מ'זאָל

אין דער צוקונפט פאַרזיכערן דעם נאָרמאַלן וואוקס פון אַט דעם יונגן, נאָך נישט־געננוג־באַפעסטיקטן צווייג פון דער יידישער ליטעראַטור."

ס'איז גרינג צו פאַרשטיין דעם גרויסן באַטייט פון אַזעלכע מיני ווערטער, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוועזן אין דעם מיוחסדיקן פעטערבורגער רוסיש־יידישן „וואָסכאָד". די אַרטיקלען פון דעם אויטאָריטעטן שרייבער קריטיקוס־דובנאָוו האָבן צוגעגעבן קוראַזש און מוט די יידישע שרייבער, די קעמפער פאַר יידיש.

אין די בריוו פון שלום־עליכמען צו ש. דובנאָוון פון יענער צייט (די יאָרן 1888־1889) זעען מיר, וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע ווירקונג דובנאָווס איינשטעלן זיך פאַר יידיש האָט געהאַט אין דער יידישער וועלט. און מ'דאַרף צוגעבן, אַז אין „וואָסכאָד" (ווי אויך אין דער דעמאָלסטיקער העברייאישער פרעסע) איז ש. דובנאָוו געווען אַן אויסנאַם מיט זיין פּאָזיטיווער באַציאונג צו יידיש. דער „צופעליקער פעליעטאָניסט" (פסיידאָנים פונעם דיכטער ש. פרוג) האָט אין אַ בייסיקן פעליעטאָן אָפּגעחוזקט פון יידיש, באַצייכנט די שפּראַך ווי אַ „צייטווייליקע און אומפאַרמיידלעכע צרה" און גלייכצייטיק אויך באַליידיקט שלום־עליכמען. אַדאַנק די באַמיאונגען פון ש. דובנאָוו, איז אין „וואָסכאָד" אָפּגעדרוקט געוואָרן שלום־עליכמס „אַ בריוו אין רעדאַקציע" — אַן ענטפער דעם „צופעליקן פעליעטאָניסט". שלום־עליכם איז געווען שטאַרק דאַנקבאַר ש. דובנאָוון פאַר אָט דער טובה. אין אַ בריוו פון 2טן סעפּטעמבער, 1887, שרייבט שלום־עליכם צו דובנאָוון: „. . . איך ווייס נישט, מיט וואָס איך קאָן אייך אָפּדינען פאַר דער גרויסער טובה, וואָס איר האָט מיר געטאָן. איך בין פולשטענדיק זיכער, אַז אָן אייער מיטווירקונג, וואָלט דער בריוו נישט געדרוקט געוואָרן. — — — איך האָב בלויז געוואָלט פאַר די „וואָסכאָד"־לעזער, וואָס דאָס רוב קוקן זיי אויף זשאַרגאָן מיט די אויגן פונעם „צופעליקן פעליעטאָניסט", אַוועקשטעלן מיין געליבטן יידיש אין אַ שענערן ליכט, אַזוי ווי עס (דאָס יידישע לשון) פאַרדינט, מיט וואָס איר, ווי איך זע, זייט אויך מסכים. צום באַדויערן, טיילן נישט קיין סך אונדזער מיינונג. אַנדערע קוקן באמת אויף אונדז ווי אויף קליינע מענטשעלעך, ווי אויף פּימפּערלעך; אַנדערע הייבן מיט אַקסלען פון פאַרוואונדערונג; אַנדערע ווידער, וואָס קוקן אויף אָט דער נייער ליטעראַטור דורך די גלעלע אויגן פון שנאה, ווערן פאַרברענט פון כעס. אין אָט אַזעלכע באַדינגונגען קומט אונדז אויס צו אַרבעטן... דאַרף איך אייך דערציילן דאַנקען פאַר אייער מיטהילף..." (ש. דובנאָוו — „פון זשאַרגאָן צו יידיש", פאַרלאַג קלעצקין, וואַרשע, ז' 71). אין אַ צווייטן בריוו צו ש. דובנאָוון שרייבט שלום־עליכם: „איך וויל האָפן, אַז נאָך אייער קומען קיין מסטיסלאָוו, וועט איר נישט פאַרגעסן זיך צוריק אומקערן צו אונדזער

זשאַרגאָן, וועלכער פאַררעכנט איך פאַר זיין הויכן קרוב נאָך דעם, ווי גאַנצע צען יאָר און אפשר מער, האָט אונדזער עמאַנציפּירטע שוועסטער, די רוסיש־יידישע ליטעראַטור, איגנאָנצן איגנאָרירט איר באַגאַבטע יינגערע שוועסטער — יידיש."

אין אַ ווייטערדיקן בריוו (אויגוסט 1889) שרייבט שלום־עליכם צו ש. דובנאָוו: „. . . אייער רעצענזיע איבערגעלייענט. איר זיינט דער איינציקער שרייבער, וועלכער באַציט זיך מיט געפּיל און הומאַניטאַריש צום אָרעמען זשאַרגאָן... ס'איז מיר שווער אויסצודריקן אייך די וואַרעמע דאַנקבאַרקייט, וועלכע כ'וואָלט אייך געדאַרפט אויסדריקן..."

דאָס איז די מעטאַמאָרפאָזע, די איבערוואַנדלונג, וואָס שמעון דובנאָוו האָט אין יענע יאָרן אַדורכגעמאַכט אין זיין באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך און צו דער יידישער ליטעראַטור. אָבער אין דער צייט, וואָס אַ י. ל. פּרץ איז דאָן פון העברייאיש אינגאַנצן אַריבער צו יידיש, וואָס אַ דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט זיך דעמאָלט פאַרבונדן מיט יידיש אויף שטענדיק, נישט צום אָפּטיילן, — איז שמעון דובנאָוו אַלץ פאַרבליבן בלויז אַ סימפּאַטיקער, אַ ליבהאָבער, אַ פאַרטיידיקער פון יידיש, אָבער זיין ווייטערדיקע פאַרצווייגטע פאַרשעריש־ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אַלץ געפירט אין רוסיש און דערנאָך אויך אין העברייאיש.

אין זיין קורצן אַריינפיר צו דער סעריע אַרטיקלען (געשריבן אין 1925, טיילווייז אין יידיש) „פון זשאַרגאָן צו יידיש", זאָגט ש. דובנאָוו: „מיר איז באַשערט געווען אין די יונגע יאָרן צו שטיין ביי דער וויג פון אונדזער ליטעראַטור אין דער פאָלקס־שפּראַך און שפּעטער צוקוקן זיך, ווי דאָס קליינע קינד, וואָס האָט אין יענער צייט געהייסן „זשאַרגאָן", איז אויסגעוואַקסן און האָט געקראָגן דעם ריכטיקן נאָמען יידיש."

ש. דובנאָוו, ווי מיר האָבן געזען, האָט נישט בלויז „זיך צוגעקוקט" צו דער געוואַלדיקער ענדערונג. נאָר ער האָט מיטגעהאָלפן דעם „וואוקס־פונעם „קינד" און פאַרגיכערט דעם איבערוואַנדלונג־פּראָצעס פון זשאַרגאָן צו יידיש. אָבער ער אַליין איז שוין, ווייזט אויס, צופיל געווען פּסיכאָלאָגיש און פּראַקטיש פאַרבונדן מיט דער רוסישער שפּראַך, ער זאָל אינגאַנצן אַריבער, ווי זיינע נאָענטע פריינט מענדעלע און שלום־עליכם, צום יידישן שאַפן אין דער יידישער שפּראַך, וואָס „ביים שילדערן דאָס יידישע לעבן איז זשאַרגאָן מער צוגעפּאַסט ווי די רוסישע און העברייאישע שפּראַכן". ער אָבער האָט געהאַט צו טאָן מיט מער „אַבסטראַקטע" וועלטן און פאַסירונגען, האָט ער נישט געהאַלטן פאַר נויטיק און פאַר מעגלעך אַריבערצוגיין צו דעם יידישן מאַמע־לשון. און ס'איז טאַקע געווען קשה און ווייטיקדיק, וואָס צווישן דער

גרויסער רשימה פון ש. דובנאָווס 637 ווערק, פאָרשונגען, אָפּהאַנדלונגען, אַרטיקלען (זע דר. יוסף מייזעל — ש. דובנאָווס אָפּהאַנדלונגען, אין בערלינער „סאָצינאַ־בלעטער", 1926) זיינען דאָ אַרבעטן אין דער יידישער שפּראַך, געשריבן דורך ש. דובנאָוון גופא אין יידיש, בלויז עטלעכע געציילטע נומערן. און אויך אין די וויטערדיקע יאָרן האָט ש. דובנאָוו די „געשיכטע פון חסידות", אָט די באַוועגונג, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט יידיש, געשריבן גאָר אין העברייאיש, און זיין לעבנס־געשיכטע, אויף וועלכער ער האָט געאַרבעט די לעצטע יאָרן, האָט ער געשריבן ווידער אין רוסיש — הגם קיין שום רוסישע צייטשריפטן און פאַרלאַגן זיינען שוין אין די לענדער, וואו ער האָט געוואוינט, נישט געווען.

דאָס איז געווען ביי ש. דובנאָוון אַ שוואַכקייט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט גובר זיין אין זיך. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פונעם שפּראַך־דואַליזם, און נאָך מער — אָפּטמאָל איז ער דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט דערלאָזט די מעגלעכקייט, אַז יידן זאָלן זיך באַנוצן מיט פאַרשיידענע שפּראַכן, וואָס „קאָנען און דאַרפן" עקזיסטירן אין און פאַר דעם יידישן פאָלק. און ש. דובנאָוו, דער קעמפער פאַר יידיש ביי יעדער געפאַר, וואָס האָט געדראָט דער שפּראַך פון אינעווייניק אָדער פון דרויסן, האָט גאָרנישט באַמערקט, אַז מיט זיינע וואַקלענישן אין דער שפּראַכן־פראַגע שוואַכט ער אָפּ די פּאָליטישע און קולטורעלע פּאָזיציעס פון דער יידישער שפּראַך.

וואָס־וויטער האָט ש. דובנאָוו אַלץ־מער זיך פאַרפּלאָנטערט אין די סתירות אַרום דער שפּראַכן־פראַגע ביי יידן. אין דער הקדמה צו זיין בוך „פון זשאַרגאָן צו יידיש" (געשריבן מאַי 1929) רעדט ש. דובנאָוו וועגן די „צוויי וואונדער, וואָס אונדזער דור האָט דערלעבט": „די אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך, וואָס איז שוין העכער צוויי טויזנט יאָר געווען נישט מער ווי אַ תפילה־ און בוך־שפּראַך, ווערט אין ארץ־ישראל אַ לעבעדיקע שפּראַך אין הויז, שול און גאַס; און די לעבעדיקע פאָלקס־שפּראַך פון מיליאָנען יידן, וואָס מען האָט נאָך נישט לאַנג באַהאַנדלט ווי אַ שטיפקינד אין דער ליטעראַטור, ווערט אַ רייכע ליטעראַטור־שפּראַך און דרינגט אַריין פון איר בעלעטריסטישן תחום אין פּובליציסטיק און וויסנשאַפט." ער באַרעכטיקט דעם שפּראַכן־דואַליזם און זאָגט וויטער אין דער הקדמה: „פאַרשטייט זיך, אַז די „פרעמדע שפּראַכן" אין פאַרשיידענע לענדער וועלן נאָך וויטער שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין אונדזער קולטור, פּשוט דערפאַר, וואָס פאַר גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק זיינען זיי געוואָרן אייגענע, מוטער־שפּראַכן, און מען מוז אַריינגיסן דעם אינ־האַלט פון דער יידישער קולטור אין די דאָזיקע שפּראַך־כלים, ווי דאָס יידישע פאָלק האָט שטענדיק געטאָן אויף זיין לאַנגן וועג צווישן פעלקער און לענדער."

און ער כאַפּט זיך ווידער צוריק: „דער נייער דור — שרייבט ש. דובנאָוו — מוז וויסן, אַז מיט פערציק־פופציק יאָר צוריק האָט זיך אַפילו מענדעלען, שלום־עליכמען און אַנדערע „זשאַרגאָנישע" שרייבער נישט געחלומט, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען יידיש וועט קאָנען קאָנקורירן מיט העברייאיש אָדער נאָך מער מיט די „געהויבענע" איירָאָפּייאישע שפּראַכן אין דער מאָדער־נער שול און ליטעראַטור, אין דער פּרעסע און אין וויסנשאַפט; אַז זי וועט אַזוי גיך פון אַ „המון־שפּראַך" אויסוואַקסן צו אַן אמתער פאָלקס־שפּראַך. אַ יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט מיט גרויסע אַקאַדעמישע בענדער, פול מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אין געשיכטע, עקאָנאָמיק, פילאָלאָגיע, עטנאָ־גראַפיע, פאָלקלאָר — פאַר אַ ווילדן פאַנטאַסט וואָלטן מיר געהאַלטן יענעם, וואָס וואָלט אונדז אַמאָל נביאות געזאָגט וועגן אַזאַ מעגלעכקייט. און דאָס ווערט דאָך געשאַפן פאַר אונדזערע אויגן, און דאָס איז נאָר אַ קליינע התחלה." (אין דער הקדמה צו „פון זשאַרגאָן צו יידיש", 1929.)

וואָס־זשע פאַר אַן אויספיר דאַרף מען מאַכן פון דעם אַלעמען? וואָס פאַר אַ קאָנקרעטע פאָדערונגען דאַרף מען שטעלן זיך און אַנדערע? וואָס פאַר אַ מיסיע דאַרף איבערנעמען דער נייער דור?

ש. דובנאָוו דערשרעקט זיך פאַר זיינע אייגענע דרייסטע רייד און ער מאַכט אַזאַ מין צוריקקער: „מען דאַרף נישט — שרייבט ער — פאַרקריכן אין שפּראַך־שאָוויניזם און מיינען, אַז נאָר דערמיט וועלן מיר ראַטעווען די יידישע קולטור. מען דאַרף נישט מבטל זיין אויך די אייביקע ראָלע פון אונ־דזער אַלט־נייער נאַציאָנאַלער שפּראַך און דעם גרויסן ווערט פון די איירָאָ־פּייאיש־אַמעריקאַנישע שפּראַכן, וואָס זיינען פאַקטיש געוואָרן קולטור־שפּראַכן פאַר פאַרשיידענע טיילן פון אונדזער פאָלק."

מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז צו יענער צייט, אין 1929, האָבן יידן אין די פאַרשיידענע „איירָאָפּייאיש־אַמעריקאַנישע" לענדער, אויסער אויף דייטש, רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש, — גענומען אויך שרייבן און שאַפן אין פּויליש, פּאָרטוגעזיש, שפּאַניש, אוקראַיניש, ווייסרוסיש, לעטיש, ליטוויש, עסטאָניש, אונגאַריש, רומעניש, פיניש, שוועדיש, נאָרוועגיש, דעניש, — און ס׳איז לייכט זיך פאָרצושטעלן צו וואָס פאַר אַ בלבול־הלשונות — „שפּראַך־צעמישונג" — מיר וואָלטן געקומען, ווען מיר וואָלטן נישט געוואָרן קיין „שפּראַך־שאָוויניסטן" און וואָלטן אָנגענומען אַלע די פרעמד־שפּראַכן ווי „קולטור־שפּראַכן" פון אונדזער פאָלק און זיין קולטור.

אָט דער שפּראַכן־געראַנגל שטילט איין ביי ש. דובנאָוון און ביי יעדער געלעגנהייט צעפלאַקערט ער זיך ווידער.

אין אַן אַרטיקל „די היסטאָרישע באַדייטונג פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן

אינסטיטוט״ — צו דער ערשטער קאָנפערענץ פונעם אינסטיטוט, אָקטאָבער 1929 (זע „ליטעראַרישע בלעטער״, 1929, ז׳ 43), שטעלט זיך ש. דובנאָוו אָפּ אויף דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך — דעם „קולטור־אינסטרומענט פאַר דער גרעסטער העלפט פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע און אַמעריקע. גראָד נאָך דעם צעפאַל פון דעם גרעסטן יידישן צענטער אין רוסלאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע פאַראייניקונגס־קראַפט ליגט אין דעם דאָזיקן אינסטרומענט פון אונדזער נאַציאָנאַלן אויפבוי... יידיש איז גראָד איצט אויסגעוואַקסן צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער, אָדער ריכטיקער — אינטערטעריטאָריעלער שפּראַך פונעם צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק. ווילנע, ריגע און קאָוונע, יאַס און טשערנאָוויץ רעדן זיך צונויף אויף דער דאָזיקער שפּראַך מיט ווין, בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן, מיט ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס און ריאָ־דע־זשאַניירא, מיט אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, וואו עס איז נאָר פאַרוואָרפן אַ הייפל יידן. הונדערטער טויזנטער נומערן פון טאָגבלעטער טראָגן פאַנאַנדער אין יעדע וועלט־טיילן די דינאַמיק פונעם יידישן לעבן אינעם אַלטן מאַמע־לשון, וואָס ווערט אַלץ ייִנגער, שענער און רייכער...״

ש. דובנאָוו באַגרייפט איצט דעם קאָלאָסאַלן פּאָליטישן און קולטורעלן באַטייט פון יידיש. „ס׳איז נאַטירלעך — זאָגט ער — וואָס אין דער לעצטער צייט האָט מען אָנגעהויבן אויסנוצן מער ווי אַמאָל די גרויסע קולטור־קראַפט פון יידיש אין לענדער מיט יידישע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס קעמפן פאַר קולטור־אויטאָנאָמיע. עס ווערט אַלץ ברייטער די נעץ פון שולן מיט דער יידישער לער־שפּראַך אין די מזרח־אייראָפּייאישע לענדער, אַלץ־רייכער די ליטעראַטור אויף דער שפּראַך, אַלץ מער ווערט אַריינגעצויגן די אייראָפּייאיש־געבילדעטע אינטעליגענץ אין דער אַרבעט מיט און פאַר דעם פאָלק. און ס׳איז נישט קיין וואונדער, וואָס אין די לעצטע יאָרן האָט מען אָנגעהויבן שאַפן אין דער פאָלקס־שפּראַך אויך אַ צענטער פאַר יידישער וויסנשאַפט, וואָס איז פריער געווען אַ מאָנאָפּאָל פון העברייאיש אָדער פון פרעמדע שפּראַכן.״

אָבער (ווידעראַמאָל אַן „אָבער״) אויך איצט כאַפּט זיך ש. דובנאָוו און באַוואָרנט זיך: „איך זאָג אָפן: דאָס איז אַ טייל פון אונדזער רענעסאַנס. די פירער פון דער נייער אַקאַדעמישער אָרגאַניזאַציע דאַרפן בשום אופן נישט זיין קעגן אַלע אַנדערע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס סיי אין העברייאיש, סיי אין די לענדער־שפּראַכן. אין קיין לאַגער דאַרף נישט הערשן קיין שפּראַך־שאָוויניזם, קיין מאָנאָפּאָל פון דער אָדער יענער שפּראַך אַלס קולטור־אינסטרו־מענט. דאָס לעבן אַליין שאַפט אַזעלכע אינסטרומענטן... ווען אין אייראָפּע און אַמעריקע עקזיסטירן סעמינאַרן און אינסטיטוטן פאַר יידישער וויסנשאַפט אין דייטשער, ענגלישער און אַנדערע שפּראַכן, איז דאָס אַ לעבנס־נויט־

ווענדיקייט. ווען עס ווערט איצט געשאַפן אין וואַרשע אַ יודאַיסטישער אינ־סטיטוט מיט דער פוילישער לערן־שפּראַך, איז דאָס אויך אַ בויטקע זאַך פאַר יענער (יידישער—נ. מ.) יוגנט, וואָס רעדט פויליש..."

אָבער צי איז עס ראַציאָנאַל און צי איז ריכטיק און נאַטירלעך פאַר אַ פאָלק אין דער זעלבער צייט צו שאַפן קולטור־אינסטרומענטן, אַרויסרוקן קולטור־פאַקטאָרן און בויען ליטעראַריש־קינסטלערישע און קולטור־וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף אַ צוויי צענדליק שפּראַכן פון די לענדער, וואו מען איז דאָרט צעזייט און צעשפּרייט? ווען מיר מיט אונדזער ביסל שווער־פאַרהאָרעוועטן ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכן האָב און גוטס נישט צעברעקלט און צעשטויבט ווערן אונטער די שווערע מיל־שטיינער פון דעם לעבן אין גאָר דער וועלט, ווען מיר וועלן זיך לאָזן אויף דעם וועג פון לייכטן ווידערשטאַנד?

אין 1932, אין דער צייט, וואָס ער האָט פאַרענדיקט זיין לעבנס־ווערק אין צען בענדער, די „וועלט־געשיכטע פונעם יידישן פאָלק", געשריבן אין רוסיש און איבערגעזעצט פון מאַנוסקריפּט אונטער דער אויפזיכט פונעם מחבר אין דייטש, האָט שמעון דובנאָוו פאַרפאַסט אַ קיצור פון זיין יידישער געשיכטע פאַר קינדער, אין יידיש (בערלין, 1932, 288 ז"ז). ש. דובנאָוו דער־ציילט, אַז „אַרום דרייסיק יאָר צוריק האָב איך געגעבן דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד אַ „לערנבוך פון יידישער געשיכטע" אין 3 טיילן... אַ גאַנצער דור האָט זיך דערצויגן אויף דעם דאָזיקן בוך, וואָס האָט אין רוסישן אָריגינאַל אויסגעהאַלטן 18 אויסגאַבן. חוץ דעם האָט זיך דאָס לערנבוך פאַרשפּרייט אין איבערזעצונגען אויף העברייאיש, יידיש און ענגליש... איצט וויל איך געבן פאַר יידישע קינדער פון אָנהויב־שולן אַ קליין ביכל, וואָס זאָל אין אַ קירצערער פאָרם פאַרשטעלן די לאַנגע געשיכטע פון אונדזער פאָלק..." „דאָס מאָל — זאָגט ש. דובנאָוו — האָב איך געשריבן דאָס ביכל אין יידיש, וואָס איז אין דער לעצטער צייט געוואָרן די נאַטירלעכע לערנשפּראַך אין אונדזערע פאָלק־שולן..."

אגב, ש. דובנאָוו דערפירט די וועלט־געשיכטע פונעם יידישן פאָלק ביז דער לעצטער צייט. אויף די לעצטע פאָר זייטלעך שילדערט ער בקיצור דאָס יידישע לעבן אין פאַרשיידענע לענדער. ער רעדט וועגן פּאַלעסטינע, ער שטעלט זיך אָפּ אויף די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פונעם דאָרטיקן לעבן אין פאַרבינדונג מיט די נישט־דערפילטע גרויסע האָפענונגען פון אַ נאַציאָ־נאַלער היים און ער פירט דאָך אויס: „אַלץ קלאָרער ווערט די איבער־צייגונג, אַז אין ארץ־ישראל קאָן און מוז געשאַפן ווערן אַ גרעסערער ישוב, געבויט אויף אַ געזונטן עקאָנאָמישן גרונד און אַ נאַציאָנאַלער קולטור־צענטער, וואָס וועט זיין טייער דעם גאַנצן פאָלק." אָבער — כאַפּט זיך ווידער ש. דובנאָוו

צוריק — „די אויפבוי־אַרבעט אין „גלות", וואו עס וואוינען איבער 15 מיליאָן יידן, וועט דאָך בלייבן די גרעסטע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע."

אינטערעסאַנט, ווי ש. דובנאָוו פאַרטיקט זיך דאָ אָפּ אין עטלעכע שורות מיט די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. הערט, וואָס ער שרייבט: „אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו עס זיינען געבליבן דריטהאַלבן מיליאָן יידן, ווערט געמאַכט דער פּרואוו איבערצובויען די גאַנצע סאָציאַלע אָרדענונג אויף דעם גרונד פון קאָמוניזם. דערווייל איז מער צעשטערט ווי געבויט געוואָרן. דער יידישער מיטלשטאַנד איז גאַנץ צעריבן געוואָרן. מען גייט אַריבער צו פאַבריק־אַרבעט, ערד־אַרבעט און מלוכה־דינסט. אינגאַנצן איז צעשטערט די פרייע אַנטוויקלונג אויפן געביט פון גייסטיקער קולטור... אין רוסלאַנד האָט זיך איבערגעריסן דער היסטאָרישער פאָדעם אין לעבן פון פאָלק... דערמיט האָט זיך רוסלאַנד אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט, און דאָס רוסישע יידנטום איז דערווייל אָפּגעשניטן פון דער איבעריקער יידישער וועלט." — און דאָס גאָר! קיין שום וויכטיקע פּאָזיטיווע פּראָצעסן און דערשיינונגען האָט ש. דובנאָוו נישט געזען אין דעם באַפרייטן סאָוועטישן יידנטום! — אָבער דאָס איז אגב אורחא! אונדז גייט אין דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג צו באַווייזן די שפּראַכן־גערנאַנגלעניש ביי ש. דובנאָוון. אין דער צייט, וואָס ער רעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג און פאַרגאַפונג וועגן די געוואַלדיקע דערגרייכונגען פון דער יידישער שפּראַך אויף די פאַרשיידנסטע געביטן, אין דער צייט, וואָס ער באַגרייפט איר אומגעהויערן קולטור־פּאָליטישן באַטייט, דאָך האָבן די צוויי אַנדערע שפּראַכן פאַר אים מער צוצי־קראַפט, און דאָך האָט ער (אויסער זיין געשיכטע־ביכל פאַר קינדער אין יאָר 1932) קיין איין ווערק אין יידיש נישט פאַרפאַסט.

אין 1930 שרייבט ער די „געשיכטע פון חסידיזם" אין העברייאיש. „עס איז מיר באַשערט — שרייבט ער אין זיין הקדמה צום בוך — מיין גרעסטע יוגנט־אַרבעט, די „געשיכטע פון חסידיזם", אויף דער עלטער איבערצואַרבעטן און צוצוטראָגן זי אַ נייעם דור אין אַ נייער פאָרם." וואָלט דאָך געווען מער ווי רעכט דאָס־אָ ווערק צוטראָגן דעם נייעם דור אין יידיש, דעם „קולטור־אינסטרומענט פאַר דער גרעסטער העלפט פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע און אַמעריקע". אָבער ניין! דאָס בוך האָט ש. דובנאָוו געשריבן אין העברייאיש, און ווי ער ווייזט אָן: „מחמת צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל דער גאַנצער מאַטעריאַל איז גענומען פון העברייאישע קוועלן *)—חסידישע און מתנגדישע,

*) אַז אַפּ דער טעם איז נישט קיין גענוגנדיקער, איז אַ באַווייז ש. דובנאָווס גרויסע „וועלט־געשיכטע פונעם יידישן פאָלק", וואָס איז געשריבן דורך אים אין רוסיש, הגם דער מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע האָט בלויז אַ גאָר קליינע שייכות צו דער רוסישער שפּראַך. — נ. מ.

און עס איז וויכטיק, אַז די איבערזעצער אין אַנדערע שפּראַכן זאָלן נעמען די ציטאַטן פון ערשטן מקור; צוואַנס. ווייל איך האָב שוין לאַנג געוואָלט שרייבן ווייניקסטנס איין גאַנץ ווערק אין אונדזער אַלטער נאַציאָנאַלער שפּראַך, וואָס איך האָב זי נאָר זעלטן באַנוצט אין מיין ליטעראַרישער טעטיקייט, נישט חלילה פון גרינגשאַצונג צו איר, נאָר ווייל ביי מיין פיל־יעריקער היסטאָרישער אַרבעט וואָלט איך געדאַרפט האָבן נאָך אַזוי פיל יאָרן, כדי צו בילדן די אַלטע שפּראַך און צופּאַסן זי צו די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע באַגריפן...״

פרעגט זיך, פאַרוואָס איז נישט געווען ביי ש. דובנאָוו אַלע יאָרן אַ ווילן „ווייניקסטנס איין גאַנץ ווערק״ צו שרייבן אין אונדזער נאַציאָנאַלער, יידישער שפּראַך? איז עס נישט קיין גרינגשאַצונג צו איר?

ש. דובנאָוו פילט, ווייזט אויס, אַז די ביידע טעמים זיינען נאָך נישט קיין פולע פאַרענטפערונג, הלמאי ער האָט זיך פלוצים גענומען צו העברייאיש, ווען ער האָלט אַליין אין פריידיקן יידיש, און ער גיט צו אַ דריטן טעם: „מיין פריינט אחד העם, עליו השלום, פלעגט מיך אַפּט פירהאַלטן פאַר דער „גוי־אישער״ פאָרם פון מיינע ווערק און האָט איין מאָל גענומען ביי מיר אַ וואָרט, אַז איך וועל לכל־הפחות מיין „חסידיזם״ שרייבן העברייאיש אין דער נייער אויסגאַבע. דאָ בין איך מקיים דעם נדר, וואָס איז געווען אויך מיין אינעווייניקסטער וואונטש.״

נו, אויב אַ נדר — איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש, אָבער ש. דובנאָוו איז אויפריכטיק און גיט צו, אַז „ס׳איז געווען אויך מיין אינעווייניקסטער וואונטש״ (צו שרייבן דאָס בוך אין העברייאיש).

א. טשעריקאָווער, דער ערשט־פאַרשטאַרבענער היסטאָריקער, דער תלמיד און נאָענטער פריינט פון ש. דובנאָוו, גיט איבער אין זיין יובל־אַרטיקל וועגן ש. דובנאָוו („ליטעראַרישע בלעטער״, 1930, נומ׳ 34), אַז ש. דובנאָוו האָט אים דערקלערט הלמאי ער שרייבט דאָס ווערק איבער חסידיזם אין העברייאיש אָט ווי אַזוי: „... איך ווייס גוט, אַז די שפּראַך פון די קוועלן צו דער אַרבעט איז אייגנטלעך גאָר קיין העברייאיש נישט אינעם מאָדערנעם זין, ס׳איז אַ מין העברייאיזירטער יידיש; די באַוועגונג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין יידיש, די חסידישע „תורות״, ווי אויך פיל אַנטי־חסידישע „כרוזים״ זיינען אין יידיש; עס לאָזט זיך אַזוי לייכט שרייבן אין יידיש וועגן חסידיזם. — אָבער אַ וואָרט איז אַ וואָרט (אַ וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן אחד־העמען—נ. מ.).״

און אָט אין עטלעכע יאָר אַרום האָט שמעון דובנאָוו אַרויסגעגעבן אַ בוך דערינערונגען „קניגאַ זשיזני״ — „בוך פון לעבן, זכרונות און מחשבות, מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון מיין צייט״. דער ערשטער באַנד נעמט אַרום די צייט פון ערב די זעכציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט (ש. דובנאָוו

איז געבוירן 1860) ביזן קעשענעווער פּאָגראָם (1903). און אין זיין פאָררעדע צום בוך דערקלערט ער, פאַרוואָס דאָס דאָזיקע ווערק גיט ער אַרויס אין רוסיש: „ס'קאָן אויסקומען מאָדנע, וואָס איך שרייב און איך דרוק איצט מיינע זכרונות אויף רוסיש, נאָך דעם, ווי די יידישע ליטעראַטור אויף דער שפּראַך האָט שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירן, און מיינע ווערק פון דער לעצטער צייט האָבן זיך געדאַרפט דרוקן אויף דער יידישער („יעווריעיסקאָם") און אַנדערע שפּראַכן." פאַר דעם מחבר גופא איז געווען אַ פּראָגע, פאַרוואָס ער שרייבט דאָס בוך רוסיש, ווי ס'איז ביי אים געווען פריער מיט עטלעכע יאָר אָפּגעפרעגט, פאַרוואָס ער שרייבט וועגן חסידיזם אין העברייאיש. און ש. דובנאָוו באַמיט זיך צו פאַרענטפערן די האַרבע קשיא: „איך האָב דאָס געטאָן צוליב פּאָלגנדיקע מאָטיוון: ערשטנס, קומט מיר דאָ אויס, כדי צו דאָקו־מענטירן די דערציילונג, צו ברענגען אַ סך רוסישע ציטאָטן, וואָס איך האָלט פאַר נויטיק איבערצולאָזן אין אָריגינאַל. צווייטנס, — און דאָס איז דער עיקר, — האָב איך געוואָלט מיין לעצט בוך אָנשרייבן אויף דער שפּראַך, וועלכע האָט מיר געדינט פאַרן וויכטיקסטן ליטעראַרישן געווער אין משך פון פערציק יאָר. אַמאָל האָט מיך באַגייסטערט די שטרעמונג אויפצוהויבן די רוסיש־יידישע ליטעראַטור, אַלס דעם וויכטיקסטן טייל פון דער אוניווערסאַלער ליטע־ראַטור פון יידן אין פאַרשיידענע לענדער („דיאַספּאָראַ" — גלות) אויף דער הויך פון דעם מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן געדאַנק. נאָכן פאַנאַנדערפאַלן פון גרויסן יידישן צענטער אין רוסלאַנד, איז מיר באַשערט געווען צו באַגראָבן די דאָזיקע האָפענונג און, פאַרן פאַרלאָזן דאָס פאַטערלאַנד, צו האַלטן אַ הספּד איבער דער פּריצייטיק־אונטערגעגאַנגענער ליטעראַטור פאַר די פאַרשטייער פון צוויי דורות אונדזער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אויף איר דערצויגן. און איצט, נאָך מיין אומקערן זיך צו די צוויי שפּראַכן פון אונדזער פאָלק, וויל איך אָפּגעבן דעם לעצטן חוב דער פאַרשטאָרבענער, שטעלנדיק איר אַ דענקמאָל אויף איר שפּראַך."

די פאַרענטפערונג, פאַרוואָס ער שרייבט זיינע זכרונות אין רוסיש, איז אַ גאַנץ־ווייניק באַגרינדעטע. זי שטרייכט נאָך אַמאָל אונטער דובנאָווס נישט־שטאַנדהאַפטיקייט בנוגע צו יידיש.

אָט די שטענדיקע וואַקלענישן פון ש. דובנאָוו אין דער פראַגע פון יידיש איז אינטערעסאַנט קעגנשטעלן די אויסגעהאַלטנקייט פון דר. ח. זשיטלאָווסקי.

אין איינער פון זיינע אָפּהאַנדלונגען („שפּראַך אָדער רעליגיע", „יידישע קולטור", 1941, נ"ב 10־11), האָט דר. ח. זשיטלאָווסקי אַזוי פאָרמולירט זיין שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע ביי יידן: „. . . וויבאַלד קיין לאַנד האָבן מיר נישט, וויבאַלד ביי אַ פּראָגרעסיוו פאָלק מוז די רעליגיע אָנערקענט ווערן,

ווי אַ פּריוואַט־זאַך פאַר יעדן יחיד, — וויל ער גלויבט ער, אלא ניט בלייבט ער פאַרט אַ קינד פון דעם פאָלק, — איז ניטאָ קיין אַנדער וועג, ווי ווייטער צו פירן דעם קאַמף פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און פרייער אַנט־וויקלונג פון דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע, ווי נאָר דאָס געמיינשאַפט־לעכע לעבן פון אַלע קינדער פון אונדזער פאָלק אין איין־איינציקער אייגענער שפּראַך־ספערע. איך האָב מיך אַנטשלאָסן פאַר יידיש, ווי די איינציקע שפּראַך־ספערע פאַר דעם גאַנצן פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט...״

און דר. ח. זשיטלאָווסקי באַטאָנט: „און טאָפּל וויכטיק דאַרף דער שפּראַכן־קאַמף זיין פאַר אונדז, ווייל אויף אונדזער עקזיסטענץ און פּראָ־גרעסיווער אַנטוויקלונג לויערט דער ערגסטער פון אַלע אונדזערע שונאים, — די שפּראַך־אַסימילאַציע, וואָס אי זי רייסט אַוועק פון אונדז אונדזערע בעסטע כוחות, וואָס גייען אַוועק אַרבעטן אין דער פרעמד, אי זי פאַרשאַפט דעם אַנטי־סעמיטיזם, וואָס וויל פּטור ווערן פון יענע בעסטע כוחות אונדזערע.״ (זע אויספירלעך וועגן דר. ח. זשיטלאָווסקיס שטעלונג צו יידיש אין דעם אַרטיקל „דר. זשיטלאָווסקי, דער אומדערמידלעכער קעמפער פאַר דער חשיבות פון דער יידישער שפּראַך״.)

פון דעם שפּראַך־דואַליזם קומט ש. דובנאָוו צו דעם קולטור־דואַליזם, וואָס ער מוז אים באַרעכטיקן. אין זיין רעדע ביי דער פייערלעכער עפענונג פונעם 10־יאָריקן צוזאַמענפאַר פונעם ייוואָ אין ווילנע (אויגוסט 1935) האָט ש. דובנאָוו געזאָגט: „כמעט גלייכצייטיק האָט געפייערט זיין 10־יאָריקן יובל אויך דער ירושלימער אוניווערזיטעט. . . . אפשר איז עס נישט אַ צופאַל, נאָר אַ טיפער סימבאָל, וואָס אין ירושלים פון ארץ־ישראל און אין ירושלים פון גלות זיינען אין איין און דעמזעלבן יאָר געשאַפן געוואָרן ענלעכע אינסטיטוציעס. האָבן מיר דען נישט געהאַט אין גאָר אַלטע צייטן דעם זעלבן קולטור־דואַליזם? יענע, וואָס פירן איצט דורך אַ שאַרפן קעגנזאַץ צווישן ארץ־ישראל און גלות, צווישן העברייאיש און יידיש — מוז מען דערמאָנען, אַז אַזאַ דואַליזם האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער קלאַסישער צייט, ווען ס׳האָט נאָך עקזיסטירט די מלכות־יהודה אָדער די אויטאָנאָמע פּאַלעסטינע אונטער דער רוימישער הער־שאַפט. האָבן מיר אַמאָל נישט געהאַט גרויסע קולטור־צענטערס גלייכצייטיק אין ירושלים און אין דער יידיש־גריכישער אַלעקסאַנדריע, אָדער גרויסע אַקאַדעמיעס־ישיבות אין טבריה און אין די באַבילאָנישע סורא און פּומבודיתא? איז דער תלמוד־בבלי נישט געוואָרן מער אָנגענומען אין אונדזער געזעצ־געבונג און דערציאונג ווי דער תלמוד־ירושלמי, און נאָך מער: זיינען נישט ביידע גמרות געשריבן אין דעם דעמאָלטיקן „זשאַרגאָן״ — דער אַראַמישער שפּראַך?... ניין, די ביידע אינסטיטוציעס — אין ירושלים פון ארץ־ישראל

און אין ירושלים פון גלות — זיינען נישט קיין קאָנקורענטן, נאָר זיי דערגאַנצן זיך איינע די אַנדערע...״

אַט אַזוי האָט זיך עטלעכע צענדליק יאָר געצויגן דער שפּראַכן־געראַנגל ביי שמעון דובנאָוו, און ער גופא האָט נישט געקאָנט גובר זיין אין זיך די אַלטע משכּילישע רוסיפיצירטע און העברייאיסטישע טענדענצן, און ביי זיין גאַנצן קאַמף פאַר יידיש איז ער דאָך פאַרבליבן ביי אַ ווידערשפּרעכנדיקן שפּראַך־ און קולטור־דואַליזם.

אַזוי אַרום איז די שפּראַכן־פראַגע ביי דעם גרויסן יידישן היסטאָריקער שמעון דובנאָוו געווען נישט בלויז אַ פראַגע, נאָר ס'איז געווען אַ פּראָבלעם, אַ טיף־ווייטיקדיקע פּראָבלעם, וואָס גרענעצט זיך מיט טראַגיזם. אַ גרויסער יידישער היסטאָריקער מיט אַ גענוג־געשטעלטן קוק אויפן יידישן פאַר־גאַנגענעם און איצטיקן לעבן, אָבער מיט אַ שטענדיקער אומזיכערקייט און וואַקלונג בנוגע דעם עיקר — די שפּראַך פונעם פאָלק.

1943

ש. אַנסקי

.1

ש. אַנסקי איז אָן ספק איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייטן אינעם רוסישן יידנטום. אַנסקי האָט אַדורכגעמאַכט אַ מערקווירדיקן וועג פון דעם סאַמע־טיפן יידישן לעבן דורך די געדיכטעניש פון דעם רוסישן פאָלק, זיינע קאַמפן און אידעאַלן, ביז ער איז לסוף צוריקגעקומען צו די יידישע מאַסן מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן צו פאַרנעמען דאָרטן צוריק אַן אָרט ווי אַ וואָגיקער קינסטלער און אמתדיקער ייד.

צווישן אַנסקיס איבערגעבליבענע פאַפּירן איז דאָ אַ זעלבסטכאַראַקטעריס־טיק, וואָס איז נישט נאָר גילטיק פאַר אים, פאַר אַנסקין, נאָר איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר דער יידישער אינטעליגענץ פון די 80ער און 90ער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ש. אַנסקי שרייבט: — „אַ יונגערמאַן, וואָס איז געבוירן געוואָרן און איז אויסגעוואַקסן אין דער געדיכטעניש פון יידישן לעבן, האָט דורכגעמאַכט אַ גאַנץ־פּאַראַדאָקסאַלע עוואָלוציע; ביכער אויף דער העברייאישער שפּראַך האָבן מעכטיק און שטורעמדיק מיך אָפּ־געריסן פון אַלטן יידנטום און זיינע טראַדיציעס, האָבן אין מיר דערוועקט אַ שנאה און פאַראַכטונג צו זיינע טראַדיציעס און האָבן מיך געשטופּט צו דער רוסישער „גראַמאַטע״ [שריפט, שאַפן — נ. מ.], כדי דערנאָך אויף דער רוסישער שפּראַך צו דערפילן די פּראַכט פון דער פּאָעזיע, וואָס ליגט פאַר־באָרגן אין די אַלטע היסטאָרישע יסודות און טראַדיציעס [פונעם יידישן פאָלק — נ. מ.] . . .״

אין אָט די ווערטער געפינען מיר דעם שליסל צו ש. אַנסקיס אינערלעך וועזן.

און נאָך־דייטלעכער כאַראַקטעריזירט ש. אַנסקי זיך גופא, זיינע איבער־וואַנדלונגען אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן מיט 35 יאָר צוריק, אָנהויב 1910, ביי דער פייערונג פון די 25 יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט (גע־נומען אַלס אָנהויב פון זיין שרייבערישער קאַריערע זיין דערציילונג אין רוסיש־יידישן „וואָסכאָד״, 1884). נאָך די אַלע רעדעס און באַגריסונגען האָט

ש. אַנסקי גערזאָגט וועגן זיך און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור: „שווער איז דער גורל פון אַ שרייבער בכלל, אָבער באַזונדערס שווער איז דער גורל פון אַ שרייבער אַ יידן. זיין נשמה איז צעריסן, ער לעבט אויף צוויי גאַסן מיט דריי שפּראַכן. לעבן אויף אַזאַ מין „גרענעץ" איז אַן אומגליק, — און דאָס גראַד איז מיר אויסגעקומען איבערצוטראָגן. מיט 25 יאָר צוריק, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין דער ליטעראַטור, האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט די שטרעבונג צו אַרבעטן לטובת די געדריקטע, פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן, און עס האָט זיך מיר דעמאָלט געדוכט, — און דאָס איז געווען מיין טעות, — אַז צווישן יידן וועל איך זיי ניט געפינען. איך האָב געהאַלטן, אַז ס'איז אוממעגלעך צו שטיין אַן אַ זייט פון פּאָליטיק, און ווידער האָב איך ביי יידן נישט געפונען קיין פּאָליטישע שטרעמונגען. טראַגנדיק אין זיך אַן אייביקע שטרעבונג צום יידנטום, האָב איך זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן און בין אַוועק אַרבעטן צו אַן אַנדער פאָלק."

און ש. אַנסקי האָט אויף זיין אָפנהאַרציקן און אויפריכטיקן שטייגער געזאָגט ווייטער: „מיין לעבן איז געווען צעבראָכן, צעשפּאָלטן, צעריסן. איך געהער נישט צו די, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק אויפצוּוואַקסן אין זייער אייגענער סביבה, און נאָרמאַל איז געווען זייער שאַפן. אַ סך יאָרן זיינען אַוועק ביי מיר אויף דער דאָזיקער „גרענעץ", אויף דער מחיצה צווישן דיביידע גאַסן, — און דעריבער בעט איך פון דעם 25-יאָריקן סך־הכל פון מיין ליטעראַרישער אַרבעט אויסשניידן 16 יאָר . . ."

אָבער דאָך גיט צו ש. אַנסקי, אַז „אָט די צייט, וואָס איז נישט געווען געווידמעט ליטעראַטור, איז נישט אַוועק פאַר מיר אומזיסט. איך האָב אַ לאַנגע צייט געלעבט צווישן רוסישן פאָלק, צווישן די אונטערשטע שיכטן זיינע, אָבער אין ערגעץ בין איך נישט באַליידיקט געוואָרן פאַר מיין נאַציאָנאַליטעט, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט און נישט געוואָלט באַהאַלטן. לעבנדיק צווישן רוסישן פאָלק, בין איך געווען באַפריינדט מיט די פאָרשטייער פון דער רוסישער אינטעליגענץ, איך האָב געהאַט די זכיה צו שטיין נאָענט צו פערזאָנען, וואָס דאָס רוסישע פאָלק וועט זיי תמיד דערמאָנען מיט ליבע, — און עס לעבט אין מיר די האָפענונג, אַז עס וועלן פאַרשווינדן די איצטיקע פינצטערע צייטן, ווייל דאָס רוסישע פאָלק האָט נישט אין זיך קיין שנאה צו יידן. מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָבן יידן געלעבט אין זייער לאַנד. מיר האָבן עס אָנגעוואָרן. יידן האָבן זיך באַשאַפן אַ צודעק פון דינים און מנהגים. מיר האָבן דאָס אויך אָנגעוואָרן. און איצט מוזן מיר ביי זיך אין האַרצן באַשאַפן עפּעס פעסטעס, וואָס זאָל אונדז געבן די מעגלעכקייט צו לעבן אַלס אומה, אַלס פאָלק. . ." ש. אַנסקי האָט אויסגעפירט: „איצט

איז ביי אונדז אַנדערש, ווי דאָ, ווען איך האָב אָנגעשריבן מיין ערשטע דער־ציילונג. מיר האָבן הן קולטורעלע, הן פּאָליטישע שטרעמונגען און הן אַ ליטעראַטור. זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק, זאָל לעבן די יידישע ליטעראַטור... איך גלויב אין אַ בעסערער צוקונפט און אין דעם קיום פון יידישן פאָלק.״

ש. אַנסקי — זיין אמתער נאָמען איז שלמה זאַנוול ראַפּאָפּאָרט — איז געבוירן אין דער שטאָט וויטעבסק אין 1863. ער איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ נישט־פאַרמעגלעכער פאַמיליע, דער פאָטער איז שטענדיק צוליב זיינע געשעפטן אַרומגעפאָרן, און זיין מוטער חנה האָט געהאַט אַ שענקל. פון חנה — אַננאַ, שטאַמט דער פּסיידאָנים אַנסקי. צו 15 יאָר באַקענט ער זיך און באַפריינדט זיך מיט זיין בן־עיר חיים זשיטלאָווסקי, וואָס איז געווען יינגער פון אים אויף צוויי יאָר. די פריינטשאַפט און גוטברודערשאַפט צווישן אַנסקי און זשיטלאָווסקין איז געוואַקסן, איז אַריבער אין אַ שטענדיקער אינטימער נאָענטקייט, וואָס האָט געהאַט אויף אַנסקין אַ געוואַלדיקע השפעה. די קעגנ־זייטיקע איינפלוסן פון די צוויי פריינט — איז אַ באַזונדער רייך קאַפּיטל, וואָס דאַרף נאָך אויסגעפאָרשט ווערן. דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט נישט איין מאָל געפּרואווט גאַנץ אויספירלעך דערציילן וועגן ש. אַנסקין און דער ראָלע, וואָס יעדער איינער האָט געשפּילט אינעם לעבן פונעם צווייטן. ס'איז אויך פאַר־בליבן אַ רייכער אינטערעסאַנטער בריוו־אויסטויש צווישן די צוויי חברים, וואָס פאַרמאָגט אַ קולטור־היסטאָרישן באַטייט. עס לוינט, ביי אַ געלעגנהייט, גאַנץ באַזונדער זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די מערקווירדיקע קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן אָט די צוויי אינטערעסאַנטע שרייבער־פּערזענלעכקייטן, נאָכפאָלגן זייער גוטפריינטשאַפט און אָפּשטעלן זיך אויף די ווידעראַנאַנדן, וואָס שטאַמען פון גאַנץ טיפע פערזענלעכע און אַלגעמיינע מאָטיוון און אומ־שטענדן. אין איינעם אַ בריוו שרייבט דר. זשיטלאָווסקי צו אַנסקין (אין 1911): „איך בין זיך מודה, אַז מיר איז שוין אַ ביסל שווער צו שרייבן אינטים אויף רוסיש. נישט נאָר מיין מוח, נאָר אויך מיין האַרץ זיינען שוין ענדגילטיק „פאַריידישט״. נאָר איך שרייב דיר נאָך אויף רוסיש, ווייל, ווייזט אויס, דאָס איז נאָך אַלץ די שפּראַך פון דיין האַרצן. אַ יידישער אינטימער בריוו וואָלט דיר, קאָן זיין, זיך אויסגעוויזן אַ ביסל קינסטלעך. איך וועל דיר אָנהויבן שרייבן אויף יידיש דאָ, ווען אויך ביי דיר וועט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן באַוויזן די נויטיקייט צו רעדן מיט מיר אויף אונדזער אייגענער שפּראַך.״ („יידישע קולטור״, 1944, נ׳ 4, ז׳ 32.)

2.

ש. אַנסקי האָט געלערנט אין חדר, איז גאָר יונג אַליין געוואָרן אַ לערער,

זיך באַקענט מיט דער רוסישער „פאָלקישער" און ראַדיקאַלער ליטעראַטור, וואָס האָט געהאַט טיף־מאָראַלישע עלעמענטן און טענדענצן, און ער איז מיט־געריסן געוואָרן מיט זיי און געגומען אַריינוואַקסן אין דער רוסיש־פאָלקישער סביבה און גייסט. ער לערנט זיך אַ מלאכה, ווי ס'איז געווען דאַן דער שטייגער פון די יונגע לייט, וועלכע זיינען פאַרכאַפּט געווען פון דער אידייע „גיין אין פאָלק", אַפּריער פּרואווט ער ווערן אַ שמיד, דערנאָך לערנט ער זיך מלאכה ביי אַן איינבינדער.

עס זיינען אינטערעסאַנט די בריוו פון ש. אַנסקיס פּאַטער, אהרן הכהן ראַפּאָפּאָרט, צו זיין זון שלמה זאַנוול. דער פּאַטער, אַ מעקלער און אַן אָנ־געשטעלטער, וואָס מאַטערט זיך אויף זיינע וויניק־באַצאָלטע שטעלעס, האָט אין איין פאַרוואָרפן זיין זון, הלמאי ער וואַרפט נישט אַוועק די פּוסטע רעיונות און דערגרייכט נישט צו עפּעס אַ תכלית. דער פּאַטער בעט זיך ביים זון: „עס איז שוין צייט צו באַזינען זיך און צושלאָגן זיך צו אַ שטיקל תכלית און נישט זיין קליגער פון דער גאַנצער וועלט. און רחמנות האָבן איבער מיינע אַלטע יאָרן און זוכן אַ תכלית. בפרט, אַז דו קאָנסט קומען צו אַ שטיקל תכלית מיט דיינע שפּאַשאַבנאַסטן (פּייאיקייטן)." אָבער שלמה זאַנוול מיט זיינע „שפּאַשאַבנאָסטן" האָט, אַנשטאָט „דערשלאָגן זיך צו אַ שטיקל תכלית", געוואָלט טאַקע „זיין קליגער פון דער גאַנצער וועלט", יעדנפאַלס פון דער אָפּגעשטאַנענער און רעאַקציאָנערער וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט.

און אין זוכעניש פון דעם אמתן לעבנס־תכלית, פונעם זין פון דעם לעבן, פאַרלאָזט ש. אַנסקי זיין היים, זיין סביבה. און זינט דאַן הויבט זיך אָן ביי ש. אַנסקין אַ זיגזאַגן־וועג. פון אַן עכטן ייד ווערט ער אַן עכטער רוס, פון אַ יידישן אינטעליגענט — אַ רוסישער פאָלקס־מענטש. און עס בייט זיך אויך די סביבה, וואו ער לעבט און לעבט זיך אויס. אַט — וויטעבסק און אַט — דאָנעצער באַסיין, אַט — פּעטערבורג און אַט — פּאַריז. און אין דער גאַנצער צייט פון זיין וואָגלען קומען אויף פּאַר אין אים כסדריקע אינעווייניקסטע גייסטיקע פּראָצעסן און איבערוואַנדלונגען.

אין דעם יידישן לעבן בכלל איז דער ברייטער שליאַך זינט 1881, זינט די פּאָגראָמען, געגאַנגען פון אַסימילאַציע, פון קאָסמאָפּאָליטיזם צו נאַציאָ־נאַליזם, צו חיבת־ציון, צו יידישן סאָציאַליזם, צו ענגערער פאַראינטערעסירונג און פאַרבינדונג מיט יידישע פאָלקס־פּראָבלעמען, מיט יידישע צרות און צו זוכענישן פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויסלייזונג. „בילו" (בית יעקב לכו ונלכה) און „עם עולם" — די ערשטע מיטן פּנים קיין מזרח, קיין ארץ־ישראל, די צווייטע — מיטן פּנים צו אַמעריקע, און אויך דער אויפקום פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ביי יידן אין רוסלאַנד. דאָס איז

געווען דער דרך־המלך. ס׳זיינען אָבער אויך געווען זייטיקע שטעגן, וואָס האָבן דורך אומוועגן געבראַכט צום ברייטן יידישן שליאַך. ש. אַנסקי, טייל־ווייז ווי זיין לעבנס־חבר דר. חיים זשיטלאָווסקי, האָט יאָרן אַרומגעבלאָנקעט אין דער פרעמד, ביז ער איז צוריקגעקומען צו יידן און יידישקייט, ווי אַ בעל־תשובה, און ווי עס טרעפט מיט אַ צוריקגעקומענעם, האָט ער אָנגענומען פאַר ליב אַלץ, אַפילו דאָס, וואָס די וואָס זיינען אינעווייניק, האָבן געהאַלטן אין באַקעמפן. אין די צייטן פון דער רוסלענדישער רעאַקציע, למשל, פון 1907־1912, ווען ס׳האָט אַרומגעכאַפּט אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ אַ רעזיגנאַציע־שטימונג, ווען מ׳האָט גענומען קלאַפּן אַ „טרעוואָגע״ צוריק צום אַלטן חדר, און ס׳זיינען געגאַנגען אין דער יידישער עפנטלעכקייט העפטיקע קאַמפן, איז ש. אַנסקי געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע פאַרטיידיקער פונעם אַלטן חדר. ער איז אין יענער צייט אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט מיט 2־3־שעהדיקע רעפעראַטן און האָט באַזונגען דעם חדר, אין דער צייט, ווען די ראַדיקאַלע יידישע אינטעליגענץ האָט געלייגט פונדאַמענטן פאַר דער מאָדערנער יידיש־וועלטלעכער שול. ש. אַנסקי איז דאַן אויך געקומען קיין קיעוו מיט אַזאַ רעפעראַט, אים געהאַלטן פאַר אַ 1500 מענטשן. און פאַר אונדז אַלע, די קעמפער פון דער מאָדערנער יידיש־וועלטלעכער שול, איז עס געווען אַן אַקט פון רעאַקציע און שאָוויניזם.

אַ פאָר אויסצוגן פון אַנסקיס רעפעראַט איבערן חדר: „דער חדר איז נישט היגיעניש? . . . און אין דער היים וואוינען די תלמידים פון הדר אין בעסערע היגיענישע באַדינגונגען? איז דען נישט בעסער פריער צו פאַר־נעמען זיך מיטן געזונט־מאַכן די וואוינונגען פון די אומפאַרמעגלעכע קלאַסן און ערשט דערנאָך אַריינפירן היגיענע אין די חדרים? . . . מען זאָגט, אַז דער חדר איז אַנטי־פּעדאַגאָגיש. פעדאַגאָגיק איז, ווי היגיענע, נישט קיין גענויע וויסנשאַפט . . . וויכטיק איז, אַז דער מלמד זאָל זיין אימשטאַנד איבער־צוגעבן דעם תלמיד די טיפענישן פון דער יידישער נשמה . . . פאַרבלייבט נאָך דער קאָנפעסיאָנאַליזם פון חדר. אָבער שרעקלעך איז נאָר דער קלערי־קאַליזם, ווי אַ שטרעבונג צו פּאָליטישער הערשאַפט, אָבער נישט רעליגיע בכלל און יידישע רעליגיע בפרט.״ (זע מ. שאַליט, „פון נאָענטן עבר״, וואַרשע, 1937, ז׳ 234.)

ש. אַנסקין האָט דאַן אויפן אָרט זייער שאַרף אָפּגעענטפערט דוד זאַ־סלאַווסקי, דער גוט־באַקאַנטער איצטיקער מיטאַרבעטער פון מאָסקווער „פּראַוודאַ״. אויך מ. ליראָוו (משה ליטוואַקאָוו) איז אַרויסגעטראָטן קעגן ש. אַנסקין מיט אַן אַרטיקל אין „קיעווסקאַיאַ מיסל״ אונטערן נאָמען „רעאַקציאָ־נערער זומפּ״.

3.

אָבער מיר פאַרלויפן דאָ דעם וועג פון ש. אַנסקין. לאָמיר איבערגעבן נאָך אַ פּאָר ביאָגראַפישע פּרטים פון זיין מערקווירדיקן לעבן.

ער דעביוטירט אין 1884 מיט אַ דערציילונג „אין אַ יידישער פאַמיליע", אין רוסישן „וואָסכאָד" (די דערציילונג איז איבערגעזעצט פון זיין יידישן מאַנוסקריפּט) אונטערן נאָמען „פּסעוודאָנים". עטלעכע יאָר לעבט ער צווישן רוסישע פּויערים און אַרבעטער אין די דאָנעצער שאַכטעס (קוילן־גריבער). ער קומט שפּעטער (1892) קיין פּעטערבורג, ווערט נאָענט צו די „נאַראָד־ניקעס", פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און אַרטיקלען אין די אָנגעזעענע רוסישע זשורנאַלן. אין 1894 דרוקט ער אָפּ אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט אין רוסיש, „עטיודן פון דער פאָלקס־ליטעראַטור". ער לאָזט זיך אַוועק קיין אויס־לאַנד צו באַקענען זיך מיטן לעבן פון די אַרבעטס־מאַסן. אין לויף פון עטלעכע יאָר (1894־1900) איז ער פּערזענלעכער סעקרעטאַר פון דעם באַוואוסטן רוסישן דענקער פּ. לאַווראָוו און אויך סעקרעטאַר פון דער באַוואוסטער ראַדיקאַלער אינטערנאַציאָנאַלער שול אין פּאַריז (רוסישע אַפּטיילונג).

אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, ווי אויך פון פּרצעס ווערק, קערט ער זיך אום צוריק צום יידישן קולטור־שאַפערישן לעבן. אגב, איז ש. אַנסקי דער פאַרפאַסער פון דעם ליד „די שבועה", וואָס איז געוואָרן דער הימן פון „בונד".

זינט 1905 הויבט זיך אָן זיין פּראָדוקטיווע קולטור־ליטעראַרישע טעטי־קייט צווישן יידן און אויף יידיש. ער פאַרעפנטלעכט זיין ראָמאַן „אין נייעם שטראָם" (פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, 1905־1906), זיין אינטערע־סאַנטן ראָמאַן „פּיאָנערן" (אין צוויי טיילן — „די ערשטע שוואַלב", „צוימען־ברעכער"), וואו עס ווערן געשילדערט ש. אַנסקיס יונגע יאָרן, זיין וועג פון אַ ישיבה־בחור צו אַ משכיל און צו אַ פאַרשפּרייטער פון קולטור און ליכט.

ש. אַנסקי רופט אָן זיין ווערק „כראָניק פון די 70ער יאָרן". דער ראָמאַן איז אָפּגעדרוקט לכתחילה אין רוסישן „וואָסכאָד", שפּעטער דערשינען אין יידיש.

אין די צוויי גרעסערע ווערק, וואָס שילדערן באַזונדערע תקופות אינעם יידישן לעבן, ווייזט זיך אַרויס ש. אַנסקי ווי אַ פיינער דערציילער פון יידישן לעבנס־שטייגער, ווי אויך ווי אַ געטרייער מאָלער פון רעאַלע טיפּן. אין זיינע קלענערע דערציילונגען ברענגט אַנסקי אַרויס געשטאַלטן פון יידישע פאָלקס־מענטשן מיט אַ באַזונדערער באַהאַרציקייט. אַנסקי האָט אויסגענוצט אין זיינע פּאָעמעס יידישע לעגענדעס. און אומעטום דאָמינירט אין זיינע ווערק דער

עטישער עלעמענט, דער גוטהאַרציקער צוגאַנג צו די געשילדערטע מענטשן. דאָ איז ער פֿאַרבליבן אַ געטרייער תּלמיד פֿון דער פֿאָלקיסטישער רוסישער ליטעראַטור, פֿון אַ גליעב אוספּענסקי און וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, צו וועלכע ער איז אַ צייט־לאַנג געווען נעענטער ווי צו מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ.

אגב — מיר, בערגעלסאָן און איך, האָבן אין יענער צייט, אין 1912, דראַמאַטיזירט דעם ראָמאַן „פּיאָנערן״ פֿון רוסיש אין אַ יידישער פּיעסע אין 4 אַקטן, וואָס אַ ליטעראַרישע טרופּע האָט געזאָלט אויפֿפֿירן.

אָנהויב דער וועלט־מלחמה, 1914, וואַרפֿט זיך אַנסקי אַריין, ווי אַ „באַ־פּולמעכטיקטער פֿון דעם פֿאַרבאַנד פֿון רוסישע שטעט״, אין דער הילפֿס־אַרבעט, באַזוכט די חרובֿע פֿראָנט־שטעט און שרייבט אָן די דריי בענד „חורבן פּוילן, גאַליציע און בוקאָווינע״. צו יענער צייט, 1914, שרייבט ער אָן זיין דראַמאַטיש ווערק „צווישן צוויי וועלטן, אָדער דער דיבוק״. אָבער דאָס איז שוין גאָר אַ באַזונדער רייך קאַפּיטל אינעם לעבן פֿון ש. אַנסקי, און ס׳לוינט זיך אָפּ־שטעלן דערויף אויספֿירלעכער.

אויב אויף פֿאַרשיידענע געביטן פֿון געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט און פֿון זיין קינסטלערישן שאַפֿן טרעפֿן מיר ביי ש. אַנסקין וואַקלונגען און ענדע־רונגען, איז בנוגע צו פֿאָלקלאָר, צו פֿאָלקסשאַפֿן, איז ער שטאַנדהאַפֿטיק, ער פֿאַרהיט אין זיך אַלע יאָרן אַ ספּעציעלע פֿאַראינטערעסירונג און פֿאַרבינדונג צום פֿאָלקסשאַפֿן. נאָך אַלס ייִנגל הערט ער זיך צו אין זיין היימשטאָט צו מעשיות און ווערטלעך, וואָס קומען פֿון פֿאָלקס־מויל. שפּעטער קומט ביי אים אַ פּאַרטיפּטער אינטערעס צום שאַפֿן פֿונעם רוסישן פֿאָלק, ער דערגרונטעוועט זיך צו די קוואַלן פֿונעם רוסישן פֿאָלקס־מענטש סיי פֿון שטאָט און סיי פֿונעם דאָרף. ער פֿאַרעפֿנטלעכט די רעזולטאַטן פֿון אָט דער פֿאָרשונג אין זיין רוסיש ווערק „אָטשערקי נאַראָדנאַי ליטעראַטורי״ (1894, — עטיודן פֿון פֿאָלקס־ליטעראַטור). ער דערנעענטערט זיך שטאַרק צום רוסישן פֿאָלק, און פֿאַר־ברענגענדיק אין אויסלאַנד, רייסט ער זיך צוריק קיין רוסלאַנד „אָפּצוטונקען זיך אין דעם גרויסן ים פֿונעם רוסישן פֿאָלק און ווי אַ טראָפּן צונויפֿגיסן זיך מיט אים און פֿאַרשווינדן מיט אים״ . . . דער אַלץ־וואַקסנדיקער אינטערעס צו פֿאָלקס־שאַפֿן ברענגט אים קיין פּאַריז, וואו ער זעצט פֿאָר זיין פֿאָרשן — און דאָס מאָל פֿון פֿראַנצויזישן פֿאָלקלאָר. און ווען ער קומט צוריק צו דער יידי־שער וועלט, נעמט ער זיך צו שטודירן די יידישע פֿאָלקס־נשמה און אירע אוממיטלבאַרע אַנטפּלעקונגען. ש. אַנסקי פֿאַרלאָזט זיך נישט און באַנוגנט זיך נישט מיט אויבנאויפֿיקע איינדרוקן און פֿאַרטיקע מאַטעריאַלן. ער נעמט נישט פֿונעם גרייטן, ער וויל אַליין דערגיין צום סאַמע מקור, צום שורש. לאָזט ער זיך אַוועק איבער שטעט און שטעטלעך און זאַמלט אויף מעשיות, לעגענ־

דעס, פֿאָלקס־לידער, שפּריכווערטער, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ דער כאַראַקטער, די פיזיאָנאָמיע פונעם יידישן פֿאָלק. ער איז דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון דער יידישער וויסנשאַפטלעכער עטנאָגראַפישער עקס־פּעדיציע. ער לאָזט זיך אין אַ רייזע מיט אַ גרופּע פאָרשער, און אין רעזולטאַט פון אַלזייטיקער אַרבעט גיט ער אַרויס מיט זיינע מיטאַרבעטער אַ גרויס בוך „דאָס יידישע עטנאָגראַפישע פּראָגראַם״, פּעטערבורג 1915, 258 ז״ז, וואָס פאַרמאָגט חוץ די כללים ווי צו זאַמלען די ווערק פון פֿאָלקס־שאַפונג, אויך 2307 פראַגן, וואָס שעפּן אויס אַלע יידישע פאָרשטעלונגען, גלויבונגען, מנהגים, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן מענטש פון זיין געבוירן ביזן טויט. ש. אַנסקי האָט באַזוכט אַ 70 פונקטן אין וואָלין און פּאָדאָליע און אויפגעקליבן אַ ביז גאָר רייכן פֿאָלקלאָריסטישן און עטנישן מאַטעריאַל.

צום באַדויערן, האָט זיך ש. אַנסקין נישט איינגעגעבן צו דערפירן די געוואַלדיקע זאַמל־אַרבעט ביז צו אַ סוף. עס רייסט זיך אַריין דער ערשטער וועלט־קריג און מאַכט אַ תל פון עטלעכע יאָר קאָלאָסאַלער אַרבעט און פון די אוצרות פֿאָלקס־שאַפן, וואָס האָבן געקאָנט זיין דער יסוד פאַר אַ רייכן יידישן עטנאָגראַפישן און פֿאָלקלאָריסטישן מוזיי.

דער גרויזאַמער וועלט־קריג פון 1914, וואָס האָט פון סאַמע אָנהייב זיך אויסגעגאָסן מיט אַ באַזונדערן צאָרן אויפן יידישן פֿאָלק, האָט אַרויפגעוואָרפן אויף ש. אַנסקין נייע זאָרגן, נייע פליכטן. פונקט ווי ער איז אָט־ערשט אַרומגעפאָרן איבער שטעטל און שטאָט און געזאַמלט דאָס גייסטיקע פאַרמעגן פון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, אַזוי האָט ער אין די מאָרדיקע יאָרן פונעם קריג זיך געלאָזט איבער די ברענענדיקע חרובע יידישע שטעטלעך פונעם מלחמה־פראָנט און איינגעזאַפּט אין זיך די גרויליקע איבערלעבענישן פון די פאַראומגליקטע שוצלאָזע יידישע מאַסן. פריער האָט ער געקליבן אַ ליד צו אַ ליד, אַ ניגון צו אַ ניגון, אַ מעשה צו אַ מעשה, כדי אויפצושטעלן דעם גרויסן בנין פון דער יידישער נשמה, פון דער יידישער פּסיכיק, — און איצט האָט ער גענומען זאַמלען אומגליק צו אומגליק, פּיין צו פּיין, פּאַסירונג צו פּאַסירונג, פון וועלכע ס׳איז אויסגעוואַקסן „חורבן גאַליציע״, דער אוצר פון אכזריותן, פאַרפּאָלגונגען און חורבנות, וואָס די יידישע מאַסן האָבן געהאַט אויסצושטיין.

איך געדענק גוט ש. אַנסקין פון יענע יאָרן. ער פלעגט פון די גרויליקע פראָנט־פונקטן קומען יעדעס מאָל קיין קיעוו, וואו ער פלעגט אויסגיסן זיין צער און צאָרן און זיך באַמיען ביי די קיעווער יידישע גבירים, זיי זאָלן לינדערן די נויט, זיי זאָלן אַרויסהעלפן די פאַרפאָלגטע יידן. ער איז דאַן געגאַנגען אָנגעטאָן אין מיליטערישער אוניפאָרם, ווי אַ באַפולמעכטיקטער פון „פאַרבאַנד פון רוסישע שטעט״, ער איז שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, זיין שיינער קאָפּ

האָט זיך געבויגן אונטער דעם שווערן עול צרות, ער איז געווען, ווי יענער „שניידערל" ביי אַשן אין „קידוש השם", וואָס באַווייזט זיך דאָ און דאָרט צו ברענגען טרייסט, צו ברענגען בטחון. אין אַ בריוו פון אויגוסט 1914 האָט ש. אַנסקי געשריבן: „... צוגלייך מיט דער געוואַלדיקער אויפגאַבע צו העלפן די יידן, וואָס זיינען חרוב געוואָרן דורך דעם קריג, טרעט אַרויס אַן אַנדערע... נישט ווייניקער עקסטרע אויפגאַבע פון פּאָליטישן כאַראַקטער: שטיין אויף דער וואַך, אַז דער קריג זאָל נישט ברענגען די יידן נאָך גרעסערע אומגליקן... אויף אונדז רוקט זיך אָן אַן אומדערוואַרטעטע שרעקלעכע כמאַרע פון פּוילן, מען וואַרפט ממש אַרויף אויף די אינגאַנצן־אומשולדיקע יידן אַ שליף אויפן האַלדז... מען דאַרף אָנשטרענגען אַלע קרעפטן און קעמפן מיט אַט־דעם שענדלעכן בלבול..."

דאָס איז געווען ש. אַנסקי, דער קינסטלער און מענטש, — דער עטישער מאָמענט, די אחריותפולע אויפגאַבן זיינען שטענדיק געווען ביי אים אין אויבנ־אָן. אַמאָל האָט ער אין אַ בריוו געשריבן וועגן זיך: „איך האָב נישט קיין פרוי, איך האָב נישט קיין קינדער, קיין היים, אפילו קיין דירה, קיין מעבל. איך האָב נישט קיין פעסטגעשטעלטע געוואוינהייטן... דאָס איינציקע, וואָס עס פאַרבינדט מיך מיט אַט־די דאָזיקע באַגריפן פעסט און שטאַרק — איז — די נאַציע!"

4.

אויסער זיין ליטעראַרישער און פאָלקלאָר טעטיקייט, האָט ש. אַנסקי גרויסע פאַרדינסטן ווי אַ לעקטאָר, ווי אַ רעדנער. ש. אַנסקיס נאָענטער פריינט, דער אומגעקומענער משה שאַליט, כאַראַקטעריזירט אַזוי אַנסקין דעם פאַר־טרעגער: „אַנסקי איז געווען באַקאַנט אַלס אויסגעצייכנטער רעדנער מיט אַ באַזונדערער אויפריכטיקייט פון פאָרטראַג, לעבעדיקן, בילדלעכן אינהאַלט פון די באַאַרבעטע טעמעס און וואַרעמען, האַרציקן טאָן פון שילדערונג" („פון נאָענטן עבר", וואַרשע, 1937, ז' 310). ש. אַנסקי איז איין צייט אַרומגעפאָרן איבער די שטעט ווי אַ פאַרשטייער פון דער פעטערבורגער יידישער ליטעראַ־רישער געזעלשאַפט (פאַרמאָגט 98 אָפּטיילונגען אין רוסלאַנד, עקזיסטירט פון יוני 1908 ביז יולי 1911); שפּעטער — פון דער יידישער וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישער געזעלשאַפט (געעפנט אָנשטאָט דער פאַרמאַכטער דורך דער מאַכט יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, שוין אָן אָפּטיילונגען); די יידישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט אין פעטערבורג, די חברה „מפיצי השכלה" א.אַ. די רעפעראַטן זיינען דורך ש. אַנסקין געהאַלטן געוואָרן פון 1908 ביז 1918 (די גרעסטע צאָל פאַלט אויס אויף די יאָרן 1908־1914). צווישן

ש. אַנסקיס איבערגעבליבענע פּאַפּירן אין ווילנע איז אויפגעהיט געוואָרן אַ בוך מיט צייטונגס־אויסשניטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיינע עפנטלעכע רעפע־ראַטן אויף יידיש.

אָט זיינען די נעמען פון די רעפעראַטן, לויט די באַריכטן אין די צייטונגס־אויסשניטן (לויט די יאָרן, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געהאַלטן דעם פאָר־טראַג): 1. וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די שפּראַכן אין דער יידישער ליטעראַטור (1908); 2. געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן אין דער יידישער פאָלקס־שאַפונג (1909); 3. די מלחמה און איר אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור (1910); 4. די גרונט־מאָטיוון פון דער יידישער פאָלקס־שאַפונג; 5. וועגן מענדעלע מוכר ספרים; 6. די יסודות און כאַראַקטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור; 7. פאָלקס־ליטעראַטור און דער לייענער פון פאָלק; 8. די יידישע ליטעראַטור און איר פּערספּעקטיוון; 9. וועגן דעם יידישן פאָלקס־ליד (1911); 10. וועגן דער יידישער פאָלקסמוזיק; 11. די יידן און די מלחמה פון 1812; 12. באַדייטונג און כאַראַקטער פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג (1912); 13. די לעגענדעס און אגדות פון די יידן אין דרום־מערב געגנט; 14. וועגן חדר (1913); 15. דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון יידנטום (וועגן לעגיאָן, 1915); 16. דער מצב פונעם יידישן טעאַטער (1916); 17. די רעאַלע און מיסטישע יסודות פון דער יידישער משיחות (לעגיאָן); 18. די לעגענדע פון אַלטן שטייגער; 19. די יידישע פאָלקסשאַפונג (מעשהלעך פון אומשטערב־לעכן גייסט); 20. די לעצטע באַגעגעניש מיט ש. פרוג; 21. פרוג, שלום־עליכם, פּרץ; 22. טעאַטער פאַרן געריכט פון דער רעוואָלוציע (1918).

אגב, דאַרף מען איצט, ספּעציעל איצט באַטאָנען, אַז אַנסקי, וואָס איז געווען טיף, מיט האַרץ און נשמה, פאַרבונדן מיט דער רוסישער שפּראַך, מיטן רוסישן שאַפן, האָט געמיינט „גלייכבאַרעכטיקונג פון די שפּראַכן" — נישט חס־ושלום יידיש און רוסיש, נאָר יידיש און העברייאיש...

מ. שאַליט האָט אויפן סמך פון די צייטונגס־באַריכטן אויפגעשטעלט דעם אינהאַלט פון די רעפעראַטן. מיר האָבן, צוליב מאַנגל אין אָרט, קיין מעגלעכ־קייט נישט איבערצוגעבן עס דאָ. ווער ס'אינטערעסירט זיך, קאָן עס געפינען אין מ. שאַליטס גרעסערער אָפּהאַנדלונג „ש. אַנסקיס רעפעראַטן" („פון נאָענטן עבר", 4, 1937, ז' 310־320).

5.

ש. אַנסקיס „דער דיבוק" איז געווען איינע פון די דערפאָלגרייכסטע

פּיעסעס די לעצטע 25 יאָרן אויף דער יידישער און העברייאישער בינעס. ס׳איז נישט געווען נאָך אַ פאָרשטעלונג, וואָס זאָל פאַרכאַפּן אַזוי דאָס יידישע טעאַטער און דעם עולם ווי אַט־די אַנסקי־דראַמע. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן יאָרן־לאַנג דורך די פאַרשיידנסטע יידישע טרופּעס אין גאָר דער וועלט. פאַרשיידענע רעזשיסערן, מוזיקער, מאָלער האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף אַט־דעם אויסטערלישן ווערק. די אַנגעזעענסטע שוישפּילער האָבן געפּרואווט אויסצוגעשטאַלטיקן די „דיבוק״־פאַרשוינען. דעם גרעסטן רעקאָרד האָבן געשלאָגן די „ווילנער טרופּע״, וואָס האָט די אַנסקי־שאַפונג געשפּילט עטלעכע יאָר כסדר, און די „הבימה״, וואָס איז געוואָרן וועלט־באַרימט אַ דאַנק דער „דיבוק״־אויפפירונג, וואָס דער באַוואוסטער וואַכטאַנגאָוו האָט אויסרעזשיסירט מיט דער הילף פון דעם מוזיקער יואל ענגעל און מאָלער נתן אַלטמאַן. נאָך אין 1930, מיט 15 יאָר צוריק, האָט שוין די „הבימה״ געהאַלטן ביי דער 700־ער „דיבוק״־פאָרשטעלונג. און חוץ יידיש און העברייאיש איז די פּיעסע געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג אויף ענגליש, פראַנצויזיש, פּויליש, דייטש, האָלענדיש, נאָרוועגיש, שוועדיש, יוגאָסלאַוויש און אפשר אין נאָך שפּראַכן. ס׳איז אויך געשאַפן געוואָרן אַן אינטערעסאַנטע אָפּערע פון „דיבוק״ דורכן אָנגעזעענעם איטאַליענישן קאָמפּאָזיטאָר ראָקא, וואָס איז מיט דערפאָלג גע־גאַנגען אין איטאַליע, פּוילן, אַמעריקע (ס׳לוינט זיך באַזונדער דערציילן וועגן דער אָפּערע). ס׳איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ יידישער פילם פון דער פּיעסע. הכלל, ס׳איז אַ צייט לאַנג געווען ממש אַ פּסיכאָז מיטן „דיבוק״. מ׳האָט זיך געוווּרטלט, אַז דער דיבוק איז אַריין אינעם יידישן טעאַטער, און מ׳קאָן אים גאָרנישט אַרויסטרייבן פון דאָרטן. אייניקע שוישפּילער זיינען „פאַרדיבוקט״ געוואָרן, און ווען זיי האָבן געשפּילט גאָר אַנדערע ראָלן האָט אַלץ אַרויסגע־רעדט פון זיי דער דיבוק.

און נאָך עפּעס: קיין שום הײַנטצײַטיקע פּיעסע האָט נישט געהאַט ביים אויפפירן אַזוי פיל „קאָנצעפּציעס״, אויסטייטשונגען, וואַריאַנטן, און אַרום קיין שום אַנדערער מאָדערנער פּיעסע איז נישט געשאַפן געוואָרן אַזאַ רייכע ליטע־ראַטור: אָפּהאַנדלונגען, אַרטיקלען, רעצענזיעס, פּירושים, שאַרפע פּאָלעמיק, רעפעראַטן, פּאַראָדיעס, בילדער, קאַריקאַטורן. מ׳זאָל אויפזאַמלען דאָס אַלץ, וואָס ס׳איז געווען פאַרבונדן מיטן „דיבוק״, וואָלט עס געקלעקט פאַר אַ רייכן מוזיי.

און מערקווירדיק: ש. אַנסקי האָט פולע זעקס יאָר זיך אַרומגעטראָגן מיט אַט־דער פּיעסע, און נישט געקוקט אויף זיינע אַלע באַמיאונגען האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, אַז זיין „דיבוק״ זאָל זען די ליכטיקע בינע־שיין. ערשט זיין פריצייטיקער טויט (נאָוו. 1920), וואָס האָט אַרויסגערופן צווישן פריינט און

פאַרערער אַ טיפן טרויער, האָט געגעבן דעם שטויס, מ׳זאָל ענדלעך די פּיעסע געבן אַ סצענישן תיקון.

די גאַנצע לאַנגע געשיכטע, ווי ש. אַנסקי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער פּיעסע און זיך אַלץ נישט געקאָנט דערשלאָגן, מ׳זאָל זי אויפפירן, איז אַן אינ־טערעסאַנט בלאַט געשיכטע. מיר וועלן דאָ דערציילן בקיצור וועגן די אַלע שוועריקייטן.

ש. אַנסקי האָט אָנגעשריבן זיין דראַמע „דער דיבוק" נישט, ווי אַנדערע האָבן געמיינט, אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע (1917־1918), נאָר אָנהייב דעם ערשטן וועלט־קריג. סוף 1915 שרייבט ש. אַנסקי אין אַ בריוו צו זיינער אַ פריינדין: „מיט דער פּיעסע קומט גאָרנישט אַרויס. דער רעזשיסער פון דער סטודיע (פונעם מאָסקווער רוסישן קונסט־טעאַטער—נ. מ.) סולערזשיצקי איז נערוועז קראַנק און פאָרט אַוועק ערגעץ־וואו אין אַ סאַנאַטאָריע, און צו סטאַניסלאַווסקין איז שווערער צוצוקומען ווי צו אַ מיניסטער. דעם אמת־זאָגנדיק, האָב איך פאַרלוירן דעם חשק צו גיין צו זיי. איך האָב נישט געוואוסט, אַז אויפן וועג צו דער סצענע דאַרף מען דורכגיין אַזוי פיל נידעריקע טירלעך." ש. אַנסקי ענדיקט דעם בריוו מיט פאַרצווייפלונג: „נו, מילא, זאָל זיין אַזוי. אויב די פּיעסע איז אַ גוטע, וועט מען זי שטעלן אין 50 יאָר אַרום, אַז מיין מיטווירקונג, און אויב אַ שלעכטע — לוינט דאָך געוויס נישט צו עיסקן זיך מיט איר." אַנסקי ענדיקט דעם טרויעריקן בריוו: „נאָר גאָט צו דאַנקען, מיך אינטערעסירט דאָס ווייניק. און ס׳איז שוין אגב שפּעטלעך וועגן דעם צו זאָרגן." ש. אַנסקי איז, ווי געזאָגט, אַריינגעצויגן געוואָרן אין די קריג־פּורעניותן, וואָס האָט אים איינגאַנצן פאַרכאַפּט. אָבער דאָך, ווען ס׳שאַפט זיך אַ געלעגנהייט לייענט ער פאַר די דראַמע פאַר פריינט, פאַר קאָלעגן. ש. אַנסקי האָט פאָרגעלייענט די דראַמע אין פּעטערבורג. ש. ניגער האָט דערציילט (אין „טאָג"): „דער אמת איז, אַז ווען אַנסקי האָט צום ערשטן מאָל פאָרגעלייענט זיין דראַמע אין פּעטערבורג פאַר אַ גרופּע שריפטשטעלער און קריטיקער (דאָס איז געווען אין יאָר 1916), האָט ער אויף קיינעם נישט געמאַכט קיין שטאַרקן איינדרוק, און עס האָט נישט געהאָלפן דאָס, וואָס איינער פון די צוהערערס האָט זיך געמיט צו געפינען אין „דיבוק" נאָך עפּעס, אַחוץ אַ „קאָלעקציע עטנאָגראַפישע מאַטעריאַלן." דער עולם האָט אָט־דאָס „נאָך עפּעס" נישט געזען, נישט געפילט, און כמעט אַלע זיינען געבליבן ביי דער מיינונג, אַז דער „דיבוק" איז נישט מער ווי אַ ציקל קונציק־אינסצענירטע יידישע פאָלקס־מנהגים און פאָלקס־גלויבונגען."

אַנסקי האָט פאָרגעלייענט זיין דראַמע אין 1917 אין קיעוו פאַר די דאָר־טיקע שרייבער און קולטור־טוער (איך בין דאַן גראָד אין קיעוו נישט געווען!),

און דאָס ווערק איז נישט געפעלן. ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז אין יענער ברויזנ־דיקער צייט האָט די „דיבוק"־געשיכטע נישט געקאָנט פאַרכאַפּן די צוהערער.

מ'קאָן זיך פאַרשטעלן, אַז אַט־די אָפּרופן האָבן ש. אַנסקין געוויס געקרענקט. ער האָט אָבער נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז וואָסער ס'איז טעאַטער (זאָל זיין אַ רוסישער) זאָל דאָך פּרובירן צו שטעלן דעם „דיבוק". אָט שרייבט ער (אין אַ בריוו פון 8־טן מערץ 1918): „... מיטן קינסטלערישן טעאַטער איז נישט גוט. סטאַניסלאַווסקי איז קראַנק, ליגט. טשעכאָוו איז קראַנק, נערוועז־צעשיטערט. איך בין געווען ביי אים נעכטן און האָב שיער נישט געוויינט... מיין פּיעסע איז ניט אַריינגענומען אין רעפּערטואַר פון היינטיקן סעזאָן. סושקעוויטש האָט דאָס מיר מודיע געווען כמעט מיט טרערן אין די אויגן: „אייער פּיעסע געפעלט אונדז אַלעמען זייער, מיר האָבן זיך איינגעלעבט מיט איר. אָבער ווען ס'האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן אויפפירן זי איצט, — האָבן מיר זיך נישט אַנטשלאָסן. זי פאָדערט אַזאַ אָנשטרענגונג, וועלכע מיר קאָנען איצט נישט געבן ביי אונדזערע צעשיטערטע נערוון... חוצדעם וועט דער עולם ביי דער איצטיקער אַלגעמיינער שטימונג נישט גיין זי זען. צו־שווער איז זי און גרויזאַם. דעם עולם ווילט זיך איצט פאַרגעסן. דעריבער האָבן מיר זי אָפּגעלייגט אויפן צווייטן סעזאָן." „ס'איז טרויעריק!"— גיט צו ש. אַנסקי. אינעם זעלבן בריוו דערציילט אַנסקי, אַז די „הבימה"־סטודיע אין מאָסקווע וועט אָנהייבן די טעג די פּראָבן פון דעם „דיבוק" אויף העברייאיש. ווי באַקאַנט, האָט די „הבימה" אויפגעפירט דעם „דיבוק" ערשט אין דריי יאָר אַרום, אַפּריל 1921, — אַ 5 חדשים נאָך אַנסקיס טויט.

דער „דיבוק" איז איבערגעזעצט געוואָרן פון יידיש אויף העברייאיש דורך ח. נ. ביאַליק. די איבערזעצונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „התקופה" (מאָסקווע 1918), פיל פריער איידער דער יידישער אָריגינאַל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן. אגב, מ. גנעסין — איינער פון די עלטסטע „הבימה"־שפילער — גיט איבער אינטערעסאַנטע פּרטים, ווי ש. אַנסקי האָט פאַרגעלייענט אין מאָסקווע פאַר אַ גרופּע „הבימה"־איניציאַטאָרן זיין פּיעסע אין 1916 („ליטעראַרישע בלעטער" 1930, נ' 45).

האַרבסט 1918 איז ש. אַנסקי אַ מידער, אַ צעבראָכענער געקומען פון מאָסקווע קיין ווילנע. זיינע אַלע זאַכן, אויך דעם מאַנוסקריפּט פון „דיבוק" האָט ער איבערגעלאָזט אין מאָסקווע. ס'איז אַ שווערע צייט, און ש. אַנסקי לעבט זי אַדורך באַזונדערס שווער. ער איז דערצו אַ שטאַרקער חולה, מאַכט אַדורך אַ קרענק אינעם שפּיטאָל „משמרת חולים". און ווידער דערוועקט זיך ביי אים דער ווילן צו זען זיין דראַמאַטישע שאַפונג אויף דער בינע. ווי ש. ל. ציטראָן גיט איבער, האָט ש. אַנסקי געמוזט אויפשטעלן דעם יידישן טעקסט פון

דער פּיעסע לויט ביאַליקס איבערזעצונג. איינער אַ יידישער אָפּיצער פון דער דייטשער אַרמיי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ באַנד „התקופה" פון בערלין, איז פון דעם עקזעמפּלאַר האָט ש. אַנסקי צוריק איבערגעזעצט זיין ליבלינג־ווערק פון העברייאיש אויף יידיש. אַ נייער גלגול פון דעם „דיבוק", וואָס קאָן אַלץ נישט קריגן קיין תיקון. דעם 17־טן יאַנואַר 1919 האָט ש. אַנסקי פאַר־געלייענט זיין ווערק פאַר אַ צענדליק פאַרבעטענע שרייבער און שוישפּילער (עס זיינען געווען א. וויטער, ש. ניגער, א. מאַרעוווסקי, לייב יאַפּע, משה שאַליט א.אַ.). אַנסקיס לייענען האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף די צוהערער, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען אַ דיסקוסיע איבער דער פּיעסע. מ. שאַליט דער־ציילט, אַז „כמעט קיינער האָט נישט געהאַפּט, אַז דער „דיבוק" זאָל האָבן אַ דערפאָלג אויף דער בינע, און איין סקעפּטיקער האָט געזוכט אַריבערצושטייגן דעם צווייטן..." (ש. אַנסקי־העפט „לעבן", ווילנע 1921).

יוני 1919 איז ש. אַנסקי אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו ס׳הייבט זיך אָן אַ נייע סדרה מיט אונטערהאַנדלונגען צו שטעלן די פּיעסע אין וואַרשע, ווי אויך אין אַמעריקע. עס גייען אַוועק חדשים און חדשים, און ש. אַנסקין גיט זיך אַלץ נישט איין, מ׳זאָל אויפפירן זיין שאַפונג אויף די בינע־ברעטער. עס האָט זיך אויפגעהיט אַ זייער אינטערעסאַנטער בריוו וועגן דעם „דיבוק" פון ש. אַנסקי צו זיין באַקאַנטסטן פריינט ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, געשריבן דעם 30טן אויגוסט 1920, אַ 9 וואָכן פאַר זיין טויט (דער בריוו איז פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור", 1944, נ׳ 12, ז״ז 53־54), מיר נעמען אַרויס פון דאָרטן בלויז אַ פּאָר שורות: „צי וויל איך זאָלסט רעדן מיט די טעאַטערן וועגן שטעלן די פּיעסע? וואָס פאַר אַ פראַגע?... ווען עס וואָלט זיך איינגעגעבן די פּיעסע זאָל גיין אין אַמעריקע (פאַרשטייט זיך, קינסטלעריש געשטעלט), וואָלט עס זיין אַ גליק פאַר מיר. חוצדעם, וואָס אַ פּיעסע דאַרף סוף־כל־סוף געשטעלט ווערן, ווי אַ מיידל דאַרף חתונה האָבן, וואָלט עס געקאָנט האָבן אַ ווירקונג אויף דעם פאַרשפּרייטן פון מיינע ווערק אין אַמעריקע... און מיין העכסטער טרוים איז איצט — אַרויסלאָזן פאַרן לעבן מיינע געזאַמלטע שריפטן..." און ש. אַנסקי גיט צו: „צי איז די פּיעסע וואו געשטעלט — ווייס איך נישט..."

דער געזונט־צושטאַנד פון ש. אַנסקין האָט זיך אַלץ פאַרערגערט. אינעם זעלבן בריוו זאָגט ער: „וועגן מיין געזונט ווילט זיך ניט שרייבן. היינט, למשל, פיל איך זיך גוט. אויף אַזויפיל, אַז איך האָב דעם בריוו געקאָנט אָנשרייבן. האָב איך אָבער געפּרוווט אַרויסגיין פון סאַנאַטאָריום, וואו איך געפין זיך, האָב איך זיך קוים אַ לעבעדיקער אומגעקערט. די פיס געשוואָלן און ווילן נישט גיין. דאָס האַרץ זייער שוואַך. אפשר וועט זיך מיר איינגעבן אַריבער־פאָרן אין בערלין, דאָרט היילן זיך... וואָס פאַר אַ שווערע אַטמאָספערע דאָ

איז, איבערהויפּט איצט, ווייסטו אַליין. דאָס גיט אויך נישט צו קיין געזונט...
— נו, דערווייל געזונג. איך קוש און האַלדז דיך מיט דער העכסטער צאַרטקייט און ליבע, — דיין שלמה זאַנוול."

אין די לעצטע וואָכן פון זיין לעבן, נישט געקוקט אויף זיין שווערער קראַנקהייט, איז ש. אַנסקי געווען פול מיט אַקטיוון ווילן צו טאָן, צו העלפן בויען קולטור־אינסטיטוציעס. און דעם 8־טן נאָוועמבער 1920 איז ער געשטאָרבן אין וואַרשע. זיין טויט האָט אויפגערודערט די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן. ס'איז פאָרגעקומען אַ גרויסאַרטיקע לוויה, מ'האָט אים באַהאַלטן אַרום זיינע נאָענטע פריינט פּרץ און דינעזאָן. ביים אָפענעם קבר האָבן שוישפּילער געגעבן אַ וואָרט אויפצופירן דעם „דיבוק" צו שלושים. און דאָס מאָל האָט ענדלעך דער „דיבוק" דערזען די בינע־שיין. אין לויף פון די קומענדיקע צען יאָר איז אויך פאַרווירקלעכט געוואָרן ש. אַנסקיס צוואַיטער טרוים — עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן זיינע געקליבענע ווערק אין יידיש אין 15 בענד.

אויף די קברים פון פּרץ, דינעזאָן און אַנסקי איז אויפגעשטעלט געוואָרן איין מצבה, דער „אוהל פרץ". און דאָ, אַרום זיינע צוויי האַרציקע פריינט, האָט ש. אַנסקי נאָך אַן אומרואיק לעבן געפונען זיין אייביקע רו.

1946

דר. חיים זשיטלאָווסקי

דר. חיים זשיטלאָווסקי איז אַלט געוואָרן 75 יאָר.

צענדליקער יאָרן האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי געפּאָרשט די יידישע און אַלגעמיינע געשיכטע, באַמיט זיך אויפצוקלערן די איבערוואַנדלונגען פונעם יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, אין הונדערטער אַרטיקלען און גרעסערע אָפּהאַנדלונגען האָט ער געזוכט די היסטאָרישע פאַרבינדונגען פון די אידייען־גערעאַנגלעניש אין דער יידישער וועלט, — און איצט דאַרף דר. זשיטלאָווסקי אַליין ווערן דער אָביעקט פאַר אַנאַליז, פאַר פאָרשונג.

און עס איז ניט פון די גרינגע זאַכן אויפצושטעלן אַ פול און גאַנץ בילד פון דר. זשיטלאָווסקי דעם מענטש און שרייבער, דעם קעמפער און דענקער.

מען מוז אים נעמען אין דער פאַרבינדונג מיט די וויכטיקסטע עטאַפּן פונעם יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק און אין פאַרבינדונג מיט די אידייאישע און פּאָליטישע קאַמפן, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אין דער יידישער און ניט־יידישער וועלט די לעצטע 55 יאָר. עס איז אויך ניט גרינג דערפאַר, ווייל דר. ח. זשיטלאָווסקי איז אַזאַ גרויסער פּזרן. ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאַר־גונען אָפּצוגרענעצן זיך פון אַלץ אַרום, זיך צו באַהאַלטן אין איין ווינקל, זיך אָפּגעבן בלויז מיט איין אַרבעט. און הגם, ווי עס דוכט זיך, ער איז שטענדיק געגאַנגען זיין איין וועג, האָט ער אָפט זיך אַראָפּגעכאַפּט אויף זייטן־וועגן. און ווי דער טייך אין אָנהויב פרילינג, וואָס פליסט אַרויס פון זיינע ברעגעס און שאַפט זיך אויסער זיין הויפּט־שטראָם אויך אַנדערע דערבייאיקע, זייטיקע שטראָמען און אָפּפלוסן, אַזוי אויך האָט זשיטלאָווסקי אין פאַרשיידענע צייטן זיך אַוועקגעלאָזט אין זייטן־פלוסן. און אַזעלכע פרילינגען האָט דר. זשיט־לאָווסקי במשך פון זיינע 55 יאָר שרייבערישער און געזעלשאַפטלעכער טעטי־קייט געהאַט אַ סך.

ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אויסצוקריסטאַליזירן און אויסצוגעשטאַלטיקן דאָס געזיכט, דעם פּרצוף־פּנים פונעם מאָדערנעם ייד־מענטש. און ניט מיט נעגירן, מיט ברעכן און פאַנאַנדערוואַרפן צוימען. דר. זשיטלאָווסקי האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף באַיאָען. עס איז געווען זייער שווער דער גאַנג פונעם

יידישן מיטלאַלטער, וואָס האָט זיך פאַרצויגן אַזש ביזן סוף פונעם 19טן יאָר־הונדערט אינעם יידישן לעבן. האָבן די קעמפער פאַר אַ ניי לעבן פאַרלוירן דאָס געדולד, געווען פול מיט צאָרן און פאַרביטערטקייט קעגן דאָס אַלטע. דר. זשיטלאָווסקי האָט עס געמאַכט גוטמוטיקער, געדולדיקער. ניט אַנגעפאַלן, נאָר דערוויזן, אַז מען קאָן אַנדערש אויפריכטן דאָס יידישע לעבן אויף נייע וועלטלעכע יסודות. און סאַר אַ מאַסע ענערגיע דר. זשיטלאָווסקי האָט געפּטרט אין זיין רעדן און שרייבן אויף דער פאָרמולירונג און געשטאַלטונג פון דעם גאַנצן מאָדערנעם מענטש־ייד.

און ווי אַנדערש ער איז געווען פון די טוער און פירער, וואָס זיינען געקומען פון דער פרעמד, מיט אַ פאַרטיקן רעצעפּט פון „נהיה ככל הגוים״, — לאָמיר זיין ווי אַלע אַנדערע. יענע האָבן געבראַכט מיט זיך פרעמדע, פאַרטיקע פאַרמען און מאָסן און געוואָלט אַריינפּאַסן די יידישע מאַסע, דאָס יידישע פאָלק אין אָט די פאַרמען און לבושים. פשוט און פּראָסט איז געווען די תרופה, וואָס דר. לעאָן פינסקער האָט געבראַכט דעם קראַנקן יידישן פאָלק, און אַזוי אויך דר. טעאָדאָר הערצל. „אויב איר ווילט — איז עס ניט קיין לעגענדע״, — עס איז געווענדט בלויז אָן דעם ווילן. וויל מען, איז אַלץ רעכט. דער עיקר, מען זאָל זיך האַלטן ביים רעצעפּט, וואָס מען שרייבט צו דעם קראַנקן. און דערצו די אַלע, וואָס זיינען געקומען פון דער פרעמד, זיינען בעיקר אויסן געווען דעם גוף, דאָס דרויסנדיקע, דאַרף מען האָבן בלויז אָן אָפּעראַציע און פאַרטיק. אויף אַ פּאָר צענדליק זייטלעך איז אויסגעלייגט די גאַנצע תרופה. גאָר אַנדערש איז מיט די, וואָס זיינען געקומען צו די יידן־פּראָבלעמען פון אינעווייניק אַרויס. וואָס מער מען פּרוּווט פאַרענטפערן, אַלץ מער ווערט פאַרקניפּט. וואָס מער אויסוועגן, אַלץ מער אומוועגן. און ווי זאָגט מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, דער באַוואוסטער דענקער און פרעגער, „ועדין יש לשאול!״ — עס איז דאָ נאָך פיל און פיל וואָס צו פרעגן, צו פרעגן און אָפּצופרעגן. דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט געשטעלט די פראַגן, כדי צו געבן די פּאַסיקע ענטפערס. און ביים פאַרענטפערן די קשיות, זיינען אַלעמאָל אויפגעקומען נייע פראַגן און פּראָבלעמען. און ער האָט זיי אָן אויפהער געשטעלט, געשטעלט זיך, זיין דור, זיין צייט, זיין תקופה.

זיין גאַנצער לעבנס־ און שאַפונגס־וועג איז איין כסדרדיקער געראַנגל, איין כסדרדיקער קאַמף פאַר דער באַהעפטונג פון די צוויי קעגנזייטיקע כחות אינעם לעבן — נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם. ווי גרינג עס איז געווען זיך אָפּצוזאָגן פון איינעם צוליבן צווייטן. אָבער זשיטלאָווסקי האָט קיינמאָל ניט מוותר געווען אויף קיין האָר ניט זיין סאָציאַליזם און ניט זיין נאַציאָנאַליזם. ער האָט געזוכט דעם סינטעז צווישן די סתירותדיקע כחות אויף זיין אייגענעם

שטייגער — אָפּטמאָל מיט אַן איבערגעוויכט אויף איין זייט, און אַמאָל — אויף דער צווייטער זייט.

און יעדעס מאָל איז אים צו הילף געקומען, אָדער, פאַרקערט, עס האָט אים „ארויסגעבראַכט פון גלייכגעוויכט״, דאָס אַרומיקע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן און די רעאַלע פּאַסירונגען אין דער וועלט. דאָס האָט אים שטענדיק געגעבן שטאָף, אויפרייץ־ און אָנרעג־שטאָף, פאַר וויטערדיקע באַטראַכטונגען. אין פייער פון די פּאָליטישע געשעענישן האָט דר. ח. זשיטלאָווסקי געשמידט זיין גייסטיק געווער. און דעם געווער האָט ער קיינמאָל ניט אַריינגעלייגט אין שייד אַריין. זיינע אַרטיקלען זיינען אָפט געווען אַ באַרעכטיקונג, אַ פאַרעפנטפערונג פאַר זיינע טאַטן, די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע. עס איז אָפט אויך געווען אַ מין טענהן און אויסטענהן זיך מיט זיך גופא. עס איז אויך געווען די באַמיאונג אויסצוגלייכן די ווידערשפּרוכן, די ווידעראַנאַנדן, וואָס זיינען אָפט געקומען צום אויסדרוק. און דר. זשיטלאָווסקי האָט זיי קיינמאָל ניט באַהאַלטן, נאָר אדרבא, ער האָט זיי אַליין אַרויסגערפן, ער האָט זיי געשטעלט מיט זייער גאַנצער שאַרפקייט כדי צו קאָנען זיי פאַרענטפערן.

אין פלוג אַ גאַנצער, אין פלוג אַ דורכאויס־איינהייטלעכער, אָבער אין תוך איז ער אַ מענטש מיט ווידעראַנאַנדן. ער גייט, דוכט זיך, שטענדיק זיין אויסגעפלאַסטערטן וועג, דעם דרך־המלך, אָבער אין אמתן הערט ער ניט אויף צו קלעטערן און צו שפּאַנען אויף זייטן־וועגן. ער, וואָס איז פאַרוויגט פאַר דעם גראַדליניקסטן, איז פול מיט קעגנזאַצן, און זיין גייסטיקער און אידייען־וועג איז שטענדיק זיגזאַגיש.

סוף כל סוף איז ער דער בויגזאַמסטער צווישן די יידישע פּובליציסטן, פּאָליטיקער און דענקער. און הגם ער אַליין האַלט אין איין דערוויזן, אַז ער איז אַלעמאָל דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, האָט ער גענוג צוימען אַריבערגעשפּאַנט און זיך ניט געשראָקן צו ברענען בריקן הינטער זיך. ער האַלט אין איין וואַרפן בליקן אויך אויף צוריק. ער פאַרווישט ניט די טריט הינטער זיך, ער פאַרגעסט ניט די פאַרגאַנגענהייט, ער וואַרפט אויף איר שטענדיק אַ ניי ליכט און נעמט זי, די פאַרגאַנגענהייט, אויף מיט נייער וואַרעמקייט און באַהאַרציקייט. ערגעץ־וואו האָט דר. זשיטלאָווסקי געשריבן אין שייכות מיט זיין פאַרשן די היסטאָרישע אידייאישע פאַרבינונגען: „מיר האָבן אין די פאַרגאַנגענע דורות אַ סך מער אייביק־לעבנדיקע מענטשלעכקייט, איידער פאַרשימלטן שטויב.״ און אַזוי שפּאַצירט ער אום אין געשיכטלעכע ווייטקייטן און זוכט און נישטערט און גראָבט אויס דאָרט אידייען, אויפשיינען, אויפבליצן, וואָס קאָנען באַלויכטן אונדזער איצטיק לעבן.

אין פלוג גאָר אַ רואיקער, אָבער אין תוך איז דר. זשיטלאָווסקי פון די

סאָמע אומרואיקסטע פּערזענלעכקייטן ביי אונדז. פון דער סאַמע קינדהייט אָן האָט ער זיך געפונען צווישן ווידערשפּרעכנדיקע כחות און פאַקטאָרן, צווישן פאַרשיידענע סתירותדיקע וועלטן און סביבות. פון זיין פאָטערס צד — פאַרברענטע מתנגדים (זיין פאָטער האָט געלערנט אין דעם מתנגדישן וואָלאָזשין!). וועגן זיין פאָטער דערציילט זשיטלאָווסקי, אַז ער איז געווען „אַ זעלטענער דענקענדיקער קאָפּ מיט אַ שאַרפער לאָגיק און קלאָרן שכל. אַ מערקווירדיקער מסביר מיט אַ פאַרליבע פאַר אילוסטרירנדיקע משלים, מוזיקאַליש און פּאָעטיש באַגאַבט" (עס איז שיער נישט קיין שטיק כאַראַק־טעריסטיק פון דר. ח. זשיטלאָווסקין גופא). און פון דער מוטערס צד — ליבאַוויטשער חסידים מיט דער ספּעציפישער חבדישער עמקות (טיפקייט) און כסדרדיקן טראַכטן און אַריינטראַכטן אין פאַרשיידענע וועלט־ און הימל־זאַכן. אין זיין עלטערן־שטוב — פרומקייט און היינטוועלטישקייט, אמונה און השכלה; שפע, זאַטקייט אין הויז און אָרעמקייט און נויט אַרום. און אַזוי איז ער גע־וואָקסן — אין חדר און אין גימנאַזיע, מלמדים און לערער, מאַסן־קינדער און קינדער פון פאַרמעגלעכע, יידישע און נישט־יידישע פריינט און חברים. און אַזוי ווייטער און ווייטער ראַנגלען זיך אין אים פאַרשיידענע קולטורן און שפּראַכן. נאָך דעם יידישן און יידישלעכן וויטעבסק קומט די עכט־רוסישע שטאָט טולאַ. אָט ערשט איז ער צווישן די העברייאיש־פאַרצייטישע צייט־שריפטן „הלבנון", „הצפירה", „המליץ" — און שוין קומען צו גאָר אַנדערע, רוסישע: און „חיבת־ציון", „בילו" (בית יעקב לכו ונלכה — אַ ציוניסטיש־סטודענטישע באַוועגונג!) בייט זיך מיט „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און מיט דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

און דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס זשיטלאָווסקי וואַרפט איבער בריקן פון איין ברעג צום צווייטן, — און כדי ערגעץ אָנצוקומען וויל ער נישט פאַר־לאָזן די פריערדיקע היים און סביבה. ווי זאָגט דאָס אַלטע וואָרט: „יש מקום בראש להניח שתי זוגות תפילין" — עס איז דאָ אַן אָרט אויפן קאָפּ צו לייגן צוויי פּאָר תפילין. דר. זשיטלאָווסקי שטעקט אין דיביידע וועלטן, שטייט פעסט אויף די ביידע באָדנס און ער זוכט פאַרבינדונג, צוזאַמענהאַנג צווישן די וועלטן, וואָס זיינען אין תוך אַזוי ווייט איינע פון דער צווייטער.

דערביי איז וויכטיק אָט וואָס: ער פּריידיקט נישט קיין אידייען, אידעאַלן פאַר אַנדערע, נאָר ער גופא איז דער אָביעקט פון אָט די איבערוואַנדלונגען. אויף אייגענע פּלייצעס טראָגט ער אַרויס זיינע עקספּערימענטן. ער איז נישט פון די דאָקטוירים, וואָס שרייבן־צו רעצעפּטן פאַר אַנדערע. קודם כל איז ער אַליין שטענדיק „אין קאָן", דעם דיאַגנאָז שטעלט ער פריער פון אַלץ אויף זיך גופא.

זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, וואָס איז ביי אים פאַרבונדן מיט דער ליטעראַריש־טעאָרעטישער, הויבט זיך אָן ווען ער האָט געפּלאַנט אַן אומלעגאַלע יידישע אָרגאַניזאַציע „תשועת ישראל", וואָס זאָל פּריידיקן „פּראָגרעסיוון יידישן נאַציאָנאַליזם אויף סאָציאַליסטישע יסודות, מיט יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך". און זינט יענער צייט, שוין אַ מעשה פון אַ 55 יאָר, איז ער אַלץ געטריבן פונעם דראַנג צו פאָרמולירן און אויסצוקריסטאַליזירן זיין וועלט־אָנשויאונג. און ער ווערט נישט מיד צו קנעלן און צו לערנען. „נישט איין פּאָר לונגען — האָט אַמאָל דר. זשיטלאָווסקי געזאָגט אין זיינער אַ רעדע אין וואַרשע, 1925 — האָב איך אויסגערעדט פאַר אָט דעם אמת" (אַז די יידישע קולטור „איז אַ נאַציאָנאַלע" — ב. מ.).

אָבער צי נאָר פאַר דעם־אָ אמת? און צי דען נישט אויך פאַר נאָך און נאָך אמתן, וואָס האָבן אויסגעזען אין זייער צייט פאַר גוזמאות, מיספאַר־שטייענישן און פאַנטאַזיעס? און זשיטלאָווסקי דערציילט אויף זיין יידישלעכן שטייגער, ווי מען האָט אַמאָל אויף אים געטייטלט: „אַ וואווילער, אַ פיינער יונגערמאַן, נאָר עפּעס נישט מיט אַלעמען, עפּעס גערירט!" און דאָס האָלט מען אין איין טענהן אַלעמאָל קעגן אים, און אַמאָליקע יאָרן — אויך צווישן די נישט־יידן, מיט וועמען עס איז אים אויסגעקומען צו פירן אַן אידייאישן קאַמף. און אַזוי ביז אויף היינט צו טאָג.

ווען מען וויל אויפנעמען דר. חיים זשיטלאָווסקי אין זיין גאַנצן פאַרנעם, מוז מען נעמען אין באַטראַכט זיין טעטיקייט פאַר די אַלע יאָרן, וואָס ער איז אַקטיוו אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. ער אַליין טוט עס אין זיינע זכרונות, וואָס ער האָט דערווייל פאַרעפנטלעכט אין דריי בענד. דאָרט זיינען געגעבן זיינע אַלע איבערוואַנדלונגען, אידייאישע גערעאַנגלעניש, די אַלע זוכענישן און דערגרייכונגען, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין זיינע האַנדלונגען און אָפּהאַנדלונגען. ער באַקעמפט דאָגמעס און איז אַליין געקניפּט און געבונדן צו זיי. ער גייט אַלץ־ווייטער און ווייטער און קערט זיך אָפּטמאָל אום צו זיין אייגענעם אָנהייב. ער באַמיט זיך אַרויסצוברענגען די חילוקי־דעות, וואָס זיינען דאָ צווישן אים און זיינע מיטגייער און מיטקעמפער. און דר. זשיטלאָווסקי דערציילט וועגן דעם איראָניש: „פון דר. זשיטלאָווסקין איז נישט אויסצוהאַלטן — טענהט מען. — אָט איז ער אַזוי, און שפּעטער ליאַרעמט ער וועגן גאָר אַנדערש. אָט דרינגט ער, אַז היינט איז שבת, און אָט — אַז היינט איז זונטיק. אָבער דערווייל איז טאַקע אַוועק שבת, און ס'איז געקומען זונטיק." און וויפיל מאָל האָט זיך עס געטוישט, עס איז אַוועק אַ שבת און עס איז געקומען אַ זונטיק אויף דער יידישער גאַס, פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן.

פריער וואַרפט ער אָן די אַלגעמיינע סכעמע, דערנאָך קומט אַ ברייטערע פאָרמולירונג, ער הייבט אָן אַליין אויסטייטשן די אידייען און אידעאָלאָגיעס, וואָס ער ברענגט אַרויס אָדער וואָס ער אַגיטירט פאַר זיי. און אָפטמאָל גיט ער, לויטן יידישן שטייגער, פשט און דרש. פון די אַנדערע צוויי — רמז און סוד — פון דעם האַלט ער וויניק. זיי זיינען אים פרעמד.

אַ כאַראַקטעריסטישער זאַץ אין דר. זשיטלאָווסקיס אַ רעפעראַט (געשריבן פאַר דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, פאַריז 1937): ער רעדט וועגן דעם קאַמף, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן קעגן דער רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ וועגן יידיש. איינער פון די הויפּט־אַרגומענטן איז געווען, אַז מען מאַכט אַ צו־גרויס ווען פון דער פאָרם, דער עיקר איז דאָך דער אינהאַלט. און דר. זשיטלאָווסקי מאַכט דערוויל אָן אָפּנויג פון דער טעמע, און הייבט אָן זיך אַריינצוטראַכטן אינעם ענין פון אינהאַלט און פאָרם. און ער זאָגט דערביי: „מיר קאָנען זיך נאַטירלעך ניט אַריינלאָזן אין דער טיפער חקירה וועגן „אינהאַלט" און „פאָרם", וואָס אַ היפּש ביסל וויכטיקע זייטן פון אָט דער פּראָבלעם זיינען אין דעם טעאָרעטישן געדאַנק נאָך עד היום נישט אויפגעקלערט געוואָרן אויף אַ באַפרידיקנדיקן אופן." דר. חיים זשיטלאָווסקי האַלט אַלעמאָל, ווען ער גייט־צו צו אַ שטרייט־פראַגע, צו אַן אַקטועל פּראָבלעם, אַז איידער מען רעדט אַרום דאָס פּראָבלעם גופא, מוז מען אַפּריער קלאָר מאַכן אייניקע פּרטים, וואָס אָן דער אויפקלערונג קאָן מען וויטער נישט גיין. און דר. זשיטלאָווסקי נעמט זיך צו באַטראַכטן „אייניקע וויכטיקע פּונקטן, וועלכע מען לאָזט געוויינטלעך אַרויס פון אויג", ווי ער זאָגט אַליין. און אָפּגערעדט אויף אַ פּאָר זייטלעך וועגן אינהאַלט און פאָרם און געבראַכט אַ ריי ביישפילן, גיט ער צו: „דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן. וואָלטן מיר געהאַט צייט און חשק צו טעאָרעטישע אַנאַליזן, וואָלטן מיר געקאָנט נאָך וויטער שפּינען דעם פאָדעם און באַווייזן. . ." און ער גיט דערנאָך צו: „הונדערטער און הונדערטער ביישפּילן, בעיקר פון דער קולטור־וועלט, וואָלט איך געקאָנט ברענגען און, אַנאַליזירנדיק זיי, באַווייזן . . . א. אַז. וו."

ווען מיר לייענען איצט זיינע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, געשריבן מיט יאָרצענדליקער צוריק, קאָן אונדז אָפט אויסווייזן, אַז זשיטלאָווסקי פאַר־טיידיקט צו־ליידנשאַפטלעך גוט־באַקאַנטע מיינונגען און אידייען. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז אין יענע צייטן, ווען די אַרטיקלען זיינען געשריבן, זיינען זיי געווען גאָר־נייע, עס זיינען געווען „אַפּיקורסישע" געדאַנקען, געוואַגטע מיינונגען, וואָס זיינען געווען דאַן פאַרן עולם ווייט־נישט־איבערצייגנדיק.

און ער האָט זיך באַנוצט מיט פאַרשיידענע אופנים פון אויסדרוק. ער

האָט אין זיינע יונגע יאָרן אָנגעהייבן מיט שירים, מיט דערציילונגען, דערנאָך איז ער אַריבער צו געשיכטע, פילאָסאָפיע, סאָציאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ליטעראַטור־קריטיק, אַליין איבערגעזעצט (צווישן אַנדערע זאַכן) פרידריך ניצשעס „אַלזאָ שפּראַך זאַראַטוסטראַ“. ער האָט פאַרפאַסט „די געשיכטע פון פילאָסאָפיע“, און נאָך גרעסערע ווערק, וואו ער האָט אַרויסבאַוויזן ערודיציע און פייאיקייטן מסביר צו זיין די סאַמע שווערסטע געדאַנקען אין אַ זייער פּאָפּולערער שפּראַך.

זיין גאַנג אין די אַלע יאָרן איז אַ צוויייענדיקער, — ער גייט כסדר מיט דעם רעאַלן לעבן, רעאַגירט אויף אַלע פּאַסירונגען אין דער אַלגעמיינער און יידישער וועלט, און גלייכצייטיק פירט ער אַ חשבון פון די אַלע אידייען, איבערוואַנדלונגען אין דער וועלט. און ווי ער זאָל נישט זיין וואָך פאַר די אַלע פּלאָגן און פּיינען, פאַרלירט ער קיינמאָל נישט דעם אָפּטימיזם, דעם בטחון, וואָס איז געבויט ביי אים שטענדיק אויף לאָגיק, אויף באַוואוסטזיין, אויף דעם גלויבן, אַז דאָך גייט עס צום בעסערן. עס איז ביי אים אַלעמאָל אַ הין־און־צוריק־גאַנג — ער דערגייט מיט זיין שכל, מיט זיין דענקען צו געוויסע אויספירן און באַמיט זיך צו פאַרקערפּערן אין טאַטן זיינע דער־טראַכטענישן, און אָפטמאָל פאַרקערט — ער טוט זאַכן, ער רופט צו מעשים און ער באַגרינדעט זיי דערנאָך מיט פילאָסאָפישע סיסטעמען.

דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט אין פאַרשיידענע צייטן געהאַט תלמידים־חסידים, אָבער ער האָט געוויכט צו ווערן אַ תלמיד, אַ חסיד פון זיין אייגענער תורה, ווי עס טרעפט אָפט מיט רביים, וואָס טרעטן נישט אָפּ אויף קיין האָר נישט פון דעם, וואָס זיי האָבן ווען־עס־איז געזאָגט. און ער איז דעריבער נישט געהיט מיט זיינע תלמידים, ער קעכלט זיי נישט, ער פּאַסט זיך צו זיי נישט צו. דעריבער איז אָפט דאָ אַן אומצופרידנקייט צווישן זיינע תלמידים־חסידים מיט דעם „רבין“ דר. חיים זשיטלאָווסקי.

און אָפטמאָל קאָנען אים זיינע תלמידים נישט נאָכיאָגן. אָפטמאָל האַלטן זיי זיך אַלץ ביי די דינים און געבאָטן, וואָס זיינען אָנגעשריבן אין זיין שולחן־ערוך פון יאָרן צוריק, און דערווייל איז ער, דער רבי אַליין, געגאַנגען ווייטער. טרעפן מיר איצט תלמידים פון זשיטלאָווסקין, וואָס זיינען מורד אינעם איצטקן רבין, זיי האַלטן זיך ביים אַמאָליקן זשיטלאָווסקי, יענער איז זיי נאָענט און טייער געווען, און דער איצטיקער, דער נייער, אין זיינע ווייטערדיקע איבערוואַנדלונגען, איז זיי פרעמד. און זיי פרעגן אָפּ דעם איצטיקן זשיט־לאָווסקי פונעם אַמאָליקן. אָבער דר. זשיטלאָווסקי ווערט דעריביי נישט נתפּעל, ער פאַרשטייט זיי, ער באַדויערט זיי.

קיינער, דוכט זיך, האָט נישט געהאַט אַזויפיל פאַרערער, נאָכפאָלגער אין

דער מאָדערנער יידישער וועלט ווי דר. זשיטלאָווסקי, און קיינער האָט נישט געהאַט אַזויפיל אָנפאַלער, טענות־האָבער ווי זשיטלאָווסקי.

אָבער ער האָט קיין מורא נישט צו שטעלן זיך אַנטקעגן דעם שטראָם, און ער שרעקט זיך נישט צו באַרירן אַזעלכע פראַגן, וואָס זיינען שטאַרק סענסיטיוו און רייצנדיק אין דער עפנטלעכקייט.

דר. זשיטלאָווסקי גלויבט אין דעם כוח פון אויפקלער־וואָרט אויך אין דער איצטיקער צייט פון היסטעריע, אָנפאַלן און זידלערייען. ער פאַרלאַנגט טאָלעראַנץ און ער איז אַליין דערביישפיל פון אַזאַ מין טאָלעראַנץ לגבי זיינע אָנפאַלער. ער איז אָפט זייער ברייטהאַרציק לגבי קעגנער, אָבער ווען עס פאָדערט זיך, איז ער גרייט צו שטרייטן פאַר אַ „קוצו של יוד" — פאַר אַ קלייניקייט, — ביזן סוף. ער איז אַ מענטש פון פרינציפּן, ער פאָדערט זיי נישט נאָר ביי אַנדערע, נאָר אויך ביי זיך.

עס פלעכטן זיך ביי אים כסדר דער פּובליציסט און דענקער. איינער ווערט געפירט פונעם אַנדערן. דאָ נישט לאַנג האָט ער מיר געזאָגט וועגן זיך מיט זיין גוטמוטיקער ערנסטקייט, אַז ווער ווייסט: ווען ער וואָלט געהאַט צו טאָן בלויז מיט פילאָסאָפיע, וואָלט ער אפשר פיל דערגרייכט, אָבער דער פּאָ־ליטיקער האָט פון די סאַמע יונגע יאָרן כסדר געשטערט אים, ער זאָל פאַר־בלייבן אין דער אַבסטראַקטער וועלט פון פילאָסאָפישע סיסטעמען.

* * *

די לעצטע עטלעכע יאָר איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי פנים אל פנים ביי זייער פאַראַנטוואָרטלעכע קולטור־געזעל־שאַפטלעכע סיטואַציעס, ווען יעדער שריט, יעדער באַוועג איז געווען פאַרבונדן מיט גאָר ערנסטע פאָלגן, אויך פאַר אים גופא, פאַר זיין וואוילזיין און אָרט אין דעם אַרומיקן לעבן. און ס'איז פאַר מיר געווען אויסערסט־אינטערעסאַנט צוצוקוקן זיך ווי דר. זשיטלאָווסקי, וואָס איז ביי אייניקע אומפאַראַנטוואָרט־לעכע העצער פאַרוויגט געוואָרן פאַר אַן „עובר בטל", — ווי קלוג, ווי שאַרף, ווי טיף ער נעמט אויף די ערנסטע און אחריותפולסטע פּראָבלעמען און ווי ער לייזט זיי. וואָך און פרעציז איז זיין שטעלונג, און ווי לאָגיש און טאַקטפול ער קאָן און ער ווייסט צו האַלטן דעם רודער און ווי ער איז אומאָפּהענגיק און ניט־שרעקעוודיק ביים באַשליסן זאַכן, וואָס קאָנען אָפט האָבן אַ פאַטאַלע ווירקונג אויף זיין אייגענעם לעבן אין אונדזער היגער יידיש וועלטל.

דערביי פאַרלירט ער קיינמאָל ניט זיין גלייכגעוויכט און ער וועגט איבער אַלע פאַר־און־קעגן מאָמענטן מיט זיין טיפזיניקער, פאַרנונפטיקער לאָגיק. נאָר נישט לאָזן זיך טעראָריזירן און נאָר נישט מיטגעריסן ווערן פון אָנפאַלן!

און אומדערשראָקן און ניט־געקוקט אויף וואָרנונגען און דראָאונגען מצד כלומרשטע „גוטע פריינט" און „בעלי־טובות" (וואָס באַהאַלטן זיך, אגב, שטענ־דיק, ווען מ'דאַרף דר. זשיטלאָווסקין באמת פאַרטיידיקן און שיצן!), פאַר־בלייבט דר. זשיטלאָווסקי ערלעך צו זיך און צו זיינע איבערצייגונגען.

נאָך יעדער באַגעגעניש מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי, נאָך יעדן פאַר־ברענגען מיט אים אַ פּאָר שעה, אין זיין היים אין קראָטאָן־אָן־האָדסאָן אָדער אין זומער־פּלאַץ אין סאַראַטאָגאַ, גייט מען אַוועק פול מיט נייער פאַרערונג, מיט נייער פּיעטעט פאַר דעם גרייז־גרויען חכם און תלמיד־חכם, וואָס אויף אים לאָזט זיך זאָגן דאָס וואָרט:

וואויל איז צו דער עלטער, וואָס פאַרשעמט ניט די יוגנט!

1940

דר. ח. זשיטלאָווסקי און אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכע סביבה

אַ יובליי פון אַ וויכטיקער, פאַרדינסטפולער פּערזענלעכקייט איז אַ וויכטיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, וואָס טרעט ווייט אַריבער די גרענעצן פון אַ פּערזענלעכער, פּריוואַטער פייערונג. אין די יובליי־טעג פון אַ גרויסן שרייבער און טוער דאַרף מען אויפנעמען נישט נאָר די פאַרמעסטן און דערגרייכונגען, די אויפטוען און פאַרדינסטן פון דעם יובליאַר גופא, נאָר מען דאַרף זיך אויך פאַרטיפן אין דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער סביבה, אָדער אין די קולטור־געזעלשאַפטלעכע סביבות, וואו דער שרייבער און טוער האָט געלעבט און געווירקט. און באַזונדערס איז עס נויטיק אין די יובליי־טעג פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, וואָס דער קרייז פון זיין ווירקונג איז געווען גרויס און פאַרשיידן. ער איז דאָך אין דער זעלביקער צייט געווען פּאָליטיקער און געזעלשאַפטלעכער טוער, דענקער און קעמפער. ער איז געווען טעטיק אין פאַר־שיידענע באַוועגונגען און ריכטונגען, געווען באַאיינפלוסט און גלייכצייטיק גע־ווירקט אין פאַרשיידענע וועלטן. דר. ח. זשיטלאָווסקיס באַוואוסטזיניק און ציל־אָנגעווענדט לעבן און שאַפן ציט זיך איבער פינף יאָר־צענדליקער. מוז מען דעריבער, כדי דאָס בילד דר. זשיטלאָווסקי זאָל זיין וואָס גאַנצער, בעמען אים נישט נאָר אין איצטיקן צושטאַנד, און ביי די כוחות־פאַרהעלטענישן פון דער איצטיקער צייט, נאָר מען דאַרף אויפנעמען זיין לעבן און טעטיקייט, זיין איינפלוס און ראָלע אין יידישן לעבן, מיט יאָרן און יאָרן אַפריער. עס איז

איצט באַזונדערס אינטערעסאַנט צו זען, ווי מען האָט זיך באַצויגן אין פאַר־שיידענע צייטן צו דר. ח. זשיטלאָווסקין אין די פירנדיקע יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע קרייזן, און ווי עס איז אויפגעפאַסט געוואָרן זיין אָרט, באַטייט און ראָלע אין דער יידישער וועלט.

פאַר די עטלעכע און פופציק יאָר פון דר. ח. זשיטלאָווסקיס אַקטיוו און פראָדוקטיוו־שאַפעריש לעבן האָט ער געהאַט ענגע פאַרבינדונג, נאָענטע שייכות צו גאַנץ־אַנדערשדיקע ריכטונגען, קרייזן און געביטן. ער האָט פאַר די אַלע יאָרן געהאַט מיטגייער און מיטאַרבעטער, מיטשאַפער און מיטקעמפער. פילפאַכיקייט און פילקאָלירנדיקייט איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דר. ח. זשיטלאָווסקיס געשטאַלט. ער האָט שטענדיק געהאַט צו טאָן, ווי אַ פריינד און קעגנער, מיט די אָנגעזעענסטע פירער און טוער פון דער יידישער וועלט. ער איז געווען לאָיאַל, זיך שטענדיק באַצויגן „דזשענטלמעניש" צו די פאַר־שיידענע ווירקנדיקע כוחות אין יידישן לעבן, און אָט די לאָיאַלקייט און „דזשענטלמענישקייט" האָט זיך אויפגעהיט אויך ביי און אויך בנוגע צו דר. זשיטלאָווסקי יאָרן און יאָרן. דר. ח. זשיטלאָווסקי איז געווען פיל יאָרן די „פערסאָנאַ גראַטאַ", די „נייטראַלע" פערזאָן, וואָס נישט געקוקט אויף חילוקי־דעות, האָט מען געהאַט צו אים די טיפסטע אַכטונג און פאַרערונג.

איך האָב דורכגעבלעטערט זשורנאַלן, זאַמלונגען און ביכער, וואָס האָבן אַ שייכות צו דר. ח. זשיטלאָווסקי, צו זיין לעבן און ווירקונג. איך האָב דאָרט אַרויסגעפונען אינטערעסאַנטע פרטים, וואָס דערציילן אונדז, ווי פאַרשיידנ־אַרטיקע שרייבער און טוער האָבן פאַרערט דר. זשיטלאָווסקי און ווי זיי האָבן באַצייכנט זיין געוואַלדיקע ראָלע אין דעם יידישן קולטור־לעבן.

איך וועל זיך באַגרענעצן בלויז מיט קירצערע אויסצוגן, און דערצו — בלויז פון אַ קליינעם טייל אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען, וואָס זיינען געווידמעט דר. זשיטלאָווסקין.

מיר וועלן גיין כסדר:

אין זשורנאַל „דאָס נייע לעבן" (דערשינען אין ניו־יאָרק מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, אין 1912, אונטער דער רעדאַקציע פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, דר. ח. זאָלאָטאַראָוו און דר. י. א. מעריסאָן) איז פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף פון דר. זשיטלאָווסקיס יובילײ־קאָמיטעט — אונטערגעשריבן פון דער עקזעקו־טיווע: דר. ס. עלסבערג, דוד פינסקי, דר. י. א. מעריסאָן, און פון די קאָמיטעט־מיטגלידער: מאָריס ווינטשעווסקי, פרץ הירשביין, יהואש, יעקב מילך, יואל ענטין, ב. צוקערמאַן און פיל אַנדערע.

אין דעם אויפרוף ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„איינער פון די וויכטיקסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פון היינטיקן דור, אַ פאָרשטייער פון דעם יידישן ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלן געדאַנק, אַ דענקער און לערער פון סאָציאַליזם און אַ פירער אין דער פרייהייטלעכער באַוועגונג פון די רוסלענדישע פעלקער — דר. חיים זשיטלאָווסקי — פאַרענדיקט היינטיקס יאָר, צווישן אונדז דאָ אין אַמעריקע, דאָס ערשטע פערטל־הונדערט יאָר פון זיין פאַרדינסטרייכער טעטיקייט.“

און ווייטער ווערט געשריבן: „דאָס איז אַ יום־־טוב ניט נאָר פאַר אונדז, זיינע נאָענטע פריינט און פאַרערער; ניט נאָר פאַר די פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַל־געזאָנענע יידן אין אַמעריקע, וועלכע שעצן אים אַלס טיפן דענקער, טאַלאַנט־פולן רעדנער און ערלעכן פירער; נאָר פאַר דער גאַנצער יידישער אויפ־לעבונגס־ און אַרבעטער־באַוועגונג, פאַראויס פון וועלכער דר. ח. זשיטלאָווסקי איז אָט די אַלע יאָרן געגאַנגען אין די ערשטע רייען.“ אָפּשטעלנדיק זיך אויף זיינע אייניקע ווערק, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט זינט 1887, און אויף זיין כסדרדיקער שרייבערישער און קעמפערישער טעטיקייט, ווערט ווייטער אונטערגעשטראָכן: „דר. ח. זשיטלאָווסקיס אידעאַליזם און זיין געטרייע איבערגעגעבנקייט צו די בעסטע אינטערעסן פון פאָלק, וועלכע מוזן אָנערקענט ווערן אַפילו פון די, וואָס זיינען ניט איינפאַרשטאַנען מיט אייניקע פון זיינע אידייען און אויספירונגען, מאַכן אים פאַר אַ פּראָמינענטע נאַציאָנאַלע פיגור, וועמעס לעבן און ווערק עס האָט אַן אַלגעמיינע באַדייטונג פאַר אָנהענגער און קעגנער צוגלייך.“

אין דעם־אַ זינען זיינען אינטערעסאַנט די ווערטער פון מאָריס ווינ־טשעווסקי אין זיין אַרטיקל (פאַרעפנטלעכט אין 1912 אין „דאָס נייע לעבן“). מ. ווינטשעווסקי זאָגט, אַז ער איז אין קיין פּרט נישט מסכים מיט דר. זשיט־לאָווסקין, אָבער ער איז פול מיט פאַרערונג און באַגייסטערונג פאַר אים. „אונדזער יובילאַר — זאָגט מ. ווינטשעווסקי — געהערט טאָקע צו יענעם סאָרט מענטשן, וועלכע מען קאָן ליבן און באַוואונדערן אַפילו ווען מען איז זייערער אַ קעגנער סיי אין רעליגיעזע, סיי אין פּאָליטישע, סיי אין סאָציאַלע פראַגן.“

מיט דרייצן יאָר שפּעטער, — יאָרן, וואָס זיינען רייך מיט געוואַלדיקע געשעענישן, אַלגעמיינע און יידישע, — אין נאָוועמבער 1925 האָט מען אין אַמעריקע און אין גאַר דער יידישער וועלט געפייערט דר. ח. זשיטלאָווסקיס 60סטן געבוירנטאָג. אין קאָמיטעט, וואָס האָט אָרגאַניזירט די יובילײ־פייערונגען, זיינען געווען די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן, געזעלשאַפטלעכע און קינסטלערישע, פון דער יידישער אַמעריקע. אינעם אויפרוף האָט מען צווישן אַנדערן אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם בעל־היובל: „פערציק יאָר ווי דר.

זשיטלאָווסקי שטייט אין צענטער פון אונדזער עפנטלעכן און קולטור־לעבן; און פאַר דער צייט אומדערמידלעך געאַרבעט, געשאַפן און געבויט דעם בנין פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, באַרייכערנדיק די יידישע וועלט מיט גרויסע גייסטיקע ווערטן. פערציק יאָר פון איבערגעגעבענער אַרבעט און דינסט צו די יידישע אַרבעטער־מאַסן, מיטן פען און וואָרט...״ און ווייטער: „זיין יובילײ איז אַ יום־טוב פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער קולטור בכלל, און פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, וועמעס אינטערעסן ער האָט אַזוי גלענצנד און טריי פאַרטיידיקט די גאַנצע צייט פון זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן.״

דער יובילײ־קאָמיטעט האָט גערופן צו שאַפן אַ פאָנד, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן אַרויסצוגעבן דר. ח. זשיטלאָווסקיס ווערק, און „דאָס זאָל זיין אַן אויס־דרוק פון אמתער פאָלקס־אָנערקענונג צו דר. זשיטלאָווסקי.״ „מיר ווענדן זיך — ווערט געזאָגט אין אויפרוף — צו אַלע, וואָס האָבן אַ באַציאונג צו דער יידישער קולטור און אירע שאַפער, וואָס ווילן דעמאָנסטרירן פאַר דער וועלט אונדזער אַלעמענס ליבע צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, אַז זיי זאָלן אונדז העלפן שאַפן דעם פאָנד, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן אַרויסצוגעבן זיינע שריפטן, וואָס וועלן זיין אַ קוואַל פון וויסן, אויפקלערונג, דערמונטערונג, און אומדערשעפּלעכער ברונעם פון ליבע צו די אידעאַלן, צו יושר און שיינקייט. דאָס וועט אויך זיין אַ גרויסער היסטאָרישער כבוד פאַר אונדז און פאַר אַלע, וואָס העלפן דעם פאָנד שאַפן, אַרויסצוגעבן די ווערק פון דר. זשיטלאָווסקי און אויך פאַרזיכערן די מעגלעכקייט אונדזער בעל־היובל ווייטער צו שאַפן און בויען אונדזער קולטור.״ (ציטירט לויט די „ליט. בלעטער״, 1925, ז׳ 273.)

אין פאַרבינדונג מיט אָט די יובילײ־פייערונגען האָט ש. ניגער דאַן אָנ־געשריבן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דר. זשיטלאָווסקי, וואָס האָט זיך אָנ־געהויבן מיט די ווערטער: „עס איז מיר אוממעגלעך צו מאַכן אַפילו אַ פּרוּוו צו שרייבן וועגן דר. ח. זשיטלאָווסקי און זיינע אויפטואונגען אָן אַ התנצלות. דער פאַרנעם פון זיין טעטיקייט איז אַזאַ ברייטער, זיינע ליטע־ראַרישע, וויסנשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן נעמען אַרום אַזוי־פיל פאַרשיידענע געביטן פונעם מאָדערנעם לעבן, פון דער היינטיקער קולטור, זיין פאַרשונגס־אַרבעט, זיין פּראָפּאַגאַנדע, זיין אינטעלעקטועלע פּירערשאַפט רירט אָן אַזויפיל פונקטן, אַז ווען אַפילו מען זאָל וועלן נישט אויסשעפּן, נאָר בלויז אָנרירן די טעמע פון אַלע זייטן, וואָלט מען געמוזט זיך פאַרטיפן אין די וויכטיקסטע פילאָסאָפישע, עטישע, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון דער איצטיקער עפּאָכע. דאָס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געוווען פּייאיק צו טאָן נאָר אַ מענטש, וועלכער האָט אַזעלכע אַלזייטיקע קענטענישן, אַזוינע ברייטע

השגות ווי דר. זשיטלאָווסקי אַליין." און באַרירנדיק דר. זשיטלאָווסקיס אַקטיווקייט אין פאַרשיידענע תקופות, שרייבט ווייטער ש. ניגער: „אָבער נישט נאָר דער דרויסנדיקער פאַרנעם פון דר. זשיטלאָווסקיס מער ווי פערציק־יאָריק געזעלשאַפטלעך און ליטעראַריש שאַפן איז אויסערגעוויינלעך ברייט. אויך זיין אינהאַלט, אויך זיינע אויסדרוק־מיטלען זיינען זייער רייך, זייער פאַרשיידנאַרטיק: געשיכטע, פילאָסאָפיע, סאָציאָלאָגיע, פעלקער־פסיכאָלאָגיע, פּאָליטיק, ליטעראַרישע קריטיק, זשורנאַליזם, איבערזעצונגען, דערינערונגען, רעדאַקטאָרשאַפט, אַרויסגעבעריי, פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג, שריפטלעכע פּאָלעמיק און מינדלעכע דעבאַטן, רעדנער־קונסט, פּאַרטיי־קאַמף, געזעלשאַפטלעכע פירערשאַפט — אויף די אַלע און נאָך אַ סך אַנדערע געביטן איז דר. זשיטלאָווסקי פון די יינגערע יאָרן אָן געווען פּראָדוקטיוו, שעפעריש..." („ליט. בלעטער", 1926, איבערגעדרוקט אין „זשיטלאָווסקי־זאַמלבוך", וואַרשע 1929).

אין יענער צייט איז געגרינדעט געוואָרן דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע, און עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דר. חיים זשיטלאָווסקי זאָל באַשטימט ווערן אין דעם ערן־דירעקטאָריום פון דעם ייוואָ, צווישן די אַנדערע באַרימטע נעמען: אַלבערט איינשטיין, זיגמונד פרויד, פּראָפּ. ש. דובנאָוו.

עס גייען אַדורך נאָך עטלעכע יאָר, — יאָרן הייסע און אַנגעגליטע, מיט שווערע געזעלשאַפטלעכע געראַנגלענישן אויף דער יידישער גאַס. עס קומען פאָר שטאַרקע ענדערונגען און גייסטיקע איבערוואַנדלונגען אין דער יידישער וועלט, עס בייטן זיך די סימפּאַטיעס און באַציאונגען צווישן באַוועגונגען און ריכטונגען. אויך דר. ח. זשיטלאָווסקי מאַכט פאַרשיידענע אָפּנויגן אויף „רעכטס" און אויף „לינקס". עס שאַפן זיך נייע קאָליזיעס און שאַרפע קאָנפליקטן און אַ נייער כוחות־געשפּיל אין דער יידישער עפנטלעכקייט. אָבער די פאַרערונג פאַר דר. זשיטלאָווסקי צווישן די פאַרשיידענע יידישע קעמפנדיקע צווישן זיך קרייזן ווערט נישט נאָר ניט געמינערט, נאָר אדרבא — זי האַלט אין וואַקסן.

אַ באַוויז איז דער צונויפשטעל פון דעם דר. ח. זשיטלאָווסקי יובילייקאָמיטעט אין ניו־יאָרק צו זיין 70טן געבוירנטאָג (1935). עס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט אויסצורעכענען די אַלע נעמען פון אַ 150 שרייבער, שוישפּילער, קולטור־ און געזעלשאַפטלעכע טוער. אין דעם יובל־קאָמיטעט האָבן זיך באַטייליקט צווישן אַנדערע די אָרגאַניזאַציעס: אַרבעטער־רינג, נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, „פּאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן, יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן,

אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט װאָרקערס יוניאָן, „אַרט״, יידישע אַקטיאָרן יוניאָן, יידישע שריפטזעצער יוניאָן לאָקאַל 83, פּאַרטיי פּועלי־ציון־צעירי־ציון, פּיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע, י. ל. פּרץ שרייבער־פּאַראיין, יידישע קולטור־געזעלשאַפט, יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, שלום־עליכם־אינסטיטוט, אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, אַרבעטער־ליג פאַרן וועלט־קאָנגרעס א אנד.

אויך דער „יובל־בוך״, געווידמעט דר. ח. זשיטלאָווסקי צו זיין 70טן געבוירנטאָג, מיט זיינע אַרטיקלען, נאָטיצן און אַנאָנסן, כאַראַקטעריזירט די באַציאונג צו אים מצד אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. מען קאָן אויך פיל אַרויסלייענען פון די אַלע לענגערע און קירצערע באַגריסונגען. דער „יובל־בוך״ איז באמת אַן אָביעקט פאַר אַלזייטיקער פאַרשונג, און נישט נאָר דער ליטעראַרישער טייל, נאָר אויך דער צווייטער — די אַנאָנסן־באַגריסונג אָפּ־טיילונג (וואָס פאַרנעמט גאַנצע 40 גרויסע זייטן) מיט הונדערטער נעמען פון אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועלכע דריקן אויס אויף פאַרשיידענע אופנים זייער אַכטונג, פאַרערונג, באַגייסטערונג, באַהאַרצטקייט און ענטוזיאַזם פאַר דעם גרויסן יובילאַר.

און איצט, ביי דר. ח. זשיטלאָווסקיס פאַרשפּעטיקטע יובילײ־פייערונגען צו זיין 75טן געבוירנטאָג, קלינגט טרויעריק יענער מאַניפעסט פונעם „נאַציאָ־נאַלן יובילײ־קאָמיטעט״, וואָס דאַנקט אַלע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וואָס האָבן „געהאָלפן צו אָרגאַניזירן די פייערונג לכבוד דר. ח. זשיטלאָווסקי צו זיין 70טן געבוירנטאָג, דעם 11טן מאַי, 1935.״ און דער סוף פון מאַניפעסט, אַז „דער קאָמיטעט האָפט, אַז מיר וועלן צוזאַמען פייערן דעם יובילאַרס 80־יאָריקן געבוירנטאָג״.

מיר וועלן אַרויסכאַפּן בלויז אַ פאָר אויסצוגן פון אייניקע באַגריסונגען. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון אַרבעטער־רינג (אונטערגעשריבן: י. ווײַנ־בערג—פּרעזידענט, און י. באַסקין—גענעראַל־סעקרעטאַר) באַגריסט האַרציק דעם בעל־היובל און „ווינטשט אים לאַנגע יאָרן צו לעבן און צו קעמפן פאַר דער דערהייבונג פון די אַרבעטער־מאַסן און פאַר זייער באַפרייאונג״. די גענעראַל־עקזעקוטיווע פונעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד (גע־חתמעט: דוד פּינסקי—פּרעזידענט, ל. סיגאַל—סעקרעטאַר) שיקט די האַרציקע באַגריסונג און זי גיט צו: „מיר זיינען שטאָלץ מיט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן סאָציאַליזם, פאַר דער יידישער קולטור, פאַר די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־אידייען פון יידישן פאָלק און פאַר אַלעם, וואָס איז שיין און עכט אין דעם יידישן לעבן און אין דער געזעלשאַפט בכלל.״

אינעם „יובל־בוך״ איז דאָ אַ ליד פון ה. לייוויק מיטן נאָמען „דער ליכ־

טיקער זייער", מיט אַן אונטערשריפט „לכבוד ח. זשיטלאָווסקי, מיט פאַרערונג און ליבע". דער דיכטער הויבט אָן זיין ליד מיט פאָלגנדיקן פערז:

וויי מען באַגריסט אַ טאַטן, וויל איך דיך באַגריסן.
דערלויבט מיר היינט צו זאָגן דיר — דו,
אַזוי ווי איך וואָלט רעדן צום לויטערן געוויסן
אין רגעס פון אויפגעלויכטענער רו.

עס איז אינעם „יובל־בוך" אויך דאָ אַ ליד פון א. לעיעלעס מיט דער אונטערשריפט „דר. ח. זשיטלאָווסקי מיט ליבע". מיר האָבן אויך אַ קורץ אַרטיקעלע פון דר. ש. מאַרגאָשעס, וואו ער דערציילט צווישן אַנדערן: „איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין צווישן די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו דר. זשיטלאָווסקיס לעקציעס ביי זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע... און איך באַטראַכט עס פאַר אַ גליק, וואָס איך בין געווען צווישן די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך געלאָזט לערנען און פירן פון אונדזער גרויסן מייסטער..."

יאָ. דאָ האָט מען באַדאַרפט זיך אָפּשטעלן ברייטער און דערציילן, ווי די עטלעכע דערמאָנטע דיכטער און שרייבער באַציען זיך „צום גרויסן מייסטער" און „צום זייער" אין זייער צייטונג „דער טאָג". אָבער... דער תלמוד האָט פאַר דעם אַ קורץ, טרעפלעך וואָרט: „רבן דקרו" — זייער רבין און פירער האָבן זיי געשטאַכן...

און טאַקע מיטן טיטל „רבי" באַצייכנט דר. ח. זשיטלאָווסקין מנחם באָ־ריישאַ אין זיין אַרטיקל, וואָס הייסט „רבינו חיים זשיטלאָווסקי", אינעם „מתנה־בוך", וואָס דער שיקאַגער יובילײ־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אין 1935.

און איצט קומען מיר צו זייער אַ מערקווירדיקן קאַפּיטל — „דר. ח. זשיטלאָווסקי און דער איקוף" — אַ קאַפּיטל, וואָס איז פול מיט אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן, מיט דראַמאַטישע געשעענישן און קאָנפליקטן. דר. זשיטלאָווסקי און איקוף — עס איז אַ געשיכטע, וואָס אין איר שפּיגלט זיך אָפּ אונדזער יידישע געזעלשאַפטלעכקייט און עס כאַראַקטעריזירט אויך פאַרשיידענע אַנגעזעענע שרייבער און טוער, זייער צוגאַנג צו וויכטיקע קולטור־דערשיינונגען, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אינעם אופן ווי זיי זיינען געקומען צום קולטור־קאָנגרעס און ווי זיי זיינען שפּעטער אַוועק פונעם איקוף... אויפן פאָן פון דעם אַלעמען וואַקסט אויס אין איר גאַנצער גרויס און טיף די געשטאַלט דר. ח. זשיטלאָווסקי.

פון אָנהויב אָן האָט ער זיך געשטעלט מיט לייב און לעבן פאַר דער אידייע און נישט אויפגעהערט אויף פאַרשיידענע אופנים צו פאַרטיידיקן —

פריער דעם קאָנגרעס און דערנאָך דעם איקוף קעגן אַלע בייזוויליקע אָנפאַלער.

עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע אַרטיקלען און רעפעראַטן פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, וואָס האָבן אַ שייכות צום קולטור־קאָנגרעס און צום איקוף, געשריבן און גערעדט אין לויף פון די איבער פיר יאָר. דר. ח. זשיטלאָווסקי זעט אין דער באַוועגונג אַ וויטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (1908), וואָס ער איז געווען איינער פון אירע איניציאַטאָרן און פירער. דר. ח. זשיטלאָווסקי זעט אין דעם קאָנגרעס אַ פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע געשעעניש פון גאָר גרויסן באַטייט. ווי דער פּאַרזיצער פונעם „אַמעריקאַנעם קאָמיטעט פאַר דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס" שלאָגט ער אָפּ אַלע אַטאַקעס און בעיקר די באַרימטע „דערקלערונג", וואָס באַרופענע און נישט־באַרופענע יידישע שרייבער אין ניו־יאָרק האָבן פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע ערב דעם קולטור־קאָנגרעס.

עס ליגט פאַר מיר דר. ח. זשיטלאָווסקיס „אַ קעגן־דערקלערונג", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „טאָג" (דעם 20טן אויגוסט, 1937), וואו ער ענטפערט שאַרף און זאַכלעך פּונקט נאָך פּונקט. אין דעם אַרטיקל האָבן מיר די איינשטעלונגען פון דר. זשיטלאָווסקי און זיין אופן פון אויפנעמען פּראָגן און פּראָבלעמען. טרעפלעך און לאָגיש וואַרפט ער אָפּ די פאַרשיידענע באַשולדיקונגען און אָנפאַלן אויפן קאָנגרעס.

ווי באַקאַנט, האָט דר. ח. זשיטלאָווסקי, צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, נישט געקאָנט פאָרן צום פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס, אָבער זיין האַרץ, זיין גייסט זיינען געווען אויפן קאָנגרעס. אין זיין רעפעראַט, וואָס ער האָט צוגעשיקט צום קולטור־קאָנגרעס, האָט ער איבערגעוואָרפן אַ בריק צווישן טשערנאָוויץ און פּאַריז, — צווישן דער שפּראַך־קאָנפערענץ און קולטור־קאָנגרעס.

דער קולטור־קאָנגרעס איז געווען אַ געוואַלדיקע וויכטיקע מאַניפעסטאַציע פאַר דער יידישער קולטור, און אַ גרויס געשעעניש אינעם יידישן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, און דערפאַר טאָקע האָבן די שאַרפע אָנפאַלן מצד געוויסע קרייזן און פּערזאָנען נישט אויפגעהערט. א. גלאַנץ פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „טאָג" מיטן נאָמען: „פייערווערק און גאָר נישט מער". און דר. ח. זשיטלאָווסקי קומט גלייך מיט אַן אינטערעסאַנטן ענטפער („טאָג", דעם 17טן אָקטאָבער, 1937). דער זשיטלאָווסקי־אַרטיקל הויבט זיך אָן: „אין זיין אַרטיקל האָט קאָלעגע א. גלאַנץ באַוויזן אַ „טור דע פאָרס". אין איין אַרטיקל האָט ער, ווי פון אַן עראָפּלאַן, אַראָפּגעשליידערט אַ צוואַנציק־דרייסיק באָמבעס אין דעם נייעם פאַנצער־שיף, וואָס דער פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס האָט אויפגעבויט, דער פאַנצער־שיף צו פאַרטיידיקן די יידישע קולטור און איינצוגעמען

פֿאַר איר אַלץ־נײַע און נײַע „לענדערײַען", וואָס איז נאָר וואָס אַראָפּגעלאָזט פֿון שטאַפּל..."

און אָט נאָך אַ דאָקומענט — די רעדע, וואָס דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אין ניו־יאָרק דעם 6טן נאָוועמבער, 1937, אויפֿן קבלת־פּנים פֿאַר די דעלעגאַטן צו דעם פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס אין מעקאַ־טעמפּל. דער רעפֿעראַט הייבט זיך אָן: „מיט די געפֿילן פֿון פֿרייד און פֿון שטאָלץ און פֿון דאַנקבאַרקייט זײַנען מיר הײַנט מקבל פּנים די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן... און מיט די זעלביקע געפֿילן נעמען מיר אויף די טײַערע מתנה, וואָס זיי האָבן אונדז געבראַכט — דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־פֿאַרבאַנד." ס'איז אַ באַ־גײַסטערטע כאַראַקטעריסטיק פֿונעם קאָנגרעס און, ווי אַלע מאָל, איז די פֿאַסירונג בײַ אים געוואָרן אַ רינג אין דער אַלגעמײַנער גאָלדענער קייט פֿון דער ייִדישער קולטור־געשיכטע. אידייע און טאַט, פּראָבלעמען און מעשׂים — די גרונט־שטריכן פֿון זשיטלאָווסקיס וועלט־באַנעם — זײַנען אויך געגעבן דעם קולטור־קאָנגרעס.

אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד אין דעם קאַפּיטל „דר. זשיטלאָווסקי און איקוף" איז זײַן אַרויסגיין פֿון פּרעזידיום צוזאַמען מיט אײניקע פּרעזידיום־מיטגלידער. אַנדערש איז געווען די שטעלונג פֿון דר. ח. זשיטלאָווסקי, וואָס קומט גלײַך צוריק צו זײַן אַמט אינעם איקוף. ער האָט אײַנגעזען זײַן צו־אײַליקן באַשלוס און ער קומט צוריק מיט אַ ברייטערער דערקלערונג „מײַנע טענות צום איקוף" („ייִדישע קולטור", נומ' 5־6, מאַי־יוני 1940). נאָך מיט עטלעכע וואָכן אַפּריער באַטייליקט ער זיך אינעם זשורנאַל „ייִדישע קולטור" מיט אַ גרעסערער אָפּשאַצונג וועגן פּרצעס נאַציאָנאַלער באַדײַטונג (אַ רעדע, געהאַלטן אַפּריל 1915 נאָכן טויט פֿון י. ל. פּרץ).

עס וועט דערגאַנצן דאָס בילד — זשיטלאָווסקי און איקוף — די בראָשור פֿון דר. ח. זשיטלאָווסקי „אונדזער נײַער קולטור־ווילן", אַרויסגעגעבן דורכן איקוף צו די יוביליי־פֿײַערונגען. דר. ח. זשיטלאָווסקי איז אין אָט דער אַרבעט זײַנער, ווי אַלע מאָל, דער טעאָרעטיקער און באַגײַסטערער, דער גוט־דענקער און שיין־שרײַבער. ער צעגלידערט די טעמע, ער איז, דוכט זיך, גאָר אַן אָביעקטיווער און „זייטיקער" באַאָבאַכטער און אַנאַליטיקער, אָבער אין גאַנג פֿון טראַכטן און דערקלערן ווערט ער פֿאַרוואַנדלט אין אַ הייסן פּראָ־פּאַגאַנדיסט, אין אַן ענטוזיאַסטישן אַגיטאַטאָר פֿאַרן איקוף.

בײַ אים גייט שטענדיק „תּורה" און „עבֿודה", „פּען" און „שווערד" אינ־אײנעם. אָפּטמאָל איז זײַן שרײַבן בלויז אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פֿון זײַנע טאַטן. ער איז, ווי מ'האָט שוין וועגן אים געזאָגט, נישט בלויז אַ „נאה דורש" (אַ שיין־רעדנער און שיין־שרײַבער), נאָר אויך אַ „נאה מקיים" (ער פּירט

קאָנסעקװענצן פֿון זײַן שרײַבן, ער װיל זײַנע אידײען רעאַליזירן, פֿאַרװאַנדלען אין מעשׂים!). און דאָס רופֿט כּסדר אַרױס קעגן אים ערנסטע קעגנערשאַפֿט און אויך אומװירדיקע אָנפֿאַלן.

װאָס האָט מען שױן נישט געזאָגט און געשריבן קעגן דר. זשיטלאָװסקי די לעצטע צװײ־דרײַ יאָר! עס איז שױן געשאַפֿן געװאָרן אַ שטיק ליטעראַטור פֿון מיאוסע אָנפֿאַלן און זידלערײַען קעגן אים. מען האָט אים באַטיטלט מיט די ערגסטע נעמען און צונעמען. אָבער דר. ח. זשיטלאָװסקי, מיט זײַן טיף־אײַנגעבאַרענער אינטעליגענץ און אָרגאַנישער טאָלעראַנץ, פֿאַרבלײַבט בײַ זײַן קאַלטבלוטיקײט און גוטמוטיקער איראָניע: „אַזױ, אַזױ, האָט יענער זיך װידער געזידלט? װײַזט אױס, ער איז געװען אין כּעס. און אַז אַ מענטש איז אין כּעס, װײסן מיר װאָס ער קאָן רעדן, דאַרף מען אים מוחל זײַן!...“

צוליב דר. ח. זשיטלאָװסקיס פּאָזיטיװער שטעלונג צום סאָװעטן־פֿאַרבאַנד און צום סאָװעטישן ייִדנטום און צוליב זײַן באַציאונג צו ריכטונגען און באַװעגונגען אין דער ייִדישער װעלט, שטעלט מען אים אַפֿט אַװעק „מחוץ למחנה“. ער איז געװאָרן אַ „לא יבוא בקהל“. אָבער דר. זשיטלאָװסקי װערט דערפֿון נישט נתפּעל, ער גײט זיך זײַן װעג און צײַט װײַטער זײַן ליניע, — און, איך װאָלט געזאָגט, „אױף צופֿיקעניש“ פֿון זײַנע שׂונאים־נישט־פֿאַרגינער, װאָס צװישן זײ זײַנען אויך דאָ אײניקע פֿון זײַנע געװעזענע פֿרײַנט, פֿאַרערער און תּלמידים. דר. זשיטלאָװסקי נעמט אָן פֿאַר ליב די אָנפֿאַלן און ער טוט זיך װײַטער זײַן אַרבעט. אומדערשראָקן פֿאַרטײדיקט ער זאַכן װאָס זײַנען אים ליב און טײַער, ער באַטײליקט זיך אין די אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען, װעלכע זײַנען אים נאָענט, און ער טרעט אױף שריפֿטלעך און מינדלעך מיט דעם זעלבן ברען און מיט דער זעלבער קאָנסעקװענטקײט װי אַלעמאָל, װי צוריק מיט צען, צװאָנציק, דרײַסיק און פֿופֿציק יאָר.

און ערשט די טעג, בײַ אַ באַגעגעניש מיט דר. ח. זשיטלאָװסקי, אין זײַן קראָטאָן־אָן־האָדסאָן הײם, האָט מען באַרירט אײניקע זאַכן און זאַכענישן פֿון אונדזער קולטור־געזעלשאַפֿטלעכער סבֿיבֿה, און דר. ח. זשיטלאָװסקי האָט מיט אַ האַלב־ערנסטער און האַלב־איראָנישער מינע געזאָגט: „עס מאַכט נישט אױס, מיר דאַרפֿן איצט כּסדר שיסן אױף זײ מיט קאַנאָנען פֿון ליבשאַפֿט!“

עס איז אַ הױכע מדרגה פֿאַר דר. זשיטלאָװסקין, אָבער עס פֿאַרמינערט כּלל נישט די געפֿאַלנקײט און צעפֿאַלנקײט פֿון אַ שטיק ייִדישער געזעלשאַפֿט־לעכקײט, װאָס האָט געמאַכט דר. ח. זשיטלאָװסקין פֿאַר אַ ציל־ברעט פֿון געמײנע אָנפֿאַלן.

און אױב עס איז נאָך װײניק געװען, איז געקומען די געשיכטע מיטן ענטפֿער צו די ייִדיש־סאָװעטישע שרײַבער, װאָס דר. ח. זשיטלאָװסקי האָט

אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן אַ ווירדיקן געמיינשאַפטלעכן ענטפער. די היסטאָריע, ווי געוויסע שרייבער פון „איסט־בראָדוויי" האָבן דערויף רעאַגירט, איז אַ שפּאַנענדיגע געשיכטע און זי כאַראַקטעריזירט אויך זייער שאַרף אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכע סביבה, איר רעאַקציאָנערן פּרצוף און די געפאַלנקייט פון פאַרשיידענע אָנגעזעענע יידישע שרייבער, וואָס שפּילן אָפט די ראָלע פון נייטראַלע, ראַדיקאַלע...

1942

דער אומדערמידלעכער קעמפער פאַר דער יידישער שפּראַך

דעם 6טן מאַי, 1943, האָבן מיר אַרויסבאַגלייט אונדזער טייערן, אונדזער אייגענעם דר. חיים זשיטלאָווסקי צו זיין אייביקער רו. מ׳האָט וועגן אים, וועגן זיינע גרויסן פאַרדינסטן פיל באַגייסטערטע אַרטיקלען געשריבן. עס האָבן אויך נישט אויסגעפעלט קיין קליינטשינקע, נישטיקע פאַרשווינדלעך, וואָס האָבן נאָכגעוואָרפן שטיינער נאָך דעם אָרון פון דעם גרויסן מענטש און ייד. אייניקע האָבן די שטיינער איינגעוויקלט אין „וואַטע", אָבער דערפון איז דער שטיין ניט לייכטער געוואָרן... אָבער פאַר אונדז אַלעמען, וואָס זיינען מיט דר. זשיטלאָווסקין געגאַנגען און מיטגעגאַנגען, געאַרבעט און מיטגעאַרבעט צענדליקער יאָרן, פאַר אונדז אַלעמען איז דר. חיים זשיטלאָווסקי נישט אַוועק, נאָר ער איז פאַרבליבן אַ לעבעדיקע און ווייטער־ווירקנדיקע פערזענלעכקייט. מיר דאַרפן נישט און ווילן נישט זיך אָפּגעזעגענען מיט אים אויף שטענדיק און אייביק, ווי עס טוען עס די פאַרשיידענע זייטיקע, פרעמדע הספד־מאַכער, נאָר אדרבא, אין אונדזערע ווייטערדיקע קולטור־שאַפערישע טעטיקייטן וועט דר. ח. זשיטלאָווסקי זיין און פאַרבלייבן אַן אָנרעגנדיקער און וועג־ווייזנדיקער פאַקטאָר, ווי ער איז עס געווען אין לויף פון זיין לאַנג און פּראָדוקטיוו לעבן.

דר. חיים זשיטלאָווסקי גופא איז אַ ווערק, אַ גרויס ווערק, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן. דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט אָנגעהויבן זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט מיט איבער זעכציק יאָר צוריק. ער איז מיטגעטראָגן געוואָרן מיט דער לעבנס־סטיכיע, מיט די כוואַליעס־פּאַסירונגען, ווי מיט די אידייאישע שטרעמונגען און ריכטונגען, נאָכאַנאַנד עטלעכע צענדליק יאָר. זיין צייט־דויער, ווי אויך זיין שטח־קרייז איז געווען זייער לאַנג און זייער ברייט. גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע דענקער, טוער און שרייבער, וואָס זייער ווירקונג־קרייז און איינפלוס־צייט איז באַגרענעצט און

קאָנצענטרירט אין ענגע ראַמען, האָט דר. ח. זשיטלאָווסקי געהאַט צו טאָן אין לויף פון זײַן לאַנגן שטורמישן לעבן, מיט פעלקער און באַוועגונגען, וואָס זײַנען שטאַרק ווידערשפּרעכנדיק און ווידעראַנאַנדיק, און אומעטום איז אים באַשערט געווען צו זײַן נישט בלויז אַ מיטגייער־מיטלויפער, ווי אייניקע ווילן איצט דר. חיים זשיטלאָווסקיס אַרבעט פאַרקלענערן און פאַרשמעלערן, נאָר אדרבא, אומעטום און אַלעמאָל איז ער געווען פון די פּיאָנערן, וואָס טרעטן אויס וועגן־שטעגן אין ווילדוואַלד פון גײַסטיקע און מאַטעריעלע טראַדיציעס און קאַנאָנען. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט און נישט געקאָנט רוען אויף די „לאָרבער־בלעטער", וואָס זײַנען אים צוגעטראָגן געוואָרן פון דעם אָדער יענעם צד אינעם אַלגעמיינעם און ייִדישן לעבן, נאָר אדרבא, נישט מיד געווען אָבערמאָל און ווידעראַמאָל צו מאַכן רעוויזיעס אין די אייגענע אײַנשטעלונ־געַן און אויב ער האָט, לויט זײַן מיינונג, געגרייזט ערגעץ־וואו, האָט ער עס דערנאָך אָפן און גוטהאַרציק מודה געווען און אָפּגעקערט פונעם טראָקט און זיך געלאָזט אויף נײַע וועגן־שטעגן.

און וויבאַלד דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט אַדורכגעמאַכט אין לויף פון זײַן 60־יאָריקן לעבנס־גאַנג אַ ווײַטן וועג, מוזן מיר אים, זײַן לעבן און שאַפן, נעמען טאַקע אין דער פּערספּעקטיוו פון די לעצטע דורות און תקופות, און טאַקע — אין פאַרבינדונג מיט די פּאָליטישע און קולטור־געשיכטלעכע איבער־וואַנדלונגען און פּראָצעסן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין דעם אַלגעמיינעם און אינעם ייִדישן לעבן אָנגעהויבן פון די 80ער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט און ביז די לעצטע טעג. דאַן וועלן מיר האָבן פאַר אונדז דר. חיים זשיטלאָווסקי ווי אַ וויכטיקע, וואונדערלעכע געשטאַלט, ווי אַ וויכטיקן זאַמל־טיפּ, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט געשאַפן, אַ ווערק, ווען „עס האָט אַוועקגעגעבן דאָס בעסטע, וואָס עס האָט פאַרמאָגט", ווי שלום־עליכם האָט זיך אויסגעדריקט וועגן זײַן ווערק „פונעם יאַריד".

און מיטגעהאָלפן האָט דעם פאָלק אָט די קאָמפּליצירטע שאַפערישע אַרבעט, טאַקע דר. ח. זשיטלאָווסקי אַליין, וואָס פון די סאַמע יונגע יאָרן האָט ער נישט אויפגעהערט אײַנזאַפּן אין זיך אַלדי פאַסירונגען, געשעענישן, איבער־וואַנדלונגען און פּראָצעסן און עס איבערגעקאָכט אין זיך, עס אַדורכגעלאָזט דורך די אייגענע קאַנאַלן, און פון אָט דער געמיינזאַמער, בשותפותדיקער שאַפונגס־אַרבעט, פונעם פאָלק און פון דר. ח. זשיטלאָווסקי, איז אויסגע־פורעמט געוואָרן, אויסגעשטאַלטיקט און אויסגעמייסטרעוועט געוואָרן מיט גאָר דער טיפקייט און ברייטקייט, מיט גאָר די סתירות און ווידעראַנאַנדן, מיט גאָר די בלאָנדזשענישן און געפינענישן די פּרעכטיקע זשיטלאָווסקי־פּערזענ־לעכקייט, דאָס זשיטלאָווסקי־ווערק.

און גראָד אין אָט די אָפּטמאָל־שרייענדיקע אין פלוג ווידערשפּרוכן און אין די אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע ווידעראַנאַנדן ליגט די רייכקייט, די גייסטרייכקייט פון דעם גרויסן זאַמל־טיפּ, וואָס אַזאַ ווידערשפּרעכנדיק און פילגעשטאַלטיק פאָלק ווי דאָס יידישע האָט געקאָנט און באַדאַרפט אַרויסברענגען.

און אין אָט דעם זינען האָט פאַר אונדז אַלעמען אַ גרויס אינטערעס און אַ וויכטיקע פאַרשערישע באַדייטונג אַרויסצואָנטפּלעקן פון די אַלע ווערק, אָפּ־האַנדלונגען און אַרטיקלען, וואָס דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט פאַר די 60 יאָר פון זיין פאַרשוועטנדערישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פאַרעפנט־לעכט, די שטריכן צו דער פילקאָלירנדיקער זשיטלאָווסקי־געשטאַלט, און דערמיט אַרויסהעלפן די גרויסע אַרבעט פון אויספאָרמירן דאָס גרויסע זשיטלאָווסקי־ווערק.

און אינטערעסאַנט: דר. ח. זשיטלאָווסקי אַליין האָט עס גוט געפילט און פאַרשטאַנען, און יעדעס מאָל ביים אַנאַליזירן אויפדאָסניי וויכטיקע פּאָליטישע, קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און אַנשויאונגען, האָט ער געפּרואווט אַרויסצוברענגען זיינע אייגענע באַטראַכטונגען און מיינונגען, און אַרויס־צוגעפינען די ריכט־ליניע, דעם בינד־פאָדעם מיט דעם אַמאָל שוין־אַרויס־געזאָגטן און אַרויסגעפינען די גרונט־פּרינציפּן. דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט אַמאָל גאַנץ אָפנהאַרציק געזאָגט: „מיינע ווידערשפּרוכן — און אַזעלכע זיינען געווים געווען — זיינען אַ פּועל־יוצא, אַ רעזולטאַט פון פאַרשיידענע אומ־שטענדן און פאַרשיידענע צייטן. עס שטאַמט פון דעם ווילן צו כאַפּן דעם אמת. אַמאָל איין טייל, אַמאָל אַן אַנדערן. אָבער דאָס זיינען ווידערשפּרוכן לפּנים, ווידערשפּרוכן — איידער מען טראַכט זיך אין זיי אַריין... פּראָגראַמען קאָנען זיך ענדערן, דאָס גרויסע און וויכטיקע איז די שטעלונג...‟

און פּראָגראַמען און שטרעמונגען און ריכטונגען האָבן זיך אין לויף פון די לעצטע 60 יאָר געוואַלדיק געענדערט אינעם יידישן פאָלק — ביי די יידישע מאַסן און ביי דער יידישער אינטעליגענץ. פאַר די זעכציק יאָר זיינען פאָר־געקומען געוואַלדיקע איבערוואַנדלונגען און איבעראַנדערשונגען אין דער יידישער וועלט. מיר זיינען אַוועק, ווייט אַוועק פון די אַמאָליקע קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע און גלופּסק, וואָס מענדעלע מוכר ספרים האָט אַזוי אמתדיק גע־שילדערט, און פון קאַסרילעווקע, מאַזעפּעווקע און יעהופּעץ, וואָס שלום־עליכם האָט אַזוי געטריי געמאָלן, — און אַזוי אויך זיינען מיר ווייט־אַוועק פון דעם אַמאָליקן יידישן וועלט־באַנעם און אַמאָליקע יידישע גייסטיקע האָריזאָנטן. — האָט זיך דאָס אַלץ נאַטירלעך אָפּגעשפּיגלט אין דעם לעבן פון כלל און אין דעם כאַראַקטער פון יעדן יחיד. און עס זיינען געווען עיקרדיקע,

וויכטיקע איבערוואַנדלונגען, וואָס אָפטמאָל זיינען זיי געגאַנגען ביים יידישן כלל ווי ביים יידישן יחיד נישט גלייך, נאָר מיט זיגזאַגן, מיט אַרויף־אַראָפּן, און עס איז געווען אין דער זעלבער צייט דער ברייטער שליאַך, דער דרך־המלך און אויך זייטיקע שטעגן־וועגן. און ווער האָט עס נישט אָפּגעקערט פון דעם שליאַך אויף שמאָלע שטעגן? און ווער האָט עס נישט געקלעטערט אויף זייטן־וועגן?

אין זיין אַרטיקל „פּופציק יאָר טעטיקייט און וואו האַלט עס?", געשריבן אין 1935 צו זיין 70טן געבוירנטאָג און צו זיינע 50 יאָר יידיש־סאָציאַליסטישער טעטיקייט, פּרואווט דר. ח. זשיטלאָווסקי „צו וואַרפן אַ בליק אויף דעם גורל פון יענע גרונט־אידייען", פאַר וועלכע ער האָט זיך „איינגעשטעלט אין אַ משך פון אַ גאַנצן האַלב־יאָרהונדערט". די „פיר פונדאַמענטאַלע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעפאָרמירט אין דער יידישער עפנטלעכקייט" (אין די יאָרן 1903־1904): „די אַסימילאַטאָרישע ריכטונג, דער ציוניזם, דער גלות־נאַציאָנאַליזם און דער טעריטאָריאַליזם. די פיר ריכטונגען האָבן פון זייער זייט זיך פאַנאַנדערגעשיידט אין בירגערלעכע און סאָציאַליסטישע. די אינע־וויניקסטע געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז געוואָרן די געשיכטע פון יענע גייסטיקע קאַמפן, וואָס אָט די פיר שטרעמונגען האָבן אַרויסגערופן... און אין אָט די אַלע קאַמפן איז אויך אויף מיין גורל אויסגעפאַלן דאָס גליק און דער כבוד צו נעמען אַ טעטיקן אַנטייל."

דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט אַלע זיינע יאָרן געהאַט זיין הויפּט־שליאַך. ער האָט אָפטמאָל געקאָנט אָפּקערעווען אָן אַ זייט, זיך פאַרהאַלטן אַ קירצערע צייט אין זייטיקע אכסניות, אָבער באַלד איז ער צוריקגעקומען צו דעם עיקר־ציל פון זיין לעבן, פון זיין שאַפן און טעטיקייט.

דר. ח. זשיטלאָווסקי, אין איינער פון זיינע גאָר לעצטע אַרבעטן, אין זיין אינטערעסאַנטער בראָשור „אַן ענטפער צו ה. לייוויק", פּרואווט מיט קלאָרע ווערטער צו פאָרמולירן זיין אייגענע וועלט־אַנשויאונג און געדאַנקען־גאַנג. ער שטעלט זיך אָפּ אויף איניקע עיקר־פּרינציפּן און הויפּט־שטריכן פון זיין וועלט־באַנעם און ער זאָגט: „אין פולן איינקלאַנג מיט יענע גרונט־געדאַנקען, איז אויך מיין גאַנצע טעטיקייט ביי דעם יידישן פאָלק, אָנגעהויבן מיט דער „תשועת ישראל" פון 1885..." און „אָט דעם געדאַנקען־גאַנג — שטרייכט אונטער דר. ח. זשיטלאָווסקי — דין איך מיין גאַנצן לעבן."

דאָס נעמלעכע חזרט דר. ח. זשיטלאָווסקי איבער אין פיל־פיל אַנדערע ערטער. אָט פאַרעפנטלעכט ער אין 1917 די יידישע איבערזעצונג פון זיין רוסישער בראָשור (אַרויס אין לאָנדאָן אין 1892 אונטערן נאָמען „יעווריי ק׳ יעווריעאַם"), און אינעם פאָרוואָרט רעכנט ער איבער די „איניקע גרונט־

געדאַנקען, וואָס דער „אַ ייד צו יידן" האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער פּובליציסטיק", און דר. ח. זשיטלאָווסקי גיט צו, אין 1917 — מיט 25 יאָר נאָכן אָנשרייבן זיין בראָשור, — אַז „צו די גרונט־פּרינציפּן בין איך געבליבן טריי אין דער גאַנצער צייט פון מיין טעטי־קייט. די ענדערונגען, וואָס זיינען אין דעם משך פון פינף און צוואַנציק יאָר פאָרגעקומען אין מיינע אָנשויאונגען, האָבן געבראַכט מיט זיך נישט קיין אָפּ־לייקענונג, נאָר אַ פאַרשטאַרקונג, באַרייכערונג און פאַרטיפונג פון יענע גרונט־פּרינציפּן, אין דעם „אַ ייד צו יידן"..."

אָבער אויב אין פאַרשיידענע פראַגן און פּראָבלעמען פונעם יידישן לעבן, פון דער יידישערווירקלעכקייט קאָן מען געפינען פאַרשיידענע, אָפטמאָל טיפע חילוקי־דעות (מיינונגס־פאַרשיידנקייטן) ביי דר. ח. זשיטלאָווסקי און מ'קאָן אָפּפרעגן דעם זשיטלאָווסקי פון פאַרשיידענע צייטן, איז אין באַצוג צו דער יידישער שפּראַך און איר ראָלע אינעם יידישן לעבן, אין באַצוג צו דער יידישער ליטעראַטור (וואָס איז ביי אים פיל מער ווי בלויז ליטעראַטור, נאָר טאַקע קולטור אין רייכסטן און טיפסטן זינען פון וואָרט), אין באַצוג צו דער שפּראַך און קולטור פונעם יידישן פאָלק איז דר. ח. זשיטלאָווסקי פון זיינע סאַמע יונגע יאָרן ביזן לעצטן אָטעם געבליבן דער זעלבער עקשנותדיקער, אויסגעהאַלטענער באַגייסטערער און אָן־פּשרותדיקער קעמפער.

* * *

אין אונדזער איצטיקער אָפּהאַנדלונג ווילן מיר טאַקע ברענגען אייניקע מאַטעריאַלן וועגן דר. ח. זשיטלאָווסקיס שטעלונג צו יידיש. מיר ווען, פאַר־שטייט זיך, אַרויסכאַפּן פון זיינע צענדליקער גרעסערע אַרבעטן און הונדערטער אַרטיקלען בלויז אייניקע שטעלן, וואָס וועלן באַשיינפּערלעך ווייזן די גרונט־פּרינציפּן און הויפּט־געדאַנקען, וואָס דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעבראַכט אין פאַרטיידיקונג פון דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין פון פאַרשיידענע זייטן שאַרפע אָנפאַלן.

ס'איז באַקאַנט, אַז נאָך אין 1885 (אין עלטער פון 20 יאָר) האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק און שוין געהאַט געמאַכט די צוגרייטונגען צו גרינדן אַן אומלעגאַלע יידישע אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „תשועת ישראל" — „צו קעמפן פון איין זייט קעגן חיבת־ציון און פון דער אַנדערער זייט צו פאַרטיידיקן די אידייע פון אַ פּראָגרעסיוו־יידישן נאַציאָנאַליזם אויף סאָציאַליסטישע יסודות מיט יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך".

לאָמיר געדענקען, אַז דאָס איז געווען עטלעכע יאָר איידער י. ל. פּרץ האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשט ליד אין יידיש און נאָך איידער שלום־עליכם האָט אַרויסגעגעבן זיין „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" (1888).

אין 1896 האָט זשיטלאָווסקי אָרגאַניזירט אַ גרופּע אויסלענדישע יידישע סאָציאַליסטן מיטן צוועק „צו שאַפן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש", און דר. זשיטלאָווסקי האָט אָנגעשריבן אַ פאָרוואָרט צו די דאָזיקע אויסגאַבן אונטערן נאָמען „פאַרוואָס דווקא יידיש ?". אָבער דער „בונד", וואָס האָט געהאַט אַן אַנדער שטעלונג צו יידיש, האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו דרוקן דעם פאָר־וואָרט.

דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט זיין שטעלונג צו יידיש פאַרטיידיקט אין זיין וויכטיקער אַרבעט „ציוניזמוס אָדער סאָציאַליזמוס ?", וואָס ער האָט אונטערן נאָמען בן־אהוד געדרוקט אין דער בונדישער צייטשריפט „דער יידישער אַרבעטער", אַרויסגעגעבן פון דעם „אַלגעמיינעם יידישן בונד אין רוסלאַנד און אין פוילן", מערץ 1899, אין דער שווייץ.

מיר ברענגען דעם אויסצוג, וואו ס׳רעדט זיך וועגן דער יידישער שפּראַך און דער יידישער ליטעראַטור (פונעם פינפטן און לעצטן קאַפּיטל פון דער אָפּ־האַנדלונג), בלויז מיט אָרטאָגראַפישע ענדערונגען:

„... דערצו נאָך — שרייבט בן־אהוד־דר. ח. זשיטלאָווסקי — האָפן מיר אַלס יידן: ערשטנס, אַז די יידישע פאָלקס־ליטעראַטור, וואָס דער יונגער יידישער דור האָט אין דער לעצטער צייט פאַרשאַפן פאַר דאָס יידישע פאָלק, וועט אַלץ וואַקסן און וואַקסן, וועט אַלץ צוציען מער טאַלאַנטן צו זיך, און וועט זיך דערשלאָגן צו אַזאַ מדרגה, אויף וועלכער עס שטייען די שענסטע איראָפּייאישע ליטעראַטורן. מיר האָפן, אַז די יידישע שפּראַך, וואָס איז אונדז אַזוי טייער און הייליק, ווי דעם דייטש די דייטשע, דעם רוסן די רוסישע, און ווי דעם אַלטן יידן זיין לשון־קודש, וועט אַלץ־רייכער ווערן אין ווערטער און אין אויסדריקן. זי איז נאָך איצטער אָרעם, האַרט און ברעקלדיק, ווייל די יידישע געלערטע, די געבילדעטע, די פּאָעטן און די בעלעטריסטן שרייבן נאָך נישט אויף יידיש, אָבער ווי נאָר די קינסטלער פון דער שפּראַך וועלן אין דעם פלאַם פון טאַלענט פאַנאַנדערוואַרעמען דאָס מאַטעריאַל פון דעם יידישן לשון, אַריינגיסן עס אין אַנדערע פאָרמעס, מאַכן פון אַן אַלט וואָרט דריי נייע, צוטרעפן דעם פאָלקס־געשמאַק אין דעם, ווי ער דריקט זיך אויס, וועט דער יידישער לשון ווערן רייך און וווייך־פליסנדיק און אין אים וועט מען קאָנען אויסדריקן אַלץ וואָס מען וויל."

און ווייטער זאָגט בן־אהוד (דר. ח. זשיטלאָווסקי) אין זיין דערמאָנטן אַרטיקל: „... און ווי נאָר די יידישע ליטעראַטור וועט ווערן רייך אין ביכער פון אַלערליי וויסנשאַפטן, וועט דער יונגער דור נישט דאַרפן זוכן די ערשטע נויטיקע קענטעניש ביי די פרעמדע פעלקער. זיינע מענטשלעכע געפילן און זיינע פרייע געדאַנקען וועט ער קאָנען אויסבילדן אין דער היים אין דער

אייגענער שפּראַך. דאָס וועט אים נאָך מער צוביגדן צו זיין פאָלק. אַלץ וואָס ער וועט אויפטאָן אין ווימנשאַפט, אין קונסט וועט ער פאַרעפנטלעכן אויף יידיש, און די יידישע קולטור, די יידישע בילדונג וועט אַלץ וואַקסן אָן אָן אויפהער, און וועט ווערן אַ מוראדיקע קראַפט, וואָס וועט צונויפבינדן איג־איינעם ניט נאָר די געבילדעטע מיט דעם פאָלק, נאָר אויך אַלע יידן פון אַלע לענדער...״

און דאָן קומט אַזאַ אָפּזאַץ: „ווייטער האָפן מיר, אַז די יידישע פּראָלע־טאַריער פון אַלע לענדער וועלן מאַכן איין האַנט און וועלן גרינדן איין זעלב־שטענדיקן אַלגעמיינעם אַרבעטער־בונד, וואָס וועט אומעטום באַשירעמען די אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק און וועט אומעטום העלפן די פעלקער, צווישן וועלכע די יידן לעבן, גיכער דערשלאָגן זיך צו אונדזער אַלעם העכסטן ציל, צו סאָציאַליזמוס און פרייהייט, און אין דער פרייער סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט וועט דאָס יידיש פאָלק פירן זיין לעבן אַזוי ווי עס וועט אים בעסער געפעלן. מיר, יידן, וועלן האָבן אונדזערע אייגענע שיין און קלוג־איינגעפירטע חדרים, אונדזערע גימנאַזיעס און רעאַל־שולן, אַפּילו אונדזערע אייגענע אוני־ווערסיטעטן. אויב דריי מיליאָן שווייצער קאָנען אויסהאַלטן צען אוניווערסי־טעטן און אַקאַדעמיעס, וועלן די זיבן ביז אַכט מיליאָן יידן, וואָס רעדן יידיש, אַוודאי קאָנען אויפהאַלטן פינף און צוואַנציק! און אויף אַזאַ אופן וועט דאָס יידישע פאָלק ווערן איינס פון די געבילדעטסטע צווישן די פעלקער.״

„אין דער אַלטער וועלט — זאָגט ווייטער בן־אהוד־דר. ח. זשיטלאָווסקי— האָט געהערשט דער כלל: דאָס פאָלק — דאָס איז זיין מלוכה! און דעריבער האָט יעדעס פאָלק געזוכט צו האָבן אַן אייגן לאַנד און אַן אייגענע מלוכה. אין דער נייער וועלט אָבער וועט זיין אַ כלל: דאָס פאָלק — דאָס איז זיין קולטור, זיין בילדונג! און דעריבער קאָן דאָס יידישע פאָלק בלייבן פּאָליטיש און רעכטלעך וואוינען צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַלע פעלקער און דאָך בלייבן יידן...״ — — —

און בן־אהוד באַטאָנט, אַז „די קאַלטע און האַרטעווירקלעכקייט״, זי „פאָדערט פון אונדז, מיר זאָלן אויסאַרבעטן און אויסבעסערן אונדזער שפּראַך, ווייל אַז ניט וועלן מיר ניט קאָנען איבערגעבן דעם פאָלק די הויכע און קלוגע געדאַנקען פון דעם איצטיקן סאָציאַליזם״. די ווירקלעכקייט „פאָדערט פון אונדז, מיר זאָלן אויפהויבן אויף אַ הויכער מדרגה אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור, ווייל די יידישע אַרבעטער דאַרפן האָבן בילדונג און אויפקלערונג כדי צו באַפרייען זיך פון די אַלטע געדאַנקען, כדי צו קוקן מיט אַ קלאָרן בליק אין דער וועלט...״

אויף וויפיל אָט די געדאַנקען וועגן יידיש און וועגן דער ראָלע פון דער

יידישער ליטעראַטור אינעם יידישן לעבן זיינען געווען אַפּיקורסיש אַפילו פאַר די ראַדיקאַלע קרייזן פון יענער צייט, רעדט גאַנץ קלאָר די פאָלגנדיקע באַ־מערקונג פון דער בונדישער רעדאַקציע צום קאַפּיטל 5 פון בן־אהוד־דר. זשיטלאָווסקיס אַרטיקל. מיר ברענגען די באַמערקונג וואָרט אין וואָרט:

„דיא רעדאַקציאָן פון דעם „אידישען אַרבייטער" געפינט פאַר נייטיק צו באַמערקן, אַז דער אַרטיקל 5 דרוקט אויס ניט אונזער נאָר דעם אויטאָר'ס מיינונג. מיר האַלטען זיך שטיף פאַר דעם פּרינציפּ, אַז וויא אַללע נאַציאָנען, אַזוי אויך דיא אידישע, דאַרפען האָבען גלייכע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע רעכט. מיר קעמפּפען אַפילו פאַר דאָס. אָבער צי וועט זיך דיא אידישע פאָלקס־שפּראַך, דער „זשאַרגאָן" אַזוי ענטוויקלען, אַז זיא וועט ווערען אַ קולטור־שפּראַך, צי וועט דאָס לעבען ברענגען דאַצו, אַז עס וועט זיך מיט דער צייט אויס בילדען אַ ספּעציעל אידישע ליטעראַטור און וויססענשאַפט, אַ ספּעציעל אידישע קולטור; צי וועט דיא וויססענשאַפט אויף אידיש שטיין אַזוי הויך, אַז דיא אידען וועלען קאָנען אין צוקונפט האָבען אידישע גימ־נאַזיעס אוניווערזיטעטען און אַנדערע שולען; צי איז נייטיק צו פאַרבינדען דיא אידישע אַרבייטער פון פאַרשיעדענע לענדער מיט גאַנץ אַנדערע פאָ־ליטישע בעדינגונגען — דאָס אַללעס זיינען פראַגען, אויף וועלכע עס איז שווער יעצט באַשטימט צו ענטפערען. יעדענפאַלס, פאַר דיסקוסיאָנען איז דער אַרטיקעל נישט איבעריג און מיר מיינען, אַז ער וועט דאַמיט ברענגען פאַר דיא אידישע אַגיטאַטאָרען פיעל נוצען..."

און מערקווירדיק: מיט 38 יאָר שפּעטער הערן מיר די זעלבע באַוואָרע־נישן און דערווידערונגען פון דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג" (וואַרשע, 1טן יאַנואַר, 1937) קעגן דעם געפּלאַנטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. דער בונדיסט ח. ש. קאַזשדאַן, דער פאָרזיצער פון דער ציש"אָ, איז קעגן דעם קאָנגרעס, ווייל „די געמיינזאַמקייט און אַלוועלטלעכקייט פון די (יידישע) שול־און קולטור־באַוועגונגען אין באַזונדערע לענדער איז זייער פּראָבלעמאַטיש".

פיל קלאָרער און אַרומנעמענדיקער קומט אַרויס דר. ח. זשיטלאָווסקיס שטעלונג צו יידיש און צו דער יידישער קולטור אין די וויטערדיקע יאָרן, ווען אין פאַרבינדונג מיט די וויכטיקע רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונגען אין די יאָרן 1905־1906 שווימט אַרויף אַלץ־קאָנקרעטער די פראַגע פון דער יידישער שפּראַך אַלס וויכטיקער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר אינעם לעבן. מיר וועלן בלויז אַרויסכאַפּן אייניקע שורות פון דער מענגע אַרטיקלען, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט אין יענע יאָרן פאַרעפנטלעכט.

אין זיין אַרבעט „דער נאַציאָנאַליזם און די קלאַסן־פּאָליטיק", געשריבן אין 1908 (איבערגעדרוקט אין „געזאַמלטע שריפטן", באַנד 6, ניו־יאָרק, 1917),

שרייבט צווישן אַנדערן דר. ח. זשיטלאָווסקי: „דער גייסטיקער און קול־טורעלער מעמד פון דעם פּראָלעטאַריאַט הויבט אָן שטייגן און אין דער זעלביקער מאָס שטייגט זיין אַנטייל אין דעם קולטורעלן לעבן פון זיין פאָלק. ער הויבט אָן קודם־כל צו פאַרברויכן יענע קולטורעלע גיטער, פון וועלכע ער קאָן ציען נאַרונג פאַר זיין אויפגעוואַכטן קלאַסן־באַוואוסטזיין. אָבער אינ־איינעם מיט זיין קלאַסן־באַוואוסטזיין ווערט אויך אויפגעדעקט זיין מענטש־לעכער באַוואוסטזיין, וואָס נייטיקט זיך אין אַ רייכערער אַלגעמיינער בילדונג און אַנטוויקלונג. די באַדערפעניש אין העכערע בילדונגס־ און אויפקלערונגס־גיטער פון דעם פּראָלעטאַריאַט רופט אַרויס די פּראָדוקציע פון אַזעלכע גיטער."

און „אין דעם פּראָצעס — באַטאָנט ווייטער דר. ח. זשיטלאָווסקי — פון באַשאַפן און געניסן די נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן באַקומט אַ באַזונדער זין און אַ באַזונדער וואָג דער נאַטירלעכער נאַציאָנאַלער געפיל, — די ליבע צו די קולטור־אוצרות פון זיין פאָלק, צו דער שפּראַך, אין וועלכער ער געניסט זיי און צו דעם פאָלק, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט אָדער אַריבערגענומען פון דער פרעמד, — אַ נאַציאָנאַל־געפיל, פון וועלכן קיין מענטשן איז ניט פריי, אָבער וואָס איז ביי די קינדער פון אָן אונטערדריקטן פאָלק נאָך אַ סך שאַרפער, אידער געוויינלעך, און וואָס איז נאָר אויף אַ ווײַלע געוועזן פאַרחלשט ביי דעם פּראָלעטאַריאַט אָדער אָוועקגעשטופּט אויף דעם צווייטן פּלאַן, אַדאַנק דער הערשנדיקער קאָסמאָפּאָליטישער טעאָריע." (ז"ז 153־154.)

אָנהויב 1908 האָט דר. זשיטלאָווסקי געגרינדעט אין ניו־יאָרק די מאָנאַט־שריפט „דאָס נייע לעבן" און יוני 1908 איז דערשינען „דאָס פּראָגראַם און די ציל פון דער מאָנאַטשריפט" (16 ז"ז), וואָס איז אייגנטלעך אַ באַגרינדונג פון זיין וועלט־באַנעם, פון זיין קוק אויף פאַרשיידענע פראַגן און פּראָבלעמען פונעם יידישן סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן. און ס'איז אינטערעסאַנט ווי דר. זשיטלאָווסקי מאָלט דעם צושטאַנד פון דער יידישער שפּראַך און פון דער מעגלעכקייט אויסצודריקן אין איר די טיפערע געדאַנקען און באַגריפן.

„. . . די צווייטע מניעה — שרייבט דר. ח. זשיטלאָווסקי אינעם פּראָספּעקט — איז די שפּראַך, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דער בילדונגס־גראַד פון דאָס רוב לעזער אויף וועלכע מיר קאָנען האָפן. די לפי־ערך לאַנגע צייט, וואָס מיר האָבן אָוועקגעגעבן אויף שרייבן און האַלטן פאַרלעזונגען אין יידיש, האָט פון אונדז פאַרטריבן דעם לעצטן שמץ פון ספק בנוגע צו דער יידישער שפּראַך. עס איז פאַר אונדז זיכער און קלאָר, אַז זי האָט אין זיך די קראַפט אויסצודריקן די טיפסטע און פאַרוויקלטסטע געדאַנקען פון וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע; אַז אין איר, ווי אין יעדער אַנדערער קולטור־שפּראַך, קאָנען אַריבערגעטראָגן ווערן אַלע, אַפילו די שווערסטע ווערק פון די אַל־מענטשלעכער ליטעראַטור.

זי איז שוין אויסגעוואַקסן פאַר אַ געבילדעטן פובליקום. די שאלה איז אָבער: ווי גרויס איז דאָס יידישע פובליקום, וואָס וויל זיך „אַראָפּלאָזן" צו איר און אויסהערן זי?"

„כמעט אַלע פעלקער — זאָגט דר. זשיטלאָווסקי — האָבן אין אָנהויב פון זייער קולטורעלן געבאָרן זיין אָדער זייער קולטורעלער ווידערגעבורט דורכגעמאַכט אַ צייט, ווען זייער אינטעליגענץ האָט זיך געשעמט צו רעדן און צו לייענען אין דעם „פּאָלקס־זשאַרגאָן". אָבער ביי קיין פאָלק האָט ניט אַזוי אומפאַרשעמט לאַנג געדויערט דער צושטאַנד, ווי עס דויערט דאָס אומפאַרשעמטע שעמען זיך פון דער יידישער אינטעליגענץ..."

ווי מיר זעען, האָט שוין דר. זשיטלאָווסקין פאַרנומען נישט בלויז די פראַגע וועגן דער ראָלע פון יידיש אינעם יידישן לעבן, נאָר ס'האָט אים אויך טיף אינטערעסירט יידיש גופא, די מעגלעכקייטן פון דער שפּראַך און אירע אינעווייניקסטע פּיאַיקייטן פאַר וואוקס און אַנטוויקלונג.

אין דער זעלבער צייט, אין 1908, איז פאָרגעקומען אין טשערנאָוויץ די שפּראַך־קאָנפערענץ, — אַ וויכטיקע דאַטע אין דער קולטור־געשיכטע און אין דעם קאַמף פאַר די רעכט און פאַר דער אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך. דר. ח. זשיטלאָווסקיס באַטייליקונג אין אָט־דער קאָנפערענץ און דער קאַמף, וואָס ער האָט דאָרט געפירט פאַר יידיש — דאָס איז אַ רייך בלאַט קולטור־געשיכטע. און דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט יאָרן און יאָרן נאָך דעם נישט אויפגעהערט ביי יעדער געלעגנהייט אויפצומישן אָט־דעם בלאַט און ציען פאַראַלעלן און מאַכן אויספירן פון דעם אַלעם, וואָס ס'האָט זיך דאָרט געטאָן.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ האָט אויף דר. ח. זשיטלאָווסקין געמאַכט אַ באַזונדערן שטאַרקן איינדרוק, און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז נישט אינגאַנצן געווען צופרידן מיטן באַשלוס פון דער קאָנפערענץ בנוגע יידיש, דאָך איז טשערנאָוויץ געוואָרן ביי אים אַ מין אויסגאַנג־פּונקט פאַר אַ ווייטערדיקן פאַרשטאַרקטן קאַמף פאַר די רעכט און דעם אָנזען פון דער יידישער שפּראַך. אינעם זשורנאַל „דאָס נייע לעבן" (1909, נומ' 1) האָבן מיר אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג פון דר. ח. זשיטלאָווסקי אונטערן נאָמען „די יידישע שפּראַך־באַוועגונג און די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ", און עס איז צוגעגעבן, אַז עס איז פון „אַ באַריכט וועגן דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, געגעבן געוואָרן אויף אַ פאַרזאַמלונג, צונויפגערופן פונעם פאַראיין „דאָס נייע לעבן" . . ." דר. ח. זשיטלאָווסקי שטעלט זיך לכתחילה אָפּ אויף די פאַרשיידענע געפילן — פון שפּאָט, צאָרן, באַגייסטערונג, וואָס די קאָנפערענץ האָט אַרויסגערופן אין דער יידישער וועלט און דאָס, האַלט ער, איז אַ באַווייז, אַז די קאָנפערענץ איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש אינעם

יידישן לעבן. און דר. ח. זשיטלאָווסקי זאָגט דערביי: „די צוקונפט וועט באַווייזן, צי די גאַנצע יידישע שפּראַך־באַוועגונג איז געווען נאָר אַ קליינער פּאַראַגראַף אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, צי אַ שער־בלעטל צו אַ גאַנץ־נייעם פּרק. לעת־עתה (דערוויל—נ. מ.) מוזן מיר אָבער איינזען, אַז די יידישע שפּראַך־באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן פון דעם יידישן לעבן גופא, דאָס הייסט, אַז זי איז אַ טייל פון דער יידישער געשיכטע." און זשיטלאָווסקי זאָגט, אַז ער וועט די קאָנפערענץ „באַטראַכטן ווי אַ היסטאָריקער, און אויפדעקן די וואָרצלען, וואָס האָבן די קאָנפערענץ אַרויסגערופן אין לעבן." און אָפּשטעלנ־דיק זיך אויף פאַרשיידענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער שפּראַך־פראַגע ביי יידן, קומט דר. זשיטלאָווסקי צום אויס־פיר, אַז „די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן, וואָס פאַר־לאַנגען אָן אַ שום הנחה די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג פון יידישן פאָלק, פאַרלאַנגען אין דער זעלביקער צייט די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך. עס ליגט אין זייער אינטערעס צו פאָדערן קלאָר און דייטלעך און אָן אַ שום קאָמפּראָמיס, אַז די יידישע שפּראַך זאָל אומעטום, — אין דער שולע, אין דער ליטעראַטור, אין דעם אוניווערסיטעט און אין גע־ריכט — אָנערקענט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק."

דאָס איז פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט. און פון קולטורעלן קוק־ווינקל: „דאָס פאָלק — זאָגט דר. זשיטלאָווסקי — קאָן נאָר דעמאָלט אויפ־הייבן זיך צו אַ העכערער קולטורעלער מדרגה, ווען עס וועט האָבן ביי זיך אין דער היים זיינע אייגענע קולטור־קוואַלן, ווען עס וועט שעפּן אַלע זיינע קענטענישן און דעם גאַנצן געָנוס פון קונסט, ליטעראַטור און וויסנשאַפט פון דער שפּראַך, אין וועלכער עס רעדט, וועלכע עס פאַרשטייט." דר. זשיטלאָווסקי רעדט ווייטער וועגן דער אינטעליגענץ, וואָס דאַרף זיין צוגעבונדן צו דער שפּראַך פונעם פאָלק. „העברייאיש — באַטאָנט זשיטלאָווסקי — קאָן נים ווערן די שפּראַך פון פאָלק" און „עס איז דעריבער קלאָר ווי דער טאָג, אַז די קול־טורעלע לעבנס־נויט פון די מאַסן פאָדערט מיט דער זעלביקער קראַפט ווי זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישע לעבנס־נויט, אַז יידיש זאָל ווערן די שפּראַך פון דער אינטעליגענץ."

אין זיין אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג „דער ביטערער אמת", וואָס איז אַ שאַרפע און טרעפלעכע פאָלעמיק מיט די אַסימילאַטאָרן און ציוניסטן (גע־שריבן אין די יאָרן 1911־1912), שטרייכט דר. ח. זשיטלאָווסקי אונטער דעם געוואַלדיקן באַטייט פון יידיש אויך ווען ס'האַנדלט זיך וועגן „אַ גרינטלעכער רעוואָלוציע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דעם פאָלק", און דר. זשיטלאָווסקי פירט אויס: „אַן אייגענע יידישע קולטור מוז געשאַפן ווערן אין אַן אייגענער

שפּראַך, וואָס זאָל אויסבילדן און געבן שפּייז צו אַזוי פיל אינטעליגענטע טוער, און וויפיל דאָס יידישע פאָלק וועט זיך נויטיקן! די פּאַליטישע ציוניסטן מיט זייער פּראַקטישן בליק אויפן לעבן, מיט יענעם חוש פאַר רעאַלער ווירק־לעכקייט, וועלכן מיר טרעפן אָפט, ווי אַ נויטווענדיקן פּאַראַדאָקס, אין אַלע אמת־גרויסע אוטאָפּיעס, וואָלטן לייכט געקאָנט פאַרשטיין, אַז אַזאַ יידישע קול־טור אין גלות קאָן געמאָלט זיין נאָר אין איין־איינציקער שפּראַך: דער יידי־שער, און נישט דער העברייאישער, ווייל די שפּראַך פון דעם פאָלק קאָן מיט קנאַפּער מי אויפגעהויבן ווערן צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, בעת די שריפט־שפּראַך פון דער־אינטעליגענץ קאָן אפשר קיינמאָל נישט — אָדער אפשר אין משך פון דורות און דורות אַרום, — ווערן די גערעדטע שפּראַך פונעם פאָלק." (באַנד 6, ז' 209.)

און דר. ח. זשיטלאָווסקי אונטערשטרייכט נאָך אַמאָל אינעם סוף פון דער אָפּהאַנדלונג זיין אַרויסגעזאָגטן געדאַנק וועגן דער וויכטיקייט דורכצופירן אַ „צווייטע, גייסטיקע רעוואָלוציע, וואָס איז אַקוראַט אַזוי וויכטיק ווי די עקאָ־נאָמישע", און וואָס „דאַרף באַשטיין אין דער ראַדיקאַלער דורכפירונג פון דעם פּרינציפּ: די יידישע אינטעליגענץ פאַר דאָס יידישע פאָלק. די יונגע יידישע קולטור אין דער יידישער שפּראַך מוז, דורך דער אָרגאַניזאַציע פון דער דערציאונג, אויפגעהויבן ווערן צו דער מדרגה פון אַ פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור, וואָס זאָל קאָנען אויפציען אַן אינטעליגענטן יידישן דור און באַפרידיקן אַלע נויטן פון אַ פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַלן לעבן..." (ז' 242.)

ווייטערדיקע רינגען אין דער קייט פון דר. ח. זשיטלאָווסקיס אומ־קאָמפּראָמיסלעכן קאַמף פאַר דער חשיבות פון יידיש קאָנען מיר געפינען אין זיינע שריפטלעכע און מינדלעכע אַרויסטרעטונגען יעדעס מאָל, ווען די יידישע שפּראַך איז ערגעץ־וואו פון אינעווייניקסטע אָדער אויסנווייניקסטע שונאים אָנגעגריפן געוואָרן. דר. ח. זשיטלאָווסקי איז שטענדיק „אין פולער באַוואָפע־נונג" צו באַשיצן דאָס יידישע לשון פון זיינע אָנגרייפער אָדער אָנפאַלער. צוליב מאַנגל אין פּלאַץ מוזן מיר היפּערן און אַדורכלאָזן פיל וויכטיקע אַרויס־טריטן. מיר וועלן איצט זיך אָפּשטעלן בלויז אויף אייניקע.

אין אַן אַרטיקל „פאַר דעם כבוד פון אונדזער שפּראַך" („פון דעם טאָגבוך פון אַ יידישיסט") — שוין פון נאָמען אַליין פונעם קאָפּ און אונטערקעפּל איז צו זען דר. ח. זשיטלאָווסקיס וואַכזאַמקייט און טרייקייט צו יידיש („די וואָך", 18טן אַפּריל, 1930, ניו־יאָרק, נומ' 29),—שרייבט ער: „פון אַלע באַשלוסן, וואָס די ערשטע קאָנפערענץ פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט האָט אָנגענומען, זיינען מיר די טייערסטע: ערשטנס, די רעזאָלוציע, אַז די קאָנפערענץ נעמט־

אָן די פּרינציפּן־דערקלערונג פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג. אַזוי אַרום ווערט אויף דעם פראָנט־אָן פון אונדזער בנין אויך אויף ווייטער לויכטן די אויפ־שריפט: „יידיש אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך"...״

דר. ח. זשיטלאָווסקי דערציילט ווייטער אין אַן אַרטיקל: „שוין אויף די ערשטע זיצונגען פון דער איניציאַטיוו־גרופּע, וואָס האָט מיר אָנפאַרטרויט די פאָרמולירונג פון אונדזערע גרונט־פּרינציפּן, האָב איך געמאַכט דעם פאָרשלאָג, מיר זאָלן דערקלערן, אַז „יידיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אונדזער פאָלק" און ניט „אַ" נאַציאָנאַלע שפּראַך. דער „פּתח־אלף — אַ" האָט געשמעקט מיט דעם אלף־בית פון טשערנאָוויץ: אַ קאָמפּראָמיס־פאָרמע, וואָס האָט, נאָך מיין מיינונג נאָך, געפּאַראַליזירט די ווייטערדיקע אַרבעט פון יענער אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו מאַנען פון אונדז, אַז „ווער עס זאָגט „אַ", דאַרף אויך זאָגן „בע". ס'הייסט: דאָס יידישע פאָלק האָט צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן, ואלו הן: „אַ" — יידיש; „בע" — העברייאיש. און לפי זה דאַרף די יידישע קולטור־טעטיקייט געפירט ווערן אין יענע ביידע לשונות." און דר. זשיטלאָווסקי דערקלערט: „איצטער וואָלט איך בשום אופן נישט געקאָנט צושטיין צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אָפיציעל מסכים זיין, אַז העברייאיש איז אויך אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם איצטער־לעבנדיקן יידישן פאָלק..."

און דר. ח. זשיטלאָווסקי דערציילט ווייטער: „. . . ווען עס איז אויף די זיצונגען פון דער ערשטער איניציאַטיוו־גרופּע פאַרגעשלאָגן געוואָרן אַנשטאָט: „די נאַציאָנאַלע שפּראַך", די מילדערע פאָרמעל: „יידיש אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך", האָב איך דעם קאָמפּראָמיס אָנגענומען; זיכער ניט מיטן גאַנצן האַרצן; גיכער — מיט אַ „קנאָפּער מאַיאָריטעט" אין מיין האַרצן..." און נאָך דעם ווי ער שטעלט זיך אָפּ אויף די פאַרשיידענע עלעמענטן, וואָס אַדאַנק אַט דעם קאָמפּראָמיס וועלן זיי ווערן מיטקעמפער אין דער קולטור־געזעלשאַפט, זאָגט דר. ח. זשיטלאָווסקי: „איך בין באמת גליקלעך, וואָס די אויפשריפט „יידיש אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך" איז פאַרבליבן אויף דעם פראָנט־אָן פון אונדזער בנין. וואָלט די אויפשריפט אַראָפּגענומען געוואָרן, וואָלט איך געפילט פאַר מיין חוב תיכף אַרויסצוטרעטן פון דער קולטור־געזעלשאַפט און אָנהייבן אַ קאַמף פאַר אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איר לאָזונג זאָל זיין: „יידיש די נאַציאָ־נאַלע שפּראַך פון אונדזער פאָלק."

אַ וויכטיקער עטאַפּ אין דעם לאַנגיאָריקן קאַמף פון די יידישע פּראָג־רעסיווע מאַסן בראש מיט דר. ח. זשיטלאָווסקי פאַר די רעכט און פאַר דער חשיבות פון דער יידישער שפּראַך און איר קולטור איז געווען דער אַלוועלט־לעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן אין פּאַריז סעפּטעמבער 1937. נישט אומזיסט האָט שוין דער רוף צו אָט דעם קאָנגרעס

אַרויסגערופן פון איין זייט אַזאַ געוואַלדיקע באַגייסטערונג און דערהויבנקייט, און פון דער אַנדערער זייט — אַ שאַרפע, פאַרביטערטע קעגנערשאַפט אין פאַרשיידענע טיילן פון דער ידישער וועלט. און עס איז געווען פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך, וואָס דר. ח. זשיטלאָווסקי איז לכתחילה געווען פון די סאַמע ענערגישסטע און געטרייסטע אָנהענגער און דערנאָך — פון זיינע שטאַרקסטע באַשיצער און פאַרטיידיקער. מיט זיינעם יוגנטלעכן ברען און ליידנשאַפטלעכער איבערגעגעבנקייט האָט דר. ח. זשיטלאָווסקי זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם קאַמף פאַר דעם קאָנגרעס און דערנאָך — פאַרן איקוף. דר. ח. זשיטלאָווסקי אַליין האָט פאַרעפנטלעכט וועגן קאָנגרעס און איקוף פיל אַרטיקלען, וואָס ווען מ׳זאָל זיי אויפזאַמלען, וואָלט עס געבילדעט אַ גרויס, אינטערעסאַנט ווערק.

דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט צוגעשטעלט צום קולטור־קאָנגרעס אַן אויס־פירלעכן רעפעראַט, אין וועלכן ער האָט געגעבן אַן אינטערעסאַנטן טיפן אַנאַליז פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ פון 1908 און געמאַכט דערביי פּרעכטיקע פאַרגלייכן מיט דעם קולטור־קאָנגרעס. מיר שיקן אָפּ די לייענער צו דעם רעפעראַט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין דעם סטענאָגראַפישן באַריכט פונעם קאָנגרעס (ז״ז 70—85). מיר וועלן ציטירן אייניקע שטעלן, וואָס ווייזן, ווי זשיטלאָווסקי האָט אויפגעפּאַסט די צוויי וויכטיקע דאַטעס אין דער קולטור־געשיכטע פונעם יידישן פאָלק — טשערנאָוויץ 1908—פּאַריז 1937. שוין די נעמען פון אָט די צוויי וויכטיקע קולטור־געשעענישן: שפּראַך־קאָנפערענץ און קולטור־קאָנגרעס. „טשערנאָוויץ האָט געהאַט צו טאָן כמעט ווי נאָר מיט דער פאַרטיידיקונג פון דער אַלגעמיינער פאָרם און ניט פון אַ וועלכן עס איז „אינהאַלט״...״ און ווייטער: „די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט געלייגט די הויפּט־וואָג אויף דעם ענין שפּראַך, וואָס איז די אַלגעמיינסטע פאָרם פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור־ספערע, און ניט אויף די ענינים פון דער מענטשלעכער קולטור גופא, ניט אויף די וויכטיקסטע ענינים פון אַ מענטשלעכן לעבן בכלל און פון אַ נאַציאָנאַלן לעבן בפרט.״

און דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט גענומען דעם צושטאַנד פון דער יידישער קולטור־שאַפונג אין דער פּערספּעקטיוו פון אָט די דרייסיק יאָר קאַמף פאַר דער יידישער שפּראַך און ער קומט צו זייער פריידיקע און מונטערע אויספירן. דר. ח. זשיטלאָווסקי זאָגט: „מען באַקלאָגט זיך איצטער אויף אַ קריזיס אין דער יידישער קולטור־שאַפונג און אין דער אויסברייטערונג פון דעם „יידיש־לאַנד״. מיר דוכט זיך, אַז אָט די „איכהס״ (קלאָג־לידער—נ. מ.) שטאַמען מער פון די יינגערע דורות און ניט פון די עלטערע. מיר, די עלטערע, געדענקען נאָך די צייט, ווען ס׳איז נאָך ניט געווען קיין יידישע וועלטלעכע שול מיט יידיש ווי די שפּראַך פון די לימודים; ווען מען האָט נאָך ניט געקאָנט טראַכטן

וועגן אַ טעגלעכער צייטונג אין יידיש; ווען די שיינע ליטעראַטור איז געווען באַהערשט פון שמ״רס און בלאָשטיינס שוין גאָר ניט קיין שיינע ראָמאַנען; ווען וועגן דער איבערזעצונג פון אַזאַ קאַפּיטאַל ווערק ווי קאַרל מאַרקס „קאַפּי־טאַל״, אָדער דאַרווינס „אַנטשטייאונג פון די מינים״, אָדער ספּינאָזאָס „עטיק״, אָדער ספּענסערס פילאָסאָפיע, האָבן נאָר איינצעלנע געקאָנט טרוימען; ווען שרייבן אַ גרויס פילאָסאָפיש ווערק אין יידיש האָט גאָר קיינעם ניט געקאָנט אַרויפקומען אויפן זינען.״

„ווי ווייט איז יענע צייט פון אונדז! — רופט אויס דר. זשיטלאָווסקי. — וויפיל מיליאָנען יידן איבער גאָר דער וועלט לעבן זיך איצטער אויס קולטורעל אין דער יידישער שפּראַך־ספּערע און באַפרידיקן זייערע קולטורעלע נויטן אין יידיש!״ און ער רעכנט אויס די פאַרשיידענע פריידיקע דערשיינונגען און ער גיט צו: „און אַזאַ אויסלעבן זיך אין דער גייסטיקער שפּראַך־ספּערע פון יידיש וואַקסט און שפּרייט זיך פאַנאַנדער אין אַלע לענדער פון דער וועלט, וואו עס געפינען זיך גרעסערע אָדער קלענערע קיבוצים פון מזרח־אייראָ־פּייאישע יידן.״

און אָט ווי זשיטלאָווסקי פאָרמולירט טרעפלעך דעם פאַרגלייך צווישן טשערנאָוויץ 1908 און פּאַריז 1937: „. . . אין דער יידישער שפּראַך־ספּערע, פאַר וועלכער טשערנאָוויץ האָט געקעמפט, איז שוין באַשאַפן געוואָרן אַ יידישע קולטור־ספּערע אין אירע פאַרשיידענע אַרויסצווייגונגען — אַ קולטור־ספּערע, וואָס וואַקסט סיי אין דער קוואַנטיטעט פון דעם געברויכטן יידישן וואָרט, סיי אין דעם באַדייט אירן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. די אַלגעמיינע שפּראַך־פאָרם, וואָס איר באַדייט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין טשערנאָוויץ, האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ נייעם קולטור־אינהאַלט...״

אין אַ רעפעראַט, וואָס דר. ח. זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן די לעצטע פאַר יאָר אויף דער טעמע „רעליגיע, קולטור, שפּראַך״, האָט ער באַזונדערס באַ־טאָנט די קאָלאָסאַלע ראָלע פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור אויף יידיש: „די באַשאַפונג פון אַ נייער פּראָגרעסיווער, וועלטלעכער קולטור־ספּערע אין יידיש, וואָס זאָל פאַראייניקן אין איינס די פאָלקס־מאַסן מיט די שאַפנדיקע גייסטער פון אונדזער פאָלק, איז אַ געוואַלטיקע רעוואָלוציע אין אונדזער לעבן. אַזוינס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין דער קולטור־געשיכטע פון אונדזער פאָלק. די אַנטוויקלונג פון אָט דער נייער קולטור־ספּערע הענגט אָפּ פון דעם היסטאָרישן גורל פון אונדזער פאָלק, און צוריק: דער היסטאָרישער גורל פון אונדזער פאָלק הענגט ביז גאָר אַ גרויסן גראַד אָפּ פון אָט דער רעוואָלוציע אין אונדזער קולטורעלן לעבן, פון דער נייער קולטור־ספּערע אין יידיש.״ (דער רעפעראַט איז פאַרעפנטלעכט אין „ייד און וועלט״, 1945, ז״ז 182—199.)

אַ ווייטערדיקן שריט אין דער אויסקריסטאַליזירונג און אויספאָרמירונג פון די הויפּט־געדאַנקען וועגן דער יידישער קולטור אַלס אַ וויכטיקער און עיקרדיקער פאַקטאָר אינעם יידישן לעבן, האָט דר. זשיטלאָווסקי געמאַכט אין זיינע אַרבעטן — אַרטיקלען און רעדעס, — וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן איקוף.

אין זיין בראָשור „אונדזער נייער קולטור־ווילן" (אַרויסגעגעבן דורכן איקוף, נאָוועמבער 1941, צו די יובילײ־פייערונגען) פּרוּווט דר. ח. זשיטלאָווסקי זיך דערגרונטעווען צו די וויכטיקסטע יסודות פון דעם „נייעם יידישן קולטור־ווילן", וואָס איז „אַן אויסדרוק פון די טיפסטע לעבנס־בויטן פון אונדזער פאָלק".

צווישן די יסודות, וואָס עס רעכנט אויס דר. זשיטלאָווסקי, האָבן מיר דעם יסוד, אַז „דאָס יידישע פאָלק איז אַ קולטור־שאַפנדיקע, אַ קולטור־געניסנדיקע איינהייט, וואָס בויט איר מענטשלעכן לעבן, אין אַלע זיינע מעגלעכע מאַטעריעלע און גייסטיקע ריכטונגען, אין אַן אייגענער נאַציאָנאַלער שפּראַך־ספערע..." און אַז „דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער פּעריאָד פון אונדזער געשיכטלעכן לעבן פאָדערט, אַז די פּסיכישע באַהעפטונגס־פעדים וואָס פאַר־אייניקן אונדז אַלעמען אין איין נאַציאָנאַל־קולטורעלער איינס, זאָלן דווקא זיין יענע פעדים, וואָס אונדזער פאָלק האָט אויסגעשפּונען אין זיין יידיש. דאָס איז דער מאָדערנער פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישער קולטור־פּרינציפּ פון אַ קול־טורעלן לעבן און שאַפן, אַז די שפּראַך פון די גרויסע פאָלקס־מאַסן דאַרף אויך זיין די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם גאַנצן פאָלק, און אַז ס'טאָר ניט דערלאָזן ווערן, עס זאָל אויסגעבויט ווערן אַ שפּראַך־מחיצה צווישן די פאָלקס־מאַסן און דער שאַפנדיקער און פירנדיקער אינטעליגענציע, אָדער אַז אַ שפּראַך־מחיצה זאָל אויפקומען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פון איין לאַנד און דער יידישער באַפעלקערונג פון אַן אַנדער לאַנד." (זע „אונדזער נייער קולטור־ווילן", ז"ז 12־13.)

און טריי זיין לאַנגיאָריקן קאַמף פאַר די רעכט און חשיבות פון דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור, האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי אין זיין רירנדיקער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער פייערונג פון פינף יאָר איקוף אין ניו־יאָרק (דעם 2טן יאַנואַר, 1943, פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קול־טור", מערץ 1943), ווי אויך אין זיין גלענצנדיקן רעפעראַט אויף דער קולטור־קאָנפערענץ פונעם איקוף (דעם 6־7טן מערץ, 1943, אַ קיצור פון רעפעראַט פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור", אַפּריל 1943) ווידעראַמאָל קלאָר אַרויס־געבראַכט די צילן, די וועגן און די אידעאָלאָגיע פון דעם יידישן קולטור־פאַרבאַנד אין פאַרבינדונג מיט דער איצטיקער גרויזאַמער צייט און מיט די גרויסע פּראָבלעמען און אויפגאַבן, וואָס וועלן שטיין פאַר אונדז ווען עס

וועלן אָפּגעווישט ווערן „די לעצטע שפּורן פֿונעם היטלעריזם" און ס'וועלן אָנקומען די גרויסע „יום־טוב־טעג פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט און פֿאַר אונדזער פֿאָלק".

דער עקשנותדיקער, אומקאָמפּראָמיסלעכער קאַמף פֿון דר. חיים זשיטלאָווסקי פֿאַר דער יידישער שפּראַך, פֿאַר אירע פֿולע רעכט אינעם יידישן לעבן, — דער קאַמף וואָס איז דורך אים געפֿירט געוואָרן איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט מיט גאַנצע, האַלבע און פֿערטל שונאים פֿון דעם יידישן לשון, איז אַ וויכטיקער, מערקווירדיקער. און אָן קיין ספֿק, אַז זיינע געדאַנקען, באַגרינדונגען און פֿאַרלאַנגען, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט אונדזער נאַציאָנאַלער יידישער שפּראַך דאַרפֿן שטיין פֿאַר אונדז אַלע אויך אין דער איצטיקער צייט, ווען מיר זיינען עדות פֿון נייע וואַקלונגען אין אָט דעם עיקר־פּראָבלעם פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

1943

ראובן ברײנין

קרוב צו זעכציק יאָר האָט ראובן ברײנין פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און ביכער; עטלעכע צענדליק יאָר איז ער געווען אײנער פון די פּראָדוקטיווסטע שרײבער, פריער אין דער העברעיִשער און דערנאָך אין דער ייִדישער ליטעראַטור; צענדליקער יאָרן איז ער געשטאַנען אין די ערשטע רײען פון די קעמפנדיקע און שאַפערישע ייִדישע פּערזענלעכקײטן, — און דאָך איז ער, זײַן לעבן און שאַפן, און בעיקר זײַן אַנטוויקלונגס־גאַנג אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײט און אין דער ייִדישער ליטעראַטור, — ווייניק באַקאַנט.

זײַנע אַמאָליקע פאַרערער, די העברעיִשע לײענער, קענען אים פון זײַנע ווערק, וואָס ער האָט מיט צענדליקער יאָרן צוריק פאַרעפנטלעכט; די שפּעטערדיקע פאַרערער, די פּראָגרעסיווע קרײַזן, ווייסן בלויז ברײנינען פון זײַנע לעצטע יאָרן און בלויז — פון אײנצלנע אַרטיקלען זײַנע.

ראובן ברײנין איז געבוירן מיט עטלעכע און אַכציק יאָר צוריק (אין 1862). דער אָנהייב פון זײַן באַוואוסטזיניקן לעבן און אַנטוויקלונג, דער אָנהייב פון זײַן געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער טעטיקײט שטעקט העט־העט ווײַט, אַפילו אין אָנהייב פון די 80ער יאָרן (זײַן ערשטער אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1881). ער האָט געלעבט אין ליאַדי און אין סמאָלענסק, אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג. ער האָט שטודירט אין ווין און שפּעטער זיך באַזעצט אין בערלין. ביז 1910, ווען ער איז אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע, און אויך אין די ווײַטערדיקע יאָרן, האָט ער זיך באַטייליקט אין פיל העברעיִשע און ייִדישע זאַמלביכער, צײַטשריפטן און צײַטונגען אין גאַר דער וועלט. אָבער בלויז אַ טייל פון זײַנע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען איז אויפגעזאַמלט אין זײַנע געקליבענע העברעיִשע כתבים (3 בענד, נישט אַרײַנגערעכנט זײַנע מאָנאָגראַפיעס איבער סמאָלענסקין, מאַפּו, הערצל), אין ייִדיש איז דערשינען בלויז אײן קלײנע זאַמלונג פון זײַנע אַרטיקלען (וואַרשע, 1910, 160 זײַטן).

ראובן ברײנין איז געווען אַרײַנגעוואָרצלט אינעם געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און ליטעראַרישן לעבן פון דער ציִוניסטיש־העברעיִסטישער וועלט. ער איז געווען אײנער פון די פירזאָגער, גרונטלײגער פון דער מאָדערנער העב־

רייאישער ליטעראַטור, אָבער דאָך איז ער, לויט זיין כאַראַקטער און פּאַרנעם גענוג אַנדערש פון דעם רוב העברייאישע שרייבער.

אין דער צייט וואָס דער גרעסטער רוב פון די עלטערע העברייאישע (און אויך יידישע) שרייבער האָט זיך שטענדיק געפונען אין דער יידישער סביבה, געלעבט און זיך אויסגעלעבט אין די יידישע שטעט און כסדר — צווישן אייגענע קרייזן, האָט ראובן בריינינען געצויגן אין דער ברייטער וועלט. ער האָט אָנגעקניפּט באַציאונגען און פריינטשאַפט מיט קינסטלער, דענקער, מיט ריכטונגען און אידייען פון דער גרויסער דרויסנדיקער וועלט. ער האָט אויפגענומען די נייע ווערק פון דער מאָדערנער אייראָפּייאישער ליטעראַטור און דערציילט וועגן זיי דעם העברייאישן לייענער. ער איז פונעם ווערק גע־קומען צו דער לעבעדיקער פּערזענלעכקייט, צו די וועלט־קינסטלער, זיך גע־טראָפן מיט זיי, זיי געבראַכט נעענטער צו דער יידישער וועלט, וואָס האָט מיט אַ 60, 50 און 40 יאָר צוריק געלעבט אַ זייטיק, איזאָלירט לעבן. אין אַלע זיינע אַרטיקלען, עסייען, באַגעגענישן מיט גרויסע פּערזענלעכקייטן פילן מיר דעם אייפער, דעם דראַנג צו באַנייען דאָס יידישע לעבן, אַריינצוברענגען נייע באַגריפן אין דער אָפּגעשטאַנענער יידישער וועלט.

ר. בריינין כאַראַקטעריזירט אַזוי זיך און זיין גאַנג אין דער ליטעראַטור: „איינע פון מיינע פאָדערונגען צו דער העברייאישער ליטעראַטור, וואָס איך האָב אויפגעשריבן אויף מיין פאָן, איז געווען: „אַלץ וואָס עס איז מענטשלעך, דאַרף ניט זיין פרעמד אויך דעם העברייאישן שרייבער."

און דאָס איז געווען די פאָן, וואָס ר. בריינין האָט געטראָגן אין דער יידישער גאַס אַ סך יאָרן, — מענטשלעכקייט, וועלטלעכקייט. אין דעם איז ער זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט אַ סך העברייאישע שרייבער און דענקער, און דער עיקר — מיט אחד־העם, וואָס האָט געוואָלט שאַפן אַלץ־נייע צוימען פאַר יהדות, פאַר יידישקייט, וואָס איז אינגאַנצן אַ וועלט פאַר זיך און וואָס, לויט זיין מיינונג, דאַרף אויך אויף ווייטער לעבן און אויסלעבן זיך אין די יידישע תחומים.

ר. בריינין האָט זיך אויך שטאַרק אויסגעטיילט און אויסגעצייכנט פון זיינע מיטצייטלער־שרייבער מיט זיין פשוטער, קלאָרער העברייאישער שפּראַך. ער האָט זיך באַמיט אויסצוראָטן די אָנגעבלאָזענע מליצה, די באַרעדעוודיקייט אין דער העברייאישער ליטעראַטור. ר. בריינין זאָגט עס טאַקע וועגן זיך: „קלאָרקייט און לויטערקייט — „הבהירות והצלילות" — צו זיי האָב איך גע־שטרעבט אַלע מיינע יאָרן זינט איך האָב גענומען די העברייאישע פּעדער אין מיין האַנט."

און מיר קאָנען צו דעם צוגעבן, אַז אויך דרייסטקייט, „חוצפה" — אין

דעם גוטן און פולן באַטייט פון דעם וואָרט — איז געווען די לעצטע יאָרן אויפגעשריבן אויף זיין נייער, קעמפּפערישער פאַן.

נאָך אין זיינע יונגע יאָרן האָט ר. ברײנין זיך געריסן פונעם ענגען יידישן וועלטל אין דער אָפענער, גרויסער וועלט. נישט געקוקט אויף זיין טיפער איינגעוואָרצלטקייט אין דעם יידישן באָדן, האָט ער געשטרעבט צו די ווייטע רוימען. ער האָט פאַרלאָזט גאָר אַ יונגערמאַן דאָס יידישע רוסלאַנד און זיך אַריבערגעקליבן קיין ווין, קיין בערלין. ער האָט שוין דאַן געהאָפט צו וואַרפן אַ בריק צווישן „מזרח" און „מערב". זיין העברייאישן זשורנאַל, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1894 אין בערלין, האָט ער טאַקע אָנגערופן „ממזרח וממערב", וואו ער האָט געפּרואווט שאַפן דעם סינטעז צווישן יידישקייט און אוניווערסאַלקייט. און אָפט האָט דער מערב אַרויסגעשטויסן ביי אים דעם מזרח. זיין באַציאונג אַריינצולעבן זיך וואָס־מער אין דער אייראָפּייאישער וועלט, זיך באַהעפטן מיט איר גייסט, זיך פאַרשלינגען מיט אירע אידייען, האָט געהאַט אַ פּאָזיטיוון און אויך אַ נעגאַטיוון איינפלוס אויף ר. ברײנינען. ער איז אָפט אַרויס אויף ברייטע וועלט־שליאַכן, אָבער דערביי האָט ער פאַרלוירן אָדער פאַרזען די טיף־אינעווייניקסטע געראַנגלענישן, פאַרמעסטן און דערגרייכונגען אין דער יידישער שאַפערישער וועלט. אָפטמאָל האָט ער פון דער ווייט נישט געקאָנט ווי געהעריק באַגרייפן און אָפּשאַצן וואָס עס טוט זיך אין דער יידיש־קינסטלערישער סביבה. האָט ער אין די יאָרן 1901—1905, ווען ס'הויבט זיך אָן אַ רענעסאַנס אין דער יידישער ליטעראַטור און ס'קומען צו נייע שרייבער פון נייע שיכטן, — האָט ער עס דאַן מיט דער לייכטער האַנט מבטל געווען.

אין זיינעם אַן אַרטיקל געשריבן אין יידיש *) וועגן דעם דיכטער מאָריס ראָזענפעלד זאָגט ראובן ברײנין: „דעם אמת זאָגנדיק, בין איך נישט קיין גרויסער למדן אין דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור. איך זאָג דאָס און שעם זיך דערמיט, ווייל איך רעכן, דאָס יעדער העברייאישער שריפטשטעלער, יעדער פּריינט פון אונדזער המון־עם, איז מחויב צו וויסן און צו לעזן אַלץ, וואָס ווערט געשריבן פאַר אונדזער פאָלק אין זיין גלות־שפּראַך..."

ער האַלט עס פאַר „אַ גרויסע זינד", נישט צו וויסן וואָס ס'טוט זיך אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער צו זיין „פּאַרענטפערונג" זאָגט ער, אַז ער „איז מער ווי צען יאָר פון רוסלאַנד", און ס'איז אים „אוממעגלעך צו באַקומען יידישע ביכלעך". און „אַזוי ווערט מען ביסלעכווייז, ליידער, דערווייטערט פון מאַמע־לשון". ר. ברײנין גיט צו: „אונדזער מאַמע־לשון איז

*) דער אַרטיקל איז געשריבן אַרום 1909. ער איז איבערגעדרוקט אין דער יידישער זאַמלונג אַרטיקלען (וואַרשע, 1910).

אַפילו זייער אָרעם, האָט אַפילו פיל חסרונות און איז אונדז צו־ענג פאַר אונ־דזערע נייע געדאַנקען און נייע געפילן. אָבער דאָך מאַמע־לשון און דער לשון פון מיליאָנען אָרעמע, אומגליקלעכע ברידער.״

אָט אַזוי קוקט דאַן ראובן בריינין, דער אייראָפּייער, דער העברייאישער שרייבער און ציוניסט, פון אויבן אַראָפּ אויף דער יידישער שפּראַך און אויף „די מיליאָנען אָרעמע, אומגליקלעכע ברידער״, וואָס קאָנען, לייענען און זיינען פאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך, וואָס אָט איז זי ביי אים די „גלות־שפּראַך״ און אָט שוין „מאַמע־לשון״.

ר. בריינין איז, ווי זיין שטייגער, אָפנהאַרציק און ער דערציילט ווייטער: „און ווי שטאַרק האָב איך זיך געשעמט, ווען זאַנגוויל, דער גרויסער דער־ציילער פונעם יידישן לעבן אין דער ענגלישער שפּראַך, האָט מיך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויפמערקזאַם געמאַכט אויף מאָריס ראָזענפעלד, און איך האָב נישט געוואוסט ווער ער איז.״

ס'איז זייער אינטערעסאַנט פאַר דער באַציאונג פון ר. בריינין צו דער שאַפנדיקער און וואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור זיין אָפּהאַנדלונג „לעבן און ליטעראַטור״ אין דעם דערמאָנטן באַנד „שריפטן״ (וואַרשע 1910). די יידישע ליטעראַטור איז פאַר אים אַ רעטעניש. ער זעט נישט דעמאָלט אין איר די ענגע פאַרבינדונג מיטן רעאַלן יידישן לעבן, ער זעט נישט זי זאָל אָפּשפּיגלען דאָס וואָס קומט פאַר אין דער יידישער וועלט. „איך נייג צו מיין אויער, איך פּרוּאוו זייער אויפמערקזאַם דערהערן פון אונדזער גייסטער יידי־שער שיין־ליטעראַטור די צוקונפט־מוזיק, דעם מאָרגנדיקן טאָג, די באַוועגונג פון דער שפּולקע אין דער וועב־שטול, וואָס וועבט אַ נייע שעה, אַ נייע עפּאָכע, אַ נייעם דור...״ „ניין — זאָגט בריינין — איך הער ניט, בין איך טויב, אָדער דאָרטן שפּילט ניט, באַוועגט זיך ניט.״ ער זעט טאַלאַנטפולע קינסטלער, אָבער זעט נישט קיין טאַלאַנטפולע וויכטיקע ווערק.

עס האָט שוין דאַן גראָד יאָ געשפּילט אין דער יידישער ליטעראַטור און עס האָט שוין גראָד יאָ „באַוועגט זיך״, אָבער ס'איז נישט דערגאַנגען צו ר. בריינין פון יענער צייט.

און גראָד ער, בריינין, דער וואָס געפינט זיך אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די אייראָפּייאישע קינסטלער און זייער גייסטיקער וועלט, — גראָד ער זאָגט אייניקע, גאַנץ־ריכטיקע ווערטער צו דער יונגער יידישער ליטעראַטור: „דו, חנעוודיקע יונגע פריילין, שוועב ניט אין דער לופטן, נאַש ניט צופיל פון פרעמדע טעלער, קלייב ניט קיין ברעקלעך פון פרעמדע טישן!״ און אַוודאי איז אמתדיק זיין וואָרנונג: „מעטערלינק איז דיר ניט אַ פּאָר, וועדע־קינד איז פאַר דיר קיין שידוך (נישט)! קום צו אונדז אַ ביסל נעענטער, שעפּ

אַ ביסל מער פון אונדזער אייגענעם, אַלטעגלעכן,ווירקלעכן לעבן. דאָס וועט דיר גאַנץ גוט טאָן. דייַנע בלאַסע באַקן וועלן רויטע פאַרב באַקומען, דייַנע פאַרחלומטע אויגן וועלן מער לעבן, מער אויסדרוק באַקומען.״

אין די עטלעכע באַמערקונגען, וואָס ר. ברייַנין מאַכט אין זייַן אַרטיקל וועגן אייניקע שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור, זייַנען טרעפלעך אָנגעוויזן די פעלערן פון אַ שטאַרקער שטרעמונג אין דער דעמאָלטיקער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שרייבן און זינגען וועגן דער „בלאַסער בת־מלכה״, וועגן דעמערונג, וועגן „עפּעס־אַזוינס״ און וועגן אַן „עמעץ״, און אַן „ערגעץ״...

יאָ, ראובן ברייַנין איז אַ לענגערע צייט געווען מחוץ דער שאַפנדיקער יידישער ליטעראַטור און נישט געקאָנט באַגרייפן ווי יידישע קינסטלער דייַנען אינגאַנצן פאַרטאָן אין דער יידישער וועלט און זייַנען באַאייַנפלוסט בלויז פונעם יידישן לעבן. אין זייַנעם אַן אַרטיקל וועגן שלום־עליכם („שריפטן״, וואַרשע 1910) האָבן מיר צווישן לויב־געזאַנגען אויפן אַדרעס פון שלום־עליכם אויך פאַרוואורפן, אַז „שלום־עליכם ווייס ווירקלעך ניט וואָס ס׳טוט זיך אין דער וועלט־ליטעראַטור, אין דער קולטור־וועלט, אין דער קונסט־וועלט״. ר. ברייַנין גיט צו: „פיליַיכט אַדאַנק דעם איז ער געבליבן יידישער, אייגנטימלעכער, שלום־עליכמדיקער.״ דעם אַרטיקל ענדיקט ר. ברייַנין: „און ער (שלום־עליכם) איז אין בערלין, און בכלל אין איראָפּע, ווי אין אַ פרעמדער וועלט. ער איז צו־ענג, צו־שטאַרק צוזאַמענגעקוואַקסן מיט זייַנע מאַזעפּעווקער און יעהופּעצער יידן. ער פאַרשטייט ניט די דייטשע יידן, ווי זיי פאַרשטייען אים ניט.״

דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אַמאָליקן ברייַנין, וועלכער האָט געלעבט אין דער גרויסער וועלט, געווען מער פאַרקניפּט און געבונדן מיט דער איראָפּייאישער ליטעראַטור, ווי מיט דער טיף־יידישער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די טיפענישן פון דער יידישער מאַסע.

ראובן ברייַנין איז אין דער העברייאישער שאַפערישער וועלט געווען אַ „גאָוואָטאַר״, אַ באַנייער, — אין העברייאישן איז דאָ דערויף אַ וואָרט „פּורץ־גדר״, אַ צוימען־ברעכער, אַ בונטאַר. און ער האָט עס נישט געטאָן ווי אַן „אַנגעדראָדלטער״, פון אויבן אַראָפּ, מיט אַ ברוגזער מינע צו די נידעריקע מאַסן און מיט אַן אָנשטעל, אַז ער ווייסט אַלץ און איז דעריבער אין כעס, הלמאַי די „פּראָסטע״ מענטשן ווייסן נישט.

אין 1923, ווען ר. ברייַנין איז צוגעטראָטן צו שרייבן אין יידיש זייַנע זכרונות „פון מיין לעבנס־בוך״, זאָגט ער, אגב, וועגן זיך:

„איך האָב קיינמאָל ניט געוואָלט, און איך לויט מיין טעמפּעראַמענט און וועזן נישט געקאָנט איינשליסן זיך אין אַן ענגן קרייז. אַלץ וואָס לעבט, וואָס דענקט, וואָס שאַפט און קעמפט, האָט מיך שטענדיק אינטערעסירט און שטאַרק צוגעצויגן. גראָד אין די קרייזן פון אידייען־קעגנער, אין קרייזן פון אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען, האָב איך געשמידט און געגרונדעט מיינע נאַציאָנאַלע אַנזיכטן (אָנשויאונגען). גראָד אין אַ גייסטיקער אַטמאָספערע, וואו די אַסימילאַציע איז געווען פאַרהערשנד, גראָד אין קרייזן, וואו מען איז געווען פיינטלעך צום יידנטום און זיינע האָפענונגען, — גראָד דאָרט האָב איך געשעפּט מיין באַגייסטערונג פאַר דעם יידישן רענעסאַנס, פאַר דער אויפלעבונג פונעם יידישן פאָלק און פאַר דער אויפלעבונג פון זיין קולטור..." („טאָג", 18טן מערץ, 1923).

דורך ראובן בריינין און דורך זיינע ווערק, גרעסערע און קלענערע, פלעכטן זיך דורך כמעט אַלע וויכטיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַריש־קינסטלערישע קאַמפן און געראַנגלענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער גרויסער וועלט. אין זיינע טויזנטער אַרטיקלען, זכרונות, שמועסן, פּאָרטרעטן, מאָנאָגראַפיעס און ביאָגראַפיעס גייען דורך הונדערטער און הונדערטער שרייבער, פּאָליטיקער, דענקער, דיכטער, מלוכה־מענער, פירער פון דער ציוניסטישע באַוועגונג, וואָרט־זאָגער פון דער העברייאישער און יידישער ליטעראַטור, קינסטלער, דראַמאַטורגן, וועלט־שרייבער, וואָס ראובן בריינין האָט אויף זיין לעבנס־וועג באַגעגנט און מיט וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין אינטימע שמועסן, אַרויסגעטראָגן אינטערעסאַנטע איינדרוקן און זיי לעבעדיק און ליידנשאַפטלעך געמאָלט. אַלטע און יונגע, קלאַסיקער און אָנהויבער, ווערק און ביכלעך — אַלץ איז אַדורך דורך זיין שאַרף אויג און וואַך האַרץ, און וועגן אַלץ און אַלעמען האָט ער געהאַט צו דערציילן לעבעדיק, אָנציענדיק, שפּאַנענדיק. און אָפטמאָל אויך אין אַ לייכטער פאָרם און אויבנאויפיק — וואָס מיר רופן איצט אַן „רעפּאָרטאַזש".

ער גופא איז געווען פאַרגאַפט, באַגייסטערט פון מענטשן, ביכער, פון אידייען, פון שיינקייטן, האָט ער די באַגייסטערונג איבערגעגעבן אין זיינע אַרטיקלען, עסייען, אָפּהאַנדלונגען.

ראובן בריינין, וואָס איז געווען פאַרוויגט ביי אַלעמען און אין דער ליטעראַטור־קריטיק ווי אַ קאַלטער באַאָבאַכטער, ווי אַן אָביעקטיווער שרייבער, איז אין תוך געווען אַ פאַנאַטישער לייענער און אַ פרומער חסיד פון גרויסע וועלט־רביים. איז דעריבער אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן אין פאַרשיידענע ציַיטן, געווען אייגנטלעך דער אויסדרוק פון אייגענע איבערלעבענישן, פון אייגענער התפעלות, פון אייגענער אויפטרייסלונג. ר. בריינין איז געווען פון

די סוביעקטיווסטע קינסטלער, ער איז געווען געפירט פון שטימונגען, פון געמיט־צושטאַנדן, און ער האָט זיך צוגעהערט אָפּטמאָל נישט צו דעם, וואָס אַנדערע זאָגן, נאָר דער עיקר האָט ער פאַרנומען וואָס עס זאָגט אים זיין אייגן האַרץ, זיינע אייגענע געפילן וועגן די פערזענלעכקייטן, וואָס ער דערציילט וועגן זיי.

אָט די אייגענע, פערזענלעכע, סוביעקטיווע מאָס און צוגאַנג צו מענטשן און וועלט, צו פּראָצעסן און דערשיינונגען איז איינער פון די הויפּט־ און עיקר־שטריכן פון ראובן ברייני‌ן דעם שרייבער, טוער, דענקער.

ער איז זיך דאָך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג, לויט אייגן־אָנגעצייכנטע וועג־צייכנס.

אַדאַנק אָט דעם צוגאַנג אָדער מעטאָד פון נישט צוהערן זיך צו שוין־אָפּגעמאַכטע, אָפּגעשמועסטע „זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייטן", האָט ראובן ברייני‌ן אין לויף פון יאָרן געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצולייקענען זאַכן, וואָס זיינען געוואָרן ביי אונדז הייליקייטן, פאַר וועלכע מ׳דאַרף זיך קניען און בוקן. ראובן ברייני‌ן איז אָפט געווען דער „הייליקייטן"־פאַרשווערער. ער איז גע־קומען און געטייטלט מיטן פינגער און געטענהט, אַז אָט דער אָפּגאָט איז גאָר־נישט, ער איז פון פשוטן האָלץ געמאַכט. אַזוי ווי אין דער יידישער לעגענדע האָט ער, ווי אברהם אָבינו, זיך אויסגעלאַכט פון געצן, און זיי מיט זיין האַק צעפּיצלט אויף שטיקלעך. לייענט אַדורך זיינע אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען, כאַראַקטעריסטיקעס וועגן אַ ריי העברייאישע אָנגעזעענע שרייבער, וועט איר זען, ווי ער שלעפּט אַראָפּ פון זיי די קרוין, וואָס די בטלנות און די קליינ־שטעטלדיקייט אין איר באַגרענעצטקייט און קליינקעפּלדיקייט האָבן זיי אָנגעטאָן.

ר. ברייני‌ן איז איינער פון די פאַרקעמפער און פאַרגייער פון אונדזער וועלטלעכקייט. לאָמיר גוט געדענקען, אַז מיט 50־60 יאָר צוריק האָבן מיר געלעבט אַ מאַטעריעל־ און גייסטיק־אָפּגעשטאַנענעם לעבן. דער מיטלאַלטער האָט אַריינגעלעבט אין אונדזער יידישער גייסטיקער וועלט שיער נישט ביז די לעצטע יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט. און יעדער ציגל, וואָס איז אַרויס־געריסן געוואָרן פון אָט דער דיקער און הויכער וואַנט, וואָס האָט אונדז אָפּ־געטיילט פון דער דרויסנדיקער וועלט, איז געווען געוואַלדיק וויכטיק. צווישן די, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן, אַרויס־פירן עס אויף די נייע וועגן, איז געווען אויך ראובן ברייני‌ן. מ. ז. פייער־בערג, וואָס איז אַזוי יונג געשטאָרבן, מ. י. בערדיטשעווסקי פון די פריערע יאָרן און אין דער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע מוכר ספרים, י. י. לינעצקי, י. ל. פּרץ און פיל אַנדערע — אָט די אַלע האָבן, יעדער איינער

אויף זײַן אופן און שטײַגער, געשטורעמט די װענט, װאָס די „כנסת ישראל״, די טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט, האָט אויפגעבויט קעגן און מיטן אײגענעם װילן אַרום זיך. אָט די פֿאַרװעלטלעכונג פֿונעם ייִדישן לעבן, פֿון דעם ייִדישן לעבנס־שטײַגער איז געגאַנגען בײַ די העברעיִשע שרײַבער מיט אַ זײער זיגזאַגישן װעג. זײ האָבן זיך אָפּטמאָל אַלײן דערשראָקן פֿאַר די אײגענע לאָזונגען און גיך פֿאַרקירעװעט אויף צוריק.

ס׳װאָלט געװען אינטערעסאַנט נאָכצוגײן אָט דעם אינטערעסאַנטן גאַנג פֿון ראובן ברײַנין — דער פֿאַרטײדיקער פֿון װעלטלעכקײט, פֿון הומאַניטאַרע אידײען, ביז זײַן פֿאַרהערלעכונג פֿון סאָװעטן־פֿאַרבאַנד.

ראובן ברײַנין איז מיט דער צײַט געװאָרן אַ בונטאַר קעגן זיך אַלײן, קעגן זײַנע אַמאָליקע אײַנשטעלונגען און אידעאַלן. און מיט דעם זעלביקן ברען, לײַדנשאַפֿט און אומדערשראָקנקייט האָט ער גענומען באַקעמפֿן אײגענע אײַנגעשטעלטע הײליקײטן, אויך אײגענע „אָנגענומענע שקרים״. און ער האָט עס געטאָן, נישט געקוקט אויף דעם, װאָס עס האָט אים געדראָט און ס׳האָט אים געבראַכט פֿולשטענדיקע איזאָלאַציע פֿון אַלע זײַנע לאַנגיאָריקע פֿרײַנט, פֿאַרערער, מיטגײער, מיטצײַטלער פֿונעם ציוניסטישן און העברעיִשן לאַגער.

אין דער הקדמה צום צװײטן באַנד העברעיִשע שריפֿטן (ניו־יאָרק 1936) שרײַבט ברײַנין צװישן אַנדערן, אַז צוטרעטנדיק אַרויסצוגעבן זײַנע װערק אין העברעיִש, מוז ער „אָפֿריער זאָגן אָפֿענע און קלאָרע װערטער װעגן דער ענדערונג, װאָס ער האָט אַדורכגעמאַכט אין משך פֿון יאָרן אין זײַנע מײנונגען און אָנשויאונגען װעגן דער גרויסער װעלט בכלל און דער ייִדישער בפֿרט״. און ער זאָגט דערבײַ: „איך האָב נישט געקאָנט שטײן בלײַבן די גאַנצע צײַט אויף אײן באַשטימטן און פֿאַרגליװערטן פּונקט. איך האָב מיך אָװעקגערוקט פֿון מײַן פּלאַץ — און לחלוטין נײַע האָריזאָנטן האָבן זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מיר, אין דער צײַט, װאָס מײַנע נעכטיקע חברים, — דאָס רוב העברעיִשע שרײַבער, — זײַנען פֿאַרבליבן שטעקן אויף זײערע פּלעצער, װי זײ װאָלטן געװען צוגעקלאַפּט צו זײערע ערטער מיט טשװעקעס. און פֿאַרשטײט זיך, אַז עס איז ברײט געװאָרן דער מהלך (דיסטאַנץ) צװישן אונדז. טיפֿע אָפּגרונטן טײלן אונדז פֿאַנאַנדער.״

ראובן ברײַנין, װי באַקאַנט, האָט די לעצטע יאָרן דורכגעמאַכט אַ גאַנצע רעװאָלוציע אין פֿיל גרונט־פֿראַגן פֿון דעם ייִדישן לעבן. און פֿאַר אָט דער איבערװאַנדלונג זײַנער האָט ער באַצאָלט זײער טײַער און פֿיל. זײַנע נאָענטסטע פֿרײַנט, פֿאַרערער האָבן אים פֿאַרלאָזט, האָבן אים נאָכגעװאָרפֿן שטײנער. אין אָט דער הינזיכט איז דאָ געמײנזאַמס צװישן אים און דר. חיים זשיטלאָװסקי, װאָס האָט אויך פֿאַר זײַנע דרײסטע אויפֿטריטן און פֿאַר די אומדערשראָקענע

געדאַנקען געהאַט אויסצושטיין געגוג אָנפאַלן. און ביידע אַט די גרויסע פער־זענלעכקייטן האָבן דער עיקר געטראָפן אין סאַמע פינטל אַריין מיט זייער האַרציקער, פריינטלעכער, טרייער באַציאונג צו דער סאָוועטן־מאַכט און צו די יידן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. פאַר אַט דער באַציאונג, וואָס די ביידע גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, די פאַרדינסטפולע שרייבער־דענקער, האָבן אָפן און דרייסט פאַרטיידיקט, האָט מען זיי נישט געקאָנט מוחל זיין, און מען האָט שוין פאַרזען און פאַרווישט די צענדליקער יאָרן פון זייער געזעלשאַפט־לעכער און ליטעראַרישער טעטיקייט און די אַלע גרויסע ווערק און ווערטן, וואָס זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין די קולטור־שאַפערישע אוצרות פון דעם יידישן פאָלק.

אַט די איבערוואַנדלונג פון די צוויי לחלוטין אַנדערע און קעגנזעצלעכע פערזענלעכקייטן אין זייער טיפן עלטער אין שטאַרקע, טרייע פריינט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז באמת אַ מערקווירדיקע. דורך גאַנץ־פאַרשיידענע וועגן און געטריבן דורך גאַנץ־אַנדערשדיקע מאָטיוון זיינען זיי געקומען צו די זעלבע אויספירן, צו דער באַרעכטיקונג פון דער סאָוועטן־מאַכט.

ראובן בריינינס „ברעכן די צוימען" די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, זיין קאַמפּלוסטיקייט, זיין אומדערשראָקנקייט איז אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם מענטש און שרייבער ראובן בריינין, וואָס דאַרף ערשט געפאָרשט ווערן. דער פעריאָד, ווען ער האָט דערזען דאָס גרויסע, היסטאָרישע, וואָס יוירט אין דעם גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל און אינעם סאָוועטישן יידנטום בפרט, — איז באמת אַן אויסטערלישער אינעם לעבן פון ר. בריינין.

און אין דער סאַמע ערגסטער צייט פון שנאה, האַס, פאַראַכטונג צום סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, וואָס מ'האָט געהאַלטן אין פאַנאַנדערבלאָזן, אין פאַנאַנדער־שפּרייטן, איז ער געקומען מיט זיינע ליכטיקע, איבערצייגנדיקע אַרטיקלען און געטענהט: סטאָפּ! וואָגט נישט צו וואַרפן שטיינער אויף דעם לאַנד, וואו ס'געשעען וואונדער און וואו ס'קומט פאַר די לאַנג־דערוואַרטעטע מענטש־אויסלייזונג און די גאולה פונעם יידישן פאָלק!

און ער האָט עס געטאָן ווי אַ פּרומער ציוניסט און ווי אַן אָרטאָדאָקסישער נאַציאָנאַליסט, און ער האָט עס נישט אויפגעהערט צו טאָן און באַטאָנען ווען מ'האָט אים „מעביר נחלה" געווען, און מ'האָט אים אַרויסגעיאָגט פון אַלע זיינע מאַטעריעלע און גייסטיקע פּאָזיציעס. אָבער ראובן בריינין, אין די עלטערע, זיבעציקער יאָרן, ווען ער איז שוין געווען פיזיש קראַנק און צע־בראָכן, פאַרמאָגט נאָך אַלץ דעם פייער, דעם מוט און די אייזערנע לאָגיק צו האַמערן ביי יעדער געלעגנהייט די לאָזונגען, די געדאַנקען, וואָס איצט, אין אונדזערע טעג, זעען זיי שוין אויס פאַר פיל, אויך פאַר די, וואָס האָבן אַזוי

ביטער און אכזריותדיק באַקעמפט אין זײן צײט ראובן ברײנינען, װי זעלבסט־פֿאַרשטענדלעכקײטן.

אין אַן אַרטיקל, װאָס ראובן ברײנין האָט געשריבן אין נאָװעמבער 1937 („ידישע קולטור״, אָקטאָבער 1944), רעדט ער קלאָר און דרײסט װעגן דעם נײעם לעבן, װעגן די נײע אידײען, װאָס האָבן באַהערשט די נײע מענטשן, די נײע גײסטער. און ער זאָגט אין זײן פּרעכטיקן אַרטיקל: „אין דער צײט, װען דער פּראָצעס (פֿון באַנײאונג — נ. מ.) קומט פֿאָר, און די געזיכטער פֿון די פֿעלקער פֿאַרענדערן זיך, זיצן די אַלטע דאָ, אַנונגסלאָז, גלײכגילטיק אָדער פֿײנטלעך. ביטע, נאָר ניט געשטערט. נאָר ניט געטרײסלט. דאָס סיסטעם, װאָס זײ, די אַלטע, האָבן געשאַפֿן, איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך דאָס סאַמע בעסטע.״ — אַזױ שרײבט דער גרײז־גרױער גײסטיק־אױפֿגעלעבטער ברײנין מיט חוזק. — „נײע באַװעגונגען רופֿן אַרױס אַ נײע פּירערשאַפֿט. די רעװאָ־לוציע פֿאַרלאַנגט אַ מוטיקע אונטערזוכונג פֿון לאַנגיאָריקע טראַדיציעס, די פֿאַרװאַרפֿונג פֿון אונדזער גײסטיקן אלף־בית, װאָס מיר האָבן פֿאַרװאַנדלט אין אונדזער גײסטיקן אײגנטום.״

און דער אַלטער ברײנין האָט װידעראַמאָל און אָבעראַמאָל אַרױסגעזאָגט זײן שטעלונג: „איך, אַלס טרײ־געבליבענער ציוניסט, זע נישט אײן קײן קאָנ־פֿליקט, קײן װידערשפּרוך צװישן עכטן און רײנעם ציוניזם און צוזישן בירא־בידזשאַניזם. דאָס ידנטום קאָן נאָר געװינען פֿון צװײ אױפֿגעבױטע סאָציאַ־ליסטישע רעפּובליקן — אײנע אין ארץ־ישראל און די אַנדערע אין סיביר.״

דאָס זײנען באמת נביאישע רײד, װאָס זײנען געװאָרן אַן אמת אױך פֿאַר אַלע די, װאָס האָבן אים יאָרן און יאָרן אַזױ ביטער באַקעמפֿט.

1946

חיים נחמן ביאַליק

1.

חיים נחמן ביאַליק — דער גרויסער העברייאיש־יידישער דיכטער — איז שוין זינט אַ סך יאָרן אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דעם אויבנאָן פון דער יידישער שאַפערישער וועלט, שוין יאָרן און יאָרן ווי ער איז קאַנאָניזירט געוואָרן און צוגערעכנט צו דעם אייזערנעם פאָנד פון דעם יידישן פאָלק.

עס איז נישטאָ נאָך איין שרייבער־דיכטער, וואָס איז ווי ביאַליק גלייך אַריין אין דעם קדשי־קדשים, אין די סאַמע העכסטע היכלות פון דעם יידישן שאַפערישן גייסט, און וואָס נאָך בעת זיין לעבן איז ער אַזוי פאַרערט און באַליבט געווען.

מיט וואָס דערקלערט זיך עס?

חיים נחמן ביאַליק איז געקומען אין דער העברייאישער ליטעראַטור אין דער צייט, ווען זי האָט זיך גענומען אָפּטרייסלען פון די פאַרעלטערטע, אָפּגעשטאַנענע מליצה־פאָרמען און אָפּטמאָל פוסטן, אויסגעליידיקטן אינהאַלט. דאָס רוב העברייאישע דיכטער פונעם צווייטן העלפט 19טן יאָרהונדערט (מיט גאָר קליינע אויסנאָמען, ווי דער יונג־פאַרשטאָרבענער דיכטער מיכ״ל און יהודה לייב גאָרדאָן—יל״ג) זיינען געווען אין געפענגעניש ביי די אויפגעבלאָזענע תנ״כישע מליצות, ביי די פאַרשיידענע אויסגעדראָשענע לשון־קודשדיקע פליטערלעך. זיי האָבן פאַרזען און אויסגעמיטן אייגענע איבער־לעבענישן און ס׳זיינען זיי פרעמד געווען אמתע נאַטור־בילדער.

ח. נ. ביאַליק איז געווען איינער פון די ערשטע, נאָך די דערמאָנטע צוויי גרויסע העברייאישע דיכטער, וואָס שוין מיט זיינע ערשטע לידער האָט ער גלייך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם בעסערן העברייאישן לייענער, און איבערהויפּט די ליבשאַפט פון דער אויפוואַכנדיקער יוגנט סוף 19טן יאָר־הונדערט, מיט זיינע טיף־האַרציקע איבערלעבענישן און מיט די שטאַרקע, אויפטרייסלענדיקע שילדערונגען פון דעם יידישן מענטשן אין זיין בענקשאַפט צו אַ געזונט און נאָרמאַל לעבן און מיט זיין דראַנג אַרויסצובאַפרייען זיך פון דער יאָך, פון דעם שפּינוועבס, וואָס דאָס טויזנט־יאָריקע טראַדיציאָנעלע

יידישע לעבן האָבן אַרויפגעלייגט אויף אים און פאַררוקט אים אין אַ ווינקל, פאַרשטעקט אים אין אַ גייסטיקן געטאָ.

אַליין אַ קינד פון דער געזונטער, נאַטור־רייכער וואָלין, אויפגעוואַקסן צווישן גרינע פעלדער און געדיכטע וועלדער, אַ קינד מיט אַ מאָסע אימפּעט און דראַנג פאַרן לעבן, האָט ח. נ. ביאַליק פון די סאַמע יינגסטע יאָרן געליטן בויט און דחקות און אַריינגעפאַלן אין דער שטיקנדיקער סביבה פון זיין אַלטן זיידן. אַט די ווידערשפּרוכן פון זיין אייגענער אימפּעטיקער און פולסירנדיקער נאַטור מיט דער מרה־שחורה, מיט די קרעכצן־זיפצן פון זיין מוטער, דער פינצטערער אלמנה, מיט די יונגע יתומימלעך — דאָס האָט אַרויפגעלייגט אויף אים אַ שטעמפּל, דאָס האָט זיך איינגעקריצט אין זיין נשמה, אין זיין גייסט אויף שטענדיק.

פון איין זייט — סנאָפּעס ליכט, שטראָמען פון קרישטאָל־ריינע קוואַלן, און פון דער אַנדערער זייט — זאָרגן, פּלאָגן, צרות און טרערן. אַט די ווידער־שפּרעכנדיקע מאָטיוון הערן ניט אויף צו פאַרנעמען דעם דיכטער פון זיינע ערשטע לידער, וואָס ער האָט געשאַפן אין 1892, ביז די סאַמע לעצטע לידער, וואָס ער האָט געשריבן מיט אַ דרייסיק יאָר שפּעטער, די לידער „יתמות״ (יתומשאַפט).

אַט אַזוי זעט אויס די דיכטונג פון דעם גרויסן העברייאיש־יידישן דיכטער ביאַליק. קלאָגט ער אַמאָל אין אַ ליד („הרהורי־לילה״, נאַכט־טראַכטעניש, 1892): „פון געבוירן אָן בין איך אין מיסט געוואָרפן, נישט אַרומגעוואַשן פון בלאָטע, בין איך אין שמאַטעס געוויקלט. אָן אויסגעדאַרטע ברוסט האָט מיר מיין פאַרזאָרגטע מאַמע אַרויסגעצויגן, פון איר האָב איך געזויגן דעם כוס פון סם. פון דאַן אָן האָט די שלאַנג זיך פאַרקליבן אין מיין האַרץ. די שלאַנג, וואָס פאַרגיפטיקט מיך און זויגט אַרויס מיין קראַפט. אוי, וואוהין זאָל איך פון איר צאָרן אַנטלויפן, אַנטרינען? לעבן לעב איך נישט און אויך שטאַרבן איז מיר שווער.״

אין דעם זעלבן ליד קלאָגט זיך ביאַליק, וואָס איז דאַן נאָך קיין צוואַנציק יאָר נישט אַלט געווען (ביאַליק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1873): „. . . פון געבוירן אָן האָט מיך גאָט באַשאַפן אַן אָרעמאַן, אַ קאַליקע, געגעבן מיר אַ שטעקן אין האַנט, און געזאָגט: גיי, גיי זוך לופט פאַר דיין אָטעם, גנבע ליכט פאַר דיינע אויגן.״

איבערגעלעבט אַ ניט־גרינגע יוגנט, ווערט ביאַליק אָפּגעשיקט דורך זיין פרומען זיידן אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, און אויך פון דאָרטן טראָגט ער אַרויס שווערע איבערלעבענישן, קלאָגענישן אויפן גורל פון יונגעלייט, וואָס פאַרטאַכלעווען אָן אַ זינען זייער לעבן אין די ווענט, וואָס זיינען פאַרצויגן

מיט שפינוזעבס, און דאָן, ווי אַן אויסדרוק פון די פּאָר יאָר פאַרברענגען דאָרטן, שרייבט ער אַן זיין גרויס ווערק „המתמיד", וואָס איז אַ מין אייגענער ווידוי און אויך אַ מצבה, אַ מאָנומענט אויף די, וואָס „לעבן אין אַ לעבן, וואָס איז שוין לאַנג בטל". ביאַליק גופא האָט זיך אַרויסגעריסן פון יענער וועלט און ער האָט מיט פרייד אויסגעשריען: „מיין מזל האָט נישט באַשערט, איך זאָל מיט אייך אינאיינעם פאַרלאָרן גיין!"

די פּאָעמע „המתמיד", אויף וועלכער ביאַליק האָט געאַרבעט גאַנצע זיבן יאָר (זי איז אַרויס אין יאָר 1895, ווען ביאַליק איז אַלט געווען 22 יאָר), איז געווען דער וויי־געשריי, דאָס קלאָגן פון גאַנצע דורות, וואָס האָבן דאָס לעבעדיקע, צאַפּלדיקע לעבן פאַרביטן אויף אַלטע אָפּגעשטאָרבענע וועלטן. און נישט אומזיסט האָט אָט די פּאָעמע מיט אַמאָל אַרויסגערוקט ביאַליקן פאַר דעם וואָרט־זאָגער, פאַר דעם שליח־ציבור פון דער יידישער יוגנט, וואָס האָט ווי ביאַליק געלעבט אין אַ וועלט פון שאָטנס, פון שפינוזעבס, פון פאַרצייטן.

נישט בעסער איז געווען דער צושטאַנד פון דעם דיכטער, ווען ער איז פון דער ישיבה געקומען צוריק אַהיים. נאָך עטלעכע יאָר זיין אין דער פרעמד, האָט ער אין זיין היים געטראָפן אַ שווערע שטימונג, אָרעמקייט, דער־דריקטקייט. אָט דעם צושטאַנד האָט ער זייער שאַרף און ווייטיקדיק איבער־געגעבן אין זיין באַרימטן שיר „בתשובתי" (ווען איך בין צוריקגעקומען).

אין יענער צייט, אין די לעצטע יאָרן פון דעם 19טן יאָרהונדערט, אין די יאָרן פון דער שווערער צאַרישער רעאַקציע, הויבט זיך אָן אַ קענטיקע אויפ־לעבונג אין רוסלאַנד: נייע כוחות דערוואַכן, נייע ווינטן נעמען בלאָזן, און אויך אין די טיפענישן פון דעם יידישן פאָלק הויבן זיך אָן אויפוועקן פאַר־שלאָפענע כוחות. עס הויבט אָן אויפצוקומען די ציוניסטישע באַוועגונג. עס קומט אויף די אַרבעטער־באַוועגונג. עס נעמען זיך הערן נייע מונטערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע לאָזונגען און באַשטרעבונגען, וואָס רודערן אויף די געמיטער און בלאָזן אַריין אַ נייעם גייסט אין די מוחות און הערצער פון דער יידישער יוגנט, פון די יידישע מאַסן. און אויך דער דיכטער, וואָס אָט ערשט האָט ער זיך געבעטן ביי דער שפין, ביי די פאַרטריקנטע פליגן (אין זיין שיר „בתשובתי"): „נעמט מיך, ברידער, אין אייער חברה, אינאיינעם וועלן מיר פוילן, ביז מיר וועלן אינגאַנצן פאַרשמעקט ווערן": אָט דער דיכטער, וואָס צו אַ 22 יאָר זעט ער אויס אין זיין דיכטונג אַן אַלטער, אָפּגעלעבטער, דער דיכטער באַקומט מיט אַמאָל פליגל, ער ווערט פול מיט פּאַטאָס און אימפּעט, און ער זאָגט אין אַ ליד: „אין מיר האָט זיך אויפגעוועקט מיט זיין גאַנצער קראַפט דאָס געפיל פון אַ דיכטער", און „פּלוצים איז זיין נשמה ענג געוואָרן צו לעבן אינעם שאָטן פון זיין הויז".

ח. נ. ביאַליק ווערט דער דיכטער פון ליכט, וואָס פאַרבלענדט די אויגן, פון אַ קראַפט, וואָס גיסט זיך אַריבער. אין זיין יידיש ליד „אויף דעם הויכן באַרג“, רופט ער אויס:

„גאַנצע וועלטן גייסט גיסט אין מיר אַריין
יעדער שטילער בלאָז, יעדער זונען־שטראַל;
מיט דעם פולן מויל טרינק איך לופט און שיין,
און אין האַרצן טיף עפנט זיך אַ קוואַל.“

עס קומט ביי ביאַליקן אַ פעריאָד, ווען ער איז אינגאַנצן פאַרפלייצט מיט שטראָמען פרייד און גליק. דאַן פאַרעפנטלעכט ער זיינע פרעכטיקע „ווינטער־לידער“, וואָס פאַרבלענדן מיט זייער ליכט און שיין. „אַלץ איז הפקר! — רופט אויס דער דיכטער. — היי, דו פורמאַן, טראָג מיך ווייט, געשווינדער, גיכער אין דער אומענדלעכער ווייטקייט, וואַרף מיין גייסט אין לעבנס־וויכער, טראָג מיך ווייט! וואוהין? נישט פרעג מיך. אַלצאיינס איז מיר! וואו נאָר עס גליט כאָטש אַ פונק פון פרייד און לעבן און אַ טראָפן בלוט עס זידט נאָר.“

און פונקט ווי עס האָבן מיט אַ פּאָר יאָר פריער געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק די טרויער־לידער פון ביאַליקן אויף די לייענער־מיטצייטלער פון ביאַליק, אַזוי האָבן, אויב נישט מער, אָט־די קרעפטיקע, אימפעטפולע לידער אַרויסגערופן גוואַלדיקע פאַרערונג צום דיכטער. די אויפגעוואַכטע פאָלקס־מאַסן, די לעבנס־שטרעבנדיקע און פרייד־גאַרנדיקע יוגנט האָט אויפגעכאַפּט אָט די מונטערע און קרעפטיקע מאָטיוון ווי לייבלעך־אייגענע, און דער דיכטער איז נאָך מער געוואָרן באַליבט און טיף־איינגעבאַקענער אין האַרצן.

אָט די פרישע, צאַפּלדיקע גבורה, אָט דער קוואַל פון פרייד און איבער־פליסנדיק גליק האָט זיך אויך געפילט אין די פּאָר פּראָזאאישע ווערק, וואָס דער דיכטער האָט אין יענער צייט אָנגעשריבן — אין זיין „אריה בעל־גוף“ און אין זיין „נח און מאַרינקע“. גאַר נישט אין איינקלאַנג מיט די טרויעריקע מאָטיוון און מיט די אומעטיקע טענער, וואָס מיר זיינען געוווינט צו הערן און צו שפּירן ביי מענדעלע, שלום־עליכם און פּרצן אין זייערע שיל־דערונגען פונעם יידישן לעבן, האָבן מיר פאַרנומען ביי ביאַליקן נייע געשטאַלטן און אַ נייע לעבנס־אויפפאַסונג פון דעם קרעפטיקן און זאַפטיקן וואָלין. ח. נ. ביאַליק האָט זיך דערשלאָגן צו די קוואַלן פון דעם קאָלאָריטרייכן יידישן לעבנס־שטייגער, און ער, דער ניט־לאַנג אויסגעשפּראָכענער דיכטער פון אומעט, פון פאַרצווייפלונג, פוז אומקום, האָט זיך מיטאָמאָל צעזונגען און צע־הוליעט אויף אַ ניט־געהערטן שטייגער. דאָס געזונטע און קרעפטיקע אינעם יידישן פאָלק און אויך אין אים גופא, אין זיין מונטערן כאַראַקטער איז גע־

קומען צום אויסדרוק דורך זיינע דערציילונגען, ווי אויך דורך אַ ריי לידער, וואָס ער האָט אַליין געשריבן אין ייִדיש.

אין איינעם אַ ליד „בשורה" (פון יאָר 1903), זאָגט ביאַליק:

„וואַקסט און מערט זיך, איר ליכט, אין מיין האַרץ,
מאַכט ציטערן זיינע סטרונעס און לעבט,
און מיט אַמאָל זאָלן אַלע מיינע איברים
אַ נייעם געזאַנג ברומען און זאָגן!"

אָבער אין סאַמע מיטן פון זיין פאַרשיכורנדיקער פרייד, אין סאַמע פריִען, צעבליטן פרילינג, ברעכט אויס דער פאָגראָם אין דער שטאָט קעשענעוו, און ווי דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק אין צאַרישן רוסלאַנד, אַזוי אויך ווערט ביאַליק, זיין דיכטער, אויפגעציטערט און אויפגעשוידערט. ביאַליקט קומט קיין קעשע־נעוו, ער נעמט אויף מיט אייגענע אויגן און מיט דעם אייגענעם האַרץ גאָר די גרויזאַמקייט און מוראדיקייט פון דעם געשעענעם. דער דיכטער פאַרבייט דעם פרילינג אויף דער שחיטה, ביאַליק זינגט דאַן אַרויס די שטאַרקע ווייַ־לידער, די צער־ און צאָרן־געזאַנגען, וואָס וועלן פאַרבלייבן די שענסטע פערל אין אונדזערע דיכטערישע פאָלקס־אוצרות.

אָט די ביאַליקישע פאָגראָם־ און שחיטה־לידער, סיי אין העברייאיש און סיי אין ייִדיש (איינקע האָט ח. נ. ביאַליק אַליין איבערגעזעצט און פאַר־ייִדישט, כדי זיי זאָלן דערגרייכן צום ברייטן ייִדיש־לייענענדיקן עולם), דינען טיף־איינגעקריצט אין די הערצער און געמיטער פון דעם ייִדישן מענטשן ביז אויף הייַנטיקן טאָג, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס איז שוין אַ פערציק יאָר ווי זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אָט דינען אַ פּאָר שורות פון דער דיכטערישער תוכחה־מגילה, פון זיין „אין שחיטה־שטאָט":

„דו לויפסט? צו ליכט און לופט אַנטלויפסטו?
אַנטלויף, אַנטלויף — דער הימל לאַכט אויס דיר!
די זון וועט דיך מיט שפּיזן אויסשטעכן די אויגן,
אַקאַציעס מיט פרישע גרינס־און־וויס באַצויגן
וועלן סמ'ען דיך מיט ריח פון בלוט און בליטן,
דיין קאָפּ מיט בלימעלעך און פעדערן באַשיטן,
און שטיקלעך גלאָז פון מיטן גאַס מיט טויזנט גלאַנצן
וועלן דיר אַנטקעגן אויף דיין בייז וואונדער טאַנצן . . ."

ביאַליק האָט געקריצט מיט די ציין, ער איז געווען פול מיט בושה און

פיך, גלייכצייטיק האָט זיין האַרץ געפּלאַצט פאַר ווייטיק. געפילן פון צער און מיטלייד האָבן זיך געמישט מיט געפילן פון צאָרן און קללה.

„פון שטאָל און אייזן, קאַלט, האַרט און שטום, שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענטש, און קום!" — רופט אויס דער דיכטער צו זיך אַליין. אָבער ער האָט נישט געקאָנט פאַרבלייבן פון שטאָל און אייזן. ער האָט זיך געקאַרטשעט אין מוראדיקע ווייטיקן. ער קלאָגט און ער שעלט, ער מאָנט און ער ברעכט אויס אין אַ געוויין:

„וואָס זשע וויינסטו, מענטש?
צו וואָס פאַרדעקסטו מיט די הענט דיין פּנים? —
קריץ שטאַרקער מיט די ציין און פלאַץ פאַר ווייטיק!"

ער טראָגט אַריבער דעם האַס, די שטראָף פון דעם פאָלק צו גאָט, צו גאָט וואָס האָט אים געשיקט צו זען דאָס פאָלק אין זיין געפאַלנקייט. און ביאַליק שרייבט די פּיינלעכע, גאָט־לעסטערנדיקע שורות:

„זייט מוחל אייער גאָט, איר אייביק פאַרשעמטע,
פאַר אייער ביטערן פינצטערן טויט.
אַז איר וועט קומען מאָרגן אונטער מיינע טירן
און אָנקלאַפּן ביי מיר און מאָנען לוין —
וועל איך אייך עפענען, קומט זעט, איך האָב נישט!
אַ גאָטס רחמנות איז אויף אייך, נאָר איך האָב נישט!
אַ יורד בין איך, גלייך מיט אייך פאַראָרעמט . . .
און ווי און ווינד, און ווי איז אַלע וועלטן!
אין וואָלקן איינגעהילט איר קאָפּ, וועט אייביק
מיין אַלטע שכינה וויינען שטיל פאַר בושה,
און נאַכט אויף נאַכט וועל איך אַראָפּ פון הימל
באַוויינען זיך אויף אייער קבר . . ."

די שחיטה־לידער, די צער־ און צאָרן־געזאַנגען האָבן געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין דער יידישער וועלט. זיי זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש און אויף אַנדערע שפּראַכן, און ביאַליק איז געוואָרן באַקרוינט מיטן נאָמען דער „נביא", דער „מוכיח" (דער שטראָפער), דער „משורר לאומי" (דער נאַציאָנאַלער דיכטער). זעלטן־ווען אַ דיכטער זאָל ביי זיין לעבן ווערן אַזוי פאַרגעטערט, פאַרהייליקט ביי אַ פאָלק, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט ביאַליקן.

נאָך אַט די לידער שרייבט ביאַליק אַן אייניקע פּאָעמעס, און צווישן זיי

טיילט זיך באַזונדערס אויס די וואונדערלעכע פּאָעמע „הברכה" (די סאָזשעלקע), וואָס האָט קיין גלייכן ניט מיט איר צאַרטקייט, שיינקייט און לירישע מאָטיוון; ווי אויך זיין סימבאָלישע, טיף־אייגנאַרטיקע פּאָעמע „מגילת האש" (די פייער־מגילה). ער פאַרעפנטלעכט די פּרעכטיקע אינטימע לידער „ואם ישאל המלאך" (אויב דער מלאך וועט דיך פרעגן) און „הכניסיני תחת כנפיך" (נעם מיך אַרונטער אונטער דיינע פליגל) און נאָך און נאָך.

ביאַליק האָט פאַר די צוויי און פערציק יאָר פון זיין שאַפן נישט פיל געשריבן. ער האָט פאַרעפנטלעכט פאַר די איבער פערציק יאָר אַ 125 העב־רייאישע שירים, אַ זעקס פּאָעמעס, עטלעכע קלענערע דערציילונגען, פיר לעגענדעס, אַ צוואַנציק עסייען, און ניט קיין סך לידער אין יידיש. דאָס גאָר! ח. נ. ביאַליק איז געווען פון די דיכטער, וואָס האָט אַ ליד זייער לאַנג אויס־געטראָגן, ביז עס איז אינגאַנצן צייטיק און רייף געוואָרן. דעריבער זיינען זיינע שאַפונגען אַזוי וואָגיק, אַזוי מייסטעריש פאַרפולקאָמט. די שורות אין זיין ליד זיינען ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. ביאַליק האָט זיך אויך זייער פיל אויס־געלעבט אין זיין רעדן, וואָס איז געווען שטענדיק באַזונדערס אינטערעסאַנט און גייסטרייך.

ביאַליק האָט זיך אויסער דעם צענדליקער יאָרן פאַרנומען מיט פיל־זייטיקע רעדאַקציאָנעלע און אַרויסגעבערישע טעטיקייטן. ער האָט אין דעם אַריינגעלייגט זיין נשמה, זיין האַרץ, זיין גרויס וויסן און אין אָט דער אַרבעט האָט ער פאַרברויכט און אויסגעלאָדן פיל ענערגיע און שאַפונג־שטאָף. ביאַליק האָט אויך גרויסע פאַרדינסטן, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט און סיסטעמאַטי־זירט און אַרויסגעגעבן די „יידישע אגדות" אין העברייאיש און זיי איבער־געזעצט (מיט זיין לעבנס־חבר, דעם נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם י. ח. ראַוו־ניצקי) אויך אויף יידיש. ער האָט אויך, צוזאַמען מיט י. ח. ראַווניצקי און דעם זיידן מענדעלע מוכר ספרים, איבערגעזעצט דעם חומש, די חומש־מעשיות אויף יידיש.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ח. נ. ביאַליק איז געווען יאָרן־לאַנג אין דעם קרייז פון די עקסטרעמע העברייאיסטן און איז געווען אַ חבר און תלמיד פון אחד־העם, אָבער דאָך האָט ער נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן זיך און טיף אין האַרצן האָט ער ליב געהאַט די יידישע שפּראַך און מיט באַ־זונדערער ליבשאַפט האָט ער אויפגענומען יעדן נייעם, צוזאָגנדיקן טאַלאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור. וועגן דעם קאָן מען פיל דערציילן, ווי אויך ברענגען ביאַליקס בריוו און דערציילן פאַקטן, וואָס ווייזן, ווי ביאַליק האָט געמונטערט און געהאָלפן יידישע שרייבער אַרויס אויף דער ליכטיקער שייך.

דער גרויסער רוסישער קינסטלער און מענטש מאַקסים גאָרקי האָט אין

זיין רעדע אין מאָסקווע אויף דעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרייבער, דעם 1טן סעפּטעמבער, 1934 (אַ פּאָר חדשים נאָך ביאַליקס טויט) געזאָגט צווישן אַנדערן: „ביי די יידן איז דאָ ניט לאַנג גע־שטאָרבן דער כמעט־געניאַלער פּאָעט ביאַליק."

דאָס איז נישט געווען איבערגעטריבן — ביאַליק איז אָן ספק איינער פון די גרעסטע און וואונדערלעכסטע דיכטער־פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער וועלט, איינער פון די טיפסטע און גייסטרייכסטע קינסטלער אין דעם יידישן שאַפן.

2.

די יינגערע דורות יידן, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן נאָך די קעשענעווער און האָמלער פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד און נאָך דער ערשטער רוס־לענדישער רעוואָלוציע, און אויך די אַלע, וואָס לעבן אין אַמעריקע איבער דריי צענדליק יאָר, — די אַלע באַגרייפן גאָרנישט וואָס חיים נחמן ביאַליק איז געווען פאַר אונדז, פאַר דעם דור, וואָס איז געוואַקסן און געלעבט אין רוסלאַנד אָנהויב הייַנטיקן יאָרהונדערט. ביאַליק האָט אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך אין יאָר 1891; ער האָט דעביוטירט מיט אַ העברעיִאישן שיר „אל הצפור" (צום פייגעלע) אין י. ח. ראַווניצקיס „פּרדס", אָדעס 1891, און דערנאָך פאַר־עפנטלעכט שירים אין פאַרשיידענע העברייאישע אויסגאַבן, — די שירים „משוט במרחקים", „בתשובתי", „בשדה" און אַנדערע, וואו ס׳זיינען געווען גרויסע דאַזעס פאַרצווייפלונג, רעזיגנאַציע און קלאָגענישן אויפן אייגענעם און פאָלקס־גורל.

אָבער מיר, ביי אונדזער קומען צו דער העברייאישער ליטעראַטור, האָבן מיר שוין געטראָפן גאָר אַן אַנדער ביאַליק, — אַ ברויזנדיקן, מונטערן און קעמפערישן, דעם ביאַליק פון די העלע, בלענדנדיקע ווינטער־לידער („משירי החורף"), ביאַליקן דעם גרימצאָרנדיקן און גאָטלעסטערנדיקן פון „משא נמירוב", „אין שחיטה־שטאָט", דעם זעלבסטזיכערן פון „לא זכיתי באור מן ההפקר" און נאַטירלעכן און פרידיקן פון „אריה בעל־גוף", — דעם ביאַליקן פון 1903—1907, ווען ער האָט אַרויסגעשריגן אונדזער אַלעמענס „צער און צאָרן"־וויטיק און אַרויסגעזונגען דעם הפקרדיקן „פריילעכס" אויף צו־להכעיס און אויף צופיקעניש אונדזערע שונאים. אתדזער דור איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט יענעם ביאַליק, נישט צום אָפּרייסן און נישט צום אָפּשיידן, און זיין יעדעס אויסגעהאַקט און אויסגעהאַמערט ווי פון שטיין ליד אָדער פּאָעמע איז געווען שיר דאָס געזאַנג, וואָס איז געווען שענער און בעסער פון אַלע געזאַנגען סיי פון די יידישע און סיי פון די העברייאישע. מיט זיין יעדן נייעם

שיר האָט אַרויסגעזונגען און מיטגעזונגען גאָר די יידישע יוגנט, וואָס איז אויפגעקומען אַ צען־צוואַנציק יאָר נאָך אים, און וואָס איר דערציאונג, איר געמיט, אירע פּערזענלעכע און אַלגעמיינע איבערלעבענישן האָבן געהאַט אין זיך פיל באַריר־פּונקטן, פיל ענלעכס און נאָענטס מיט די איבערלעבענישן פון ביאַליקן גופא.

ביאַליק האָט פאַרמאָגט פיל טיף־סוביעקטיווע, טיף־יחידישע מאָטיוון אין זיינע כללישע לידער, און אָט די אינדיווידועלע, פּערזענלעכע עלעמענטן האָבן געמאַכט זיינע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע לידער נענטער, אייגענער, האַרציקער. ביאַליק האָט אין זיין יעדן ליד אויסגעדריקט זיינע אייגענע איבערלעבענישן, זיינע אייגענע ווייען און פּלאָגן, אָבער די לידער זיינען גלייך אַרויס פון רשות־היחיד פונעם דיכטער און אַריבער אין רשות־הרבים, זיינען געוואָרן דער קנין, דאָס אייגנס פון דעם פאָלק. אפשר קיין שום אַנדערע דיכטערישע שאַפונגען האָבן נישט דערגרייכט אַזאַ מין וואונדערלעכן קאָנטאַקט, אַזאַ מין שנעלע פאַרגעזעלשאַפטלעכטע איבערוואַנדלונג. זיין סאָלאָ־געזאַנג איז גלייך אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורכן גרויסן פאָלקס־כאָר, דורך דעם גאַנצן יידישן ציבור. און נישט נאָר די שטאַרקע סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע ביאַליקישע לידער, אויך זיינע טיף־לירישע און עלעגישע לידער זיינען אויפגענומען און אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך דער יידישער יוגנט, ווייל זי האָט אין זיי געפונען דעם אויסדרוק פון אירע אייגענע אינטימע איבערלעבענישן. און ס׳איז באַקאַנט, אַז די ביאַליק־פּאָעמעס און לידער האָבן אין דער צייט פון די פּאָגראָמען געווירקט רעוואָלוציאָנעריש און מער מיטגעהאָלפן דער גרינדונג פון יידישער זעלבסטשוץ ווי פיל אַרטיקלען, פּראָקלאַמאַציעס און אַגיטאַציע־רעדעס. וועגן דעם האָבן מיר די גבית־עדות פון פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע טוער.

עס איז געווען אַ באַזונדערע וואָגיקייט אין זיין יעדן דיכטערישן אַרויסטריט. ביאַליק איז געווען דער אמתער שליח־ציבור, ער איז געקומען מיט זיין ליד ווען ער אַליין איז שוין געווען גרייט און ראוי דערפאַר, און ווען דאָס פאָלק האָט באַדאַרפט און זיך געגויטיקט אין זיין וואָרט. צו זיין יעדעס ליד און פּאָעמע האָט ביאַליק זיך לאַנג געגרייט און איז מיט דעם אַרויסגעקומען ווען עס איז שוין געווען אינגאַנצן רייף און צייטיק. און ס׳איז געווען געמאָסטן און געוואויגן, אַז זייטיקע פּליטערלעך און באַצירונגען. לאָמיר נאָר געדענקען, אַז זיין „המתמיד״ איז געוואַקסן און געצייטיקט גאַנצע זיבן יאָר. „מגילת אש״ איז דאָס איינציקע ווערק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ספּאָנטאַן און אָנגעשריבן געוואָרן אין לויף פון עטלעכע טעג, — דאָס איינציקע ווערק, וואָס איז נישט אויסגעטראָגן געוואָרן לאַנג און פּאַמעלעך. און ווײַבאַלד ביאַליק

האָט שוין אָנגעשריבן אַ ליד אָדער פּאָעמע אויף אַ באַשטימטן מאָטיוו אָדער טעמע, האָט ער זיך זעלטן נאָך אַמאָל אומגעקערט צום זעלבן מאָטיוו. וואַריאַציעס אויף איין און דער זעלבער טעמע טרעפן מיר ביי אים ווייניק. און דאָס איז דער סוד, וואָס נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיין שאַפונגס־פּעריאָד האָט געדויערט איבער פערציק יאָר, האָט ער אָנגעשריבן ניט קיין סך. דער צייט־מהלך צווישן איין ליד און אַנדערן האָט אָפט געדויערט אַ יאָר, צוויי און מער. און ביאַליק איז דאָך שטענדיק געווען מלא וגדוש, פול און איבערגעפּולט מיט געפילן, געדאַנקען און איבערלעבענישן און ער איז דאָך קיינמאָל שעפעריש נישט אָפּגעקילט און נישט אויסגעלאָשן געוואָרן.

ווייל ח. נ. ביאַליק איז געווען מער דיכטער ווי קינסטלער. י. ל. פּרץ האָט אַמאָל (אין זיין פּרעכטיקן אַרטיקל „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער") געגעבן אַ טרעפלעכע דעפיניציע פון דיכטער און קינסטלער: „. . . דיכטער האָבן זייער דיכטונג געלעבט, נישט געשריבן... זיי האָבן זייערע אידייען געפּריידיקט און נישט ווי פּאַרטריקנטע בלומען צווישן בלעטער אַריינגעלייגט..." און: „נישט פריי איז דער דיכטער: זיין וועג איז דער טוריסטן־וועג, וואָס שלענגלט זיך צווישן פעלזן און אָפּגרונטן, אויף דער הויך, וואו עס שפּילט זיך די הויכע מענטשלעכע טראַגעדיע, וואו צווישן שרעק, געפאַר און שגעון עס ווערן געוואויגן די גרעסטע מענטשלעכע פּראָבלעמען..." ביאַליקן האָט כסדר געריצט און ס'האָט אים גערופן דער „טוריסטן־וועג" פונעם יידישן יחיד, דער וועג זיינער אינעם יידישן לעבן און דער וועג אין דער וועלט אַריין. און זיין יעדעס ביי ליד, זיין יעדע נייע פּאָעמע איז געווען אַ מין עפּילאָג פון אַ דורכגעלעבטער דראַמע, אָדער גאָר אַ פּראָלאָג, אַ פּרעליודע צו אַ נייעם שאַפערישן פאַרמעסט.

נאָך די רעוואָלוציע־יאָרן פון 1905־1906, אין די יאָרן פון דעם גרויסן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן אָפּגאַנג, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער שטאַרקער אָפּפלוס פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און שטרעמונגען, האָט אויך דאָס יידישע לעבן אָנגעהויבן אַריין אין די „ברעגן". ס'זיינען פאַרגעקומען אינעם יידישן קולטור־קינסטלערישן לעבן ערנסטע אידעאָלאָגישע פּראָצעסן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפע דיפערענצירונג. עס איז אויך געקומען די שטאַרקע פאַנאַנדערגלידערונג און פאַנאַנדערטיילונג צווישן דער העברייאישער און יידישער ליטעראַטורן, וואָס האָבן ביז דאַן געלעבט אַ נאָענט און היימיש לעבן. אַפריער האָבן די ביידע ליטעראַטורן געהאַט אַפילו בשותפותדיקע, אַלגעמיינע שרייבער. אָבער זינט 1908 האָט זיך די העברייאישע ליטעראַטור פאַררוקט אין איר ווינקל, און די יידישע ליטעראַטור האָט זיך געריסן אין דער ברייט; די העברייאישע איז פאַרבליבן ביי איר אייגענער אינטעליגענץ,

די יידישע איז אַוועק צו די פֿאָלקס־מאַסן. די העברייאישע האָט זיך גע־וועגדט מיטן פּנים צום מזרח, קיין ארץ־ישראל, פֿאַר דער יידישער האָט זיך געעפֿנט גאָר די יידישע וועלט. ח. נ. ביאַליק איז פֿאַרבליבן אין דער העברייאישער מחנה, און אין דער שפּיץ פֿונעם אַלוועלטלעכן יידישן שאַפֿן האָט זיך געשטעלט י. ל. פּרץ.

ס'איז אינטערעסאַנט צו ברענגען עטלעכע שורות פֿון אַ בריוו, וואָס י. ל. פּרץ, וועלכער איז דאַן געווען שטאַרק באַפֿריינדט מיט ביאַליקן, האָט אין 1906 צווישן אַנדערן געשריבן צו ביאַליקן (מיר זעצן איבער פֿון העברייאיש):

„. . . און איר, מיין ליבער, זיינט געפֿאַנגען נישט אין שפּינוועבס־פֿאָדעם, נאָר דורך אחד־העמען. איר האָט קיינמאָל נישט געדאַוונט אין אַ גרויסן בית־המדרש מיט די מאַסן, נאָר אין עפּעס אַ „מנין" פֿון בטלנים, מיוחסים און טרוימער פֿון נישט־שיינע און נישט־פֿיינע חלומות... „דער משוגענער נביא" — ווי עליאשעוו רופֿט אייך — וואָס רעדט אין אַ קליין בית־המדרשל און נישט אויפֿן מאַרק פֿאַר דעם פֿאָלק — איז זיין סוף — אומעט." און פּרץ גיט צו: „וואַכט אויף און גייט אַרויס צום פֿאָלק. נישט די שפּראַך איז דער עיקר, נאָר דער לעבעדיקער מענטש, וואָס רעדט אויף דער שפּראַך. און איך חזר איבער נאָך אַמאָל מיינע רייד: איר זיינט געפֿאַנגען געוואָרן דורך לעבעדיקע מתים." (זע „בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ", ז' 224.) — אַזוי שאַרף האָט פּרץ באַצייכנט ביאַליקס אַוועקרוקן זיך אַלץ טיפֿער אין דעם העברייאישן וועלטל.

דאָס איז געווען דער לעבנס־וועג און שאַפֿונגס־וועג פֿון ביאַליקן די לעצטע צענדליקער יאָרן, ביז זיין פּריצייטיקן טויט אין 1934 — און דאָס איז אייגנטלעך דער ווייטערדיקער שאַפֿערישער וועג פֿון ח. נ. ביאַליק אויך די צען יאָר נאָך זיין טויט. אין ארץ־ישראל, וואו ביאַליק האָט געלעבט און געווען טעטיק די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן, איז געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר די צען יאָר נאָך ח. נ. ביאַליקס טויט אַ רייכע אינטערעסאַנטע ליטעראַטור וועגן און אַרום ביאַליקן; אין דער יידישער ליטעראַטור האָט מען זיך פֿאַרנומען פֿיל ווייניקער מיט ביאַליקן און זיין שאַפֿן. צי איז עס ריכטיק און באַרעכטיקט — דאָס איז אַן אַנדער און ביז גאָר ערנסטע פֿראַגע, וואָס ס'לוינט זיך אויף איר באַזונדער גענויער אָפּשטעלן.

אויסערלעך אַ גאַנצער, אַן איינהייטלעכער, אַ מאַנאָליטיש־אויסגעגאָסענער, אָבער אין תוך איז חיים נחמן ביאַליק געווען אַ מענטש מיט טיפֿע סתירות, מיט שאַרפֿע ווידעראַנאַנדן. פֿון איין זייט געווען אַ מונטערער, גליקלעכער, פֿול מיט אָפּטימיזם, און פֿון דער צווייטער זייט — מיט טיפֿע לײדן, מיט

נישט־אויסגעלאָדענע זיפצן און קרעכצן, מיט נישט־אויסגעהיילטע וואונדן; פון איין זייט — אַ זוניקער, לעבנס־לוסטיקער, בלענדנדיקער, און פון דער צווייטער זייט — מיט שווערע כמאַרעס, אַ געפּייניקטער, אַ טיף־ליידנדיקער. אָט די שטאַרקע ווידערשפּרוכן קומען צום אויסדרוק כמעט אין אַלע זיינע לידער, און אָט די ווידערשפּרוכן האָבן זיך אויך געוואָרפן אין אויג ווען מ׳האָט זיך צוגעקוקט צו ביאַליקן גופא.

און ס׳זיינען דאָך אייגנטלעך געווען צוויי ביאַליקס. ווי ס׳שטייט דאָרט געשריבן ביי דער מוטער רבקה, וואָס האָט געטראָגן צוויי קינדער — עשיו און יעקב: „שני גוים בבטנך...״ — „צוויי אומות זיינען אין דיין לייב״. צוויי ביאַליקס האָבן געלעבט אין ביאַליקן גופא. צוויי ביאַליקס זיינען געווען אין לעבן און אין דער ליטעראַטור: איינער — אַ דורכאויס־קאָנאַניזירטער, אַ פאַרענדיקטער, וואָס האָט זינט פיל יאָרן געהערט צו דער כנסת־ישראל, איז געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע ווערטן אינעם רייכן נאַציאָנאַלן אוצר פון דער יידישער אומה און פון דעם העברייאישן לשון. אָט דער ביאַליק איז שוין אַליין געווען אַ מין „ארון־הספרים״ (ביכער־שראַנק), אַ פאַררינגלטער און אַ פאַרחתמעטער, פאַר וועלכן ביאַליק האָט אַמאָל געקלאָגט און געמאָנט, אַז ער איז אָועקגעשטעלט אין אויבנאָן, אין מזרח און איז באַצירט מיט זיידענע פּרוכתן און מ׳האָט געקניט און געבוקט זיך פאַר אים. אין זיין רירנדיק ליד „שׂחה נפשי״ (געשריבן אין 1923) האָט ביאַליק זיך געקלאָגט, אַז די „לאַסט פון דער ליבשאַפט״ דריקט אים צו דער ערד און „ווי איז מיר, איך בין געוואָרן אַ קלינגענדיקע מטבע אין אייער פוסטער פושקע״... און אין סאַמע געטומל פון ציוניסטישן קאָנגרעס און פון העברייאיסטישן צוזאַמענפאָר אין באַזעל (תמוז 1931) האָט ער אויסגעשריגן זיין שטראָפנדיק, וואָרנענדיק און מאָנענדיק ליד „ראיתיכם שוב בקוצר ידכם״ — איך האָב אייך ווידער געטראָפן אָפּהענטיק, פאַרלוירן און פאַראָרעמט... אָט דער צווייטער ביאַליק, — דער מענטש מיט אַן אייגן צאַפּלדיק געמיט, מיט יחידישע באַגערן, מיט אייגענע אויפשיינען און פאַרטונקלקייטן, מיט אַן אייגענער אינטימער וועלט און אייגענע שוואַכקייטן, מיט אויפגאַנגען און אָפּגאַנגען, — איז געווען נישט ווייניקער וויכטיק, אינטערעסאַנט און שאַפעריש.

שוין פון אָנהויב פון זיין שאַפן זיינען אויף זיינע יונגע פּלייצעס, אויף די יונגע פּלייצעס פון זיין דיכטונג אַרויפגעלייגט געוואָרן שווערע לאַסטן פון נאַציאָנאַלע זאָרגן און פּלאָגן, פונקט ווי אין זיינע צאַרטע, שטיפערישע קינדערשע און יוגנט־יאָרן האָט דאָס מזל אים צוגעטיילט שווערע איבערלעבענישן, טרויעריקע פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך אַריינגעשניטן אין זיין מונטערן, שטיפערישן כאַראַקטער. מערקווירדיק ווי ח. נ. ביאַליק האָט דאָס

וואונדערלעך דערציילט אין אייניקע פון זיינע ערשטע שירים און באַזונדערס פּרעכטיק האָט ער עס געמאָלן אין דער לעצטער וואונדערלעכער לידער־סעריע „יתמות״ (יתומשאַפט): „אבי״, „שבעה״, „אלמנות״, „פרדה״. נאָך אין זיין אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע „המתמיד״ קלאָגט זיך ביאַליק אויף זיין אייגענער יוגנט: „און דאָס, וואָס עס שרייט צו דיר דאָס לעבן מיט הונדערטער טויזנטער שטימען — האָסט פון דעם אַלעמען, אַזוי ווי אַ שטומער און אַ טויבער, אַ שאָרך נישט פאַרנומען; און האָסטו יעדן קלענסטן פאַרלאַנג פון נשמה מיט אייגענע הענט און דיין יוגנט דערשטיקט... און די אויגן, די ליכטיקע אויגן, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן צו זען די וועלט, זיי זיינען, קיין זאַך נישט פאַרלאַנגענדיק, פאַרפינצטערט און ווערן אין חושך פאַרהילט און פאַרשטעלט...״

פאַרנעמען מיר טאַקע אין זיין גאַנצער דיכטונג אַט דעם גערעאַנגל צווישן די צוויי ביאַליקס. אַט שטאַרקט זיך דער נאַציאָנאַלער, כללישער ביאַליק, ער איז גובר און באַזיגט דעם יחידישן, לירישן, עלעגישן און מונטערן ביאַליק, און דאַן הערן מיר דורך זיין דיכטונג דורכאויס־נאַציאָנאַלע וואָרנונגס־רופן און מאָנונגס־רייד. און אַמאָל רייסט זיך אַרויס דאָס פּערזענלעכע, דאָס אינדיווידועלע און עס דערגייען צו אונדז ציטערנדיקע, טיף־מענטשלעכע מאָטיוון און געזאַנגען. אַט דער מערקווירדיקער „ויתרוצצו״, דער צונויפשטויס פון די ווידערשפּרעכנדיקע כוחות, איז איינער פון די אייגנאַרטיקסטע און מערק־ווירדיקסטע עלעמענטן אין ביאַליקס שאַפן. ער גייט אַדורך פון דעם ערשטן ליד ביזן לעצטן. אַט די סתירות אין זיין ווערן און שאַפן זיינען אַ כסדרדיקער שטאָף, אַ רייך־ און אויפרעג־עלעמענט אין זיין דיכטונג. ביאַליק גייט אָפּ פון זיך און קערט זיך צוריק אום, אַט איז ער ווי פאַרפלאָנטערט אין אייגענע נעצן און אַט לאָזט ער זיך אויף די הויכע בערג פון נאַציאָנאַלער וויזיע.

זאָגט טאַקע ביאַליק אין „מגילת האש״: „דער יונגלינג האָט געטראָגן אין זיין האַרץ די העלע זונען־שיין און אויך די פינצטערניש פון נאַכט און אירע געהיימנישן, אָבער גאָרן האָבן זיינע אויגן געגאַרט בלויז נאָכן מאָרגנשטערן.״ אָפּטמאָל טרעט אויף ביאַליק דער יחיד, דער מענטש קעגן כללישן, נאַציאָנאַלן ביאַליק און ער זאָגט דאַן: „איך פאַרמאָג נאָר איין וועלט, דאָס איז די וועלט פון מיין האַרץ.״ און באַזונדערס שאַרף פילן מיר עס אַרויס אינעם סוף פון „מגילת האש״ — אַט די סאַמע־סוביעקטיווסטע און סאַמע־אומקלאָרסטע שאַפונג אין ביאַליקס לויטערן, קלאָרן שאַפן: „און אַז ס׳איז זיין האַרץ געוואָרן באַזונדערס שווער און ווייטיקדיק און ס׳האָבן אים געטראָפן זיינע גרויסע טרוימען און שווערע ווייען און זיי האָבן אים פאַרפלייצט ווי כוואַליעס פון ים — דאַן איז מיטן באַגינען אַרויס דער יונגלינג אויסערן שטאָט און אָנגעשפּאַרט זיך אָן אַן איינזאַמען בוים וואָס ביים ברעג פון דעם דרעמלענדיקן טייך —

האָט ער געקוקט אין זיין אייגענעם תהום און איז לאַנג געשטאַנען און צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט געשוויגן אין זיין גרויסן ווייטיק — דעם ווייטיק פון דעם יחיד.״

אָפטמאָל איז ביאַליק געוואָרן גרויסצובאַפרייען פון דעם קאַנאָני־זירטן ביאַליק און זיך געלאָזט „וואָוילגיין״ מיטן צווייטן צאַפּלדיקן, שטיפערישן ביאַליק. דאַן האָט ער אַריבערגעטראָגן די צוימען וואָס מ׳האָט אים מיט זיי אַרומגעצוימט. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט ער אָנגעשריבן זיינע גלענצנדיקע דערציילונגען „אַריה בעל־גוף״, „נח און מאַרינקע״ (אין העברייאיש — „מאחורי הפרגוד״), ווי אויך זיינע יידישע לידער, ווי „אונטער די גריניקע בוימעלעך״, „פריילעכס״, „מיין גאָרטן״ א. אַ. ס׳זיינען אויפגעריסן געוואָרן די קוואַלן, וואָס זיינען געווען פאַרשטאָפּט, און ס׳האָט גענומען שלאָגן און שטראָמען מיט קוואַלנדיק וואַסער. אַזאַ געפיל האָט מען אויך שטענדיק געהאַט ווען מ׳האָט זיך געטראָפן מיט ביאַליקן גופא, מיטן ביאַליק שבעל־פּה, וואָס איז געווען געוויס נישט ווינציקער שאַפעריש און אינטערעסאַנט ווי ביאַליק שבכתב.

3.

מיינע ערשטע באַגעגענישן מיט ח. נ. ביאַליק געהערן נאָך צו די יאָרן 1906־1907, ווען ער איז שוין געווען ביאַליק, און איך, ווי די אַלע איבעריקע יונגע חברים אין קיעוו, זיינען געווען בלויז טרייע לייענער פון דער העב־רייאישער און יידישער ליטעראַטורן און ממילא — גרויסע פאַרערער פון ביאַליק דעם גרויסן העברייאישן משורר. פאַר די פּאָר צענדליק יאָר, וואָס מ׳איז געווען אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן מיט ביאַליקן, — דעם דיכטער און מענטש, — איז ער בהדרגה געוואַקסן אין אונדזער אַלעמענס פאַרשטעלונג און מיט דער צייט איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאָר דער גרויס פון זיין פּערזענלעכקייט. איז דעריבער איצט, אין דער פּערספּעקטיוו פון צענדליקער יאָרן, ניט אַזוי לייכט אויפצונעמען דעם גאָר אַמאָליקן ביאַליקן מיט זיין גאַנצער פּשטות און אָפנקייט, מיט זיין גוטברודערשאַפט, אָן דעם שפּעטערדיקן צואוואוקס, ווען מ׳האָט אויף זיינע פּלייצעס אַרויפגעוואָרפן אַזעלכע שווערע לאַסטן. ביאַליק אין לעבן איז געווען אַ וועלט פאַר זיך, אַ רייכע, פילקאָלירנ־דיקע און אָפט נישט געבונדן און נישט אונטערגעוואָרפן ביאַליקן דעם דיכטער. ביאַליק האָט זיך שטאַרק אויסגעלעבט אין רעדן, אין שמועסן. און יוער ווייסט — אפשר האָט אָט די „שוואַכקייט״ אָדער נויטווענדיקייט צו רעדן געהאַט אַ שייכות, איז געווען שולדיק אין דעם וואָס ביאַליק האָט אַזוי ווייניק געשריבן, פיל ווייניקער וויפיל ער האָט געקאָנט און באַדאַרפט שרייבן. די

סטיכיע צו רעדן האָט פאַרהאַלטן די סטיכיע צום שרייבן. אפשר האָט ביאַליק שבעל־פּה אויפגעגעסן שטיקער פון ביאַליק שבכתב.

מעגלעך, אַז עס איז דערפאַר, וואָס ביאַליקס אַרט־שאַפן איז געווען „פון אַן אַנדער שניט״ ווי זיין נאַטור. ביאַליק האָט פאַרמאָגט אַן אויפבראויזנדיקע, אַ שטענדיק־אויפפלאַקערנדיקע נאַטור. עס האָט אים „געראַנעלט פון באָרד און פּאות״, „ער וואַרגט זיך אַזש פון גליק״ (אויסדריקן פון זיין „פרייליכעס״); זיין „האַרץ צעגיסט זיך, גייט־איבער די ברעגן און רייסט זיך אַרויס ווי אַ קוואַל מיט קוועלנדיקע שיין און ליכט״ (פון זיין העברעיאיש ליד „צפרירים״), און זיין דיכטונג איז דאָך געווען פונקט דער היפוך: געפרעסט, פאַרשטייפט, געשמידט. ביים שאַפן (איבערהויפּט אין העברעיאיש, אין יידיש — איז עס נאַטירלעך געווען אַנדערש!) איז ביאַליק געווען געצוימט. די אַנגעשאָטענע וואַלן האָבן פאַרהאַלטן די שטראָמען. האָבן זיי נישט געקאָנט באַוועגן די רעדער פון ביאַליקס שאַפן, האָבן זיי געלאָזט אין גאַנג די רעדער פון ביאַליקן דעם שמועסער, ביאַליקן שבעל־פּה.

אין אַ בריוו צו ח. נ. ביאַליק (געשריבן אין העברעיאיש, 1906) מאַכט פּרץ אַזאַ מין פאַרגלייך צווישן ביאַליקס העברעיאיש שרייבן מיט זיין, פּרצעס, יידיש שאַפן: „. . . דער אונטערשייד צווישן מיר און איך איז זייער גרויס. איך אַרבעט מיט אייזערנע שטאַנגען און איך — מיט קרישלדיקן שטיין. די נביאישע שפּראַך אַליין, די שטאַרקע און שטייפע, ראַטעווזעט אויך די שוואַכערע ווערטער: דאָס וואָס אונדזער מאַמע־לשון קאָן עס נישט באַווייזן און וועט עס קיינמאָל נישט באַווייזן. כדי צו ווערן האַרט ווי פּעלז, דאַרף מען שטאַרבן.״ (בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ, ז׳ 222.)

אויב ביי ביאַליקן דעם שרייבער זיינען אָפּט געווען וואָכן, חדשים און אַמאָל אויך יאָרן פון רז, פון אָפּרו, פון שטילשווייגן, איז ביאַליק דער שמועסער שטענדיק געווען אין באַוועגונג, שטענדיק אין פאַרטועונקייט, ווי יענע שטאַרק־שטראָמיקע ערטער אין אַ טייך, וואָס ווערן קיינמאָל נישט פאַרפרוירן: דער געווירבל איז דאָרט אַזוי שטאַרק, אַז די גרעסטע פרעסט האָבן קיין שליטה ניט.

ביי ביאַליקן שבעל־פּה איז קיינמאָל קיין פראַגע נישט געווען פון אַ טעמע, פון שטאָף צום שמועסן און צו רעדן. יעדע זאַך האָט אים געקאָנט אָנציגדן און דערפירן זיין רעדן ביז צום העכסטן שמועס־עקסטאַז. ווי זאָגט דאָרט ביאַליק אין זיין „מאַרינקע״: „בח פלעגט דערציילן אַ סך, מיט האַרץ און התפעלות און מיט שבועות. בעת מעשה פאַרפאַרבן זיך ביי אים די בעקלעך פלאַם־פייער, און די אויגן צעשפּילן זיך ביי אים...״ ווער ס׳האָט געזען ביאַליקן ביים רעדן, דער זעט דאָ אַ כאַראַקטעריסטיק פון ביאַליקן גופא.

לאָמיר דערציילן וועגן איניקע באַגעגענישן מיט ביאַליקן, וואָס האָבן זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון.

ביאַליק פלעגט אַמאָליקע יאָרן (אַרום 1907—1912) אַראָפּקומען קיין קיעוו צו זיין שווער שבח אַווערבוך, וואָס האָט געוואוינט אין אַ באַשיידענער דירה אויף קוזנעטשנע גאַס, אין די העכערע נומערן נאָך זשיליאַנסקע און סאַוסקע. ש. אַווערבוך, אַליין אַ קאַראַקטישעווער, אָדער ווי יידן האָבן גערופן דאָס שטעטל — קאָרשטשעוו, איז געווען אין קיעוו אַ האָלץ־סוחר און — אַ משכיל און אַ פאַרערער פון ביאַליקן. אַווערבוכס יינגערע טעכטער, שיינע, שוואַרץ־חנעוודיקע, זיינען געווען סאָציאַליסטקעס, נאָענט צו די „פּועלי־ציון" און ליב־האָבער פון יידיש און יידישער ליטעראַטור. די יונגע יידישע אָנפאַנגער־שרייבער (און באַזונדערס דער צוקונפטיקער דיכטער אשר שוואַרצמאַן — אַ לאַנדסמאַן און אַ קרוב פון די אַווערבוכס) זיינען געווען אַריינגייער אין אָט דער שטוב, און באַזונדערס — ווען ביאַליק פלעג דאָרט זיין (אָפט ביי זיין פאָרן פון און קיין זשיטאָמיר־אָדעס). ביאַליק, דאָן שוין דער „משורר לאומי", האָט זיך געהאַלטן מיט די שרייבער־אָנפאַנגער היימיש, גוטברודעריש. ער פלעגט פירן שמועסן, אויסהערן די לידער, וואָס מען האָט פאַר אַרויסגעלייענט פון די שעמעוודיקע שטיקלעך פּאַפּיר, און פלעגט אַריין אין התפעלות און דערביי נישט קאַרגן קיין לויב־געזאַנגען. „אשר שוואַרצמאַן — האָט ער געטענהט ווי אַ „פאַן־בראַט" — וואַקסט אַ יידישער ביאַליק!"

צווישן די יונגע ענטוזיאַסטן האָט זיך ביאַליק געפילט לעבעדיק, אויפ־מונטערנדיק. און אַ טבע האָט ער געהאַט צו שפּילן זיך מיט יונגע, נאַאיווע צוהערער, זיך רייצן מיט זיי און אַרויסברענגען זיי פון גלייכגעוויכט.

געדענקט זיך איינער אַ לאַנגער שפּאַציר מיט ביאַליקן איבער די בערגיקע אַלייען פונעם אַמאָליקן פּרעכטיקן קיעווער „צאַרסקי סאַד". געגאַנגען זיינען מיר אינדרייען: אינמיטן ביאַליק, און פון ביידע זייטן — בערגעלסאָן און איך. פאַרשטייט זיך, אַז דער הויפּט־ און עיקר־רעדנער איז געווען ח. נ. ביאַליק, און מיר, די צוויי יונגע פאַרערער, האָבן זיך איינגעהערט צו זיינע רייד. דער שמועס איז געווען אַרום פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", וואָס זיינען דאָן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בוך־פאָרם און זיינען געווען געוואַלדיק באַליבט ביי דער יידישער יוגנט. ביאַליק האָט געוואוסט, אַז מיר פאַרהערלעכן פּרצן און אַז מיר זיינען פאַרגאַפט פון פּרצעס פאָלקסטימלעכע געשיכטן, האָט ער דאָן מיט אַ באַזונדערער הנאה אַ תל געמאַכט פון די פּרצישע פאָלקס־מעשיות און אין אַ לאַנגער רעדע דערוויזן, אַז פּרץ האָט גענומען עכטע, פּשוטע, אומ־מיטלבאַרע פאָלקס־מעשיות און מיט זיין ראַפינירטן און געקינצלטן סטיל זיי אַוועקגעפּטרט, צוגענומען ביי זיי זייער פשטות, זייער חן. מיר זיינען מיט־

געגאַנגען, באַגייסטערט געוועזן פון ביאַליקס שפּרודלדיקע רייד, אָבער אונדז האָט ווי געטאָן פאַר אונדזער פּרץ. מיר האָבן געפּרוּווט אַריינוואַרפן אַ וואָרט, געוואָלט אָפּשלאָגן זיינע טענות, אָבער ס׳איז שווער געווען אָפּצושטעלן דעם ביאַליקישן שטראָם... מיר האָבן שפּעטער פאַרשטאַנען דאָס בכיוונדיקע שפּיל פון ביאַליקן. אים איז געפעלן געווען זיך צו רייצן מיט אונדז ווי מ׳רייצט זיך מיט קינדער, וואָס מ׳האָט ליב. דערנאָך האָט ער דעם שמועס פאַרדרייט אין אַן אַנדער ריכטונג און גערעדט שוין וועגן פּרצן און זיין שאַפן מיט באַגייסטערונג, און דערביי שטיפעריש און „וואָוילינגעריש" געקוקט אויף אונדז, הנאה געהאַט פון זיין רייצן זיך מיט אונדז.

און אַט טויכט אויף נאָך אַ באַגעגעניש מיט ביאַליקן, און דאָס מאָל — שוין אין אָדעס אין זיין הויז אויף וואַגנער־געסל ביים שוואַרצן ים. געווען איז עס אין 1912. מיר האָבן שוין געמאַכט אונדזערע ערשטע שריט אין דער ליטעראַטור. דוד בערגעלסאָן האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן זיין „אַרום וואָקזאַל" (1909), מיר האָבן אינצווישן אין דעם פאַרגויעשטן קיעוו געגרינדעט אַ יידישן פאַרלאַג, אַרויסגעגעבן אַן „אַלמאַנאַך", דער נסתר האָט פאַרעפנטלעכט אַ פּאָר מעשה־ביכלעך. זיינען מיר אינדרייען, בערגעלסאָן, דער נסתר און איך, געפאָרן קיין אָדעס און געקומען צוגאַסט צו ביאַליקן. ס׳איז געווען אָוונט־צייט. מיר האָבן אָנגעקלונגען אין טיר־גלעקל, און ביאַליק אַליין האָט אונדז די טיר אויפגעעפנט. און ווי ער האָט אונדז דערזען, איז ער געוואָרן איבערגליקלעך, געמאַכט אונדז דעם אמתן „ברוך־הבא", און אין שמאָלן פאָדער־צימער, נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן אַראָפּנעמען די מאַנטלען, האָט ער יעדן פון אונדז אָפּגעשפּילט אַן אַנדער „ס׳קאָצל קומט". ער האָט נסתרן נאָך נישט געקענט, און דערהערט זיין נאָמען, האָט ער גלייך אויפן קול אָפּגעקנאַקט אויף אויסנווייניק די ערשטע שורות פון נסתרס אָקאַרשט־דערשינען בוך „העבער פון דער ערד": „און דורות און צייטן, אַן ראיה און אַן שמיעה און נישט־געזעענע און נישט־געהערטע, זיינען זייענדיק נישט געוואָרן, פון נישט געוואָרן צו נישט געוואָרן, און נישט אָנהויבנדיק זיך, געענדיקט... און דורות אָן אַ צאָל, און כוח אָן מאָס, אָן זיך אַליין און אָן אַ שאָטן, נישט זיך אַליין, נישט גאָרנישט ווייסנדיק, — זיינען אין זיך אַליין און אין דער אייגענער אומוויסנקייט פאַרזונקען..." ביאַליק האָט אַט דעם לאַנגן פאַרפלאָנטערטן זאַץ אָפּגעזאָגט מיט אַ ניגון פון זוהר, און שקאָציש אויף אונדז געקוקט. אָפּגעפּאַרטיקט מיטן שטיק נסתר, האָט ער מיר געגעבן אַ גוטברודערישן קלאַפּ אין פּלייצע און אַ זאָג געטאָן כלומרשט ברוגזלעך:

— אַ פיינער מענטש! מען שרייבט צו אים בריוו און ער ענטפערט גאָרנישט!

געווען איז עס גראָד פּאַרקערט. איך האָב זיך צו ביאַליקן געווענדט מיט אַ בריוול וועגן עפּעס אַן ענין און קיין תשובה פון אים נישט באַקומען.

און אָנגעכאַפּט בערגעלסאָנען, האָט ער אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זשע מאַכט מירעלע *), זיצט אַלץ אויפן גאַניק און קוקט אַרויס אין דער וועלט אַריין ?!

מיר זיינען אַריין אין עס־צימער, — אַ באַשיידן הויז, אָן פּוצערלעך. ביאַליק און זיין פרוי, מאַניטשקע, האָבן אונדז איינגעלאַדן צום אָוונט־ברויט. מיר אָבער האָבן געהאַלטן ערשט נאָכן עסן, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ברייטער סאָפע אַרום טיש. אויסער ביאַליקן מיט זיין פרוי, זיינען געזעסן ביים טיש עטלעכע היימישע, מקורבים־פאַרערער פון ביאַליקן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אָוונט־סעודה. ביאַליק איז דאַן געווען באַזונדערס אויפגעלייגט (און ווען איז עס ביאַליק נישט געווען שטאַרק אויפגעלייגט ?). ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט און געשמאַק. ס׳האָט פון אים געשלאָגן מיט אימפּעט. פון די הייסע, אויפגעקאָכטע קאַרטאָפל האָט געשלאָגן אַ פּאַרע, און ברויט און פּוטער, קעז און סמעטענע איז געווען אויפן טיש, און אַ „געקוילעטער" הערינג מיט היימיש־געזייערטע אוגערקעס. ווי שרייבט דאָרט ביאַליק אין זיין פּרעכטיקן יידישן ליד „מיין גאָרטן" וועגן אַן אָוונט־ברויט :

„און דער עולם כאַפּט זיך צו —
שטערנס שוויצן, פּיסקעס קנאַקן,
און מען אַרבעט לאַנג, געשמאַק,
און מען רייבט אויף ביידע באַקן."

און בעתן עסן און האָבנדיק פאַר זיך אַן אויפמערקזאַמע „אוידיטאָריע", האָט ביאַליק זיך באַזונדערס צעוואַרעמט און מיט גרויס התלהבות גענומען דערציילן וועגן זיין לעצטער רייזע קיין ארץ־ישראל. ער האָט געשאָטן בילדער און שילדערונגען, און איז אַריבער צו דערציילן וועגן די יידישע ייִנגלעך, וואָס לערנען דאָרט אין פאַרשיידענע תלמוד־תורהס אין ירושלים, צפת און טבריה. ער האָט דערביי נאָכגעמאַכט ווי די מלמדים, די ספרדים און תימנים, לערנען און אויך נאָכגעמאַכט די קינדערשע שטימעלעך. און ווי דער שטייגער ביי ביאַליקן, איז ער אַריין אין אַ התפעלות, ער האָט שוין נישט געקאָנט איינזיצן אויף זיין שטול, איז ער אויפגעשטאַנען און אַלץ ווייטער דערציילט. מיר זיינען געווען פאַרבלעפט פון דער שפע בילדער און סצענעס, וואָס ביאַליק האָט פאַר אונדז אַרויסגעבראַכט.

*) מירעלע הורוויץ — פון „נאָך אַלעמען".

אינטערעסאַנט: ביאַליק האָט קיינמאָל נישט באַשריבן זיינע רייזע־איינדרוקן. ער האָט דאָס אָנגעלאָדענע אויסגעלאָדן אין זיין רעדן.

נאָכן עסן האָט עמעץ אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן דער שאַרפער פּאָלעמיק, וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען אין דער העברייאישער פּרעסע אַרום י. ח. ברענערס אַרויסטריט קעגן דער פאַרהייליקונג פונעם תנ״ך און וועגן אחד־העמס אויפגעבראַכטקייט. ביאַליק האָט זיך פונדאַסניי אָנגעצונדן און גענומען שיטן פעך און שוועבל אויף ברענערן. ער האָט אים געשמיסן אָן רחמנות. און אינעם רעדן איז געקומען צום אויסדרוק דער געזונטער, מונטערער, קרעפטיקער ביאַליק קעגן דעם רעזיגנירטן, פאַרצווייפלטן, דערשלאָגענעם ברענער. „ווער איז ברענער? — האָט ביאַליק געפייערט. — אַ בלוטלאָזער ישיבה־בחור, וואָס קאָן קיין מיידל קיין קוש ניט טאָן! אַן אָרעמאַן, וואָס קאָן קיין באַלעבאַטישקייט נישט פאַרטראָגן! טראָגט ער האָס אויף דער וועלט, פאַרפעסטעט מיט זיין פאַרצווייפלונג די געזעלשאַפט!״ און אַזוי רעדנדיק האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיט ברענערן פאַר זיין שאַרפן אַרויסטריט קעגן אחד־העמען.

מיר, די יונגע, זיינען דאַן גראָד געווען אין דעם סכסוך אחד־העם און ברענער אויף דער זייט פון ברענערן. אונדז האָט געאַרט דער ביטול־טאָן פון ביאַליקן קעגן דעם פיל־געפּלאָגטן ברענער. האָבן מיר געהערט זיינע בייטשנדיקע רייד און ס׳איז געווען, ווי ער האַלט אונדז געבייטשט. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון אונדזערע ערטער און זיך גענומען געזעגענען. ביאַליק, דער שטאַרק־עמפּינדלעכער, האָט עס, ווייזט אויס, דערפילט. האָט ער געוואָלט פאַרגלעטן די אָנגעצויגנקייט און דעם ברוגז אונדזערן, און ביי דער טיר האָט ער גוט־ברודעריש אונדז אַ טאָרע געטאָן:

— וואָס אַזוי אַראָפּגעפאַלן ביי זיך? פאַרטשעפּעט אייער ברענער? קומט מאָרגן, מאָרגן וועלן מיר רעדן קעגן אחד־העמען און פאַר ברענערן! —

*

אויף וויפיל מיר געדענקט זיך, האָט מען אין דער גאָר־רייכער ביאַליק־ליטעראַטור ווייניק זיך אָפּגעשטעלט אויף איינפלוסן פון אַנדערע ליטעראַטורן און בעיקר — פון דער נאָענטסטער, רוסישער ליטעראַטור אויף ביאַליקן. די השפּעות אויף ביאַליקן, ווי אויף יעדן קינסטלער פון זיין דור, זיינען געווען פאַרשיידן, — זיי זיינען געגאַנגען פון אינעווייניק, פון יידישער דורות־ירושה, און געשטראָמט אויך פון דרויסן. לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען אָן די פאַרשיידנאַרטיקע השפּעות, וואָס פּרץ האָט זיך כסדר געפונען אונטער זיי. גלייכצייטיק מיט נביאישע איינפלוסן (ביי פּרצן האָט עס געהייסן „פּראָפּעטיש״) זיינען געקומען השפּעות פון אַ חסידישער מעשה, פון אַ פאָלקס־געשיכטע, און אויך

פון דער מאָדערנער דייטשער, פּוילישער און רוסישער ליטעראַטורן. ס׳איז
דאָך באַקאַנט, ווי מ. גאָרקיס ערשט בוך דערציילונגען האָט אויפגעמונטערט
פּרצן און אים ממש באַפליגלט, אים געשטויסן צו זיינע בונטאַרישע „יום־טוב־
בלעטלעך״ און צו רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון. אויך ביאַליק איז אָן ספק באַ־
ווירקט געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן פון אַנדערע מייסטער. און ס׳געדענקט
זיך, ווי ח. נ. ביאַליק האָט „געפּאַקט״ די צוויי בענד פון טאָלסטאָיס נישט־
פאַרעפנטלעכטע דערציילונגען, וואָס זיינען דערשינען נאָך טאָלסטאָיס טויט.
ביאַליק איז דאַן אינגאַנצן געווען ערגעץ אין הויכע ייִדישע עולמות, און
טאָלסטאָיס ווערק האָט ער לכתחילה גלאַט אַ בלעטער געטאָן פון סתם בייגיר,
וואָס אַזוינס דער „אַלטער״ האָט אין די לעצטע יאָרן געשריבן. אָבער ווי
נאָר ער האָט איבערגעלייענט די ערשטע עטלעכע זייטלעך, איז ער אַריינ־
געצויגן געוואָרן אין די מייסטערישע טאָלסטאָי־דערציילונגען, וואו ס׳איז
אויך געווען געוואַלדיקער גראַנגל פון עטישע איינשטעלונגען מיט קערפּער־
לעכע ליידנשאַפטן, וואו הייס־בלוט האָט געקעמפט מיט מאָראַלישע געבאָטן.
ביאַליק האָט באַדאַרפט צושטעלן מאַטעריאַל פאַר דער דרוקעריי, געהאַט אויף
זיך פּרואווס, געהאַט באַשטעלונגען מיט מענטשן. אָבער די טאָלסטאָישע
דערציילונגען האָבן אים אָוועקגעריסן פון אַלץ און אַלעמען. ער איז געלעגן
אויף דער סאָפע און נישט אַרויסגעלאָזט די ביכער פון די הענט און אַלץ
מער האָט אים פאַרכאַפּט דער פאַרשטייפטער פּאַטאָס, דער פאַרשטיקטער
פלאַם־פייער, דער פאַרהאַמעוועטער אינעווייניקסטער שטראָם. דאָס גרויסע
מענטשלעכע אין טאָלסטאָיען, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט דער אָנגעצויגן־
נזירישער עטיק, איז געווען נאָענט און אייגן ביאַליקן, ס׳האָט אויפגעטרייסלט
זיין געמיט, צעשאָקלט אים. ווייל ס׳איז געווען פיל נאָענטס און היימישס אין
דעם דערציילטן מיט ביאַליקס אינעווייניקסטער וועלט.

*

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין ביאַליקס לעבן איז זיין „מסחריי״. ס׳איז אים
ווי געגאַנגען אין לעבן צו ווייזן, אַז ער איז אַ גוטער סוחר, אַ געשיקטער
אונטערנעמער. ער האָט זיך געשראָקן פאַר אָרעמקייט, די אַמאָליקע נויט און
דחקות האָט איבערגעלאָזט אין אים אַ מורא, אַ שרעק. און אין זיינע אונטער־
נעמונגען האָט אים געוויס אויך אימפּאָנירט דער אימפּעט, דער געטומל, די
רעדער וואָס באַוועגן זיך, די מענטשן וואָס דרייען זיך דערביי אַרום אים.
באַזונדערס איז ער געווען פאַרכאַפּט מיט עסקים אין בערלין, אין די יאָרן
1923־1925, אין די צייטן פון דער פיבערדיקער ייִדישער און העברייאישער
פאַרלאַגס־טעטיקייט. ער האָט דאַן געהאַט צו טאָן מיט זעצערייען, דרוקערייען,
צינקאָגראַפיעס, אַרויסגעבער, פּאַפּיר־סוחרים. ביאַליק איז געווען פאַר־

שמאַיעס. ווי אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער אויך אָט די אַרבעט געטאָן מיט ברען, מיט ליידנשאַפט. און אַז מ׳האָט אים פריינטלעך געמאַכט דערויף אויפמערקזאַם, האָט ער אַנשטעלעריש־ברוגזלעך אָפּגעהאַקט: „וואָס וויל מען פון מיר — איך בין נישט קיין דיכטער, איך שרייב נאָר פון צייט צו צייט אַ שיר, און דאָס גאָר!״

האָבן מיר זיך אַמאָל, אין יענע יאָרן, באַגעגנט אויף איינער פון די ברייטע גאַסן פון שאַרלאָטענבורג, און גענומען שמועסן. איז אָנגעלאָפן אַ קיעווער ייד, אַ פּיפּיקער סוחר, אַן אייגנטימער פון אַ שריפטגיסעריי פריער אין קיעוו, און דערנאָך — אין בערלין. ער האָט טאַקע צוליב עפּעס אַ געשעפטלעכן ענין געזוכט ביאַליקן, און געטראָפן אים דאָ, אין גאַס, האָט ער זיך דערפרייט און געהאַלטן אין איין רעדן צו ביאַליקן און אים גערופן: „יעפים אָסיפּאָוויטש!״

אַנשטאָט חיים נחמן ביאַליק — גאָר „יעפים אָסיפּאָוויטש״! — מיך האָט עס דאַן שטאַרק געקרענקט צו זען ביאַליקן אין דער ראָלע פונעם סוחר־אונטערנעמער.

*

אין 1928 זיינען מיר אין וואַרשע, אונטער דער רעדאַקציע פון פּרץ הירשביין, י. י. זינגער, נ. מייזיל און מ. ראַוויטש, צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אין קלעצקין־פאַרלאַג אַ חודש־זשורנאַל „יידישע וועלט״. איך האָב זיך דאַן געווענדט צו ח. נ. ביאַליק אין תל־אביב מיט אַ בריוו, וואו איך האָב אים פאַרבעטן מיטצואַרבעטן אין זשורנאַל. האָט ער מיר דערויף געענטפערט אַ ידידי־בריוול אין העברייאיש בזה הלשון:

„תל־אָביב, 9, 13, 1928.

לכבוד מר נחמן מייזיל, וואַרשע:

הנני מאשר בזה בתודה את קבלת ספרי אש, עשרים ושנים כרך, ואני מביע בזה את תודתי ל„קולטור־ליגע״.

ואשר לזרוזך, מר מייזיל, לשלוח דבר מה בשביל „די יידישע וועלט״, אין לי אלא לומר באנחה: די לי שאפקיע את עצמי. עובד אנכי בכל יום כנגד שלשה, ואיני מספיק לגמור את מלאכתי, ואיככה אלכה עוד לנוע ב„עולם״ שאינו שלי, ואעפ״י שהוא יהודי. אולי נפגש עוד בעולם הבא. בעולם הזה מעטה התקוה.

בברכת שנה טובה,

חיים נחמן ביאַליק.״

דאָס מיינט אין יידיש: „איך באַשטעטיק מיט דאַנק דאָס באַקומען די 22 בענד פון אַש׳ס ביכער, און איך דריק אויס מיין דאַנק דער „קולטור־ליגע״.

„און וואָס שייך דיין מאָנען ביי מיר עפּעס אַ זאַך פאַר „די יידישע וועלט", קאָן איך בלויז ענטפערן מיט אַ קרעכץ: ס'איז מיר געגוג מיין אייגענע אַרבעט. איך אַרבעט טאָג־טעגלעך פאַר דרייען, און באַוויז נישט צו פאַרענדיקן מיין אַרבעט, און ווי קאָן איך זיך לאָזן וואַנדערן אין אַ „וועלט", וואָס איז נישט מיינע, הגם זי איז אַ יידישע. אפשר וועלן מיר זיך נאָך באַגעגענען אויף יענער וועלט, אויף דער וועלט איז די האָפענונג גאָר קליין.

מיט ברכות צום נייעם יאָר,

חיים נחמן ביאַליק."

אָבער אין אַ דריי יאָר אַרום האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן, און גראָד נאָך אַמאָל אויף דער וועלט און טאַקע אין דער לעבעדיקער יידישער וואַרשע.

סוף סעפּטעמבער 1931 איז ח. נ. ביאַליק געקומען קיין וואַרשע. פון איין זייט איז ער געווען פאַרבונדן מיט אַן אימפּרעסאַריאָ, וואָס האָט מיט אים געמאַכט אַן אָפּמאַך ער זאָל אויפטרעטן אין פאַרשיידענע גרויסע שטעט מיט אַ באַשטימטער צאָל רעפעראַטן. ביאַליק האָט אָבער אויסגענומען אַ תנאי, ער זאָל אין יעדער שטאָט גלייכצייטיק אויך פירן פּראָפּאַגאַנדע פאַרן העב־רייאישן פאַרלאַג און זיך באַטייליקן אין פאַרשיידענע קאָנפערענצן און באַראַטונגען מיטן צוועק צו זאַמלען געלט פאַרן בוך־פאָנד. ווי דער שטייגער אין דער יידישער וואַרשע, וואו די יידישע פּרעסע און דער יידישער שרייבער האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, איז די ערשטע באַגעגעניש געווען טאַקע מיט פאַרשטייער פון דער יידישער פּרעסע. ס'איז געקומען אַ שיינער שרייבער־עולם פון אַלע יידישע צייטונגען. דר. מ. קלומעל — אַ טייערער, האַרציקער ייד, — פאָרזיצער, יושב־ראש, פונעם יידיש־פּוילישן „תרבות" (חובבי שפת עבר), וואָס ביאַליק איז געווען זייער אָפיציעלער גאַסט, פירט מיך אָפּ אַן אַ זייט און פרעגט מיך, אין וועלכער שפּראַך זאָל ביאַליק דאָ רעדן פאַר דער יידישער פּרעסע. „זעלבסטפאַרשטענדלעך אין יידיש, וויבאַלד אַז עס איז אַ קאָנפערענץ מיט דער יידישער פּרעסע!" — האָב איך געעצהט. „גוט! — זאָגט מיר דר. מ. קלומעל, — וועל איך, ווי דער פאָרזיצער פון תרבות, עפענען די קאָנפערענץ אויף העברייאיש, און ביאַליק וועט גלייך אַריבער צו רעדן יידיש!"

און ס'עפנט זיך די טיר, און ח. נ. ביאַליק, באַגלייט מיט פאָרערער און פריינט, איז אַריין אין זאַל. מיר האָבן זיך האַרציק באַגעגנט און וואַרעם צעקושט. ביאַליק האָט מיר געבראַכט לעבעדיקע גרוסן פון מיינע עלטערן, פון מיין שוועסטער און שוואָגער, וואָס וואוינען אין ארץ־ישראל. מען צעזעצט זיך ביי די טישן, און נאָך דער קורצער העברייאישער דערעפענונג־

רעדע פון דר. קלומעל אין נאָמען פון אויפנאַם־קאָמיטעט, האָט ביאַליק אָנ־געהויבן מיט אַ פּאָר ווערטער אין העברייאיש און גענומען רעדן יידיש, און נאָך אין וואָס פאַר אַ יידיש! אין אַ קערנדיקן, זאַפּטיקן וואָלינער יידיש, אַריינ־געבראַקט אויך אַמאָל אַ רוסיש וואָרט ווי אין אונדזער אוקראַינע. אייניקע „פאַרברענטע״ העברייאיסטן האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ביאַליק רעדט גאָר יידיש, און זיי האָבן גענומען שיקן צעטעלעך צו דר. קלומעל, הלמאי ער האָט עס דערלאָזט אַזאַ „הפקרות״. ביאַליק האָט געכאַפּט אַ קוק אין די צעטעלעך, וואָס זיינען געלעגן אויפן טיש ביים דערביי־זיצנדיקן דר. קלומעל. האָט ער זיך אָנגעצונדן און מיט פלאַם־פייער גענומען רעדן וועגן דער גרויסער ראָלע פון יידיש פאַרן קיום פונעם יידישן פאָלק און פאַרן וואוקס פונעם יידישן שאַפן. און ס׳זיינען געווען אויפריכטיקע רייד, זיי זיינען געקומען פון טיפן האַרצן. און ווי אַלע מאָל אין מאָמענטן פון אויפרייץ, האָט ער זיך שטאַרק צעוואָרעמט און פאַרגעסן זיין אויפגאַבע און ראָלע אויף דער פרעסע־קאָנפערענץ. ערשט ווייטער אין זיין רעדע האָט ער גענומען שאַרף קריטיקירן און באַשולדיקן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פאַר איר גלייכגילטיקער באַציאונג צו העברייאיש און צו דער העברייאישער קולטור.

אין זיין רעדע האָט ביאַליק געענוי גערעדט וועגן דער גרויסער געפאַר, וואָס דראָט אונדז פון דער אַלץ־וואַקסנדיקער אַסימילאַציע. די אַסימילאַציע האָט אומגעבראַכט די גרויסע יידישע קיבוצים אין איטאַליע, טשעכאָ־סלאָוואַקיע, דייטשלאַנד. זי דראָט אויך דעם יידישן קיבוץ אין פּוילן, אויב מ׳וועט באַצייטנס נישט שטעלן דער אַסימילאַציע קיין שטאַרקן ווידערשטאַנד. דאָס אַקטיווע שאַפן אין יידיש דורך יידישע שולן, אין העברייאיש — דורך העברייאישע שולן קאָן ראַטעווען די לאַגע. ער האָט גערופן די לעבעדיקע עלעמענטן אין יידישן פאָלק זיך מאָביליזירן פאַר גרויסער אַקטיווער אַרבעט... די יידישיסטן זיינען געווען שטאַרק צופרידן צו הערן מיט וואָס פאַר אַ טיפן ערנסט ביאַליק האָט גערעדט וועגן דעם שאַפן אויף יידיש, וועגן דער באַדייטונג פון יידישע שולן און יידישער ליטעראַטור.

נאָך ביאַליקס רעדע האָבן אייניקע פאַרשטייער פון דער פרעסע געשטעלט ביאַליקן פראַגן. אויך איך האָב גענומען אַ וואָרט און אָנגעוויזן אויף דעם, אַז ס׳איז נישט ריכטיק ביאַליקס פאָרוואורף דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אדרבא, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט צופיל פאַרבונדן איר גורל און טעטיקייט מיט דער העברייאישער שפּראַך און זייער אָפט קעגן די אינטערעסן פון דער באַוועגונג גופא. צוליב איר צו־ענגער פאַרבינדונג מיט העברייאיש, האָט דער ציוניזם פיל אָנגעוואוירן און פאַרלוירן ביי די יידישע מאַסן. ביאַליק האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגן און אויסגערופן: „אַט האַסטו, דער

סניגור איז דאָ אַ קטיגור, און דער קטיגור איז געוואָרן אַ סניגור!"

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז ביאַליק אויפגעטראָטן אין גרויסן וואַרשעווער „פילהאַרמאָניע"־זאַל מיט אַ גרויסן עפנטלעכן פאָרטראָג פאַר אַ 2,000 צוהערער וועגן דעם שפּראַך־פּראָבלעם ביי יידן. ער האָט, מעשה־פּראָפעסאָר, דערהויזן אַז יידיש וועט נישט אויסמיידן דעם גורל פון די אַלע פריערדיקע 15 שפּראַכן ביי יידן און וועט סוף־כל־סוף אונטערגיין. דער עפנטלעכער פאָרטראָג און דער היסטאָרישער „אורטייל" אויף יידיש אין האַרץ פון וואַרשע, וואו מ'איז געשטאַנען אין שווערן אומאויפהערלעכן קאַמף פאַר דער גלייכבארעכטיקונג פון יידיש, האָט אַרויסגערופן אין די יידיש־יידישיסטישע קרייזן אַ נאַטירלעכע און פאַרשטענדלעכע אומצופרידנקייט. מיר האָבן דורכן יידישן פּען־קלוב, וואָס איז געווען אַ פאַקטאָר אינעם יידישן קולטור־לעבן אין פּוילן, אָרגאַניזירט אַן עפנטלעכן אָוונט אונטערן נאָמען „אונדזער ענטפער ח. נ. ביאַליקן", און עס זיינען אָנאָנסירט געוואָרן אָנגעזעענע מיטגלידער פון פּען־קלוב, וואָס זאָלן געבן די געהעריקע תשובה אויף ביאַליקס אַרגומענטן.

איניקע טעג פאַרן עפנטלעכן אָוונט האָבן מיר אַראַנזשירט אַ צונויפטרעף פונעם יידישן פּען־קלוב מיט ביאַליקן (וואָס איז, אגב, געווען דער ערן־פּאַרזיצער פון דעם העברייאישן פּען־קלוב אין תל־אביב). מיר האָבן אין דער חברשער מסיבה פון דער פאַרוואַלטונג פונעם פּען־קלוב געוואָלט האָבן אַ שמועס מיט ביאַליקן. ניט געקוקט אויף זיין מידקייט און אויסגעשעפּטקייט (יעדן טאָג אויפטריטן, קאָנפערענצן און באַגעגענישן), איז ביאַליק גלייך געוואָרן אויפן צונויפטרעף דער ראש־המדברים. דאָס מאָל איז די טעמע געווען ביי אים — פּלאַסטישע, מאָלערישע קונסט. דעם אָנרעג האָבן געגעבן די פּאָר בילדער אויף די ווענט פון ליטעראַטן־פּאַראיין. האָט ער זיך צעלאָזט אין אַן אינטערעסאַנטן שמועס. ס'איז געווען אַ פּרעכטיקע רעדע, אַדורכגעמישט מיט טרעפלעכע געדאַנקען וועגן קונסט, וועגן רעאַליזם אין קונסט. און ס'איז געווען ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרבעטן אַהער צו האַלטן אַזאַ מין רעדע. אַ חבר פון פּען־קלוב, וואָס איז געזעסן אַרום מיר, האָט מיר איינגערוימט אין אויער: „ער וויל אַזוי אָפּרעדן די גאַנצע צייט, ס'זאָל נישט קומען צו אונדזערע פאַרוואורפן פאַר זיין רעפעראַט!" ס'איז אָבער נישט געווען ריכטיק. ס'איז געווען דער פּשוטער, נאַטירלעכער ביאַליק, וואָס האָט געהאַט שטענדיק אַ דראַנג צו רעדן און זיך קיינמאָל זאַט נישט געקאָנט אָנרעדן. דערוויל האָט דער טעלעפאָן געשטערט, מ'האָט אויף אים געוואַרט אויף אַן אַנדער זיצונג. איז ער געווען נישט צופרידן וואָס ער קאָן נישט פאַרזעצן זיין „רעפעראַט". אויסגענוצט דעם איבעררייס, האָב איך אין אויפטראָג פון דער פּען־פאַרוואַלטונג געמאַכט ביאַליקן אויפמערקזאַם, אַז עס הערשט ביי אונדז אַן אומצופרידנקייט

מיט זיין עפנטלעכן אַרויסטריט וועגן דער שפּראַכן־פּראַגע. האָט ער זיך אויפ־געקאָכט: „מען האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען! איך האָב ליב יידיש און בין טיף געבונדן מיט יידיש, און אָפּדאַרן זאָל די האַנט, וואָס הויבט זיך אויף קעגן יידיש!"

זאָג איך ווייטער: „און בכלל איז עס נישט אין איינקלאַנג מיט די פּען־קלוב־טראַדיציעס, אַז אַן ערן־פּאַרזיצער פון איין פּען־קלוב (פונעם העבריי־אישן) זאָל קומען אין דעם צענטער פון אַ צווייטן פּען־קלוב, — און וואַרשע איז דאָך דער זיץ־אָרט פונעם יידישן פּען־קלוב, — און זאָל האַלטן דאָרט אַ רעפעראַט קעגן דער שפּראַך פון אָט דעם קלוב!"

— אי, גוט! גוט! — איז עס ביאַליקן געפעלן געוואָרן. און ער האָט זיך נישט־ווילנדיק אָפּגעזעגנט. אים איז גוט געווען צו זיצן אין מסיבה פון באַקאַנטע שרייבער, אָבער מ'האָט אים גערופן צו אַן אַנדערן, פון פריער־באַשטימטן צונויפקום. און שוין ביי דער טיר האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן, און געזאָגט: „צוויי אַנטרייבער האָב איך איצט אויף מיין איצטיקער רייזע — דער רעפעראַטן־אימפּרעסאַריאָ און פון דעם ביכער־פאָנד. איז דער ערשטער, דער געשעפטסמאַן, איז נאָך נישקשה, ער וואַרפט צו אַ ביסל האָבער דעם פערדל, לאָזט מיך זיך אויסרוען, אָבער דער צווייטער אַנטרייבער — יענער פאַרשמייסט מיך איינגאַנצן. שטענדיק אין שפּאַן, בייטאָג, ביינאַכט, קיין רו, לויף, פאָר, שלעפּ דעם וואָגן..."

און מ'האָט זיך צעזעגנט, און ער האָט זיך צוריקגעדרייט און אויסגעדריקט זיין באַדויער וואָס ער קאָן נישט בייזיין ביים אָוונט, וואו דער פּען־קלוב וועט אים געבן אַן ענטפער אויף זיין רעפעראַט, — ער וועט שוין דאַן זיין אין אַ צווייטער שטאָט. אינעם אָוונט „אַן ענטפער ביאַליקן" האָבן זיך באַטייליקט: ד. ב. מאַלקין, נ. מייזיל, י. מ. ניימאַן, אהרן צייטלין. אין פאַרטיידיקונג פון ח. נ. ביאַליק איז אויפגעטראָטן דר. יהושע גאָטליב. און אויסער דעם אָוונט האָבן מיר אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פאַרעפנטלעכט שאַרפע ענטפערס: נחמן מייזיל — „אַ לוויה לויט דער ערשטער מדרגה"; מלך ראַוויטש — „זעכצן פאַרמשפּטע און דער דיכטער, דער ריכטער"; אהרן צייטלין — „אַן אָפענער בריוו צו ח. נ. ביאַליק". מיר האָבן, אגב, אויך פאַרעפנטלעכט אַן אויסצוג פון דר. ח. זשיטלאָווסקיס אַ רעפעראַט איבער דער שפּראַכן־פּראַגע ביי יידן — אַן ענטפער אויף די ביאַליק־אַרגומענטן, — פון אַ בראָשור, וואָס איז אַרויס אין קאָוונע.

מיט אַ צוויי חדשים שפּעטער, דעצעמבער 1931, בין איך געווען אויף אַ באַזוך אין ריגע, לעטלאַנד. און אָט איז אויך ביאַליק אויף זיין טור פאַרפאָרן אין ריגע. זיצן מיר אַזוי אין דער רעדאַקציע פון דער טעגלעכער ציימונג

„פרימאָרגן", און ח. נ. ביאַליק, אין באַגלייטונג מיט אַ גאַנצער מחנה מיטגייער און נאָכגייער, איז אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע. געטראָפן מיך אום־געריכט, האָט ער גוט־ברודעריש אַ זאָג געטאָן: — זעט נאָר, נחמן מייזיל איז דאָ! פע, איר פאַרלויפט מיר דעם וועג אָדער איר לויפט מיר נאָך!

ביאַליק איז פאַר די עטלעכע וואָכן שטאַרק אַראָפּ פון פנים. ער האָט אויסגעזען פאַרמאַטערט, דער קאָפּ נידעריקער, טיף אין די אַקסלען, די טונקעלע קישעלעך אונטער די אויגן פולער, די אויגן פאַרצויגן מיט אַ גרויען נעפּל, ווי נישט אויסגעשלאָפן. ער האָט מיך געכאַפּט ביי דער האַנט, אָפּ־געפירט אַן אַ זייט און גענומען זיך קלאָגן: שוין עטלעכע נעכט נישט געשלאָפן, די רייזע האָט אים אויסגעמאַטערט, אויסגעשעפּט.

פרעג איך ביאַליקן מיט מיטלייד: — און טאַקע באמת, וואו נעמט איר כוחות זיך אַזוי אַן אָפּרו אַרומצושלעפן?

ענטפערט ער מיר פון טיפן האַרצן אַרויס: — מען איז ווי יענע קליינע חיהלע מיטן לאַנגן, גרויסן שווערן עק. אין די „פרקי שירה" האָט זי דאָך אַ ספּעציעלן געבעט צום רבונו של עולם, ער זאָל איר געבן כוח נאָכצושלעפן אַזאַ לאַנגן און שווערן עק...

און וויבאַלד, אַז די „פרימאָרגן"־רעדאַקציע האָט געקראָגן אַזעלכע געסט, האָט מען אונדז אַראָפּגעבעטן אַראָפּ, אין דער פאָטאָגראַפיע־אָפּטיילונג („פריי־מאָרגן" איז געווען אויף קעסט ביי דעם „רייכן שווער" — ביי דער רוסישער „סעגאָדניאַ"). מ'האָט אונדז צעזעצט און אויסגעשטעלט — און ביאַליק און איך, די געסט — אינמיטן.

גיט ביאַליק אַ זאָג מיט זיין ברוסטיקער און הייזעריקלעכער שטימע:

— הערט איר? סוף גנב לתליה, און דער סוף פון אַ ראָש־בראַט — צום פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט... באַגעגענישן, רעפעראַטן, זיצונגען, קאָנפערענצן, באַנקעטן — און דער סוף פון אַלע סופן: אַ פאָטאָגראַפיש בליד!...

דאָס איז געווען מיין לעצטע באַגעגעניש מיט חיים נחמן ביאַליק.

1944

הלל צייטלין

אין דער נישט־לאַנג־פאַרעפנטלעכטער גרויזאַמער רשימה פון רבנים, יידישע טוער, שרייבער, לערער, מאַלער, שוישפילער, מוזיקער, וואָס זיינען פאַרפייניקט געוואָרן און אומגעקומען אין וואַרשע דורך די בעסטיאַלישע דייטשן, — אין דער רשימה, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורכן היס־טאָריקער דר. עמנואל רינגעלבלום קורץ פאַר זיין טראַגישן טויט, זיינען אויסגערעכנט הונדערטער וויכטיקע, באַדייטנדיקע און פירנדיקע יידישע פער־זענלעכקייטן, אַלטע און יונגע, פרויען און מענער, וואָס יעדער איינער אויף זיין געביט און אין זיין סביבה איז געווען וואויל באַוואוסט אין דעם רייכן קולטור־שאַפערישן יידישן פוילן. מיט דער מערהייט פון די הייליקע קרבנות בין איך געווען גוט באַקאַנט און מיט אַ גרויסער צאָל — נאָענט און ענג באַפריינדט ביי געמיינזאַמע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. יעדער פון אָט די אומגעקומענע איז דאָך געווען אַ וועלט פאַר זיך און אַ ווירקנדיקער כוח און פאַקטאָר אינעם יידישן פוילן. וועגן יעדן איינעם פון די אומגעקומענע לאָזט זיך פיל רעדן און דערציילן. עס ווילט זיך טיילן מיט זכרונות, באַגעגע־נישן און איינדרוקן, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט טיף אינעם זכרון און אין האַרץ. ווייל יעדער איינער האָט פאַרקערפּערט מיט זיך זייטן, ווינקלען, קריַען, ריכטונגען אינעם יידישן פוילן, וואָס וועט זיבער צוריק נישט אויפגעלעבט ווערן אין דער פאָרם און אין דער געשטאַלט, ווי ס׳איז אין משך פון לאַנגע דורות אויסגעפורעמט געוואָרן.

דער גרויזאַמער צעטל פון די אומגעקומענע יידישע שרייבער אין פוילן הויבט זיך אָן מיטן נאָמען הלל צייטלין.

אים האָט מען אין דעם צעטל געגעבן דעם אויבנאָן. ער איז געווען דער וועטעראַן פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע אין פוילן. געבוירן אין 1872, איז ער אין 1942 געווען אַ בן־שבעים. ער איז געשטאַנען אין דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור עטלעכע און פערציק יאָר. איך האָב אים געקענט און זיך געטראָפן מיט אים אין פאַרשיידענע שטעט און צייטן און ביי די פאַרשיידנסטע געלעגנהייטן אין לויף פון איבער דרייסיק יאָר. און דרייסיק יאָר אין לעבן פון אַזאַ אימפולסיווער און טעמפעראַמענטפולער נאַטור

ווי ה. צייטלין איז געווען, איז אַ שטיק מענטשלעך שאַפעריש לעבן. איך האָב פון דער נאָענט און פון דער ווייט נאָכגעקוקט און נאָכגעפּאָלגט זיינע איבער־וואַנדלונגען, זיין אַפּטן באַרג־אַרויף און אויך ניט־זעלטענעם באַרג־אַראָפּ. ס'זיינען געווען צייטן, ווען דער נאָמען הלל צייטלין האָט פיל באַטייט. דאָס איז געווען אין די ערשטע עטלעכע יאָרן פון זיין באַוויזן זיך אין דער העבּ־רייאישער ליטעראַטור. דאַן האָט מען צו אים אַרויפגעקוקט און זיין שרייבן האָט אימפּאָנירט, איז שטאַרק געפעלן געוואָרן און מ'האָט נאָכגעקוקט נאָך זיינע אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען באַהויכט מיט אַ טיף־יידישן ליריזם. עס איז געווען דאַן, ווען אַליין האָט מען ערשט זיך גענומען אַרויסבאַפרייען פון דער אַלטער, מיטלאַלטערלעכער יידישקייט און מ'האָט אָנגעהויבן זיך אַרויסגנבבענען פון דער אַליין־אויפגעשטעלטער גייסטיקער געטאָ, און מ'האָט פאַרנומען נעמען און ווערק, אידייען און באַגריפן פון דער גרויסער, ברייטער וועלט, צי דירעקט פון דער רוסישער ליטעראַטור, צי אומ־דירעקט דורך דער העברייאישער ליטעראַטור.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דער נייער גאַנג אין דער שאַפערישער יידישער וועלט און ס'האָבן זיך באַוויזן פאַרשיידענע אומרואיקע נאַטורן, מאַנער און רופער, ס'האָט געהייסן דער „המהלך החדש" — דער נייער גאַנג, דער נייער פאַרמעסט, — וואָס האָט געהאַלטן אין שטורעמען די אַלט־יידישע פעסטונגען. פון צווישן די העברייאישע בעלי־מליצות און רעאַקציאָנערע פאַרטיידיקער פונעם אַלטן האָבן זיך אַרויסגעטיילט פרייע, ליכטיקע קעפּ. י. ל. פּרץ, דוד פרישמאַן (טיילוויז), ראובן ברײנין, מ. י. בערדיטשעווסקי א. אַ. און צו זיי איז צוגעקומען הלל צייטלין. דורך פאַרשיידענע וועגן זיינען זיי געקומען צו דער וועלטלעכער יידישקייט, וואָס איז נאָך, אין יענע צייטן, אין אַ געוויסן זינען אַפילו געווען גענוג־פעסט אַרומגעבונדן מיט רצועות פון פאַרגאַנגענהייט, מיט שטאַרקער איבערגעגעבנקייט צו העברייאיש און צו די חיבת־ציון־אידעאַלן, וואָס איז אָפּט געווען אַ צוריקגאַנג צו טראַדיציאָנעלער יהדות.

הלל צייטלינס סעריע אַרטיקלען אינעם העברייאישן זשורנאַל „השלח" — „הטוב והרע" — האָבן אויפגעהויבן און באַהאַנדלט פּראָבלעמען פון גוטס און שלעכטס, אָפּטימיזם און פעסימיזם, פּאָזיטיווס און נעגאַטיווס אין די פילאָסאָפישע און קינסטלערישע ווערק פון וועלט־דענקער און וועלט־קלאַסי־קער. ס'זיינען געווען, אויף וויפיל עס געדענקט זיך איצט, נאָך אַ עטלעכע און דרייסיק יאָר, נישט בלויז באַפּליגלטע ציטאַטן, נישט נאָר טיפזיניקע מיינונגען פון באַרימטע קעפּ, נאָר הינטער די מיינונגען האָט מען געזען אַ גייסטרייכע און זוכנדיקע נשמה, אַ בענקענדיק געמיט פון אַ יידישן מענטש, וואָס האָט אַליין ערשט אַדורכגעמאַכט דעם ווייטן וועג פון תלמוד, זוהר צו

די גרויסע וועלט־גייסטער. אין דעם ראַציאָנאַליסטישן, „מתנגדישן", שטאַרק־ביכטערן אחד־העמישן „השלח" איז ה. צייטלינס שרייבן געווען ווי אַ דער־פרישנדיקער אַאַזיס מיט שלאַנגנדיקע קוואַלן און גרין־בלעטערדיקע געוויקסן. ס'האָבן אויך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וואַקסנדיקער ידישער יוגנט הלל צייטלינס אומרואיקע און מאַנענדיקע אַרטיקלען „לחשבונו של עולם" און מ'איז געווען צופרידן וואָס ער ברענגט אַריין אין דער אָפּגע־שלאָסענער העברייאישער ליטעראַטור דעם גערוגל, די אידייען, די זוכענישן פון דער גרויסער, אָפענער וועלט. הלל צייטלין האָט זיך אין יענע יאָרן איבערגערופן מיטן יונג־פאַרשטאָרבענעם מרדכי זאב פייערבערג און מיטן דעמאָלסדיקן בונטאַר אין דער יידישער געדאַנקען־וועלט מיכה יוסף בער־דיטשעווסקי, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן די יידישקייט־צוימען, קעגן די אָנגענומענע אמתן, קעגן דער טראַדיציאָנעלישקייט, וואָס אחד־העם האָט זיי מיט אַ באַזונדער עקשנות פאַרטיידיקט.

אין משך פון יאָרן איז אָנגעגאַנגען אין לעבן און אין דער ליטעראַטור דער געראַנגל צווישן די צוויי באַזונדערע וועלט־אַנשויאונגען — די פאַר־טיידיקער פון „יהדות", פון אַ יידישקייט, וואָס שטייט אָן אַ זייט פון דער „אנושות" — וועלטלעכקייט. די „יהדות"־פאַרטיידיקער האָבן אַפילו אויס־געשלאָסן פון יידישע גרענעצן די וועלט־שאַפונגען, די וועלט־קלאַסיקער. מען דאַרף זיין אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט בלויז ייד, און וועלט־פּראָבלעמען זאָל מען זוכן אין אַנדערע שפּראַכן און אין „גויאישע" ווערק און צייטשריפטן. דאָס איז געווען דאָס פּראָגראַם פון דעם „השלח".

איז הלל צייטלין געווען נאָענט און אייגן יענער יידיש־העברייאיסטישער יוגנט, וואָס האָט זיך געשטעלט אין קאַמף מיט די „היטער און באַשיצער" פון דער פאַרגליווערטער „יהדות" און לייקענער פונעם יידישן „גלות"־לעבן.

אויפגעצויגן אין דער חב"דישער סביבה, אַליך, ווייזט אויס, אין דער יוגנט אַ שטיק חב"דניק (חב"ד — חכמה, בינה, דעת, וואָס ר' שניאור זלמן מליאַדי, דער „בעל התניא", איז געווען דער גרינדער פון אָט דעם חסידישן אָפּצווייג), האָט הלל צייטלין פאַרמאָגט די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון די אַמאָליקע חב"דניקעס: אַ באַגער צו גריבלען זיך און דערגרונטעווען זיך אַלץ־טיפער אין די יסודות פון וועלט און גאָטהייט, אַ נייגונג צו מעטאַפיזישער חקירה מיט אַ צומיש פון האַרץ־דבקות, און דאָס שטרעבן צו כסדרדיקער לייטערונג פון געדאַנק און געפיל, וואָס האָט אין זיך נישט־באַזונדערס־אויסגעשפּראָכענע פאַנטאַסטישע עלעמענטן. דאָס אַלץ, וואָס צייטלין האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון זיין חסידיש־חב"דישער וועלט און סביבה, האָט ער אַפריער געפּרואווט אַנצואווענדן, צו פאַרן און פאַראייניקן

מיט די מעטאַפיזישע און פּאָזיטיוויסטישע, גאָטזוכערישע און ראַציאָנאַליס־טישע שיטות פון פאַרשיידענע וועלט־מיסטיקער און וועלט־פילאָסאָפן. האָט ער אין 1900 פאַרעפנטלעכט (אין העברייאיש) פון איין זייט — אַ מאָנאָגראַפיע פון ברוך שפינאָזאַ, און (מיט אַ פאָר יאָר שפּעטער) אַ מאָנאָגראַפיע פון פרידריך ניצשע. ס'איז ווי ער וואָלט אַליין זיך געראַנגלט צווישן פאַרשיידענע וועלט־אַנשויאונגען און פּרינציפּן. האָט ער דאַן זיינען אייגענע זוכענישן, ווידער־שפּרוכן און פאַרצווייפלונגען געבראַכט צום אויסדרוק אין זיין סעריע עסייען „הרהורים" (טראַכטעניש) און „מכתבי אחד הצעירים" (בריוו פון איינעם פון דער יוגנט), וואָס זיינען געדרוקט געווען אין דוד פרישמאַנס באַרימטן זשורנאַל „הדור".

אין אָט די יאָרן האָט הלל צייטלין פאַרבראַכט אין האָמעל (אויף יידיש האָמליע), אָט די אינטערעסאַנטע יידישע שטאָט, וואו ס'האָט זיך גענומען אויספּיקן אַ יידיש־רעוואָלוציאָנערע און אַ גייסטיק־פּאַרטיפּטע יוגנט. אין האָמעל האָבן דאַן צווישן אַנדערע געלעבט י. ח. ברענער, א. נ. גנעסין, ז. י. אנכי, אברמסון, — וואָס האָבן געבילדעט אַן אייגנאַרטיקן קרייז פון פאַר־טיפטע, זוכערישע קינסטלער, וועלכע האָבן אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער אויפגענומען אין זיך די בענקענדיקע, טראַגישע און בונטאַרישע עלעמענטן און מאָטיוון פון אַ טשעכאָוו, אַנדרעיעוו און גאָרקי און זיי פאַריידישט אין זייערע שטימונגען, אַנשויאונגען און שאַפונגען. אָט די צייט און אָט דעם קרייז האָט י. ח. ברענער געשילדערט אין זיין ראָמאַן „מסביב לנקודה" (אין יידישער איבערזעצונג „אַרום אַ פּינטל"). אויף הלל צייטליגען האָט אָט־דער קרייז געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג און ער האָט וועגן דעם נישט איין מאָל גע־שריבן אין זיינע פאַרשיידענע סעריעס אַרטיקלען איבער י. ח. ברענער. ס'איז לכתחילה געווען אַ נייער גאַנג אין דעם העברייאישן שאַפן, וואָס האָט געזאָלט אומוואַרפן די באַלעבאַטישע מיטלמעסיקייט פון דעם אויבן־אַן און ס'איז געווען אַ שטרעבונג צו דעמאַקראַטיזירן די מיוחסדיקע, כלי־קודשדיקע העב־רייאישע ליטעראַטור און אַראָפּברענגען זי צו די יידישע מאַסן, און פון דעם האָט זיך אויך גענומען אַרויסשיילן אַ באַגער צו „פאַרוואָכעדיקן" די ליטע־ראַטור, דערנעענטערן זי צו דערווירקלעכקייט. י. ח. ברענער איז געוואָרן דער פאַרקערפּערער פון אָט־דעם דראַנג. אויך א. נ. גנעסין האָט געפּיבערט און געפּרואווט אין זיינע טיף־אייגנאַרטיקע ווערק אַרויסברענגען דעם נייעם ייד־מענטש. און אויף אַן אַנדער אופן האָט ז. י. אנכי געשילדערט די יידישע יוגנט, וואָס פלאָגט זיך מיט אירע פאַרצווייפלונגען. — מיט דער צייט איז אויפגעוואַקסן אַ דוד בערגעלסאָן, וואָס איז באַווירקט געוואָרן פון זיי און ער האָט אין זיינע פריע שאַפונגען אויפגענומען דעם געמיט־צושטאַנד, די

שטימונגען און די מאָטיוון פון אָט־דעם אין פלוג גאַנץ־ווייטן קרייז.

הלל צייטלין איז גיך געוואָרן אַ וועלט פאַר זיך. ער האָט זיך נישט געלאָזט „קאָלעקטיוויזירן". ער האָט אַדורכגעמאַכט פאַרשיידענע איבער־וואַנדלונגען, וואָס זיינען אָפט געגאַנגען צו־ראַשיק, צו־האַסטיק. ער איז אָפט מיטגעריסן געוואָרן פון געזונטע, פּאָזיטיווע דערשיינונגען און געשעענישן, און אָפט אויך — פון קראַנקהאַפטע, רעאַקציאָנערע. האָבן זיך אין אים אַנט־וויקלט טיפע ווידערשפּרוכן: וועלטלעכקייט, פּראָגרעסיווקייט האָבן זיך גע־ראַנגלט ביי אים מיט רעליגיעזער יידישקייט און מיט שאָוויניסטישע איינ־שטעלונגען; דער אינטערעס פאַר „אייביקע" פּראָבלעמען איז פאַרביטן געוואָרן מיט דעם קאַמף פאַר טאָג־טעגלעכע פראַגן. אָט די סתירותדיקע עלעמענטן האָבן זיך אַרויסבאַוויזן אין זיינע פאַרשיידנאַרטיקע ערנסטע און וואַגיקע אָפּהאַנדלונגען און אין זיינע פּובליציסטישע אַרויסטריטן. דער דענ־קער, דער פיינפילנדיקער קינסטלער איז אָפט פאַרכאַפּט געוואָרן פון ביליקער פּראָזעלאָגיע. ער האָט אָפט דערנאָך פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט און אין זיינע אַרטיקלען גענומען ליאַרעמען, געוואַלדעווען. פון די הויכע פילאָסאָפישע ספערן האָט ער אַראָפּגענידערט אין טאָל אַריין. מאָמענטנווייז איז עס אים וואויל באַקומען, ער האָט זיך נישט געלאָזט מיטרייסן מיט דעם אָפיציעלן ציוניסטיש־העברייאיסטישן שטראָם און אָפט אָפּגעקערעוועט אָן אַ זייט. בעת דעם העפטיקן געראַנגל אין דער ציוניסטישער וועלט (אויפן 6טן ציוניסטישן קאָנגרעס און אַ צייט נאָך אים) פאַר און קעגן דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט, איז ה. צייטלין געווען צווישן די, וואָס האָבן פּאַלק געשטעלט העכער פון לאַנד, און ער האָט אַרויסבאַוויזן פיל טעמפּעראַמענט און קאַמף־לוסטיקייט קעגן די „ציוני־ציון". ער האָט אין דער זעלבער צייט אַדורכגעמאַכט דעם איבער־גאַנגס־פּראָצעס פון העברייאיש צו יידיש. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ סעריע ליריש־פילאָסאָפישע עסייען „די בענקשאַפט נאָך שיינקייט", וואָס איז שפּעטער (אין 1911־1910) דערשינען מיט אַ ריי אַנדערע ווערק (אויך אַן אַרבעט וועגן ר' נחמן בראַסלאַווער) אין יידיש אין עטלעכע בענדער.

מ'דאַרף באַטאָנען אָט דעם האַסטיקן געדאַנקען־גאַנג און דעם שנעלן איבערוואַנדלונגס־פּראָצעס פון ה. צייטלין: פון חב"ד, פון בית־המדרש צו העברייאישער ליטעראַטור, פון יהדות צו וועלטלעכקייט, פונעם ציוניזם צום טעריטאָריאַליזם, און פון העברייאיזם צום יידישן שאַפן. עס זיינען דעריבער אין פאַרשיידענע צייטן געווען ביי מיינס גלייכן באַריר־פּונקטן און אָפטמאָל אָפילו אַ געמיינשאַפטלעכער גאַנג מיט ה. צייטלין.

* * *

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען הלל צייטליגען אין קיעוו, אַרום 1904־

1905. ער איז דאַן געװען אַ לערער אינעם ציוניסטישן „חדר מתוקן", װאו מ'האָט געלערנט „עברית בעברית". ער פֿלעג אָרײַנקומען צו אלחנן קלמנסאָן —אַן אינטערעסאַנטע משׂכּילישע פּערזענלעכקײט און אײגנאַרטיקער שרײַבער־קעמפּער, — װאָס איז געװען בוכהאַלטער בײַ מײַן זײדן דעם גלאָז־פֿאַבריקאַנט. אין דעם „חדר מתוקן" האָבן געלערנט די באַװאוסטע העברעיִשע לערער יעקב ליבערמאַן און נחום מאַטוסאָװ. (אגב, אלחנן קלמנסאָן און נחום מאַטוסאָװ זײַנען אַרויסגעבראַכט אין ד. בערגעלסאָנס צװײטן טײל „בײַם דניעפּער"). הלל צײַטלין, מיט זײַן אויסזען און הילוך, מיט דער לאַנגער, געדיכטער און שפּיציקער רויטער באָרד, װאָס האָט פֿאַרכאַפּט אַ שטיק געל־בלאַסן פּנים, מיט די גרויסע ברעמען איבער די טרויעריקע, פֿאַרבענקטע אויגן, האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק גיכער פֿון אַ שטעטלשן רבֿ אָדער חבֿ"דישן „חוזר" (דער נאָכזאָגער און פֿאַרטײַטשער פֿון רבינס תּורה), אײדער פֿון אַ געװײנלעכן שרײַבער, װאָס פֿאַרנעמט זיך מיט שפּינאָזאַ, העגעל, קאַנט, שאָפּענהויער, שטירנער און ניצשע. איך שטעל מיר פֿאָר, אַז הלל צײַטלין, דאַן אַ יונגערמאַן פֿון אַ פּאָר און דרײַסיק יאָר, װאָס פֿירט אין זײַן דענקען און שרײַבן חשבונות מיט אַ װעלט און מיט װעלט־גײַסטער, האָט זיך מסתּמא ניט־איבעריק גוט געפֿילט װי אַ לערער פֿון „עברית בעברית" מיט ײדישע קינדער פֿון דעם פֿאַרגויִעשטן קיעװ. אָבער פֿון דער זײַט זײַנען מיר, װי יונגע פֿאַרערער פֿון הלל צײַטלין, געװען שטאָלץ, װען מיר האָבן זיך דערװאוסט, אַז הלל צײַטלין איז אַן אַרײַנגײער בײַם באַװאוסטן רוסישן שרײַבער, דענקער און פֿילאָסאָף לעװ שעסטאָװ (אַ ײד, אַ זון פֿונעם רײַכן קיעװער מאַנופֿאַקטור־סוחר איסאַק שװאַרצמאַן). אָט דער לעװ שעסטאָװ איז געװען גוט באַקאַנט דער לײענענדיקער יוגנט. ער האָט זיך באַטײליקט מיט אײגנאַרטיקע װערק אין די אָנגעזעענסטע רוסישע זשורנאַלן און איז געװען דער מחבר פֿון אַ רײ װאָגיקע און רײַצנדיקע ביכער, װי „טאָלסטאָי און דאָסטאָיעװסקי", „אַפּאָטעאָז פֿון באָדנלאָזיקײט" (װעגן טשעכאָװן) און אַנדערע. און װי אלחנן קלמנסאָן האָט אונדז איבערגעגעבן, האָט לעװ שעסטאָװ געהאַט גאָר אַ געהויבענע מײנונג װעגן הלל צײַטלין און פֿון זײַנע טיפֿזיניקע געדאַנקען איבער די װעלט־פֿילאָסאָפֿן און רוסישע קלאַסיקער.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער (אַרום 1907) האָב איך געטראָפֿן צײַטלינען אין װילנע, װאו ער איז געװען רעדאַקציע־מיטגליד פֿונעם העברעיִשן טעגלעכן און חודשלעכן „הזמן". איך האָב אים דאַן באַזוכט אין זײַן הויז (אין אַ גרויסן װילנער הויף). מיר זײַנען געגאַנגען צו אים צוזאַמען מיט ז. י. אנכי און י. א. ליזעראָװיטש. דאָס הויז האָט אויף מיר געמאַכט אַן אײַנדרוק װי אַן עכט־רבניש, מיט אַ סך מענטשן אין די פּאָר צימערן און בײַם טיש, װאו

ער אַליין, הלל צייטלין, איז געזעסן אויבנאָן. ער האָט דאָן, ווי זיין שטייגער איז געווען, צוגעבאָמקעט אַ ניגון, געווען פאַרטאָן ווי אין אַנדערע עולמות און מיט די פינגער צוגעקלאַפּט אין טיש אין טאַקט פון זיינע טרויעריקע מחשבות. ער האָט דאָן זיך געקלאָגט אויף זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט אין אַ טעגלעכער צייטונג און אַרויסגעזאָגט אַ פראַזע אין ד׳היי״ש: „איסטאָריאַ האַזמאַנאַ — עטאַ איסטאָריאַ מאָיעווא פּאַדעניאַ״ (די געשיכטע פונעם „הזמן״ איז די געשיכטע פון מיין פאַלן). ווייזט אויס — דאָס אָוועקגיין פון וואָגיקערע גרעסערע אַרבעטן צו טאָג־טעגלעכע צייטונגס־אַרטיקלען איז אים נישט געווען צום האַרצן און ער האָט געשפּירט אין זיך אַ באַרג־אַראָפּ.

און ס׳איז געווען אין אַ געוויסן זין ריכטיק. באַלד איז ער אַוועק קיין וואַרשע, גענומען רעדאַקטירן ש. י. יאַצקאַנס „דאָס יידישע וואָכנבלאַט״ און איז שפּעטער געוואָרן שטענדיקער מיטאַרבעטער פונעם „היינט״. גלייכצייטיק מיט אייניקע ערנסטערע אַרבעטן, האָט ער גענומען שרייבן שרייענדיקע אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך כלל נישט געפּאָרט מיט זיינע פריערדיקע ערנסטע באַטראַכטונגען און אומרואיק־זוכערישע שאַפונגען. און מערקווירדיק: אין וואַרשע, און גראָד אין דער יידישער פּרעסע איז ער מיט דער צייט געוואָרן רעליגיעזער, שאָוויניסטישער און אין זיינע אַרטיקלען האָבן זיך גענומען דורכרייסן רעאַקציאָנערע, רעזיגנאַציע־שטימונגען און מאָטיוון. און ס׳איז ממש געווען נישט צום דערקענען דעם פריערדיקן הלל צייטלין פון זיינע פריערדיקע ווערק, פון זיינע גייסטרייכע עסייען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט לירישע באַגלייט־טענער און מיט אַ בנעימותדיקער פּאַרטיפּטקייט. ער איז געוואָרן אַנפּאַלעריש, שאַרף־פּאָלעמיש און אין זיינע שטראָפּערייען איז ער געווען נישט־איבערקלייבעריש אין ווערטער און אויסדרוקן. אין משך פון יאָרן און יאָרן איז ער געווען אין צענטער פון רייסערייען, פון כסדרדיקער שאַרפער פּאָלעמיק. ער איז געווען אַ ציל־ברעט פאַר שאַרפע פיילן, און ער איז קיינמאָל נישט געבליבן קיין בעל־חוב.

ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַן אָפּאָלאָגעט פון דער רעליגיעז־טראַדיציאָנעלער יידישקייט, געשטאַנען נאָענט צו די מזרחי־ציוניסטן, הגם ער האָט קיינמאָל זיך נישט געלאָזט איינשפּאַנען אין אַ פּאַרטיי, און אדרבא, ער האָט אַלע יאָרן באַקעמפט יעדע מין פּאַרטייאישקייט. אין דעם צעפלאָסן־באַלעבאַטישן „דער מאָמענט״, די פּרינציפּנלאָזע יידישע טעגלעכע צייטונג אין פּוילן, האָט ער געהאַט זיין אָפּטיילונג, זיין „מדור״, זיין אייגענע בימה, וואו ער האָט געשריבן זיינע שטראָף־ און מאָן־אַרטיקלען, און רעאַגירט אויף אַלע טאָג־פּאַסירונגען. אָפט איז געווען אַ ווייטיק צו זען ווי הלל צייטלין צעטרענצלט זיין וויסן, זיינע קענטענישן, זיין טאַלענט אויף רעכטס און לינקס.

צווישן זיינע טויזנטער אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע מאָל אַ וואָך אין די טאָג־צייטונגען און אויך אין צייטשריפֿטן, איז דאָ אָן ספק אַ גרויסע צאָל וויכטיקע און וואָגיקע אַרבעטן, וואָס ער האָט זיי געדרוקט אין פֿאַרזעצונגען. בלויז אַ גאָר קליינער טייל איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין בוך־פֿאָרם. אויסער די דערמאָנטע עטלעכע בענ־דער, וואָס זיינען אַרויס אין 1910, זיינען שפּעטער דערשינען: „דער אלף־בית פֿון יידנטום" (1932, ב. 1), „חסידות" (1922). אין ז. רייזענס „לעקסיקאָן" (1929) ווערן אויסגערעכנט: אַן אויספֿירלעכע מאָנאָגראַפֿיע וועגן ר' שניאור זלמן פֿון ליאַדי („מאָמענט", 1912־1913), וועגן י. ח. ברענער („מאָמענט", 1921), „דער לעבנס־וועג פֿון ש. אַנסקי" (אין „מאָמענט"־אַלמאַנאַך, 1921), „יידיש אין רעליגיעז־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פֿון פֿאָלק" („מאָמענט", 1916־1917), פֿיל גרעסערע אַרבעטן וועגן זוהר א. אַז. וו. זינט 1929 ביז 1939 האָט ה. צייטלין פֿאַרעפֿנטלעכט צווישן די אַלע טאָג־אַרטיקלען נאָך און נאָך וואָגיקע ווערק אין לאַנגע פֿאַרזעצונגען אין די צייטונגען און צייטשריפֿטן. ס'וואָלט געווען אַ יושר, ווען אַ געהעריקע אינסטיטוציע וואָלט אויף זיך גע־נומען די אויפֿגאַבע אויפֿשטעלן אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון ה. צייטלינס וואָגיקערע ווערק, אויב נאָר ס'איז דאָ צו באַקומען די אַלע יאָרגענג פֿון דער וואַרשעווער יידישער פּרעסע. אייניקע ווערק פֿון הלל צייטלין פֿאַרדינען אָן ספֿק איבער־געדרוקט צו ווערן.

מ'דאַרף זיך באַזונדערס אָפּשטעלן אויף הלל צייטלינס שפּראַך און סטיל. ער האָט אַריינגעבראַכט אין זיין יידיש פֿיל עלעמענטן פֿון דער חסידיש־חב"דישער שפּראַכלעכער אייגנאַרטיקייט. זיין יידיש איז אַדורכגעפּלאָכטן מיט נשמהדיקע, פֿיינפֿילנדיקע ווערטער און אויסדריקן. זיין שפּראַך איז אויך רייך געווען מיט סינאָנימען. אַ פֿילאָלאָג וואָלט באַדאַרפֿט ספּעציעל זיך פֿאַרנעמען מיט דער צייטלינישער יידישער שפּראַך.

נישט געקוקט אויף די חילוקי־דעות מיט הלל צייטלין, איז דער פֿאַר־דינסטפֿולער שריפֿטשטעלער און זשורנאַליסט געווען אין דעם יידישן פּוילן און אין די שרייבער־קרייזן שטאַרק פֿאַרערט. ער האָט זיך מיט ברען אָפּ־גערופֿן אויף יעדער געשעעניש אין יידישן און אַלגעמיינעם לעבן. ער האָט מיט התמדה געלייענט און געשטודירט די אַלטע, עלטערע און יינגערע יידישע און העברעיאישע ליטעראַטורן, און די לעצטע יאָרן באַזונדערס נאָכגעפּאָלגט און פּאָפּולאַריזירט די רעליגיעזע ספֿרים. אין די לעצטע יאָרן איז ער געוואָרן רעליגיעז, אָפּגעהיט שבת, נישט געגאַנגען בגילוי־ראש (מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ) און אָפּילו אָנגעהויבן פּראַווען ביי זיך שיער נישט קיין רבישע טישן, מיט אייגענע חסידים־תלמידים אַרום זיך, פֿאַר וועלכע ער האָט אָפּילו געזאָגט

תורה און דברי־מוסר. ווייזט אויס, צווישן דער מסיבה פון חסידים, וואָס האָבן געלעקט די פינגער פון זיינע דרושן און תורה, האָט זיך לעצטנס ה. צייטלין געפילט נעענטער און היימישער ווי צווישן זיינע קאָלעגן די שרייבער און זשורנאַליסטן. ווען ער איז אַמאָל געקומען צו אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין, אָדער צו אַ פייערונג פון אַ קאָלעגע, איז הלל צייטלין געזעסן ווי אַ זייטיקער. ער איז געווען פאַרנומען אין זיין אייגענער רעליגיעז־מיסטישער וועלט, ער האָט צוגעבאַמקעט פאַר זיך אַ חסידישן ניגון און געווען גערן וואָס־גיכער זיך אַרויסכאַפּן פון דער מסיבה, וואָס איז אים געווען פרעמד.

יאָ, די לעצטע יאָרן האָט זיך הלל צייטלין אַלץ־מער אומגעקערט צו דער וועלט, צו דער מיסטיש־גייסטיקער וועלט, פון וואַנעט ער איז אַוועק אין זיין יוגנט. צי ער האָט אין אָט־דער וועלט זיך געפילט אינגאַנצן גוט און באַרואיקט — בין איך מסופק.

משונה־ווילד און גרויזאַם און מוראדיק־טראַגיש האָט זיך פאַרענדיקט דער לעבנס־וועג פון הלל צייטלין, ווי משונה־ווילד און גרויזאַם און מוראדיק־טראַגיש עס האָבן זיך פאַרענדיקט די לעבנס פון הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען יידישע מענטשן דורך די טיראַנישע לאַפּעס פון די דייטשישע אויסוואורפן.

ווער וועט מאָנען און ווער וועט שטראָפן פאַר דעם טויט פונעם שטענדיקן מאָנער און שטראָפער?

1944

שלום אַש

שלום אַש איז איצט אַלט געוואָרן זעכציק יאָר, עס ווערט פערציק יאָר זינט שלום אַש איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין סקיצע „משהלע". עס איז אַ טאָפּלטער יובילײ פון דעם גרויסן קינסטלער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור, אין דער יידישער דראַמאַטורגיע פאַרשיידנאַרטיקע באַדייטנדיקע ווערק: נאָוועלן און דער־ציילונגען, שטייגער־ראָמאַנען, דראַמאַטישע שאַפונגען, היסטאָרישע ווערק, וואָס צוזאַמען בילדן זיי אַ גאַר רייכע ביבליאָטעק.

נאָך די דריי גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם און יצחק לייבוש פרץ — איז שלום אַש דער פּאָפּולערסטער, קאָלאָריטרייכסטער און שטאַרקסטער נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור. אַרויסגעוואַקסן פון די סאַמע טיפענישן פונעם יידישן פאָלקס־לעבן, פאַרבונדן מיט דעם פאַרביקסטן יידישן קיבוץ, מיטן פּוילישן יידנטום, — האָט ער אין זיינע ווערק געגעבן וויכטיקע און אינטערעסאַנטע שילדערונגען פונעם יידיש־פּוילישן לעבנס־שטייגער. ער האָט זיך אָבער מיט דעם ניט באַגנוגנט, — ער האָט זיך אָפט אָוועקגעלאָזט אין געשיכטלעכע ווייטקייטן און אַרויסגעבראַכט תקופות פון אַמאָל. ער איז געווען פון די ערשטע ביי אונדז, וואָס האָט גענומען פאַר זיינע ראָמאַנען און דראַמען שטאָף און פּראָבלעמען פון דער ניט־יידישער וועלט. ער איז, ווי די יידישע מאַסן אין זיין צייט, געווען זייער דינאַמיש, אַריבערגעוואַנדערט פון דער „אַלטער היים" אין דער נייער, און ברייט געשילדערט דאָס נייע יידישע לעבן, וואָס שאַפט זיך אין אַמעריקע און אויך אין פּאַלעסטינע.

שלום אַש האָט פאַנאַנדערגעוואָרפן די צוימען פון דער יידישער ליטע־ראַטור. ער האָט אַריינגעבראַכט מאָטיוון און פּראָבלעמען, וואָס זיינען געווען נייַ און אויסטערליש פאַר דער יידישער ליטעראַטור. ער איז אויך געווען צווישן די ערשטע יידישע שרייבער, וואָס האָבן געבראַכט צו דער וועלט־ליטעראַטור אַן אָנזאָג פון אַ יידישן שאַפן, אַ גרוס פון אַ ספּעציפישן יידישן לעבן. נאָך מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק איז שלום אַש אָפטמאָל

געוועזן פּאָפּולערער ביי „זיי״, ווי ביי „אונדז״: אַזוי איז געוועזן אין די צייטן, ווען מ׳האָט אויפגעפירט אין די בעסטע רוסישע און דייטשע טעאַטערן זיין „משיחס צייטן״ און „גאָט פון נקמה״. אַזוי איז געוועזן מיט אַ צען יאָר צוריק מיט שלום אַשס ווערק אין דער דייטשער איבערזעצונג, און אַזוי אויך איז לעצטנס מיט שלום אַשן אין אַמעריקע אַדאַנק די ענגלישע איבערזעצונגען פון זיינע ווערק.

אַ יובילײ פון אַזאַ גרויסן און באַדייטנדיקן קינסטלער ווי שלום אַש ביי אַזאַ פאַרהעלטניסמעסיק־קליינער און אָרעמער ליטעראַטור ווי עס איז די יידישע, האָט באַדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אמתן פאָלקס־יום־טוב, אין אַ גרויסער מאַניפעסטאַציע, און די שאַפערישע פאָלקס־מאַסן האָבן זיך געדאַרפט פילן ווי נאָענטע מחותנים און אָרויסברענגען גאָר זייער באַגייסטערונג און פאַרהערלעכונג פאַר דעם שרייבער.

יובילייען פון גרויסע שרייבער זיינען גלייכצייטיק וויכטיקע דאַטעס אין דעם קולטור־לעבן פונעם פאָלק און אויך וועג־צייכנס אין דער אַנטוויקלונג־געשיכטע פון דער ליטעראַטור, אין וועלכער דער קינסטלער שאַפט. אין אַזעלכע פייערלעכע יובל־טעג ווערן ווי אויפגעזאַמלט די באַגייסטערונג־ און פאַרערונג־געפילן צום שרייבער, וואָס עס זיינען אויפגעהיט ביי די פאָלקס־מאַסן. עס אַנטפּלעקן זיך דאַן די באַהאַלטענע אוצרות פון ליבע און סימפּאַטיע, וואָס דאָס פאָלק טראָגט מיט זיך, אין זיך פאַר אָט דעם קינסטלער. אַזאַ מין יובילײ פון אַ גרויסן פאָלקס־שרייבער איז אויך דער יום־טוב פון דעם דור קינסטלער, וואָס זיינען אויפגעקומען און פאַנאַנדערגעוואַקסן אינאיינעם מיטן יובילאַר און צוזאַמען מיט אים האָבן זיי אָרויסגעטראָגן די ליטעראַטור אויף ווייטערע הויכן, אויף ברייטערע וועגן. און אַזאַ יובילײ, וויבאַלד ער ווערט אויפגענומען און געפייערט דורך די פאָלקס־מאַסן, ווערט ממילא פאַרוואַנדלט אין אַ יום־הדין, אין דעם גרויסן טאָג, ווען „ונתנה תוקף קדושת היום״, מען פירט פייערלעך אונטער אַ חשבון צו דעם אַלעמען, וואָס מען האָט אָפּגעטאָן די גאַנצע צייט, און מען צייכנט אָן ריכטליניעס פאַר דעם ווייטערדיקן שאַפן פונעם קינסטלער און פון זיינע מיטצייטלער־שאַפער.

דער יובל פון דעם גרויסן שרייבער איז דער סיום, דער אָפּשלוס פון אַ גאַנצער ליטעראַרישער תקופה, דער אָפּשלוס פון אַ דור שאַפער, און גלייכצייטיק אויך אַ פּתיחה, אַן אָנהויב פון נייע פאַרמעסטן, פון אַ נייעם גאַנג אין דעם שאַפערישן לעבן פון דעם קינסטלער און פון זיין דור, וואָס שאַפט־מיט מיט אים.

איז דער טאָפּעלער יובילײ פון שלום אַש אויך דער גרויסער יובל פון דער יידישער ליטעראַטור, דער גרויסער יובל פון דעם דור יידישע שאַפער־

קינסטלער, וואָס זיינען אויפגעקומען אין זיין תקופה און זיינען די גאַנצע צייט טעטיק און פּראָדוקטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור? פילט מען ביי די פאָלקס־מאַסן אין באַצוג צו אַשן די פרייד און באַגייסטערונג, וואָס אַ פאָלק דאַרף און מוז פאַרמאָגן בנוגע צו זיין נאַציאָנאַלן שרייבער?

קאָנען מיר מיטן פולן באַוואוסטזיין ענטפערן אויף אָט די פראַגן פּאָזיטיוו? איז דאָ אין דער יידישער קולטור־קינסטלערישער וועלט די פולע באַגייסטערונג, די טיפע פאַרערונג פאַר שלום אַש?

און דאָ קומען מיר צו דעם פּראָבלעם שלום אַש און די יידישע ליטעראַטור. עס איז אַ פאַקט: אָפט איז שלום אַש און זיין ראָלע און באַטייט פאַר דעם יידישן שאַפן — אַ האַרבע און ווייטיקדיקע פּראָבלעם.

עס איז דאָ אַ שטאַרקע דיספּראָפּאָרץ צווישן שלום אַשס גרויסן טאַלאַנט און זיין פאַקטישער השפעה אויף דעם יידישן שאַפן. עס קומט אויס, ווי זיינע גרויסע שאַפונגס־מעגלעכקייטן ווערן אָפט ערגעץ־וואו פאַרלוירן, זיינע ווערק פאַרנעמען ניט אין דער יידישער וועלט, אין דער יידישער ליטעראַטור דאָס אָרט, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט פאַרנעמען.

איז דאָ שולדיק שלום אַש, אָדער די יידישע ליטעראַרישע וועלט, די שרייבער און לייענער?

מיר ווייסן, אַז בלויז די ווערק קאָנען שטאַרק ווירקן, וואָס זיינען באַווירקט פונעם לעבן, בלויז די־אַ גערעאַנגלעניש און פּראָבלעמען קאָנען ווערן נאָענט און אייגן דעם פאָלק, וועלכע זיינען דורכן פאָלק אויסגעטראָגן אין משך פון דורות. דאָס לעבן, די תקופה דאַרפן זיך אַריינבייסן אין דעם שרייבער, פונקט ווי דער שרייבער דאַרף זיך אַריינבייסן אין דער צייט, אין דער ווירקלעכקייט. שלום אַש האָט גרויסע קינסטלערישע מעגלעכקייטן און אייגנשאַפטן, אָבער נישט אַלע מאָל קאָן ער זאָגן „ובתוך עמי אני יושב", — איך בין כסדר מיט מיין פאָלק, מיט די פאָלקס־מאַסן. אָפטמאָל זעט שלום אַש דאָס יידישע לעבן מיט די אויגן פון אַ פאַרפרעמדטן יידן, ער זעט עס אַ פאַרהילטס אין ראָמאַנטישע שלייערן, ער נעמט עס אויף ווי די אַפּאָלאָגעטיקער און פאַרזעט דאָס אמתע, ווירקלעכע, קעמפנדיקע און שטרייטנדיקע. אפשר איז עס דערפאַר, וואָס אָפט האָט ער אינזינען ביים שרייבן אַ ווערק דעם פרעמדן לייענער, ניט דעם אייגענעם, ניט דעם לייבלעך־יידישן. האָט דאָך שלום אַש דאָ ניט לאַנג געזאָגט, אַז אים איז נעענטער דאָס יידישע לעבן מיט אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווי די איצטיקע ווירקלעכקייט...

און ווייל שלום אַש איז דער גרויסער יידישער קינסטלער מיט אַזעלכע גרויסע קינסטלערישע מעגלעכקייטן, און ווייל שלום אַש האָט זיך אָוועקגעשטעלט דורך אַ ריי ווערק אין דעם אויבנאָן פון דער יידישער נאָך־

קלאַסיקער ליטעראַטור, דאַרפֿן מיר אים שטעלן גרויסע פֿאָדערונגען, גרויסע פֿאַרלאַנגען. נאָך אין יאָר 1907 האָט י. ל. פּרץ אין זיין אַרטיקל וועגן שלום אַש געשריבן: „אַשס אַרטיסטישער מאָגן איז שוין געגוג שטאַרק קריטיק צו פֿאַרדייען, עס וועט אים ניט פֿאַרשאַטן.״ פֿאַר די עטלעכע און דרייסיק יאָר האָט שלום אַש אַדורכגעמאַכט פֿאַרשיידנאַרטיקע אינטערעסאַנטע און מערק־ווירדיקע איבערוואַנדלונגען, מיט אייניקע ווערק האָט ער דערגרייכט צו קינסטלערישע הייכן. זיין חייטערדיק קלעטערן פֿירט אים אָבער אָפֿט אַוועק אין אַ זייט און ניט העכער און נעענטער צו די באַרג־שפּיצן פֿון דעם ייִדישן „אויב ניט נאָך העכער״...

מאַקסים גאָרקי האָט אַמאָל געזאָגט: „יעדער גייסטיק־געזונטער מענטש איז ווי אַ שטייף־צונויפֿגעוויקלטע מגילה, וואָס אין איר זיינען פֿאַרצייכנט די איינדרוקן פֿון די געשיכטלעכע געשעענישן פֿון זיין פֿאָלק, פֿון זיינע עלטערן. אין גליקלעכע פֿאַלן וויקלט זיך די מגילה פֿאַנאַנדער און זי באַרייכערט אונדז מיט אַזעלכע פֿריידיקע דערשיינונגען ווי שעווטשענקאָ, פּושקין, מיצקעוויטש, — מענטשן, וואָס פֿאַרקערפּערן אין זיך גאָר דעם גייסט פֿונעם פֿאָלק מיט זיין גאַנצער שיינקייט, קראַפֿט און פֿולקומענקייט.״ דאָס קאָן מען אין דער פֿולער מאָס אויך זאָגן וועגן אייניקע גרויסע ייִדישע קינסטלער־פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן פֿאַרקערפּערט מיט זיך גאָר דעם גייסט פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. לאָזט זיך עס אין פֿולער מאָס, אָן שום דערוווידערונג, זאָגן אויך וועגן שלום אַשן?

ניט איין מאָל האָט מען אין משך פֿון די לעצטע צענדליקער יאָרן געמיינט, אַז שלום אַש איז דער, וואָס ברענגט אַרויס דורך זיינע ווערק גאָר דיליידן און פֿריידן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק, אַז שלום אַש איז דער קינסטלער, וואָס זעצט פֿאָר ווייטער דאָס, וואָס די „אבות״ פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן אָנגעהויבן. ניט איין מאָל האָט זיך געדוכט, אַז שלום אַש וועט זיין דער, וואָס נעמט איבער די אוצרות, וואָס די קלאַסיקער האָבן איבערגעלאָזט, און ער וועט זיי פֿאַרמערן, באַרייכערן, פֿאַרפֿולקומענען.

דער באַקאַנטער רוסישער דיכטער ניק. אַסעיעוו שרייבט וועגן דעם היינטצייטיקן אוקראַיִנישן דיכטער פּאַוולאָ טיטשינאַ: „ס׳איז מיר וואַרעמער און רואיקער צו לעבן און ס׳איז מיר פֿריידיקער און כ׳בין גערנער צו אַרבעטן, ווען איך ווייס, אַז אין קיעוו לעבט און אַרבעט טיטשינאַ!״ און עס וואָלט זיך שטאַרק געוואָלט זאָגן דאָס נעמלעכע בנוגע צו שלום אַשן, אַז עס איז אונדז וואַרעמער און פֿריידיקער צו לעבן און עס אַרבעט זיך גערנער פֿון דעם געפֿיל, אַז שלום אַש איז דאָ אין דער שטאָט, אין דעם לאַנד. קאָנען מיר אָבער דאָס זאָגן, העלפֿט עס שלום אַש, אַז מיר זאָלן האָבן אַזאַ געפֿיל צו אים?

דאָס איז אַ וויכטיקע פֿראַגע, וואָס מיט איר איז פֿאַרבונדן דער מענטש

און קינסטלער אין שלום אַשן, און זיכער אויך — אונדזער יידיש־שאַפערישע וועלט.

אָפטמאָל טראַכט מען: צוליב שלום אַש דעם מענטש ליידט אָפט שלום אַש דער קינסטלער. עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק צו מאַכן דעם אויספיר, אַז דער קינסטלער שלום אַש ליידט בלויז פון דעם מענטש שלום אַש, פון זיינע אייגנשאַפטן, פון זיין כאַראַקטער. ווען ניט דאָס סטיכייאישע, דאָס אויפברויזנדיקע, וואָס אַש פאַרמאָגט, ווען ניט דער אימפעט, וואָלט שלום אַש ניט באַוויזן צו ברעכן די צוימען, וואָלט ער ניט באַוויזן איבערצוּוואַרפן זיך פון שטאָף צו שטאָף, וואָלט ער ניט איבעררּאַשט אונדז מיט דער שפע, מיט דער עשירות, מיט גאָר די פאַרשיידענע אומגעריכטע און ניט־געדאַכטע איבערוואַנדלונגען אין זיין שאַפן.

די גרונט־איינשאַפטן און עלעמענטן פון שלום אַש האָבן כסדר מיטגעהאָלפן דעם וואוקס פון זיין גרויסן שאַפערישן טאַלאַנט, אים געטריבן פון הויך צו הויך, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי ניט געגעבן אים די רואיקייט, די מעגלעכקייטן, ער זאָל קאָנען באַזאָכט אויסגעשטאַלטיקן און אויספאַרמירן אַ ווערק.

און דאָס זעלבע האָט זיך אָפּגערופן אויף שלום אַשס שפּראַך און סטיל. שלום אַשס יידיש האָט אַלע זיינע, אַשס, מעלות און חסרונות.. שלום אַש פאַרמאָגט אָפט אַ זאַפטיקן, אַ באַחנטן יידיש, זיין שפּראַך איז אָפט פאָלקסטימלעך־האַרציק, צאַרט. אָבער גלייכצייטיק איז זיין שפּראַך און סטיל צעשויבערט און צעפלאָסן. גאָגאָל האָט אַמאָל געזאָגט וועגן יאַזיקאָוון, אַז יענער באַהערשט די רוסישע שפּראַך ווי אַן אַראַבער — זיין פערד. יעדער גרויסער קינסטלער, יעדער אייגנאַרטיקער שרייבער איז און דאַרף זיין אין תוך אַ מייסטער, אַ שפּראַך־מייסטער. מיר פילן אָפט ווען מיר לייענען שלום אַשן, אַז נישט ער באַהערשט די שפּראַך, נאָר ער ווערט געטראָגן פון אַן אימפעט קעגן אייגענעם וויסן און ווילן. ער האָט קיין צייט און קיין מעגלעכקייט ניט זיך איינצוהערן צו איר אָטעם, צו איר ריטם. ער באַווייזט ניט אויסצוּוואַרעמען און אויסצוכאָוועז אַ זאַץ, אַן אויסדרוק.

אָבער די חסרונות פון שלום אַשן טאָרן בשום אופן ניט פאַרשטעלן פאַר אונדז זיינע גרויסע קינסטלערישע מעלות און פאַרקלענערן די ווערט פון זיינע וויכטיקע ווערק, מיט וועלכע ער האָט גוואַלדיק באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור. דער פערציק־יאָריקער שאַפונגס־וועג זיינער איז זייער אַן אינטערעסאַנטער און מערקווירדיקער, און זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור זיינען גאָר ניט צום אָפּשאַצן.

אין שלום אַשס שאַפן איז דאָ קפיצת־הדרך. ער מאַכט אָפט זיבן־מייליק־

שפּאַן. אַט װערט ער פאַרכאַפּט פון אײן שטיק לעבן, און באַלד — פון אַן אַנדערן, גאָר אַנדערן. צװישן אײן װערק און דעם צװײטן זײַנען אָפטמאָל בײַ אים גרױסע מרחקים. און אַלץ איז בײַ אים שטאָף פאַר שאַפן, — דאָס איז זײַן חסרון, און אױך — די מעלה. ער װערט ניט געזעטיקט אױף לאַנג מיט דער װעלט, װאָס ער שילדערט, און ער בענקט גלײַך און קוקט אַרױס אױף אַן אַנדערער. ער האָט נאָך ניט באַװיזן אַרױסצובאַפרײַען זיך פון דעם קרײַז מענטשן, פון דער סביבה, װאָס ער ברענגט אַרױס אין זײַנס אַ װערק, און שױן איז ער פאַרכאַפּט פון אַן אַנדער לעבן, פון אַנדערע מענטשן, מיט אַנדערע פּראָבלעמען און געראַנגלענישן. אַט פאַלט ער צו צו פאַלקס־קװאַלן, שעפּט פון דאָרט פולע עמערס, ער װערט אַלײן װי פאַרכלינעט פון זײער שפע, און באַלד װערט ער אַרײַנגעצױגן אין אַן אַנדער װעלט, אין אַלגעמײן־מענטשלעכע סיטואַציעס פון אַ פרעמדן לעבנס־שטײגער און סביבה.

װען שלום אַש איז געקומען אין 1900 אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָבן מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ אַזױ גוט װי געהאַלטן בײַם פאַרענדיקן און אָפּשליסן זײער שאַפונגס־װעג. די אַלע דרײַ שרײַבער האָבן מיט די װעלטן און פאַרשױנען, פּראָבלעמען און קאָנפליקטן, װאָס זײ האָבן אַרױס־געבראַכט אין זײערע װערק, באַלאַנגט בעיקר צום נײַנצנטן יאָרהונדערט און צו דער ייִדישער װעלט, װאָס האָט זיך געשטאַלטיקט און אױספאָרמירט אינעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. שלום אַש, װי דער דור שרײַבער, װאָס איז גע־קומען אָנהײב 20טן יאָרהונדערט, איז געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, װען טיר און טױער אינעם ייִדישן לעבן זײַנען שױן געװען אױפגעפּראַלט צו דער װעלט. דער בית־המדרש, דער רב, דער למדן, דער „שײנער ייִד" האָבן שױן ניט געשפּילט, װי אַמאָל, די דאָמינירנדיקע ראָלע אין דעם ייִדישן לעבן. מענטש און ייִד, אַמאָל און איצט, שטעטל און שטאָט, אונדזער װעלט און זײער װעלט זײַנען ניט געװען אַזױ שאַרף אָפּגעטײלט װי פריער. און דערצו האָט שלום אַש, װאָס אַ טײל פון זײַן משפּחה — און אײן צײַט אױך זײַנע עלטערן — האָט אַריבערגעװאַנדערט קײן אַמעריקע, שלום אַש האָט שױן אױפגענומען װי אײגנס און הײמישס דאָס ייִדישע לעבן פון יענער זײַט ים, דאָס ייִדישע לעבן, װאָס איז גאָר אַנדערש פונעם אַמאָליקן אײַנגעשטעלטן ייִדישלעכן נוסח. שלום אַש האָט נאָך אין זײַנע יונגע יאָרן אָנגעהױבן באַזוכן אַנדערע שטעט און לענדער. ער האָט פאַרבראַכט אין ניט־ייִדישע קרײַזן און דעריבער גע־נומען אַרױסברענגען פאַרשױנען און שיכטן לחלוטין נײַע, אַנדערע, װאָס זײַנען אַפריער װײניק געשילדערט געװען אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

דער ערשטער אַרױספאָר פון שלום אַש אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז געװען אַ באַשײדענער. אַש איז אַלט געװען קױם צװאַנציק יאָר, װען ער

האָט אינעם וואָכנבלאַט „דער יוד" פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע סענטימענטאַלע סקיצע „משהלע". די קורצע דערציילונג הויבט זיך אָן אָט ווי אַזוי: „די רויטע, שיינע הימלען פלעגן ביי זייער אונטערגיין שטענדיק מאַכן משהלען פאַרקלערט." און דערציילט האָט זיך דאָרט וועגן „אַ שיין יינגל מיט רויטע בעקלעך, שוואַרצע הערלעך, רויטע ליפּעלעך, בלישטשענדע שוואַרצע אויגע־לעך". גלייך נאָך אָט דער ערשטער סקיצע האָט זיך אָנגעהויבן ביים יונגן שלום אַש אַ פּראָדוקטיווע ליטעראַרישע טעטיקייט. לכתחילה גיט ער מאָמענ־טאַלע איינדרוקן און קורצע שילדערונגען, וואָס דערציילן בעיקר וועגן נויט, פאַרצווייפלונג, דערשלאָגנקייט.

זיין ערשט ביכל (דערשינען אין 1902) רופט שלום אַש אָן מיט אַזאַ טרויעריקן נאָמען, „אין אַ שלעכטער צייט". דער יונגער דאַן יידישער קריטיקער בעל־מחשבות שרייבט וועגן שלום אַש: „אין אַ שלעכטער צייט איז דאָס ביכל געשריבן געוואָרן, אין פּיין און עגמת־נפשן, ווען עס ווילט זיך עפּטער וויינען ווי לאַכן, ווען דאָס קאָפּעלע נחת ווערט פאַרטרונקען אין אַ תהום פון אומעטיקייט און האַרצקלעמעניש . . . איטלעכע מעשה, איטלעך בילד לאָזן איבער אַ טרויעריקייט אין לעזערס האַרץ. נאָר קברים פאַרבינדן דעם יידן מיט דער ערד, מיט וועלכער ער איז ניט צוזאַמענגעוואַקסן." און בעל־מחשבות כאַראַקטעריזירט אַזוי שלום אַשן: „שלום אַש קוקט אויף גאָטס וועלטל מיט די אויגן פון אַ יידיש יתומל: אַמאָל זעט ער אין גאָטס וועלטל די פאַרלוירענע מאַמע, — אַמאָל זיך אַליין, זיין אייגענע קינדערשע נשמה."

אַזוי האָט דאַן אויסגעזען שלום אַש, אַזוי האָט מען אויפגענומען זיין שאַפן. און ס'איז געווען ריכטיק. דאָס איז טאַקע געווען דאָס וועלטל פון שלום אַש ביי זיין קומען אין דער יידישער ליטעראַטור.

שלום אַש האָט אַדורכגעמאַכט אין זיין ווייטערדיקן שאַפן פאַרשיידענע פּראָצעסן. עס וואַקסט און עס געשטאַלטיקט זיך לכתחילה זיין קינסטלערישער טאַלאַנט פּאַמעלעך, בהדרגה, אָבער שפּעטער — קומט פאָר דער ענדערונגס־פּראָצעס ביי אַשן האַסטיקער און אימפּעטיקער. שלום אַש קומט צו זיין קינסטלערישער גבורה ערשט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער.

שלום אַש איז אַריינגעפאַלן אין דער דעמאָלסטיקער וואַרשעווער ליטע־ראַרישער סביבה אַ יונגער, אַ ניט־דייפער, אָבער זייער אָן עמפּינדלעכער. ער טרעפט דאָרט פּרצן, וואָס האַלט אין ברענען, אין לויכטן, אין ציגדן נשמות, און פון דער צווייטער זייט — באַפריינדט ער זיך מיט ה. ד. נאָמבערג און אברהם רייזען, וואָס לעבן אין אַן אַנדער וועלט און זיי ברענגען אַרויס גרויע, טרויעריקע מאָטיוון אין זייער שאַפן. פון איין זייט — יום־טובדיקייט, נשמה־יתירה־שטימונגען, קלעטערן אויף הויכן און נידערן אין טיפענישן פון פאָלקס־

שאַפן, — און פון דער אַנדערער זייט — וואַכעדיקער רעאַליזם, דאגות־פּרנסה, בחורשע איינזאַמקייט. אַט דעם געמיש טרעפן מיר אין די ערשטע שאַפונגען פון שלום אַשן.

אָבער זייער שנעל רייסט זיך שלום אַש אַרויס אויף אַן אייגענעם שאַפערישן וועג. ער ברענגט אינגיכן קרעפטיקע בילדער פון קוילער־געסל, ער שילדערט געזונטע, פּולבלוטיקע, פּאַרהאַרטעוועטע יונגען, וואָס ער שטעלט אַנטקעגן די אויסגעוויקטע, אויסגעצערטע בית־המדרש יידן. ער ברענגט אַרויס יידן, וואָס האָבן אין זיך, ווי אַש זאָגט אַליין, „מער פעלד־געשמאַק ווי בית־המדרש און מקוה".

און אָט קומט ער מיט זיין „דאָס שטעטל", 1904 — דאָס ווערק, וואָס האָט שלום אַשן שטאַרק באַרימט געמאַכט אין דער יידישער וועלט. ס'איז אַ נייע אויפפאַסונג פונעם שטעטלדיקן לעבן, אַנדערש ווי עס איז אויפגעפאַסט ביי די אַלע פריערדיקע יידישע שרייבער. דאָס שטעטל איז פאַרהילט אין ראָמאַנטישע שלייערן, עס זיינען פאַרגלעט די קנייטשן, עס איז פאַרטריבן די פאַרזאָרגטקייט, ס'איז פאַרבאַהאַלטן די נויט. שלום אַש קוקט אויף דעם שטעטל ווי אַ פאַרבענקטער, ווי אַ פאַרליבטער. עס איז מער פּאָעמע ווי רעאַליסטישע שילדערונג. באַגלייך מיט פּראַכטפולע רירנדיקע בילדער, האָבן מיר דאָרט אויך סענטימענטאַלע און דעקאָראַטיווע שילדערונגען.

שלום אַש פאַרבלייבט ניט לאַנג אונטער די שטילע פאַרבענקטע שטעטל־דיקע הימלען. עס טרייבט אים זיין אינעווייניקסטער אומרו, וואָס לעבט און יורט אין אים כסדר. דאָס איז די מזל־ברכה אין שלום אַשס כאַראַקטער, דער שטענדיקער באַגלייטער זיינער אויף זיין לעבנס־וועג, דער אומרו, וואָס ברענגט אים צו נייע סביבות, צענטערן, געגענטן און לענדער. דער אומרו, וואָס רופט אַרויס אין אים קאָנפליקטן, צווייפשטויסן — אויסערלעכע און אינעווייניקסטע.

שלום אַשס ווערק, צוליב זייער נייקייט, צוליב די מאָטיוון, וואָס זיי האָבן געבראַכט, צוליב די נייע סביבות, וואָס ער האָט געשילדערט, האָבן געהאָלפן אַרויסצופירן די יידישע ליטעראַטור אויף ברייטערע וועגן.

עס איז גענוג אויסצורעכענען די וויכטיקסטע ווערק, וואָס שלום אַש האָט געשאַפן, כדי צו האָבן כאָטש אַן אַלגעמיינעם באַגריף וועגן דעם לעבנס־ און שאַפונגס־וועג פון שלום אַשן. אָט זיינען די נעמען פון די ווערק לויט די יאָרן, וואָס זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן:

„אין אַ שלעכטער צייט" (1902), „אַ שטעטל" (1904), די דראַמע „צוריק־געקומען" אָדער „מיטן שטראָם" (1904), „משיחס צייטן" (1906), „גאָט פון נקמה" (1907), „שבתי צבי" (1908), „מאָמענטן", „יחוס" (1909), „אַמעריקע" (1910), „מערי" (1911), „ארץ ישראל" (1912), „דער וועג צו זיך", „ר' שלמה

נגיד״ (1913), „חורבן פוילן״, „שנירל פּערל״ (1915), „מאָטקע גנב״ (1917), „אַנקל מאָזעס״ (1918), „קידוש השם״, „כּישופמאַכערין״ (1920), „מאַראַנען״ (1922), „די מוטער״ (1923), „טויט־אורטייל״ (1924), „שפּאַניען״ (1925), „חיים לעדערערס צוריקקומען״ (1927), „ארץ־ישראל רייזע״ (1927), „רעזור־רענד דר. זילבער״ (1927); דערנאָך קומט די טרילאָגיע „פאַרן מבול״ — „פּעטערבורג״ (1927), „וואַרשע״ (1930), „מאָסקווע״ (1932), „גאָטס גע־פאַנגענע״ (1933), „תהילים־ייד״ (1934), „ביים אָפּגרונט״ (1937), „דער געזאַנג פון טאָל״ (1938), און דאָס לעצטע ווערק, „דער מאַן פון נצרת״ און חוץ די אַלע אויסגערעכנטע ווערק — אויך הונדערטער נאָוועלן, דערציילונגען און דראַמאַטישע ווערק, ווי אויך אַרטיקלען וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין לויף פון די פערציק יאָר. און אינצווישן — די ביבלישע דראַמאַטישע ווערק „יפתחס טאָכטער״, „אמנון און תמר״, און די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע דראַ־מעס: „בונט פון די שוואַכע״, „אונדזער גלויבן״, „דער טויטער מענטש״, „די יורשים״ און נאָך און נאָך.

דער אַלגעמיינער קינסטלערישער גאַנג פון שלום אַש איז געווען פון דער נאָוועלע דורך דער דראַמע צו דעם גרויסן ראָמאַן. דאָס זיינען די אויסערלעכע הויפּט־פאָרמען פון שלום אַשס שאַפן. נאָוועלע, דראַמע און ראָמאַן — דאָס איז אויך דער אינעווייניקסטער שאַפונגס־פּראָצעס פון שלום אַשן. פון קורצע שילדערונגען, פון פּסיכאָלאָגיזירנדיקע עטיודן איז שלום אַש אַוועק צו משפּחה־ און סאָציאַלע דראַמעס, צו אינדיווידועלע קאָנפליקטן און דערנאָך זיך אַוועק־געלאָזט שווימען אויף די ברייטע וואַסערן פון פאַרשיידנאַרטיקע גרויסע ראָמאַנען.

עס איז ניטאָ נאָך אַ יידישער שרייבער, וואָס זאָל לויט זיין טעמאַטיק זיין אַזוי פאַרשיידנאַרטיק, לויט זיינע שאַפונגס־פאָרמען — אַזוי אַנדערשדיק, און לויט דעם כמות — אַזוי רייך. אָט איז ער דער שילדערער פונעם פּאַטרי־אַרכאַלישן יידישן שטעטל, און אָט ברענגט ער אַרויס דעם יידישן אינ־טעליגענט, וואָס גייט אַוועק און קומט צוריק. אָט מאָלט ער דורות, דעם צעפאַל פון דער יידישער פאַמיליע, און גלייך קומט ער מיט אידייען־פּראָבלעמען, וואָס ער פאַרקערפּערט דורך געשטאַלטן. אָט לאָזט ער זיך אין ווייטע געשיכטלעכע תקופות, און באַלד לאָזט ער זיך מיט אַ יידיש קינד קיין אַמעריקע. אָט פאַרמעסט ער זיך אַרויסצוברענגען די מאָדערנע יידישע פרוי מיט אירע זוכענישן, איבערוואַנדלונגען און קאָנפליקטן, און אַזוי ווייטער און ווייטער קומט ער יעדעס מאָל אַ נייער, מיט נייע לעבנס, מיט נייע סביבות.

און עס טרעפט ביי שלום אַשן, אַז ער קערט זיך אום מיט יאָרן שפּעטער צו דעם זעלבן שטאָף, צו דער זעלבער טעמע, וואָס ער האָט שוין אַמאָל פאַר־

ברויכט אין זיינע ווערק, נאָר פון אַן אַנדער זייט און שוין מיט אַ נייעם צוגאַנג. ווייל במשך פון יאָרן האָט זיך דאָס יידישע לעבן ראַדיקאַל געענדערט און עס זיינען אויפגעקומען נייע מענטשן ביי גאָר נייע סיטואַציעס. ר׳ שלמה נגיד, וואָס שלום אַש האָט אַזוי ברייט און קרעפטיק אַרויסגעבראַכט אין 1913 אין דער שטעטלדיקער סביבה, איז מיט יאָרן שפּעטער, ביי דער נייער אַרומ־רינגלונג, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנקל מאָזעס. מיר קאָנען אָבער גע־פינען געמיינזאַמע שטריכן און אויך ענלעכע קינסטלערישע אייגנשאַפטן. וואַרשע, למשל, איז געגעבן ביי שלום אַשן אין פיל נאָוועלן און דערציילונגען (אויך אין „מאָטקע גנב״), אָבער ברייט און טיף איז די שטאָט געשילדערט אינעם באַנד „וואַרשע״ פון דער טרילאָגיע „פאַרן מבול״. און עס איז דאָ דאָס געפיל ביי אונדז, אַז שלום אַש ווערט קיינמאָל ניט פאַרטיק מיט אַ טעמע, מיטן מאַטעריאַל, און עס בלייבט נאָך ביי אים געגוג שטאָף צו קאָנען ווידער־אַמאָל אויפבויען נייע בנינים פונעם זעלבן שטאָף. האַלט דעריבער שלום אַש אין איין וואַנדערן אין זיינע ווערק פון דער „אַלטער״ היים צו דער נייער. אין ליכט פון די נייע פּראָצעסן אין דער יידישער וועלט קומען־אויף יעדעס מאָל אויפסניי פאַרן קינסטלער די יידישע קיבוצים, די יידישע סביבות. פּוילן, אַמעריקע, ארץ־ישראל — אין משך פון די פערציק יאָר זיינען זיי אויף אַנדערע אופנים אויפגענומען, געגעבן און געשילדערט אין שלום אַשס ווערק.

און מיט דער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די אַלע ווערק, וואָס שלום אַש האָט געשריבן אין די אַלע יאָרן, קאָן מען דאָך געפינען אין מיין, איין גרונט־צוגאַנג, איין אַלגעמיינע שטרעבונג.

אין אַ בריוול צו מיר, אין שייכות מיט די פייערונגען פון דוד בערגעלסאָנס 20־יאָריקן שאַפן, האָט שלום אַש געבעטן איבערגעבן זיין וואונטש בערגעל־סאָנען, אַז „ער זאָל זיין גרויסן מערקווירדיקן טאַלאַנט באַנוצן איינצופלאַנצן מענטשנליבע און מענטשלעכקייט צווישן זיינע לעזער״.

אינעם יסוד פון אַשס שאַפונגען איז דאָ אָט־די „מענטשנליבע און מענטש־לעכקייט״, וואָס ער וויל וועקן דורך זיינע ווערק. שלום אַש איז דער הומאַני־טאַרער קינסטלער, וואָס ברענגט אַרויס מענטשלעכע אידעאַלן, לויט ווי ער נעמט זיי אויף. זיינע הויפּט־טיפּן מאַטערן זיך שטענדיק, גייען פון אידעאַל צו אידעאַל, זיי האָבן אויסצושטיין פיל שטערונגען אויף זייערע וועגן. אָבער ניט אַלעמאָל איז שלום אַש בכוח אַרויסצופירן זיי אויפן ריכטיקן וועג.

פאַראַן צייטן, ווען שלום אַש זעט מער און עס האָבן אים מער פאַרנומען סאָציאַלע עוולות. ער האָט זיך דעריבער אין זיינע ווערק מער אָפּגעשטעלט אויפן סאָציאַלן אומרעכט, וואָס טרייבט אָפּט מענטשן צום אָפּגרונט. אָפּט איז שלום אַש אַדורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, און דאָס פירט אים צו

אַפּאַלאָגעטיק און ממילא — צו פאַרזען דאָס האַרבע אוןווירקלעכע אין לעבן.

פאַראַן קינסטלער, וואָס אַלע זייערע יאָרן „פּיקן" זיי מיט זייערע ווערק ווי אין איין פּונקט. זיי לעבן און לעבן זיך אויס אין זייער וועלט, אין דעם קרייז אידייען און פּראָבלעמען, וואָס גייט כּסדר אין איין הויפּט־ריכטונג. זייערע ווערק זײַנען אין תּוך שטאַפּלען, אויף וועלכע זיי דערהויבן זיך צו דעם געוואונטשטן ציל. שלום אַש גייט האַסטיק און אימפּעטדיק אַ זיגזאַגן־וועג.

מיר קאָנען קיינמאָל ניט וויסן, וואוהין עס פירט שלום אַשס שעפערישער וועג. שלום אַש לאָדט קיינמאָל ניט אָן זיין שיף זאָרגזאַם און פּאַמעלעך אַזוי, אַז ער זאָל גאָרניט איבערלאָזן. און אַזוי אויך קומט פאַר דער אויסלאָד־פּראָצעס ביי אַשן — האַסטיק און ראַשיק. ער איז פאַראַנקערט מיט זיין פול־אָנגעלאָדענער שיף צום ברעג ניט לאַנג. עס איז ביי אים שטענדיק דאָ דער דראַנג וואָס גיכער צו באַפרייען זיך פון דער משא, כּדי ווידער זיך אָוועקצולאָזן אויף די שטראָמיקע כוואַליעס פון לעבן און וויזיע, אַמאָל — מער לעבן און אַמאָל מער וויזיע.

און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ נייער אָנלאָד־פּראָצעס עס קומט פאַר איצט ביי שלום אַשן.

שלום אַשס לעבנס־ און שאַפונגס־וועג איז זייער אינטערעסאַנט, און ווען מען פּרואווט אַרומנעמען זיין שאַפן, ווען מען פּרואווט אויפנעמען זיינע אַלע ווערק מיט זייערע אַלע מעלות און חסרונות, — זעט מען ערשט, אַז מען האָט נאָך ווייניק אויפמערקזאַמקייט אים געשענקט אין דער יידישער קריטיק און נאָך פיל ווייניקער אָביעקטיוו און אַלזייטיק אים אָפּגעשאַצט.

.1940

ווירקונגען און איינפלוסן אויף שלום אַש

שלום אַש איז נישט נאָר איינער פון די באַדייטנדיקסטע יידישע שרייבער, ער איז נישט נאָר דער פּאָפּולערסטער יידישער שרייבער ביי יידן און נישט־יידן, שלום אַש איז אויך דער פאַרשיידנאַרטיקסטער און אַנדערשדיקסטער יידישער קינסטלער: פאַר די 44 יאָר, וואָס ער האָט אין פאַרעפנטלעכן ווערק, האָט ער פאַרברויכט אין זיין שאַפן די פאַרשיידנאַרטיקסטע טעמעס. פון זיין ערשטער סקיצע „משהלע" (1900) אָדער פון זיין „שטעטל" (1903) ביז זיין „מאַן פון נצרת" און „אַפּאָסטאָל" — איז פאַל מיך אַ גאַנג. פון דער קליינער סקיצע איז ער אַריבער צו דער דראַמע און געקומען צום ראָמאַן. סענטימענטאַלע דערציילונגען און דראַמעס, רעאַליסטישע, מיסטישע, היסטאָרישע,

סימבאָלישע, פאַנטאַסטישע, ראָמאַנטישע האָבן זיך אָן אויפהער געביטן ביי אים אין די אַלע יאָרן פון זיין אומגעהויערער פּראָדוקטיווקייט.

קיין איין יידישער שרייבער האָט אויך נישט אַזוי פיל ווירקונגען און איינפלוסן פון פאַרשיידענע ליטעראַטורן און קינסטלער ווי שלום אַש, און ביי קיין יידישן שרייבער געפינען מיר נישט באַגלייך מיט יידישע, אַזוי פיל אוניווערסאַלע מאָטיוון. איך מיין, אַז פיל נישט־יידישע לייענער (פריער אין דייטש און איצט אין ענגליש) פון שלום אַשס ווערק זיינען אָפט גאָר ניט חושד, ווען זיי לייענען זיינס אַ בוך אין זייער שפּראַך, אַז זייער אויטאָר איז אַ ייד.

אין אונדזער איצטיקער אָפּהאַנדלונג ווילן מיר באַרירן און באַהאַנדלען בלויז דאָס פּראָבלעם — ווירקונגען און איינפלוסן אויף שלום אַשן, און ממילא האָט עס אַ נאָענטע שייכות צו אַ צווייטע פּראָבלעם — יידישע און נישט־יידישע מאָטיוון ביי שלום אַש. מיר באַטאָנען דאָס וואָרט באַרירן, ווייל דאָס איז אַ טעמע פאַר אַ מער־אויספירלעכער אָפּהאַנדלונג, אָדער אַפילו פאַר אַ גאַנץ ווערק. וועלן מיר איצט ברענגען מאַטעריאַלן און אָנוואָרפן שטריכן צו אָט־דעם טייל פון שלום אַשס קאָמפּליצירטער קינסטלערישער געשטאַלט.

שלום אַש איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אויפן שוועל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זיין ערשטע סקיצע איז געווען געדרוקט אין „יוד", פונעם 29טן נאָוועמבער, 1900. דאָס נייַנצנטע יאָרהונדערט איז שוין געווען אַזוי גוט ווי אָפּגעשלאָסן, און מיט דעם 19טן יאָרהונדערט האָבן זיך אויך ווי אויסקגערוקט פיל יסודות און עלעמענטן פון דעם מאַטעריעלן און גייסטיקן יידישן לעבן, וואָס זיינען געווען עיקרים פונעם פריערדיקן יידישן לעבנס־שטייגער און וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט דעם אַמאָליקן מהות פונעם יידישן פאָלק.

די עלטערע יידישע ליטעראַטור, — אָנגעהייבן פון ש. עטינגער, י. אַקסנפעלד, יצחק יואל לינעצקי, אברהם גאָלדפאַדן און אַ ריי אַנדערע, און געענדיקט ביי מענדעלע מוכר־ספרים, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, יעקב דינעזאָן, מרדכי ספּעקטאָר און נאָך און נאָך, — די עלטערע יידישע ליטעראַטור האָט געהאַט צו טאָן בעיקר מיטן עקאָנאָמישן, ווירטשאַפטלעכן, סאָציאַלן און גייסטיקן לעבן ווי אויך מיט מענטשן, געראַנגלענישן, פּראָצעסן פונעם 19טן יאָרהונדערט.

שלום אַש, דער קינסטלער, דער שרייבער, איז שוין אַריינגעוואַקסן אינעם 20טן יאָרהונדערט, און ממילא שיידט ער זיך שטאַרק אָפּ פון די גרונט־לייגער פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. אין דער צייט, וואָס די עלטערע יידישע שרייבער האָבן כמעט זייער גאַנץ לעבן (יעדער איינער אויף זיין באַזונדערן שטייגער!) געשטעקט אין דער געדיכטעניש פון קאָנאַניזירטע

באַגריפֿן, טראַדיציעס, מנהגים און פֿאַרשטעלונגען, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן אין זיין מאַטעריעל און גייסטיק אָפּגעשלאָסן לעבן, איז שוין שלום אַש געווען מער אַ „פֿרייער פֿויגל״, ער איז שוין נישט געווען אַזוי „געפּענטעט״ מיט די יידישלעכע לעבנס־פֿאָרמען און איינשטעלונגען. ער איז שוין נישט געווען אַרומגעצוימט, ווי די פֿריערדיקע יידישע שרייבער, מיט צוימען און גרענעצן פֿון דער נישט־יידישער וועלט.

און עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס די עלטערע יידישע (ווי די העבּ־רייאישע) שרייבער האָבן זיך געפּלאָגט, געראַנגלט מיט דעם פּראָבלעם פֿון די צוויי וועלטן — די יידישע און נישט־יידישע. ייד און מענטש, יידישקייט און מענטשלעכקייט (ריכטיקער—מענטשישקייט) זיינען געווען פֿאַר זיי צוויי פּאַליוסן, וואָס זיינען גאָר נישט צום דערנעענטערן. איינס האָט אויסגעשלאָסן דאָס צווייטע.

פֿאַר די צוויי ישיבה־בחורים חיים און זעליק פֿון פּרצעס פּרעכטיקער סקיצע „ווענוס און שולמית״, וואָס זיינען געזעסן אין קלויז הינטערן איוון (די מעשה איז פֿון די ערשטע פּרצישע שאַפֿונגען, פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1889), זיינען ווענוס און שולמית (די גריכישע און יידישע שיינהייטן) צוויי באַזונדערע, וויטע, פֿיינטלעכע וועלטן, וואָס צווישן זיי איז דאָ — ווי דער ישיבה־בחור זאָגט — אַ „להבדיל אלף אלפי אלפים הבדלות״...

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, וואָס האָט אַליין און דורך זיינע ווערק גע־האַלטן אין איין רייסן זיך פֿון דער יידישער וועלט אין דער נישט־יידישער, ער האָט אַמאָל אַנדערש גאָרנישט באַגריפֿן ווי אַז ס׳זיינען צוויי גאַנץ־באַזונדערע מחנות. איינס אַ בוך זיינס הייסט טאַקע „מחנים״ (צוויי מחנות, צוויי לאַגערן). און דאָרט רייסט מ. י. בערדיטשעווסקי, דורך זיין העלד, שטיקער פֿון זיך: „ער וועט איבעררהאַקן מיט איין מאָל אַלע שטריק און וועט ווערן אינגאַנצן פֿריי. ער וועט פֿאַרלאָזן דעם לעצטן דור, צו וועלכן ער האָט נאָך אַ שייכות, און וועט ווערן אַ נייער מענטש, אַ זון פֿון אַן ערשטן דור.״ אַ צווייטער העלד (פֿון זיין דערציילונג „הזר״—דער פֿרעמדער) באַשליסט חתונה צו האָבן מיט אַ קריסטין, „אַוועק מיט איר אין אַ וויטן לאַנד, צו זיינע עלטערן און פֿריינט וועט ער מער נישט שרייבן, ער וועט אויפֿהערן צו לייענען יידיש, אויפֿהערן צו אינטערעסירן זיך מיט דעם וואָס עס טוט זיך ביי יידן, און אָן עלטערן־ירושה און אָן עלטערן־ליידן וועט ער מיט איר לעבן אין פֿרייד און אין פֿאַרגעניגן פֿון אַ פֿריי לעבן...״

דר. חיים זשיטלאָווסקי, אין זיינע צוויי אינטערעסאַנטע פֿאַרלעזונגען וועגן ייד און מענטש, באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם „ייד״ און „מענטש״ גאַנץ אויס־פֿירלעך און ער שרייבט דאָרט: „איך מוז מודה זיין, אַז אין מיין גאַנץ גריבער

יוגנט, ווען איך בין מיטן גאַנצן האַרצן צוגעשטאַנען צו דעם ראַדיקאַלן לאַגער, האָב איך אויך, ווי אַלע, געגלויבט, אַז צווישן „ייד" און „מענטש" ליגט אַ טיפער, מיט קיין בריק ניט צו פאַרבויענדער תהום; אַז מען מוז אויסקלייבן „אַהין אָדער אַהער" און אַז דער „ייד" דאַרף געבראַכט ווערן פאַר אַ קרבן צו דעם מענטשן..." און ווייטער זאָגט דר. ח. זשיטלאָווסקי: „אָפּצושאַפן דעם תהום פון „ייד" און „מענטש" איז באמת געווען ניט אַזוי לייכט, ווייל ער איז געלעגן ניט נאָר אין דער לאָגיק, אין דעם טעאָרעטישן דענקען, נאָר אויך גופא אין דעם לעבן און אין דעם געפיל..."

אין דער העברייאישער ליטעראַטור איז אָנגעגאַנגען אַ לענגערע צייט אַ שאַרפער ויכוח וועגן „יהדות" און „אנושית" (ידישקייט און „מענטשישקייט"). דער דאָגמאַטיקער, דער פאַררינגלטער אין ידישקייט־צוימען אחד־העם האָט טאַקע אויסגעטיילט און אָפּגעטיילט באַזונדערע גרענעצן פאַר די צוויי לחלוטין־פרעמדע פאַר אים וועלטן. אין זיין זשורנאַל „השלח" (אָנגעהויבן צו דער־שיינען אין 1896) האָט ער נישט געוואָלט אַריינלאָזן אַרטיקלען און בעלע־טריסטיק וואָס האָבן צו טאָן מיט „אוניווערסאַלע", נישט־יידישע פּראָבלעמען און מאָטיוון. און ס'איז באַקאַנט די הייסע דיסקוסיע, וואָס ס'האָט זיך געפירט מיט אים און דעם דערמאָנטן מ. י. בערדיטשעווסקי און מיט פיל אַנדערע. אחד־העם האָט געוואָלט אַלץ מער אַרומצוימען די יידישע וועלט, און בער־דיטשעווסקי, פאַרקערט, האָט פאַרלאַנגט פאַנאַנדערצעוואַרפן די מחיצות. אגב, דר. יוסף קלויזנער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעל בוך מיטן נאָמען „יהדות ואנושית", וואָס באַהאַנדלט אָט דאָס פּראָבלעם.

אויך די קינסטלערישע יידישע ליטעראַטור האָט אויף פאַרשיידענע אופנים אויפגענומען און געפּרוּווט קינסטלעריש צו באַהאַנדלען און לייזן דעם אויסטווייניקסטן און אינעווייניקסטן געראַנגל פון די צוויי וועלטן. י. ל. פרץ האָט אין פאַרשיידענע אַרטיקלען אויף זיין בליצאַרטיקן שטייגער גע־פּרוּווט אָנוואַרפן צייכנס פאַר דעם יידישן שאַפן און דעפינירן דעם מהות פון דער אייגנאַרטיקער יידישער ליטעראַטור.

אין אַ רעדע „וועגן דער יידישער ליטעראַטור" (געהאַלטן אין 1910) האָט פרץ באַטאָנט: „ווייל די יידישע ליטעראַטור זיין יידיש — מוז זי עס זיין נישט נאָר אין דער שפּראַך, אין דער אויסערלעכער פאָרם פון וואָרט, זי מוז ווערן יידיש אין תוך, אין דער נשמה, אין פּראָבלעם. זי מוז אויפהערן נאָכ־צומאַכן אייראָפּע... זאָלן מיר בלייבן אייראָפּייאישע נאָכמאַכער, באַשאַפער פון פּאַרווײלונגס־ביכער, דאַמען־פּאַרוויילער, — דינען מיר דער זעלבער אַסימי־לאַציע, קענען ווערלכער מיר שטרייטן!" דאָס נעמלעכע טענהט פרץ אין זיין באַרימטן אַרטיקל: „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור?" (1910): „נישט נאָר

אויף יידיש, יידיש מוז געשאַפן ווערן.״ און וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור? „צו אַלעם ערשטן — טראַדיציע.״ און פּרץ זאָגט: „די יונגע לייט האָבן טאַלאַנט, עס פעלט זיי אָבער די מאָס פון אייגענער און פרעמדער קראַפט... און לייכטזיניק זיינען קינדער און שפּילן זיך מיט פייער... און ביים פרעמדן פייער ווערן נשמות פאַרברענט...״ און פּרץ וואָרנט: „מיט אַ פרעמדער נשמה קאָן מען נישט לעבן. פון אַ פרעמדן ווילן קאָן מען ווערן באַאיינפלוסט, זאָגאַר סוגעסטיאירט, — לעבן מיט אַ פרעמדן ווילן קאָן מען נישט.״

אַזוי איז געווען ביי די עלטערע שרייבער.

ביי שלום אַשן האָט שוין דאָס פּראָבלעם יידישקייט און נישט־יידישקייט אָנגעוואוירן זיין שאַרפקייט. די נישט־יידישע וועלט האָט זיך פאַר אים אַנט־פּלעקט גאַרנישט אַזאַ ווייטע, מוראדיקע, שרעקעוודיקע.

שלום אַש איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור, ווען דאָס יידישע לעבן איז שוין מער נישט געווען אַזוי אָפּגעשלאָסן און אָפּגעגרענעצט פון דער אויסערלעכער וועלט. נישט נאָר קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע (מענדעלעס), נאָר אויך קאַסרילעווקע, מאַזעפּעווקע (שלום־עליכמס) זיינען שוין געווען נישט קיין שילדערונגען פון דער יידישער ווירקלעכקייט, נאָר מצבות אויף אַ יידיש לעבן, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. גרויסע טיילן פון דער יידישער מאַסע האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַפרייען פון די מיטלאַלטערלעכע לעבנס־פאָרמען, איבערגעריסן מיט דער „אַלטער היים״ און זיך געלאָזט אין נייע לענדער. די סאָציאַלע און די גייסטיקע לעבנס־באַדינגונגען האָבן ראַש זיך גענומען ענדערן. דאָס האָט געמוזט באַווירקן דאָס שאַפן פון דעם דור נייע שרייבער, וואָס איז אַריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אָנהויב 20טן יאָרהונדערט. און באַזונדערס האָט זיך עס געלאָזט פילן אויף שלום אַשן, וואָס גלייך פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט מאַכט ער אַ שנעלן „קפיצת־הדרך״. אַ יונגערמאַן, וואָס ערשט איז ער געקומען פון יידיש־פּוילישן שטעטל קוטנע מיט רויע, אָפּט־אומבאַהאָלפענע שטייגער־ און שטימונגס־בילדער, אַ יונגערמאַן פון קוים 26 יאָר, און שוין ווערן זיינע דראַמאַטישע שאַפונגען („משיחס צייטן״ און „גאָט פון נקמה״) געשפּילט אויף די גרעסטע איראָפּייאישע סצענעס פון פּעטערבורג, בערלין, ווין, מאָסקווע, וואַרשע, קיעוו א. אַז. וו., און זיינע דערציילונגען ווערן געדרוקט אין אָנגעזעענע רוסישע און דייטשישע צייטשריפטן און זאַמלביכער.

אַנדרעי ביעלי, דער באַוואוסטער רוסישער שריפטשטעלער־דענקער, דער־ציילט אין זיינע זכרונות („ליט. בלעטער״, 1928, ז״ז 146־148) אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן זיינע באַגעגענישן מיט דעם יונגן שלום אַש אין יאָר 1907, אין מינכען. שלום אַש האָט דאַן געלעבט אַרום דער פּוילישער גרופּע קינסטלער

און זיך געטראָפן אָפּט אויך מיט דעם רוסישן קרײז שרײבער. „ער איז געװען — שרײבט א. ביעלי — אינגאַנצן כמעט נאָך אַ ײנגל.“ אָבער אָט דער „ײנגל“ האָט שוין אָנגעשפּאַרט מיט זײנע װערק אין דער ברײטער װעלט.

און אינטערעסאַנט: אָט דער רום פון דעם יונגן דאַן שלום אַש, װאָס האָט מיטאַמאָל זיך אַדורכגעריסן פון דעם ײדישן װעלטל אין דער ברײטער װעלט אַרײן, האָט צוזאַמען מיט דער גרױסער צופרידנקײט, װאָס אַ ײדישער שרײבער איז אַזױ אָנערקענט בײ „זײ“, אױך אַרױסגערופן אַן אומרואיקײט פאַר שלום אַש גופא: צי װעט נישט אָט דער אומגעריכטער דערפאָלג װירקן שלעכט אויף אים און אויף זײן װײטערדיקן שאַפן. און דער גרױסער פּרץ איז עס געװען דער, װאָס האָט געהאַלטן פאַר זײן חוב צו װאָרענען שלום אַשן אויף די געפאַרן, װאָס לױערן אויף אים.

י. ל. פּרץ האָט אין 1907, מיט 37 יאָר צוריק, פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל װעגן שלום אַש, װאו ער האָט פון אָנהויב באַטאָנט, אַז שלום אַש „צעפלאַמט זיך אַלץ העכער און העכער“, און „פון אַשס ליכט־זײטן דאַרף מען הײנט שוין נישט רעדן“... און „עס איז שוין צײט פון אַשס פעלערן צו רעדן“, װײל „װאָס גרעסער דער בוים, גרעסער איז זײן שאָטן, און װאָס טאַלאַנטפולער דער דיכטער — אַלץ שעדלעכער, װאָרים צו אַלעם ערשטן אַנשטעקנדיקער, זײן פעלער“. פּרץ װײזט אָן פאַרזיכטיק און מיט ליב־שאַפט, אויף אײניקע פעלערן, אויף „סצענישע עפעקטן“ און אויף „אַ חנדל צו יענעם צד, איבער דער ײדישער גרענעץ אַריבער“. אין „משיחס צײטן“, דערװײזט אױספּירלעך י. ל. פּרץ, זײנען די פעלערן באַגאַנגען „צוליב אַ חנדל צו דער פּױלישער זײט“ און אין „גאָט פון נקמה“ — צוליב „אַ חנדל צום קריסטלעכן עולם“. און באַדױערנדיק די „פעלערהאַפטע שטעלן“ אין דעם „גרױסאַרטיקן װערק“ („גאָט פון נקמה“), זאָגט פּרץ מיט זיכערקײט און מיט זײן גאַנצן אויטאָריטעט: „אַש, דיכטער, װעט אונדז אַפּטריניק נישט װערן... דאָס פרעמדע לעבן װעט אים אײביק זײן פרעמד, נאָך פרעמדער — די פרעמדע שפּראַך... ער איז, װעט און מוז בלײבן אַ ײדישער שרײבער...“ און פּרץ ענדיקט מיט די װערטער: „אַש איז אַפגעפאַרן קײן ארץ־ישראל“. „צידה־לדרך“ (שפּײז אויפן װעג) האָב איך אים געװוּנטשן מיטנעמען פאָלקס־ליטעראַטור, קבלה־ספרימלעך און מדרשים... זאָל עס אים זײן צו רפואה.“ (י. ל. פּרץ, „ליטעראַטור און לעבן“, ז״ז 191־195.)

אין דער פריער־דערמאָנטער רעדע האָט פּרץ, רעדנדיק װעגן דער טעמאַטיק פון דער ײדישער ליטעראַטור, געזאָגט בדרך אגב: „. . . גנבענען זיך אַרײן אַנדערע טעמעס (אין דער ײדישער ליטעראַטור), איז עס גאָר גע־

נומען פון פרעמדע פאָרמען. דער „גאָט פון נקמה“ איז דער יידישער גאָט געזען מיט גויאישע אויגן...״

* * *

שלום אַש האָט, אָן ספק, פאַרברייטערט די ראָמען פון דער יידישער ליטעראַטור, אַריינגעבראַכט אין איר דעם סאַמע פאַרשיידנאַרטיקן טעמאַטישן שטאָף, און זיך אויך באַנוצט מיט כלערליי קינסטלערישע פאָרמען.

אָבער דאָס איז אָפט געגאַנגען אויפן חשבון פון אַשן גופא און פון זיין שאַפן. צו־אָפט איז שלום אַש געטריבן געווען נישט פון אַן אינעווייניקסטן דראַנג, נאָר פון אַן אויסערלעכן שטויס. זייטיקע, פרעמדע השפעות זיינען געווען שטאַרקער פון אייגענע, אינערלעכע פאַרמעסטן. נישט אַלע זיינע ווערק וואַקסן אַרויס באַטירלעך און אָרגאַניש פון אים גופא, פון די עצם פּראָצעסן, גערעאַנגלעכישן פון יידישן לעבן, פון די טיפּענישן פון דער יידישער ווירקלעכקייט, נאָר ווערן אַרויסגערופן פון אַנדערע מאָטיוון און טענדענצן. אַש איז יאָרצענדליקער געווען מיטאַרבעטער פונעם „פאָרווערטס“. ביים שרייבן אייניקע ווערק האָט ער געהאַט אין זינען דעם נישט־יידישן לייענער, פאַר־פאַסט ווערק פאַר דעם נישט־יידישן מאַרק. ער האָט זיך אויך געלאָזט מיט־רייסן פון „רייצנדיקע“ טעמעס, וואָס זיינען געווען אין דער מאָדע, געווען די „ליטעראַרישע סענסאַציע“. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז אייניקע ווערק, מיט אַלע זייערע קינסטלערישע מעלות וואָס זיי פאַרמאָגן, וועלן נישט פאַר־בלייבן אין דעם אייזערנעם פאָנד פון שלום אַשן גופא.

שלום אַש געפינט זיך אָפט אונטער פאַרשיידענע און פאַרשיידענערליי איינפלוסן. דאָס איז זיין מעלה און אויך זיין חסרון. פון דאַנעט — זיין גע־וואַלדיקע פּראָדוקטיווקייט און אויך — נישט־שטאַנדהאַפטיקייט. די פאַר־שיידנאַרטיקע זייטיקע השפעות זיינען פיל מער און שטאַרקער ווי שלום אַש אַליין שטעלט זיך גאָר פאָר. שלום אַש ווערט אָפט געטראָגן פון אַ סטיכיע, ס'איז אָפט דאָ אַן אויסערלעכע טרייב־קראַפט, אַ פרעמדער באַוועגער. דעריבער טאַקע איז נישטאָ קיין קאָנטינואיטעט פון איין ווערק און אַ צווייטן, דעריבער פעלט אינעווייניקסטער המשך.

אפשר האָט דאָ צו זאָגן, וואָס פון זיינע דערוואַקסלינג־יאָרן האָט שלום אַש נישט פאַרמאָגט קיין איין הימלאַנד, נאָר — עטלעכע היימלענדער. געבוירן און אויפגעוואַקסן אין אַ יידיש־פּויליש שטעטל, אין קוטנע, האָט ער אויסער דער יידישער רעליגיעזער וועלט מיט איר ספּעציפישן יידישלעכן לעבנס־שטייגער, מיט דער לשון־קודשדקיער און יידישער ליטעראַטורן און קולטורן, איינגעזאַפּט אין זיך די פּוילישע לאַנדשאַפט מיט דער פּוילישער ליטעראַטור און גלייכצייטיק זיך דערצויגן אויך אויף דער דייטשישער און רוסישער ליטע־

ראַטורן. אין װאַרשע, װאוהין ער איז געקומען אַ יונגער בחור, האָט ער געהאַט פאַר זיך פון אײן זײַט פּרצן און פון דער צװײטער זײַט א. רײזענען און ה. ד. נאָמבערגן. אין אמתן — סתירותדיקע װעלטן. דאָס זײַנען אַלץ װירקונגען און אײנפלוסן, װאָס זײַנען שטאַרק פאַרשײדנאַרטיק, און האָבן געמוזט צע־טרײסלען דעם אומרואיקן, צאַפּלדיקן און סענסיטיװן שלום אַש.

אַמאָל, בעת אַ לענגערן שמועס מיט שלום אַשן (אין 1927, אין װאַרשע), האָט ער מיר געזאָגט: „װען כ'װאָלט מיך צוגעהערט אינגאַנצן צו פּרצן, װאָלט איך נישט געשאַפן נישט נאָר „גאָט פון נקמה", נאָר אַפילו „דאָס שטעטל", און װאָלט געבליבן בײַ מײַנע נאַאיװע, קינדערשע שטימונגען, מיט װעלכע איך בין געקומען פון קוטנע. מיר איז אויסגעקומען שפּעטער צו קעמפן פאַר מײַן זעלבשטענדיקײט..."

אַט דער רעװאָלט קעגן דעם רבין, און דאָס רײַסן זיך אין אַנדערע װעלטן, איז געװען אַ געזונטע און פּאָזיטיװע דערשײנונג, און פּרצן גופא איז עס שטאַרק געפעלן און עס האָט אים אימפּאָנירט אָט דער בונט... אין זײַנע זכרונות (געדרוקט אין 1913-1912) שרײַבט פּרץ װעגן זײַנע תלמידים, װאָס האָבן באַקומען בײַ אים סמיכה, און ער זאָגט: „... . אַ חדר געהאַט און אַלײן געבליבן, נע װנד דאָס פאָלק, בפרט זײַן באַהעם — יונגע שרײַבער. אַװעק און מיט נעמען! און נעמען, דאָס מוז איך דרך אגב באַמערקן, נעמען האָבן באַקומען, לײַט זײַנען געװאָרן די „קונדסים" פון חדר. די, װאָס האָבן זיך ניט געלאָזט פירן!" יאָ, דער רעװאָלט איז געװען נאַטירלעך, אָבער עס זײַנען געװען צו־ראַשיקע, צו־האַסטיקע השפּעות, װאָס שלום אַש האָט אָפט נישט באַװיזן „איבערצוקאָכן" און צו פאַרדײַען. זינט 1906 קומט אַש אין באַריר מיט פאַרשײדענע ליטעראַרישע װעלטן און קינסטלערישע גרופּירונגען. און דער קינסטלערישער „יאַריד" (די באַקאַנטע באַצײכענונג פון ראָמען ראָלאַן אין זײַן װערק „זשאַן קריסטאָף") רעגט־אויף, צערײצט אַשן. אײנגיכן באַזוכט שלום אַש ארץ־ישראל (1908) און אַמעריקע (1909), און אָט די צװײ װײַטע ײדישע װעלטן רײַסן זיך אַרײַן אין אַשס װעלט, און רודערן אויף זײַן אַזױ־אויך אומרואיק װעזן. ער באַװײַזט נישט װי געהעריק צו געשטאַלטיקן די פריערדיקע אײַנדרוקן און עס קומען אַלץ־נײַע, קומען און פאַרכלינען אים.

* * *

עס איז אַ װיכטיקע אויפגאַבע פאַר דער ײדישער קריטיק צו גײן אַזױ פּאַמעלעך, טריט בײַ טריט, נאָך שלום אַשס איבער פערציק־יאָריקן שאַפן און אַרויסאַנטפּלעקן די פאַרשײדענערלײ אײַנפלוסן אויף אים.

שוין אין די יאָרן 1905־1906 קאָנען מיר באַמערקן אײַנפלוסן פון דער רוסישער ליטעראַטור אויף אַשן. „משיחס צײַטן", דער צעפּאַל פון אַ ײדישער

משפּחה, איז באַווירקט פון דער רוסישער דראַמאַטורגיע, פון אַ. נאַידענאָווס „וואַניושינס קינדער". די אידייע פון „גאָט פון נקמה", דער „בונט" קעגן גאָט איז אַן אַנדרעיעוו־מאָטיוו. ס'איז אינטערעסאַנט: פון די צוויי הויפּט־שטרעמונגען, וואָס האָבן געהערשט אין דער דעמאָלסדיקער רוסישער ליטע־ראַטור — די רעאַליסטישע, ליכטיקע גאָרקי־שטרעמונג (מיט זיינע זאַמל־ביכער „זנאַניע") און די סימבאָליסטישע, טונקעלע אַנדרעיעוו־שטרעמונג (מיט זיינע זאַמלביכער „שיפּאָווניק") — שטרעמונגען, וואָס האָבן דערנאָך אויס־געפאָרמירט צוויי גאַנץ־באַזונדערע קינסטלערישע ריכטונגען אין דער רוסישער און וועלט־ליטעראַטור — איז שלום אַשן דאַן נעענטער געווען — די צווייטע, וואָס ש. אַש האָט זי דערנאָך באַקעמפט אין זיך.

מיט זיין ערשטן ראָמאַן „מערי" (1911) און „דער וועג צו זיך" (1913) האָט ער געוואָלט געבן אַ יידישע אַננאַ קאַרעענינאַ. איך געדענק גוט אַשס ווערטער ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים אין קיעוו אין יאָר 1913. מען איז אַרויף אויף אַ שמועס מכוח דוד בערגעלסאָנס ראָמאַן „נאָך אַלעמען", וואָס איז דאַן דערשינען, און אויף מיין ביכל וועגן אָט דעם ראָמאַן. בערגעלסאָנס ווערק, האָט ש. אַש געזאָגט, איז מער בלעטלעך פון מירעלעס טאָגבוך ווי אַ געוויינלעכער ראָמאַן. „אָט מיין „מערי" — דאָס איז אַ ווערק וועגן אַ יידישער אַננאַ קאַרעניגאַ!"

און אַזוי ווייטער און ווייטער קאָן מען געפינען דעם „אורקוואַל", דעם „בראשית" פון אַ ריי אַש־ווערק ערגעץ־וואו אין אַנדערע ליטעראַטורן אָדער אין אויסערלעכע פּאַסירונגען. און ווי דער איינפלוס זאָל נישט קומען פון אויסן, פון דרויסן, אָבער אַדורכגייענדיק דורך שלום אַשס קינסטלערישער פּריזמע, אויסוואַרעמענדיק זיך אין שלום אַשס דיכטערישן שויס, ווערן די ווערק דורכאויס אַשישע. זיי ווערן געשאַפן און געשטאַלטיקט לויט דער געשטאַלט און פאָרם פון שלום אַש, זייער אייגנאַרטיקער באַשאַפער.

אין 1910, מיט אַ 34 יאָר צוריק, האָט דר. חיים זשיטלאָווסקין פאַר־אינטערעסירט דאָס פּראָבלעם שלום אַש און זיין פּאָפּולאַריטעט צווישן נישט־יידן. דר. ח. זשיטלאָווסקי זאָגט: „ביז צו שלום אַשן האָט די יידישע ליטע־ראַטור געהאַט נאָר אַ היימישן געברויך־ווערט און אַן אייגענע נאַציאָנאַלע וואָג. שלום אַש איז דער ערשטער יידישער קינסטלער, וואָס איז אַריבערגעוואַקסן דעם צוים פון דעם יידישן תחום. ער איז דאָס ערשטע צווייגעלע, וואָס פלעכט זיך אַריין אין דעם אַלגעמיינעם געוויקס פון דעם אייראָפּייאישן גייסט."

דר. ח. זשיטלאָווסקי שטעלט די אינטערעסאַנטע פראַגע, פאַרוואָס איז ערשט אַשן געלונגען אַדורכצוברעכן די צוימען? און ער ענטפערט, אַז „די בילדער און געפילן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון מענדעלע, שלום־

עליכם און פּרץ, לעבן נאָר אין די מוחות און אין די הערצער פון ידישע לעזער. די בילדער און געפילן, וועלכע שלום אַש האָט באַשאַפן, פּלאָנטערן אַריין אין די מוחות און אין די הערצער פון דעם אַלגעמיין־געבילדעטן פּובליקום פון דער גאַנצער געבילדעטער מענטשהייט.״ „שלום אַש — זאָגט ווייטער דר. ח. זשיטלאָווסקי — האָט פאַר זיך נאָר דעם מענטשן, אויסגעמאָלט אין ידישע פאַרבן. ער איז פאַרשטענדלעך יעדן, דעריבער קאָן ער אָפּגעשאַצט ווערן פון יעדן...״

דער דערפאָלג ביי „זיי״ האָט זיכער מיט זיך געבראַכט אויך נישט קיין גוטע רעזולטאַטן. נישט איין מאָל האָט אַש געהאַט, אפשר אומבאַוואוסטערהייד, מער אין זינען דאָס „אַלגעמיינע פּובליקום״ ווי דעם אייגענעם ידישן עולם. זיינען דאָך אין לויף פון די לעצטע פופצן יאָר אַ ריי ווערק פון שלום אַשס קינסטלער־ווערקשטאַט געגאַנגען אָפּריער צום איבערזעצער פונעם דייטשישן אָדער ענגלישן אַרויסגעבער פאַרן „אַלגעמיינעם פּובליקום״ און ערשט שפּעטער זיינען זיי פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ידיש, פאַרן אייגענעם היימישן געברויך...

אין זיין דערמאָנטער פאַרלעזונג וועגן ייד און מענטש באַרירט דר. ח. זשיטלאָווסקי די פראַגע וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען, וואָס עס הערשן צווישן די שאַפונגען פון פאַרשיידענע פעלקער, און ער זאָגט: „וויכטיק איז נאָך דאָ צו געדענקען, אַז דער אוצר פון אַ פאָלק קאָן געהערן איינגאַנצן נאָר צו די קינדער פון דעם פאָלק. פרעמדע קאָנען אַריבערנעמען צו זיך נאָר אַ טייל פון אים. און ניט אַלע מאָל איז דער אַריבערגענומענער טייל גראָד דער בעסטער...״ ברענגענדיק אַ ריי ביישפּילן פון דער וועלט־ליטעראַטור, גייט אַריבער דר. ח. זשיטלאָווסקי צו דער ידישער ליטעראַטור און שטעלט זיך אָפּ אויף דעם, וואָס אַשס ווערק ווערן איבערגעזעצט אין אַנדערע שפּראַכן: „אויך ביי אונדז, יידן, האָבן מענדעלע מו״ס און פּרץ אַ סך ווייניקער שאַנסן אַריבערגענומען צו ווערן אין דער וועלט־ליטעראַטור, איידער שלום אַש...״ (געזאַמלטע שריפטן, ב׳ 2, ז״ז 144־145, איבערגעדרוקט אין „ייד און וועלט״, 1945, ז״ז 111־112.)

דאָס איז פאַרעפנטלעכט אין 1912. מיט פופצן יאָר שפּעטער, אין 1927, האָב איך געהאַט אַ לענגערן, אינטימען שמועס מיט שלום אַשן וועגן זיין שאַפן. איך האָב ביי אים געפרעגט וועגן זיין שאַפונגס־וועג די לעצטע צען יאָר: „קידוש־השם״, „די מוטער״, „טויט־אורטייל״, „בריוו פון שפּאַניע״ און לסוף „רעווערענד זילבער״ — ווי מיר זעען, פון עכט־ידישע צו אַלגעמיין־מענטש־לעכע טעמעס. שלום אַש האָט זיך פאַרטראַכט, געוואָרן ערנסט, און געזאָגט: „איך טראַכט, אַז די ידישע ליטעראַטור איז נישט קיין צוגאָב צו דער אַל־געמיינער ליטעראַטור, אַזוי אַז אַלגעמיינע פראַגן און פּראָבלעמען געהערן צו

דער אַלגעמיינער ליטעראַטור, און די יידישע ליטעראַטור דאַרף האָבן צו טאָן נאָר מיט ספּעציפיש-יידישע פראַגן און פּראָבלעמען. די יידישע ליטעראַטור איז און דאַרף זיין פאַר אונדז אַלעמען אַ וועלט-ליטעראַטור, און דעריבער אַלץ, וואָס ס'אינטערעסירט דעם מענטשן אַלס מענטש — זוך איך ביי יידן. אַז אידייען, פּראָבלעמען פאַרנעמען מיך, אַז זיי רעגן און רייצן מיך — זוך איך זיי אינעם יידישן לעבן. דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע איז אין דער גליקלעכער לאַגע צוליב די גוטע אומשטענדן, אין וועלכע עס פּליסט. דעריבער האָט זיך עס באַפרייט פונעם יידישן הויקער. דר. זילבער איז אינטערעסאַנט נישט צוליב זיין ספּעציפישער יידישקייט, נאָר מיט דאָס מענטשלעכע, רעוועָ־רענדישע, וואָס ס'איז דאָ אין אים, ווי ביי יעדן איינעם פון אַן אַנדער קירכע. און אַזוי האָב איך אים אויפגעפאַסט אין דער נייער דראַמע." ("ליטעראַרישע בלעטער", 1927, ז' 183.) און דר. זילבער איז דאָך זייער ענלעך צו בערנאַרד שאָוס גייסטלעכן אין "קאַנדידאַ".

דעם אויבנדערמאָנטן געדאַנק — וועגן אוניווערסאַלע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור — האָט שלום אַש פאַרטיידיקט, אגב, אין זיין רעדע אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פּען-קאָנגרעס (אין ווין, 1929): "ס'איז שוין לאַנג אַדורך די צייט, ווען דער מענטש האָט געדינט נאָר צו איין גאָט. דער מאָדערנער מענטש נעמט זיך אַרויס דאָס בעסטע, דאָס איידלסטע, וואָס אַלע געטער האָבן צו פאַרטיילן, און מאַכט זיך פון זיי זיין אמונה. ס'איז אויך פאַרביי די צייט, ווען דער דיכטער האָט געהערט נאָר צו דער שפּראַך, אין וועלכער ער שאַפט. פאַרקערט, מיר געפינען אין היינטיקער צייט פיל באַדייטנדיקע דיכטער, וועלכע ווערן פיל העכער אָפּגעשאַצט אין פרעמדע ליטעראַטורן. זיי איבן אויס מער ווירקונג אויף מענטשן פון אַנדערע לענדער, ווי אין זייער אייגן לאַנד, אין זייער אייגענער שפּראַך."

אין דער זעלבער רעדע האָט שלום אַש געזאָגט, אַז "די ליטעראַטור צעפירט (צעוואָרפט) די גרענעצן און מאַכט פון דער ערד אונדזער געמיינזאַמע היימאַט".

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אויף אַ פייערלעכן אינטערנאַציאָנאַלן צונויפ־קום, אָבער אין דער ווירקלעכקייט זוכט שלום אַש און בענקט זייער שטאַרק נאָך אַן אייגענער, אמתער היים. דאָס איז אַ וויכטיקע שטריך אין זיין כאַראַק־טער. ער דרייט זיך אַרום אין דער פרעמדער וועלט, און פּלוצים טוט אים אַ צי צוריק צו זיין שטאָט. אין 1927, בעת זיין קומען קיין פּוילן, האָט אַש געזאָגט צו אַ יידישן צייטונגס-מיטאַרבעטער, אַז "פון צייט צו צייט האָט ער די באַדערפעניש, ווי אַ חיה, וואָס שפּייזט זיך מיט אַ געוויסן גראָז, זיך אַנצוועסן מיט יידן צו זאַטקייט". מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז אַש געקומען קיין

פּאַלעסטינע און דאָרט האָט ער אין אַ שמועס מיט מנשה אונגער געזאָגט: „איך זוך אַ היים. פון אַמעריקע בין איך אַוועק, דאָרט קאָן נישט זיין מיין היים, עס איז צו־מאַטעריאַליסטיש. אין מיין ווערק „חיים לעדערער“, וואָס האָט זיך איצט געדרוקט, האָב איך געפּרואווט באַווייזן אַ מענטש, וועלכער מיינט,אַז דורך געלט וועט ער קאָנען זיין גליקלעך. ער קומט קיין אַמעריקע, ווערט אַ נגיד, און נישט בלויז וואָס ער האָט קיין גליק נישט געפונען, נאָר עס ווערט אַ תל פון זיין פאַמיליע־לעבן. יאָ, פּוילן ציט מיך אַלע מאָל, אָבער ס'איז שווער איבערצוטראָגן די לאַסט און ליידן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דאָרט עקאָנאָמיש און רעכטלעך אויסצושטיין. איך וואוין דערווייל אַרום פּאַריז, אָבער עס פעלט מיר דאָרט אַ יידישע סביבה. נישטאָ די יידישע נשמה...“ און ער גיט צו: „איך טראַכט אַהיימצופאָרן און דערנאָך צוריק־צוקומען אַהער (קיין ארץ־ישראל) אויף אַ פּאָר חדשים. אָבער שווער צו גלויבן, איך זאָל זיך דאָ קאָנען פאַרהאַלטן. אַלץ איז דאָ ניי און יונג... איך דאַרף זיין צווישן אַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ מאַטקע גנב, און דאָ זיינען אַלע נשמה־יתרהדיקע יידן. אַ קצב אין מאה שערים (אַ ווינקל אין ירושלים—נ. מ.) האָב איך היינט געזען, גייט ער חסידישער אָנגעטאָן, ווי ביי אונדז אַ רב...“ („ליט. בלעטער“, 1927, ז' 433.)

שלום אַש איז שטענדיק פאַרטאָן אין זיך, ריכטיקער — מיט זיך. זעלטן ווען מען טרעפט אַשן אַ רואיקן, אַ באַרואיקטן, אָן לאַסטן. ער איז אַלע מאָל אונטער אַ שווערער משא. ער איז אַנגעלאָדן און איבערגעלאָדן. עס איז פון דער זייט שווער פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די סיבות פון זיין אומרו. ער פאַר־מאָגט נישט דעם נויטיקן גלייכגעוויכט, און דאָס רופט זיך, אָן ספק, אָפּ אויף אים גופא, אויף זיין פערזענלעכקייט און אויף זיין שאַפן. איך האָב אים גע־טראָפן אין פאַרשיידענע צייטן, און אַלעמאָל איז ער געווען אויפגערעגט, אויפגעשרויפט. אָפטמאָל געפינט ער זיך צווישן אינעוויניקסטע ווידער־שפּרעכנדיקע און ראַנגלענדיקע כוחות, וואָס ער קאָן זיי נישט באַזיגן אָדער ברענגען צו אַ האַרמאָניע. אָפטמאָל געפינט ער זיך אין אַ געווירבל פון זיין אייגענעם ברויזנדיקן טאַלאַנט. ער האַלט ביים שרייבן אַ ווערק, וואָס ער פאַרברויכט דערפאַר אָן אַ שיעור ענערגיע, אָדער ער שטייט פאַר אייניקע וויכטיקע קינסטלערישע פאַרמעסטן און ער פילט זיך ווי אַ קעמפער פאַר אַ גרויסן, שווערן קאַמף. שלום אַש איז פון די שרייבער, וואָס מוז כסדר שרייבן אָן אויפהער, אינעם שאַפן לעבט ער זיך ערשט אויס, און אַלע מאָל איז ביי אים דאָס שאַפן אַ העפטיקער געראַנגל. און נאָך אידער ער באַווייזט אייך ווערק צו פאַרענדיקן, לויערן שוין אויף אים עטלעכע נייע טעמעס, וואָס עס ווילט זיך זיי באַאַרבעטן, „אַנקליידן“ זיי אין פליש און בלוט. אין אַ בריוו

צו יוחנן טווערסקי (זע „אחיספר״, ניו־יאָרק, 1943, ז׳ 274) שרייבט אַש: „מיינע סאַמע שענסטע טרוימען זיינען די, וואָס זיינען נאָך נישט פאַרקערפּערט געוואָרן.״

פרילינג 1927 האָט אַש, אויף מיין פראַגע: וואָס איז מיט די פאַרטראַכטע עטלעכע היסטאָרישע ווערק (אַ מין המשך פון „קידוש־השם״ און „כישוף־מאַכערין פון קאַסטיליען״)? — געענטפערט מיר אַט וואָס: „איך האָב אָנגעצייכנט פאַר זיך נאָך צוויי גרויסע היסטאָרישע ווערק. איך שטרעב זיי אָנצושרייבן. אָבער דאָס מאָדערנע לעבן, דער מאָדערנער מענטש ברענגט אַרויס פון זיך פיל אינטערעסאַנטע פּראָבלעמען, שטאַרקע און עלעגישע, דעם געראַנגל מיט זיך, מיט גאָט, מיטן גורל. און דאָס ווענדט אָפּ ביי מיר די אויפמערקזאַמקייט פון די נאַציאָנאַל־העראָאישע טעמעס. בכלל קומט מען צום אַמאָל, צו דער געשיכטע, ווען דאָס איצטיקע לעבן איז אָרעם און נישט אינטערעסאַנט. ווען כ׳זאָל זיין זיכער מיט אַ טאָפּל פיזיש לעבן, וואָלט איך רואיק אָוועקגעגעבן עטלעכע יאָר, אַ פינף יאָר, אַט די צוויי היסטאָרישע ווערק, וועלכע אינטערעסירן מיך. ס׳וועט וואַרשיינלעך קומען אַ צייט, ווען כ׳וועל זיך נעמען צו די געשיכטלעכע ראָמאַנען. דערווייל נישט.״

דאָס איז געווען אין חודש מערץ, און מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז שוין שלום אַש אין ארץ־ישראל און ער דערקלערט דאָן: „מיין איצטיקע רייזע קיין ארץ־ישראל איז פאַרבונדן מיט מיינע ווייטערדיקע ליטעראַרישע אַרבעטן. איך וועל דאָ פאַרענדיקן די סעריע „קידוש־השם״, — דער פּאַן וועט זיין ארץ־ישראל אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן. איך האָב נאָך אייניקע פּלענער פון ווערק, וואָס דאַרפן דאָ פאַרווירקלעכט ווערן. איך וויל אויך פאַרענדיקן מיינע „ל״ו צדיקים״ (צען פון זיי זיינען איצט אַרויס אין וואַרשע, אין בוך „פון מיין קוואַל״). איך האָב אויך בדעה אָנצושרייבן הונדערט מעשיות פון אַ ריין־מענטשלעכן כאַראַקטער, וואָס זיינען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע פאָלקס־מעשה־ביכלעך.״

אָבער פון די אַלע אָנגעמערקטע ליטעראַרישע פּלענער און אויפגאַבן, האָט ער זיך גאָר גענומען צו שרייבן זיין טרילאָגיע „דער מבול״ — „פּעטערבורג״, „וואַרשע״, „מאָסקווע״ — אויף וועלכע ער האָט געאַרבעט אין די יאָרן 1927—1931. יאָ, נישט אַלע מאָל גייט ביי אים דער שאַפונגס־פּראָצעס האַנט אין האַנט מיט זיין אָנגעצייכנטן פּלאַן. ס׳מישן זיך אַריין אויסערלעכע, זייטיקע סיבות און באַדינגונגען, וואָס דיקטירן אים אַנדערע שאַפונגס־פּלענער און אַנדערע קינסטלערישע אויפגאַבן.

* * *

יאָ, די ווירקונגען און איינפלוסן אויף שלום אַשן זיינען ביז גאָר פאַרשיידן,

זיי קומען פון פאַרשידנאַרטיקע זייטן. שלום אַש גופא, ביים וועלן אויפדעקן די מקורים פון זיין שאַפן, געפינט זיי אָפּט אין פאַרשיידענע אורקוואַלן.

אין די יונגע יאָרן — ווי ש. אַש דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן פּרצן, — איז ער פאַרכאַפּט פון דער העברייאישער ליטעראַטור. דורך מענדעלסאָנס דייטשישער איבערזעצונג פון תנ"ך קומט ער צו די דייטשע קלאַסיקער שילער, בערנע, געטע, היינע, אויך צו שעקספּירן אין דייטש. און אָט קומען צו אים אין האַנט דורך אַ פאַקנטרעגער יידישע מעשה־ביכלעך, ביז אַ יונגערמאַן פון לאָדז ברענגט פּרצעס מעשיות „דער שטריימל", „באַנטשע שוויג" א. אַ., וואָס מאַכן אויף אים אַ באַזונדער שטאַרקן רושם און — עס ציט אים צו פּרצן... און עס קומט פּויליש און דורך פּויליש באַקענט ער זיך אויך מיט די מאָדערנע אייראָפּייאישע שרייבער. מעטערלינקס דראַמאַטישע ווערק, ווי ס'גיט איבער זיין יוגנט־חבר דר. א. גליקסמאַן, האָבן געמאַכט אויף ש. אַשן אַ שטאַרקן איינדרוק און באַאיינפלוסט שפּעטער אַשס ערשטע דראַמאַטישע שאַפונגען. אין אַ שמועס מיט אַ באַקאַנטן פּוילישן קריטיקער (אין 1930) האָט ש. אַש אָנגעוויזן אויך אויף די ווערק פון טאָלסטאָי, הויפּטמאַן און דער עיקר פּרוס, וואָס ער האָט געלייענט מיט גרויס אינטערעס. „דער גרויסער דיכטער (פּרץ) האָט מיך באַפרייט פון די העברייאישע קייטן און מיך צו־גערעדט צו שרייבן יידיש. ביז דעמאָלט האָב איך זיך געמאַטערט מיט יענער מיטלאַלטערלעכער שפּראַך, אָבער איצט האָב איך געקאָנט מיט מיין נאַטיר־לעכער שפּראַך באַהערשן די אַלע טעמעס, וואָס דאָס לעבן האָט מיר געשטעלט." „איך האָב געקלערט — זאָגט אַש — אַז איך וועל קאָנען פּרוּוון טאָן אויף מיין אופן דאָס, וואָס פּרוס האָט געטאָן פאַר דער פּוילישער ליטעראַטור."

און אויף דער פראַגע וועגן דעם איינפלוס פון דער פּוילישער ליטעראַטור אויף זיין שאַפן, האָט ש. אַש אָט וואָס געענטפערט: „אַ חוץ דעם שוין־דערמאָנטן פּרוסן, האָט אויפן „שטעטל" געהאַט אַן איינפלוס „פּאַן טאַדעאוש". שפּעטער וויספּיאַנסקיס „חתונה", וואָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ גרויסן רושם בשעת איך האָב געשריבן מיינע ערשטע סימבאָלישע פּיעסעס; זשע־ראָמסקי מיט זיינע „היימלאָזע מענטשן" און „אַ שטראַל" און ריימאָנטס „פּויערן"... פון דער וועלט־ליטעראַטור, אַ חוץ פּוילן, צו וועלכע איך וואָלט נאָך צוגערעכנט גאַנץ מיצקעוויטשן, עטלעכע דראַמעס פון סלאָוואַצקי (דער עיקר „מאַזעפּאַ") און פון דער פּראָזע, די נאָוועלן פון קאָנאָפּניצקאַ, זיינען מיינע באַליבטסטע שרייבער גאָגאָל, טאָלסטאָי, האַרדי, געטע, הויפּטמאַן, טאָמאַס מאַן, ווערפעל, טווען..."

און וואָס שייך דער יידישער ליטעראַטור, האָט ש. אַש אין דעם שמועס געזאָגט: „מיינע פאָרויסגייער זיינען געווען די צוויי גרויסע דיכטער פּרץ

און שלום־עליכם. אָבער דער סטיל פון פּרצן איז געווען אַן אינטעלעקטועלער, מיט וועלכן ס'איז אוממעגלעך אַרומצונעמען דאָס גאַנצע לעבן, און שלום־עליכם ווידער האָט זיך באַנוצט מער מיט אַ פאָלקס־סטיל, פול מיט לאָקאַלע ווערטער, וואָס איז צוגעפּאַסט צו פאָלקס־טעמעס. איך האָב זיך דעריבער נישט געקאָנט בינדן מיט די שווין־באַשטימטע פאָרמען פון דער שפּראַך, וועלכע איז שוין אַזוי אויך געווען אַ פּליסיקע און געמוזט אויסברייטערן די האָריזאָנטן, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די אָנגענומענע כללים. צוליב דעם האָב איך זיך באַנוצט אויך מיט דעם ביבלישן ריטם, וואָס איך האָב איבער־גענומען פון העברייאיש.״ („וויאַדאָמאָשצי ליטעראַצקיע״, וואַרשע, סעפּ־טעמבער 1930.)

אויף אַ באַנקעט, וואָס דער פּוילישער פּען־קלוב אין וואַרשע האָט געגעבן פאַר שלום אַשן (אָקטאָבער 1928), וואו עס זיינען געווען פאָרטראַטן אָנגעזעענע פּוילישע שרייבער, האָט שלום אַש אין זיין רעדע צווישן אַנדערן געזאָגט: „איך האָב פּערזענלעך זייער פיל צו פאַרדאַנקען דער פּוילישער ליטעראַטור. די ערשטע ביכלעך, וואָס איך האָב געלעזן, זיינען געווען די ווערק פון באָלעסלאַוו פּרוס... דערנאָך האָב איך געהאַט דאָס גליק צו טרעפן זיך מיט דעם גרויסן פּוילישן גייסט סטאַניסלאַוו וויטקעוויטש, פון וועלכן איך האָב געלערנט מיט וואָסער ערנסט זיך צו באַציען צו מיין פּראָפעסיע, און דווקא דער גרויסער פּוילישער פּאַטריאָט וויטקעוויטש האָט מיך דערמוטיקט איך זאָל שאַפן אין יידיש. ווען אַלע אַרום האָבן מיך צוגערעדט צו שרייבן פּויליש, האָט ער געזאָגט צו מיר: „אַש, האַלט זיך ביי דיין שפּראַך, דען נאָר אין דיין שפּראַך קאָנסטו שאַפן אָריגינעל!״ [אינטערעסאַנט, ווי אין דעם זיינען זיך צונויפגעגאַנגען דער יידישער פּרץ און דער פּוילישער וויטקעוויטש! — נ. מ.]. איך האָב אויך געהאַט דאָס גליק צו זיין נאָענט צו זשעראָמסקין און ריימאָנטן, פון וועלכע איך האָב פיל געלערנט. אָממייסטן אָבער האָב איך גע־לערנט און האָב צו פאַרדאַנקען דער פּוילישער ערד, פון וועלכער איך קום אַרויס. איר לאַנדשאַפט האָב איך מיטגענומען מיט זיך אומעטום, וואו איך בין געגאַנגען.״

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווינטער 1934, אויף אַ פייערלעכער אויפ־נאַמע פונעם ענגלישן פּען־קלוב אין לאָנדאָן, רעדט שלום אַש וועגן זיך, וועגן זיין שאַפן, און אין זיין רעדע באַטאָנט ער דעם באַזונדערן איינפלוס, וואָס ס'האָט אויף אים געהאַט דער ענגלישער טשאַרלז דיקענס. אַש האָט געזאָגט: „יעדער שריפטשטעלער, וואָס וויל זיין געטריי זיין כּיסיע און וואָס האַלט זיך אין דער דיסציפּלין פון אונדזער קונסט, מוז אָנערקענען זיך אַלס תּלמיד פון דעם רבי טשאַרלז דיקענס און נעמען זיין פאָרם אַלס ביישפּיל... טשאַרלז

דיקענס האָט אַרויסגעטראָגן זיין פעדער אויף דער גאַס, אין די אָרעמע שטובן, דאָרט וואו ס'הערשט נויט און הונגער. אויפן מענטשלעכן אָפּגרונט האָט ער געזוכט זיינע פּערלען. ביז אים האָט דער אָרעמער מענטש געשפּילט אין דער ליטעראַטור נאָר אַלס דעקאָראַציע פאַר די רייכע און מעכטיקע... דיקענס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דאָס אָרעמע פאָלק געמאַכט פאַר אַ הויפּט־צוועק פאַר זיינע העלדן. פון אים האָב איך געלערנט, אַז דעם כישוף־שטיין, וואָס הייסט מענטשלעכקייט, דאַרף מען זוכן דאָרט וואו נויט און אָרעמ־קייט וואוינען... און נאָך עפּעס האָב איך געלערנט פון דיקענסן. פון מיין קינדהייט, דורך מיין שטרענגער רעליגיעזער דערציאונג, בין איך געוואוינט צו באַטראַכטן דאָס געדרוקטע וואָרט ווי אַ תורה פון הימל. שפּעטער, ווען איך בין, זוכנדיק דעם אינהאַלט פון מיין לעבן, אַריבערגעגאַנגען פון רעליגיעזן צום וועלטלעכן בוך, האָב איך מיט מיר מיטגענומען יענע טיפע פאַרערונג און יענע הויכע פאַדערונג פון גייסטיקן אינהאַלט אויך פאַרן וועלטלעכן בוך. איך זוך אין יעדן ווערק נישט נאָר קינסטלערישע פאָרם, נאָר אויך מאָראַלישן אינהאַלט... וואָרים נישט די נאַקעטע קונסט־פאָרם איז דאָס וויכטיקסטע אין אַ ווערק, נאָר די ווערט פון ווערק שטעלט מיט זיך פאַר דער רעליגיעזער אינהאַלט פון ווערק. אונטער רעליגיעזן אינהאַלט מיין איך, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, מענטשן־ליבע און מענטשלעכקייט, ווייל דאָס העכסטע דינסט פאַר גאָט, איז דאָס דינסט פאַרן מענטש...״

אגב, אין אַ בריוו צו יוחנן טווערסקי (זע „אחיספר״, ז׳ 274) פון לעצטן יאָר שרייבט שלום אַש: „די טעכניק פון מיין שרייבן איז די סאַמע פשוטע. איך זאָג אויפן איינפאַכסטן אופן וואָס איך וויל זאָגן.״ נישט אומזיסט האָט אויף אים מער פון אַלע וועלט־שרייבער געווירקט טאָלסטאָי, „ווייל ער איז געווען איינפאַך און אמתדיק״.

*

די לעצטע יאָרן האָט שלום אַש און זיין שאַפן אַדורכגעמאַכט אַ רייכן זיג־זאַגן־וועג. און ווידעראַמאָל איז זיין טעמאַטיק אַ פאַרשיידנאַרטיקע — אַט פון איין וועלט און אַט פון אַ לחלוטין אַן אַנדערער. נאָך „גאָטס־געפאַנגענע״ (1933), וואו ער פירט אַרויס אַ קרייז מענטשן, זייערע קעגנזייטיקע ליבע־באַציאונגען אויפן פאָן פון אַ דרום־פראַנצויזישן ים־ברעג, קומט דער „תהלים־ייד״ (1934); „ביים אָפּגרונט (1937), וואָס רופט זיך איבער מיט ליאָן פויכט־וואַנגערס „פאַמיליע אָפּענהיים״ און וואו ס'איז געגעבן דאָס נאָך־מלחמהדיקע דייטשלאַנד, וואָס קייקלט זיך צום נאַציזם־היטלעריזם; „דאָס געזאַנג פון טאָל״ (1938), אַ געזאַנג־בילדערונג פון דעם חלוצים־לעבן אין ארץ־ישראל, און די

לעצטע ווערק — „דער מאַן פון נצרת", וואָס איז אַרויס אַפּריער אין ענגליש, און „אַפּאָסטאָל", דערשינען מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אין ענגלישער איבער־זעצונג. אויב דער „תהלים־ייד" און „געזאַנג פון טאָל" זיינען געלעגן אויפן דרך־המלך, אויפן ברייטן שליאַך פון שלום אַשס שאַפן, און זיי האָבן צו טאָן מיטן פאַרגאַנגענעם און קעגנווערטיקן יידישן לעבן, און זיינען דורך דעם יידישן עולם און קריטיק אויפגענומען געוואָרן ווי דער שטייגער איז, האָבן אָבער די צוויי לעצטע ווערק פון שלום אַש — „דער מאַן פון נצרת" און „אַפּאָסטאָל" — אַרויסגערופן אין דער יידישער וועלט די סאַמע סתירותדיקסטע מיינונגען און אָפּרופן. פון איין זייט האָט מען פאַרגעוואָרפן שלום אַשן מיסיאָנערישע טענדענצן, אַז ער פירט צו שמד, און פון דער אַנדערער זייט — האַלטן אַנדערע, אַז דאָס איז דאָס וויכטיקסטע און וואַגיקסטע ווערק פון שלום אַשן. ווי ס׳זאָלן נישט זיין פאַרשיידן די מיינונגען וועגן דער קינסטלערישער זייט פון אָט די ווערק, אָבער ס׳איז קלאָר, אַז שלום אַש איז דורכאויס באַאיינפלוסט געוועזן פון דער עוואַנגעליע. האָט ער דאָך דאָס ערשטע ווערק, „דער מאַן פון נצרת", געגעבן אין דער פאָרם פון איינדרוקן, בליקן און פאַרצייכענישן פון אַ קריסט.

אין זיין פריער־דערמאָנטער רעדע (אין לאָנדאָנער פען־קלוב) האָט שלום אַש געזאָגט וועגן זיך, אַז „דאָס לעבן פון זיין פאָלק האָט ער געמאַכט פאַר זיין הויפּט־שטודיום, און זיין שאַפן וואָרצלט טיף אין גייסט פון דער פאָלקס־טראַדיציע". מיר אַלע, וואָס פאָלגן נאָך שלום אַשס שאַפן די אַלע צענדליקער יאָרן, ווינטשן אים, ער זאָל ווייטער היטן אָט די פאָלקס־טראַדיציע און דערפילן די שליחות, וואָס איז אויף אים, דעם גרויסן יידישן קינסטלער, אַרויפגעלייגט.

1944

אַ באַגעגעניש און אַ שמועס מיט שלום אַש

אַ באַגעגעניש און אַ שמועס מיט שלום אַשן, — אייגנטלעך וואָלט געווען ריכטיקער צו זאָגן — באַגעגענישן און שמועסן מיט שלום אַשן. ווייל עס איז אוממעגלעך פאַר אונדזער איינעם צו רעדן מיט שלום אַשן, האָבן מיט אים אַ שמועס און אויפנעמען אים, זיינע רייד און זיינע אייגנשאַפטן בלויז פון דעם איצטיקן געשפּרעך. קאָן מען דען נעמען אַ באַגעגעניש און אַ שמועס מיט שלום אַש אָפּגעטיילט און אָפּגעריסן פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס געדאַנקען, פאַרשטעלונגען, ווירקונגען און איינפלוסן, וואָס זיינען פאַרבונדן ביי אונדז

מיש שלום אַשן? שלום אַש איז אַרײנגעװאָקסן אין דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפטלעכער און קינסטלערישער װעלט שױן אַ מעשה פון איבער פערציק יאָר. אין אָט די אַלע יאָרן האָט ער זיך טיף אַרײנגעביסן אין דער ייִדישער װירקלעכקײט, פּונקט װי דאָס ייִדישע לעבן, זײַנע פאַרשײדענע שטרעמונגען און שאַטירונגען זײַנען ענג פאַרבונדן מיט שלום אַשס פּראָדוקטיװן לעבן. שלום אַשס הונדערטער דערצײלונגען און סקיצן, זײַנע צענדליקער דראַמאַטישע װערק און גרױסע ראָמאַנען זײַנען רײַך נישט בלױז אין כמות, קװאַנטיטאַטיװ, נאָר אױך אין איכות, אין קװאַליטעט. און אַ חוץ דעם זײַנען זײ מיט זײער שטאָף, מיט זײער טעמאַטיק, מיט די ייִדישע און נישט־ייִדישע, הײנטצײַטיקע און אַמאָליקע װעלטן, װאָס זײ ברענגען אַרױס, געװאַלדיק פאַרשײדנאַרטיק. פון אײן װערק צום צװײטן, הגם זײ זײַנען געשריבן מיט דעם זעלבן אינעװײניקסטן אימפּעט און ברען און מיט די זעלבע אָפּט מעטאָדן פון שרײַבן, — איז דאָ אַ װײטער מהלך, אַ װײַטע דיסטאַנץ, װי נישט אײן קינסטלער װאָלט זײ אַרױסגעבראַכט. און נאָך עפּעס: — שלום אַש איז קײנמאָל נישט דער קאַלטער, דער ניכטערער קינסטלער, װאָס פורעמט אױס און געשטאַלטיקט אױס זײַנע װערק אױסגערעכנט, מיטן אינטעלעקט, לױט אַן אָפּריער גענױ־אָנגעצײכנטער סכעמע און אױסגעאַרבעטן פּלאַן. זײַן יעדעס נײַ־געשאַפן װערק איז אַ שטיק פון זײַן „איך", בלוט פון זײַן בלוט און פלײש פון זײַן פלײש. עס איז אַ פּראָדוקט פון זײַן אומרו און פּאַטאָס, פון זײַן אינטואיציע און דראַנג. און װי שלום אַש זאָל אין פאַרשײדענע צײַטן און מאָמענטן נישט קאָנצענטרירן זײַן גאַנץ װעזן אױף אַ געװיסן פּונקט, אױף אַ געװיסער אידײע, — פאַרבלײַבט שטענדיק שלום אַש אין די טיפענישן פון זײַנע װערק דער זעלבער ראָמאַנטיקער, דער טיף־אײגנאַרטיקער פּאַטעטישער דיכטער, װאָס עס איז אים נישט צום אָפּטײלן פון דעם אַלעם, װאָס ער האָט פריער געשאַפן און װאָס ער האָט ביז־אַהער דערגרײכט.

און דעריבער, װען מע גײט־צו צו שלום אַשן, קאָן מען נישט און מען טאָר נישט „נעמען אים" בלױז אין דעם מאָמענט, װאָס ער שטײט פאַר אונדז און מען רעדט מיט אים, — נאָר עס קומט־אױף אין אײַך אַלדאָס, װאָס שלום אַש איז פאַר אײַך, פאַר דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײט, פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אין לױף פון די איבער דרײַ צענדליק יאָר, װאָס מע האָט געהאַט צו טאָן מיט אים און מיט זײַנע װערק. אין די אַלע יאָרן איז אױסגעקומען זיך צו טרעפן מיט שלום אַשן בײַ פאַרשײדענע װיכטיקע געמײנזאַמע טעטיקײטן, עס זײַנען געװען צײַטן פון גײן אינאײנעם און גאָר אין דער נאָענט, — און אָפּט איז מען אױך געװען װײַט, צעטײלט, און אַפילו אין גאַנץ באַזונדערע לאַגערן.

אָבער וואָס פאַר אַן אָפּקערן און אָפּנויגן מע האָט נישט געמאַכט, וואָס פאַר אַ טענות און דערווידערונגען מען האָט נישט געהאַט אין די אַלע יאָרן צו שלום אַשן, אָבער שלום אַש איז נישט בלויז איינע פון די מערקווירדיקסטע און אינטערעסאַנטסטע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך דעם קלאַסיקער־פּעריאָד, נאָך דעם גרויסן דריילינג אונדזערן פונעם 19טן יאָרהונדערט; שלום אַש איז אַן צווייפל אַ וויכטיקע קולטור־קינסטלערישע דערשיינונג און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ קולטור־קינסטלערישער פאַקטאָר אין אונדזער ניי־יידישער ליטעראַטור פון גרויס באַטייט.

און עס איז אינטערעסאַנט: מיט שלום אַשן גופא איז אויסגעקומען ביים אָנהויב פון אונדזער היינטיקן שמועס אַריינצוטועכהן און אין אים אַריינצובורייען, אַז פאַר אונדז עקזיסטירט גאָר אַן אַנדער שלום אַש־חשבון ווי אפילו פאַר אים, פאַר שלום אַשן אַליין. ער מעג זיך אין דעם אָדער יענעם מאָמענט האָבן אַן אייגענעם גאַנג אין זיין לעבן און שאַפן, ער מעג זיין גאַנצן געדאַנקען־ און געפילן־גאַנג וועלן ריכטן צו איין פונקט, ער מעג זיך זיין פאַרטאָן אין איין וועלט און ממילא זיין אויסגעטאָן פון די אַלע אַנדערע וועלטן, — אָבער מיר, מיר קאָנען זיך פאַרגינען צו זיין מער־אָביעקטיוו, און קאָנען האָבן פאַר זיך דעם גאַנצן שלום אַש, שלום אַשן מיט אַלע זיינע קאַפּריזן און צערייצטקייטן, מיט אַלע זיינע זוכענישן און דערגרייכענישן, — הקיצור, נישט נאָר שלום אַשן פון דעם איצטיקן מאָמענט, נאָר דעם פולן שלום אַש, ווי ער האָט זיך אויספאָרמירט אַלע זיינע יאָרן און ווי ער איז אויסגעוואַקסן און צונויפ־געוואַקסן מיט אונדז, אין יעדן איינעם פון אונדז.

און אין דעם זינען באַגייט געוויס שלום אַש אַליין קעגן זיך די עוולה, וועלכע עס באַגייען קעגן אים אַנדערע, זייטיקע: וואָס צוליב מאָמענטאַלע קאָנפליקטן, צוליב אַ לעצטער פאָסירונג, איז ער גרייט אויסצומעקן און אָפּצו־ווישן שטיקער אייגענע לעבנס, פאַרזען גרויסע אייגענע פאָרמעסטן און דער־גרייכונגען, און אַרויסקומען מיט נישט־באַגרינדעטע ווערטער, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, אַז די יידישע וועלט באַדאַרף אים נישט און אַזוי ווייטער און ווייטער.

און גראָד שלום אַש, וואָס איז שטענדיק אַזוי פול און איבערגעפולט מיט איינדרוקן און איינפלוסן, שלום אַש, וואָס איז אַזוי שטאַרק אויפגעטרייסלט און אויפגערייצט פון די איצטיקע גרויזאַמע געשעענישן, — גראָד שלום אַש האָט לכתחילה נישט געהאַט קיין ווילן צו פאַרפירן אַ שמועס פאַר דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט. אָבער מיר האָבן געהאַלטן, אַז מע דאַרף מאַכן אַ פּרוּוו אַרויסצוקריגן פון שלום אַשן זיין מיינונג וועגן אייניקע וויכטיקע

פּראָבלעמען אין דער אַלגעמיינער און ייִדישער וועלט און אויך הערן וועגן זיין שטעלונג צו געוויסע פּאַסירונגען, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות אויך צו אים און צו זיין שאַפן.

און נאָך אַ שטיקל געראַנגל, וואָס איז פאָרגעקומען אין אים גופא, האָט שלום אַש געזאָגט:

— איר ווייסט? איך האָב שוין באַמערקט, — זינט איך שרייב, האָב איך שטענדיק צרות און זאָרגן פון מיינע אַרטיקלען, פון מיינע פּובליציסטישע אַרויסטריטן. ווען איך דערמאָן זיך אָן מיינע פאַרשיידענע בעלעטריסטישע זאַכן — גוטע, בעסערע אָדער שוואַכערע, — האָב איך אויף זיי קיין חרטה נישט, זיי זיינען מיר אַלע אייגן. אָבער אַרטיקלען, וואָס מע שרייבט אַמאָל, — איז אָפט דער היינט אָדער דער מאָרגן קעגן זיי. זיי זיינען אפשר ווי בלעטלעך פון אַ סעזאָן, עס גייט אַוועק די צייט — פאַרוועלקן זיי. און אַזוי אויך שמועסן, אינטערוויוען. דעריבער בין איך נישט גערן צו פאַרפירן אַ שמועס וועגן מיין שטעלונג צו געוויסע פראַגן און פּראָבלעמען און אויך צו באַצייכענען מיין באַציאונג צו מענטשן און דערשיינונגען. און דעם אמת געזאָגט, איז מיר ניט גרינג צו רעדן וועגן מיינע ווערק. שלעכט איז מיט דעם ווערק, וואָס עס רעדט נישט אַליין פאַר זיך, און דער מחבר דאַרף עס פאַרטייטשן, דאַרף ערשט דער־ווייזן וואָס ער וויל דערמיט. אַזאַ ווערק האָט קיין באַטייט נישט . . . אָבער — גיט צו אַש — איך זע דאָך, אַז איר ווילט מאַכן מיט מיר אַ שמועס, — איז פאַרפאַלן, פרעגט און איך וועל ענטפערן.

פאַרשטייט זיך, אַז פריער פון אַלע ווילט זיך וויסן, ווי שלום אַש אַליין רעאַגירט אויף דער גאַנצער חרם־געשיכטע, וואָס אב. קאַהאַן פירט אָן קעגן אים. בעט איך ביי שלום אַשן, ער זאָל מיר אויפקלערן וואָס איז דאָ אַזוינס געשען און ווי איז זיין שטעלונג צו אָט דעם קאַמף קעגן אים.

שלום אַש קוקט לענגער אויף מיר און עס איז ווי ער וואָלט וועלן אַרויס־שיילן דעם ריכטיקסטן און טרעפלעכסטן ענטפער אויף מיין שאלה:

— אייגנטלעך דאַרף אָט־די פראַגע נישט זיין געווענדט צו מיר, נאָר צו די אַלע אַנדערע, וואָס טוען עס. וואָס שייך מיר, מוז איך אָנגיין נאָך מיין אינספּיראַציע און איך טו אין דעם מאָמענט דאָס וואָס מיך אינטערעסירט, נישט געקוקט אויף דעם פּרייז, וואָס איך קאָן דערפאַר צאָלן. דאָס איז מיין מענטשלעכער און קינסטלערישער געוויסן, וואָס איך פאָלג אים איצט אויס. דעם אמת געזאָגט — גיט צו שלום אַש — בין איך אָפט מיד נאָכצושרייען „הוראַ" און נאָכצוזאָגן דאָס וואָס אַנדערע ווילן, איך זאָל זאָגן. איך וויל איצט זאָגן וואָס איך וויל, און איך מיין, אַז איך בין דערצו באַרעכטיקט און איך האָב אויך דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען, מ'זאָל מיר געבן אַ מעגלעכקייט צו שרייבן

וואָס איך האַלט פאַר נויטיק. פאַרוואָס־זשע זאָל צוגענומען ווערן ביי מיר די מעגלעכקייט צו פאַרעפנטלעכן ווייטער זאַכן, וואָס לויט מיין מיינונג ליגן זיי אויף דעם וועג פון מיין שאַפן? און איך בין דאָך עפּעס נישט דער לעצטער אין דער יידישער ליטעראַטור.

וואָס שייך קאַהאַנען, — מיט אים האָב איך אַן אַנדער חשבון. אָבער דערקלערט מיר, פאַרוואָס באַיקאָטירן מיך אַלע אַנדערע? אַט האָט אַפילו די „צוקונפט" מיך נישט איינגעלאַדן צו שרייבן דאָרט. בין איך נישט געוואָרן קיין „לא יבוא בקהל"?

שלום אַש איז אויפגערודערט און איך וויל אָפּקערן דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג.

איך פרעג שלום אַשן: — האַלט ער נישט, אַז זיין בוך „נאַזאַרין" איז אַ זייטיק ווערק אין זיין שאַפן, און אַז עס שטאַמט נישט אַרויס פון זיין אייגנטלעכן שאַפערישן גאַנג?

— ניין, — רייסט מיך אַש איבער. — יעדעס ווערק ביי אַ שרייבער און דער „נאַזאַרין" ביי מיר איז אַן אייביקייט, ווען איך בין אין דעם פאַרטאָן. איך שרייב נישט קיין צופאַל־זאַכן, און אויך דאָס ווערק איז נישט קיין זייטיקער עפּיזאָד אין מיין שאַפן. אפשר מאָרגן וועל איך זיין פאַרכאַפּט פון אַן אַנדער טעמאַטיק. אָבער היינט איז עס, אויב איר ווילט, מיין „משוגעת". און איך פאַרלאַנג פאַר זיך, ווי פאַר אַנדערע שרייבער, קינסטלערישע פרייהייט. און ווער־חער, מיר יידן וואָלטן באַדאַרפט אונטערשטיצן אַזאַ פרייהייט... יאָ, איך זאָג „משוגעת" — אַט איז אַמאָל געווען אַ גרויסער רוסישער שרייבער קופּרין, האָט ער געשיכורט, האָט מען עס פאַרשטאַנען און אים פאַרגעבן, און זיינע וויכטיקסטע ווערק האָט מען אויפגענומען אין דער רוסישער ליטעראַטור. און — פאַרטראַכט זיך אַש — איך מוז אייך זאָגן, אַז איך פערזענלעך באַטראַכט דעם „נאַזאַרין" און דאָס צווייטע, וואָס איך שרייב איצט, פאַר דאָס וויכטיקסטע און פרינציפּיעלסטע אין מיין שאַפן, און אויך פאַר דאָס רייפסטע. איך פאַר־לאַנג פאַר זיך דאָס רעכט צו האָבן דעם נויטיקן האָריזאָנט, דעם פאַרנעם...

— אָבער, אַש, — פאַר איך אים אַריין אין די רייד, — מיינט איר נישט, אַז דערמיט וואָס איר האָט זיך פאַרקלייבן אין אַ ווייטער צייט, אין אַ ווייטער סביבה, איז דערמיט אַליין גייט איר אַוועק פון דער היינטצייטיקייט, פון אירע צאַפּלדיקע פּראָבלעמען און ברענענדיקע קאַמפן?

— אָ, ניין, — ענטפערט אַש, — דער פּעריאָד, וואָס איך ברענג אים איצט אַרויס אין מיינע ווערק, פאַרמאָגט אין זיך די אַלע עלעמענטן, אפשר אין אַ העכערער און קאָנצענטרירטערער פאָרם, ווי די היינטיקע צייט. מע וויל איצט אַרויפצווינגען אַן אמונה אויף אַנדערע, דער פאַשיזם וויל אָפּשאַפן

אַלץ וואָס ביז־אַהער איז געווען, אַלץ וואָס איז אים נישט צום האַרצן. וואָס פאַר אַ טעמע קאָן זיין מער אַקטועל, ווי די וואָס איך בין באַשעפטיקט מיט איר? ווען מ׳זאָגט אַז יידן זיינען נידעריקער פון אַלץ און אַלעמען, ווען יידישער כבוד ווערט געטראָטן, ווען יידישער קיום וויל אָפּגעמעקט ווערן, איז דאָך וויכטיק צו באַווייזן, אַז „סבא ישראל״, דאָס אַלטע פאָלק יידן, האָט עפּעס געגעבן דער מענטשהייט, — און קריסטנטום קומט דאָך פון יידן, יידן האָבן עס געשאַפן, — איז וואָס פאַר אַ גרעסערע זכיות פונעם יידישן פאָלק קאָן מען באַווייזן דער וועלט?

און עס איז לחלוטין פאַלש, אַז איך קום פריידיקן קריסטנטום צו יידן. מע שרייבט מיר צו זאַכן, וואָס זיינען מיר פרעמד. איך פריידיק נישט קיין קריסטנטום. פאַר מיר איז עס שטאָף פאַר מיין שאַפן, פונקט ווי עס איז געווען שטאָף אין אונדזער לעבן. אָט האָב איך אין מיין „תהילים־ייד״ געפּרואווט קינסטלעריש אַרויסהייבן אַ רעליגיעזע שטרעמונג ביי יידן, האָב איך דען דערמיט געפּריידיקט חסידות? האָב איך דען גערופן צו פאָרן צו רביים און צו גלויבן אין די גוטע יידן? איך מיין, אַז די נישט־יידן זיינען גלייכבאַרעכטיקט, ווי מיר, צו וויסן ווי מיר פאַסן אויף יענע צייט, און יענע שטרעמונג ביי אונדז, אין אונדזער יידישער געשיכטע. אָט שרייב איך איצט דאָס צווייטע בוך, וואו איך נעם אויף פּאַולן, און איך זאָג אייך, אַז מיט אַלע זיינע עקן און קריגערייען, מיט אַלע זיינע פאַרוואורפן און דערווידערונגען צו יידן און פון יידן צו אים, איז ער דאָך איינער פון די וויכטיקסטע בייטראָגן צו די קולטור־געשיכטלעכע וועלט־אוצרות . . .

שלום אַש פאַרטראַכט זיך און זעצט פאָר:

און אַז מע רעדט שוין וועגן דעם, מוז איך אייך זאָגן, אַז מיך אַרן אַ סך מער די־אַ שרייבער, וואָס מיר פערזענלעך האָבן זיי אויסגעדריקט באַגייסטערונג און אָנטציקונג פאַר מיין ווערק, און דערנאָך זיינען זיי צוגעשטאַנען צו מיינע באַקעמפער.

און עס איז איבעריק צו באַטאָנען, אַז די שרייבער, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין מוט, זיינען נישט ווערט צו טראָגן דעם נאָמען שרייבער. דאַן איז מען נישט מער ווי אַ שפּילער אויף אַ בלעכענעם צימבל ביי אַ קאַפּעליע, וואָס שפּילט נישט, נאָר רימפּלט. און איך דאַרף אייך דאָך נישט זאָגן, אַז אין פּוילן איז געווען גאָר אַנדערש. און נישט נאָר האָט מען דאָרט נישט געמוזט דענקען ווי דער גערער רבי, מע האָט געמעגט האָבן אויך אָן אייגענע מיינונג... עס קומט אויס, אַז איידער מע גייט שרייבן אַ ניי ווערק, דאַרף מען גיין צום רב און אים פרעגן אַ שאלה, צי דאָס וואָס מע גייט שרייבן איז לויט דער אָנגענומענער און איינגעשטעלטער טראַדיציע כשר אָדער טרייף. און איך

פרעג איך: פון ווען אָן מוז עס אַ ייִדישער קינסטלער שרייבן אַ ראָמאַן דווקא לויט אַלע דינים און כללים פונעם שולחן ערוך? . . .

איך טו אַ פרעג אַזוי אומגעריכט שלום אַשן:

— דערלויבט מיר אייך שטעלן אַזאַ פראַגע: פאַרוואָס שטייט איר אָן דער זייט פון דעם קאָלעקטיוון ייִדישן שאַפן, און פאַרוואָס האָט איר נישט געפּרואווט צו גרופּירן אַרום זיך קינסטלער אָדער סטימולירן ייִנגערע שרייבער צום שאַפן, ווי עס האָבן עס אַפּט געטאָן אונדזערע עלטערע שרייבער?

— דערויף — זאָגט אַש — קאָן איך אייך געבן אַ קלאָרע תשובה. איך קאָן נישט זיין קיין רבי. אָפּגעשראָקן מיך פון צו זיין אַ רבי האָט טאַקע פּרץ אַליין. איך בין געווען זיין געליבטער תלמיד, זיין געליבט קינד, כל זמן איך האָב געשריבן וואָס ער האָט געוואָלט, איך זאָל שרייבן. און ווען איך האָב גענומען שרייבן, וואָס מיר האָט זיך געוואָלט, האָט פּרץ אויפגעהערט צו זען אין מיר זיין תלמיד. פּרץ האָט דאָך מיר געהייסן, איך זאָל פאַרברענען מיין „גאָט פון נקמה" . . . איך רעכן נישט, אַז ליטעראַטור קאָן געשאַפן ווערן דורך אַ רבין מיט געהאָרכזאַמע תלמידים. ליטעראַטור איז דאָך אין תוך רעוואָלוציע, מע ברעכט כסדר אַלטע איינגעשטעלטע נאָרמעס און פאָרמען. ווען איך וואָלט געווען אַ ליטעראַרישער רבי, ווען איך וואָלט געגאַנגען שטענדיק אין מיינע אייגענע דרכים, דאַן וואָלט איך פון מיינע ד׳ אמות נישט אַרויס. דאַן וואָלט איך געבליבן אין מיין „שטעטל". און אַ שרייבער מוז זיין אַלע מאָל דער אָנפאַנגער און אַזוי דאַרף ער זיך פילן. ביי מיינע איצטיקע 62 יאָר און ביי מיינע 42 יאָר שאַפן, פיל איך זיך ווי אַן אָנהויבער, און עס ווילט זיך אַלץ צו פאַרעפנטלעכן ווערק, וואָס זאָלן אַרויספירן פונעם גלייכגעוויכט און וואָס זאָלן ערגעץ־וואו רופן. אָבער איך ווייז שטענדיק אַרויס אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט צו אַ נייעם, באַגאַבטן שרייבער, און ווען איך קריג אַמאָל אַ ייִדיש בוך, פריי איך זיך שטאַרק אויב ס׳איז גוט און טייל זיך מיט אַט דער פרייד מיטן שרייבער און איך בין גרייט אים צו דערמוטיקן און צו שטאַרקן . . .

— און איצט, שלום אַש, וויל איך אייך פרעגן נישט אַזוי צוליב מיין אייגענעם נייגיר, נאָר איך בין זיכער, אַז עס דאַרף אינטערעסירן יעדן ייִדישן לייענער, וואָס פירט אַ חשבון פון אייער שאַפן. — איך וויל וויסן, ווען איר פּרואווט אַליין אַמאָל אונטערפירן אַן אונטערשטע שורה צו אייער קינסטלערישער טעטיקייט, אויף וועלכע ווערק שטעלט איר זיך דאַן אָפּ, וואָס פאַר אַ ווערק זיינען אייך ליב און טייער, באַזונדערס ליב און טייער?

דאָ צעשמייכלט זיך שלום אַש, ווי מע וואָלט אים געכאַפּט ביי עפּעס אַ שוואַכקייט. ער געפינט נישט לכתחילה קיין פּאַסיקע ווערטער צו פאַרענט־

פערן זיין פאַרלוירנקייט. גיי באמת און זיי אַ בריה אויסצוטיילן צווישן טייערע, טיף־איינגעבאַקענע אין האַרצן אייגענע קינדער, וועמען מער און וועמען ווייניקער מע האָט ליב?

אַז שלום אַש שווייגט, פּרואוו איך ווייטער רעדן.

— אָבער מיר דאַרפן געדענקען, — גיב איך צו שלום אַשן, — אַז אין דער באַציאונג פון אַ קינסטלער צו זיינע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן און ביי פאַרשיידענע סיטואַציעס, קאָן מען אָפט דערקענען און דערגיין זיין איצטיקן געמיט־צושטאַנד און זיין איצטיקע אידייאישע איינ־שטעלונג. ווי ביי אַן ערנסטן לייענער אַזוי אויך ביי דעם מחבר גופא קאָנען און דאַרפן זיין פאַרשיידענע באַציאונגען צו זיינע אייגענע שאַפונגען. וואָס עס איז אַמאָל געווען באַזונדערס נאָענט, קאָן ביי אַ געענדערטער לאַגע ווערן פרעמד און ווייט.

שלום אַש ענטפערט לסוף אָט וואָס:

— דער אומגליק מיט מיר, וואָס איך קוק ווייניק אויף צוריק. רעטראָ־ספּעקטיוו קוקן אויף דעם אייגענעם שאַפן, — דאָס איז מיר פרעמד. פאַרלויפיק בין איך פאַרכאַפּט פון אַלץ־נייע לעבנס, פון אַלץ־נייער טעמאַטיק, און די פריערדיקע ווערק ווערן ווי אָפּגערוקט אָן אַ זייט. אָבער אַז איך טו איצט אַ טראַכט, קאָן איך אייך זאָגן, אַז איך האָב שטאַרק ליב „די מוטער“, דעם ערשטן טייל „מאָטקע גנב“. פאַרוואָס? ווייל עס איז דאָ אין זיי פיל מענטש־לעכקייט. איך האָב זייער ליב אייניקע קאַפּיטלען אין מיין „תהילים־ייד“ און „קידוש השם“. און — טוט זיך אַש אַ כאַפּ — איך האַלט דאָס „נאַזאַרין“־בוך פאַר דאָס גרעסטע ווערק, וואָס איך האָב ווען געשאַפן . . .

און אַ ביסל ווי איבערגעריסן דעם פאָדעם פון זיין געדאַנק, טוט אַש אַ זאָג:

— איך קוק אָפט מיט באַזונדערער בענקשאַפט אויף מיינע קליינע דער־ציילונגען. אָפט פאַרגלוסט זיך מיר ווידעראַמאָל צו שרייבן מיט אַזאַ לייכטן הומאָר, ווי איך האָב דאַן געשריבן . . . און יאָ? — גיט זיך ווידער שלום אַש אַ דערמאָן — „וואַרשע“! דאָס איז אָן ספק איינס פון מיינע בעסטע ווערק.

— און זאָגט מיר, אַש, ווי מיינט איר — האָט אויף אייער שרייבן נישט שלעכט געווירקט, וואָס איר האָט באַדאַרפט צושטעלן ראָמאַנען פאַר דער צייטונג? און איז עס נישט געווען דער „פאָרווערטס“ די צייטונג, וואָס האָט פאַרלאַנגט פון אייך צו שרייבן שפּאַנענד, רייצנד, עס זאָל „נעמען“ דעם לייענער?

— זעט איר, — זאָגט אַש, — דווקא אין אָט דער הינזיכט האָט קאַהאַן פאַרזענלעך און אויך דער „פאָרווערטס“ מיך באַהאַנדלט ליבעראַל. חוץ אַ פּאָר

פּאַלן, ווען איך האָב געקראָגן פון קאַהאַנען אומאַנגענעמע בריוו, קאָן איך נישט געדענקען, מ׳זאָל מיך צווינגען דווקא יאָ צוזושטעלן מאַטעריאַל פאַר דער צייטונג. איך דאַרף צוגעבן, אַז אַפריער, ווען עס איז געווען אָן אָפענע וועלט, בין איך דאָך געווען מער אומאָפּהענגיק, און דער „פאָרווערטס״ איז געווען בלויז איינער פון די אָרגאַנען, אָבער ווייט נישט דער איינציקער וואו איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען דורך אים צום עולם. עס איז געווען אַ גרויס און ברייט פעלד אין פוילן. אָבער מע טאָר נישט פאַרלייקענען דעם אמת: טעגלעכע צייטונגען האָבן אויפן קינסטלער אָפּט אַ שלעכטן איינפלוס, ער מוז זיך רעכענען דערמיט, וואָס ער ווערט געלייענט דורך אַ גרויסן עולם און דערצו, — וואָס מע לייענט זיין ווערק אין פאַרזעצונגען. בכלל אָבער האָב איך אַלעמאָל זיך באַמיט אָנצוהויבן דרוקן אַ זאַך, ווען אַ גרויסער טייל איז שוין געווען ביי מיר פאַרטיק . . . מע דאַרף אויך געדענקען, אַז אונדזער צייט איז זייער ראַשיק און אימפּעטיק, מע ווערט כסדר אַריינגעצויגן אין אַ נייעם געווירבל, צי מע וויל צי מע וויל נישט. אָט האָב איך געהאַט בדעה נאָך דעם ערשטן גרויסן טייל פון מיין ווערק „ביים אָפּגרונט״, וואָס שילדערט דעם אויפקום פון היטלעריזם, שרייבן דעם צווייטן טייל. אָבער ביי די געשעענישן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט, איז עס געווען אוממעגלעך, און מע וועט עס מוזן טאָן ערשט דאַן, ווען היטלער וועט שוין באַקומען די ענדגילטיקע מפּלה. דאַן וועט מען שוין קאָנען געבן דעם רעזולטאַט פון אַלדאָס שלעכטס און בייזס, וואָס דער היטלעריזם האָט געבראַכט מיט זיך אויף דער וועלט און אויף יידן.

און אַז מע האָט שוין דערמאָנט דער היטלעריזם, קאָן מען שוין פון אים זיך נישט אַרויסדרייען. אונדזער שמועס טוט זיך גלייך אַ קער צו די שטימונגען, וואָס עס הערשן איצט אין אונדזער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. מיר שטעלן זיך אָפּ אויף דער צעריסנקייט און צעשפּליטערטקייט, וואָס עס הערשט נאָך איצט אויף דער יידישער גאַס.

שלום אַש ווערט פונדאַסניי אָנגעצונדן און ער חזרט איבער די ווערטער, וואָס ער האָט מיר ביי די לעצטע באַגעגענישן שוין נישט איין מאָל געזאָגט:

— מיר אַלע טראָגן די שולד פאַר דער צעריסנקייט, וואָס עס הערשט ביי אונדז. יעדער איינער איז אין אַ געוויסן זין שולדיק. און דאָס סאַמע ערגסטע — אונדזער אומטאָלעראַנץ איינער צום אַנדערן און צום צווייטנס אידייען און איינשטעלונגען. די צעריסנקייט און אויך די עקשנות, מיט וועלכער מע האַלט זיך ביים אייגנס און מע באַקעמפט אַזוי שאַרף און ביטער דעם צווייטן. אין אָט דער היינזיכט האָבן מיר פיל וואָס צו טאָן, און יעדער איינער איז מחויב דאָ צו העלפן, אַז עס זאָל נעמען אַ סוף צו אַזאַ טרויעריקן צושטאַנד.

— אונדזער שטעלונג אין דער װעלט — זעצט פֿאָר שלום אַש — איז איצט זײער אַ קלאָרע. אין די לעצטע 50 יאָר האָבן צװײ ריכטונגען אין אונדזער יידישן לעבן זיך נישט אויסבאַהאַלטן מיט זײער צוגעהעריקײט צו יידן און מיט זײערע פֿאָדערונגען װי יידן. זײ האָבן נישט געאַרבעט אינקאָגניטאָ, נאָר פֿראַנק און פֿרײַ, אָפֿן; דאָס איז די ציוניסטישע באַװעגונג און די רעװאָ־לוציאָנערער באַװעגונג בײַ יידן. װען מיר קוקן זיך גוט צו אויף די פֿאַר־גאַנגענע יאָרן זעען מיר, אַז בלויז די צװײ באַװעגונגען — די יידישע אַר־בעטער אין ארץ־ישראל און די רעװאָלוציאָנערע יידישע מאַסן אין רוסלאַנד, װאָס זײַנען געװען אָפֿן מיט זײער קאַמף, מיט זײערע טעטיקײטן, זײַנען געװען פּרוכטבאַר און האָבן דעריבער אַ סך אויפֿגעטאָן. מע מוז עס איצט, מער װי װען עס איז, שטאַרק באַטאָנען, אַז נאָר דערפֿאַר, װאָס יידן האָבן זיך אַקטיװ און אָפֿן באַטייליקט אין דער רוסלענדישער רעװאָלוציע און דערפֿאַר װאָס זײ האָבן אַרײַנגעבראַכט אין אַט דעם קאַמף זײער לײַב און לעבן, און בעיקר — װאָס זײ האָבן זיך באַטייליקט אינעם קאַמף װי יידן, װי יידישע מאַסן, דאָס האָט געבראַכט דערצו, װאָס עס זײַנען געװען װאונדערלעכע פּרוכטן, און עס זײַנען דאָ גוטע רעזולטאַטן.

און דאָס זעען מיר באַזונדערס באַשײַנפּערלעך אין דער באַציאונג צום יידן אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד. דאָס װאָס דער סאָװעטישער רעזשים האָט אַזױ אָפֿן און ערלעך געהאַנדלט צו יידן, נישט געקוקט אויף די פֿאַרשיידענע זיג־זאַגן, װאָס אונדזער געשיכטע און די װעלט האָבן אַדורכגעמאַכט די אַלע 24 יאָר, דאָס װאָס די סאָװעטישע רעגירונג האָט אַרויסבאַװיזן צו יידן אַזאַ באַ־ציאונג, אַזאַ טרײַקײט — דאָס איז געװיס אַ פּועל־יוצא פֿון דעם קלאָרן, באַ־שײַנפּערלעכן אָנטײל פֿון די יידן אין דער רוסלענדישער רעװאָלוציע. נישט קײן געשענקטע פֿרײַהײט איז געגעבן געװאָרן די יידישע מאַסן אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד, יידן האָבן עס געקראָגן נישט װי אַ מתנה, נאָר זײ האָבן עס דער־װאָרבן דורך זײער עקשנותדיקן קאַמף אין און פֿאַר דער רעװאָלוציע. דעריבער איז דאָרט נישט מעגלעך געװען קײן אַנטיסעמיטיזם, קײן אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, — און עס איז נישט מעגלעך געװען נישט דערפֿאַר, װײַל עס איז באַקעמפֿט געװאָרן פֿון אויבן, נאָר דערפֿאַר, װײַל עס איז געװען אַזױ די באַציאונג צו יידן פֿון די סאָװעטישע פֿעלקער גופֿא.

דעריבער — גײט צו שלום אַש — פֿאַרשטײ איך נישט איצט די עלעמענטן בײַ אונדז, װאָס זײַנען גאָר קעגן אַ ספּעציעל־יידישער פֿאַרטרעטערשאַפֿט, קעגן אַ יידישן קאָנסיל אין דער אַלגעמײנער הילף פֿאַר די סאָװעטישע העלדישע קעמפֿער. יידן דאַרפֿן זיך נישט אויסבאַהאַלטן מיט זײער הילף, מיט זײער סימפּאַטיע, מיט זײער טיפֿער פֿאַרהערלעכונג פֿאַר דער רויטער אַרמײ,

פֿאַרן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, וואָס פֿירט איצט דעם בלוטיקן קאַמף פֿאַר אונדז אַלעמען.

— מיר לעבן איצט איבער אַן אויסטערלישע צייט, אָבער מיר דאַרפֿן זיין באַזונדערס גרייט און ראוי צו דעם, וואָס קומט באַלד נאָכן איצטיקן וועלט־קריג. עס איז קיין ספק נישט, אַז אַלע אונדזערע ווערטן וועלן מוזן געשטעלט ווערן צו אַ שטרענגער רעוויזיע. מיר שטעלן זיך נאָך אַליין גאַרנישט פֿאַר וואָס פֿאַר אַן ערנסטע רעוויזיע עס שטייט אונדז פֿאַר אויף פֿאַרשיידענע געביטן און זייטן און ווינקלען אינעם אַלגעמיינעם און יידישן לעבן. מיר קאָכן זיך נאָך אין דעם פֿייער, עס וועט נאָך פֿאָרקומען אַ רייניקונגס־פּראָצעס. דערפֿאַר קוק איך אויף די פֿאַרשיידענע קאָמיטעטן, וואָס פֿאַרנעמען זיך גלאַט אַזוי מיט צוגרייטן פּראָיעקטן און פּלענער אויפֿן נאָכן קריג, מיט אַ געווויסן אומ־צוטרוי. ווער ווייסט, ווי ווייט מיר וועלן דערנאָך אַוועק פֿון די אַלע פּשרה־דיקע, פֿאַרעווע פּלענער! די צייט וועט דיקטירן גאָר אַנדערע אויסגאַנגען און אויספֿירן . . .

מיטן אויסגאַנג פֿון דער מלחמה, מיטן גרויסן זיג איבער דעם פֿאַשיזם מוז געשאַפֿן ווערן אַזאַ לאַגע, אַז דער ייד זאָל פֿולשטענדיק קאָנען לעבן און זיך אויסלעבן ווי אַ ייד און ווי אַ מענטש. און נישט בלויז אין ארץ־ישראל. ארץ־ישראל וועט ניט קאָנען עקזיסטירן, ווען די גאַנצע וועלט וועט נישט זיין פֿאַרן יידן קיין ארץ־ישראל. מיר מוזן איצט שטרעבן צו שאַפֿן די גאַנצע ליכטיקע וועלט, און נישט טראַכטן בלויז וועגן איין ליכטיק פּינטל.

איך גלויב און איך בין טיף איבערצייגט — העכערט שלום אַש זיין שטימע, — אַז נאָך דעם איצטיקן וועלט־קריג וועט אויפֿשטיין אַ נייע וועלט. מען וועט אויסראָטן אין זיך, אין יעדן איינעם פֿון אונדז די שלעכטע איינ־שטעלונגען, די שלעכטע טראַדיציעס, — סיי ביי די יחידים און סיי ביי די פֿעלקער. מען וועט מוזן ברענגען צו אַן ענגערער פֿעלקער־דערנעענטערונג, צו אַ פֿעלקער־פֿאַרשטענדיקונג, וואָס זאָל זיין געבויט אויף אינעווייניקסטער באַ־ציאונג, אויף אינעווייניקסטן צוטרוי און אויף אינעווייניקסטער פֿאַרערונג. און דאָס דאַרף מען פֿריער פֿון אַלץ איינפֿירן אין די אייגענע רייען. מיר וועלן מוזן געפֿינען אַ געמיינשאַפֿטלעכע אינעווייניקסטע שפּראַך צווישן פֿאָלק און פֿאָלק, מיר וועלן דאַרפֿן אַריינשפּריצן אַזאַ מין גייסטיק בלוט איינער דעם אַנדערן.

— ווייסט איר, — קאָן שלום אַש זיך מער נישט אָפּשטעלן, — איך האָב עס שוין געזאָגט איניקע מאָל: מע מוז איצט פֿאַרגעסן אַלע טענות, אַלע דערווידערונגען, און דאָס דאַרפֿן מיר אַלע איצט טאָן, — אַלע מוזן מיר איצט זיך אַריינוואַרפֿן אין דער הייליקער אַרבעט — וואָס־גיכער צו דערנעענטערן

די מפלה פון היטלעריזם און פאַשיזם. און דאָן, דערנאָך וועט זיך ערשט אָנהויבן אַ ניי לעבן און עס וועט זיין צוליב וואָס צו לעבן. אַוודאי קאָנען מיר נאָך איצט נישט אָנצייכענען געגוי דעם פּלאַן, די פּלענער פאַר אונדזער וויטער־דיקן לעבן, אָבער דער יסוד מוז זיין געבויט אויף אייניקייט, אויף פאַר־שטענדיקונג, אויף טאָלעראַנץ...

שלום אַש איז אויסגעשעפּט פון אויפרעגונג, און ער רייסט איבער זיין שמועס.

און אַז מיר צעשיידן זיך, טוט שלום אַש אַ זאָג צו מיר וואוילינגעריש:

— און איצט בין איך ביי אייך אין די הענט, טוט מיט מיין שמועס וואָס איר ווילט.

1942

פּרץ הירשביין

פּרץ הירשביין — דער מענטש און קינסטלער. דאָס מענטשלעכע אין אים שפּיגלט זיך אָפּ אין זיינע ווערק, און דאָס קינסטלערישע איז אַ באַשטאַנד־טייל, אַן עיקר־עלעמענט אין זיין וועזן, אין זיין כאַראַקטער. ער איז געקומען אין דער ליטעראַטור, פריער אין דער העברייאישער און דערנאָך אין דער יידישער, אַנהויב דעם היינטיקן, 20טן יאָרהונדערט, און דאָס האָט פיל, זייער פיל צו זאָגן. ווי זיינע מיטצייטלער אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש, איז פּרץ הירשביין געווען דורכאויס אַ קולטור־שאַפערישער פּראָדוקט פון אַנהויב דעם 20טן יאָרהונדערט.

דער נייערער יידישער שרייבער האָט געהאַט פאַר זיך דעם יחיד, און אָפּט טאַקע זיך אַליין ווי אַ יחיד. דער איינצלנער, דער פּרט, שיילט זיך און טיילט זיך אויס פונעם כלל. דאָס איז געווען דער סימן מובהק, דער כאַראַק־טער־שטריך פון דעם נייערן יידישן שרייבער. דאָס יידישע לעבן איז שוין ווייט נישט קיין באַזונדער וועלטל ווי אַמאָל, עס זיינען שוין פאַנאַנדערגעוואָרפן געוואָרן די צוימען, די מחיצות צווישן דער יידישער און אַרומיקער וועלט. דער יינגערער שרייבער איז שוין מער נישט קיין פולע, גאַנצע נאַטור, אַ יידישע וועלט פאַר זיך, ווי עס איז געווען דער פריערדיקער עלטערער יידישער שרייבער. און אַזוי זיינען אויך זיינע ווערק, ס'איז נישטאָ אין זיי יענע גאַנצ־קייט, אָפּגעשלאָסנקייט ווי אין די ווערק פון די שרייבער פונעם 19טן י"ה.

אין לויף פון די 45 יאָר, וואָס פּרץ הירשביין האָט געשאַפן, האָט ער דורכגעמאַכט די פאַרשיידנסטע איבערוואַנדלונגען. ער האָט אויסגענוצט די פאַרשיידענע פאָרמען אין זיין שאַפן. אָט שרייבט ער לידער, אָט — דראַ־מאַטישע ווערק, אָט — לידער אין פּראָזע און אָט — רייזע־שילדערונגען און ראָמאַנען און מאָנאָלאָגן און ווידער דראַמען. און זיינע דראַמאַטישע שאַפונגען, אָנגעהויבן פון זיין נאַטוראַליסטישער דראַמע „מרים" (1905, אין העברייאיש; אין יידיש דערשינען מיט אַ יאָר שפּעטער!) ביז זיינע לעצטע דראַמאַטישע שאַפונגען איז פּאָלג מיך אַ גאַנג. ער האָט פאַרפאַסט צענדליקער דראַמעס, — רעאַליסטישע, סימבאָלישע, מיסטישע, ראָמאַנטישע, נאַטוראַליסטישע, פאָלקסטימלעכע, פּסיכאָלאָגישע, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, וואָס אַ גרויסע צאָל

פון זיי האָבן זיך געהאַלטן לאַנגע צייט אויף דער בינע, אויף דער יידישער, העברייאישער, ענגלישער, רוסישער א. אַז. וו. צווישן זיינע רייזע־שילדערונגען זיינען פאַראַן וואַגיקע אָפּשאַצונג־ווערק איבער די באַשריבענע לענדער מיט דעם אַקצענט אויף דער פּאָליטישער און סאָציאַלער זייטן פון זייער לעבן. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ צאַרטע לעבנס־געשיכטע, זיינע „קינדער־יאָרן״, און ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט אין דעם צווייטן טייל פון זיין אויטאָביאָגראַפיע (דערווייל נאָך נישטאָ אין בוכפאָרם!) דאָס קולטור־קינסטלערישע לעבן פון דער יידישער ליטעראַטור־וועלט אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט, מיט אויס־פּירלעכע כאַראַקטעריסטיקעס פון אירע וויכטיקסטע פאָרשטייער.

פּרץ הירשביין איז פיל פאַרשיידנאַרטיקער, פאַרצווייגטער, אַלזייטיקער, ווי מיר שטעלן זיך אויבנאויף פאָר. און צו דעם אַלעמען איז נישטאָ נאָך אַ שרייבער ביי אונדז, ווי הירשביין, וואָס זאָל האָבן פולע שפּייכלער, פולע שופ־לאָדן מיט פאַרטיקע ווערק, פון לאַנג אָנגעשריבענע און נאָך נישט פאַר־עפנטלעכטע. און ווער מען אַלץ דאָס, וואָס ער האָט געשאַפן פאַר די פיר צענדליק יאָר, צונויפנעמען, וועט עס האַלטן אַ גוטע 40 בענד.

און טרעפט איר פּרץ הירשביינען און זייט איר מיט אים נאָענט, — און איך קען שוין הירשביינען אַ 35 יאָר, — וועט איר גלייך דערוויסן זיך וועגן נייע שאַפונגס־פּלענער, וועגן פאַרשיידענע ווערק, וואָס ער האַלט אין טראָגן און אויסטראָגן. עס לאָזן אים שטענדיק נייע טעמעס, נייע סיזשעטן. עס ליגן ביי אים פיל אָנגעהויבענע ווערק, דראַמאַטישע שאַפונגען, אויספאָרשונגען פון שפּינען, אָדער גאָר שילדערונגען פון אייגענע פאַרגאַנגענע יאָרן.

פון איין זייט זעט ער אויס, ווי דער אויסדרוק אין תנ״ך: „ווי די וואַסערן פון דעם טייך השלח, וואָס פליסן פּאַמעלעך״, אָבער פון דער אַנדערער זייט פאַרמאָגט ער אַן אינעווייניקסטן אימפּעט, אַן אינעווייניקסטן אומרו, וואָס איז באַקאַנט בלויז נאָענטע מענטשן.

פון אויבנאויף, פון דער זייט און ווייט, ווען מען רעכנט אויס אין געדאַנק די ווערק פון פּרץ הירשביין פאַר די יאָרצענדליקער פון זיין פּראָדוקטיוון שאַפן, קאָן זיך אויסדוכטן, אַז עס זיינען דאָ אין אים צופיל דייטיקע, פרעמדע טעמעס, צופיל פרעמדע ווירקונגען, צופיל „אַפּנייגן״ פון דעם אייגענעם ברייטן שליאַך, צופיל בלאָנדזשענישן און וואָגלענישן איבער דער פרעמד. אָבער אין דער אמתן האָט ער ווייניק ווערק אַדאַפּטירטע, געבאָרגטע, שטיף־ווערק. ווען מען קען אים נעענטער און מען טראַכט זיך אַריין אין זיין כאַראַקטער, אין זיין לעבנס־גאַנג, ווען מען דערוויסט זיך זיינע איבערלעבענישן פון דער היים, פון די וויטערדיקע לעבנס־גלגולים, איבערצייגט מען זיך, אַז אויך אָט די ווערק, וואָס זעען אויס צו זיין אונטערן איינפלוס פון דורכאויס פרעמדע

קינסטלער, זיינען סוף־כל־סוף אייגענע, טיף־סוביעקטיווע. אין דער אמתן איז ער אַ רעאַלער, רעאַליסטישער שרייבער, אַ האַרט־ביי־דער־ערדיקער. סוף־כל־סוף איז ער שטענדיק געווען און געבליבן טריי זיך אַליין, זיין איי־גענעם כאַראַקטער, זיין אינעווייניקסטער וועלט, וואָס ער האָט זעלטן ווען פאַרלאָזט, אַפילו ווען ער האָט אַנגעשפּאַרט אין די ווייטסטע ווינקלען פון דער ערד.

אומעטום זעען מיר דאָס עכט־הירשביינישע, דעם מערקווירדיקן געמיש פון דעם פאָלקסטימלעכן מיטן אַדעליקן, פּרימיטיווקייט און ראַפינירטקייט, יידישלעכס און וועלטלעכס. אַזוי די טעמעס, אַזוי דער שטאָף, וואָס ער בויט פון זיי זיינע ווערק, און אַזוי אויך די פאָרם, די שפּראַך און סטיל. אַט ריזלט זיך אַ קוועלכל פון באַרג אַרויס, אַט האָבן מיר פאַר זיך אַ שטיק פּרימיטיווע נאַטור, און אַט געקינצלטע אַראַנזשערייען, אויפגעבויטע וואַסערפאַלן. אַט דאָס הייזל אויף קלעצער, זיי וואַסער־מיל, וואו ער איז געבוירן און אויפ־געוואַקסן, און אַט הימלקראַצערס. עס איז אין אים דאָ די בענקשאַפט אַרויס־צוברענגען „די פּוסטע קרעטשמע", „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", „די גרינע פעל־דער", און אויך „אויפן שייד־וועג", „אין שאָטן פון דורות". דאָ האָבן מיר אַ פיינעם הומאָר, און דאָ אַ שווערע ערנסטקייט. דאָ פאַרגאַפונג און דאָ רעזיגנאַציע.

דויער און אויסדויער, ווייטער בליק און אויסבליק — דאָס זיינען די געבענטשטע אייגנשאַפטן פון פּרץ הירשביין דעם מענטש און קינסטלער. ער האָלט נישט פון כלל — קאָן מען נישט אַריבער, מוז מען גלייך אַרונטער. קאָן מען איצט נישט דורכברעכן די וואַנט פון גלייכגילט, פון הפקרות, פון שונד, פון לייכטקייט און לייכטזין, מוז מען וואַרטן און אויסוואַרטן, און זיין גרייט, כדי אין דעם געהעריקן מאָמענט מאַכן דעם אַנגריף. ער האָט צייט! אין זיינע שופלאָדן ליגן אַרבעטן, אַרטיקלען, פראַגמענטן פון גרעסערע זאַכן, וואָס מען האָט נישט געקאָנט פאַרעפנטלעכן אין דער אָדער אַנדערער צייט. עס וועט נאָך קומען די געהעריקע שעה, ווען מען וועט שוין קאָנען קומען מיט דעם וואָרט. איך קען ביי הירשביינען עטלעכע אַרטיקלען פון זיין סעריע רייזע־באַשרייבונגען פון ארץ־ישראל, וואָס זיינען אין זייער צייט נישט פאַר־עפנטלעכט געוואָרן. עס וואָלט אַרויסגערופן צופיל בייז בלוט, עס וואָלט שלעכט אויפגענומען געוואָרן, דער מחבר וואָלט פאַרשריגן געוואָרן. אָבער די אַרטיקלען זיינען אַנגעשריבן געוואָרן. זיי ליגן ווי עדות פאַר איבער־געלעבטע איינדרוקן, פאַר דרייסטע געדאַנקען, וואָס האָבן באַהערשט בשעת מעשה דעם דיכטער.

די הירשביין־געשטאַלט באַשטייט פון פאַרשיידענע עלעמענטן. זי האָט

פיל גאַמעס. ווען מען דאַס שאַפן, די פּאַרפאַסטע ווערק באַרויבן, ליידיקן אויס ביזן דעק און לאָזן פאַר זיך גאָרנישט איבער, און ווער עס לאָזט איבער שטענדיק מער פאַר זיך, שעפּט נישט אויס זיך אינגאַנצן. פּרץ הירשביין געהערט צו די שאַפערישע נאַטורן, וואָס וואָס־מער זיי שעפּן פון די אייגענע קוואַלן, אַלץ־מער קומען צו נייע שטראָמענדיקע, לויטערע וואַסערן. זיין יעדעס ניי ווערק באַרייכערט אים, וועקט אויף נייע מעגלעכקייטן, מאַכט אים מער שאַפעריש און פּראָדוקטיווער. פּרץ הירשביין איז נישט געבוירן אין אַ קינסטלעריש „זיידן העמדל״ — ער האָט פאַרוועגדט פיל מי, אָנשטרענגונג און שאַפערישן דראַנג, כדי צו דערגרייכן יעדעס מאָל נייע האָריזאָנטן אין זיין שרייבן.

איך האָב דאָ נישט לאַנג געבלעטערט זיין עלעגאַנט ביכל מיטן נאָמען „מיין בוך״, אַרויס מיט איבער 30 יאָר צוריק, וואו עס זיינען אויפגעקליבן זאַכן און זאַכעלעך, וואָס פּרץ הירשביין האָט אָנגעשריבן אין די יאָרן 1907־1912 — נישט אַזוי אָנגעשריבן, ווי אויסגעדיכטעט. איצט קוקן זיי אויס יונגטלעך, ראָמאַנטיש און ביז גאָר נאַאיוו. אַזוי די שפּראַך, און אַזוי אויך די נאַטור־בילדער און טרוים־מערישקייט. אָבער איך דערמאָן מיך ווי דאַן, אין דער גרויער צייט פון דעם רוסלענדישן לעבן, אין די שווערע רעאַקציע־יאָרן, אין דער אַלגעמיינער דערשלאָגנקייט, ווען קעפּ זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט, הערצער פאַרקלעמט, געמיטער דערדריקט, — ווי גוט עס האָבן דאַן געווירקט די וואַנדער־טרוימען, די ראָמאַנטישע און סימבאָלישע מעשהלעך וועגן רויזן, יונגטלעך, ראָמאַנטיש און ביז גאָר נאַאיוו. אַזוי די שפּראַך, און אַזוי אויך די ליליען, וועגן איינזאַמען דעמב, וועגן ליכט־אויפגאַנג און זון־פאַרגאַנג.

איך האָב אין 1915־1916 איבערגעזעצט אויף רוסיש איניקע הירשביינס בלעטלעך פון אַלבאָם און זיי פאַרעפנטלעכט אין אַן אַרבעטער־צייטונג „פּערמ־סקאַיאַ זשיזן״ (פּערמער לעבן), און זיי האָבן ביי די רוסישע פאָלקס־מענטשן שטאַרק אויסגענומען.

* * *

שוין אין די יונגע יאָרן האָט פּרץ הירשביין אַרויפגעוואָרפן אויף זיך לאַסטן, אחריותן, וואָס ער האָט געטראָגן מיט עקשנות און פאַרגלויבטקייט. אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, נעמט ער אויף זיך די שווערע אויפגאַבע צו שאַפן אַ יידיש טעאַטער אין צאַרישן רוסלאַנד; ער טראָגט אויף זיך די שווערע לאַסט ביז ער פאַלט אום אונטערן עול. ער נעמט פאַר ווייטע רייזעס אין עקן וועלט, זוכט־אויף הינטער הרי־חושך יידישע קיבוצים און דערנעענטערט זיי צו דער גרויסער יידישער וועלט. ער האָט באַזוכט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ער איז נישט יוצא מיט אַ קורצן טוריסטן־זוויזיט, מיט

אָפּכאַפּן דאָס ביסל כבוד און פּאַרטיק, — ער איז טאַקע אָפּגעווען אין די דאָרטיקע בויענדיקע יידישע קאָלאָניעס איבער אַ יאָר צייט, אויפגענומען אַלע זייערע שוועריקייטן און דערנאָך עס געשילדערט מיט פיל באַהאַרציקייט און נאָענטקייט אין זיין בוך „רויטע פעלדער".

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט פּרץ הירשביין וועגן די עיקר־אידייען און די הויפּט־מאָטיוון פון זיין שאַפן. האָט ער מיר אויפגעקלערט, אַז „מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דער אַלטער יידישער לעבנס־שטייגער איז שוין אינגאַנצן אַוועק, און עס האָט זיך אים דעריבער געוואָלט צו פאַרצייכענען די פאָלקס־טימלעכע מאָטיוון, וואָס האָבן אין אים גופא און אין זיין ארום געלעבט. ער האָט זיך באַמיט אָט־די מאָטיוון צו געבן אין זיינע לענגערע און קירצערע דראַמאַטישע שאַפונגען", און ער איז צופרידן געווען, האָט ער געזאָגט, פון זיין אַרבעט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז „נאָך דער רעוואָלוציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און נאָך די גרויסע וואַנדערונגען פון די יידישע מאַסן אין די נייע לענדער, איז צייטווייליק אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס, וואָס מיר פאַרשטייען אונטערן נאָמען טראַדיציאָנעלער גייסט אין אונדזער לעבן". און פּרץ הירשביין האָט געזאָגט: „איך באַטראַכט פאַר זייער וויכטיק און גרויס אין אונדזער ווירקלעכקייט פאַר די לעצטע 50 יאָר נישט נאָר דאָס, וואָס מיר האָבן איבער־געוואַנדערט אין גרויסע מאַסן אין נייע לענדער, נאָר אויך דאָס, וואָס מיר האָבן אויסגעוואַנדערט אין אונדזער אינעווייניקסטן לעבן פון מיטלאַלטער און אַריינגעוואַנדערט אינעם גייסט פון דעם 20־טן יאָרהונדערט. דאָס איז אַ גרוי־סער און וויכטיקער פּראָצעס אין אונדזער יידישער וועלט. און דאָס — אָט־דיביידע וואַנדערונגען — איז אפשר די וויכטיקסטע הויפּט־טעמע פון מיין שאַפן אין דער לעצטער צייט..."

מיין באַקאַנטשאַפט מיט פּרץ הירשביינס ווערק און די נאָענטע פּריינט־שאַפט מיט אים גופא הייבט זיך אָן העט־ווייט, אַמאָל אין די יונגע יאָרן, ווען מ'האָט ערשט אָנגעהויבן זיך באַקענען און דערנעענטערן מיט די שאַפונגען פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור און מיט די שאַפער־מיטצייטלער.

דער נאָמען פּרץ הירשביין איז דערגאַנגען צו מיר צום ערשטן מאָל דורך זיינע שטרענג־נאַטוראַליסטישע העברייאישע דראַמעס, וואָס ער האָט פאַר־עפנטלעכט אין ווילנער העברייאישן מיוחסדיקן חודש־זשורנאַל „הזמן" אין 1905־1906. דאָרט האָט זיך קאָנצענטרירט די גאַנצע אָנגעזעענע העברייאישע שרייבער־משפחה מיט פרישמאַנען בראש. אין דעם חודש־זשורנאַל, וואו עס האָבן זיך געדרוקט די סאַמע „זעמל־מעל" פון דער העברייאישער ליטעראַטור, זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיינע פיר־אַקטיקע העברייאישע דראַמעס:

„מרים", „עולמות בודדים", און „הולכים וכבים". די פּיעסעס האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט דער האַרבער וואָר, וואָס איז דאָרט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. אַ גרוי, טראַגיש לעבן פון די יידישע קעלערס. אָן אַ טראָפּן ליכט. אָן אַביסל לופט שמאַכטן און וועלקן די לעבנס. דאָס אַלץ איז געשילדערט געוואָרן מיט רירנדיקן מיטלייד און מיטגעפיל. שפּעטער האָבן זיך באַוויזן קורצע בילדער פון ווילנער דחקות און בויט ערגעץ אין אַ זשורנאַל פון דעמזעלבן פּרץ הירשביין. דעריבער האָבן שפּעטער שטאַרק איבעראַשט די עלעגאַנטע בלעטלעך פון זיין „אַלבאָם", וואָס האָבן זיך דאַן באַוויזן אין פאַרשיידענע זאַמלונגען און צייטשריפטן. אַנדערע באַגערן, אַנדערע פאַרבן, אינגאַנצן אַן אַנדער קינסטלער-וועלט. און אָט קומען די אויסטערלישע „וואַנדער-טרוימען" אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" (1908), — און ווידער עפּעס אַ נייער הירשביין, מיט האַרץ און בליקן אין ווייטע וועלטן. תפילות און באַגערן פון אַ טרוימער, וואָס שוועבט אין הויכע ראָמאַנטישע עולמות. און גאָר אינגיכן אַ נייע איבעראַשונג: הירשביין מיט זיינע סימבאָלישע און מיסטישע דראַמאַטישע פּעמעס — „אויף יענער זייט טייך", „קברים-בלומען", „דעמערונג". צוויי פאַרשיידנאַרטיקע הירשביינס, — ווער פון זיי איז עכטער, אייגנטלעכער?ווירקלעכקייט און טרוים, וואָר און פאַנטאַסטיק, טונקעלע קעלערס און ליכטיקע אַלבאָם-בלעטער! און אָט קומען די פּיעסעס „נבלה" און „דער אינטעליגענט", וואו הירשביין דעקט אויף שטיקער פון דעם אידייאישן גרונט אויף דער יידישער גאַס, אויפגאַנגען און אַפּגאַנגען פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון נאָך 1906. און די דראַמעס: „אויפן שייד-וועג", „יואל", „דער לעצטער", — טיף-נאַציאָנאַלע דראַמען, וואו הירשביין דערקלייבט זיך צו די אייביקע „פאַרשאָלטענע" קיום-פּראָבלעמען פון דער יידישער נאַציע, פון זיין און נישט-זיין פון יידישן פאָלק. קלאַנגען און אָפּקלאַנגען פון יידישן ווי און פון „נצח ישראל לא ישקר". און צווישן אָט-די אַלע פאַרשיידנאַרטיקע ווערק ריזלען אַריין נייע געזונטע, דאָרפישע פאָלקס-אידיליעס מיט זייער עכטקייט און פּרימיטיווקייט — „תקיעת כף" און „די פּוסטע קרעטשמע" און די אַלע איבעריקע פרישע, קרעפטיקע פאָלקסטימלעכע פּיעסעס, אין וועלכע עס קומען- אויף פּשוטע נייע פאָלקסמענטשן מיט אַ נייעם ווייניק-באַרירטן לעבנס-שטייגער, מיט נייע קרעפטיקע פאַרשווינגען און מיט אַ נייער זאַפטיקער, יאָדער-דיקער שפּראַך און מיט דעם אַראָמאַט פון פעלד און וואַלד.

און עס דערגייען דורך צייטונגען און בעל-פּה פאַרשיידענע מעשיות וועגן דער הירשביין טעאַטער-טרופּע, וואָס איז אָרגאַניזירט און ווערט אָנגעפירט דורך אים. פּרץ הירשביין וועקט וואָס-וויטער אַלץ מער אינטערעס און נייגיר. און אָט באַוויזן זיך איבערזעצונגען פון הירשביינס ווערק אין די אָנגעזעענסטע

רוסישע זשורנאַלן און זאַמלביכער (אויך אין די באַרימטע זאַמלביכער, וואָס לעאָניד אַנדרעיעוו גיט אַרויס — „שיפּאָווניק"), און באַגייסטערטע אַרטיקלען אין דער רוסישער פּרעסע וועגן דעם סימבאָליסט הירשביין, וועלכן מען שטעלט אין איין ריי מיט אַ נאָמען, וואָס האָט דאַן אַזוי אימפּאָנירט — מיט מאָריס מעטערלינק.

פּרץ הירשביין ווערט אַ פּאָפּולערער און רייצנדיקער נאָמען. נאָך ש. אַש איז ער דער סאַמע פּאָפּולערסטער ביי אונדז און ביי זיי.

און אָט די ערשטע באַגעגעניש מיט פּרץ הירשביין. קיעוו. זומער 1911 אָדער 1912. אין איינעם אַ טאָג שפּאַנט אַריין צו מיר אַ הויכער, דאַרער, שלאַנקער יונגערמאַן, איינגאַנצן אָפּגעברענט. זון און ווינט. נישט נאָר דאָס געזיכט, נאָר אויך די האָר, די פּשוטע קליידער זיינען אָפּגעברענט. און מיט אַ נישט־דאַאיקער שטימע מעלדעט ער אָפּגעהאַקט: „פּרץ הירשביין!" ווי קומט ער פּלוצים, אומגעריכט אין קיעוו און מיט אַזאַ אויסזען און הילוך? די מעשה איז: ער פֿאַרט איצט אויפן דניעפּער אויף פּליטן (צונויפגעבונדענע קלעצער), וואָס שווימען פון אויבן, פון סמאָלענסק ביז סאַמע אַראָפּ ביז כערסאָן, צום שוואַרצן ים. „גייט ער" מיט די פּליטן אַזוי פּאַמעלעך אויף די וואַסערן פון דניעפּער שוין אַ מעשה פון עטלעכע וואָכן. האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט, ווען מען איז געווען אַרום קיעוו, אויף אַ שיפּל אויף אַ טאָג צו מיר, און דערנאָך — וועט ער אָניאָגן די פּליטן און פאָרן מיט זיי ווייטער אַראָפּ וואַסער.

זיינען מיר דאַן פאַרנאַכט און דעם גאַנצן אָוונט אָפּגעזעסן צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר חברים און פיל גערעדט און געשמועסט. קאַיאָר האָט הירשביין צוריק אָוועקגעאיילט אויף דער „דושעהובקע" (אַ פּויעריש שיפל) אָנצויאָגן די פּליטן, וואָס זיינען געשוואומען אַראָפּ וואַסער... גענוי וואָס מען האָט דאַן גערעדט, געדענקט זיך נישט, אָבער אין גדעדעכעניש איז פאַרבליבן אַ וואונדערבאַרער אַראָמאַט פון יענער באַגעגעניש. מען האָט שוין דאַן גענומען שטעלן די ערשטע שריט אין דער יידישער ליטעראַטור, אָבער מען איז נאָך דערווייל געשטאַנען אָן דער זייט. די ליטעראַטור, דאָס יידישע שאַפן איז פאַר אונדז אין קיעוו געווען פאַרצויגן מיט אַ ראָמאַנטישן שלייער, און די ווילכטיקסטע שאַפער זיינען געווען פאַר אונדז ווי פון אַן אַנדערער העכערער וועלט, — איבערהויפּט — די עטלעכע, וואָס האָבן גערעדט צום האַרצן, געוועקט בייגיר און פיעטעט... זיינען מיר דאַן מיטאַמאָל, אַ דאַנק דעם אויסטערלישן גאַסט, אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַן אַנדער וועלט, אָדער ריכטיקער — פּרץ הירשביין האָט אָט־די וועלט אונדז אַריבערגעבראַכט מיט זיך קיין קיעוו.

צווישן דער קליינער גרופּע, וואָס האָט דאַן פאַרבראַכט דעם אָוונט צוזאַמען מיט פּרץ הירשביינען אין אַ קורסיסטקע־צימער, איז געווען איינע אַ

באַקאַנטע, אַ טיף־פֿילנדיק מײדל מיט גרױסע גרױע טרױמערישע אױגן. זי איז אַ גאַנצן אָונט געזעסן טיף אױף דער סאָפֿע און נישט אַראָפּגענומען אירע טיפֿע בליקן פֿון הירשבײנען. יאָ אַ רעאַלער מענטש, און דאָך — װי עפּעס אַ נישט־דאָאיקער. ער האָט דערצײלט פּשוטע זאַכן, איבערגעגעבן װעגן זײַן מערקװירדיקער רײזע מיט פּשוטע פּױערים, און דאָך — עפּעס אַ מין פֿרינץ. און דאָס ליטעראַרישע, װאָס איז געװען אין דעם לאַנגן שמועס, איז אױך אַזױ פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ געמיש פֿון רעאַלן און ראָמאַנטישן, װירקלעכן און פֿאַנטאַסטישן... און נאָך אױף הײַנט צו טאָג, איבער דרײַסיק יאָר נאָך יענער אױסטערלישער באַגעגעניש, געדענקט זיך נאָך אַלץ דער צױבער פֿון די עט־לעכע שעה פֿאַרברענגען מיט הירשבײנען. געקומען איז ער װי פֿון אַן אַנדער װעלט, געבראַכט מיט זיך ריח פֿון טײַך, לופֿט, זון, הרחבה; גערעדט װעגן גראָז, פּױערן־מיטפּאַרער, װעגן די דניעפּער־ברעגן — אײגן, אײגנאַרטיק, און זײַן שטימע האָט געקלונגען װי פֿון אַן אַנדער נישט־דאָאיקער װעלט. ער האָט דאַן, משמעות, גאַנצע לאַסטן פֿון זיך אַראָפּגעשלײדערט און זיך פֿאַרנומען אױף אַ נײַע לעבן. זײַן גאַנצער „באַגאַזש" אין דעם הילצערן בײדל אױף די פּלײצן — איז געװען אַ קלײן תנ״כל און אַ בענדל הײנע־לידער. דאָס גאָר... איז ער דאַן בײַ אונדז אַלעמען, בײַ די יונגעלײַט, פֿאַרליבטע אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור, פֿאַרבליבן אין זכרון װי אַ װאַונדערבאַרער, אױסטערלישער חלום... און אַזױ איז אױך לאַנגע צײַטן פּרץ הירשבײַן געװען פֿאַרבונדן בײַ אונדז מיט נאַטור, טײַך, זון, הרחבה, מרחקים, װײַטע װעלטן און גלײַכצײַטיק אױסטער־לישע ייִדישע פּשטות...

עס מישן זיך אין זכרון בלעטער און בלעטלעך פֿון אַ צװײ־דרײַ צענדליק יאָר: װאַרשע, אָטװאָצק, װילנע, — בלעטער, װאָס זײַנען שױן איצט שטיקער װײַטע געשיכטע אין אײגענעם לעבן — און אין לעבן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, װי אױך געשיכטע פֿונעם ייִדישן קולטור־שאַפֿן. די יאָרן 1922, 1929 אין פּױלן, װאָס זײַנען גלײַכצײַטיק ענג פֿאַרבונדן מיטן ייִדישן לעבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אַמעריקע און ארץ־ישראל. און אױך יאָרן און יאָרן, װען מיר זײַנען געװען ענג פֿאַרבונדן דורך בריװ, גריסן פֿון װײַטע װעלטן — אינדיע, כינע, יאַפּאַן, מיט אײַנדרוקן און װיזיעס פֿון רײַזעס, װאָס ער און אסתר שומיאַטשער האָבן געמאַכט און דערבײַ שטענדיק אָנגעהאַלטן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט. — און אױך די יאָרן אין ברידערלעכער נאָענטקײט דאָ, אין אַמעריקע...

* * *

מיט אַ דרײַ יאָר צוריק, אין 1942, איז דערשינען פּרץ הירשבײַנס גרױסער ראָמאַן (װאָס האַלט אַ 1,400 גרױסע זײַטן) מיטן נאָמען „בבל" — אַ טרילאָגיע, װאָס נעמט אַרום 50 יאָר ייִדיש לעבן אין אַמעריקע — זינט 1883 ביז 1933.

פריער האָט פּרץ הירשביין געפּלאַנט אַ נאָמען צו געבן זיין ראָמאַן „דריי דורות", ווייל עס ווערט דאָרט אַרויסגעבראַכט דאָס אַמעריקאַנער יידישע לעבן דורך די פאַרשיידענע געשטאַלטן פון דריי דורות יידן. צוליב דעם, וואָס דער ראָמאַן איז געשריבן געוואָרן אין פאָרזעצונגען פאַר אַ טעגלעכער צייטונג, זיינען דאָרטן דאָ פיל צעצויגענע שטעלן, פיל איבערחזרונגען, פיל שמועסן, וואָס וואָלטן אין דער בוך־פאָרם געמוזט געקירצט ווערן. עס איז אַן עוולה, וואָס דער ראָמאַן איז אַדורך נישט באַמערקט סיי ביי דער קריטיק (אין קרי־טיקער האָט עס אַראָפּגעריסן אומגערעכט און נישט באַרעכטיקט!) און סיי ביים לייענער־עולם. אָבער אין אָט־דעם ראָמאַן, ווי ער איז ערטערווייז נישט צע־פלאָסן, זיינען דאָ פּרעכטיקע געשטאַלטן און עס זיינען אַרויסגעבראַכט פיל, זייער פיל ביז גאָר וויכטיקע פּאַסירונגען, פּראָבלעמען, שטייגער־בילדער, גע־ראַנגלענישן, געשעענישן פון דער יידישער אַמעריקע פון די אַלע 50 יאָר. עס איז דאָ אַ שפע מאַטעריאַל, אַ מאַסע געשטאַלטן, אַן אוצר מיט וויכטיקע פּרטים, וואָס גיבן אונדז אַ פאַרשטעלונג פון דעם גרויסן יידישן בבל, פון דעם יידישן ניו־יאָרק, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון אַ קנאַפּע 200 טויזנט צו אַ קיבוץ פון איבער צוויי מיליאָן יידן. מיר האָבן דאָ פאַרשטייער פון די פאַרשיידנסטע טיפּן און קרייזן יידן, ציוניסטן, אַרבעטער־טוער, סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, גענגסטער, און אַ רייכע גאַלעריע פון פּרויען־געשטאַלטן, עלטערע, יונגע און גאָר יונגע. מיר האָבן דאָ פאַרשיידענע משפּחות, געמישטע תּתונות, יידן, וואָס ווערן פאַרפאַרעמדט פון יידישקייט, און קריסטלעכע פרויען, וואָס גלידערן זיך איין אין יידישן לעבן. מיר האָבן די שטאָט, די פאָרם. הכלל, עס איז אַ זייער רייך ווערק, וואָס האָט נישט קיין פאַרגלייך מיט זיין פאַרנעם און גרויס אין דער יידישער ליטעראַטור איבערן אַמעריקאַנער יידישן לעבן. און דערביי איז אינטערעסאַנט דער כּסדרדיקער קאָנטאַקט, וואָס דאָס היגע יידישע לעבן האָט מיט דער „אַלטער היים". די וויכטיקסטע פּעריאָדן פון דעם יידישן לעבן אין איראָפּע — 1883־1894, 1906־1917, 1923־1933 — זיינען אויך די וויכ־טיקסטע וועג־צייכנס אין דעם גאַנג פונעם היגן יידישן לעבן, ווי ס׳ווערט אַרויסגעבראַכט אין „בבל". דער צופלוס, דער צוקום פון די נייע עמיגראַנטן־שטראָמען ענדערט שטאַרק, גיסט אַריין ניי בלוט אין דער יידישער אַמעריקע, און דאָס באַטאָנט כּסדר הירשביין אין ראָמאַן, באַווייזט די צוזאַמענהאַנגען און ווירקונגען...

נאָך אין 1907, מיט 38 יאָר צוריק, האָט י. ל. פּרץ אין אַ בריוול צו יעקב דינעזאָן געשריבן: „ער (פּרץ הירשביין) אינטערעסירט מיך מער פאַר אַלע יונגע. שרייב מיר מער פון אים, פון זיינע פּלענער. פרעג אין מיין נאָמען, ווען ער פילייכט מער ריידן..."

דאָס זיינען וויכטיקע ווערטער, וואָס מען דאַרף זיי ספּעציעל באַטאָנען. פּרץ הירשביין האָט פּרצן נישט אָפּגעגאָרט, נישט פאַררעטן.

און עס איז גוט און אינטערעסאַנט אַזוי פאַר זיך אַרויסברענגען פּרץ הירשביינען, אים צוזאַמען מיט אסתר שומיאַטשער, פון די פאַרשיידנסטע צייטן, פון פאַרשיידענע פּעריאָדן, וואָס מ׳האָט אַדורכגעמאַכט אין דער נאָענט, און ווי מ׳האָט אינאיינעם עס אַדורכגעפּיבערט און איבערגעלעבט. און אויך די דערהויבענע מאָמענטן, וואָס מ׳האָט צוזאַמען דערגרייכט סיי אין די פריידיקע און סיי אין די ווייטיקדיקע געלעגנהייטן, וואָס אונדזער קולטור־געזעלשאַפט־לעך לעבן פריער אין אייראָפּע און לעצטנס אין אַמעריקע איז געווען רייך מיט דעם.

שוין אַ מעשה פון עטלעכע יאָר, ווי פּרץ הירשביין האָט פאַרלאָזט דעם היגן „ליטעראַרישן יאַריד״, זיך פאַרקליבן אין לאָס אַנדזשעלעס. ער וואוינט ווי דערווייטערט פון אונדזער רוישיק־ראַשיקן לעבן. ער האָט לי־בערשט געוואָלט זיך שטעלן אַן אַ זייט, ווען מען קאָן נישט גיין מיט אַן אַרויפ־געריסענעם קאָפּ פאָראויס. און דערצו האָבן פאַמיליע־פּליכטן אים געטריבן אין דער וואַרעמער קאַליפאָרניע, וואו עס איז אים אָפּט גאַנץ קילבלעך. דאָס ייִדישע טעאַטער, וואָס ער האָט פאַר אים אַמאָל אַזוי פיל באַדייט, האָט אָפּגע־קירעוועט אַן אַ זייט און גייט „אין שאָדן״... אין דעם רעכטן לאַגער איז אים ענג, שטיקנדיק. ברעכן צוימען — איז איצט נישט אין זיין כאַראַקטער — איז ער ווי בין־המצרים, צווישן גרענעצן, אויפן שייד־וועג. אָבער ער האַלט אויג, ער האָט אַ וואָך אויער און האַרץ און לעבט דאָך מיט חשבון און מיט חשבון האומה, וויטיקט דעם פאָלקס ווייען און טרוימט זיינע טרוימען.

1945

יונה ראָזענפעלד

מיט איבער פערציק יאָר צוריק איז יצחק לייבוש פּרץ געווען אויף אַ קורצן באַזוך אין אָדעס. ער האָט דאָרטן געהאַלטן אַ רעפעראַט. צווישן די פאַרשיידענע באַזוכער, וואָס זיינען געקומען צום גרויסן דיכטער, איז אויך געווען אַ יונגער יידישער אַרבעטער פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ נידעריקער, אַ ברייט־ביייניקער, אַ טאָקער לויט זיין פאַך. ער איז געקומען פון דער אַרבעט, און פאַרגעלייענט פאַר פּרצן אַ סקיצע, — אַ געשיכטע מיט אַ לערניינגל ביי אַ טאָקער, וואָס נאָך אַ לאַנגן זומער־טאָג אַרבעט, פאַרגיט אים דער באַלעבאָס פאַרשיידענע אַרבעטן אויף אַ גאַנצן אָוונט און גייט זיך אָוועק שפּאַצירן. דאָס לערניינגל איז שטאַרק מיד, ווערט ער אַנטשלאָפן, זעט אַ זיסן חלום, און דעם באַלעבאָס׳ האַרטע קלעפּ מיט אַ שטעקן טשוכען אים אויף פונעם זיסן שלאָף...

אַט די רינדיקע געשיכטע איז פּרצן געפעלן געוואָרן, און פּרץ האָט פאַר־טערלעך געראָטן דעם יונגן אַרבעטער:

— איר זאָלט שטענדיק דערציילן דאָס, וואָס איר ווייסט, און איר זאָלט שילדערן דאָס, וואָס אייך איז גוט באַקאַנט!

דער יונגער אַרבעטער איז געווען צופרידן צו הערן די וואַרעמע ווערטער פון דעם גרויסן פּרץ. ער האָט זיך דערוויל באַקענט מיט די אָדעסער שרייבער י. ח. ראַווניצקי, חיים נחמן ביאַליק, און ווייטער פאַרגעזעצט צו אַרבעטן אין דער טאָקעריי. י. ח. ראַווניצקי האָט די מעשה מיטן לערניינגל אָפּגעשיקט צום פעטערבורגער טאָגבלאַט „דער פריינד" (די ערשטע און דאַן איינציקע יידישע טעגלעכע צייטונג אין צאַרישן רוסלאַנד — אָנגעהויבן צו דערשיינען אין 1903), און אין 1904 איז זי אָפּגעדרוקט געוואָרן.

דאָס איז געווען דער ערשטער אויפטריט אין דער יידישער ליטעראַטור פון דעם אָנפאַנגער יונה ראָזענפעלד, וואָס איז אינגיכן געוואָרן באַקאַנט, און דערנאָך גוט באַוואוסט אין דער נייער, וואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור.

דעמזעלבן יאָר, אין 1904, איז אויך געקומען אין דער יידישער ליטעראַ־טור מיט זיין ערשטער דערציילונג — יצחק מאיר ווייסענבערג (דעביוטירט ביי פּרצן אין „יודישע ביבליאָטעק"). ווי יונה ראָזענפעלד, וואָס האָט געענדיקט

זיין „אוניווערסיטעט" אין אַן אַדעסער ווערקשטאַט, אַזוי האָט אויך י. מ. ווייסענבערג באַקומען זיין „אוניווערסיטעט"-בילדונג אין לאָדזער און אין וואַרשעווער ווערקשטאַטן. גלייך פון די אַרבעטס-וואַרשטאַטן זיינען זיי אַריינגעטראָטן אין דער ליטעראַטור און מיטגעבראַכט דאָס אַרבעטאַרישע, דאָס סאָציאַלע אין זייער שאַפן.

דער קאָלעקטיווער אַריינטריט פון אָט דעם מין נייעם שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור איז כלל קיין צופאַל נישט. דאָס איז דיקטירט דורך די דעמאָלסדיקע סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ האַסטיקער פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכער אויפגאַנג, אויך ביי די יידישע מאַסן אין שטעט און שטעטלעך פונעם יידישן תחום איז געקומען די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע דערוואַכונג. דער אויפקום פון דעם ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען און דער אויפשפּראַץ פונעם סאָציאַליזם אין אַלע זיינע ריכטונגען האָט אַרויסגערופן צום לעבן פאַרבאַהאַלטענע און פאַרדרוקטע אין לעכער און אין קעלערס געזונטע שאַפערישע כוחות, וואָס האָבן דורך פאַרשיידענע וועגן געפּרואווט קומען צום וואָרט און ממילא — צום שאַפערישן וואָרט. ביז דאַן איז דער „בית-היוצר" (דאָס שאַפונגס-הויז) בעיקר געווען דער בית-המדרש, די ישיבה, די רבנישע שטוב, די ראַבינער-שול. פון דאָרטן איז געקומען דער יידישער קינסטלער, דער יידישער וואָרט-זאָגער. אָבער זינט די ערשטע יאָרן פונעם 20טן יאָרהונדערט הייבן זיך אָן באַווייזן אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרשטייער, שליחי-צבור, פון דעם נייעם שיכט, וואָס הייבט אָן פאַרנעמען אַן אָרט אינעם יידישן לעבן, פון דעם אַרבעטער-קלאַס, פאַרשטייער פון דער סאַמע געדיכטעניש פונעם יידישן פאָלק. אָט די נייע קינסטלער גייען נישט אַדורך, ווי דאָס רוב זייערע פירגייער, דורך דער השכלה, דורך דער העברייאישער ליטעראַטור און קולטור, זיי מאַכן אויך נישט אַדורך קיין אומוועגן דורך דער אַלגעמיינער רוסישער אָדער דייטשער ליטעראַטורן. די נייע אַרבעטער- און פאָלקס-שרייבער קומען גלייך פונעם אַרבעטס-ווערקשטאַט אין דער יידישער ליטעראַטור. ווייסענבערג אין פוילן, און ראַזענפעלד אין אוקראַינע — ביידע זיינען זיי כאַראַקטעריסטישע אָנזאָגער פון אָט דעם נייעם טיפּ שרייבער, וואָס זיין צאָל האָט גענומען וואַקסן און וואַקסן.

אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש, פּרץ הירשביין, וואָס זיינען געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט עטלעכע יאָר פריער, — זיי זיינען געווען ווי דער איבערגאַנג פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור פון דער צווייטער העלפט און פונעם לעצטן פערטל פונעם 19טן יאָרהונדערט צו דער נייַ-אויפקומענדיקער און נייַ-וואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור אָנהייב דעם 20טן יאָרהונדערט. זיי האָבן זיך נאָך שטאַרק אָנגעקערט מיט דער יידישער

למדנישער וועלט, מיט דער העברייאישער ליטעראַטור. אַנדערש איז מיט די פֿאָלקס־ און אַרבעטער־שרייבער פֿון דעם מין ווי ראָזענפעלד און וויסענבערג. עס איז אויך געווען עטלעכע יאָר נאָך דעם, ווי י. ל. פּרץ (מיט דוד פּינסקי פֿון יענע יאָרן, מ. ספּעקטאָר) האָט אַרויסגעגעבן די ראָמאַנטיש־ראַדיקאַלע „יום־טוב־בלעטלעך“ (1894־1895). דאָרט איז געווען דער ווילן מיטצוגיין מיט דער פֿאָלקס־סטיכיע, עס איז געווען דער פּרוּוו אַנצושלאָגן טענער פֿון סאָציאַלן אינהאַלט, אויסצוגעפֿינען טעמאַטיק אינעם שווערן אַרבעטער־לעבן און אַרויס־צושיילן אַרבעטער־פּראָבלעמען. איצט הייבן אָן די אַרבעטער־מאַסן גופֿא אַרויס־צורוקן זייערע שרייבער, וואָס האָבן גענומען ברענגען צום אויסדרוק זייערע אייגענע איבערלעבענישן, זייערע אייגענע געפֿילן, זייער דראַנג צום לעבן און זייער פּראָטעסט קעגן דעם סאָציאַלן אומרעכט, וואָס זיי האָבן אויף אייגענע רוקנס געפֿילט. אויב ביי די ערשטע איז געווען מער מיטפּיל, מיטלייד פֿון אַ אינטעליגענט צום אַרבעטער־מענטש, איז ביי די לעצטע געווען שוין אויסדרוק פֿון אייגענע איבערלעבענישן.

יונה ראָזענפעלד האָט נאָך דער ערשטער דערציילונג, „דאָס לערנייִנגל“, מיט וועלכער ער האָט דעביוטירט אין דער ליטעראַטור, געשריבן נאָך און נאָך מעשׂיות און געשיכטעס, און דערציילט וועגן דעם, וואָס עס איז אים און זיין כאַראַקטער געווען באַזונדערס נאָענט. דאָ ניט לאַנג, אין אַ שמועס, האָט מיר יונה ראָזענפעלד אַזוי, אגבֿ־אורחא אַ זאָג געטאָן, אַז ער האָט זעלטן אָדער קיינ־מאָל נישט געשריבן פֿון אַנדערע, פֿרעמדע וועלטן. מיט דער באַזונדערער אָפֿנהאַרציקייט, מיט וועלכער ער רעדט שטענדיק וועגן זיך און וועגן זיין שרייבן, האָט ער מיט געזאָגט, אַז „זיין אומגליק איז געווען זיין גליק“. ער האָט ווייניק געזען, ווייניק זיך געטראָפֿן מיט פֿרעמדע מענטשן און וועלטן, — און אָט דער „אומגליק“ איז געווען זיין „גליק“. ער האָט כּסדר געהאַט צו טאָן מיט אייגענע, נאָענטע מענטשן, מיט נאָענטע און היימישע פּאַסירונגען. און איז עס נישט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יונה ראָזענפעלדן? ער האָט אָנגעהויבן, אין 1904, מיט די שווערע איבערלעבענישן פֿונעם לערנייִנגל ביים טאָקער, און מיט עט־לעכע און דרייסיק יאָר שפּעטער, אין 1941, האָט ער ווידעראַמאָל זיך גענומען צו אָט דער טעמע — אין זיין אויטאָביאָגראַפֿישן ראָמאַן „איינער אַליין“.

פֿון דער קליינער נאַאיווער סקיצע ביז אָט דעם טיף־אייגנאַרטיקן ווערק — איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג! דאָרט מאַכט דער אָנפֿאַנגער זיינע ערשטע וואַקלענדיקע טריט, און דאָ האָבן מיר פֿאַר זיך אָן אייגנאַרטיקן קינסטלער, אָן עכטן מייסטער, מיט אַ פֿאַרנעם, מיט אַ חוש פֿאַר בייסנדיקער סאַטירע, מיט אַ שטאַרקן סאָציאַלן באַוואוסטזיין.

די צוויי דערמאָנטע אַרבעטער־שרייבער וויסענבערג און ראָזענפעלד

זיינען אַוועק אויף גאַנץ־פאַרשידענע וועגן. דער ערשטער איז געווען מער פּלאַסטיקער, און דער צווייטער — מער פּסיכאָלאָג; איינער האָט זיך גענומען צו די קרעפטיקע, געזונטע טיפּן, און דער אַנדערער — צו קראַנקע און קראַנק־האַפטע; איינער איז מער פאַרכאַפּט געווען פון אויסערלעכער גבורה, דער צווייטער — פון אינערלעכע גריבלעניש און גראַבלעניש.

אין זיין „קורצער הקדמה" צו די געזאַמלטע שריפטן (זעקס בענד, דער־שינען אין 1924, אין ניו־יאָרק) זאָגט צווישן אַנדערן יונה ראָזענפעלד, אַז „די ערשטע זאַכן זיינען געווען געווייינלעכע בילדער פון לעבן („ביט", ווי עס ווערט אָנגערופן אין רוסיש). שפּעטער האָב איך זיך אָנגעהויבן אַריינצודרייען אין מער־פאַרפּלאָנטערטע טעמעס און סיטואַציעס, און אַריינגעדרייט און ניט געקאָנט זיך אַרויסדרייען..."

ניט געקוקט אויף די פאַרשיידענע שוועריקייטן און שטערונגען אין זיין לעבן *), האָט יונה ראָזענפעלד באַוויזן אָנצושרייבן הונדערטער דערציילונגען און אויך עטלעכע גרעסערע ווערק. מיט זיינע אָריגינעלע דערציילונגען, וואָס ער האָט געגומען פאַרעפנטלעכן, ווען ער איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער שריי־בער, האָט ער שטאַרק איבערראַשט די לייענער און קריטיקער. ער האָט אַרויסגעבראַכט פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע טיפּן, אָפט פיזיש אָדער גייסטיק־פאַר־קריפּלטע, און געבראַכט זיי אין באַציאונגען מיט נאָרמאַלע מענטשן און פאַר־בינדונגען, און דערפירט זיי צו גערא‏נגלעניש און צוזאַמענשטויסן. און עס איז געווען, ווי יונה ראָזענפעלד גופא וואָלט געשטאַנען אָן דער זייט, און נישט בלויז זיך צוגעקוקט, נאָר געררייצט און געריזפן די פאַרשיידנאַרטיקע פאַרשוי־נען צו געראַנגל, צו קאַמף.

ער האָט אין דעם אָפענעם שטענדיק געזוכט דאָס פאַרבאָרגענע, דאָס געהיימניספולע, און אינעם פאַרבאַהאַלטענעם באַמיט זיך אַרויסצואַנטפּלעקן דאָס אָפענע. ער האָט אַ באַזונדערע הנאה צונויפצוברענגען קעגנזאַצן, עקס־טרעמען, און פון דעם אומוואַרשיינלעכן פירן צום וואַרשיינלעכן, און פון וואַרשיינלעכן דערפירן צום סאַמע אומוואַרשיינלעכן. אַפריער האָט ער געגעבן בעיקר טרויעריקע עפּיזאָדן ביי אַרבעטס־ אָדער פאָלקס־מענטשן, שפּעטער האָט ער זיך אינטערעסירט מער מיט אינעווייניקסטע וויברירונגען, ווי מיט אויסערלעכע פּאַסירונגען. אַפריער האָט ער אַרויסגעבראַכט פיזיש־אומנאָר־מאַלע מענטשן, פיזיש־צעקאַליעטשעטע („אָן אַ האַנט", „פון שרעק"), שפּעטער

*) די לעצטע יאָרן איז ער, ווי באַוואוסט, פאַרבונדן מיטן „פאָרווערטס", וואָס איר רעדאַקטאָר־„סאַמאָדור" אב. קאַהאַן פירט מיט אים אַ גרויזאַם שפּיל, לאָזט אים נישט פאַרעפנטלעכן קיין שום זאַך אין דער צייטונג.

האָט ער אַרויסגעשלאָגן טראַגישע טענער, קרענקלעכע איבנשאַפּטן ביי אויסער־לעך־געזונטע מענטשן. און ער האָט נישט געוואָלט וועקן קיין רחמנות־ און מיטלייד־געפילן, און אדרבא, ער האָט געדרן באַטאָנט דאָס שלעכטס, פאַרשאַרפט דאָס פריקרע, פאַרשפּיצט דאָס אכזריותדיקע. און עס איז ווי ער וואָלט געזאָגט: אָט אַזוי איז עס, די פאַטאַלע באַשערטקייט, די פאַראורטיילטקייט, איז אַ זאַך, וואָס מ׳קאָן גאָרנישט אויסמיידן.

ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דער שילדערונג אַליין, נאָר ער האָט געדרן געשמועסט און אַרומגעשמועסט די אומגעלומפּערטע סיטואַציעס. מישט זיך ביי ראָזענפעלדן בילד און אויסטייטשונג, פאַסירונג און באַגריבדונג, און עס קומט אין דער דערציילונג אַ שטענדיקער הין־ און צוריק־גאַנג. אָט מאַכט ער זיך באַאיוו, שיער נישט טאַמעוואַטע, און אָט איז ער וואַך און פירט אָן מיט אַ צילבאַוואוסטקייט דעם גאַנג, די האַנדלונג, און אַפּט — ביזן אָפּגרונט. אָט איז ער אַליין אַ פאַרגאַפּטער, אַ פאַרחידושטער, ער פּרוּווט זיך דערגרונטעוועןזיך דערקלייבן צו די סודות, צו די געהיימנישן פון דעם לעבן, פון די מענטש־לעכע „שוואַכקייטן״, פון אויסטערלישע באַציאונגען און אַפּט ווערט ער אַליין ווי פאַרפּלאָנטערט אין די אייגענע נעצן. ער פאַרפירט זיינע פאַרשווינען אין אַ פּסיכיש־פּסיכאָלאָגישן לאַבירינט און ער ווייסט שוין אַליין נישט ווי־אַרום זיי אַרויסצופירן פון אים. און אָט די שטריכן און עלעמענטן געפינען מיר כמעט אין זיינע אַלע ווערק, — גרעסערע און קלענערע, — מיט די פאַרשיידנ־סטע וואַריאַנטן. עס פאָרן זיך ביי אים כסדר די סאַמע ווידערשפּרעכנדיקסטע ווערטער און באַצייכענונגען. אָט טוט ער אַ זאָג וועגן אַ געמיט־צושטאַנד, אַז ס׳איז „אַ רואיקע אומרואיקייט״. אָט דערציילט ער, אַז זי האָט „געשפּירט ווי זי גייט איבער באַוואוסטזיניק עפּעס אין אַן אומנאַרמאַלן צושטאַנד, וואָס ס׳ווערט עפּעס נאַרישער און קלוגער איינצייטיק״. און ס׳איז אים, ראָזענפעלדן, נאָך ווייניק, ציט ער ווייטער די באַשרייבונג פון איר צושטאַנד (אַ יונגע פרוי נאָך אַן אַבאָרט), און זאָגט: „און סיי דאָס נאַרישקייט, סיי די חכמה איז עפּעס אַזוי ניי, גייען ביינאַנד און רייבן זיך איינס אין דאָס אַנדערע, באַגלייט מיט ווארעמקייט, און זי אַליין האָט ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס עס איז ביי איר קלוג און וואָס ס׳איז נאַריש.״ („מזל־טוב״, ב׳, 6, ז׳ 16.)

אויף אַזאַ אופן באַמיט ער זיך צו קאָנקרעטיזירן די סאַמע־ראַפינירטע איבערלעבענישן און גלייכצייטיק אַבסטראַהירט ער די ממשותדיקע געפילן און רעאַלע סיטואַציעס. ער איראַניזירט פון מענטשן, דערפירט זיי ביז די אַבסורד־דאַלע צושטאַנדן. ער הייבט אָן פון אַ זאַרגלאָזער שפּיל, אָבער די שפּיל נעמט אַפּט אָן די מוראַזיקסטע פאָרמען און ווערט דערפירט צו גרויזאַמע קאַטאַ־סטראָפעס. אַזאַ איז די פּרעכטיק־אָנגעשריבענע דערציילונג „אַ מידעלע״

(באַנד 6, „געזאַמלטע שריפטן"), וואו אַ צוועלף־יאָריק מיידעלע ווערט דערפירט פון אַ לייכטער שפּיל ביז צום דערטרינקען זיך. און דער ראָזענפעלדישער מענטש, וואָס פון זיין נאָמען פירט זיך דער ספּור־המעשה, זאָגט, ווען ער טרעפט דאָס מיידעלע ליגן אַ טויטע: „... איך בין געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער מיט טיפן אינערלעכן שוידער פון עפּעס אומבאַוואוסטעס און אינצייטיק מיט קלאָר־קייט, אַז איך בין דער שולדיקער אין דעם מיידעלעס טויט..." מיר האָבן דאָס געפיל, ווי ראָזענפעלד אַליין ווערט אויפגעשוידערט פון דעם טראַגישן און געהיימניספולן, וואָס באַגלייט דעם מענטש אין זיין גאַנג אין לעבן, און פון דער פאַרפרעמדקייט און עלנטקייט, וואָס וואַקסט אויס צווישן די סאַמע נאָ־ענטסטע און אייגענע מענטשן.

יונה ראָזענפעלד פירט זיינע מענטשן ביז די קאָמישסטע סיטואַציעס, אָבער דאָס קאָמישע איז טיף־טראַגיש, טראַגיש־פיינלעך. דער קאָמיזם ווערט אָפט פאַרוואַנדלט אין אַ שאַרפער, בייסנדיקער סאַטירע. און ראָזענפעלד בייטשט אָפט אומברחמנותדיק. וויפיל וויטיק און פּיין עס איז דאָ אין דער שילדערונג פון די עלטערע און אַלטע טאַטעס און זיידעס, וואָס ווערן אַרויס־געבראַכט אין דער סקיצע „די קינדער"! סאַר אַ גערדיכטע פאַרבן, סאַר אַ שאַרפע באַטאָנונגען! ס'איז אַ שווערער אָנקלאָג קעגן דער „ראַלע", וואָס יידישע טאַטעס־זיידעס שפּילן אין דער יידישער אַמעריקע. יונה ראָזענפעלד שטרייכט אונטער די שאָטן־זייטן, די גרויקייט, די נעגאַטיווע שטריכן פון די יידן אין אַמעריקע אויך אין פיל אַנדערע דערציילונגען. סאַר אַן אומהיימלעכ־קייט, סאַר אַ טראַגיזם עס שלאָגט פון די אַלע באַשרייבונגען פונעם אַמעריַ־קאַנער יידישן לעבנס־שטייגער!

אָבער מיט זיין גאַנצער נייגונג אויסצוזוכן אויסטערלישע שטריכן, מערק־ווירדיקע עפּיזאָדן אין די טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען און נאָרמאַלע דער־שיינונגען, האָט אויך יונה ראָזענפעלד נישט איין מאָל פּרובירט צו דערציילן וועגן אמתדיקע, רעאַלע געשעענישן און ער האָט זיי געגעבן אין זייער גאַנצער וואָרהאַפטיקייט. ער האָט אַנומלט ברייט געשילדערט די כאָלערע־מגפה, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און נאָך מער — דעם חורבן פון זיין טשאַרטאָריסק און די רייזע פון טשאַרטאָריסק. ער אַליין באַשטעטיקט (אין אַ שמועס מיט אונדז) מיט באַוואונדערונג: „זיינע שטאַרקסטע זאַכן זיינען גראָד די, וואָס ער האָט געשילדערט פון דער אמתערווירקלעכקייט."

און ס'איז קיין ספק נישט, אַז זיין אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן „איינער אַליין" (פאַרעפנטלעכט אין ניו־יאָרק, 1941, 392 ז"ז) איז איינס פון זיינע גאַנצסטע, רייפסטע און שטאַרקסטע ווערק. אין פלוג איז עס, דאַכט זיך, נישט ענלעך אויף די אַלע אַנדערע ווערק פון יונה ראָזענפעלדן, אָבער דאָך איז עס

דורך און דורך ראָזענפעלדיש. עס איז שוין אַ בוך מיט האַנדלונג, מיט אַקציע, מיט אַ סיפּור־המעשה. אַ געשיכטע מיט איבער צוויי יאָר האַנדלונג, וואָס שטייגט פון קאַפּיטל צו קאַפּיטל, מיט אַן אַנוואוקס אויך פון אויסערלעכע, דרויסנדיקע פּאַסירונגען, מיט זייטיקע סצענעס און עפּיזאָדן. אויך דאָ דרייט זיך אַן איבערלעבעניש טיף און טיפער, ווי אַ לאַנגער שרויף אין האָלץ. אויך דאָ האָבן מיר אַנאַליטישע עקסקורסיעס און פּסיכאָלאָגישע באַשפּרעכונגען אָדער גריבלעניש, וואָס ווערן אָפּט, ווי דער שטייגער ביי ראָזענפעלדן, פאַר־וואַנדלט אין בייזע שפּילערייען. עס אַנטפּלעקן זיך דאָ אַלע זיינע קינסטלערישע מעטאָדן און אייגנשאַפטן. אָט באַמיט ער זיך אַרויסצופירן זיך, די אַלע אַרומיקע פונעם געדיכטן ווילד־וואַלד, אָבער ער ווערט פאַרפּירט און פאַרפּירט אויך אַנדערע אַלץ טיפער אין דער טונקלעניש, וואו ס׳נעמט לסוף דאָך העלן און אויפהעלן.

אייגנטלעך האָט דאָס ווערק „איינער אַלייך" אויטענטישע זכרונות פון זיין אייגענער יוגנט. אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן זכרונות פון זייערע יוגנט־יאָרן געשריבן כמעט אַלע באַדייטנדיקע קינסטלער: מענדעלע מוכר־ספרים („שלמה ר׳ חיימס"), שלום־עליכם („פונעם יאַריד"), פּרץ („מיינע זכרונות"), מרדכי ספּעקטאָר („מיין לעבן"), פּרץ הירשביין („קינדער־יאָרן"), דוד בערגעלסאָן („ביים דניעפּער") א. אַ. אונדז איז שוין אַנומעלטן אויס־געקומען זיך אָפּשטעלן ברייטער אויף אָט די ווערק פון די קינדער־יאָרן און באַוויזן, ווי וואונדערלעך עס שפּיגלט זיך אָפּ דער קינסטלער, גאָר זיין כאַ־ראַקטער, זיין וועלט־באַנעם, זיינע קינסטלערישע אייגנשאַפטן אין אָט די אויטאָביאָגראַפישע, אויטאָפּאָרטרעטישע ווערק. מערקווירדיק, ווי יעדער איינער פון די קינסטלער האָט זיך זיין צוגאַנג, זיינע אייגענע מיטלען, זיינע ספּעציפישע מעטאָדן ווי אַרויסצוברענגען די קינדהייט און יוגנט. ווי אַנדערש עס פּאַסן־אויף זייערע קינדער־איבערלעבענישן די אַלע דערמאָנטע קינסטלער. יונה ראָזענפעלדס בוך פאַרנעמט צווישן אָט־די אַלע דערמאָנטע ווערק אַ גאָר באַזונדערן אָרט. ער איז געבליבן אַ יתום, ער האָט אַדורכגעמאַכט אַ שווערע קינדהייט און איז אַוועקגעגעבן געוואָרן אין דער פריער יוגנט ווי אַ לערניינגל צו אַ מערדער אַ באַלעבאָס, און דאָרטן זיך פיזיש און מאָראַליש שטאַרק געפּלאָגט. און וועגן אָט דעם אַלעמען דערציילט יונה ראָזענפעלד אין שאַרפע ווערטער, מאָלט עס מיט געדיכטע פאַרבן. און ס׳איז ווי ער נעמט נקמה אין זיינע באַלעבאָטים און צאָלט זיי איצט פאַר די דערנידערונגען, וואָס זיי האָבן אים פאַרשאַפט. ס׳איז אַ שווערער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דעם מוראדיקן סאָציאַלן אומרעכט, ס׳איז דער שאַרפסטער פּראָטעסט קעגן דער אוממענטשלעכער עקספּלואַטאַציע און אומגערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג.

יונה ראָזענפעלד שוינט נישט אין זיין בוך נישט די אַרומיקע, נישט זיך. ער האָט געפילט, אַז מ׳קאָן אים פאַרוואַרפן, אַז ער האָט איבערגעטריבן די ברוטאַליטעט. ראָזענפעלד זאָגט אין זיינע פאָר ווערטער וועגן זיין בוך: „אויסצוטראַכטן אַ זאַך און מאַכן גלויבן, אַז זי איז אין דער ווירקלעכקייט פאַרגעקומען (וואָס דאָס איז די עובדא פון יעדן שריפטשטעלער) איז אוודאי נים קיין גרינגע זאַך, אָבער נאָך שווערער איז צו מאַכן גלויבן אין אַן אמתער זאַך, און נאָך אַן אויטאָביאָגראַפישער דערצו, אויב דו ווילסט זיך האַלטן ביי דער אַבסאָלוטער ווירקלעכקייט...״ אָבער ראָזענפעלד דערציילט אַזוי איבער־צייגנדיק, אַז מיר גלויבן אים, מיר ווערן מיטגעריסן מיט די איבערלעבענישן, טראַכטענישן און ווידערגעפילן פון דעם יונג בחורל יונה. ער ווערט אונדז נאָענט, טייער מיט אַלע זיינע קאַפּריזן. מיר זעען אין אים די אויסטערלישע און ספּעציפישע אייגנשאַפטן און קאַפּריזן פון דעם גרויסן יונה ראָזענפעלד.

און פונקט ווי יונה ראָזענפעלד האָט ליב צו שפּילן זיך מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן, מיט מענטשלעכע געוואוינהייטן, מיט מענטשלעכע באַציאונגען, אַזוי האָט ער אויך ליב צו שפּילן זיך מיט דער שפּראַך, דרייען זי אַהער און אַהין און אַרויסשלאָגן פון איר פאַרשיידענע טענער און ניואַנסן. מיט אָט די שפּראַך־שפּילערייען שטרייכט ער שטאַרקער אונטער דאָס קאָמישע, דאָס לעכערלעכע, דאָס אומגעלומפּערטע. מיר וועלן ברענגען בלויז איניקע ביי־שפּילן פון „איינער אַליין״:

מען שענקט אים, דעם יונג, קליין בחורל, אַ גרויסן רעקל, וואָס מאַכט אים, דעם קליינוואוקסיקן, שטאַרק לעכערלעך. שלעפּט מען אים צום שפּיגל און מ׳שיסט אויס דערביי אַ געלעכטער. און יונה ראָזענפעלד זאָגט: „און ס׳איז טאַקע געווען וואָס אָנצוקוקן. ווען איך וואָלט נים געוואוסט, אַז דאָס בין איך, וואָלט איך נישט געוואוסט, אַז דאָס בין איך. עפּעס אַ פאַרזעעניש. אַנט־קעגן גרויסן, ברייטן, לאַנגן „פּידזשאַק״ איז די קליינקייט מיינע נאָך גרעסער געוואָרן... יאָ, אינעם גרויסן „פּידזשאַק״ האָב איך אויסגעקוקט אי גרויס אי קליין און אַזוי־אַרום האָט זיך באַקומען אַזאַ איינדרוק, אַז די קליינקייט מיינע איז פאַרגרעסערט געוואָרן...״ (ז׳ 52.)

אינטערעסאַנט, ווי די שפּראַך איז דאָ אַריינגעצויגן אינעם גאַנצן געפּלאָנ־טער פון דער קאָמישער און טראַגישער סיטואַציע.

אָדער: „נאָך לאַנגער וואַרטעניש האָב איך דערהערט, ווי דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז די אַלטע איז נים קראַנק, אַז זי איז בלויז אַלט, די אַלטע, און האַלט ביים אויסגיין פון עלטער...״ (ז׳ 258.)

און אָט אַזאַ אַפּאָץ. יונה, דער לערניינגל, וואָס איז אַלעמאָל אין ווערק־שטאַט און זעלטן־ווען, נאָך עטלעכע יאָר וואוינען ביים באַלעבאָס, האָט ער אַ

מעגלעכקייט צו זיין אין זייער שטוב, ווערט אַריינגערופן צום מנין אין די שבעה־טעג. דעם באַלעבאָס׳ מיידל, מיט וועלכער ער פירט כסדר אַ קריג, איז ביים מנין אַ זייטיקע. און ראָזענפעלד שרייבט: „איך האָב זיך געפילט היימישער אין שטוב ווי זי. זי, די היימישע, איז בטל געוואָרן צווישן די זיבן פרעמדע יידן (מיט אונדז דרייען איז געווען צען), און ביי מיר, דעם פרעמדן, איז בטל געוואָרן די פרעמדקייט.״ (ז׳ 284.)

און אַן אַנדערש מאָל אַזאַ מין זאַג: „ווען עמעצן גייט ניט, איז אַפילו ווען ס׳מאַכט זיך אַמאָל, אַז ס׳גיט אים אַ „גיי״, איז דאָס אויך ניט „געגאַנגען״. איך זאָג עס אַנטקעגן דער „פיינער אויפנאַמע״, וואָס מיין געשוועסטער־קינד האָט מיך אויפגענומען.״ (ז׳ 334.)

און אָט אַ בילד פון אַ הויז, וואָס שטייט אין רישטאָוואַניעס און ס׳האַלט זיך אין בויען: „אויף די רישטאָוואַניעס זיינען געשטאַנען דאָ אַ מענטש, דאָרט אַ מענטש, געשטאַנען און געהאַנגען איינצייטיק, מיט זיכערקייט פון שטיין און נישט־זיכערקייט פון הענגען... יעדער איינער האָט געטאָן די אַרבעט אַזוי פלייסיק, ווי דאָס וואָלט זיין איינציקער ציל אין לעבן געווען, מאַכן דאָס הויז אַזוי שיין, אַז זיי אַליין זאָל עס פרעמד ווערן...״

ווי מיר זעען, איז עס נישט בלויז שפּראַך־קאָקעטעריי, נאָר ס׳איז ביי ראָזענפעלדן אַ מיטל צו באַטאָנען, אונטערצושטרייכן דאָס געמיינטע, דאָס געצילטע.

אָט דעם שפּראַך־געשפּיל האָבן מיר כמעט אין אַלע זיינע דערציילונגען. דאָס איז אַ ספּעציפיש־ראָזענפעלדישער סטיל, וואָס אָפט מיסברויכט מיט אים דער קינסטלער און ס׳באַקומט זיך אָפטמאָל — סטיליזירונג.

אין „איינער אַליין״ האָבן מיר שטיקער פון דער שטאָט אָדעס, פון פּאַר־שיידענע פּלעצער און גאַסן אין דער שטאָט, אויף וויפיל ס׳האָט אַ דירעקטע שייכות צו דער לעבנס־געשיכטע און פּאַסירונגען פון דעם לערניינגל יונה. עס ווערט אַרויסגעבראַכט אַן אינטערעסאַנטע געשטאַלט פון אַ יידישן אַרבע־טער, אַ רעוואָלוציאָנער — אליהו, וואָס פירט אַן מיט אומלעגאַלער, רעוואָלו־ציאָנערער טעטיקייט. אַ פּרעכטיקע געשטאַלט, געמאָלט אמתדיק און מיט פּיעטעט. ס׳ווערט אויך געשילדערט די גרויסע בלאָכס פאַבריק, מיט אַ לוויה, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מאַניפעסטאַציע, וואו מ׳וואַרפט אַרויס אַ רויט פענדל און מ׳זינגט דעם רעוואָלוציאָנערן טרויער־מאַרש. אליהו, ־ער יידישער אַרבעטער, וואָס פירט אָן מיט דער מאַניפעסטאַציע, איז לכתחילה איבערגעטאָן ווי אַ גלח און פרעפּלט גלחישע תפילות... אָט די אַלע סצענעס זיינען ווי אַן אָפּפרישנדיקער אָאַזיס אין דעם גרויען מדבר פון די שווערע, טרויעריקע שילדערונגען פונעם לערניינגל־לעבן. דאָ שפּיגלען זיך אָפּ די לעצטע עטלעכע

יאָר פונעם 19טן יאָרהונדערט, — די יאָרן ווען ס׳האָט זיך פאַמעלעך געמומען פאַרמירן יונה ראָזענפעלדס כאַראַקטער. אין יענער צייט דערוויסט ער זיך, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך ווי שרייבער, ווי יידישע שרייבער: „יאָ, איך האָב געוואוסט, אַז ס׳זיינען דאָ ביכער אויף דער וועלט. אָבער ס׳איז מיר קיינמאָל אַ ניי ווערק, אויך אַן אויטאָביאָגראַפיש. אין זיין „איינער אַליין״ דערציילט ער (289.

* * *

די לעצטע עטלעכע יאָר איז יונה ראָזענפעלד פאַרנומען מיט שרייבן אַ ניי ווערק, אויך אַן אויטאָביאָגראַפיש. אין זיין „איינער אַליין״ דערציילט ער פון די יאָרן, ווען ער איז איבערגעגעבן געוואָרן אין דער „לערע״ צו אַ טאָקער. נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעלעבט און דורכגעפיבערט, דורכגעליטן און איבערגעוויטיקט די אַלע דערנידערונגען און באַליידיקונגען, קלעפּ און שפיכת־דמים אין די פּאָר יאָר פון זיין אַרבעטן ביים טאָקער־באַלעבאָס, האָלט ראָזענפעלד פאַר נויטיק צו דערציילן זיינע איבערלעבענישן אַלס קליין קינד, אַלס דערוואַקסן קינד. און ער איז אינגאַנצן פונדאָסניי ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יענעם עלטער, וואָס איז בכלל פאַרבונדן מיט די גליקלעכסטע דערינערונגען. יונה ראָזענפעלד אָבער האָט אַרויסגעטראָגן פון זיין קינדהייט די סאַמע טרויעריקסטע, די סאַמע פיינלעכסטע, די סאַמע אומהיימלעכסטע זכרונות. און ווען מען באַגעגנט יונה ראָזענפעלדן האָלט ער אין זיך טיילן מיט יענע איבערלעבענישן וואָס ער גראָבט אַרויס אין זיין אייגענער פאַר־גאַנגענהייט. ער שרייבט דאָס בוך, שרייבט עס איבער, אייניקע קאַפּיטלען זיינען צענדליקער מאָל איבערגעשאַפן געוואָרן. און יעדעס מאָל, ווען ער גייט־צו צו דער שרייבמאַשין, — האָט ער מיר ערשט די טעג געזאָגט, — פילט ער אַ מערקווירדיק געפיל, ער קומט עפּעס צו אַן אומבאַוואוסטן, ער ווייסט אַליין נישט אויף זיכער וואָס אייגנטלעך ער וועט איצט אַרויסברענגען, אָנ־שרייבן! ער שרייבט מיט אייפער, מיט האַרצקלאַפּן, מיט ליידנשאַפט, ווי ער האָט געשריבן זיין בוך „איינער אַליין״. און ס׳איז ווי ער פילט די גרויסע מענטשלעכע און קינסטלערישע מיסיע אָנצושרייבן דאָס נייע ווערק און אַרויסברענגען פאַר דער וועלט, פאַר דער געזעלשאַפט דעם באַשולדיקונגס־אַקט פאַר דער סאָציאַלער אָרדענונג, אין וועלכער ס׳קאָנען מעגלעך זיין אַזעלכע מוראדיקע לעבנס־באַדינגונגען פאַר אַ יונג קינד.

יונה ראָזענפעלד איז איצט נישט געזונט. ווינטשן מיר אים, ער זאָל צוריק געזונט און שטאַרק ווערן און ער זאָל ווייטער פאַרזעצן זיין שאַפערישע אַרבעט.

מערץ 1944.

ביים אָפענעם אָרון פון יונה ראָזענפעלד

מיר אַלע, וואָס פלעגן זיך די לעצטע יאָרן טרעפן מיט יונה ראָזענפעלדן, און בעיקר די אַלע, וואָס האָבן אים די לעצטע חדשים און וואָכן באַזוכט אין זיין הויז, האָבן גוט געוואוסט, אַז ער איז שוין מער אַ „דאָרטיקער" ווי אַ היגער.

מיר האָבן גוט געזען, ווי ער דאַרט אַלץ מער איין און אַז דער קענסער (ראַק) זויגט אויס יעדן טראָפּן חיות אין אים. אָבער דאָך האָט ער געלעבט און זיך אינטערעסירט מיט די אַלע זאַכן, וואָס אַיעדער פון אונדז לעבט און אינטערעסירט זיך מיט זיי. און דעריבער, ווי מיר זיינען נישט געווען „צוגעגרייט" צו דעם, אַז יונה וועט שוין לאַנג ניט זיין צווישן די לעבעדיקע, — דאָך האָט די ידיעה וועגן זיין טויט אַרויסגערופן טיפן ווייטיק און צער. און אפשר איז עס דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַזוי אָפן און עקשנותדיק געראַנגלט מיטן מלאך־המות, וואָס האָט אים שוין אַ מעשה פון גוטע עטלעכע יאָר נישט געקאָנט בייקומען, האָט דער טויט זיינער אונדז אויפגעשוידערט.

יונה ראָזענפעלד איז אַלט געווען אַ 64 יאָר, אָבער ווער עס האָט אים געקענט און נאָכגעקוקט זיין לעבן און שאַפן, וואָלט בשום אופן נישט געזאָגט, אַז אַט דער צאַפּלדיקער, — ביי אונדז זאָגט מען „זשוואַוער", — יונה זאָל שוין זיין אַ באַיאָרנטער מענטש. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז שוין געווען אין דער ליטעראַטור גאַנצע פערציק יאָר און ער האָט שוין פאַרפאַסט אַ צענדליק בענד דערציילונגען און געשיכטן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז שוין צענדליקער יאָרן גוט באַקאַנט געווען אין דער ליטעראַטור און עס איז שוין וועגן אים געשריבן געוואָרן זייער און זייער פיל, — אָבער דאָך איז געווען אין אים אַ ספּעציעלער מין יינגלשקייט, פרישקייט, „שקאַצישקייט" סיי אין זיין אַרט לעבן און סיי אין זיין באַציאונג צו מענטשן און סיי אין זיין אופן, ווי ער האָט גערעדט וועגן זיך און וועגן שאַפן. ביזן לעצט ווינטער האָט ער אַ קיילעכדיק יאָר, אין די סאַמע שטאַרקסטע פרעסט, זיך געבאָדן אין ים, און ביז צוריק מיט עטלעכע וואָכן איז ער נאָך אַלץ גאַנץ פרי און פאַרנאַכט געלאָפן פון בראַיטאָן ביז סי־געיט און צוריק...

ער איז אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק. ער איז זינט יאָרן געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, אָבער דאָך האָט ער שטענדיק און כסדר געשעפּט פון אייגענעם ברונעם און זיך געגאַנגען תמיד זיין אייגענעם שאַפערישן וועג. ער האָט געהאַט זיינע אייגענע מעטאָדן פון שרייבן און אויך געזוכט שטאָף פאַר זיינע שילדערונגען פון זיין אייגענעם אַרום.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן, אַז ער האָט אויף זיין לעבן סוף־כל־סוף געזען ווייניק, און אַט דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף זיין שרייבן. ער האָט שטענדיק באַשריבן דאָס, וואָס ער אַליין האָט געזען און וואָס עס איז אים געווען ספּעציעל נאָענט, און דאָס רוב האָט ער זיך אויך באַנוצט מיט אייגענע, ניט־געליענע שרייבערישע מיטלען.

און ווען אַפילו ער האָט געזען זייטיקע זאַכן, ווען ער האָט אַפילו געלייענט פאַרשיידענע ווערק פון אַנדערע שרייבער, האָט זיך עס אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער איבערגעקאָכט אין אים, און אַפילו פון אַ זייטיקן שטאָף האָט ער געשאַפן לויט דער אייגענער פאָרם און געשטאַלט.

און דערפון נעמט זיך, וואָס ער האָטווירקלעכע זאַכן, רעאַליטעטן שטענ־דיק אַרויסגעבראַכט אויף זיין, ראָזענפעלדישן, מאַניר. ער האָט אָביעקטיווע פּאַסירונגען, רעאַלע, דרויסנדיקע איבערלעבענישן פּאַרסוביעקטיוויזירט.

אָפטמאָל האָט מען זיך געוואונדערט: איז דאָך יונה ראָזענפעלד געקומען צו דער ליטעראַטור גלייך פון ווערקשטאַט, האָט ער דאָך נישט אַדורכגעמאַכט קיין אוניווערסיטעטן, און די מיסטישע, מיסטעריעזע, פּסיכאָלאָגישע וועלטן און לערעס זיינען דאָך אים געווען אומבאַקאַנט. איך געדענק גוט, ווען מיט אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק האָט איינער אַ קריטיקער אַריינגעטייטשט אין ראָזענפעלדס דערציילונגען פרוידיאַנישע איינפלוסן און מאָטיוון, אָבער יונה ראָזענפעלדן איז נאָך דאַן פרויד, אַפילו דער נאָמען זיינער, געווען לחלוטין אומבאַקאַנט. ער האָט אָפט ווי דער „קראָט" (מויל־וואָרף) געגראָבן „בלינדער־הייט" אין דער טיף און זיך אָפט דערגראָבן און דערגרייכט צו וויכטיקע פּסיכאָלאָגישע און פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישע פּראָבלעמען און צושטאַנדן ביי אַ מענטש, אין אַ סיטואַציע. אין דעם זינען איז ער געווען אַן אייגנאַרטיקער שרייבער, מיט אַן אייגענער וועלט, כמעט פון די ערשטע טריט, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער יידישער ליטעראַטור. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר די פערציק יאָר פון זיין אַרבעטזאַמען און ערנסטן און פּראָדוקטיוון שאַפן האָט ער געמאַכט וויכטיקן פאָרשריט און געקומען צו אינטערעסאַנטע דערגרייכונגען, סיי קינסטלערישע און סיי טעמאַטישע.

עס איז געווען באַזונדערס אינטערעסאַנט, ווי יונה ראָזענפעלד האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין איבערמאַכן פריערדיקע, שוין־אָפּגעדרוקטע דער־ציילונגען. פון פאַך אַ טאָקער, האָט ער געהאַלטן אין איין טאָקן, אין איין מייסטערעווען איבער אַ ווערק. מיר איז אויסגעקומען אין פאַרשיידענע צייטן, אין לויף פון איבער דרייסיק יאָר, האָבן צו טאָן מיט זיינע ווערק פאַרן דרוקן, און איך האָב צוגעזען, ווי ער האָט געהאַלטן אין איין איבערמאַכן, אויסמעקן און צושרייבן, פאַרבעסערן און פאַרריכטן גאַנצע זייטן. אָפטמאָל איז פון דעם

פּאַרטיקן מאַנוסקריפּט דאָס רוב אויסגעמעקט געוואָרן און עס זיינען געווען צוגעשריבן אַלץ־פּולקומענערע, אַלץ־צייטיקערע זאַצן און שטעלן און זייטלעך.

מען קאָן מיינען, אַז יונה ראָזענפעלדן האָט בעיקר אינטערעסירט דער פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגישער מאָמענט אינעם לעבן בכלל און אין לעבן פון זיינע אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן בפרט. ניין, אַ צווייטער און עיקרדיקער עלע־מענט אין זיין שאַפן איז געווען דער סאָציאַלער. יונה ראָזענפעלד אַליין האָט געהאַט אַ שווערע קינדהייט און יוגנט, און אויך אין די דערוואַקסענע יאָרן זיינע האָט ער נישט געלעקט קיין האָניק. דאָס האָט ער אַריינגעזאַפּט אין זיינע ביינער, דאָס האָט זיך אַריינגעקריצט אין זיינע געהירן. און עס איז געקומען צום אויסדרוק אין די פאַרשיידענע ווערק זיינע, און דערהויפּט אין זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק „איינער אַליין", וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק. אויף אָט דעם ווערק האָט ער געאַרבעט עטלעכע יאָר כסדר, און ער האָט אין דעם אַריינגעלייגט זיין גאַנצע נשמה, זיין לייב און לעבן. מיר איז אויסגעקומען האָבן צו טון מיטן מאַנוסקריפּט מיט אַ דריי יאָר צו־ריק און איך בין געווען אַן עדות, ווי ער האָט זיך געצערטלט און גע־צאַצקעט מיט יעדן וואָרט, מיט יעדן בילד, מיט יעדן עפּיזאָד. ער גופא האָט געהאַלטן דאָס־אָ ווערק פאַר דעם רייפסטן און צייטיקסטן, אַ מין „שוואַנען־ליד". מיט עטלעכע וואָכן צוריק, שוין אויפן טויטן־בעט, האָט ער מיט אַ באַזונדערער פּיעטעט גערעדט וועגן אָט דעם ווערק און געזאָגט, אַז אין „איינער אַליין", וואָס ער האָט ערשט אויף טשעקאָווסט געלייענט קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, איז אַלץ „אין אָרדענונג", עס איז נישטאָ קיין וואָרט צו פאַר־בעסערן, ווי עס איז ביי אים שטענדיק דער פאַל מיט אַנדערע זאַכן, וואָס ער איז געגרן אויסצובעסערן און פאַרריכטן, אַז עס בלייבט אַפּט נישט קיין שטיין אויף אַ שטיין פון דעם פריער־אָנגעשריבענעם.

דאָס ווערק „איינער אַליין" האָט צו טאָן מיט זיין אייגענעם לעבן. און אַזוי אויך דאָס ווערק, אויף וועלכן ער האָט די לעצטע פאַר יאָר געאַרבעט. אין „איינער אַליין" האָט ער אַרויסגעבראַכט זיינע לערן־יאָרן ביי דעם באַלעבאָס דעם טאָקער אין אָדעס. — ווען ער, יונה, איז אַלט געווען 11־12 יאָר; אין דעם לעצטן, נישט־פאַרענדיקטן ווערק, האָט ער אַרויסגעבראַכט זיינע קינדער־יאָרן אין וואָליניש שטעטל טשאַרטאָריסק. ער האָט אָנגעהויבן פון די סאַמע־סאַמע פריסטע יאָרן, ביז וואַנען ער קומט קיין אָדעס, צו זיין ברודער. אין דעם נישט־פאַרענדיקטן ווערק זיינען דאָ פּרעכטיקע סצענעס, טיף־דירנדיקע שילדערונגען, טראַגישע געשיכטעס וועגן אַן אָרעם יידיש יינגל. ביי יעדער באַגעגעניש, האָט יונה ראָזענפעלד, נישט קיין בריה און נישט קיין פּלאַפּלער וועגן זיך און זיין שרייבן, — גערן דערציילט, מיט צייך־

קריצעניש, וועגן דער סאָציאַלער אומרעכט, וועגן די פּלאָגן וואָס דאָס אָרעמע ייִנגל, ער גופא, האָט געהאַט אויסצושטייִן.

און עס איז אַלעמען גוט באַקאַנט, אַז אַט די פּרעכטיקע ווערק, ווי אויך אַנדערע גלענצנדיקע דערציילונגען, וואָס יונה ראָזענפעלד האָט געשריבן די לעצטע זעקס־זיבן יאָר, האָט אב. קאַהאַן, דער דעספּאָטישער מאַניאַק פון „פאָרווערטס", נישט געוואָלט דרוקן. די אַלע יאָרן האָט אב. קאַהאַן זיך ווילד און אכזריותדיק נוקם געווען אַן דעם שטילן, ערלעכן, ווירדיקן יונה ראָזענפעלד, און הגם ראָזענפעלד איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, אָבער זיין נאָמען און זיינס אַ ווערק האָט נישט געטאָרט געדאַכט ווערן אין „פאָרווערטס".

עס איז געווען אַ בייזע שפּיל, אַ שפּיל פון דעם טייוול. יונה ראָזענפעלד פלעגט כסדר אַריינגעבן, אַרייַנשיקן דערציילונגען אין „זיין" צייטונג, אָבער קיין איינע האָט אב. קאַהאַן נישט געלאָזט קומען צו דער ליכטיקער שיין... פאַרוואָס? ווייל מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט יונה ראָזענפעלד, נישט ווי אַ שקלאַף, אָפּגעענטפערט אב. קאַהאַנען אויף זיינעם אַ גראָב וואָרט. און דאָס איז דאָך ער, אב. קאַהאַן, נישט געוויינט אין זיין „קעניגרייך", וואו עס הערשן עד־היום באַדינגונגען פון די אַמאָליקע פעאָדאַלע צייטן און די שרייבער זיינען אונטערטעניק און געהאָרכזאַם זייער דיקטאַטאָר.

יונה ראָזענפעלד האָט אָנגעהויבן מיט אַ דערציילונג, וואו עס זיינען געווען פאַרזענלעכע איבערלעבענישן, און די לעצטע זיבן־אַכט יאָר פון זיין לעבן האָט ער ווידער געאַרבעט אויף אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, וואָס איז געווען די קינסטלערישע לעבנס־געשיכטע פון איינעם אַ ייִדישן אַרבעטער. אָבער יונה ראָזענפעלד האָט נישט גלאַט איבערדערציילט זיין אייגן לעבן, נאָר ער האָט עס פאַרטיפט, זיך געגריבלט אין דעם, אַנאַליזירט אייגענע איבער־לעבענישן, אונטערגעשטראָכן אויסטערלישע, אייגנאַרטיקע, אָפּטמאָל ספּעציעל־פאַרפלאָנטערטע געפילן און באַציאונגען. און די אַלע אָפּווייכונגען פון דער אייגנטלעכער לעבנס־געשיכטע, זיינען די סאַמע שטאַרקסטע, טיפּישסטע, עכט־ראָזענפעלדישע.

זונטיק, 9 יולי, 1944

א. ראַבאַי

.1

איך האָב איצט איבערגעלייענט א. ראַבאַיס ווערק „ביין ברידער", וואָס איז אַרויס מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. איך האָב דאָס בוך געלייענט מיט דעם אינטערעס און נייגיר וואָס מען לייענט אַ ווערק פון אַ שרייבער, וועלכן מען האָט פון אַלעמאָל אָן ליב. מען לייענט דאָס ווערק, מען האָט הנאה פון אַ בלעטל, פון אַ קאַפּיטל, און גלייכצייטיק בינדט מען אָן די איינצלנע בילדער און שילדערונגען מיט דעם אַלעמען, וואָס מ'האָט געהאַט געלייענט מיט יאָרן און יאָרן אַפריער פון אָט דעם שרייבער, און עס נעמט אַלץ קלאָרער אויס־וואַקסן די געשטאַלט, די פּערזענלעכקייט פון דעם קינסטלער.

און עס איז פאַרשטענדלעך אַזאַ געפיל ביים לייענען אַ בוך פון אַ קינסט־לער פון דעם מין ווי א. ראַבאַי, ווייל זיין יעדעס ווערק האָט שטענדיק צו טאָן מיט אים, מיט דער סביבה, וואו ער איז אויסגעוואַקסן און מיטן לעבן, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט.

פּשטות, נאַטירלעכקייט, קינסטלערישע אומפּריכטיקייט — דאָס איז דער הויפּט־עלעמענט אין א. ראַבאַיס שאַפן. ער דערציילט אַלע מאָל אַ מעשה, אַ לעבנס־געשיכטע, ער ברענגט אַרויס געשטאַלטן, צוזאַמענשטויסן פּראָסט און פּשוט, אָן פּליטערלעך, אָן צוגעטראַכטע און צוגעפּוצטע דריידלעך. עס פליסט דעריבער שטענדיק זיין שרייבן גלאַט, נישט אָנגעצויגן, נישט געקינצלט.

אייזיק, איינער פון די ביין געשילדערטע ברידער, טאָקע א. ראַבאַי גופא, זאָגט אין סאַמע אָנהויב פון זיין שריפטשטעלערישער קאַריערע צו די צוויי „אמתע" שרייבער, וואָס קומען צו אים אויף אַ נייגעריקן באַזוך: „איך באַ־שרייב זיך אַליין!" און ווען איינער פון די געסט־שרייבער וואַרפט צו אַ וואָרט, אַז ער, דער יונגער אייזיק, איז „דורכאויס אַ ליריקער", גיט ראַבאַי צו: „אייזיק האָט אַפילו נישט געטראַכט בשעת ער האָט געשריבן, צי ער איז אַ ליריקער, צי עפּעס אַנדערש."

און ווען די צוויי שרייבער זיינען אַוועק, דערציילט א. ראַבאַי, איז „אייזיק אַריין צו זיך אין צימער, אַרויסגענומען די נומערן „וואָכנבלאַט" און געלייענט זיינע זאַכן. ער האָט געלייענט און בשום־אופן נישט געקאָנט געפינען וואו

עס איז אין זיין שרייבן דאָ ליריזם. ער האָט געפילט אַ באַליידיקונג אין דעם דאָזיקן וואָרט, כאָטש ער האָט ניט קלאָר געוואוסט פאַרוואָס. נאָר ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס ער שרייבט פון אַזוינע זאַכן, וואָס ער אַליין האָט טיף דורכגעפילט.״ („ניך ברידער״, ז״ז 139־140.)

צו אָט דער אויפריכטיקער פשטות איז א. ראַבאַי געקומען נאָך אַן אינע־ווייניקסטער אַרבעט אויף זיך, נאָך דעם ווי ער האָט באַזיגט אין זיך די אָפּט־מאָל־איבערגעטריבענע ראָמאַנטישקייט, וואָס זיינע ערשטע ווערק, און בעיקר — זיין ערשט גרעסער ווערק „הער גאָלדענבאַרג״ — האָט דאָ און דאָרטן געהאַט.

עס איז געווען נאַטירלעך, וואָס די ערשטע יאָרן,ביים באַקענען זיך מיט די נייע לאַנדשאַפטן און מיט דער נייער שטייגערישער אַרומרינגלונג און מיט די ספּעציפישע פאַרמערישע פּירעכצן, האָבן געמוזט ביים יונגן א. ראַבאַי זיך אַרויסכאַפּן אַזעלכע טענער און ווערטער, וואָס זיינען נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. אין „הער גאָלדענבאַרג״ איז דאָ דער צו־הויכער טאָן, וואָס קומט פון דער באַגייסטערונג פאַר די נאַטור־שיינקייטן און פאַר די נאַטור־ווילדער־נישן. עס איז דאָ באַזונדערע התפעלות פאַר דער זאַטער און אָפּט נאָך נישט באַרירטער ערד, פאַר די בעלי־חיים, וואָס האָבן ערשט דערפילט אַ יאָך. אין דעם צווייטן גרעסערן ווערק פון דעם זעלבן פּרעירי־לעבן אין דער ווייטער וועסט, אין „ביים פּאַס פון ים״ און אין „דאָס ווילדע לאַנד״ קומט שוין דער רייפערער און דער מער־נאַטירלעכער ראַבאַי. מיר האָבן איצט הארבע ווירק־לעכקייט, עכטן שטייגער פונעם פאַרם־לעבן, און פעסטע רעאַלע מענטשלעכע געשטאַלטן פון יידן, וואָס קומען אַהער מיט זייערע געוואוינהייטן און טראַדי־ציעס, אָבער אויך מיט טיפער עקשנות אויפצושטעלן דאָ, אין די וויסטענישן, אַ יידישע היים.

נאָך די אַלע פאַרשיידענע דערציילונגען און נאָוועלן, וואָס ער האָט פאַר־עפנטלעכט די ערשטע צען יאָר פון זיין שאַפן, האָט א. ראַבאַי זיך דערנאָך פאַרנומען אויף גאָר נייע וועגן. ער האָט אין די יאָרן 1922־1927 פאַרעפנטלעכט צוויי גרויסע ווערק, „אייגענע ערד״ (בעסעראַבער יידן) און „איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע״. צוויי ווערק, וואָס ברענגען אַריין גאַנץ־נייע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור און אויך נייע מאָטיוון אין דער ביז־איצטיקער שאַפונגס־וועלט פון א. ראַבאַי.

אין דעם ערשטן ראָמאַן פירט אַרויס א. ראַבאַי דאָס בעסאַראַבער יידישע שטעטל מיט זיינע גאַסן, יידן, נאַטור, שטייגער־לעבן, ריטם. מיר האָבן ביז דאַן געהאַט אין דער יידישער ליטעראַטור פּראַכטפולע שילדערונגען פון דעם ליטווישן, וואָלינישן, פּוילישן, פּאָדאָליער שטעטל, איז געקומען א. ראַבאַי און

האָט אַריינגעבראַכט דאָס בעסאַראַבישע שטעטל. און ווי אַנדערש איז עס פון דעם טראַדיציאָנעלן יידישן שטעטל, וואָס מיר האָבן געהאַט אַמאָל ביי מענ־דעלען, שלום־עליכמען אָדער ביי פּרצן! עס איז אויך גאָר אַנדערש פון אַשס און ווייסענבערגס יידישע שטעטלעך, וואָס זיי האָבן געשילדערט אין די יאָרן 1903־1905.

אָט ווי עס זעט אויס דאָס אייגנאַרטיקע בעסאַראַבישע שטעטל פון א. ראַבאַי: „... יידן, וועלכע טרינקען ווין און עסן קאָדע מיט פעפער, טראָגן גרויסע שטיול אי זומער אי ווינטער; בויען אַליין זייערע הייזער פון ליים מיט געפלאָכטן שטרוי און פון צווייגן פוןביימער, האַנדלען מיט פערד און מיט שאָף און האָבן פאַרגרעבטע פנימער, הענט און אַ גראָב לשון.“ און ווייטער: „דאָס דאַוועגען האָט געשמעקט מיט דעם בעסאַראַביער מאַרגן, מיט אויסגעשלאָפנקייט, אַנגעזעטיקטע זאַרגלאָזיקייט. עס האָט זיך געפילט אין דעם גיכן אינדערוואַכיקן דאַווענען פון אַלע יידן אויפן קול דאָס לויפן פון אַ בעסאַ־ראַביער טייך איבער אַ שטיינערדיקן באַרג אַראָפּ, פון יאַגנדיקע לעמער און שאָף איבער דער מידלשער בעסאַראַביער ערד, ווען זיי דערפילן דעם פון אונטן אַנגעקומענעם שטורעם“ („בעסאַראַביער יידן“).

פון דעם זעלבן כאַראַקטער זיינען די קאַפּיטלען, וואָס א. ראַבאַי האָלט איצט אין פאַרעפנטלעכן פון זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן. אויך אין זיי איז געגעבן דאָס בעסאַראַביער יידישע לעבן מיט דער ספּעציפישער ערדישקייט און נאַטירלעכקייט, וואָס דאָס פשוטע לעבן פון אָט דעם ישוב פאַרמאָגט. אויך דאָ איז פאַראַן די באַהאַרצקייט און גוטמוטיקייט, און דערביי ציט זיך אָפּט אַדורך אַ שטילער, נאָגנדיקער טרויער, וואָס איז אַ וויכטיקער כאַראַקטער־שטריך ביי א. ראַבאַי.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס נאָך יאָרן שרייבן און שרייבן, האָט א. ראַבאַי דערפילט אין זיך פונסניי דעם אַראָמאַט פון זיין בעסאַראַביער היים און אויפ־געלעבט יענע פאַרשוינען, וואָס ער האָט געזען און געלעבט אַרום זיי. ווער עס הייבט אָן מיט די מאַטיוון און שילדערונגען פון דער אַלטער היים, און ווער עס קומט צו זיי דורך אַ מהלך פון יאָרן, דורך אַ דיסטאַנץ פון יאָרצענדליקער. א. ראַבאַי איז ווי ווידערגעבוירן דורך זיינע בעסאַראַביער געשיכטעס. עס איז קיין ספק נישט, אַז די נייע באַהעפטונג מיטן אַמאָליקן געזונטן בעסאַראַביער יידישן לעבנס־שטייגער איז אים וואויל באַקומען. עס פילט זיך אַ פרישקייט און אויפגעלויכטנקייט אין זיין שרייבן.

און אפילו ווען ער שילדערש אין זיינע ווייטערדיקע ווערק שטיקער יידיש לעבן פון אַמעריקע, גיט ער עס אָפּט אין דעם שטייגער ווי עס נעמען אויף די

ניי־געקומענע, די, וואָס לעבן נאָך אינגאַנצן מיט דעם חיות, מיט דער זאַפט פון דער אַלטער היים.

אין דעם זין איז אינטערעסאַנט פאַר אונדז דאָס ווערק פון א. ראַבאָי „איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע״, וואו עס רוט אַזאַ נאַאיוויטעט, שיר נישט אַ קליינשטעטלדיקע פּאַטריאַרכאַלישקייט און רואיקייט אויף דעם לעבן פון דעם שטילן פאַרפאָלק, וואָס האָט אַרויסגעוואַנדערט פון דער פּאָדאָליער שטאָט קיין ניו־יאָרק, און דאָ, אין דער גרויסער טומלדיקער שטאָט, זעצן זיי פאָר אַ שטיל־אידיליש לעבן מיט אַלע קליפּערלעך פון דעם קליינעם שטעטל. עס איז ווי אָט די טיפן וואָלטן אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַהער מיט זייער באָדן, זיי וואַקסן זיך דאָ פּאַמעלעך, וואַרקען ווי שטילע טויבן און זעען כלל נישט דאָס רוישיקע לעבן פון אַרום.

א. ראַבאָי פירט כסדר, די אַלע יאָרן, זיין אייגענעם חשבון־הנפש. אויף אייגענע פּלייצעס האָט ער אויפגענומען קלעפּ פון דער אומגערעכטער סאָציאַ־לער אָרדענונג. ער נעמט אויף אַלדי שטערונגען און אַלדי שוועריקייטן אין לעבן ווי ער נעמט אויף די שטערונגען פון דער בלינדער נאַטור און מיט דעם ליכטיקן און שטילן גלויבן, אַז עס וועט אַלץ פאַריבער און אַז עס וועט קומען די שיינע, פריידיקע, זוניקע צייט. אָט דער אָפּטימיזם איז אַ טיף־אינעווייניק־סטער און באַרעכטיקטער.

און אַז דאָס לעבן איז שווער, און אַז מענטשן זיינען נישט צום איבער־טראָגן, פאַררויכערט ער זיין ליולקע־ציבעק און ער ווערט פאַרטראָגן מיטן געדיכטן רויך, וואָס ציט זיך און קנוילט זיך איבערן צימער, אין שענערע וועלטן.

ער האָט אַמאָל דערציילט זייער אַ טרויעריקע מעשה („אַ חתונה״) מיט אַ יידישן שניידער, וואָס האָט פאַרלאָזט אין שטעטל זיין ווייב און קינדער און חתונה געהאַט אין אַמעריקע מיט אַ יונג מיידל, און אַז די געשיכטע ווערט שוין גאָר אויסטערליש און ער האָט מורא, עס זאָל נישט אַרויסקומען אַ ביסל צוגעטראַכט, ציט א. ראַבאָי אונטער אַ פּאַפּיקל, און ער ענדיקט אָט אַזוי: „דאָס פּאַפּיקל, וואָס איך האָב אויבן אויסגעקריצט, איז דאָס לעצטע פון דער דאָזיקער מעשה. איך האָט אַ ציגאַרעט אָנגעצונדן, אַ ברייטן וואָלקן רויך איבער מיין צימער צעלאָזן, איינצלהייטן שווימען אַרויף אין מיין זכרון, און אָט ווי אַזוי דאָס פאָלק פאַרענדיקט די מעשה...״

און אָפּטמאָל, אַז דאָס לעבן ווערט דערווידער און עס קלייבט זיך אָן האַס און שנאה, גייט ער גאָר אַוועק אין שטאָל און דאָרט געפינט ער רו צווישן פערד, צווישן בעלי־חיים, וואָס רעדן צו אים, צו זיין געמיט אָפט האַרציקער, אינטימער, טרייער ווי מענטשן.

עס איז שטענדיק דאָ אַ ספּעציפֿישע וואַרעמקייט, אינטימיטעט אין זיין אופֿן שרייבן, אָדער ריכטיקער — אין זיין דערציילן די מעשה שהיה. אַ ראַבאַי וואָס שרייבט שוין איבער דרייסיק יאָר, איז נאָך אַלץ נישט געוואָרן קיין שרייבער, קיין ליטעראַט אין געוויינלעכן זינען פֿון וואָרט. ער קאָן נישט סתם שרייבן, כאַפּן שטאָף פֿון דער פֿרעמד, פֿון דער זייט. ער לעבט קיינמאָל נישט פֿון געכאַפּטע, געבאָרגטע, זייטיקע טעמעס. אָבער ער היט זיך אויך זייער שטאַרק פֿון רויער, ברוטאַלערווירקלעכקייט.

פּונקט ווי ער האָט מורא פֿאַר דעם נישט־אמת, פֿאַר איבערנאַטירלעכקייט, און ער מעקט עס אויס — אַזוי איז אים דערווידער דער נאַקעטער, ברוטאַלער אמת — און ער וויכט פֿון דעם.

אין דעם בוך „ביין ברידער", וואָס איז באַזונדערס געבויט אויף אייגענע איבערלעבענישן און לעבנס־דערפֿאַרונגען, דערציילט א. ראַבאַי וועגן אייזיקן, דאָס מיינט וועגן זיך: „ביי אייזיקן אין קאָפּ איז אַ מישמאַש פֿון געדאַנקען. ער איז אַ פֿאַרגעסענער אין זיך אַליין. די פֿען שאָקלט זיך ביי אים אין דער האַנט, אָבער עס שרייבט זיך גאָרנישט אַזוי לייכט. אָט שרייבט ער אָן אַ זאַץ. ער לייענט איבער. פֿרעגט זיך אַליין: איז עס אמת? און עס דאַכט זיך אים, אַז עס איז ניט אמת. אייזיק מעקט אויס דעם זאַץ און שרייבט אָן אָנשטאָט איינעם צוויי זאַצן. אָבער איצט איז שוין דער אמת אַ נאַקעטער — צופֿיל אמת. אייזיק פֿאַרשעמט זיך פֿאַר זיך אַליין."

דאָס זאָגט וועגן זיך דער יונגער אייזיק אין די „ביין ברידער", אייזיק, וועלכער האָט דאַן געהאַט ערשט אָנגעשריבן אַ פּאָר קליינע זאַכן. אָבער אָט די ווערטער זיינען אין אַ גרויסער מאָס אויך גילטיק פֿאַר דעם א. ראַבאַי, וואָס האָט הינטער זיך איבער דרייסיק יאָר שאַפֿן און אַ גרויסע צאָל שיינע, ערלעכע און אינטערעסאַנטע ווערק וועגן זיך און וועגן דעם לעבן אַרום אים, סיי פֿון דער אַלטער בעסאַראַביער היים, סיי פֿון דער וייטער וועסט און סיי פֿון דעם גרויסן טומלדיקן ניו־יאָרק.

דריי פֿאַרשיידנאַרטיקע וועלטן און לעבנס! אָבער איבער אַלע שוועבט אַן אייגענע שטראַלנדיקע זון און אַ שמייכלענדיקער הימל און עס רינגלט אַרום אַ באַהאַרצטע אַטמאָספֿער פֿון אַ דערציילער און ליריקער, פֿון אַ דערציילער, וואָס דעקט אויף די גאַנצע צייט זיך פֿאַר דער וועלט...

1941

.2

וואָס קאָן זיין מער אומנאַטירלעך, מער אומנאָרמאַל ווי דער נאָמען —„דער ידישער קאַובאָי"? אַ צונויפֿפֿאָרונג פֿון צוויי אַזעלכע ווידערשפּרעכנדיקע

און ווידעראַנאַנדיקע ווערטער — ייד און קאַובאַי! און דאָך — ס׳איז נאַטיר־לעך און פשטותדיק ווערק, אַזוי נאַטירלעך און פשוט, ווי דאָס רעאַלע לעבן גופא, אַזוי עכט און אמתדיק ווי די ווירקלעכקייט אַליין.

איר הייבט אָן לייענען דאָס בוך און איר ווערט גלייך אַריינגעצויגן אין דעם גאַנג פון די געוויינלעכע פּאַסירונגען און דערשיינונגען. א. ראַבאַי האָט אין זיך דעם נאַטירלעכן חן, דעם נאַטירלעכן צויבער פון דערציילן און מאָלן זאַכן געוויינלעכע און מיט געוויינלעכע מיטלען און פאַרבן, אָבער דערביי פילט איר אַלע טעמים פון עכטער, נישט־געקינצלטער רעאַלישקייט, וואָס איז אָפט שטאַרקער פון די פאַרשיידנערליי אויסטראַכטענישן און אָנגעצויגנקייטן.

דער יידישער קאַובאַי — עפּעס אויסטערלישס און אויסערגעוויינלעכס איז פאַראַן אין אַט דעם באַגריף, און אַן אַנדער שרייבער וואָלט שוין גלייך אונטערגעשטראָכן דאָס אויסטערלישע און נאָכאַנאַנד געטייטלט אויף דעם; ער וואָלט כסדר אויסגעטייטלט און אויסגעשיילט די אַלע מערקווירדיקע איינצל־הייטן און קוריאָזן, און זיי שטאַרק און שאַרף באַטאָנט, כדי איר זאָלט הערן, גאַפן און שטוינען. אָבער א. ראַבאַי קאָן קיינמאָל נישט נעמען אַ העכערן טאָן, ער וויל קיינמאָל נישט געברויכן אַ שרייענדיקע פאַרב, ער וויל קיינמאָל נישט „שרייבן ליטעראַטור״. דאָס לעבן אַליין איז גענוג אינטערעסאַנט און שפּאַנ־נענדיק, עס פאַרמאָגט אין זיך גענוג שפּילעוודיקן און ערנסטן שטאָף, מען זאָל דאַרפן אָנקומען עפּעס אויסצוטראַכטן אָדער צוצוטראַכטן.

דאָס איז געווען דער גאַנג פון א. ראַבאַי אַלע זיינע איבער דרייסיק יאָר, וואָס ער שרייבט, און וואָס ער דערציילט קורצע און לאַנגע געשיכטעס פון זיין לעבן און פונעם לעבן, וואָס איז אים ליב און טייער און היימיש.

און דעריבער זיינען אַלע זיינע ווערק שטיקער אייגן לעבן. עס איז ווי אַלץ שטראָמט אַרויס פון זיין אייגענעם קוואַל, פון וואַנען ער שעפּט און שעפּט כסדר — אַ קוואַל, וואָס האַלט אין איין קוועלן — אַזוי יאָר נאָך יאָר, און אַזוי דריי יאָרצענדליקער.

און עס איז דעריבער אויך שטענדיק פאַראַן אַ פאַרזעצונג, אַ המשך פון ווערק צו ווערק, פון וועלט, פון סביבה, פון לעבנס, וואָס ער האָט דערציילט וועגן זיי און געמאָלט זיי אין די פריערדיקע ביכער. דאָס איז שייך נישט נאָר צו זיינע אויטאָביאָגראַפישע ווערק, נאָר בכלל צו אַלץ, וואָס ער שרייבט. און אוודאי און אוודאי איז דאָ אַ פאַרבינדונג, אַ דירעקטער קאָנטאַקט מיט די ראַבאַי־ווערק, וואָס זיינען טאַקע באַשרייבונגען פון זיין אייגן לעבן.

אַלע, וואָס האָבן געלייענט א. ראַבאַיס זייער פּאָפּולער און שטאַרק באַליבט ווערק „די ניין ברידער״, געדענקען גוט, ווי פון צווישן די אַלע ניין ברידער האָט זיך אָנגעהויבן אויסטיילן איין ברודער — אייזיק, וואָס כאָטש ער איז

געוועז גלייך צו זיינע ברידער, געלעבט מיט זיי אין איין שטוב, געוועז אַריינ־געצויגן אין דער זעלביקער אַרומיקער סביבה און איז געוואָרן אַ פּשוטער אַרבעטער, אָבער דאָך האָט ער שוין גענומען זיך „שניידן" אויף אַ שרייבער. ער איז געווען געטריבן דורך עפּעס אַן אינעווייניקסטן דראַנג, דורך עפּעס אַ כוח, וואָס ער האָט נאָך אַליין נישט באַגריפן זיין באַטייט און מיין. עס איז נישט געווען קיין זייטיקע, פרעמד־אַנגעוויטע השפעה, ווי עס טרעפט אָפט מיט אָנפאַנגער־שרייבער, וואָס דרייען זיך אַרום אין אַ ליטעראַריש־קינסטלע־רישער סביבה, און וואַקסן אַזוי אויס פון דער ליטעראַטור אַרויס. אייזיק קומט צו זיין שרייבן דורך לחלוטין־אייגענע וועגן, דורך אייגענעם ווילן און דראַנג, דורך עפּעס אַ געהיימען שטויס פון אינעווייניק אַרויס.

און אָט די אייגנשאַפט פאַרבלייבט שוין אויף שטענדיק דער עיקר־שטריך אין ראַבאָיס שאַפן. מיר זעען נישט אין אים קיין אייגפלוסן, קיין ווירקונגען פון דער זייט, פון דער פרעמד, נאָר אַלץ ווערט אויסגעוואַרעמט און אויסגע־פּיקט פון אייגענעם וועזן, פון אייגענע געפילן, פון אייגענעם געמיט. און דערפאַר איז א. ראַבאָי שטענדיק אין זיין אייגענער וועלט, ער האָט זיך זיין אייגענע „צייטרעכענונג", ער האָט זיך זיין אייגענעם חשבון־הנפש, און ער האָט ווייניק צו טאָן מיט דער דרויסנדיקער וועלט, כאָטש ער קער זיך גראָד יאָ אָן זייער שטאַרק מיט דער סאָציאַלער אומגעבונג און אין זיינע ווערק רעאַגירט ער אויף אַזאַ און אַנדערן אופן אויף די סאָציאַלע און געזעלשאַפט־לעכע אומרעכטן און אומווירדיקייטן. אָבער דאָס קומט ממילא, דאָס פליסט אַרויס פון דעם נאַטירלעכן גאַנג פון די פּאַסירונגען ביי זיינע מענטשן, וואָס זיינען שטענדיק שטיקער פון זיין וועלט, טיילן פון דעם לעבן, וואָס ער האָט אַליין אַדורכגעמאַכט.

און דאָס איז דער סוד, וואָס א. ראַבאָיס ווערק האָבן אין זיך אַזאַ אינטימ־קייט, אַזאַ באַהאַרצטקייט. זיי זיינען לויט זייער טאָן, לויט זייער געמיט, לויט זייער פאַרנעם גיכער ענלעך אויף מעמואַרן, ווי אויף סתם ליטעראַטור.

אין דעם „יידישן קאָובאָי" ציט א. ראַבאָי ווייטער דעם פאָדעם פון זיין ווערק „ניין ברידער". אָבער דאָ האָבן מיר פאַר זיך בלויז אייזיקן, אים אַליין פון דער גאַנצער פאַמיליע. און עס איז ווי א. ראַבאָי האָט זיין אייזיקן, אָדער זיך אַליין, ווי אויסגעטאָן פון די אַלע פריערדיקע קליידער, איבערגעהאַקט די אַלע פאַרבינד־פעדים מיטן פריערדיקן לעבן און סביבה. מיר האָבן פאַר זיך דעם יונגן אייזיק, וואָס גייט אָנהייבן אַ ניי, אויסטערליש לעבן. און טאַקע דערמיט הייבט זיך אָן דאָס בוך: אייזיק פאָרט אין צוג, ער פאָרט אַוועק פון דער היים, פון ניו־יאָרק, פון דער גאַנצער וועלט, און ער לאָזט זיך קיין נאָרט־דאַקאָטאַ, גיין גלאַדסטאָון. אַ נייע וועלט, אַ נייע באַשעפטיקונג — אין אַ פאַרם

ביי אַ נישט־ייד, און צווישן פערד. אייזיק רייסט אויסערלעך איבער מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, מיט זיין פאַמיליע, מיט דער גאַנצער אייגענער וועלט. אָבער טאַקע נאָר אויסערלעך, ווייל ערגעץ־וואו טיף אין האַרצן טליעט אין אים אַ היימיש און וואַרעם געפיל פאַר זיינע עלטערן, און אַמאָל אויך — טוט אים אַ ברי דער ווילן צו שרייבן. אָבער דאָס אַלץ קומט אין דער שטיל, ראַבאַי מאַכט דערפון קיין ווען נישט, ראַבאַי בויט נישט פון דעם קיין טראַגעדיע, קיין קאָנפליקטן, קיין צונויפשטויסן.

א. ראַבאַין איז אייגענער און ליבער צו דערציילן פשוט און נאַטירלעך און לאָזן די פּאַסירונגען אַליין זיך אויסוויקלען מיט זייער נאַטירלעכן גאַנג. נאָר נישט פאַרשפּיצן קיין פּאַסירונגען, נאָר נישט פאַרשאַרפן קיין שפּיצן, נאָר נישט צונויפפירן עקסטרעמען, זיי זאָלן גלייך אויפרייסן, עקספּלאָדירן!

אייזיק, אָדער ווי מען רופט אים אויף דער פאַרם „אַי״, איז די צענטראַלע פיגור אינעם ראָמאַן. עס זיינען דאָ אויסער אים נאָך עטלעכע געציילטע מענטשן — דער פאַרמער הילדענבערג, זיין פרוי מאַדזשי און דאָס יונגע מיידל עלען, אַ טאָכטער פון אַ שכן — אַ פאַרמער, וואָס דינט ביים רייכן הילדענבערג. אויסער דעם זיינען אַרויסגעפירט אינעם בוך איין אַרבעטער און אַ צווייטער, וואָס אַרבעטן מיט אַי׳ען אין דער פאַרם, און פון צייט צו צייט האָבן מיר די שטאַרק־אָרעמע פאַרמער־פאַמיליע, וואָס איז שטענדיק ווי אַ קאָנטראַסט, אַ ווידעראַנאַנד צום רייכן און קאַרגן הילדענבערג. אָט די עטלעכע געציילטע געשטאַלטן פיגורירן עס איז דעם 300־זייטיקן ווערק פון א. ראַבאַי און זיי זיינען געגעבן פון פאַרשיידענע זייטן, אין פאַרשיידענע סיטואַציעס. און עס קומט אויס, ווי נישט דער מחבר ברענגט זיי אַרויס, נאָר גיכער איז עס ווי דער גאַנג פונעם לעבן פירט זיי אַרויס און ווייזט זיי אין זייער גאַנצער נאַטירלעכ־קייט. און אַזוי וואַקסן זיי אַרויס פאַמעלעך, זייט נאָך זייט, קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל. דער אויטאָר פאַרלויפט נישט דעם וועג, ער פילאָסאָפירט און פסיכאָלאָגירט ווייניק וועגן זיי און וועגן זייערע כאַראַקטערן און וועגן זייערע טואונגען. ער גייט זיך מיטן גאַנג, אַז די צייט גופא, זיי אַליין וועלן זיך ווייזן פול און גאַנץ מיט זייערע אַלע אייגנשאַפטן און שוואַכקייטן און באַזונדערקייטן.

אָבער מיט די־אַ עטלעכע געשטאַלטן שעפּט זיך כלל נישט אויס דאָס ווערק. אויסער די מענטשן האָבן מיר אינעם בוך נאָך אינטערעסאַנטע און שטאַרקע וועזנס — דאָס זיינען די פערד, און טאַקע גאָר אַ באַדייטנדיקן אָרט אינעם ווערק פאַרנעמען אָט־די „שטומע חיות״, וואָס זיינען ביי א. ראַבאַי גאָרנישט אַזוי שטום. מיר האָבן דאָ אַן אָגער, מיר האָבן אַ רייטערל, מיר האָבן „פערד פון אַלערלייע קאָלירן: שוואַרצע, ווייס־גראָע, רויטע און טערקאַטע״. פערד אין שטאַל, פערד אין דער פרעירי, און שקאַפּעס און לאָשעקלעך. פערד

מיט שטאַרקע כאַראַקטערן און מיט ספּעציפישע אייגנשאַפטן און מיט אייגענע טראַדיציעס. און סאַר אַ פאַרשטענדעניש און סאַר אַ פאַראינטערעסירונג און ליבשאַפט א. ראַבאָי דורך זיין אַי (אייזיק) וויזט אַרויס אין לויף פון דער צייט. וואָס ער פאַרברענגט אין דער פאַרם. און מערקווירדיק: אָפטמאָל איז אים דער פערד נעענטער און היימישער און אייגענער ווי דער מענטש. ער קוקט אים נאָך, ער פאָלגט נאָך זיינע טואונגען ווי ער קוקט נאָך און פאָלגט נאָך די שטוב־מענטשן.

אינעם בוך ברענגט אַרויס א. ראַבאָי די כאַראַקטער־שטריכן פון הילדענ־בערגן. אַן אויסערגעוויינלעכער דעספּאָט, אַ קאַרגער, מיט אַ שטאַרקן כאַראַק־טער, וואָס איז גרייט בעת אַ סכסוך הרגענען זיין אייגענעם זון, זיין פרוי. און עס איז מערקווירדיק דער צונויפשטויס פון די צוויי באַזונדערע כאַראַקטערן — הילדענבערג דער נישט־ייד און אַי דער ייד. נישט איין מאָל שטייט אַי אין געפאַר, ער זאָל האָבן אַזאַ טראַגישן סוף ווי זיינע פאַרגייער־אַרבעטער, ער זאָל ערגעץ־וואו אומקומען פון דעם ברוטאַלן הילדענבערג. אָט־דער געשפּיל פון אָט־די צוויי מענטשן — דער פאַרמער און זיין יידישער אַרבעטער — איז זייער אינטערעסאַנט. עס וואַקסט אויך אַן איין ליבע און אַ צווייטע — אויך באַזונ־דערע און אייגנאַרטיקע פון מאַרדזשי צום יידישן בחור אַי, און צווישן דער קריסטלעכער עלען, דאָס יונגע מיידל און דעם יידישן בחור אַי. אָבער אויך דאָ האָט א. ראַבאָי נישט געמאַכט דערפון קיין „ליטעראַטור“, נישט געאיילט זיך, ווי דער שטייגער איז, צו שאַפן אַ קאָנפליקט און צו ברענגען צו אַן אויסברוך, צו אַ רעאַקציע. נאָר ער לאָזט די פּאַסירונגען גיין פּאַמעלעך, ממש ווי אין אַ טאָגבוך, — שריט נאָך שריט, און עס קומט־צו אַזוי פּאַמעלעך שטריך נאָך שטריך צו די כאַראַקטערן־געשטאַלטן.

און דאָס נעמלעכע מיט די פּרעכטיקע באַשרייבונגען פון דער נאַטור און די מערקווירדיקע נאַטור־באַשרייבונגען. ראַבאָי פאַרסירט נישט די געשעע־נישן, ער כאַפּט נישט אַרויס עפּיזאָדן, נאָר אַז עס „האַלט דערביי“, מאַלט ער עס, ריכטיקער, — ער גיט דעם איינפלוס, די ווירקונג פון דער נאַטור אויף אים, אויף די אַרומיקע און נישט נאָר אויף די מענטשן, נאָר אויך אויף די פערדה, וואָס זיינען אין ווערק אַזוי טעטיק און אַקטיוו און שאַפעריש ווי די מענטשן.

אַזוי אַרום איז נישט נאָר די סביבה, וואָס א. ראַבאָי ברענגט אַרויס פאַר אונדז, אַ נייע אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך די מאַניר, דער אופן פון שרייבן, פון אַרויסברענגען די וועלט, איז אַ נייע, אַן אייגנאַרטיקע, אַן עכט־ראַבאָיאישע.

אייזיק איז געפאָרן קיין נאָרט־דאַקאָטא מיט אַ מיין, מיט אַן אויסזיכט

דאָרט איינצואוואָרצלען זיך און מיט דער צייט אפשר אַריבערנעמען אַהין זיין פאַמיליע, די ניין ברידער. דאָ און דאָרטן אינעם בוך טויכט אויף אָט־דער געדאַנק, אָט־דער טרוים, — אָבער צוביסלעך ווערט ער צערונען, און דער סוף — אייזיק פאָרט צוריק אַהיים, קיין ניו־יאָרק, און דאָס בוך ענדיקט זיך מיט אַ שורה: „עס איז שוין נישט געווען קיין זכר פון דער פרעירי".

אַזוי פילט דאָן אייזיק, אַז ער האָט אָפּגעווישט די פּרעריי פון זיין געדעכעניש.

אָבער מיט אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער איז די פּרעירי אַזוי שיין און אַזוי פּרעכטיק אויפגעקומען אינעם זכרון פון דעם קינסטלער א. ראַבאָי, וואָס האָט געגעבן איר אַ פּראַכטפולן „מאָנומענט", וואָס איז גאָר זעלטן און לחלוטין־ניי פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

דער „יידישער קאָובאָי" איז אַן אינטערעסאַנט ווערק וועגן אַ לעבן, וואָס איז ביז ראַבאָיען נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור.

1943

3.

א. ראַבאָי און זיין שאַפן — איז איין זאַך, עס איז נישט צום אָפּטיילן איינס פונעם אַנדערן. אויף זיינע אַלע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן איבער 35 יאָר, ליגט פריער פון אַלץ און דער עיקר דער שטעמפּל פון א. ראַבאָי, און א. ראַבאָי אַליין האָט זיך אינגאַנצן אויסגעלעבט און אויפגעלייזט אין זיינע פאַרשיידענע גרעסערע און קלענערע שאַפונגען.

דאָס איז דער עיקר־שטריך פון א. ראַבאָיס קינסטלערישער פּערזענלעכקייט און דאָס איז אויך דער הויפּט־מאָמענט פון א. ראַבאָיס ווערק. ער האָט נאָכאַנאַנד געשעפּט שטאָף פאַר זיין שאַפן מער פון אַלץ און דערהויפּט פון זיך אַליין, פון דער אייגענער אַרומיקער סביבה. זיינען דעריבער א. ראַבאָיס ווערק ווי טאָגביכער, פאַרצייכענישן פון זיינע איבערלעבונגען. א. ראַבאָי האָט שטענדיק געשריבן פּראָזע, אָבער אין תוך איז ער געווען אַ ליריקער, ער האָט דורך זיינע פּראָזאַאישע ווערק געבראַכט צום אויסדרוק זיינע פאַסירונגען, זיינע געמיט־צושטאַנדן, די פּראַצעסן פון דעם אַרומיקן לעבן, וואָס איז זיך געגאַנגען פאַמעלעך, בהדרגהדיק, אָן ספּעציעלע מערקווירדיקע, אויסערגעוויינלעכע און איבעררעאַשנדיקע טרעפּעכצן.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר געהאַט צוויי הויפּט־שטרעמונגען, צוויי הויפּט־ריכטונגען: — איינע וואָס ציט זיך פון פּרצן — דאָס איז די לומדישע, די חריפישע, די אינטעלעקטואַלע ריכטונג, וואָס האָט שטענדיק

געזוכט דאָס פּראָבלעם, באַמיט זיך געבן דעם תמצית, געזוכט אַרויסצושלאָגן דעם מיין, דערגיין צום סאַמע פּינטל פונעם געדאַנק. און אַ צווייטע שטרעמונג, אַ צווייטע ריכטונג איז געגאַנגען פון שלום־עליכמען, וואָס האָט געזען און באַוויזן דאָס רעאַלע, דאָס ממשותדיקע לעבן, אויסדערציילט פּראָסט און פּשוט דעם גאַנג, דעם שטייגער־לעבן פונעם פאָלקס־מענטשן, אַרויסאַנטפּלעקט זיינע „וואָכעדיקע" מעשים, זיינע אומגעקינצלטע רייד.

אָט־די צוויי באַזונדערע ריכטונגען זיינען אָפט זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין צוויי באַזונדערע זייטן, געווען צייטנווייז וויט איינע פון דער אַנדערער און געהאַט באַזונדערע אָנהענגער־שרייבער, פאַרשטייער־קינסטלער. און ס'זיינען אויך געווען פאַלן, ווען איין שרייבער איז אַ צייט־לאַנג געווען אונטער דער ווירקונג פון דער אינטעלעקטועלער, געדאַנקלעכער, פּראָבלעמאַטישער ריכטונג און שפּעטער זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער „עמך־דיקער", פאָלקישער ריכטונג.

יעקב דינעזאָן, מרדכי ספּעקטאָר, י. מ. וויסענבערג, שלום אַש אין זיינע ערשטע ווערק, אויך אברהם רייזען זיינען געווען מער פאַרבונדן מיט דער צווייטער, שלום־עליכמדיקער שטרעמונג אין דער יידישער ליטעראַטור. פּרץ האָט געהאַט זיינע נאָכפאָלגער און מיטבאַגלייטער — ה. ד. נאָמבערגן, ל. שאַפּיראָן, דוד בערגעלסאָנען, ה. לייוויקן, י. אָפּאַטאָשון, דעם נסתרן, צבי הירשקאַנען און אַנדערע. ס'זיינען פאַראַן אויך שרייבער, וואָס האָבן זיך גע־פונען צווישן אָט־די צוויי באַזונדערע קינסטלערישע וועלטן: שלום אַש, פּרץ הירשביין, דוד איגנאַטאָוו, יונה ראָזנפעלד, וואָס פאַרמאָגן אין זייער שאַפן עלעמענטן פון די ביידע פאַרשיידנאַרטיקע ריכטונגען. ביי אייניקע קומט עס צו אַ סינטעז, ביי אייניקע ראַנגלען זיך אָט־די צוויי באַזונדערע שטראָמען; אָט איז גובר איין שטראָם און אָט אַ צווייטער.

א. ראַבאָי האָט פאַרמאָגט אין זיך די פּשטות, די „פּרימיטיוויקייט", די אָפנקייט פון דער שלום־עליכמישער שטרעמונג. „צו וואָס ראָמאַנען, ווען דאָס לעבן איז אַליין אַ ראָמאַן" — דאָס איז אויך געווען אַ מין מאָטאָ ביי א. ראַבאָיען, אָבער מיטן אונטערשייד פון שלום־עליכמען, וואָס ער, ראַבאָי, האָט נאָך צוגעגעבן: „צו וואָס ראָמאַנען, ווען דאָס אייגענע לעבן איז אַ ראָמאַן".

אַמאָל האָט ח. נ. ביאַליק געזאָגט וועגן זיך, אַז „ער האָט נישט זוכה געווען אין ליכט פון הפקר, ס'איז אים אויך נישט געקומען בירושה פון זיין פאָטער. ער האָט עס אַרויסגעשלאָגן פון זיין אייגן שטיין און פעלז און עס אַרויסבאַ־קומען פון זיין אייגן האַרץ." פאַרשטייט זיך, אַז ח. נ. ביאַליק איז נישט געווען אויסער יעדער השפּעה און ס'איז אויך נישט ריכטיק, אַז ער האָט נישט גענאָסן פון ירושה פון אָנגעזאַמלטע קולטור־אוצרות. און אַזוי אויך, אויף זיין באַזונ־

דערן שטײגער — א. ראַבאָי: ער האָט געלײענט ביכער, ער האָט זיך דערצויגן אויף ײדישע און װעלט־קלאַסיקער און קינסטלער. אָבער דער מאַטעריאַל, דער שטאָף, דער אָנרעג און אָנרײץ איז געקומען ביי אים פון אײגן האַרץ, פון אײגע־נע געפילן, פון אײגענעם געמיט. די זײטיקע, פרעמדע װירקונגען און אײנפלוסן זײנען געװען אַ ביי־זאַך, אַ צוגאָב, נישט דער עיקר.

א. ראַבאָיס שאַפן, װאָס האָט זיך געצויגן אַ 36־37 יאָר — מיט איבער־רײסן אינמיטן, — האָט זיך געדרײט אַרום דרײ הויפּט־מאָטיװן: 1) אַמעריקע, פּרעריז, פאַרם, ערד, בעלי־חיים; 2) אַרבעטס־סביבה, הײמישע פאַרשױנען, שטוב, עלטערן, ברידער; 3) בעסאַראַביע. אָפט פאַרנעמען אָט־די מאָטיװן גאַנצע, באַזונדערע װערק, און אָפט מישן זיך די דרײ מאָטיװן אין יעדן װערק אינאײנעם. און דאָס זײנען נישט געװען קײן דרײ הויפּט־מאָטיװן, דרײ װעג־צײכנס, אָדער מײל־שטײנער אין זײן לעבן־ און שאַפן־גאַנג. נײן, אָט געפינט ער זיך אין אײן װעלט פון די דרײ הויפּט־טעמעס, און אָט גײט ער אַװעק און קערט זיך װידעראַמאָל אום, צו דער שױן באַהאַנדלטער טעמאַטיק. אָבער װען ער פאַלט װידער צו צום זעלבן, פון לאַנג־אויסגעגראָבענעם קװאַל, איז שױן אויף אַן אַנדער אופן. ער איז רײפער, ער איז שױן צײטיקער געװאָרן, ער קוקט שױן מיט אַ שאַרפערן אויג אויף דער זעלביקער פריער־שױן־געשילדער־טער װעלט און ער מאָלט זי אויף אַ נײעם, סאָציאַל מער־פאַנאַנדערגע־טײלטן אופן און שטײגער: אַזוי איז געװען מיט „הער גאָלדענבאַרג" און „דער ײדישער קאָובאָי", אַזוי איז אויך מיט די „בעסאַראַביער ײדן" (אָדער, „אײגע־נע ערד") און זײנע „קינדער־און־יוגנט־יאָרן"; און אַזוי אויך מיט זײנע שיל־דערונגען פון דעם שאַפּ־לעבן.

און נאָך עפּעס: מיר אַלע װײסן, און איבערהויפּט די, װאָס האָבן זיך געטראָפן מיט אים אין די לעצטע יאָרן, װיפל פיזישע װײטיקן און מוראדיקן פּײן ס׳איז אים אויסגעקומען איבערצוטראָגן. ער דערצײלט, אגב אורחא, װעגן דעם אין זײנע בריװ, װאו ער קלאָגט זיך נישט, נאָר ער פאַרענטפערט זיך, הלמאי ער שרײבט נישט און שיקט נישט קײן זאַכן אין דער צײטונג אָדער זשורנאַל! אָבער אַ מערקװירדיקע זאַך: ער האָט אָט־די װײטיקן און יסורים פאַרבאַהאַלטן אין זיך, און זײנע אַלע װערק, װאָס ער האָט געשריבן אין צו־שטאַנד פון שװערער קראַנקהײט, זײנען ליכטיקע, העלע, שײנענדיקע. און דאָ איז אויך דאָ עפּעס געמײנשאַפטלעכס צװישן אים און שלום־עליכמען, װאָס פיל שפּילעװדיקע, זוניקע, לױטערע װערק האָט שלום־עליכם געשריבן בעת ער האָט געליטן שרעקלעכע װײטיקן.

עס װאָלט אָבער געװען אַ טעות צו מײנען, אַז א. ראַבאָי האָט געהאַלטן אין אײן קוקן אין אײגענעם שפּיגל און געזען בלויז זיך אַלײן און פאַרזען אַלץ,

וואָס איז אויסער זיך גופא. א. ראַבאָי האָט געזען זיך אויפן הינטערגרונט פון אַ רעאַלן סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן, אויפן פאָן פון סאָציאַל־געזעלשאַפט־לעכע געראַנגלענישן. אַזוי אַרום איז ער אַליין שוין פיל מער ווי בלויז אַ „איך״, נאָר ער איז אַ כולל־טיפּ, אַ קאָלעקטיווע געשטאַלט, און אַלץ וואָס עס קומט פאָר מיט דעם יחיד איז גילטיק ממילא פאַר דעם כלל. וואַקסט דעריבער אַרויס די געשיכטע וועגן זיך פון בלויז אַ מעשה מיט איינעם, און עס ווערט אַ גע־שיכטע וועגן אַזעלכע ווי ער. און דאָס איז דער סוד פון דעם באַזונדערן חן און באַזונדערער באַדייטונג, וואָס א. ראַבאָיס ווערק פאַרמאָגן: — לכתחילה קומט עס אויס, ווי עס זיינען ציטערנדיקע, אינטימע בלעטלעך וועגן טיף־אייגענע איבערלעבענישן, אָבער אין דער אמתן זיינען עס ווערק מיט אַ פעסטן סאָציאַלן אינהאַלט, מיט קלאָרע, אויסדריקלעכע סאָציאַלע פּאַסירונגען און טענדענצן.

דאָס אייגענע און דאָס אייגן־אַרומיקע לעבן האָט א. ראַבאָי באַהעלט און באַלויכטן מיט אַ באַזונדערער באַהאַרצטקייט, וואָס ווערט אונדז דעריבער נאָענט און היימיש, אָבער אונטער דער באַהאַרצטער לירישקייט האָבן מיר שטיקער גרויע לעבנס, ערנסטע פּראָצעסן, שווערע געראַנגלענישן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין די אַלע ערטער, וואו ער האָט געלעבט און געקעמפט, געלעבט און זיך געראַנגלט.

די שטילע, געמיטלעכע, לירישע ווערק פון א. ראַבאָי פאַרמאָגן אַ סך קאַמף און געראַנגל. א. ראַבאָי האָט אָבער נישט ליב צו געברויכן שטאַרקע ווערטער, ער האָט נישט ליב איבערשרעקן דעם לייענער מיט אויפטרייסלענ־דיקע פּאַסירונגען, אָבער א. ראַבאָי מיידט זיי נישט אויס, ער פאַרבאַהאַלט זיי נישט. מער נישט, ער ברענגט זיי אַרויס מיט גאָר דער „נאַטירלעכקייט״ ווי זיי פּאַסירן, ווי זיי קומען אָן. און זיי זיינען נישט ווינציקער שטאַרק און באַווירקנדיק.

און דעריבער: נישט געקוקט אויף די טיף־סוביעקטיווע, דורכאויס־אייגע־נע איבערלעבענישן, וואָס א. ראַבאָי שילדערט כסדר אין זיינע ווערק, זיינען א. ראַבאָיס שאַפונגען רעאַלע, ממשותדיקע, און זיינען ענג און פעסט פאַרבונדן מיט קאָנקרעטע סביבות און רעאַלע צייטן, וואו ער האָט געלעבט און געאַרבעט, געלעבט און געקעמפט.

אָנגעהויבן פון זיין „הער גאָלדענבאַרג״, וואָס איז געשריבן און פאַרעפנט־לעכט מיט אַ צוויי דרייסיק יאָר צוריק (אין 1913) ביז זיינע לעצטע זאַכן, וואָס ער האָט געשריבן קראַנקערהייט אין לאָס־אַנדזשעלעסער סאַנאַטאָריע, זיינען עס אַלץ ווערק, וואָס וואַקסן אַרויס פון אַ רעאַלן באָדן, פון אַליק־איבערגע־לעבטע און גלייכצייטיק אַלגעמיינע כלל־געשעענישן. אומעטום פאַרנעמט דער כלל־געזעלשאַפטלעכער מאָמענט אַ גרויסן, וויכטיקן אָרט. איר האָט פאַר זיך

די אַטמאָספער, די אַרומרינגלונג, די לאַנדשאַפט, די סאָציאַלע כוחות, די קאָנ־קרעטע נאַטור, פון וואַנעט דאָס געשילדערטע לעבן ווערט אַרויסגעבראַכט.

א. ראַבאָי איז אויפגעוואַקסן אין בעסאַרביע, געלעבט אין פּאָדאָליע, זינט 1904 איז ער אין אַמעריקע, געלעבט אין ניו־יאָרקער איסט־סאַיד, דערנאָך געלערנט אין דער אַגריקולטור־שול און אייניקע יאָר געוועזן אין נאָרט־דאַקאָטא אויף אַ פאַרם פון פערד. זינט 1913 איז ער ווידער אין ניו־יאָרק, וואו ער האָט אָנגעהויבן זיין שטענדיקע ליטעראַרישע טעטיקייט און גלייכצייטיק — זיין אַרבעט אין פאַבריק. דאָס זיינען די הויפּט־פּונקטן, אַרום וועלכע עס דרייט זיך זיין שאַפן. בעסאַראַביער לעבן, דאָס לעבן אין דער פאַרם, דאָס ספּעציפישע ידישע לעבן אין ניו־יאָרק — דאָס ווערט געשילדערט כסדר דורך א. ראַבאָי אין זיינע גרעסערע און קלענערע ווערק. אַט איז ער אויף דער פאַרם, ער לעבט פונדאַסניי איבער דאָס פאַרמערשע לעבן אַרום פערד, אַרום נאַטור־ווילדער־נישן, אַרום די פאַרם־מענטשן, און אַט איז ער אין בעסאַראַביע, און ברענגט ווידער אַרויס דאָס זאַטע, אויסטערלישע בעסאַראַביער לעבן. און אַט טויכט ווידער אויף דאָס אייגנאַרטיקע לעבן פון ידישן ניו־יאָרק. און דאָס אַלץ ווערט געגעבן אויף וויפל ס'האָט אַ דירעקטע שייכות מיט אים און מיט זיינע היימישע. פון דעם „הער גאָלדענבאָרג", וואָס א. ראַבאָי האָט אָנגעשריבן אין 1913, ביז זיין „דער ידישער קאָובאָי", געשריבן מיט אַ 25 יאָר שפּעטער, איז שוין דאָ אַ וויטער מהלך. עס איז פריער פרילינג און סוף־זומער פון דעם קינסטלער. אין זיין ערשטלינג־ווערק וועגן דעם פאַרם־לעבן האָבן מיר פאַר זיך אַ יונגן, ראָמאַנטישן שרייבער, וואָס ברענגט אַרויס מיט פאַרגאַפנדיקער איבעררעשונג נאַטור־ווילדערנישן. עס איז מער אַ שיר, אַ געזאַנג, דער פרייער פרעירי, אין דער צייט וואָס „דער ידישער קאָובאָי" איז שוין אַ פּרוכט פון דעם רייפן א. ראַבאָי. און אַנשטאָט בונטער ראָמאַנטישקייט האָבן מיר שוין רעאַלע, האַרבע ווירקלעכקייט און סאָציאַלע געראַנגלענישן, און עכטן לעבנס־שטייגער פון פאַרם־מענטשן. עס ווערן געגעבן, פון איין זייט — בעלי־גופים, דעספּאָטישע, פאַרהאַרטעוועטע מענטשן, און פון דער צווייטער זייט ווערן באַוויזן אָרעמע, דערשלאָגענע פאַרם־מענטשן, וואָס ראַנגלען זיך כסדר פאַרן שווערן קיום. אין „ידישן קאָובאָי" איז שוין געשטעלט דער טראָפּ אויף סאָציאַלן אומרעכט, אויף דער שרייענדיקער אומגלייכקייט, וואָס הערשט אין דער רייכער, פאַרשווענדע־רישער אַמעריקע. אויך אין די אַנדערע ווערק פון דעם פאַרם־לעבן, „ביים פּאָס פון ים" און „דאָס ווילדע לאַנד", טרעפן מיר שוין אַן אַנדערן ראַבאָי, שוין נישטאָ מער דער זינגענדיקער ראָמאַנטיקער פון זיין ערשטן ווערק.

אין די „ניין ברידער" טוט אייזיק (ראַבאָי) אַ זאָג וועגן זיך און זיין שרייבן: „... ער, וועלכער האָט נאָך אפילו קיין איין שורה נישט געגומען ביי עמעצן; ער, וועלכער שרייבט וועגן זיך אַליין, דעקט זיך אויף פאַר דער וועלט,

אַז מען זאָל אים משפּטן און פֿאַרגעבן.״

עס איז די באַזונדערע אחריות, וואָס א. ראַבאָי האָט געפֿילט מיט זיין שרייבן. פֿריער פֿון אַלץ איז עס געווען זעלבסט־פֿאַראַנטוואָרטונג. ער איז געשטאַנען אין דער מיט פֿון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע געראַנגלענישן, אַליין געווען אַ פּראָלעטאַריער, אויף אייגענע פּלייצעס אויפֿגענומען קלעפּ פֿון דער אומגערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג, זיך אַליין באַטייליקט אין סטרייקס, גע־צאָלט דערנאָך מיטן אייגענעם לייב־און־לעבן, געטריבן געווען פֿון זיין היים, געדאַרפֿט אָנהייבן אַ ניי לעבן, געהאַט אויסצושטיין אין דער שול פֿונעם ביוראָ־קראַטיזם, געליטן פֿון דער קאַלטער אַטמאָספֿער אין דער אַגריקולטור־שול און דערנאָך ווידער געווען אונטער דעם יאָך פֿון פֿאַרמער־בעלי־גופֿים און ווידער אין שפּאַן פֿון אַ שאַפּ־אַרבעטער.

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין די סאַמע רייפֿע שאַפֿונגס־יאָרן ווערט ער שווער קראַנק און ליידט יאָרן־לאַנג אוממענטשלעכע ווייטיקן, וואָס לאָזן אים נישט לעבן און אַרבעטן, ניט געקוקט אויף דעם אַלעם פֿאַרלירט ער נישט זיין גוטמוטיקן שמייכל אויף זיין פּנים, דעם האַרציקן, וואַרעמען בליק אין זיינע יונגע אויגן און די גוטמוטיקייט, באַהאַרצטקייט אין זיין רעדן. און דאָס נעמלעכע — אין זיינע ווערק, וואָס ער שרייבט די לעצטע יאָרן; מיט אַזוי פֿיל זון, ליכט, ליב־האַרציקייט, גוטמוטיקן הומאָר זיינען זיי באַהעלט און באַזעלט.

און אַ לויטערער, אַ ליכטיקער, אַ באַהעלטער וועט א. ראַבאָי דער מענטש און קינסטלער (און עס איז דאָך איינס, נישט צום אָפּטיילן) פֿאַרבלייבן לעבן ביי אונדז, אין אונדז.

1944

דוד בערגעלסאָן

.1

„אַרום וואָקזאַל“ איז דער ערשטער אַריינפּאַר פון דוד בערגעלסאָן אין דער יידישער ליטעראַטור און דער אַריינפיר צו די אַלע שפּעטערדיקע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן אין לויף פון די וויטערדיקע יאָרן.

„אַרום וואָקזאַל“ האָט איבעררגשט און אַרויסגערופן התפּעלות מיט זיין קינסטלערישער און מייסטערישער רייפקייט, וואָס איז אַ זעלטנקייט פאַר אַן אָנפאַנגער. עס איז געקומען אַ שרייבער מיט אַן אייגענער פאָרם, מיט אַן אייגענעם טאָן, מיט אַן אייגענעם כאַראַקטער.

ווי ווייט עס איז נישט געגאַנגען מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דוד בערגעלסאָן, דעם מענטש און דעם קינסטלער, אָבער די הויפּט־שטריכן און הויפּט־טענדענצן פון בערגעלסאָן פאַרמאָגן שוין די ערשטע ווערק זיינע. מער נישט, מיט דער צייט האָט ער דערגרייכט אַלץ־מער שלימות און מייסטערשאַפט. און ווען מיר ווילן האָבן פאַר זיך אַ גאַנץ און אויסשעפּנדיק בילד פון דוד בערגעלסאָן, מוזן מיר מיטמאַכן מיט אים דעם גאַנג פון „אַרום וואָקזאַל“ ביז דעם „ביים דניעפּער“, און „בירא־בידזשאַנער“ און נאָך ווייטער.

פאַרהעלטניסמעסיק האָט דוד בערגעלסאָן נישט פיל געשריבן פאַר די דרייסיק יאָר זינט ער האָט אָפּגעדרוקט זיין „אַרום וואָקזאַל“. אַנדערע יידישע שרייבער, וואָס זיינען געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור צוזאַמען מיט אים און אַפילו אַ פאַר יאָר שפּעטער, האָבן פאַר אַט דער צייט באַוויזן אַרויס־צוגעבן פיל מער ביכער.

עס איז דערפאַר, ווייל דוד בערגעלסאָן האָט דאָס רוב געשפּאַנט פּאַמעלעך און שטאַרק אָפּגעהיט. פאַר יעדן אויסלאַד, האָט געמוזט זיין ביי אים אַ לענגערע צייט פון אָנלאַד. ער האָט אויסגעטראָגן אַ ווערק, די סיטואַציע, די אַטמאָספער לאַנג, אָפטמאָל יאָרן לאַנג. עס איז קיין צופאַל נישט, וואָס אייניקע ווערק זיינען ביי אים פאַרבליבן נישט פאַרענדיקט — פאַרעפנטלעכט דעם ערשטן טייל און נישט געקאָנט פאַרזעצן, ווייל פאַר אַט די עטלעכע יאָר האָט זיך דאָס לעבן און דער געמיט־צושטאַנד פון מחבר אַ שיין ביסל געענדערט.

און דוד בערגעלסאָן איז זעלטן־ווען סתם אַזוי אַ שרייבער, וואָס „פּאַרפאַסט" ווערק, צו וועלכע ער גופא, ער און זיין גאַנץ אינעווייניקסט וועזן, זאָל נישט האָבן קיין אייגענע אינטימע באַציאונג. דוד בערגעלסאָן האָט זעלטן־ווען גע־באַרגט שטאָף, טעמאַטיק, מענטשן, איבערלעבענישן פון דער זייט, פון דער פרעמד. ער האָט אַדורכגעלעבט, אַדורכגעפיבערט אַ ווערק, איידער ער איז מיט דעם געקומען אין דרויסן. ער האָט זיך אויך נישט געוואָרפן פון איין טעמע צו אַן אַנדערער, פון איין וועלט צו אַ צווייטער, ווי עס טרעפט אָפט מיט שרייבער, וואָס „וואַרפן אַרויס" איין ווערק נאָכן צווייטן אויפן „מאַרק". עס איז דעריבער פון אַנהויב אָן געווען ביי בערגעלסאָנען נישט נאָר אַ ספּעציפישע מאַניר פון שרייבן, נאָר עס איז אויך געווען אַ בערגעלסאָנישע וועלט מיט מענטשן, געשטאַלטן און סיטואַציעס. האָט מען דעריבער געמיינט, אַז ער קאָן זיך גאָרנישט אַרויסבאַפרייען פונעם פאַרכישופטן קרייז פון זיינע פאַרשוינען, אַז ער איז אין שטענדיקער געפענגעניש ביי זיי.

דוד בערגעלסאָן איז אַ לאַנגע צייט געווען פאַרוויגט ביי דער יידישער קריטיק און ביי דעם לייענער־עולם ווי אַ„שיין־שרייבער", ווי אַן עסטעט, וואָס איז ווייט און דערווייטערט פון דעם לעבן, פון דער רעאַלערווירקלעכקייט. עס האָט געהייסן, אַז ער איז אַ דורכאויס־סוביעקטיווער, אין זיך איינ־געשלאָסענער שרייבער, וואָס צאַצקעט זיך מיט זיין שרייבעריי און ער גייט זיך שטענדיק אויף אַ זייטיקער סטעזשקע, אָן דער זייט פון דעם ברייטן לעבנס־שליאַך.

דער באַוואוסטער יידישער קריטיקער בעל־מחשבות האָט אין זיין אַרטיקל וועגן „נאָך אַלעמען" (1913) אָט וואָס געזאָגט וועגן דוד בערגעלסאָנען: „. . . וועך איז אָט דער, פון וועמען עס שמעקט נישט מיט דער לופט פון די היינטיקע סאָציאַלע יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען? וואָס צוימט אָפּ זיין געשילדערט וועלטל פון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אַ ברייטן געזעל־שאַפטלעכן לעבן?" (בעל־מחשבות, געקליבענע שריפטן, ב׳ 4, ז׳ 168.)

איצט, ווען דוד בערגעלסאָן האָלט שוין נאָך „פענעק", „בירא־בידזשאַנער" און „צווישן לעבעדיקע מענטשן", קאָן מען עס שוין נישט זאָגן. עס לאָזט זיך אויך נישט זאָגן וועגן זיין ערשטן ליטעראַרישן פּעריאָד, וועגן די יאָרן 1909—1913, ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין „אַרום וואָקזאַל", „דער טויבער", „נאָך אַלעמען", „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט", אַז ער האָט „אָפּגעצוימט זיין געשילדערט וועלטל פון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן לעבן".

פאַר די דרייסיק יאָר, זינט זיין „אַרום וואָקזאַל", האָט דוד בערגעלסאָן אַדורכגעמאַכט אַ זייער אינטערעסאַנטן און וויכטיקן וועג. עס איז אַ צווייענ־

דיקער פּראָצעס, דער פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעך־אידייאישער איבער־וואַנדלונג און דער פּראָצעס פון קינסטלעריש־מייסטערישער פאַרפולקאָמענונג. ווען מיר גייען נאָך פּאַמעלעך, טריט נאָך טריט, ווערק נאָך ווערק, נאָך בער־געלסאָנען, זעען מיר אַן אינטערעסאַנטע אַנטוויקלונג פון אַ מענטש און שרייבער. מיר טרעפן זיך אויך אָן אויף אָפּנויגן, אויף ריסן, אויף וואַקלענישן, וואָס יעדער איינער קאָן אויסטייטשן אַנדערש, אויף זיין אופן. אָבער איצט, ווען מיר האָבן שוין פאַר זיך אַ פּערספּעקטיוו פון דריי צענדליק יאָר, לאָזט זיך זאָגן מיט דער פולער זיכערקייט, אַז דוד בערגעלסאָנס ווערק זיינען וויכטיקע צייכנס פאַר עטאַפּן און אַנטוויקלונגען אין דעם יידישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן און שאַפן. און נאָך מער: אין ליכט פון דער איצטיקער צייט ווערן אויך בוילעטער די ווערק, וואָס מען האָט אין זייער צייט נישט געלייגט קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט אויף זיי.

עס איז נישט גרינג אָנצוצייכענען ביי דוד בערגעלסאָנען פּינקטלעכע דאַטעס פאַר זיינע ווערק. בערגעלסאָן האָט זיינע גרעסערע שאַפונגען אָפט געשריבן אין לויף פון עטלעכע יאָר. פון דער צייט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן די ערשטע קאַפּיטלען און אָפּטמאָל אויך דאָס רוב ווערק ביז דרוקן זיינען אַריבער עטלעכע יאָר. דאָס איז אַ באַזונדערע אויפגאַבע פאַר אַ גרעסערער פאָרש־אַרבעט און פאַר אַ מאָנאָגראַפיע אויסצוגעפינען די צייט־שפּורן און צייט־שטימונגען אין זיינע ווערק אָדער אין טייל פון ווערק. מוז מען זיך האַלטן ביי די דאַטעס, ווען דאָס ווערק איז פאַרעפנטלעכט. און דער גאַנג פון בערגעלסאָנען לויט די־אָ דאַטעס איז זייער אַן אינטערעסאַנטער: „אַרום וואָקזאַל" (1909), „דער טויבער" (1909), „נאָך אַלעמען" (1913), „אָפּ־גאַנג" (1919), „אין פאַרטונקלטע צייטן" (1920), „מידת הדין" (1925), און דאָ גייען די דערציילונגען־זאַמלונגען „וועלט־אויס וועלט־איין", „שטורעם־טעג", „צוג־ווינטן" און אַנדערע ביז זיין „ביים דניעפּער" (1932), „בירא־בידזשאַנער" (1934), „צווישן לעבעדיקע מענטשן" (1935) און דער צווייטער טייל „ביים דניעפּער".

עס איז אַן אינטערעסאַנטער גאַנג פון אַ קינסטלער־מייסטער, און אויך פון אַן ערנסטן קינסטלער מיט אַ טיפן און אייגענעם קוק אויף דעם יידישן לעבן. ער האָט געטראָגן געזעלשאַפטלעכע לאַסטן און אחריותן אויף זיך און געהאַלטן זיי אין אויסלאָדן אין זיינע ווערק פון פאַרשיידענע צייטן און פּעריאָדן. זיינע ווערק זיינען דעריבער נישט בלויז אויסגעכאַוועט אין אייגענער שויס, זיי זיינען אויך פּראָדוקטן פון די כחות־גראַנגלענישן אויף דער יידישער גאַס.

דוד בערגעלסאָן איז פון די צילבאַוואוסטיקסטע קינסטלער ביי אונדז. ער האָט געפירט חשבונות מיט דער אַרומיקערווירקלעכקייט. זיינע געשטאַלטן

זיינען אַדורך די קרייץ־פּייערן פון דער צייט, געטריבן דורך קאָנקרעטע, רעאַלע סאָציאַלע כחות, און אַפילו די שטימונגען, די בענקעניש פון זיין מיליע, זיינען אויך אַ פּועל־יוצא פון סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן צושטאַנד און סיטואַציע. שוין אין זיין „אַרום וואָקזאַל" פילן מיר, ווי שאַרף עס שניידט זיך אַריין אין דעם לעבן פון יעדער אַרויסגעבראַכטער געשטאַלט די אַרומיקע ווירקלעכקייט. מער נישט, אין יענער צייט האָט ער געגעבן מער דעם אָפּהילך, דעם אָפּקלאַנג פון די געשעענישן. די אַלע אַרום־וואָקזאַל־געשטאַלטן זיינען לעבעדיקע, רעאַלע געשטאַלטן, פאַרשטייער פון דעם יידישן קליינבירגערטום, זיי זיינען געגעבן געוואָרן מיט אַזאַ עכטקייט און רעאַלקייט, אַז אייניקע האָבן דאַן אין יענער צייט געמיינט נישט אַנדערש, אַז דוד בערגעלסאָן איז אַן עלטערער מאַן, אַ מעקלער, וואָס אַלע זיינע יאָרן האָט ער אָפּגעלעבט אין דער אַרום־וואָקזאַלישער סביבה, און לאחר מעשה האָט ער אַזוי עכט און אַזוי אינטים־אייגן באַשריבן זיך און זיינע אַרומיקע מענטשן.

און נאָך מער איז עס געווען קאָנטיק אין „נאָך אַלעמען", וואו דוד בערגעלסאָן האָט אַרויסגעפירט שיכטן פון דער יידישער מיטל־בורזשואַזיע און אויך פאַרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ פון די יאָרן נאָך דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1905־1906. און אַזוי אין די אַלע אַנדערע ווערק, וואו דוד בערגעלסאָן האָט אויף זיין שטייגער אויפגעכאַפּט שטימונגען און אומשטענדן פון די רעאַקציע־יאָרן אין צאַרישן רוסלאַנד, געגעבן דעם בין־השמשות, די צווישנצייט פון 1906 און 1914. נאָך איבערצייגנדיקער גיט ער דאָס יידישע לעבן אין „אָפּגאַנג", אין די „פאַרטונקלטע צייטן", און אין די קלענערע דערציילונגען, וואו ער כאַפּט אויף אַ געשיכטע, אַ געשטאַלט, וואָס טראָגט אין זיך די גרענעגלעכישן, דעם ווי, דעם תוך פון אַ שיכט אין יידישן לעבן, וואָס מאַכט אַדורך אַ באַשטימטן גאַנג, אַן ענדערונג־פּראָצעס אין דער געגעבענער צייט.

בערגעלסאָן איז נישט קיין דורכאויס־רעאַליסטישער שילדערער. ער איז דער זינגער, באַזינגער פון דער געשילדערטער וועלט אָדער געשטאַלט. בערגעלסאָן גיט צו דאָס עלעגישע, דאָס יום־טובדיקע צו דעם רעאַלן. עס איז אַ מין נעאָ־רעאַליזם, אַ מין סינטעז פון מאַטעריע און גייסט, אַ סינטעז פון וואָר און טרוים. דאָס רעאַלע קומט אַרויס באַשיינט מיט אַ באַזונדערער באַשטראַלטקייט, עס ווערט באַגלייט מיט נאָכזינגענדיקע און נאָכשפּילנדיקע מאָטיוון.

אויפגעצויגן אויף דער רייכער פּסיכאָלאָגיש־פּאַרטיפער, געזעלשאַפטלעך־פאַראַנטוואָרטלעכער און ברייט־פאַרצווייגטער רוסישער ליטעראַטור, אויפגענומען די יידישע קולטור פון אירע ערשטע מקורים, אויסגעוואָקסן און

געלעבט צווישן אַ רייך־פאַרשיידנאַרטיקער יידישער מיליע, האָט אים נישט באַפרידיקט די דעמאָלסדיקע יידישע ליטעראַטור פון נאָך די רעוואָלוציע־יאָרן. פאַר די אויגן איז געווען אַ רייך און קאָלירפול יידיש לעבן אין דער רייכער שטאָט קיעוו, דאָס לעבן האָט געלאָקט מיט די אַלע סאָציאַלע קאָנפליקטן און קאָליזיעס; אָרום און אַרום — אינטערעסאַנטע געשטאַלטן, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע. האָט מען געמאָנט ביי זיך אַרויסצואַנטפּלעקן אָט די געוואַלדיקע עשירות, וואָס די יידישע שרייבער פאַרזעען.

פאַרברייטערן די ראָמען פון דער יידישער ליטעראַטור, אַריינברענגען אין איר דאָס רייכע, קאָמפּליצירטע, וואָס דאָס לעבן פאַרמאָגט, און דערביי לייגן ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט אויף דער פאָרם, אויפן סטיל — דאָס איז געווען דער בערגעלסאָן־נוסח. עס איז אויסגעקומען, אַז די „אָפיציעלע" יידישע ליטעראַטור אין וואַרשע גייט צופיל מיט אויסגעטראָטענע וועגן, און די שרייבער זיינען אָוועקגערוקט פונעם ברייטן לעבנס־שטראָם. שיכטן און פלאַסטן זיינען אָנגעוואַקסן אין יידישן לעבן; פאַר די אויגן — ברייט־פאַרצווייגטע יידישע משפחות; עס גייען אַרום מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך אַ פיל־קאָלירנדיק לעבן, זיי פאַרבלייבן אָבער פרעמד דעם יידישן שרייבער. דאָס לעבן האָט ווי געשריגן: „שילדערט מיך, גיט מיר אַ קינסטלערישן תיקון!"

„אַרום וואָקזאַל" איז דערשינען אין וואַרשע, אין דער דעמאָלסדיקער מעטראָפּאָליע פון דער יידישער ליטעראַטור, ביים באַקאַנטן יידישן פאַרלעגער י. לידסקי. אָבער נישט וואַרשע און נישט די וואַרשעווער ליטעראַרישע סביבה האָט אויפגעצויגן און אויפגעכאָוועט דוד בערגעלסאָנען, נאָר די שטאָט קיעוו.

אין דער דעמאָלסדיקער יידישער עפנטלעכקייט האָט אַזוי גוט ווי געגאָלטן אַ וואַרשעווער גאַנג אין דער ליטעראַטור און אַ ווילנער. אין וואַרשע איז געווען מער אַ ליטעראַרישע פּראָדוקציע, עס זיינען אויפגעקומען מיטאָמאָל עטלעכע טעגלעכע צייטונגען, וואָס האָבן פאַרלאַנגט „שטאָף", „סחורה עובר לסוחר". איז געווען טאָקע אַ פּראָדוקציע אויף טיש און אויף בענק. ליטע־ראַרישע פאַבריקלעך, וואָס האָבן אַרויסגעוואָרפן אויסאַרבעטונגען און אָפט גאַנץ טאַנדעטנע. שטיקלעך און ברעקלעך, סיי לויטן אינהאַלט און סיי לויט דער פאָרם. אָנשטאָט ברייטע קינסטלערישע לייוונטן — קליינע מאָמענטאַלע פאָטאָגראַפיעס. עפּעס גאַנץ אַנדערש איז געווען ווילנע אין יענער צייט. דאָרט זיינען אויפגעקומען די פאַרטיי־זשורנאַלן, וואָס האָבן אויסגעטיילט אַן אָרט פאַר ליטעראַטור און פאַר ליטעראַטור־פּראָבלעמען. אין ווילנע האָט זיך גענומען אויספיקן און אויסקריסטאַליזירן דער שאָפנדיקער יידישיזם — אמת, נאָך אין אַ נישט־קלאָרער פאָרם און דערווייל מיט אַ צעשוואומענעם אינהאַלט

און מיט צו־שטאַרקע אָפּנויגן און פּשרות צו רעאַקציאָנערע שטימונגען און מאָטיוון. וואַרשע איז געווען צו־פאַרשמייעט און ווילנע — מער פאַרטיפט אין זיך. איז דעריבער דער ווייטערדיקער גאַנג און אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דוד בערגעלסאָן געווען פאַרבונדן מיטן ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, מיטן זשורנאַל „די יידישע וועלט", וואו דוד בערגעלסאָן איז געווען אַ נאָענטער מחותן, און וואו ער האָט געדרוקט זיין „נאָך אַלעמען" און „אין פאַרגרעבטער שטאָט".

די יידישע ליטעראַטור ווי אַ צווייג פון דעם קולטור־שטאַם, דער יידישער ראָמאַן ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם שאַפנדיקן יידישן לעבן, דאָס יידישע ווערק, וואָס זאָל אַרויסברענגען דאָס ברויזנדיקע און יוירנדיקע אין דער יידישער וועלט, און אויסדריקן דאָס אינטימע פון דעם יידישן מענטש און פון דער יידישער אינטעליגענץ, דאָס יידישע שאַפן, וואָס זאָל זיין אַ מיטשותף צו די זוכעבישן און דערגרייכונגען, און נישט זיין הינטערשטעליק לגבי דעם אַרומיקן לעבן — דאָס אַלץ איז געווען שטאַרק געאַנט, הגם נאָך נישט קלאָר פאָרמולירט אין דעם יונגן ליטעראַרישן קרייז, וואו דוד בערגעלסאָן איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט די ערשטע יאָרן פון זיין שרייבן.

„אַרום וואָקזאַל" האָט אַרויסגערופן ביי דער דעמאָלסדיקער יידישער קריטיק באַוואונדערונג און איבעראַשונג. מען האָט זיך געחידושט, פון וואַנעט אָט דער שרייבער קומט, ווער איז ער, וואָס ברענגט ער אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור. שרייבט גלייך א. ווייטער, אַז „ד. בערגעלסאָן איז געקומען אין דער ליטעראַטור מיט אַ גרויסן אייגנס", און אַז „דאָס בוך איז נישט קיין געוויינלעך ביכל, דאָס בוך איז אַ יום־טוב; אַ געשעעניש, אַ זייער באַדייטנ־דיקע געשעעניש". ש. ניגער האָט געשריבן, אַז „בערגעלסאָן קומט צו אונדז מיט זיין אייגענעם וועג, און טאָמער האָט ער מוסטערן, זיינען עס ניט די, וואָס זיינען אָנגענומען ביי אונדז". און בעל־מחשבות פרעגט: „ווער איז דוד בערגעלסאָן, וואָס מאָלט אונדז אַ פאַרוואָרפענעם העק, אַ שטעטל, אַ „דערפל" ... און וואָס איז דאָך ניט דאָס שטעטל, דאָס דערפל, דער העק, וואָס ביי אַנדערע שרייבער?"

און דאָס אייגנאַרטיקע, ספּעציפיש־בערגעלסאָנישע באַגלייט אַזוי אַלע זיינע ווערק פון די ערשטע ביז די לעצטע. ווי עס זאָל זיך נישט ענדערן פאַר דער צייט די טעמאַטיק, די אַטמאָספער, דער געמיט פון דעם קינסטלער, פאַר־בלייבט אַלץ דער בערגעלסאָן־טאָן, אָט די ספּעציעלע נאָענטקייט, אינטימקייט פון דעם מחבר צום געשילדערטן מענטש.

עס איז געווען ביי אים און פאַרבליבן דער סוביעקטיווער צוגאַנג צו שטאָף, צו די מענטשן, וואָס ער ברענגט אַרויס אין זיינע ווערק. ער קאָן נישט

קומען צו אַ פרעמד לעבן, פאַרוואָרפן נעצן און אַרויספּאַנגען פון דאָרט געשטאַלטן, סיטואַציעס, צוזאַמענשטויסן. ער מוז זיין אויסגעבונדן, אינערלעך אויסגעבונדן מיט זיינע פאַרשוינען, געבן זיי און נעמען פון זיי; ער מוז ווערן אַ שותף, אַ באַטייליקטער צו זייער לעבן־שאַפן — און ערשט דאַן איז ער מסוגל אַריינצולעבן זיך אין זייער לעבן, אַרויסצופילן זייערע געפילן, ערשט דאַן איז ער בכח צו שרייבן וועגן זיי. און דעריבער דאָס עמאָציאָנעלע אין זיינע ווערק, דערפון דער עלעגישער טאָן, דער לירישער באַגלייט־מאָטיוו, וואָס ציט זיך איבער זיינע ווערק, אויך די סאַמע רעאַליסטישע. און דערפאַר איז ביי אים די שפּראַך אַ ריטמישע, אַ זינגעוודיקע. אָבער אויך אין זיינע ערשטע ווערק, וואו דער אימפּרעסיאָניסטישער עלעמענט איז געווען אַ דאָמינירנדיקער, אויך דאָרט האָט ער זיך נישט געלאָזט אינגאַנצן באַהערשן פון דעם עמאָציאָנעלן.

עס איז פאַראַן אַ צילבאַוואוסטקייט אין זיין שאַפן, עס איז פאַראַן אַ פירנדיקער געדאַנק אויך אין די ווערק, וואו ער האָט, דוכט זיך, נישט געשטעלט קיין ספּעציעלע אויפגאַבן און פאָדערונגען.

.2

אין אַן אַרטיקל, וואָס דוד בערגעלסאָן האָט נישט לאַנג פאַרעפנטלעכט וועגן שלום־עליכמען („סאָוועטישע ליטעראַטור", מערץ־אַפּריל, 1939), שרייבט ער אין די ערשטע פּאָר שורות: „שווער צו געפינען נאָך אַ שרייבער, וואָס האָט אין זיינע ווערק אַזוי ווייניק אויסגעטראַכט און אַזוי ווייניק צוגעטראַכט, ווי שלום־עליכם."

אין אַ געוויסער מאָס לאָזט זיך דאָס זעלבע זאָגן אויך וועגן דוד בערגעלסאָן: זעלטן וועלכער שרייבער ביי אונדז זאָל אַזוי ווייניק האָבן אויסגעטראַכט און אַזוי ווייניק צוגעטראַכט ווי דוד בערגעלסאָן.

און אָט די עכטקייט גיט־צו דוד בערגעלסאָנס ווערק אַ ספּעציעלע איבערצייגטקייט, און דערפאַר איז דער איינדרוק פון די ווערק אַ שטאַרקער. וויפיל אָפּנויגן דוד בערגעלסאָן האָט נישט געמאַכט פאַר די דרייסיק יאָר פון זיין שאַפן, וויפיל מאָל ער האָט זיך נישט פאַרקערעוועט פון זיין הויפּט־וועג אויף זייטן־וועגן, אויף זייטן־שטעגן, אָבער דאָך גייט ער נאָכאַנאַנד זיין שליאַך, דעם דרך־המלך פון דעם יידישן לעבן, און אויף זיין גאַנג נעמט ער אויף שטיקער יידיש לעבן, לעבעדיקע געשטאַלטן פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין דעם קליינשטעטל, אין דער גרויסער שטאָט.

אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל זאָגט דוד בערגעלסאָן וועגן שלום־עליכמען,

אַז „. . . די באַטראַכטונגען און אַפילו די נאַטור ווערט געגעבן (דורך שלום־טליכמען) דורכאויס פונעם שטאַנדפונקט פונעם פערסאָנאַזש“.

אויך אַט די באַצייכענונג איז אין אַ גרויסער מאָס צוגעפּאַסט פאַר דוד בערגעלסאָנען.

דוד בערגעלסאָן מאָלט אַפילו די וואָקזאַל־געביידע אויך אינעם געמיט־צושטאַנד פון זיינע פאַרשוינען. דער וואָקזאַל און די אַרומיקע סביבה זיינען ווי פון איין טייג געקנאָטן.

„וויט, ווייט ביי דער הויך פון אַ קליינעם באַרג קומען זיך די וועגן צונויף און בוקן זיך פון דאָרט צום שטיינערנעם און רויטן וואָקזאַל. אַ הויכער איז ער, דער וואָקזאַל, אַ רויטער און צווייגאָרנדיקער, און שטיך שטייט ער שוין דאָ פון יאָרן אַ פאַרגליווערטער און טויטער, און וויזט דער געגנט אויס ווי אַ פאַרכישופטער היטער, וועלכן עס האָט אַמאָל עמעץ פאַרשלעפּערט מיט אַן אייביק־מעלאַנכאָלישן דרעמל.“

מיט אַ זייטל שפּעטער מאָלט דוד בערגעלסאָן די מענטשן אַרום דעם וואָקזאַל, די סביבה, די פאַרשוינען, און ער שרייבט:

„אַזוי פּוסט, מרה־שחורהדיק און נודנע איז געווען, ס׳האָט זיך קיינעם נים געוואָלט רעדן, פונעם אָרט זיך אַ ריר טאָן. און די מענטשן האָבן געשוויגן, געשטאַנען אָן שום באַוועגונג און שוין אויסגעזען אַזוי מעלאַנכאָליש און שלעפעריק ווי זעלבסט דער אַלטער פאַרשטיינערטער וואָקזאַל.“

אַזוי, אויף אַזאַ אופן האָט בערגעלסאָן אויפגענומען און אויפגעפּאַסט דאָס יידישע לעבן, די יידישע מענטשן אין יענער צייט.

עס זיינען געווען די שווערע רעאַקציע־יאָרן, די יאָרן נאָך דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז פון 1905־1906, ווען די צאַרישע מאַכט האָט פאַרטרונקען אין בלוט דאָס ביסל פרייהייט, וואָס מען האָט אַרויסגעריסן פון אירע צייך. די יאָרן, ווען איבער דעם לעבן פון רוסלאַנד און נאָך מער — איבער דעם לעבן פון די רוסישע יידן — זיינען געהאַנגען שווערע כמאַרעס, און די הערצער זיינען געווען פול פאַרצווייפלונג און רעזיגנאַציע. די געזעלשאַפטלעכקייט איז געווען באַהערשט מיט ירידה־שטימונגען; ווער עס האָט זיך פאַררוקט אין אייגענע ווינקלען, ווער עס האָט גענומען פריידיקן אויסגעלאַסנקייט און ווער עס האָט גערופן צוריק אין שול אַריין.

בערגעלסאָן, אויפגעוואַקסן אין אַ גבירישער הויז, יונג פאַריתומט געוואָרן פון דעם פאָטער, דעם בעל־יחוס, אויפגעצויגן אַרום אַן עלטערער מאַמע צווישן גרויסע, גרוימע און שטילע חדרים, האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט פון אַ לעבן, וואָס גייט אונטער, וואָס גייט אויס. אַמאָל איז

אין דעם הויז געװען טומלדיק, רױשנדיק, און איצט — בין־השמשות, אָפּגאַנג און אונטערגאַנג.

„פאַרפאַלן, אַלץ פאַרפאַלן" — דאָס איז אַ מין לײט־מאָטיװ פאַרן גאַנצן בוך, פאַר די לעבנס פון די פאַרשײדענע געשטאַלטן אין בוך — אָנגעהױבן פון בײנוש רובינשטײן, די יונגע פרוי קלאַראַ, און די אַלע איבעריקע.

די סביבה, װאָס איז אַרױסגעבראַכט געװאָרן אין דעם „אַרום װאָקזאַל", האָט אַ נאָענטע שײכות מיט דעם ייִדישן טרױעריקן און טראַגישן לעבן אין דער שװערער צײט, װאָס איז אַרױסגעבראַכט געװאָרן דורך שלום־עליכמען אין זײנע קאַסרילעװקער מעשיות. מיטן אונטערשײד, װאָס דאָ איז שױן נישט דאָס שטעטל גופא, נאָר אַ מין װײטערדיקער המשך פון דעם שטעטל. „אַרום װאָקזאַל" איז אַ מין עלעגיע, געשריבן אין אַ טיף־עלעגישן טאָן. ס'איז אַ טרױעריק געזאַנג װעגן אַ לעבן, װאָס האַלט בײם אונטערגײן.

גאָר פון אַן אַנדער מין און כאַראַקטער איז די דערצײלונג „דער טױבער", װאָס בערגעלסאָן האָט אָנגעשריבן אין דער זעלבער צײט, װאָס ער האָט געאַרבעט אױף זײן „אַרום װאָקזאַל".

אין דער דערצײלונג „דער טױבער" האָט זיך אַרױסבאַװיזן בערגעלסאָן פון אַ נײער זײט. ער איז דאָ מער רעאַליסט, די טיפּן זײנען געמאָלן שאַרפער, אױסדריקלעכער, װײל זײ דאַרפן אונטערשטרײכן די קעגנזאַצן, װאָס אױף זײ איז געבױט די געשיכטע און דער אָנװאַקסנדיקער קאָנפליקט.

מיט דעם „אַרום װאָקזאַל" זײנען בײם קינסטלער פאַרבונדן שטיקער לעבנס, אײגענע, אינטימע מענטשישע געשטאַלטן; אין דעם „טױבן" איז שױן בערגעלסאָן מער אָביעקטיװער שילדערער. אין דעם „אַרום װאָקזאַל" (װי דערנאָך אין „נאָך אַלעמען" און נאָך שפּעטער אין „אָפּגאַנג") איז דער עמאָציאָנעלער מאָמענט שטאַרקער, אין דעם „טױבן" (װי שפּעטער אין דער „פאַרגרעבטער שטאָט") איז דער רעאַליסטישער, אָפּטמאָל—נאַטוראַליסטישער עלעמענט — פולער. דאָ זײנען שױן די זאַצן קורצער, אָפּגעהאַקטער, די שטריכן בולעטער, שאַרפער; איבער דער גאַנצער דערצײלונג לאָזט זיך פילן דער כאַראַקטער פון דעם טױבן. דאָס לעבן װערט באַװיזן דורך דעם טױבן, װאָס „אין בײדע זײטן פון זײן גרױסן קאָפּ העגנען װי צװײ שמאַטעס גרױסע און טױבע אױערן". דער טעמפּאָ פון דער דערצײלונג גײט אױך אַזױ שװער און די האַנדלונג פאַרענדיקט זיך לסוף מיט אַ פאַרטױבטן אָפּהילך.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון יענער צײט האָבן זיך אָנגעהױבן װײזן גאָר אַנדערע געשטאַלטן. דער „פּראָסטאַק", דער עם־הארץ האָט אָנגעהױבן זיך אַרײנרײסן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, װאו ס'האָבן זיך נאָך װײניק גע־הערט זײנע האַסטיקע טריט. עס איז גענוג צו פאַרגלײכן בערגעלסאָנס טױבן

מיט פּרצעס באַנציע שווייג. באַנציע איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַן ערלעכער לאַסט־טרעגער. ער האָט „שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן". און אַפּילו דאָרטן, אויפן עולם האמת, ווען מען הייסט אים נעמען אַלץ וואָס זיין האַרץ באַגערט, בעט ער גאָר „אַ הייסע בולקע מיט פרישע פּוטער". דאָס גאָר, ער דאַרף גאָרנישט, ער פאַרלאַנגט גאָרנישט. דער טויבער ביי בערגעל־סאָנען איז אויך אַ טרעגער, אָבער ער איז שוין אַדורכגעדרונגען מיט פּראָטעסט־געפילן. ער קאָן שוין קיין עוולות נישט פאַרליידן, ער טראָגט האָס אויף זיין באַלעבאָס, וואָווע ביק. ער זיצט ביי דער הייסער הרובע און טראַכט, אַז „ער, דער טויבער, האָט ליב וואָרעמקייט, אויך האָט ער ליב אַ קאָפּ פון פיש, הייסע און פרישע חלה און אַ שטיקל פעט פליישׁ, דאָס זעלבע פעטע פליישׁ, וואָס דער ביק האָט אַמאָל פאַר אים אין די אויגן געגעסן". און אַז מען באַגייט קעגן אים און קעגן זיין טאָכטער אַן עוולה, כאַפּט ער די האַק, האַקט אָפּ דעם עק פון ביקס בהמה און איז אויך גרייט אויפצוהויבן די האַק אויף דעם באַלעבאָס ביק גופא.

עס איז אינטערעסאַנט: מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין 1929, האָט דוד בערגעלסאָן איבערגעמאַכט זיין דערציילונג אויף אַ דראַמע און עס אַ נאָמען געגעבן „אויבן און אונטן". ער האָט די ראַמען פון דער דערציילונג שטאַרק פאַרברייטערט.

די פּיעסע „דער טויבער" אָדער „אויבן און אונטן" אָדער „די ברויט־מיל" (ווי זי האָט געהייסן אין פאַרשיידענע ערטער) איז אויפגעפירט געוואָרן דורך פאַרשיידענע טעאַטערן אין סאָוועט־פאַרבאַנד, אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער, מיט גרויס דערפאָלג.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ קלענערער שטאָט אין אוקראַינע, פאַר 1905. עס איז דאָ אַפּילו אַ „חבר פון צענטער, צאַלי", אָבער דער דעה־זאָגער איז מער דער טויבער מיט דער האַק, ווי צאַלי מיט דער פּראָקלאַמאַציע. די פּאַטאַלקייט, די אויסזיכטלאָזיקייט איז אַן עיקר־עלעמענט אין די בעריגעל־סאָנס שאַפן פון יענער צייט.

דוד בערגעלסאָן, וועלכער האָט געזען אויסזיכטלאָזיקייט ביי זיינע (יוביג־שטיינס און דערנאָך ביי די הורוויצעס (אין „נאָך אַלעמען"), האָט אויך נישט געזען קיין אַנדערן, בעסערן אויסוועג פאַר דעם טויבן און זיין טאָכטער, אסתר.

נאָך שאַרפער און פולער פירט עס אַרויס דוד בערגעלסאָן אין זיין גרויסן ראָמאַן „נאָך אַלעמען" (1913־1911).

„נאָך אַלעמען" איז געווען אַ גרויסער קינסטלערישער און קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרמעסט פון דעם יונגן דוד בערגעלסאָן. בערגעלסאָן איז צוגעגאַנגען צו אַ שיכט אין דעם יידישן לעבן — ריכטיקער וואָלט געווען

צו זאָגן — ער איז אַרויס פון אָט דעם שיכט, און אַרויסאַנטפּלעקט זײַן מהות, זײַן װעזן, זײַן נשמה. ער האָט אַרויסגעפּירט געשטאַלטן פון עלטערע און יונגע, מיט זייער גאַנצער געשיכטלעכער ירושהדיקייט און פּאַראורטיילטקייט. ר׳ גדליה הורוויץ, זײַן װײַב גיטעלע, זייער טאָכטער מירעלע — דאָס זײַנען די צענטראַל־פיגורן פון דעם „נאָך אַלעמען״, װאָס בערגעלסאָן ברענגט פּאַמעלעך, בהדרגה, פּאַסירונגען נאָך פּאַסירונג. און עס איז, װי ער װאָלט פּאַנאַנדער־געװיקלט אַ מגילה פון זייער לעבן און אַרויסגעלייענט פון דאָרטן פּרק נאָך פּרק. עס קומען צענדליקער אַנדערע פּאַרשוינען, געשטאַלטן, װאָס האָבן אַ באַריר, אַ קאָנטאַקט מיט דער שטוב, און מער פון אַלץ מיט מירעלע הורוויץ — אָט די מיוחסדיקע טאָכטער, װאָס פּאַרמאָגט בירושה פון איר פּאָטער שיינ־קייט, רייכקייט און דערביי — אונטערגייענדיקס, נאָך אַלעמענדיקס. כסדר טראַכט זי װעגן אַן עיקר אין לעבן, װאָס זי דאַרף געפינען און קאָן עס קיינמאָל נישט דערגרייכן. „אַ קלייניקייט, דוכט זיך . . . סך־הכל איין קלייניקייט באַדאַרף זי נאָך איצט מיטן מח און מיט געפילן אָנכאַפּן און איר װעט װערן קלאָר דער עיקר פון איר לעבן, װאָס זי זוכט אים שוין אַזוי לאַנג, פון קליינערהייט אָן.״

ר׳ גדליה הורוויץ האָט געטראָגן אַ ירושה פון דורות, געטראָגן זי ערלעך, ער איז אָבער שוין נישט בכח געװען זי צו פּאַרמערן, פּאַרשטאַרקן, באַנייען. האָט ער זי קוים דערטראָגן און טאָקע געפאַלן אונטער איר לאַסט. מיט אים האָט זיך פּאַרענדיקט אַ פּעריאָד אין דער סאָציאַלער געשיכטע פון דעם ייִדישן מיטלקלאַס, װאָס האָט געהאַט אין דעם אָפּגעשטאַנענעם רוסלאַנד זײַנע פונקציעס אַרום די רוסישע גוטבאַזיצער.

דוד בערגעלסאָן שטעלט אַנטקעגן די הורוויצעס, װאָס גייען אונטער, די ניי־אויפגעקומענע גבירים — די בורנעסעס, די טאַראַבאַיס, די זיידענאָװסקיס — װאָס פּאַסן זיך צו צו די נייע באַדינגונגען פון אַרומיקן װירטשאַפטלעכן און אינדוסטריעלן לעבן. און ביי בערגעלסאָנען, װי אַמאָל ביי טשעכאָװן אין זײַן „קאַרשן־גאָרטן״, איז דער מיטפּיל, דער מיטלייד אויפן צד פון די הורוויצעס. בערגעלסאָנען פון דעם פאַר־מלחמה־פּעריאָד איז נאָענט צום האַרצן, איז ליב און אייגן דאָס בין־השמשותדיקע, דאָס שטיל־נאָגנדיקע און עס איז אים פּרעמד דאָס טומלדיקע, דאָס ראַשיקע; אין מירעלעס פּאַרדרוס און עקל צו שמואל זיידענאָװסקי פילן מיר אויך בערגעלסאָנס װידערװילן צו אים.

דאָס װערק „נאָך אַלעמען״, װאָס האַלט 320 זײַטן, באַשטייט פון סצענעס, בילדער, שילדערונגען און עפּיזאָדן װי אָפּגעריסענע איינס פונעם אַנדערן. גאַנצע שילדערונגען, װאָס זאָלן פּאַנאַנדערװיקלען אַ גרעסער בילד, װאָס זאָלן

אַרומנעמען אַ פּאַסירונג מיט אַלע פּרטים, זיינען דאָ געציילטע אין בוך: דער אָונט ביי די טאַראַבאַיען, דער קאָנסמאַל, דער שבת־צו־נאַכט ביי די זיידענאַווסקיס. די אַלע איבעריקע זיינען אָפּטמאָל געגעבן אין פאָרם פון נאָכקלאַנגען, אָפּהילכן, אָפּשיינען. דאָס איז די מאַניר פון דוד בערגעלסאָן אין „נאָך אַלעמען", ווי עס איז געווען אין „אַרום וואָקזאַל" און אויך אין „אָפּגאַנג".

דאָס רוב מאָלט אונדז בערגעלסאָן דעם מענטש נישט בעת דער פּאַסירונג גופא, נישט אין דעם פּראָצעס פונעם קאָנפליקט, נאָר ער גיט דעם „לאחר מעשה", דעם אָפּקלאַנג, די נאָכווייען, די נאָך־געפילן. עס ווערט געגעבן אַ מער־פּסיכישער גראַנגל ווי אַ פיזישער. עס איז זעלטן געגעבן אַ לעבעדיקער פּשוטער דיאַלאָג. בערגעלסאָנס מענטשן רעדן צווישן זיך ווייניק; יעדנפאַלס, מיר זיינען נישט קיין עדות פון אָט די שמועסן; עס וואַרפט זיך אַדורך אַ וואָרט, אַ פראַזע, וואָס מען הערט פון דער זייט, פון דער ווייט.

דאָס לעבן, וואָס בערגעלסאָן האָט אַרויסגעפּירט מיט אַזאַ עכטקייט און ציטער, די אַלע מענטשן, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין „נאָך אַלעמען" זיינען געווען לעבעדיקע, צאַפּלדיקע, און דעריבער איז אַזוי גרויס געווען דער איינדרוק, וואָס דאָס ווערק האָט געהאַט אויף דעם עולם, אויף דער קריטיק. אין יענע יאָרן, אין 1913־1914, איז „נאָך אַלעמען" געווען דאָס אינטימסטע, האַרציקסטע בוך פון דער יידישער יוגנט.

נאָך זיין ווערק „נאָך אַלעמען" האָט דוד בערגעלסאָן פאַרעפנטלעכט אין 1914, אין זשורנאַל „די יידישע וועלט", אַ גרעסערע דערציילונג „אין אַ פאַר־גרעבטער שטאָט". ווי די דערציילונג „דער טויבער" האָט זיך אַרויסגעטיילט פון דעם „אַרום וואָקזאַל", אַזוי אויך האָט זיך „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט" אַרויסגעטיילט פון „נאָך אַלעמען". נאָך דעם שטיל־בענקענדיקן און סוביעקטיוו־עלעגישן ווערק, וואָס איז פאַרוועבט מיט בין־השמשות־שאַטנס, איז געקומען אַ הילכיק־ראַשיק בוך וועגן פּראָסטע נפשות, וועגן מגושמדיקע פאַרשווינען.

די דערציילונג „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט" איז געווען אַ נייער פּרוּאוו ביי בערגעלסאָנען צו שילדערן אַ סביבה, וואָס איז ווי אויסער אים. „אַרום וואָקזאַל" און „נאָך אַלעמען" האָבן געהאַט צו טאָן מיט אַ וועלט, מיט מענטשן, וואָס זיינען דעם קינסטלער שטאַרק נאָענט, עס איז אין אַ געוויסן זינען געווען די גייסטיקע און פּסיכישע וועלט, אין וועלכער דוד בערגעלסאָן איז אַליין אויפגעצויגן געוואָרן און געלעבט. די זוכענישן, פאַרצווייפלעניש און טרוימען זיינען אייגן געווען דער יידישער אינטעליגענטישער יוגנט, דעריבער שפּירן מיר כסדר דעם סוביעקטיוון טאָן, די אינטימע מאָטיוון, וואָס באַגלייטן אַלדי וויכטיקע פּאַסירונגען איבעם לעבן פון די געשטאַלטן. אַנדערש איז „אין אַ

פאַרגרעבטער שטאָט״ — דאָ איז שוין דאָ דער אָביעקטיוו־רעאַליסטישער צוגאַנג פונעם קינסטלער צו די טיפן און געשעענישן.

אין 1920 האָט דוד בערגעלסאָן פאַרעפנטלעכט אַ ראָמאַן „אָפּגאַנג״, וואָס ער האָט געשריבן אין לויף פון עטלעכע יאָר. אָט דאָס ווערק טיילט זיך אויס פון דעם ביז־איצטיקן בערגעלסאָנס שאַפן. עס איז מער אַ לירישע פּאָעמע ווי אַ רעאַליסטישע דערציילונג. אַ לירישע פּאָעמע, וואָס איז אַדורכגעפלאָכטן מיט רעאַליסטישע, נעאָ־רעאַליסטישע שילדערונגען.

עס איז אַ שטאַרקער קעגנזאַץ צו דער דערציילונג „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט״. קעגן דער רעאַלער שטאָט דובראָוויטש מיט אירע פאַרגרעבטע פּראָסט־פּשוטע פאַרשוינען, קומט דאָס שטעטל ראַקיטנע, אינגאַנצן ווי אַן אויסגעטרוימטס. עס הויבט זיך אָן מיט אַ פּסוק פון יחזקאל, און מיט אַ שילדערונג ווי מען האָט מקבר געווען אויפן ראַקיטנער בית־עולם מלכן, וואָס האָט זיך גענומען דאָס לעבן.

אַ וואונדערלעכע מעשה: דער תמיד־שעמעוודיקער און תמיד־שמייכלענ־דיקער לאַנגער בחור מלך איז אַראָפּגעקומען קיין ראַקיטנע פון דער גרויסער שטאָט, וואָס איז פול „מיט לעפישע שאָטנס, וואָס ליאַרעמען און שרעקן און וועבן דער וועלטס תוהו־ובוהו״. צוויי יאָר איז ער געווען פאַרשיקט פאַר זיין אָנגעהעריקייט צו אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. איז ער אַהער, קיין ראַקיטנע, אַראָפּגעקומען, געלעבט דאָ ווי אין אַן אויסגעחלומט־אויסגעוועבטער וועלט און שטיל־שמייכלענדיק גענומען זיך דאָס לעבן. און זיין חבר חיים משה, דער המשך פון דעם אַוועקגייענדיקן מלך, קומט אַראָפּ קיין ראַקיטנע וועגן אַן ענין, וואָס האָט עפּעס אַ נאָענטע, זייער אַ נאָענטע שייכות מיט מלכס אַוועקגיין פון דער וועלט.

„בנוגע זייביידן — ווערט דערציילט — איז זיך גאָט זייער נישט לייטיש באַגאַנגען. איז אָבער קלאָגן זיך נישט שייך; מישן זיך — אויך נישט. איז גאָרנישט: איז מען גרים . . . וועט מען זיך אַרומדרייען, מ׳וועט זען, הערן און שווייגן. מ׳האָט אַן אייגן צוגעטראַכט וואָרט און מ׳חזרט עס אַלעמאָל איבער: דער שטומער פּראָטעסט . . . דער אייביקער שטומער פּראָטעסט.״

אָבער עס איז נישט בלויז שטומער פּראָטעסט. אַן אומרואיק לעבן ציט זיך אין ראַקיטנע, וואוהין חיים משה קומט אַראָפּ אונטערצופירן אַ סך־הכל פאַר מלכס לעבן און טויט. נאָך עטלעכע טעג פּלאָנטערן זיך אַרום דעם אַלעמען, זאָגט חיים משה צו מלכן (דעם טויטן) און צו זיך: „דער עיקר איז אומרו, מלך!״

„אָפּגאַנג״ דאַרף אויך מיינען דער באַרג־אַראָפּ פון דעם יידישן שטעטל,

דאָס לעצטע אויסגעהלומטע וואָרט פון דעם אָוועקגייענדיקן לעבן, די דיכטערישע מצבה אויף דעם אָפּשטאַרבנדיקן שטעטל.

מיר האָבן געהאַט אין אונדזער ליטעראַטור דאָס אַלטע רעאַליסטישע שטעטל, געגעבן דורך מענדעלען און דורך שלום־עליכמען. שפּעטער האָבן פּרץ און אַש, יעדער איינער אויף אַן אַנדער אופן, באַוויזן דאָס שטעטל אין ראָמאַנטישן אויסזען (שלום אַש האָט מער אויפגענומען דאָס סענטימענטאַלע שטעטל); י. מ. ווייסענבערג האָט געבראַכט אַ נײַ נאַטוראַליסטיש שטעטל. איז געקומען דוד בערגעלסאָן און געגעבן די עלעגיע פונעם יידישן שטעטל. נאָך שלום אַשס שיר השירים פונעם שטעטל האָט בערגעלסאָן געבראַכט דעם קהלת.

אין 1927 האָט בערגעלסאָן אַרויסגעגעבן אַ באַנד דערציילונגען אונטערן נאָמען „שטורעמטעג" — עס איז דער זיבעטער באַנד אין דער אויסגאַבע פון זײַנע ווערק. מיט די זעקס בענד האָט בערגעלסאָן אָפּגעשלאָסן אַ תקופה אינעם יידישן לעבן ביז דער וועלט־קריג פון 1914־1920 און גלײַכצײַטיק ווי אָפּגעשלאָסן אַ פּעריאָד אין זײַן שאַפן.

מיטן באַנד „שטורעמטעג" קומט דער קינסטלער אַרײַן אין דער נײַער צײַט, אין קאָך פון דער רעוואָלוציע, פון דעם בירגער־קריג, וואָס פלעכט זיך אין אוקראַינע צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציע — עס זײַנען די פּאָר יאָר, וואָס האָבן אויפגערודערט דאָס יידישע לעבן באַגלײַך מיטן אַרומיקן, אַלגעמײַנעם לעבן אין לאַנד, און אויך אויפגערודערט דעם קינסטלער.

אין זײַנע נאָטיצן, וואָס דוד בערגעלסאָן האָט געגעבן אין 1934 פאַר אַ ביאָגראַפישער אָפּהאַנדלונג, האָט ער געזאָגט: „אין די מלחמה־יאָרן האָט ער כמעט גאָרנישט געשריבן. געווירקט האָבן דאָ אַ סך סיבות: די מלחמה האָט געדריקט, עס האָט זיך געדוכט, אַז בעלעטריסטיק דאַרף שוין קיינער נישט האָבן. נישט געווען אויך קיין שום דרוק־מעגלעכקײַטן, וואָרים די צאַרישע רעגירונג האָט אָפּגעשטעלט אַלע יידישע אויסגאַבעס און די גאַנצע דרוק־פּראָדוקציע. נישט געהאַט אַפילו קיין שטימונג צו פאַרענדיקן די פריער־אָנגעהויבענע זאַכן. עס האָט זיך בכלל אָנגערוקט אַ שעפערישער קריזיס. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיטן „אָפּגאַנג" שרײַב איך דאָס לעצטע ווערק. מער האָב איך נישט וואָס צו זאָגן, וואָס צו שרײַבן . . ." (זאַמלבוך „וויסנשאַפט און רעוואָלוציע" קיעוו, 1934.) מען דאַרף צוגעבן, אַז בערגעלסאָנען איז באַשערט געווען אַלײן, אין דער נאָענט פון די גרויזאַמע געשעענישן, מיטמאַכן דעם בירגער־קריג, זען און שפּירן אין דער נאָענט די פּאָגראָמען און שחיטות אויף יידן אין אוקראַינע.

אָבער בערגעלסאָן איז נישט פון די שרײַבער, וואָס קאָנען גלײַך רעאַגירן

אויף די געשעענישן מיט קינסטלערישע ווערק. עס מוז זיין ביי אים אַ דיסטאַנץ צווישן דעם געשעענעם און דעם פאַרגעשטאַלטיקטן. עס מוז דורך אים איבערגעלעבט ווערן. עס מוז אַריין אין „פלייש און בלוט" פון בערגעלסאָנען. אַזוי אַלעמאָל, און אַזוי אויך ביים שילדערן די פּאָגראָמען, וואָס ער האָט אַזוי נאָענט איבערגעלעבט.

אינעם בוך „שטורעמטעג" קומען אַריין צען נאָוועלן. מיר האָבן דאָ חורבן, אומקום, פּאָגראָמען, פייער און פאַרוויסטונג, וואָס ברענגען אום שטעט, געגנטן, און גלייכצייטיק האָבן מיר דאָ און דאָרטן אויך אויפשיין, אָנזאָג אויף טאָג, אויף נייער צייט. עס יורשט דאָס לעבן מיט זיינע ווייען און פריידן. עס יורשט אויך דער קינסטלער. מיר פילן דאָ דעם צאַפּל פונעם קינסטלער, דעם אומרו זיינעם, דעם געראַנגל ביים גובר זיין דעם ברוייזנדיקן שטאָף. עס איז נאָך נישט קיין איינגעשטעלטער לעבנס־שטייגער, עס באַווייזן זיך נייע געשטאַלטן, עס פּיקט זיך ערשט אויס אַ נייע סביבה. אַלץ האַלט נאָך ערשט „אין ווערן". זיינען טאַקע די טיפּן און די בילדער נישט קיין גאַנצע, נישט קיין פאַרענדיקטע, אָפּטמאָל אָנדייטונגען, אָנגעוואָרפענע שטריכן.

אין דעם באַנד זיינען אויך אַריין אַ דריי־פיר דערציילונגען פון דעם יידישן שטייגער־לעבן פונעם שפּעטערדיקן סאָוועטן־פאַרבאַנד. צווישן די אַלע איז באַזונדערס אינטערעסאַנט די דערציילונג „חובות", וואו עס ווערט מייסטעריש אַרויסגעבראַכט אַ משפּחה פון אַ געוועזענעם יידישן צוקער־פאַבריקאַנט, וואָס מאַכט אַדורך מיט זיין פאַמיליע אַן איבערוואַנדלונג אין דעם נייעם לעבן. מיר האָבן דאָ די גוט־באַקאַנטע בערגעלסאָנישע פאַרשווינען, אַ מין גדליה הורוויץ מיט מירעלען, אין אַ נייעם גלגול.

שוואַכער און נאָך נישט קלאָר קומען אַרויס די נייע מענטשן, וואָס בערגעלסאָן פּרוּווט שילדערן אין די דערציילונגען „הערשל טאָקער" און אין „אַ זעלטענער סוף". די געשטאַלטן זיינען נאָך בערגעלסאָנען נישט גענוג אייגן, ער זאָל זיי קאָנען שילדערן אויף זיין שטייגער, מיט דער אייגנקייט און באַהאַרצטקייט ווי ער מאָלט אייגענע מענטשן.

צו דעם זעלבן פּעריאָד אין דוד בערגעלסאָנס שאַפן געהערט דער ראָמאַן „מידת הדין", וואָס פאַרמאָגט גאָר די אומרו, גאָר די שרעק און אויך גאָר דעם פּאַטאָס פון דער מערקווירדיקער צייט, די יאָרן פון בירגער־קריג. דאָס ווערק איז געשריבן דורך דוד בערגעלסאָן אין לויף פון די איבערבראָך־יאָרן אין זיין אידייאישער איינשטעלונג און זיין אויפפאַסן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. טראָגט עס דעריבער די באַזונדערע אַרויף־און־אַראָפּ־שטימונגען פונעם מחבר. פאַראַן אין ווערק עטלעכע צענטראַלע פיגורן, וואָס זיינען ביי פאַר בערגעלסאָנען — פיליפּאָוו, מאַרפּישע, סאָפיאַ פּאָקראָווסקאַיאַ — נייע, מערקווירדיקע

געשטאַלטן, וואָס רעגן און רייצן כסדר דעם קינסטלער, ציען אים צו און שטויסן אים אָפּ. פּאַראַן פאַרשווינען, וואָס בערגעלסאָן קאָן זיי אויסגעבונדן, ס'זיינען זיינע היימישע, נאָענטע, וואָס ער האָט זיי שוין נישט איין מאָל געגעבן אין זיינע ווערק.

צווישן די בערגעלסאָנישע שטעטלעך איז גאַליכאָווקע, דאָס שטעטל ביי דער סאָוועטיש־פּוילישער גרענעץ, אַ נייס אין דער יידישער ליטעראַטור און אויך אַ נייס ביי בערגעלסאָנען. די צייט איז דאָ מערקווירדיק און מייסטעריש אַרויסגעפירט סיי אין דער אַלגעמיינער' אַטמאָספערע און סיי דורך די אַלע געשטאַלטן, וואָס ווערן איצט געשמידט און איבערגעשמידט ביים פייער פון דער רעוואָלוציע. פאַר דעם בערגעלסאָן־פאַרשער איז „מידת הדין" באַזונדערס אינטערעסאַנט, דאָ שפּיגלען זיך אָפּ די אַלע ספּעציפישע בערגעלסאָנישע אייגנשאַפטן און זיינע אידייאישע וואַקלענישן.

אין 1935 דערשיינט ד. בערגעלסאָנס אַ בוך „ביראָבידזשאַנער", וואָס איז פאַר אים ניי הן לויט דער טעמאַטיק און הן לויט דער פאָרם. ער איז דאָך געוואוינט צו שרייבן פון אַן אייגענער סביבה, ער איז דאָך געוואוינט צו מאָלן אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איז שוין מער־ווייניקער קאָנאָניזירט, און דאָ האָט ער פאַר זיך אַ ניי שאַפנדיקס לעבן, אַ לעבנס־שטייגער אונטערוועגס. מוז דעריבער דוד בערגעלסאָן דאָ און דאָרטן אָנקומען צו נייע שאַפונגס־מעטאָדן, וואָס זיינען אַנדערש פון דעם פריערדיקן אַרט־שאַפן. בערגעלסאָן איז פריער מער געגאַנגען אין דער טיף ווי אין דער ברייט. מער סטאַטיק ווי דינאַמיק. און שטענדיק ווי אָנגעהויבן פון מיטן און אַזוי איבּמיטן איבערגעלאָזט, אָן אַן אָנהויב און אָפּט אָן אַ סוף. ווייל נישט דאָס אויסערלעכע האָט אים אינטערעסירט און געצויגן, נאָר בעיקר — דאָס אינעווייניקסטע, דאָס נשמהדיקע. דוד בערגעלסאָן האָט „געהאַט צייט" אין זיין שרייבן. נישט געאיילט זיך, נישט איבערגעוואָרפן זיך פון אָרט צו אָרט. עס איז אים ליבער געווען וואָס־מער זיך איינצולעבן מיט דער אייגענער סביבה, מיט זיינע אייגענע פאַרשווינען, וואָס זיינען אים געוואָרן אַלץ־אינטימער, נישט צום אָפּשיידן זיך.

גאָר אַנדערש איז דוד בערגעלסאָן אין זיין בוך „ביראָ־בידזשאַנער". דאָ מוז ער מיטמאַכן האַסטיקע באַוועגונגען, ער וואַרפט כסדר איבער זיין אויפמערקזאַמקייט פון מענטש צו מענטש, פון אָרט אויף אָרט. ער איז דאָ דינאַמיש, ווייל דאָס לעבן וואָס ער נעמט אויף איז זייער באַוועגלעך.

אַמאָל האָט זיך דאָס לעבן ביי אים געדרייט אַרום דעם הויפּט־העלד, אַלץ האָט זיך געשפּיגלט אין אים, אין זיין נשמה, אין זיין פּסיכיק. איצט איז שוין

דער מענטש אַ פּרט, אַ שטריך. דער עיקר ליגט דאָ אין דעם אַלגעמיינעם, אין דער אידייע, וואָס איז דאָ פאַרבונדן מיט בירא־בידזשאַן.

די איבערוואַנדערער, וואָס זיינען אַרויסגעפירט אין בוך, האָבן איבער־געלאָזט הינטער זיך אַ שטיק לעבן מיט געוואוינהייטן, טראַדיציעס און געזעצן און קומען אין אַ ניי, נישט־געדאַכט לאַנד, וואו מ׳דאַרף אָנהויבן אַלץ פונסניי. און עס איז ווי אויך דוד בערגעלסאָן האָט, אַ באַפרייטער, זיך געלאָזט אַהער, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך לאַסטן, גרייט אויפצונעמען דאָס נייע, וואָס קומט אויף.

דוד בערגעלסאָן קוקט זיך צו מיט אַ שאַרף אויג צו דעם אַלעמען, וואָס עס טוט זיך, הערט זיך איין צו רייד און האַלבע רייד און צייכנט אַזוי אויף גיך, שטריך צו שטריך, און עס וואַקסט אויס אַ געשטאַלט, אַ בילד. דאָ קומט אים, בערגעלסאָנען, צונוץ זיין אימפּרעסיאָניסטישער אופן פון מאָלן בילדער, פון דערציילן געשיכטעס.

עפּיזאָדנוויז, עפּיזאָדנוויז כאַפּט־אויף בערגעלסאָן די געגנט אַרום, די נאַטור, די מענטשן ביי דער אַרבעט, ביי דער איבערוואַנדלונג. אַ קוק אַהער, אַ קוק אַהין, ער קאָן זיך גאָר זאַט נישט אָנקוקן. דוד בערגעלסאָן איז נייגעריק צו אַלעם דעם, וואָס עס טוט זיך אַרום.

און אָט קומט דוד בערגעלסאָן מיט זיין ברייט־פאַרטראַכט אויטאָביאָ־גראַפיש ווערק „ביים דניעפּער״.

„ביים דניעפּער״ איז אַ נייער גאַנג פון דוד בערגעלסאָן אין זיין שאַפן, אַ פאַרמעסט פונעם קינסטלער אויפצופאַסן דאָס לעבן, זיין סביבה אויף אַ נייעם אופן, אין ליכט פון דער נייער אידעאָלאָגישער איינשטעלונג צו דער יידישער וועלט, צום אַמאָליקן יידישן שטעטל, צו די ווירקנדיקע כחות אינעם יידישן לעבן — די סאָוועטישע אידעאָלאָגישע איינשטעלונג, צו וועלכער דוד בערגעלסאָן איז דערגאַנגען די לעצטע צוויי־דריי יאָר פון זיין וואוינען אין בערלין.

זכרונות פון די קינדער־ און יוגנט־יאָרן זיינען נישט קיין נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור. מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, מרדכי ספּעקטאָר האָבן אין יאָרן פון רייפקייט זיך געווענדט מיטן פּנים צו די אייגענע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, און אויפגעפאַסט די קינדהייט און יוגנט יעדער לויט זיין פאָרם און געשטאַלט. אויך פּרץ הירשביין האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געשילדערט פאַר אונדז די סביבה, וואו ער איז געוואַקסן און אויסגעוואַקסן. די אַלע שרייבער האָבן זיך באַמיט אַרויסצוברענגען זייער קינדהייט און יוגנט ווי־וויט מעגלעך נאָענט צו דעם, ווי עס איז געווען, און אדרבא — זיי האָבן עס באַשיינט, באַהנט מיט אַ ראָמאַנטישן שלייער. און ווי עס זאָל נישט זיין טרויעריק זייער לעבן, איז דאָ אַ באַצויבערנדיקער

אַראַמאַט, וואָס רוקט אַוועק אויף דעם צווייטן פּלאַן דאָס גרויע, דאָס רעאַל־ווירקלעכע. די אַלע שרייבער טראָגן זיך און אונדז אַריבער אין דער ספערע פון זייערע קינדער־יאָרן, וואו עס האָבן נישט געגאָלטן קיין היינטצייטיקע איינשטעלונגען און באַציאונגען.

בערגעלסאָנען איז נישט געגאַנגען אין אַרויסברענגען סתם עפּיזאָדן און סצענעס, געשטאַלטן און סיטואַציעס פון זיין קינדהייט און יוגנט. ער איז צוגעטראָטן צו זיין ווערק מיט דער אויסגעשפּראָכענער כוונה דורך פּענעקן אונטערצושטרייכן וואָס־שאַרפער און בוילעטער דעם קלאַסן־אַנטאַגאָניזם, אַרויסאָנטפּלעקן אין דעם אַמאָליקן יידישן שטעטל די קלאַסן־ווידערשפּרוכן. ער באַמיט זיך דורך פּענעקן גופא, דאָס קינד און דערנאָך דאָס יינגל פונעם רייכן יידן רפאל לעווין, דאָס קינד פונעם בורזשואַזן הויז אין שטעטל, צו מאַכן אים פאַר דעם שליח, פאַר דעם טרעגער פונעם פּראָטעסט, פון דער אומצופרידנקייט, וואָס עס וואַקסט אין דעם אַמאָליקן אָפּגעשטאַנענעם יידישן שטעטל. און נישט נאָר וואָס בערגעלסאָן פירט אַרויס די ווידערשפּרוכן, דעם אַנטאַגאָניזם אין דעם שטעטל, נאָר ער שילדערט דעם אַנטאַגאָניזם, די ווידערשפּרוכן אינעם הויז פונעם גביר גופא. דאָס ווערק איז געבויט אויף קאָנטראַסטן, עס ווערט קעגנגעשטעלט איין שיכט קעגן צווייטן, איין סוג מענטשן קעגן אַנדערן. און פּענעק אַליין, אָט דאָס גבירישע קינד, וואָס איז געבוירן און אויסגעוואַקסן אינעם הויז ביי די רייכע טאַטע־מאַמע, איז אַליין אַ קאָנטראַסט, אַ שטיק סתירה, וואָס טראָגט פון די סאַמע פריע יאָרן טיפע ווידערשפּרוכן אין זיך, אין זיין אויסזען, אין זיין כאַראַקטער, אין זיין באַציאונג צום הויז, צו די עלטערן, צו די שוועסטער און ברידער אין שטוב. פּענעק איז אַ קינד מיט אַן אַלטן קאָפּ, און אָפט טראַכט ער אַריבער, טראַכט פאַר דוד בערגעלסאָנען פון איצט.

אינעם ווערק האָבן מיר אַ סך בערגעלסאָנישע פאַרשוינען, בערגעלסאָנישע געשטאַלטן, וואָס זיינען אונדז וואויל־באַקאַנט פון זיינע אַלע פריערדיקע ווערק. אָבער בערגעלסאָן פאַסט זיי אויף גאָר אַנדערש ווי אַמאָל. דאָרט האָט בערגעלסאָן באַדויערט זייער שווערן גורל, מיטגעפילט און אַפילו אין דער שטיל מיטגעליטן זייער אונטערגאַנג, זייער פאַראורטיילטקייט. דאָ איז שוין גאָר אַנדערש; בערגעלסאָן האַלט אין איין באַשולדיקן, פאַרוואָרפן און מאָנען, ער באַשולדיקט און מאָנט פאַר די עוולות, וואָס זיי באַגייען אויף שריט און טריט, און אָפט קומט אויך דער פסק־דין.

דאָס ווערק האַלט 26 קאַפּיטלעך, און יעדעס קאַפּיטל איז געטיילט אויף קאַפּיטעלעך. יעדעס קאַפּיטעלע פאַרמאָגט מייסטערישע שילדערונגען פון מענטשן. עס שטערט אָבער, וואָס עס ווערט צופיל איבערגעחזרט איין און דער

זעלבער מאָטיוו — ווי פּענעק ווערט געהאַסט פון זיין פאַמיליע, און ווי גוט און וואויל עס איז אים מיט די קיך־מענטשן און אין די הינטערגעסלעך. בערגעלסאָן איז ווי אַלץ נישט פּאַרטיק און ער וויל עס נאָך אַמאָל און ווידער־אַמאָל באַווייזן און איבערצייגן אונדז אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן. איז דער קליינער שטיפערישער פּענעק שטענדיק פאַרנומען מיט דער שווערער אויפ־גאַבע, וואָס דער קינסטלער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

דוד בערגעלסאָן האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן אין עטלעכע בענדער די עפּאָפּייע פון דעם יידישן לעבן אין געוועזענעם רוסלאַנד, די עפּאָפּייע פון די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע געראַנגלענישן, וואָס עס האָבן אַדורכגעמאַכט די יידישע מאַסן און מיט זיי די יידישע אינטעליגענץ אין צאַרישן רוסלאַנד. דאָס וועט ער טון אין די שפּעטערדיקע בענדער. דערווייל איז דערשינען דער צווייטער באַנד פון „ביים דניעפּער", וואו בערגעלסאָן ברענגט פּענעקן, זיך גופא, קיין קיעוו. ער מאָלט באריכות די שטאָט, אירע טיילן, און פיל מענטשן און פּאַסירונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די ערשטע עטלעכע יאָר פונעם 20־סטן יאָרהונדערט. ס'איז אויך אַריינגעפלאָכטן דער קעשענעווער פּאָגראָם, דער ביילים־פּראָצעס, די אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג; און דאָס אַלץ, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם עמפּינדלעכן פּענעק, וואָס זאַפּט עס אַלץ איין אין זיך און וואָס הייבט אָן אַרויסברענגען זיינע געפילן און איבער־לעבענישן אויפן פּאַפּיר...

1941.

יאָרן מיט דוד בערגעלסאָן

געוועזן איז עס אין איינער פון די בערגעלסאָנישע שטעט אין פּאָדאָליע, אין דער שטאָט לעטישעוו, וואו בערגעלסאָן האָט אַמאָל, אַרום 1912־1913, אָפּגעוואוינט אַ זומער, און מיט אַ באַזונדערער פליים געאַרבעט אויף אַ ניי גרויס ווערק. ער האָט אין משך פון אַ פּאָר וואָכן אָנגעשריבן עטלעכע גרויסע קאַפּיטלען, און געוועזן איז ביי אים די באַדערפעניש צו טיילן זיך מיט אַ נאָענטן מענטשן מיט די ניי־געשאַפענע בילדער און געשטאַלטן. בין איך דאַן אַראָפּגעפאָרן צו אים פון קיעוו — אַ מהלך פון אַכט שעה מיט דער באַן ביז דער סטאַנציע דעראַזשנע. האָט מען זיך האַרציק באַגעגנט אויף דער סטאַנציע, זיך געטרייסלט דערנאָך אין אַ פאַעטאָן איבער די שיינע פּאָדאָליער בערגלדיקע

וועגן און פאַרפאָרן פרייטיק־פאַרנאַכט אין דעם באַגאַרטנדיקן לעטיטשעוו. יידן זיינען הרחבהדיק און לייטיש געגאַנגען מקבל־שבת זיין, און מיר ביידע האָבן אויך מיט אַ פולן שבת אין האַרצן געאײלט צו דעם שטיבל, וואו עס האָבן אויף אונדז געוואַרט די פרישע, ניי־אָנגעשריבענע קאַפּיטלעך פון דעם נייעם בערגעלסאָנישן ווערק.

מיט אויפגערעגטן געמיט און נייגיר זיינען מיר ביידע געזעסן עטלעכע שעה איבער די געדיכט־אָנגעפּיקעוועטע זייטלעך, זיך נישט געקאָנט געזעטיקן פון די אַלע נייע אייגנאַרטיקע בילדער, וועלכע ער האָט פאַר דער קורצער צייט מיט אַזאַ שפע אַרויסגעבראַכט. איז מען געווען ביידע איבער־גליקלעך פון דעם נייעם אוצר, וואָס איז צוגעקומען צו דעם פריערדיקן פאַרמעגן, און ביידע האָבן מיר דערנאָך אין די בעטן אַלץ גערעדט און ווידער גערעדט גליקלעך־צופרידענע פון דעם עשירות, און ערשט ביים באַגינען איינגעשלאָפן.

און איז עס געווען וואָר אָדער חלום? אין גליקלעך־זאַטן שלאָף האָבן זיך דערטראָגן וואונדערבאַרע מוזיק־קלאַנגען. זיי האָבן זיך דערנעענטערט, זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און הילכיקער, און דערנאָך צוביסלעך געוואָרן שטילער, שטיל, ביז זיי האָבן זיך אין ווייטער ווייטקייט איבערגעריסן.

וואָס איז עס געווען? אַ מיליטער־עשאַלאָן מיט זיין אָרקעסטער איז אַדורך דעם שטעטל אויף „מאַניעווערס", און אין דעם אויפגייענדיקן פרימאָרגן גע־שפּילט עפּעס האַרץ־רירנדיקס. האָבן מיר זיך ביידע אויפגעכאַפּט, האַלב־פאַרשלאָפענע צוגעלאָפן צום אָפענעם פענצטער, וואָס איז געווען פאַרוואַקסן מיט פריש־צעעפנטע בונטע בלומען, און זיך דורשטיק איינגעהערט אין די וואונדערבאַרע טענער פון דער מוזיק. גליקלעך און אויפגערעגט איז געווען דאָס האַרץ, און געפילט האָט מען דאַן אַ מין אויסטערלישע, וואונדערבאַרע מתיקות און באַטעמטקייט אין אָט דער מעלאָדיע...

אָט אַזעלכע וואונדערבאַרע אויסטערלישע מאָמענטן, וואָס קאָנען זיך קיינמאָל מער נישט איבערחזרן, זיינען געווען פיל אין אונדזער פיל־יאָרנדיקן צוזאַמענלעבן מיט דוד בערגעלסאָן — ביז צום „אַרום וואָקזאַל", און פונעם „אַרום וואָקזאַל" ביז צום „נאָך אַלעמען" און העט־ווייט ביזן „אָפּגאַנג", און אויך שפּעטער, אין די צייטן פון „וועלט־אויס וועלט־איין" און „מידת הדין".

* * *

פאַרלאָזן האָט בערגעלסאָן זיין קליינשטעטל אָכרימאָווקע (נישט ווייט פון אומאַן) נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אָבער אַ שוווער־אָנגעלאָדענער מיט יידישער און אַלגעמיינער קולטור, מיט אייגענע פּערזענלעכע איבערלעבונגען און

מיט אַ רייכן אוצר פון פאַרשיידנאַרטיקע יידישע פאַרשוינען. געוועזן איז ער ביי זיין רייכן פאַטער, דער גרויסער וואַלד־ און תבואה־סוחר רפאל, אַ מיזיניק. אַמאָל האָט אין דער פאַטערישער גרויסער, רווישנדיקער שטוב געווימלט מיט פאַרשיידנערליי פּריצים, סוחרים, מעקלער, קאָמיסיאָנערן, קאַסירערס, פּאַסעסאָרס, אויפגעקומענע און אָפּגעקומענע גבירים, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דעם רייכן, קלוגן רפאל בערגעלסאָן. דער פאַטער איז געשטאָרבן, בעת דוד איז נאָך געווען אַ יונג בחורל, די שוועסטער און ברידער האָט מען אויס־געגעבן קיין אומאַן, לעטיטשעוו, ליפּאָוועץ, קיעוו, און געבליבן איז ער, דאָס מיזיניקל (אגב, אַ מופת־קינד פון ר' דודל טאַלנער און דעריבער טראָגט ער זיין נאָמען) אַליין אין די גרויסע־גרוימע חדרים מיט זיין עלטערער, יחוסדיק־איידעלער און קראַנקער מוטער. אין דער גרויסער שטוב איז געווען ווי נאָך אַ פריילעך־טומלדיקער חתונה, ווען אַלע מחותנים צעפאָרן זיך — אָפּגע־שטאָרבענע קלאַנגען, אָפּהילכן פון אַמאָליקן געטומל. שטילע טריט אין אויס־געליידיקטע גרויסע צימערן, געדיכטע פאָרהאַנגען, וואָס דערציילן וועגן אַ געוועזענעם לעבן. אָט די נאָגנדיקע שטילקייט האָט בערגעלסאָן איינגעזאַפּט אין זיך, זי איז אַ לאַנגע צייט געווען דער הויפּט־עלעמענט אין זיין וועזן און אין זיין שאַפן. און ווער נאָך, ווי ער, האָט ביי אונדז אַזוי ציטערדיק גע־שילדערט אָט די שטיל־אויסגייענדיקע יידישע הייזער, די שטאַנדיקע זאַלן מיט אַמאָליקער פּראַכט, דעם בין־השמשותדיקן „נאָך אַלעמען" פון משפּחות, פון לעבנס, פון אַ גאַנצן אַוועקגייענדיקן שיכט אין דער יידישער וועלט ?

געקומען איז בערגעלסאָן קיין קיעוו נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אָבער שוין מיט אַ קלוגער רייפקייט און מיט אַן אייגענעם בליק אין לעבן און אין דענקען. נאָך אין זיין ליב שטעטעלע, אַרום זיין צאַרט־ליבער מוטער, האָט זיך גענומען צייטיקן זיין קינסטלערישע נשמה. דערנאָך איז ער בהדרגה געוואַקסן אין קיעוו, און געוואָרן אַלץ רייפער און פאַרטיפטער. עס איז אויסגעקומען אַלץ אַליין אַדורכצומאַכן. געווען זיינען השפּעות, אָבער זיי האָבן בלויז מיטגעהאָלפן די אַנטוויקלונג אָבער נישט געריכטעט זיי. די וועג־צייכנס, די ווענד־פּונקטן זיינען דורכאויס אייגענע געווען. און דערפאַר — אַזוי אייגנאַרטיק, אַזוי סוביעקטיוו. עס זיינען נישט געווען קיין אומגעריכטע, גרינג־אָנגעקומענע איבערוואַנדלונגען. יעדער שריט אינעם אייגענעם און אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן איז געווען טיף־איבערגעלעבט, טיף־אַדורכגעליטן. איז אויסגעקומען אַליין צו באַקעמפן סימפּאַטיעס און דערנעענטערן פרעמדקייטן. די קויפמאַנס, פּיוניאַקס, רובינשטיינס, זיידענאָווסקיס — די בערגעלסאָנישע טיפּן, די אייגנטלעכע אַרומיקע סביבה — האָט ער יאָרנלאַנג געהאַלטן אין אויס־וואָרצלען פון זיך. ער האָט זיי מיט אַ באַזונדערער באַפרידיקונג געמאָלן, און

דערמיט ווי באַפרייט זיך פון זיי, זיך אָפגעשאָקלט פון זייער נאָענטקייט און ווירקונג.

געלייענט האָט ער העברייאיש, אָבער געלעבט האָט ער בעיקר, ווי דאָס רוב יוגנט פון רוסלאַנד, אין די גייסטרייכע וועלטן פון די גרויסע רוסישע קלאַסיקער. און ממילא איז נאַטירלעך געווען, אַז די ערשטע פּרוּוון אויס־צולאָדן די אינעווייניקסטע שפּע זיינען געווען אין רוסיש. די פרעמדע, רוסישע שפּראַך איז אים ליב און טייער געווען, ער באַמיט זיך זי גובר זיין אין זיין שרייבן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. זיין דעמאָלטיק רוסיש שרייבן האָט אויך פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן בערגעלסאָנישן כאַראַקטער. פּונקט ווי ער האָט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן, זאַפטיקן טאָן אין זיין פידל־שפּילן. קיין הילכיקע קלאַנגען, קיין לייכטע מאָטיוון האָט זיין פידל נישט געוואוסט. נאָר עלעגישע, מינאָרנע, טיף־לירישע מעלאָדיעס האָט ער זייער אייגנאַרטיק אויס־געשפּילט, און דער עיקר — פּאַמעלעך, לאַנגזאַם, צעצויגן. די בין־השמשות־דיקע זאַכן פון טשאַיקאָווסקי, קאַליניקאָוו, גריג זיינען אים געווען באַזונדערס באַליבט, און אָט די אייניקע זאַכן האָט ער יאָרנלאַנג, אַלץ־טיפער און ציטער־דיקער געשפּילט אויף זיין פידל, מיטן פּנים צו דער וואַנט און מיט פאַרמאַכטע אויגן. און דערביי ווייטיקדיק געקרעכצט און געזיפצט. און ווי נאָענט איז געווען זיין שרייבן צו זיין פידל־שפּילן. דערזעלבער אויסגעצויגענער טאָן, די זעלבע נאָגנדיקע קלאַנגען, און מיט אַזעלכע אידעלע, ציטערנדיקע ניואַנסן. קיין גרויסן רעפּערטואַר האָט ער נישט געהאַט און אין דעם זיך ניט געניטיקט.

און עס קומט אחד־העמיזם, בערדיטשעווסקי, „השלח", „הדור", די ערשטע פרילינגס־יאָרן פונעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, מיט העברייאיש, מיט חדרים־מתוקנים. די יידישע ליטעראַטור אין יידיש האָט דאַן אין אוקראַינע קיין שטאַרקן אָנהאַלט נישט געהאַט. די רוסלענדישע רעוואָלוציע פון 1905 האָט נאָך ווייניק צעאַקערט דעם יידישן באָדן אין אוקראַינע פאַר אַ שטאַרקן פאַנאַנדערוואוקס פונעם יידישן וואָרט, פונעם יידישן שאַפן. מען געפינט זיך דעריבער מער אונטער דער גייסטיקער השפּעה פון דער דעמאָלטיקער העב־רייאישער ליטעראַטור, מען איז אויסגעכאָוועט אין איר און מען שרייבט נאָך אַליין העברייאיש. אַזוי בערגעלסאָן, אַזוי איך. מען האָט שוין אָבער סימ־פּאַטיעס פאַר די „צוימען־ברעכער", פאַר די שאַצער און איבערשעצער אין העברייאישן לאַגער. אַפילו די עוואָלוציע פון אַריסטאָקראַטישן ציוניזם צו דעמאָקראַטיע, און דערנאָך פון העברייאיש צו יידיש מאַכט מען אַדורך דער־וויל אין העברייאיש, און אַליין, ווייט פון דעם אַלגעמיינעם שטראָם. ס'זיינען געווען אין קיעוו קרייזן, פּאַרטייען, גרופּעס, קאָמיטעטן, אָבער מען ווייס גאַנץ ווייניק וועגן זיי. מען איז זיך פּאַמעלעך געגאַנגען דעם אייגענעם וועג,

וואָס מ'האָט אַליין אַדורכגעטראָטן. קומען דערנאָך עטוואָס־פּאַרשפּעקטיקטע סימפּאַטיעס צום סאָציאַליזם. באַקומט מען מיט גאַנצע צוויי יאָר נאָכן דער־שיינען נחמן סירקינס בערלינער „השחר", וואו מ'געפינט אין אַ גלענצנדיקער פאָרמולירונג אייגענע שטימונגען, אייגענע געדאַנקען. איז מען איבערראַשט און באַגייסטערט. וויל מען זיך שטעלן אין דינסט פאַר אָט די אידייען, הען די אָנפירער זיינען שוין לאַנג אַוועק ווייטער. שרייבט מען אַוועק אַ גרויסן, טיף־אַדורכגעטראַכטן העברייאישן בריוו אין דער בערלינער „השחר"־רעדאַקציע, אָבער דער אַדרעס איז שוין לאַנג ניט גילטיק, און קיין תשובה קומט נישט אָן. פּרוּווט מען געפינען אַ סינטעז צווישן נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם און מען שלאָגט זיך לאַחר־מעשה אָן אויף אַ סיימיסטישער אומ־לעגאַלער בראָשור, וואָס טרעפט־צו, וואָס האָט ממש אַרויסגעכאַפּט ווערטער פון מויל.

זוכענישן און עטאַפּן פון דער יידישער אינטעליגענץ צוריק מיט אַ פינף און דרייסיק און פערציק יאָר אין אַ גרויסער, רוסישער דרום־מערבדיקער שטאָט אין רוסלאַנד. טיפע אַריינטראַכטענישן אין פּראָבלעמען פון יידישער ווירקלעכקייט און אַרויסגעטויכטע, גליקלעכע דערלייזונג־טרוימען, דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אין אַ ריי ווערק פון דוד בערגעלסאָן.

מיט אַ באַזונדערן דורשט פלעגן מיר דאָן שלינגען די „תושיה"־ביכלעך און די „השלח"־העפטן, וואָס עס פלעגט באַקומען זיין עלטערער ברודער, יעקב בערגעלסאָן. אין זיין הויז אין קיעוו, וואו דוד בערגעלסאָן האָט יאָרנלאַנג געוואוינט, איז אויך געווען לכתחילה אונדזער ביידנס „אוניווערסיטעט" און דערנאָך איז דעם ברודערס געשעפטלעכער שרייב־טיש געווען בערגעלסאָנס שרייבערישער וואַרשטאַט. פריער נישט־זיכער, און מיט גרעסערע הפסקות, דערנאָך שוין רעגולערער און שוין מיט אַ פעסטן גלויבן פלעגט בערגעלסאָן אָפּזיצן שעהן און אויספּילן זייטל נאָך זייטל די ברייטע, פּיר־עקעכדיקע ווייסע בויגנס. די אַרומיקע — שוועסטער, ברידער, שוואָגערס, קרובים — האָבן אַ צייט־לאַנג הינטעראַרומעט שפּאָטיש געקוקט אויף דעם קלוגן דוד בערגעלסאָן, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אַ נאַרישע „דומע" אין קאָפּ און פּטרט טעג, וואָכן און חדשים ביים שרייבן עפּעס מעשיות און דערצו גאָר אין „זשאַרגאָן". און דער אויפגעקלערטער, משכילישער, וואוילקענעוו־דיקער שוואָגער זיינער, שלום כאַראַל, אַ שטיק בייגוש רובינשטיין פון „אַרום וואָקזאַל", פלעגט אַזוי שטעכיק אַלעמאָל צוגעבן:

— ס'שאַדט נישט, דוד וועט זיך אויסשרייבן אַ גוטן „פּאַטשעראָק".

און דער ברודער יעקב, דער וואַלד־סוחר, פלעגט יעדעס מאָל, ווען ער

האָט געטראָפן די אָנגעשריבענע זייטלעך ליגן אויפן טיש, איבערחזרן מיט אַ גוטמוטיקן חוזק־געלעכטער:

— ווי לאָזטו אָפּן אַזאַ גוטס? מען קאָן דאָך צוגנבענען אַזעלכע טייערע אוצרות!

צווישן די פּערזאָנען, וואָס האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף דער אויס־בילדונג און אויסקריסטאַליזירונג פון אונדזער דעמאָלסדיקער וועלט־אַנשוי־אונג און אונדז לייכטער געמאַכט דעם וועג אינעם ווילד־וואַלד פון דעם אָרומיקן לעבן צו אַ מער־באַוואוסטזיניקער יידישער שאַפערישער וועלט, זיינען געווען אייניקע אינטערעסאַנטע געשטאַלטן, און גאָר פאַרשיידנאַרטיקע. די השפעות זיינען געווען אָן ספק קעגנזייטיקע, ווייל מיר האָבן שוין דאָן נישט נאָר „גענומען", נאָר, אפשר אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין, אויך געוויס „געגעבן".

מען וואָלט געקאָנט אַ סך דערציילן וועגן אלחנן קלמנסאָן — אַ זייער אינטערעסאַנטע פיגור, אַ געמיש פון משכיל, רעוואָלוציאָנער, רוסישער אינטעליגענט און יידישער פאָלקס־טיפּ, אַ זון פונעם באַוואוסטן העברייאישן משכיל און שרייבער ר' משה קלמנסאָן, דער מחבר פון אַ ריי ספרים אין העב־רייאיש, אַ קרוב און אַ נאָענטער פריינט פון באַרימטן העברייאישן דיכטער און רעוואָלוציאָנערן טוער דר. יצחק קאַמינער, אַ גוטער ברודער און פריינט פון שלום־עליכם, אַ פריינט פון דעם רוסישן דענקער לעוו שעסטאָוו (דער זון פון יידישן גרויסן מאַנופאַקטור־סוחר איסאַק שוואַרצמאַן) — אָט דאָס אַלץ האָט זיך אויף אַ מערקווירדיקן אופן צונויפגעמישט אין אָט דעם פענאָמענאַלן מענטש, וואָס איז געווען אַ בוכהאַלטער ביי מיין זיידן, דעם גלאָז־פאַבריקאַנט, דוב יצחק וואַרשאַווסקי, אין קיעוו. אלחנן קלמנסאָן, אַן אפּיקורס, אַן אומאָפּהענגיקער מענטש, אַ משכיל מיט אַ שאַרפער צונג, וואָס האָט נישט געשאָנעוועט נישט גאָט, נישט קיין צדיקים, האָט יאָרן געאַרבעט אין דער סביבה פון חסידישע, פאַרצייטיקע סוחרים. ער האָט עס אונדז, בערגעלסאָנען מיט מיר, אָן אויפהער געוואָרפן, געשטויסן אין דער שאַפערישער וועלט, ער האָט אונדז אָנגערעגט פאַר דער יידיש־העברייאישער (דאָן איז נאָך קיין פעסטע מחיצה צווישן זיי נישט געווען), פאַר דער רוסישער ליטעראַטור. ער האָט אונדז „פאַרסמט", און נאָך איידער מיר האָבן געמאַכט אונדזערע ערשטע ליטעראַרישע שריט, האָט ער שוין אונדז „געזאַלבט" פאַר שרייבער. ער האָט געהאַט אויף אונדז אַ גרויסע השפעה, געעפנט פאַר אונדז אַ שמאָל טירל אין אַן אַנדער וועלט. נישט אומזיסט האָבן מיינע עלטערן אַזוי זיך געשראָקן פאַר אָט דעם „סם", וואָס אלחנן קלמנסאָן האָט אַריינגעטריפט אין אונדז.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס ער אַליין איז אָפּט מיטגעצויגן געוואָרן מיט

אונדז, און אויף דער עלטער האָט ער אָנגעשריבן אַ ביכל „דאָס לעבעדיקע וואָרט“, וואָס מיר האָבן זיך מתעסק געווען אַרויסצוגעבן עס אין קיעוו, — אַ ביכל, וואו עס זיינען אויף אַ מערקווירדיקן אופן געקומען צום אויסדרוק נייע געדאַנקען וועגן יידיש, געדאַנקען, וואָס האָבן זיך כלל נישט אַריינגעפּאַסט אין דער סביבה, וואו קלמנסאָן האָט געלעבט און געווירקט.

אלחנן קלמנסאָן האָט געהאַט קינדער, וואָס זיינען געווען טעטיקע טוער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און דוד בערגעלסאָן האָט אים מיט זיך טאַכטער גענומען אַלס „העלדן“ אין זיין ערשטלינג־דערציילונג „בלוט“, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכט — אַ רירנדיקע געשיכטע, שיער נישט אַ „מעשה שהיה“. מיר גיבן ווייטער איבער בקיצור דעם אינהאַלט פון דער דערציילונג.

אַ מאָדנער איינדרוק, עפּעס אַ נישט־דאָאיקער, אַ יענער־וועלטיקער, איז פאַרבליבן פון די פּאָר אָפּגעריסענע באַגעגענישן מיט דעם באַוואוסטן העבּ־רייאישן שרייבער א. ב. גנעסין, וועלכער האָט אויף אַ מערקווירדיקן אופן אַרומגעבלאָנקעט אין קיעוו, יאָ־געווען און נישט־געווען, מיט זיין וואונדערבאַרן ראָזלעך־בלייכן געזיכט, וואָס האָט געטראָגן אין זיך יום־טוב און געהיימניש. דוד בערגעלסאָן האָט אים דערנאָך אַרויסגעבראַכט אין דער הערץ־געשטאַלט אין „נאָך אַלעמען“.

און נאָך און נאָך פאַרשידענע מענטשן און געשטאַלטן פון אַרום אונדז, פון אונדזער סביבה, וואָס זיינען דערנאָך אין פאַרשיידענע ווערק פון בערגעל־סאָנען אַרויסגעבראַכט געוואָרן און זיינען אַריינגעפלאָכטן אין זיינע ווערק.

ווען מען דערמאָנט זיך פאַרשיידענע מאָמענטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די אַמאָליקע יאָרן אין קיעוו, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויך אויף די רייזעס, וואָס מיר פלעגן מאַכן אויף די שיפלעך איבער דעם דניעפּער אין די זומער־חדשים, אַוונט נאָך אַוונט. אָט די רייזעס אויף די שיפלעך זיינען עפּעס געווען ווי אַ צוגאָב צו דער אינטימער אַטמאָספער, וואו עס האָט זיך געוועבט די ספּעציפישע וועלט פון די בערגעלסאָנישע געשטאַלטן, וואָס ער האָט דערנאָך מיט אַזוי פיל באַהאַרצטקייט געמאָלן אין זיינע ווערק.

דאָס זיינען געווען נישט סתם אַזוי אַרויספאָרן, נאָר עפּעס אַ שטיק עבודה. יעדער איינער פון דער גרופּע — אַלץ יונגעלייט און מיידלעך — מיט רייכע אינערלעכע וועלטן, מיט טרוימען און וויזיעס, מיט בענקשאַפט און פאַרמעסטן. אָט די שיפלעך־אַרויספאָרן אויף דעם דניעפּער האָבן אויסגעוואָרעמט, אויס־געכאַוועט אַ ספּעציפישע ליבשאַפט צו דער נאַטור, אַ נאָענטקייט צו די לאַנד־שאַפטן אַרום קיעוו. דוד בערגעלסאָן ביי דעם „רול“, ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן ספּעציאַליסט און קיינעם נישט פאַרטרויט אָט דעם „פאַראַנטוואָרט־

לעכן״ פּאַסטן, מיר, די ברידער מייזיל, ביי די רודערס, און עטלעכע מיידלעך אויף די שיפל־בענקלעך.

און אַרויסגעפּאָרן אינמיטן דניעפּער־טייך, האָט מען זיך געלאָזט מיט אימפּעט אַרויפצו מיטן שטראָם. די מוסקולן אָנגעצויגן, די אויגן פאַרגאַפט פון דער אַרומיקער שיינקייט, און די הערצער יונג און אויפגעוואַכט. און מען פאַרציט אַ ניגון — פריער איינער אַ סאָלאָ, דערנאָך אַלע אין כאָר. בערגעלסאָן ווי אַ מוזיקער, פידל־שפּילער, האַלט אויך דאָ דעם „רול״, אַליין נישט קיין זינגער, אָבער ער גיט אַכטונג אויפן טאָן. און עס צעגייען זיך אונדזערע יידישע געזאַנגען און לידלעך איבער די ברייטקייטן פון דניעפּער.

ביז איצט טוט אַ צאַפּל דאָס האַרץ, ווען מען דערמאָנט זיך אָן איינעם אַ לידל, וואָס מען פלעגט אַזוי מיט טיפער בענקשאַפט אַרויסזינגען אין יענע פאַרנאַכטן:

אויפן וועגן פון די טוי—טע
שטייט אַ מויער אַ רוי—טער,
און דער מויער איז געבוי—עט
פון די ציגל פון די רוי—טע!

עס איז אַ גנביש לידל, וואָס בערגעלסאָן האָט מיטגעבראַכט פון דער היים, און וויפיל נשמה, האַרץ און בענקשאַפט האָבן מיר אין אָט דעם לידל און אין דעם טיף־בענקענדיקן מאָטיוו אַריינגעלייגט!

אין אָט די פאַרנאַכטן און אָוונטן אויפן דניעפּער האָבן זיך אויסגעפאָרמירט אונדזערע כאַראַקטערן. נישט איין ערנסטע פּראָבלעם איז פאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרן אויף אָט די שפּאַצירן. די שטימונגען זיינען דערנאָך דורך בערגעלסאָנען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין זיינע ווערק, וואָס זיינען שטענדיק אָנגעזאַפּט מיט טרוים און וויזיע, מיט יום־טובדיקער אויפגעלויכטנקייט און אויפבליצן. אין דער ברייט און אין דער לענג האָט זיך געצויגן דער דניעפּער, פון וויטן האָבן אַרויסגעקוקט די בערג־שפּיצן פון דער וואונדערבאַרער שטאָט קיעוו, אין דער טונקלקייט זיינען געשטאַנען ווי סילועטן די הייזער פון פּאָדאָל, דער טייל שטאָט מיט דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געבויט אַ יידישן לעבנס־שטייגער אין דער „הייליקער״ שטאָט קיעוו, און אין די יונגע הערצער און מוחות האָט זיך געוועבט אַ נייע, נאָך־נישט קיין גאָר קלאָרע יידישע וועלט מיט געוואָגטע טרוימען און פאַנטאַזיעס. עס האָט זיך געענומען אויסקריסטאַליזירן אַ נייע שאַפערישע וועלט. מיר האָבן נאָך נישט געהאָט קיין קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן אונדזערע אייגענע פאַרמעסטן, אָבער

עפעס האָט זיך געוואָנט, אַז מיר גייען מאַכן אונדזערע אייגענע שריט אין דער יידישער וועלט, אין דעם יידישן שאַפן.

די זומערדיקע שפּאַצירן אין די שיפלעך אויף די וואַסערן פונעם דניעפּער אין קיעוו האָבן אונדז זייער פיל געגעבן. און נישט אומזיסט איז דער דניעפּער אַזוי איינגעבאַקן בערגעלסאָנען אין האַרצן, אַז ער האָט זיין גרויס אויטאָ־ביאָגראַפיש ווערק אָנגערופן מיטן נאָמען „ביים דניעפּער".

בערגעלסאָן, ווייסן מיר, איז געקומען אין 1909 מיט זיין ערשט ווערק, מיט זיין „אַרום וואָקזאַל", און גלייך דערוואָרבן זיך אַ נאָמען און אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

דער וועג אָבער צו אָט דעם ערשטן פאַרעפנטלעכטן ווערק איז געווען גאָר נישט אַזאַ קורצער און גליקלעכער, ווי מען מיינט. עס איז געווען אַ שווערער וועג, וואָס האָט געדויערט גוטע עטלעכע יאָר. אויך בערגעלסאָן האָט נישט אויסגעמיטן קיין יסורים איידער ער האָט באַוויזן אַריינצוקומען אין דער ליטעראַרישער וועלט.

די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט געשיקט אין אַ רעדאַקציע, איז געווען אַ גרעסערע העברייאישע דערציילונג „ריקות" (פוסטקייט). עס איז געווען אַ מין „אַרום וואָקזאַל". עס זיינען שוין געווען דאָ איניקע טיפן, וואָס זיינען שפּעטער, אין אַ מער־פאַרגאַנצטער פאָרם, געשילדערט אין „אַרום וואָקזאַל": אַ חברה קאָמיסיאָנערן, עלטערע און יונגע, ביי דער באַן־סטאַנציע, פוסטקייט, ניבול־פה און ווערטל־זאָגעריי — אַזוי פטרט מען טעג און יאָרן. און אָט אין איינעם אַ פאַרנאַכט, אין דעם לאַנגווייל פון דער באַן־סטאַנציע, לויפט אַן אַ צוג מיט פייערן און מיט פריידיק־הילכיקע שטימען. ס'פאָרן דעלעגאַטן אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, לויפן זיי אַראָפּ אויף דער סטאַנציע, טראָגן אַריין אין דער פוסטקייט אַ געטומל. אין די אויגן פון די וואָקזאַל־מענטשן צינדן זיך אָן קנאה־פייערלעך. באַלד אָבער הערט מען דעם גלאָקן־קלאַנג, די דעלעגאַטן איילן זיך צו די וואַגאָנען, דער צוג פאַרשווינדט. און ווידער פוסטקייט...

די דערציילונג איז צוגעשיקט געוואָרן צו דער רעדאַקציע פונעם העב־רייאישן זשורנאַל „הזמן" אין ווילנע. די רעדאַקטאָרן זיינען געווען דוד פרישמאַן און י. בערשאַדסקי — זי איז אָבער פאַרבראַקירט געוואָרן.

איינער פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרוואָון אין יידיש איז געווען די דערמאָנטע נאָוועלע מיטן נאָמען „בלוט". די טעמע: אין אַ גרויסער יידישער שול (געמיינט די שניידערישע שול אין קיעוו) קומט פאַר שבת אַ גרויסער ציוניסטישער צונויפקום. אַ באַקאַנטער ציוניסטישער רעדנער האַלט אַ ציוניסטישע דרשה. אין מיטן רעדן טוט מען אַ וואָרף אַ פּעקל פּראָקלאַמאַ־

ציעס פון אויבן, פון דער ווייבערישער שול. מען האָט דערביי די טירן פאַר־מאַכט, געוואָלט אַרויסשטעלן אַ רעוואָלוציאָנערן רעדנער קעגן דעם ציוניסטישן מטיף. ווערט אַ געטומל, אַ פּאַניק — שפּרינגט מען דורך די פענצטער אין דרויסן אַרויס. דער ציוניסטישער רעדנער באַקומט דערביי אַ האַרץ־אַטאַקע, און עס באַווייזט זיך בלוט. און דאָס טשיקאַווסטע דערביי איז, וואָס די רעוואָ־לוציאָנערקע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט, איז געווען דעם רעדנערס טאָכטער. זי האָט עס גורם געווען די האַרץ־אַטאַקע פון איר טאַטן. און אין דרויסן, בעת מעשה, שפּרינגט אַרויף אַ רעוואָלוציאָנער און האַלט פאַרן עולם אַ פייערדיקע רעוואָלוציאָנערע דרשה.

אַ צווייטע דערציילונג האָט בערגעלסאָן געהאַט אָנגעשריבן, וואָס איז שוין געווען פיל רייפער און אייגנאַרטיקער אין דעם אַרט שרייבן — אַ מעשה מיט איינעם אַ יונגערמאַן, וואָס קומט צוריק פון „סלוזשבע" און טרעפט זיך ווייב אַ קראַנקע. אויף וויפיל איך געדענק, איז אין אָט דער דערציילונג געווען עפּעס פון שניצלערס נאָוועלע „שטערבען". די דערציילונג האָט פאַר־מאָגט אינטערעסאַנטע שטייגער־שטריכן. אָט די נאָוועלע איז געשיקט געוואָרן אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן", וואָס איז 1908 דערשינען אין ווילנע, און קיין תשובה איז נישט געקומען. מיר האָבן שוין דאַן געלייענט ערנסט דעם זשורנאַל, און ביי זיך באַשלאָסן, אַז אייניקע זאַכן, וואָס זיינען דאָרט געדרוקט געווען, זיינען שוואַכער פון דער בערגעלסאָן־דערציילונג, וועלכע האָט אַפילו נישט זוכה געווען צו אַ תשובה פון דער רעדאַקציע.

דערנאָך איז געווען אַ מעשה מיט אַ דערציילונג „די דריטע", וואָס דוד בערגעלסאָן האָט אָנגעשריבן מיט אימפּעט. ער האָט געאַרבעט אויף איר שוין ווי אַ רייפער שרייבער. מיר האָבן די דערציילונג געבראַכט צו ר' מרדכילען, דער רעדאַקטאָר פון דעם טאָגבלאַט אין קיעוו „דאָס פאָלק". ר' מרדכילען איז די דערציילונג שטאַרק געפעלן געוואָרן, אָבער ער האָט געוואָלט, אַז דער יונגער, אומבאַקאַנטער דאַן בערגעלסאָן זאָל דעם סוף איבערמאַכן. אין דער פאָרם ווי זי איז געשריבן, האָט ער נישט געוואָלט דרוקן. האָט עס ווידער פאַרשאַפט עגמת־נפש און פאַרדרוס דעם אַמביציעזן בערגעלסאָן. מיר זיינען, געדענק איך, ביידע אַרויס פון דער רעדאַקציע פול צאָרן און פאַרביטערטקייט, אָבער אויך מיט גלויבן און איבערצייגונג, אַז זיי פאַרשטייען נישט, באַגרייפן נישט דאָס וויכטיקע, נייע, וואָס בערגעלסאָן ברענגט מיט זיין שרייבן.

נאָך מער האַרצווייטיק האָט בערגעלסאָן געהאַט מיט זיין פּראַכטפולער דערציילונג „דער טויבער", וואָס ער האָט געשריבן אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט געאַרבעט אויף „אַרום וואָקזאַל". די דערציילונג — וואָס האָט שפּעטער געמאַכט אַ שטאַרקן רושם — האָט שוין אַרויסגעפירט שאַרף־

געשילדערטע געשטאַלטן. אָט די דערציילונג איז געלעגן אַ לענגערע צייט אין דער רעדאַקציע פון די וואַרשעווער זאַמלביכער „נייע צייט". דעם רעדאַקטאָר, הלל צייטלין, איז „דער טויבער" שטאַרק געפעלן, ער האָט צוגעזאָגט זי פאַרעפנטלעכן אין דעם נאָענטסטן העפט, אָבער עס איז אַרויס איין נומער און אַ צווייטער, און די דערציילונג איז אַלץ נישט געדרוקט געוועז. מיר האָבן „דעם טויבן" פאַרעפנטלעכט אין זאַמלבוך „יידישער אַלמאַנאַך", וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן אין 1910 אין קיעוו.

דערווייל איז די צייט געגאַנגען. דוד בערגעלסאָן האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט זיין „אַרום וואָקזאַל", אָבער אַלע פאַרלאַגס־ און צייטונגס־טירן זיינען געוועזן פאַרשלאָסן. זיינען ביי אים אָפּט די הענט געפאַלן. האָט ער נישט איין מאָל איבערגעריסן זיין שרייבן און זיך ווידער גענומען צו שטודירן ציינדאָקטאָריי. אָבער יעדעס מאָל האָט ער מיט נייעם גלויבן און נייעם אימפעט זיך ווידער געזעצט צום שרייב־טיש.

מיר קיעווער, אין אונדזער קרייז, האָבן שוין אָנערקענט בערגעלסאָנען, און געוואוסט ווי צו אָפּשאַצן זיין באַדייט אַלס שרייבער. האָבן מיר באַשלאָסן איבער די קעפּ פון די דעמאָלסדיקע רעדאַקטאָרן און וואָרט־פירער, דערגרייכן דירעקט צו דעם לייענער. זיינען מיר צוגעטראָטן אַליין אַרויסצוגעבן דעם „אַרום וואָקזאַל". אָבער ווי טוט מען עס? אין קיעוו איז נאָך דאַן קיין יידישע דרוקעריי נישט געוועזן. האָט מען געמוזט אָנקומען צו וואַרשע, וואו עס זיינען דאָ פאַרלעגער און יידישע דרוקערייען. האָב איך זיך געלאָזט קיין וואַרשע, אַ ווייניק־דערפאַרענער אין דרוקעריי־ ענינים און זייער איבערגעגעבן אַן אומבאַקאַנטער אין די שרייבערישע און אַרויסגעבערישע קרייזן. איך בין דאַן אַרומגעגאַנגען איבער די וואַרשעווער פאַרלעגער — אַ יונגערמאַן מיט אַ מאַנוסקריפּט פון זיינעם אַ פריינט. איך שטעל מיר פאָר, ווי איך האָב דאַן אויסגעזען ביי די דערפאַרענע פאַרלעגער און באַקאַנטע שרייבער.

איינער אַ פאַרלעגער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן דאָס ווערק, ווייל ס'איז צו גרויס. די צייט פון גרעסערע דערציילונגען — האָט ער מיך פאַרזיכערט — איז שוין אויף שטענדיק פאַריבער. אַלע שרייבן איצט קורצע סקיצן, און קיין גרעסערע זאַכן באַדאַרף מען נישט.

און אַזוי האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיטן כתב־יד „אַרום וואָקזאַל" פון איין אַרויסגעבער צום צווייטן, און קיין בעלן אויף אַרויסצוגעבן נישט געפונען. ביי אָט דער „אָנגענעמער" אַרבעט איז מיר באַהילפיק געוועזן דער איצט־באַוואוסטער שוישפּילער יעקב בן־עמי (דאַן נאָך געהייסן אויף דער יידישער בינע — יעקב שטשירין). מיט אים זיינען מיר געוועזן ביי הלל צייטלין, ביי אַנדערע. סע איז קיין אַנדער ברירה נישט געוועזן, מען האָט געמוזט מאַכן מיט

דעם פאַרלעגער י. לידסקי אַ סוחריש געשעפט, געגעבן אים צושטייער אויף אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

און ווען אַלץ איז געווען אָפּגערעדט, האָב איך אַרויסגערופן פון קיעוו טעלעגראַפיש דעם בעל־שמחה אַליין, דוד בערגעלסאָנען. מיר האָבן אָפּגעשריבן מיטן פאַרלעגער דעם אָפּמאַך און אַריינגעטראָגן מזומנים.

מיר האָבן זיך דאַן ביידע אַרומגעדרייט אין דער ליטעראַרישער וואַרשע און זיך מיט קיינעם פון די שרייבער נישט באַקענט. צו פּרצן האָבן מיר מורא געהאַט אַריינצוגיין. מיר זיינען איינמאָל צוגעקומען צו צעגליאַנע גאַס, צו זיין הויז, געשטאַנען אויף די טרעפּ, געוואָלט אַ צי טאָן דאָס גלעקל, און מיט מורא צוריק אַוועק. אויף עפּעס אַ פאַרשטעלונג אין יידישן „עליזעאום״־טעאַטער האָבן מיר געזען אַ גרופּע יידישע שרייבער, נישט געוואוסט גענוי זייערע נעמען. אָבער געקוקט האָבן מיר אויף זיי נישט פון אונטן אַרויף. מיר האָבן דאָך פיל פון זייערע זאַכן געלייענט, גוט געקאַנט און זיי מבטל געווען. קליין זיינען געווען פיל גאַנץ־באַקאַנטע ליטעראַרישע נעמען אין אונדזערע אויגן. מיר האָבן געהאַלטן, אַז זיי דאַרפן אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר נייערע, פאַר יינגערע. האָבן מיר דאַן אין איינעם אַן אָוונט אין וואַרשעווער האָטעל „דע פּראַנס״, אויף ביעלאַנסקע־גאַס, אויפגעשניטן אַן ערשט־דערשינענע בוך נאָוועלן פון אַ שטאַרק־אָנגעזעענעם יידישן שרייבער, גענומען לייענען איין נאָוועלע, אַ צווייטע, און מיט פאַראַכטונג אַ שליידער געטאָן דאָס בוך אונטערן בעט:

— ס'איז שמאַטע, כראַניק! ס'איז נישט קיין ליטעראַטור!

און אַזוי האַלב־אויפגעשניטן איז דאָס בוך געלעגן אונטערן בעט אַ פּאָר טעג, און מיר האָבן אין דעם האָטעל־צימער אַלץ מער און מער אַריינגעטראַכט און אַרומגערעדט די נייע וועגן, אויף וועלכע די יידישע ליטעראַטור דאַרף גיין...

נאָכן דערשיינען פונעם „אַרום וואָקזאַל״ — ווי נאָר עס איז אָנגעקומען פון וואַרשע דער ערשטער עקזעמפּלאַר מיט דער ביליקער געלער הילע און מיט דעם פאַרלעגערישן צוגאָב „דערציילונג פון יידישן לעבן״ — האָבן מיר אין אונדזער זומער־וואוינונג, אין „פּושטשאַ וואָדיצאַ״, אַרום קיעוו, געפּראַוועט אַ גרויסאַרטיקע פייערונג. מיינע עלטערן זיינען דאַן געווען אין אַן אויסלענדישן קוראָרט, און דאָס יונגוואַרג האָט אַליין געבאַלעבאַטעוועט אין אַן אייגענער גרויסער ווילע. עס איז געווען אַ גראַנדיעזע שמחה — דאָס „אויסגעבן״ פון דעם באַליבטן קינד „אַרום וואָקזאַל״. די שמחה האָט געדויערט פון פאַרנאַכט ביז אויף מאָרגן אין גרויסן טאָג אַריין.

אויך אַט די נאַכט שטייט אין זכרון, אַ וואונדערבאַר־העלע, אַן אויסטער־

ליש־פינקלדיקע, און וועט זיך קיינמאָל נישט אויסלעשן פאַר די אַלע, וואָס זיינען דאָן בייגעווען.

די פייערונג איז געווען ווי אַ מין „פאַרשווערונג" קעגן אַ מאַכט, וואָס שטייט פעסט און היט אָפּ אירע גרענעצן און וויל זיך נישט אונטערגעבן די נייע כחות. אין אָט דעם גייסט, הגם נאָך כלל נישט קיין קלאָרן, אויס־געשפּראָכענעם, זיינען געהאַלטן געוואָרן רעדעס דורך די באַטייליקטע. דער „אַרום וואַקזאַל" — אַזוי איז דאָן גצאַנט געוואָרן — איז אַן אָנגריף פון אַ נייער גרופּע, פון אַ נייעם פאַרמעסט, און אַן אַרויסרוף פאַר נייע קינסטלערישע פאָרמען און נייעם צוגאַנג צום יידישן שאַפן.

ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די באַ־גייסטערטע אָפּרופן אין דער יידישער פּרעסע וועגן דעם ווערק „אַרום וואַקזאַל" און זיין אומבאַקאַנטן ביז דאָן פאַרפאַסער דוד בערגעלסאָן.

איך בין זיכער, אַז די ספּעציעלע ליבשאַפט און באַגייסטערונג פון דער קליינער קיעווער גרופּע צו דוד בערגעלסאָן און צו זיין שאַפן האָט אים גע־געבן מוט און גלויבן צו שרייבן, נישט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען, און געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זיין יום־טובדיקן שאַפן.

*   *   *

און זאָל דאָ דערציילט ווערן בקיצור וועגן אונדזער באַקאַנטשאַפט מיט פּרצן, וואָס איז פרילינג 1910 אַראָפּגעקומען קיין קיעוו, אויף דער איינלאַדונג פון דער ליטעראַטור־געזעלשאַפט, צו האַלטן אַ רעפעראַט. עס איז געווען פאַר אונדז, יונגע אין קיעוו, אַ זאַך פון גאָר גרויסער וויכטיקייט. די השפּעה פון דער קורצער באַגעגעניש און באַקאַנטשאַפט מיט פּרצן איז געווען געוואַלדיק. פּרץ איז געווען פאַר אונדז דער לייכט־טורעם, צו אים האָט מען זיך געצויגן, צו אים און צו זיין שאַפן. אין יענע יאָרן, אין די שווערע גרויע רעאַקציע־יאָרן, האָט נישט מענדעלע און נישט שלום־עליכם, וואָס זיינען דאָן געשטאַנען אין דער מיט פון דעם יידישן שאַפן, נישט גערעדט אַזוי צום האַרץ פונעם יידישן אינטעליגענט. מען איז אַליין דאָן געשטאַנען אין געראַנגל פון וועלט־לעכקייט און יידישקייט, פון העברייאישער קולטור און יידישער, פון אינ־טעלעקטועלער פאַרטיפונג אין די פּראָבלעמען פונעם יחיד און באַהעפטונג צו די אוצרות פון פאָלקס־שאַפן. מען האָט זיך שוין געהאַט באַפרייט פון אחד־העמס דאָגמאַטישער יידישקייט, מען האָט מיט דער הילף פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי פיל אין יידישן לעבן געפרעגט און אָפּגעפרעגט, און מען האָט שוין זיך אַריינגעפלאָכטן אין די אידייען און טענדענצן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט אין זיך שטאַרקע טענדענצן צו נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. מען איז געקומען

דורך פאַרשיידענע וועגן צו דעם ספּעציפישן יידישיזם, וואָס פּרץ האָט אים לכתּחילה מער געאָנט ווי קלאָר כאַראַקטעריזירט און פאָרמולירט. עס איז געווען נאָענט און היימיש פּרצעס שטענדיק זוכן און גאָרן נאָכן סינטעז.

איז מען, פאַרשטייט זיך, געווען פול מיט דערוואַרטונג אויף פּרצעס קומען. מיר זיינען שוין דאָן, אין יאָר 1910, אַליין אויף אַן אייגענעם „וואָגן" אַריינגעפאָרן אין דער יידישער ליטעראַטור, — איך מיין דאָ דעם זאַמלבוך „יידישער אַלמאַנאַך", וואָס פּראָפ. ע. מאַנדעלשטאַמס איידעם מ. ל. ציטראָן האָט אונדז געהאָלפן אַרויסגעבן. אין אָט דעם זאַמלבוך האָבן מיר געגעבן אַן אויסדרוק פאַר אונדזערע גאַנץ־מטושטשע כוונות און פאַרמעסטונגען. דוד בערגעלסאָן האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט זיין דערציילונג „דער טויבער", וואָס האָט נישט געהאַט דאָס מזל ביי די יידישע רעדאַקטאָרן, און איך האָב אָפּגעדרוקט מיין ערשטן ליטעראַריש־קריטישן אַרטיקל אין יידיש, „נאָטיצן פון אַ לעזער" (וועגן ד. בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל").

אויסער דעם אָפיציעלן קבלת־פּנים, וואָס מען האָט געגרייט פאַר פּרצן אין קיעוו, סיי די יידישיסטן און סיי די העברייאיסטן, האָבן מיר געפילט אַ באַזונדערע באַדערפעניש אויפצונעמען פּרצן באַזונדער. האָבן מיר באַשלאָסן צוצוטראָגן דעם געהויבענעם גאַסט „אַן אַדרעס". מיר זיינען בײדע, בערגעלסאָן און איך, אָפּגעזעסן עטלעכע שעה ביי בערגעלסאָנען אין צימער, אויף וואָלאָסקע־גאַס, פאַרטער, מיטן פענצטער צום טראָטואַר. אין דעם צימער וואו „מיר" האָבן אין משך פון אַ פּאָר יאָר „אויסגעטראָגן" און אויפגעכאָוועט שטיקער, טיילן פון „נאָך אַלעמען". דאָ, אין דעם זעלבן צימער, האָבן מיר עטלעכע שעה באַמיט זיך צו געבן אַן אויסדרוק אין קורצע שורות די געפילן פאַר פּרצן. מיר האָבן זיך שטאַרק אונטערגעגאַרטלט, געווען געהיט מיט יעדן וואָרט, געפילט גאָר די אחריות, וואָס מיר קומען דאָ צום ערשטן מאָל אין ענגן באַריר מיט פּרצן. מיר האָבן גענומען אַלס „באַזע" פאַר אונדזער „אַדרעס"־שריפט פּרצעס „פיר דורות—פיר צוואות". פון אָט דער קאָנדענסירטער פּאָעמע האָבן מיר פאַרפאַסט די „שריפט" לכבוד פּרצן. כדי צוצוגעבן נאָך מער פייערלעכקייט און פּיעטעט פאַר פּרצן, האָבן מיר דאָס אָנגעשריבענע אָוועקגעטראָגן צו אַ סופר, ער זאָל אונדזערע פאַרהערלעכונג־ווערטער אויפשרייבן מיט אַ געגזענער פעדער אויף פאַרמעט.

איך האָב דערנאָך דעם „אַדרעס" געפונען ביי דער פרוי פּרץ אין וואַרשע, אין יאָר 1925, און עס איז מיר מיט 15 יאָר שפּעטער באַשערט געווען צו פאַרעפנטלעכן אַן אָפּבילד אין די „ליטעראַרישע בלעטער", צום 10טן יאָרצייט פון פּרצן.

איך גיב דאָ דעם טעקסט פון דעם שריפט. עס גיט אַ פאָרשטעלונג פון

דער וועלט, אין וועלכער מ׳האָט דאַן געלעבט, און עס וואַרפט אַ ליכט אויף די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט ביי אונדז:

„אונדזער ליבן עלטסטן און תמיד־יונגן יצחק לייבוש פרץ — פון קיעווער און דעמיעווקער יוגנט.

„פיר דורות, פיר רינגען, פיר זיילן, פיר שטאַמען האָסטו אין אונדזער לעבן אונדז געוויזן. געבוירן, געלעבט און געשטאָרבן אין גלות, און נאָך זיך נישט מער ווי פיר צוואות געלאָזן. לעבט דאָך נאָך אַלץ ר׳ אליעזר חייקלס מיט זיין לעצטן רצון, אַז די קינדער זאָלן בלייבןביים וואַלד בשותפות, און די ספרים זאָל נעמען בנימין החתן שיחיה. הויבט זיך נאָך איצט אויף העכער פון אים אויף בנימין זיין יורש, וואָס הייסט, אַז דאָס פקדון איז איבער דער צייט ביי אים פאַרפלעקט געוואָרן, חלומט זיך אים שוין, אַז דער ספר איז פון זיין האַנט אַרויסגעפאַלן און בעטן בעט ער שוין ביי זיינע זין און איידעמס: זייט מער יידן ווי סוחרים, ווייל וואָס גרעסער דער סוחר, איז קלענער דער ייד. וואַלגערט זיך נאָך ערגעץ אַ צעטל אויף פויליש אָדער אויף רוסיש פון מאָוריצן, אַז מען זאָל דעם זון זיינעם מיט טעלעגראַם פון פאַריז אַרויסרופן, דינגען אַ דיין אָדער אַזוי אַ למדן אויף קדיש זאָגן. קאָן שוין לענגער נישט לעבן און גייט אַוועק פון דער וועלט דער פערטער דור. נישט פאַר נחת, נישט פאַר עגמת־נפש, נאָר פון לערקייט. לענדער אַ סך האָט ער געזען און קיין איינציק לאַנד איז נישט זיינס געווען. אַ סך שפּראַכן האָט ער געלויפיק גע־רעדט, נאָר קיין איינציקע געפילט. מיט די ווערטער, ווי מיט באַלן האָט ער געשפילט, און שטאַרבן שטאַרבט ער אַוועק מיט דעם גוף און נשמה.

„שטאַרבן אויס די פיר דורות, און דאָס יידישע לעבן גייט זיך זיין וועג. טיף איז דער מקור, שטאַרק איז און שטראָמט אַלץ דער קוואַל. פון די פיר שטאַרבנדיקע דורות שטאַמען מיר מיט דעם פינפטן לעבעדיקן דור אַרויס. דאָס איז דער דור, וואָס דו האָסט דערצויגן. נישט ביי אַ צוואה האָלט ער אין שרייבן, נאָר מיט אַ באַגייסטערטער און שעפערישער קראַפט טרעט ער צוזאַמען מיט דיר אין לעבן און צוזאַמען מיט דיר נעמט ער דעם איבער־געריסענעם פאָדעם ווייטער שפינען, אַלץ ווייטער און ווייטער שפינען, אייביק אין די דורות אַריינשפינען און וועבן און איבעראַל מיט אַ ליכטיקער נעץ די וועלט פאַרנעמען. צוזאַמען מיט דיר ווילן מיר שאַפן דאָס אַלט־נייע לעבן. שלאָג־זשע דעם שטיין, וועט ער געבן וואַסער, דריק פעסטער די איילבירט, וועט זי געבן בוימל!

„קיעוו, אייר, תר״ע.״

איצט, נאָך עטלעכע און דרייסיק יאָר, ווי די שורות זיינען געשריבן, איצט קאָן מען פאַרשטיין וויפיל גייסטיקע שפּאַנונג און טיפע פאַרהערלעכונג עס

האָבן פאַרמאָגט די שורות, וואָס זיינען אַרויסאַנטפּלעקט געוואָרן אין יענע טעג ביי די צוויי יונגעלייט, וועלכע האָבן געלעבט אין אַ פאַרגויעשטער שטאָט, און אַליין, מיט אייגענע כחות, געפּרוּאווט אַרויף אויפן דרך־המלך פונעם יידישן שאַפערישן געדאַנק.

עס איז נישט איבעריק אין עטלעכע ווערטער איבערצוגעבן דעם אינצידענט ביים דערלאַנגען פּרצן דעם „אַדרעס" אין פאַרמעט.

אַזוי ווי אויפן אָפיציעלן אָוונט פון דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט האָט מען נישט געקאָנט איבערלייענען דעם „אַדרעס", ווייל פּאָליציי האָט נישט דערלויבט קיין שום באַגריסונגען און זייטיקע רעדעס, — האָבן מיר באַשלאָסן איבערצוגעבן פּרצן דעם אַדרעס דעם צווייטן אָוונט, אויף דעם קבלת־פּנים, וואָס די העברייאיסטן, די „חובבי שפת עבר", האָבן איינגעאָרדנט פאַר פּרצן אין אַ קלענערן זאַל. דאָ האָט שוין די פּאָליציי נישט אַכטונג געגעבן. אָן קיין כוונות צו „פאַרשוועכן" דעם העברייאישן אָוונט, האָבן מיר געבעטן אַ וואָרט ביים „יושב־ראש" פאַר בערגעלסאָנען, ער זאָל איבערלייענען דעם אַדרעס פּרצן. מיט דער פאַרמעט־מגילה איז דוד בערגעלסאָן צוגעקומען צום פּרע־זידיום־טיש און אָנגעהויבן לייענען דעם „אַדרעס". אָבער די ערשטע ווערטער אין יידיש האָבן אַרויסגערופן ביי אייניקע „חובבניקעס" אַ געטומל, מ'האָט נישט געלאָזט לייענען דעם „אַדרעס", מ'האָט עס געהאַלטן פאַר אַ „חילול־הקודש", — אויף אַ העברייאישן אָוונט לייענען אויף יידיש. מען האָט נישט געשוינט דעם כבוד פון דעם געהויבענעם גאַסט. אַ בלייכער איז דוד בערגעל־סאָן געשטאַנען, געמיינט די טומלער וועלן זיך באַרויקן. מען האָט אונדזער „אַדרעס"־מאַניפעסט געמוזט איבערלייענען ביי אַ טומל. די קנאים זיינען אַרויס פון זאַל, און אַריינגעקומען ווען דוד בערגעלסאָן האָט פאַרענדיקט.

* * *

דאָס, וואָס מ'איז נישט געווען אינמיטן, דאָס, וואָס מען האָט נישט גענומען פון גרייטן, פון פאַרטיקן — דאָס איז שטאַרק קענטיק ביי בערגעלסאָנען אויך אין די ערשטע זאַכן זיינע. עס איז געווען אַ דורכאויס־אייגענער חשבון־הנפש און אויך אָן אייגענע אויסגעטרוימטע קינסטלערישע וועלט. מען האָט באַ־וואוסטזיניק אויפגענומען די יונגע יידישע ליטעראַטור, וואָס איז געקומען פון דעם דעמאָלדיקן איינאונאיינציקן ליטעראַרישן צענטער, וואַרשע, און נישט געוואָלט זי גורס זיין. צופיל צעבערעקלט האָט זי אויסגעזען אין די אויגן, צופיל גיט זי זיך אָפּ מיטן נודנעם לעבן פון פאַראיינזאַמטע בחורים אין די בוידעמשטיבלעך פון פרעמדער שטאָט. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז זי גייט פאַרביי די גרויסע, ברייטע שליאַכן פון דעםווירקלעכן לעבן. ס'איז אין איר ווייניק דאָ פון די טיפע סאָציאַלע ענדערונגען אין דער יידישער ווירק־

לעבקייט, נישטאָ אין איר דער אָפּקלאַנג פונעם פאַרשיידנאַרטיקן קאָלירפולן ידישן משפחה־לעבן. די ליטעראַטור איז דורכאויס סקיצנהאַפטיק, על־פּי־רוב — טרוקענע, פאָטאָגראַפישע בילדלעך. עס ווערן אָלץ געשילדערט יידישע שטעטלעך, און עס בלייבן אויסן די גרויסע שטעט, וואו יידן שאַפן אַן אייגנ־אַרטיקן, וועלטלעכן לעבן מיט פאַרצווייגטע משפחות, מיט גרויסע געשעפטן, מיט האַנדלונג און קאָנפליקטן — דאָס וואָס מיר האָבן כסדר געהאַט פאַר אונדזערע אויגן אין רייכן יידישן קיעוו.

אָט דאָס, לערך, איז געווען דער דעמאָלסדיקער „קיעווער נוסח". און זיין קינסטלערישע פאַרקערפּערונג איז געווען דוד בערגעלסאָן און זיינע ווערק, וואָס ער האָט גענומען פאַרעפנטלעכן, און אויך אין די פיל אַנהויבן־ווערק, וועלכע זיינען פאַרבליבן ביי אים אין מאַנוסקריפּט.

די השפעות אויף דעם יונגן דוד בערגעלסאָן זיינען געגאַנגען פון פאַר־שיידענע זייטן. די אַנלאַדונג איז פאַרגעקומען אין אים נאָך איידער ער האָט געהאַט וועגן דעם אַן אַנונג. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די יידישע קולטור פון די ערשטע מקורים, אויפגענומען וועלטן פון די אַלטע יידישע ספרים, וועלכע האָבן פאַרגעזעצט אַ לעבן אין הויז פון זיין פאָטער; אין די דער־וואַקסענע יאָרן האָט ער באַקומען השפעות פון דער ניי־העברייאישער ליטעראַטור, וועלכע האָט אין יענע צייטן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף יחידים אין שטעטל; ער האָט זיך אַנגעטראָפן מיט יונגעלייט, וועלכע האָבן אין זיך געטראָגן די „באַצילן" פון דער מאָדערנער העברייאישער קולטור; ער האָט געטרונקען אַ דורשטיקער פון די שלאַגנדיקע קוואַלן פון דער רוסישער ליטעראַטור — טאָלסטאָי, טורגענעוו, דאָסטאָיעווסקי — שפּעטער טשעכאָוו, גאָרקי, אַנדרעיעוו. גלייכצייטיק — פון די רוסישע איבערזעצונגען — זיינען פאַר אים אויפגעדעקט געוואָרן די אוצרות פון דער וועלט־ליטעראַטור — און גאַנץ באַזונדערס די ניי־אַנטפּלעקטע נאָרוועגישע שרייבער.

ס'איז קיין ספק נישט, אַז קנוט האַמסון האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דוד בערגעלסאָן, און וועגן דעם האָב איך, אגב, אָנגעוויזן אין מיין אַרטיקל „באַטיצן פון אַ לעזער" — מיין ערשטער דעביוט אויפן געביט פון קריטיק.

איינער אַ קריטיקער, ש. גאָרעליק, אין אַן אַרטיקל וועגן „אַרום וואָקזאַל", האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס ווערק איז געשריבן אונטערן דירעקטן איינפלוס פון הערמאַן באַנגס „אָן אַ היים". ס'איז אָבער נישט ריכטיק. מיר האָבן דערנאָך אין קיעוו קוים געקראָגן דאָס ווערק, מיר האָבן עס מיט בערגעלסאָנען גע־לייענט, געווען זייער נייגעריק צו געפינען די באַריר־פּונקטן, די ענלעכקייטן צווישן באַנגס ווערק און בערגעלסאָנס.

מערקווירדיק, וואָס לכתחילה האָט די יידישע ליטעראַטור געהאַט אַ

קלענערע השפּעה אויף דוד בערגעלסאָן. ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן באַהעפטן מיט יידיש, האָט ער זיך פאַרבונדן ענגער און נעענטער מיט דער יידישער ליטעראַטור. פּרץ, מענדעלע, טײַלוויז אויך שלום־עליכם זײַנען אַמשטאַרקסטן געווען אים נאָענט. די ייַנגערע דאָן יידישע ליטעראַטור האָט ווײניקער געערדט צום האַרץ.

דוד בערגעלסאָן האָט דאָן אומבאַוואוסט תופס געווען דעם סאָציאַלן איבערבראָך אין דעם יידישן לעבן, הגם ער האָט נישט געהאַט וועגן דעם קיין קלאָרע אײַנשטעלונג. די האַנדלונג איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן בײַ אים פון דעם שטעטל, פון דער שטעטלדיקער סביבה אין דער גרעסערער שטאָט אַרײַן. „אַרום וואָקזאַל" איז געווען אַ מין פּרוזדור, אַן אַרײַנפאָר, אין דער ברייטערער סביבה פון „נאָך אַלעמען".

אין זײַן קינדהייט און יוגנט האָט ער אײַנגעזאַפּט אין זיך שטעטלשע רו, שטעטלדיקן רוים, שטעטלדיקן קאָלאָריט, און שפּעטער אָטעמט שוין אײַן אין זיך זײַן געמיט דעם נײַעם טעמפּאָ, דעם נײַעם רייץ פון דעם יידישן לעבן אין דער גרויסער שטאָט.

בערגעלסאָן האָט צו טאָן דער עיקר מיט אינטימע פּסיכישע מענטשלעכע איבערלעבענישן, שילדערט די פּערזענלעכע טראַגעדיעס פון דעם יחיד, אָבער דאָס אַלץ וואַקסט אַרויס פון צײַט־ און סביבה־באָדן. יעדע פּערזענלעכע איבערלעבונג, יעדער בראָך פונעם יחיד האָט בײַ אים אַ טיפן סאָציאַלן הינטערגרונט. דער כאַראַקטער פון זײַנע מענטשן, זייער לעבנס־שטייגער, זייער טראַגיזם וואַרצלען זיך, זיי ציען יניקה פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין זייער תקופה. מיט זייער אַוועקגיין אָדער מיט זייער אָנקומען פילן זיי אויס וויכטיקע היסטאָרישע שליחותן. זיי טראָגן, אָפּטמאָל קעגן בערגעלסאָנס ווילן און ווײסן, די לאַסט, די קללה פון געשיכטלעכער פאַרמשפּטקייט. בערגעלסאָן שפּירט וואונדערבאַר די געהיימע צאַפּלענישן, די אינעווייניקסטע גסיסה־ליידן פון דורות און שיכטן, וועלכע גייען־אונטער. ווי הערלעך־טראַגיש און טיף־רירנדיק ער שילדערט דעם אונטערגאַנג, דעם חורבן פון די אַוועקגייענדיקע. גדליה הורוויצעס ציטערדיקער טויט („נאָך אַלעמען"), מלכס געהיים־ניספּולער אַוועקגיין („אָפּגאַנג"), ר' אהרן לעמבערגערס גרויזאַמע לעצטע שעהן („מידת הדין") — טיף־אײַנגאַרטיקע שילדערונגען!

אָבער ער איז נישט דער קדיש־זאָגער. פון צווישן די חורבות וואַקסט בײַ אים אויס דאָס נײַע, דאָס מונטערע, וואָס רײַסט זיך צו אַ באַנײַטן, אויפגייענדיקן לעבן. אין זײַנע ווערק האָבן מיר אויך געבורט־ווייען פון דעם נײַעם מענטשן, פון דעם נײַעם דור, וואָס קומט מיט פרײדיקן אָנזאָג, דער נײַער

דור, וואָס דאַרף ברענגען פאַרלייכטערונג און דערלייזונג דעם שאַפנדיקן יידישן לעבן.

בערגעלסאָן איז דער גרויסער שפּראַך־מייסטער. ווער נאָך ווי ער איז אַזאַ בריה אויסצומייסטרעווען אַ פּראָזע, אַ זאַץ, אַן אויסדרוק. זיין שפּראַך איז צאַרט און ראַפינירט, אָבער גלייכצייטיק אויך מאַסיוו. מען זאָגט, אַז ער איז אָרעם אין ווערטער, אָבער סאַראַ קאָלירן און פאַרבן עס שעמערירן כסדר אין זיינע ווערק; וויפיל ניואַנסן פאַרמאָגן זיינע בילדער. קלאַנגען און ווידער־קלאַנגען, אָפּקלאַנגען און נאָכקלאַנגען. עס זינגט אַרויס פון זיין יעדער שורה. ער לאָזט זיך אָבער נישט פאַרשיכורן פון דעם אייגענעם דיכטערישן געטראַנק. זוי נאָר דער קינסטלער אין אים וויל זיך לאָזן וואוילגיין, איז באַלד דאָ דער ביכטערער, קלוגער בערגעלסאָן און פאַרהאַלט אים דעם וועג און שטעלט אָפּ די איבעריקע רייד. בערגעלסאָן איז זייער שטרענג צו זיינע טיפן און צו זיך אַליין. אין זיין בייזיין (און ווען איז ער נישט אַנוועזנד אין זיינע ווערק?) מוז מען פירן שטאַט און זיך היטן פון סתם רייד. און ווי ער איז נישט געהיט ביים שרייבן, דאָך קאָן ער שפּעטער אַרויסשניידן פון דעם ווערק גאַנצע זייטן, גאַנצע קאַפּיטלען, וועלכע זעען אויס פאַר אים איבעריק. ער איז אָפּט דער גרויסער אכזר אויף זיינע אייגענע ווערק. גייט אַ ווערק נישט אין זיין דרך, איז ער עס גרייט מעביר־נחלה זיין און אויף שטענדיק, אָן קיין רחמנות. ביי קיין יידישן שרייבער זיינען געווויס נישטאָ אַזוי פיל אָנגעשריבענע זייטלעך, קאַפּיטלעך, גאַנצע טיילן פון ווערק, וואָס זיינען פאַרבליבן ליגן אין שופלאָד און וועלכע וועלן שוין קיינמאָל נישט זען די ליכטיקע שיין, ווי ביי בער־געלסאָנען.

וויפיל וואונדערבאַרע שילדערונגען און טיפן עס ליגן פאַרגראָבן אין אָט די געפּסלטע קאַפּיטלעך. אָפּטמאָל האָט ער חדשים און חדשים געאַרבעט אויף אַ ווערק, געלייגט פונדאַמענטן, אויפגעשטעלט די ערשטע שטאָקן, אָבער דער־נאָך האָט ער אינמיטן איבערגעריסן דאָס וויטערדיקע בויען. און מערק־ווירדיק: דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אַריינגעבראַקט אין דעם אָנגעהויבענעם בנין, האָט ער נישט באַנוצט פאַר דעם נייעם געביי. פאַר דעם נייעם בנין האָט ער אַרויסגעבראַכט נייעם שטאָף. יענער מאַטעריאַל איז פאַרבליבן ליגן אין באָדן, צווישן די רעשטאָוואַניעס, יאַרנלאַנג.

עס וואָלט געווען כדאי גאָר באַזונדער און אויספירלעך זיך אָפּשטעלן אויף פאַרשיידענע קלענערע און גרעסערע זאַכן, וואָס דוד בערגעלסאָן האָט אין פאַרשיידענע צייטן און ביי פאַרשיידענעם געמיט־צושטאַנד געשריבן. ער איז געגאַנגען אָפּט זייער אַ לאַנגן וועג, שוין געהאַט אָנגעשריבן פיל קאַפּיטלען, אָבער ער איז ווי דערגאַנגען מיט זיין וועג צו אַ טעמפּן ווינקל, — איז ער

שטיין געבליבן. גלאַט גיין וויטער, בלאָנדזשען, טאַפּן אין דער פינצטער, גיין לויט אַ אינערציע — דאָס איז נישט אין בערגעלסאָנס קינסטלערישן כאַראַק־טער. אין דעם זינען איז זייער אינטערעסאַנט די געשיכטע מיט אַ ראָמאַן „רברבי" (ראַוורעבי), וואָס ער האָט אַ לאַנגע צייט געשריבן (באַלד נאָכן „נאָך אַלעמען") און אינמיטן איבערגעריסן...

* * *

סאָראַ וואונדערבאַרע סתירות מען טרעפט אָן אין בערגעלסאָנס שאַפן: איבערצייטיקע קהלתדיקע הבל־הבלים, און דאָך יוגנטלעכע שיר־השירימדיקע פאַרליבטקייט. אָט די עקסטרעמע עלעמענטן געפינען מיר אין אַלע זיינע ווערק, פון „אַרום וואָקזאַל" ביז זיין „ביים דניעפּער". בין־השמשותדיקע גע־דריקטקייט און באַגינען־אויפשיינען. ניכטערע קלוגשאַפט אין שילדערן מענטשן, נאַטור, און רירנדיקע סענטימענטאַלקייט, וואָס באַגלייט, ווי אַ לייט־מאָטיוו, יעדן געראַנגל, יעדע שווערע סיטואַציע, אין וועלכער עס געפינען זיך זיינע מענטשן. טרויער, טראַגיזם, קללה, וואָס ליגט אויף מענטשן, פאַר־משפּטקייט, און גלייכצייטיק פרייד, מונטערקייט, טיפע אינעווייניקסטע איבערגליקלעכקייט.

און איבער אַלץ און אַלעמען רוט שטענדיק אויף זיינע ווערק — פרייד פונעם מייסטער — יום־טובדיקייט.

.1940

דער נסתר

דער נסתר איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק. ער איז געקומען ווי פון ערגעץ־אומבאַקאַנטע וועלטן, מיט אַ פאַרשטעלט פּנים און געבראַכט טיף־אייגנאַרטיקע און אויסטערלישע שאַפונגען. און אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן האָט ער געהאַלטן אין איין הילן זיך אין מאַסקעס און שלייערן. ער האָט פאַרעפנטלעכט ווערק, וואָס האָבן נישט נאָר נישט אַרויסאַנטפּלעקט זיין אינעווייניקסטע וועלט, נאָר אדרבא — אַלץ מער פאַרהילט זיין שאַפעריש געזיכט און כאַראַקטער.

דער נסתר — פּסיידאָנים פון פּנחס־פּיני קאַהאַנאָוויטש — איז געבוירן אין בערדיטשעוו דעם 1טן נאָוועמבער, 1884. ער שטאַמט פון איין זייט פון למדנים, פרומע לייט, און פון דער צווייטער זייט — פון דאָרף־יידן, האָרעפּאַש־ניקעס. ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג, דערנאָך געגעבן לעקציעס אין העברעיִש. ער האָט דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור אין 1907 מיט אַ ביכל לידער אין פּראָזע „געדאַנקען און מאָטיוון".

זיינע שילדערונגען און מאָטיוון זיינען לחלוטין אַנדערש געווען פון די שילדערונגען און מאָטיוון פון די אַלע יונגע שרייבער, וואָס די סטיכיע פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1905־1906 און פון דעם באַלדיקן אָפּגאַנג און אויסערלעכער רעאַקציע פון 1907 און ווייטער האָבן געבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור אינעם צאַרישן רוסלאַנד.

דער נסתר און זיינע אייגנאַרטיקע שאַפונגען האָבן פון אָנהייב אָן שטאַרק געריצט דעם יונגן עמפּינדלעכן לייענער. אין דער צייט, וואָס די עלטערע, איינגעזעסענע יידישע שרייבער האָבן מבטל געווען דעם יונגן נסתר, באַצייכנט אים פאַר אַ פרעמדן און זייטיקן, — האָט דעם יונגן יידישן לייענער געצויגן צו אָט דער קינסטלערישער געשטאַלט, וואָס ברענגט אייגנאַרטיקע מעשיות און מאָטיוון. דער נסתר — אַ מערקווירדיקער נאָמען, און אויך אַזוי מערק־ווירדיק זיינען זיינע ווערק, וואָס ער שאַפט. זיי האָבן זיך שטאַרק אויסגעטיילט צווישן די דערציילונגען און סקיצן, מאָמענט־ און טאָג־פאָטאָגראַפיעס, וואָס האָבן דאַן, נאָך 1906־1907, פאַרפלייצט די יידישע ליטעראַטור. מערק־

ווירדיקע מעשיות מיט אויסטערלישע פאַרשווינגען, מיט אַלעגאָרישע און סימ־באָלישע שילדערונגען. און ווי פאַרפּלאָנטערט זיי זיינען נישט געווען, האָבן זיי געהאַט זייער אייגענעם קינסטלערישן סטיל און דיכטערישן אַראָמאַט.

ווער איז פּאָרט געווען דער נסתר, פון וואַנען האָט ער געשטאַמט און דורך וועלכע וועגן איז ער געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור ?

דערויף איז נישט לייכט געווען צו ענטפערן דאַן, און אויך איצט, אין דער פּערספּעקטיוו פון אַ דריי צענדליק יאָר, איז נישט גרינג צו געבן אויף דעם אַ קלאָרן ענטפער. עס איז לייכט געווען אָפּצופּסקענען (דאָס האָט אַמאָל געטאָן ש. אַנסקי און אַנדערע), אַז דער נסתר איז נישט מער ווי אַ נאָכמאַכער פון רוסישע און פּוילישע דעקאַדענטן, אַז ער איז דורכאויס אַ פּראָדוקט פון פרעמדע איינפלוסן. דאָס אָבער איז געווען לחלוטין פאַלש. אַפילו אין זיינע ערשטע, ווייניק־רייפע זאַכן און מיט דעם נישט־יידישן אינהאַלט, האָט מען געקאָנט אַרויספילן דאָס עכט־יידישע. דער נסתר איז אַ קינד פון דעם יידיש־פּאַטריאַרכאַלן וואָליו, ער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין דער יידישסטער שטאָט פונעם אַלטן רוסלענדישן יידנטום, אין בערדיטשעוו, אָט די שטאָט, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט טיפער יידישער טראַדיציע און אמתדיקן יידישן לעבנס־שטייגער, די שטאָט, וואָס איז פאַר יידן געווען דאָס, וואָס פּאַריז פאַר פראַנצויזן, פּעטערבורג פאַר רוסן, לאָנדאָן פאַר ענגלענדער (ווי שלום־עליכם האָט אַמאָל וועגן דער מערקווירדיקער שטאָט געשריבן אין אַ בריוו צו מ. ספּעקטאָר). איז דעריבער געווען פאַלש דער אורטייל, אַז דאָס אויסטערלישע, פאַנטאַסטישע, דאָס סיפּור־המעשהדיקע, וואָס איז געווען אין נסתרן, קומט פון דער פרעמד, פון געבאָרגטן.

דער שאַפערישער גאַנג פון דעם נסתר איז געווען אַ שווערער, אַ זיג־זאַגישער, אָפטמאָל האָט ער זיך פאַרדרייט אין וועגן־וועגעלעך פון אייגענעם לאַבירינט.

פאַראַן שרייבער, וואָס קומען אין דער ליטעראַטור מיטן אָפענעם, ברייטן שליאַך, דורך גוט־אויסגעפלאַסטערטע וועגן. און ווען זיי קומען, באַהעפטן זיי זיך גלייך צום שאַפערישן קינסטלערישן קאָלעקטיוו. און זיי און זייערע ווערק ווערן גיך נאָענט און היימיש און אייגן. פאַראַן אָבער שרייבער, וואָס שלייכן זיך אַריין אין דער ליטעראַטור דורך ווייניק־באַטראָטענע שטעגן, זיי רוקן זיך אַריין מיט רויטלעכער בושה ביי זייטן־פּלויטן און אַזוי פאַרבלייבן זיי אַ לענגערע צייט, — אַליין און ווי פאַר זיך. זיי דאַווענען שטענדיק ביחידות, נישט בציבור. אָט־דער דיכטער מורמלט אייגענע שטילע ווערטער נישט פונעם אַלגעמיינעם סידור, נאָר אָן דער זייט, אין אַ ווינקל שעפּטשעט ער זיין אייגענעם געבעט.

דער נסתר האָט אַלע יאָרן געזוכט און געבענטשט וועלטן און היימען און אַזוי אויך געשטאַלטן. עס איז געווען אַ גיין און וואַגלען, אַ גיין און קלעטערן איבער וועגן און הויכן, געטריבן פון אומרו, געיאָגט פון בענקשאַפט און מיט־געריסן פון אַ דראַנג נאָך נייע אמתן, וואָס ער אַליין האָט געזוכט און האָט עס אויך געמאַכט פאַר דער אויפגאַבע פון זיינע פאַרשיידענע פאַרשוינען.

אין זיינע ערשטע יוגנטלעכע שילדערונגען איז דאָ נאַאיווע פאַרגאַפונג, תמימותדיקע התפעלות, — עס איז דאָ אַנטציקונג ביים דערזען צום ערשטן מאָל אַ פּרעכטיקע לאַנדשאַפט, ביים טרעפן זיך מיט אַן אויסטערלישער וועלט, ביים אויפנעמען צאַרטע טיפע ליבע. די איינדרוקן זיינען ביי דעם נסתר געמישט מיט אייגענע געפילן, מיט אייגענער באַגייסטערונג, עס פלעכטן זיך דרויסנדיקע איינדרוקן מיט אינעווייניקסטער התפעלות.

אַזוי זיינען זיינע ערשטע לידער אין פּראָזע, אָדער זיין פּראָזע וואָס איז ליד. לירישע אויסדרוקן פון אַן עכטן יידישן דיכטער, וואָס נעמט ערשט זוכן וואָרט, בילד און פאָרם פאַר זיינע איבערלעבענישן. אַזוי זיינען זיינע ערשטע זאַכן: „פּוילישע", „ערשטער שניי", „פרילינג" א. אַז. וו.

אָט ווי ער מאָלט אַ בילד:

„שטיל און פאַרגאַפט שטייט די גרויסע ווייסע און הייליקע שטרעקע מיט גרויסער עלטער־קדושה אויפן פּנים, מיט פאַרכט און וואונדער אין די אויגן און מיט גרויס אהבה און שרעק פון אהבה אין האַרצן; שטייט אין בלויען הימל, אין כשרסטן טלית פון גאַלע תכלת איינגעהילט, שטייט מיט האַרץ ביי דער וועלט און מיט מחשבה ביי דעם האַר פון דער וועלט . . . שטייט, קוקט, אירע קניען ציטערן, אירע קניען בויגן זיך, — ווילן פאַרן בורא־עולם קניען, ווילן פאַר זיין גרויסער, שיינער וועלט אַנידערפאַלן. שטיל און פאַרגאַפט אויפן באַרג שטיי איך, מיט מיר די גרויסע, ווייסע שטרעקע, אויף אונדזער קאָפּ דער גרויסער בלויער הימל, און אין הימל — — — שטיל און רייך דער מאָרגנשטערן. — — — שטיל און הייליק . . . שטיל און הייליק . . ."

די נאַטור, די התפעלות פאַר דער נאַטור איז אַ יידישע, אין יידישע לבושים געקליידט און מיט יידישלעכער פאַרגאַפונג. מענדעלע איז געווען דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט פאַריידישלעכט די נאַטור, אָבער ביי מענדעלען איז עס געווען מער־אויסערלעכע מייסטערהאַפטע שיל־דערונג. ביי נסתרן האָבן מיר מער־אינעווייניקסטע התלהבות פאַר דער נאַטור, מער־תפילהדיקן עקסטאַז, מער חסידישע דבקות. נישט אומזיסט האָט דער נסתר דערנאָך (אין 1912) אָנגערופן אַ באַנד לידער און פּאָעמעס מיטן נאָמען „געזאַנג און געבעט", — אַ געזאַנג, וואָס ווערט אָפט פאַרוואַנדלט אין געבעט.

אין דורכאויס־אייגענעם געבעט, וואָס האָט צו טאָן מיט רייך־סוביעקטיווע, פּערזענלעכע שטימונגען און איבערלעבענישן.

מיר טרעפן דאָ און דאָרטן די אייגנאַרטיקע מאָטיוון פון דעם וואָלינער ר׳ נחמן בראַצלאַווער, עס זיינען גילגולים פון ניגונים, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער אַמאָליקער יידישער וועלט. די ר׳ נחמן בראַצלאַווער מעשה האָט געפונען אַ מאָדערנעם תיקון ביים וואָלינער דיכטער, ביי דעם נסתר.

* * *

זיין ערשט ביכל, ווי געזאָגט, האָט דער נסתר אָנגערופן „געדאַנקען און מאָטיוון״. אין דעם־אַ נאָמען איז אין אַ געוויסער מאָס דאָ דער דיכטערישער מהות פונעם אָריגינעלן דיכטער. עס זיינען מאָטיוון, וואָס ווערן געפירט דורך דעם געדאַנק. נישט סתם־מאָטיוון, נישט סתם־אַנטציקונג, נאָר אַן אַנטציקונג, וואָס קומט פון ערגעץ און פירט צו עפּעס. נישט בלויז וועג און וועגן, נישט נאָר שטרעקעס און מרחקים, נאָר אויך שליחות, מיסיע אין דעם וואָגלען. ביי קיין שום אַנדערן יידישן דיכטער־ליריקער איז נישט געווען אַזויפיל באַוועג, אַזויפיל דינאַמיק, אַזויפיל געקלעטער. אין דעם אַלעמען איז דאָ אַן ספק עפּעס פון פּרצן, וואָס איז אויך געווען שטענדיק געטריבן פון געדאַנק, פון באַוואוסטזיין, אָבער מיט דעם אונטערשייד, וואָס ביי פּרצן איז געווען מער אויפבליץ, מער ראַשיקער צעדונערן זיך, מער האַסטיקער אימפּעט. דער נסתר איז געווען מער באַרעדעוודיקער, ער האָט זיך אָפטמאָל געלאָזט פאַרשפּילן מיט אייגענע רייד, זיך געלאָזט שפּיגלען אין דער פילקאָלירנדיקייט פון זיין שפּראַך. ער איז פאַרבלענדט געוואָרן פון די אַלע פליטערלעך, וואָס זיין שפּראַך האָט פאַרמאָגט. אָפטמאָל האָט דעריבער די אָרנאַמענטיק פאַרנומען ביי אים מער אָרט, ווי דער תוך, ווי דער עיקר. ער האָט ליב געהאַט די שלייערן, ער האָט זיי געהאַלטן אין איין אָראָפּוואַרפן פון זיך און זיך ווייטער געהילט אין זיי. ער האָט זיך אָפט פאַרהאַלטן אויף די וועגן־שטעגן און נישט באַוויזן צו דערגיין צום צוועק, צום סוף פון דער געשיכטע.

און אַזוי קלעטערנדיק איבער הויכן און נידערבדיק אין טיפענישן איז ער אַמאָל געקומען נעענטער צום אייגענעם תוך און אָפט זיך ווידער דערווייטערט, און דאַן גענומען זיך אַליין זוכן, און נישט געקאָנט זיך געפינען, האָט ער זיך ווידער געדרייט און פאַרדרייט.

אין די ווייטערדיקע ווערק ווערט דער נסתר אַלץ מער אַריינגעצויגן אין אַ מאָטיוון־ און געדאַנקען־געווירבל. אָפטמאָל איז ער געווען דער אויבערהאַר איבער זיי, און אַמאָל גאָר אַליין געפירט געווען פון זיי, ווי אַ שפּענדל איבער כוואַליעס. אָט טויכט ער אויף, שווימט מיטן אייגענעם ווילן און אָט טוט זיך אַ געדריי און ער איז שוין אינמיטן, אַ באַהערשטער, אַ באַזיגטער.

דער נסתר האָט זיך דערנאָך אַוועקגעלאָזט אין פאַנטאַסטישע וועלטן, וואו עס הערשן נישט־דאָאיקע געשטאַלטן, יענוועלטיקע פאַרשוינען, וואָס טראָגן זיך ווי אין אַן עולם־התוהו מיט אַנדערוועלטיקע פאַרלאַנגען און השגות.

און אויך אין דעם איז געווען אַן ענלעכקייט צווישן דעם נסתר און פּרצן. ווי פּרץ האָט אויך נסתר אָפּט אויפגענומען און אַרויסגעבראַכט די וועלט דורך וויזיעס, זעאונגען און פאַרשוינען פון אַן אַנדער וועלט, פון אַ יענער וועלט. ביי פּרצן איז אָבער יענע וועלט געווען דירעקטער המשך פון דער וועלט, עס איז געווען אַ שטענדיקער הין־און־צוריק גאַנג. עס זיינען געווען באַציאונגען, צוזאַמענשטויסן און קאָנפליקטן פון די היגע מענטשן און יענוועלטיקע פאַר־שוינען. עס איז געווען ביי פּרצן אַ קלאָרע כוונה אונטערצושטרייכן עוולות און ווידערשפּרוכן פון דער וועלט. ביי נסתר איז די מעשה גופא אַ זאַך פאַר זיך, און די כוונה, דער מוסר־השכל איז אָפּגערוקט ערגעץ־וואו וויט און קוקט אויס ווי צו זיין גאָר איבעריק. האָט ער טאָקע זיינס אַ בוך (דערשינען אין 1910) אָנגערופן מיטן נאָמען „העכער פון דער ערד", — ווייל העכער פון דער ערד איז אויך דאָ אַן אויסטערלישע וועלט מיט ברואים, וואָס עס לוינט זיך וועגן זיי צו דערציילן, — צי עס האָט יאָ אָדער נישט קיין שייכות מיט אונדזער לעבן און מיט אונדזער ווירקלעכקייט. און ווי דער סיפור־המעשה אַזוי אויך איז די שפּראַך ביי נסתרן געוואָרן אַ נישט־ערדישע, אַ העכער־ערדישע, אַ הויך־שוועבנדיקע.

האָט טאָקע דער נסתר אָפּט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס, געגומען פאַרזען די ווירקלעכקייט, פאַרלאָזן דעם מענטש און אַלדאָס מענטשלעכע און אַלץ־ווייטער אַוועק אין אַ וועלט פון רמזים, אַנצוהערעניש, געהיימנישן און זוכענישן און טרעפעניש. האָט ער זיך געשאַפן אַן אייגן וועלטל מיט אייגענע פאַרשוינען, — שרעטעלעך און ברואימלעך, גייערס און זוכערס, מיט אייגענע תנועות און אייגענע פאַרלאַנגען, און ער גופא איז מיטגעצויגן געוואָרן מיט זייער גיין און מיט זייער דראַנג, מיט זייער פאַרנומענקייט און זייערע שפּרוכן.

דעם נסתרס נישט־ערדישע און נישט־דאָאיקע פאַרשוינען האָבן זיך געהאַט זייער אייגענע וועלט מיט זייערע אייגענע פּירעכצן און מיט זייערע אייגענע איבערלעבענישן. זיי קאָנען קיין רו נישט געפינען. זיי זיינען גע־בענטשט אָדער פאַרשאָלטן נע־ונד צו זיין, זיי זיינען געטריבן פון עפּעס אַ דראַנג אויסצוזיין מרחקים און צו גיין און צו דערגיין און צו גרייכן און צו דערגרייכן עפּעס אַן אוצר, אָדער עפּעס אַן אמת. זיי האָבן אויסצושטיין שווערע נסיונות אויפן וועג צו דערפילן זייער שליחות. אָבער וואָס אַזוינס איז אָט דער אמת, וואָס איז עס פאַר אַן ענד־ציל — דאָס איז נישט קלאָר געווען, און אפשר האָט דער נסתר גופא זיינע אַלע אַמאָליקע יאָרן געוואָלט דערגיין און

אַנטפּלעקן אַן אמת און נישט געקאָנט פאַר זיך אַליין קלאָר מאַכן וואָס דער אמת איז. מיט דער צייט איז אפשר דאָס זוכן אַליין געוואָרן פאַר אים אַ ציל. דאָס שטרעבן צום עיקר, צום תוך איז געוואָרן ביי אים וויכטיקער ווי דאָס דערגרייכן גופא. דער משל, דער ביישפּיל, די אַלעגאָריע האָבן זיך געצויגן לאַנג און ברייט, און צום משל איז צוגעקומען נאָך אַ משל, און עס איז געווען אַ מעשה אין אַ מעשה, און אַ מעשה וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער מעשה, און דער נמשל, דער מיין, דער מוסר־השכל איז אַלץ־מער דערווייטערט געוואָרן, געוואָרן נישט־וויכטיק, געוואָרן אָפּט אַפילו איבעריק.

אין איינער פון זיינע מעשיות („נע ונד״) איז דאָ אַזאַ ווענדונג צו זיינע געשטאַלטן, די גייערס, די וואָגלערס, וואָס איז גלייכצייטיק אַ כאַראַקטעריסטיק פון זיי:

איר וואָגלערס אַן סטעזשקעס, איר שאָף איר צעשפּרייטע,
יתומים אָן היימען, פון לעבן פאַרזייטע,
איר קינדער פון אומרו, פון נעכט און פון בענקען,
פון אייביק וואָגלען, פון קלערן און דענקען,
פון אומגיין און טראַכטן פון אייביקן לעבן,
פון אייביקן גיין, פון אייביקן שטרעבן . . .

אין די מעשיות און געשיכטעס האָט דער נסתר נישט איין מאָל זיך פאַרמאָסטן צו זוכן באַשייד אויף וועלט־פּראָבלעמען און אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן געשטעלט זיינע פאַרשוינען פאַר די גרויסע פראַגן און רעטענישן פון באַשאַף, פון זיין, פון לעבן און טויט. עס איז דאָ און דאָרטן אויסגעדריקט אומרו און פּראָטעסט, וויי און צאָרן פאַר אומרעכט, פאַר פּלאָג, פאַר פּיין.

* * *

אַן אינטערעסאַנטן קער אין זיין שאַפן האָט דער נסתר געמאַכט מיט זיינע קינדער־מעשיות, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט אין זיין בוך „מעשהלעך אין פערזן״ (פאַרעפנטלעכט אין 1918־1919). עס זיינען געווען וואונדערלעכע און טיף־אייגנאַרטיקע תמימותדיקע קינדער־מעשיות, וואָס פאַרמאָגן אַלע חנען און מעלות פון פאָלקס־שאַפן. נסתר האָט צורעשט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַ מייסטערישער פאָרם דעם וועלטלעכן עפּאָס. זיינע מעשהלעך אין פערזן זיינען אַזוי נישט־ענלעך געווען אויף דער טראַדיציאָנעלער רעליגיעזער יידישער פאָלקס־מעשה, וואָס קומט פון די מוסר־ספרים, וואָס איז אַ פּראָדוקט פונעם קאָנווענציאָנעלן לעבן, און איז איבערגעפּלאָכטן מיט גאָטספאַרכטיקייט, מיט נסים און נפלאות, מיט צדיקים און רשעים, מיט גן־עדן און גיהנום, מיט יצר־טוב און יצר־הרע, און מיט די אַלע יידישלעכע העלדן,

וואָס די פרומע ייִדישע וועלט האָט געוואָרעמט און אויסגעוואָרעמט אין זיך אין איר אָפּגעבאָזונדערט־מיטלאַלטערלעך ייִדיש לעבן. דער נסתר האָט גע־בראַכט די וועלטלעכע פאָלקס־מעשה, וואָס האָט נישט צו טאָן מיט די קאַנאָניזירטע מעשה־מאָטיוון פונעם גוט־באַקאַנטן רעליגיעזן כאַראַקטער. זיינע מעשהלעך ציען זייער יניקה פון דער קינדערשער פאַנטאַזיע, פון דעם עפּאָס, וואָס האָט צו טאָן מיט חיות און עופות. נישטאָ ביי אים קיין רב און קיין צדיק, נישטאָ קיין די וועלט און יענע. די נעמען פון די מעשהלעך אַליין גיבן אונדז אַ באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער פון זיינע געשיכטעס: אַ מעשה מיט אַ בער, אַ חורבה, דאָס קעצל, ווינטער, דאָס ציגעלע, דאָס הינטל, אַ מעשה מיט אַ האָז, שרעטעלעך, מיזעלע־מייזעלע, דער שניי־באָק,ביים טייך פּרת, אַ מעשה מיט אַ האָן. די מעשה, די האַנדלונג וועבט זיך פון אייגענער קינדישער פאַנטאַזיע.

אָט ווי נסתר הייבט אָן איינע אַ מעשה זיינע:

האָזל, האָזל, גיי אַרויס,
כ׳וויל זיך מיט דיר טיילן,
וואָס די קינדער וועגן דיר,
טוען זיך דערציילן.

אָדער:

כ׳האָב אַליין געזען אַ קעצל,
אין אַ וועג ווי ס׳איז געגאַנגען,
און אַ בינטל עפּעס זאַכן
דעם אויפן העלדזל איז געהאַנגען.

אין די מעשהלעך פילט זיך דער לעבעדיקער אָטעם פון קינד, וואָס איז אַ מיט־שותף צום שאַפן. האָט דעריבער די נסתרישע קינדער־מעשהלע איינ־געהיט, סיי אין בילד און סיי אין דעם אופן פון דערציילן, קינדערישע תמימות, גוטמוטיקייט און נאָענטקייט מיט די חיות. און הגם עס פעלט זיינע מעשיות דער ספּעציפישער ייִדישער אינהאַלט, אָבער די פאָרם, דער סטיל איז דאָך אמת־ייִדיש, טיף־ייִדישלעך, זיי זיינען אין דער פאַנטאַזיע פון אָט דעם עכט־ייִדישן קינסטלער פאַרייִדישט געוואָרן. עס איז דאָס פרומע, ווייסע ייִדיש־ציגעלע, וואָס אַ צווייטער טיף־אייגנאַרטיקער ייִדישער קינסטלער, מאַרק שאַגאַל, האָט אַזוי עכט־דיכטעריש פאַראייביקט אין זיינע בילדער, וואָס פאַר־מאָגן אויך אין זיך אַזוי פיל קינדערישע נאַאיוויטעט און זיינען אויך אַזוי ייִדישלעך און עכט־פאָלקסטימלעך.

אין די ווייטערדיקע יאָרן האָט דער נסתר אַרויסגעגעבן אַ ריי אָריגינעלע און איבערגעזעצטע ביכער. אין די יאָרן 1918־1920 זעצט ער איבער מייסטעריש אַנדערסענס מעשהלעך און גיט זיי צו אַלע חנען פון זיין באַצויבערנדיקער שפּראַך. אין 1921 דרוקט ער אַ זאַמלונג געשיכטעס אונטערן נאָמען „מאַטיון". אין 1922 פאַרעפנטלעכט ער אַ נייע סעריע מעשיות אין צוויי בענד אונטערן נאָמען „געדאַכט" (בערלין). אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דער נסתר די מעגלעכקייט זיך פאַרנעמען מיט ברייטער קולטור־שאַפערישער און קינסטלערישער אַרבעט. ס׳דערשיינט אַ ביכל מיט נייע פאַבעלן, ער גיט אַרויס אין 1934 אַ בוך פאַרצייכענישן „הויפּטשטעט" — אַ נייער זשאַנר אין דעם נסתרס שאַפן. אין דעם־אַ בוך פירט דער נסתר אין אַ מייסטערישער פאָרם אַדורך די הויפּט־שטעט כאַרקאָוו, לענינגראַד און מאָסקווע, זיי און זייערע איבערוואַנדלונגען זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די רעדאַקציע פונעם בוך שרייבט אינעם קורצן פאָרוואָרט, אַז „דאָס דאָזיקע בוך איז דער ערשטער, דער־וויל, פּרואוו אין דער יידישער ליטעראַטור צו געבן אין אַ פאָרמע פון פאַר־צייכענישן די סאָציאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע פון אייניקע גרויסע שטעט ביי אונדז אין לאַנד". און אָנווייזנדיק אויף אייניקע פעלערן, גיט די רעדאַקציע צו, אַז „מען קאָן שוין זיכער זאָגן, אַז אָט די „פאַרצייכענונגען" זיינען געווים אַ וויכטיקער טריט פאָרויס אין נסתרס שעפערישן איבערבוי".

* * *

דער נסתר, ווי באַקאַנט, האָט באַלאַנגט צו דער אַזוי־גערופענער קיעווער גרופּע יידישע שרייבער. זיין נאָמען איז ענג פאַרבונדן געוועזן אין לויף פון יאָרן מיט דוד בערגעלסאָן. דער נסתר האָט זיך זינט 1910 באַטייליקט אין די אַלע אויסגאַבעס, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין קיעוו. איצט, נאָך אַ דריי צענדליק יאָר, ווילט זיך פאַר זיך אַליין קלאָר מאַכן, וואָס אַזוינס האָט פאַרבונדן די עטלעכע שרייבער, וואָס האָבן אַ לענגערע צייט געלעבט און געשאַפן צוזאַמען זייערע ווערק, און בעיקר — וואָס פאַר געמיינזאַמע שטריכן און טענדענצן עס זיינען געווען צווישן די צוויי באַדייטנדיקסטע קינסטלער פון דער קיעווער גרופּע — דער נסתר און דוד בערגעלסאָן?

עס זיינען נישטאָ אפשר קיין מער־קעגנזעצלעכע נאַטורן און קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן ווי דוד בערגעלסאָן און דער נסתר. און דאָך האָבן זיי אַ שטיק שאַפונגס־וועג אַדורכגעמאַכט ווי אינאיינעם. איך קען דעם נסתר פון יאָר 1910, און יאָרן און יאָרן האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט נאָכצופאָלגן זיין לעבן און שאַפן. און נאָך מער איז פאַר מיר אָפן און אָנטפּלעקט געווען דוד בערגעלסאָנס שאַפונגס־וועלט. איך בין געווען אַן עדות און אַ מיטצייטלער פון זיי ביידן און צייטנווייז אויך געווען ווי אַ „מיטשאַפער" פון זייערע ווערק,

וואָס זיי האָבן פאַרעפנטלעכט אין לויף פון יאָרן. פרעג איך זיך — וואָס האָט זיי פאַרבונדן? עס איז קלאָר, אַז דאָס געמיינזאַמע, דער צד־השווה ביי זיי איז געווען פריער פון אַלץ די אומצופרידנקייט, וואָס עס איז געווען ביי זיי ביידן (און ביי אונדזער גאַנצער קיעווער גרופּע!) צו דער „אָפּיציעלער" יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך פּראָדוצירט דאַן אין דער טומלדיקער יידישער וואַרשע. זיי ביידע, בערגעלסאָן און נסתּר, זיינען געקומען, יעדער איינער אויף זיין אופן און שטייגער, מיט רייכע אוצרות פון יידישע טראַדיציעס, שטייגערישע און גייסטיקע, זיי ביידע זיינען געווען אונטער דעם שטאַרקן איינדרוק פון דער פּראָבלעמען־רייכער און טיף־אייגנאַרטיקער רוסישער ליטעראַטור און זיי זיינען אויך געווען נאָענט באַהאַפטן מיט דעם אומרו און מיט דער שפע פון ספקות און בענקעניש, וואָס עס האָט געוירט ביי די אינטעלעקטועל־פאַרטיפטע העברייאישע שרייבער, ווי מ. י. בערדיטשעווסקי, י. ח. ברענער, א. נ. גנעסין. אָט די ביידע אוקראַיניש־וואָלינישע דיכטער, בערגעלסאָן און דער נסתּר, געקומען פון טראַדיציאָנעלע היימען, זיינען אויפגעוואַקסן אין אַ צייט און אין אַ סביבה, וואָס האָט געהאַלטן אין איין ברויזן, עס איז געווען ערב און בעת און גלייך נאָך דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1905־1906, וואָס איז געווען רייך מיט פריידיק־גליקלעכע און מוראדיקגרויזאַמע געשעענישן. די ראַשיקע פּראָצעסן אינעם לעבן האָבן דעם עמפּינדלעכן מענטש און דיכטער געררייצט און אינטריגירט און עס איז געווען דער שטאַרקער ווילן צו געבן אַן אויסדרוק פון אַלדי פּאַסירונגען אין לעבן, אויפצוכאַפּן די שעמערירנדיקע ליכט און שווערע שאָטנס פון דער ווירקלעכקייט. עס איז קלאָר, אַז אָט די ביידע שטאַרק־אויסגעשפּראָכענע קינסטלער זיינען אָפּגעגאַנגען ווי אינאיינעם פון איין היים און סביבה, זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אינאיינעם, אָבער זיך געלאָזט אויף באַזונדערע שאַפונגס־וועגן, פאַרשיידנאַרטיקע און אַנדערשדיקע. דוד בערגעלסאָן איז פון זיינע ערשטע שאַפונגען געווען רעאַליסט, דער מענטש מיט אָפענע אויגן און וואַכן געהער, און דער נסתּר, פאַרקערט—דער סימבאָליסט, דער וויזיאָנער, דער פאַנטאַסט. דוד בערגעלסאָן, וואָלט איך איצט געזאָגט, איז געווען דער שרייבער מער פון בייטאָג (הגם ער האָט דאַן געמאָלט מער דעם בין־השמשות!), און דער נסתּר — פון נאַכט. בערגעלסאָן האָט געהאַט פאַר זיך אַ דורכאויס־רעאַלע וועלט, און דער נסתּר — אַן אירעאַלע. דער ערשטער האָט אַרויסגעבראַכט ווירקלעכע געשטאַלטן, דער צווייטער — נישט־דאַאיקע.

אין דעם קיעווער „יידישן אַלמאַנאַך" (1910), — וואו מיר אַלע האָבן געמאַכט כמעט אונדזערע ערשטע ליטעראַרישע שריט, — האָט דוד בערגעלסאָן פאַרעפנטלעכט זיין שטאַרק־רעאַליסטישן „דער טויבער", און דער נסתּר —

זיין טיף־לירישן „פרילינג“. און אַזוי אויך ווייטער, אין די אַלע איבעריקע אויסגאַבעס, וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַן דער זייט פון דער אָפיציעלער ליטעראַרישער וועלט. דוד בערגעלסאָן איז גלייך, מיט זיינע ערשטע ווערק, אַריין מיט פעסטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור, דער נסתר איז אַלץ געבליבן אַ נסתר, אַ פרעמדער, אַ פאַררוקטער אַן אַ זייט.

און דאָס כאַראַקטעריסטישע און אייגנטימלעכע פון זייערע קינסטלערישע נאַטורן איז געווען דער אופן פון זייער שאַפן, פון זייער שרייבן. דוד בערגעלסאָן האָט געלעבט אָפן, פראַנק און פריי מיט זיינע געשטאַלטן, וואָס ער האָט געשעפּט פון אַרום. בעת דעם שרייבן האָט ער פאַרבראַכט צווישן זיי ווי צווישן לעבעדיקע, זיך געטיילט מיט יעדער פאַסירונג און יעדער ענדערונג אין זייער לעבן. גאָר אַנדערש איז געווען דער נסתר. ער האָט תמיד זיך פאַרבאַהאַלטן מיט זיינע פאַרשוינען, ער האָט זיך פאַרשלאָסן בחדרי־חדרים און דאָרט, אין דער שטיל און אין געהיים, אַרויסגערופן זיין געשילדערטע וועלט, וואָס איז געווען פול מיט סודות און וואונדערנישן. בערגעלסאָן איז געווען שטענדיק פאַרבונדן מיט דער צייט, מיטן אָרט, מיט דער אַרומיקער אַטמאָספער, און דער נסתר איז געווען אויסער צייט און רוים. בערגעלסאָנס שרייבערישער טיש איז געווען אַ מין אָפענע קינסטלערישע לאַבאָראַטאָריע, אויפן טיש — מאַנוסקריפּטן, אָנגעהייבענע פאַרשריבענע זייטלעך, טינט און פעדער, שטיקלעך אויסגעלאָשענע פאַפּיראָסן. און ווען מען איז אַריינגעקומען צו אים, האָט מען געטראָפן נישט נאָר אים, דעם קינסטלער, ביי דער אַרבעט, נאָר דאָס צימער איז ווי פול געווען מיט די פאַרשוינען, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אויפן פאַפּיר. מען האָט גערעדט וועגן די געשטאַלטן און די סיטואַציעס אין זייער לעבן ווי וועגן לעבעדיקע, רעאַלע, און נאָענט־באַקאַנטע.

גאָר אַנדערש איז געווען דער נסתר ביי זיין שאַפן. מען האָט אים קיינמאָל נישט געטראָפן ביי זיין שרייבערישער אַרבעט. ער פלעגט דאַן גלעלם ווערן, זיך אויסבאַהאַלטן, און מען האָט שוין געוואוסט, אַז דער נסתר האַלט „ביים האָבן“. ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן אַ זאַך וואָס ער האָט געהאַלטן אין שרייבן. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין טיפער געהיימניש. ער האָט דאַן געפּראַוועט התבודדות, און אַפילו זיינע שטוב־מענטשן האָבן נישט געהאַט קיין אַריינטריט אין זיין שאַפונגס־צימער. עס איז קיינמאָל אויף זיין פשוט, הילצערן טישל קיין זכר נישט געווען פון קיין שרייב־געצייג. די נאָענטע פריינט האָבן געוואוסט, אַז זיינע כתבים, זיין טינט און פעדער, ליגן פאַרשלאָסן אונטער דעם פשוטן שלעסל אינעם שטרויענעם קוישל, וואָס איז פאַררוקט געווען אונטערן בעטל. דאָרט, האָבן מיר געוואוסט, זיינען געלעגן די גרויסע ווייסע בויגן פאַפּיר, וואָס דער נסתר פלעגט פון זיי דערנאָך

שעמעודיק און ווי אַ נישט־דאַיקער פּאַרלייענען פאַר זיינע נאָענטע פריינט שוין איננאַנצן אַ פּאַרטיקע, פאַרענדיקטע זאַך. און ער האָט עס געלייענט מיט אַ באַזונדערן ריטם און אייגנאַרטיקער באַטאָנונג, ווי דאָס אָנגעשריבענע גופא איז געווען — מיט אַ טיף־אייגענעם ריטם און מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל.

דער שאַפונגס־וועג פון דוד בערגעלסאָן איז געווען שטענדיק אַן אָפענער. און זיינע ווערק זיינען געווען ווי די רינגען פון איין שאַפונגס־קייט. זיי זיינען אויסדרוקן פון די לעבנס־פּראָצעסן במשך פון דער צייט און אויך קינסט־לערישער אָנוואוקס, און יעדער נייער שאַפערישער שריט איז ממילא פאַרבונדן געווען מיטן פריערדיקן.

גאָר אַנדערש איז דער נסתר אין זיינע שאַפונגען. עס איז נישטאָ, און יעדנפאַלס—עס איז נישט אַזוי גרינג, צוליב זייער אַבסטראַקטקייט, צו באַווייזן די פאַרבינדונג פון איין ווערק מיטן צווייטן, און עס איז שווער אָנצואווייזן אויף דער „נאָכפאָלגערשאַפט״, אויף דעם דירעקטן המשך פון זיינע פאַרשיידנ־אַרטיקע שאַפונגען.

דעריבער איז נישט אַזוי גרינג אַריינצופאַסן זיינס אַ ניי־דערשינענעם בוך אין דעם שאַפערישן גאַנג פון זיינע אַלע פריערדיקע ווערק.

* * *

און דעריבער איז „משפחה מאַשבער״, וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע אין 1939, געווען אַן אמתע איבערראַשונג פאַר די אַלע, וואָס קענען גוט דעם קינסטלער. מ. דובילעט אין זיין אינטערעסאַנטן אַרטיקל איבער נסתרס „משפחה מאַשבער״ („סאָוועטישע ליטעראַטור״, קיעוו, מאַי 1940) ברענגט אַן אויסצוג פון י. נוסינאָווס פאָרוואָרט צו נסתרס אַ זאַמלונג פון סימבאָלישע מעשיות (דערשינען אין יאָר 1929). „נסתר — האָט י. נוסינאָוו געשריבן — איז ניט אימשטאַנד און וועט ניט קאָנען, (ס'איז) פולשטענדיק ניט אין זיין קינסטלערישער נאַטור, צו קומען צו רעאַליסטישן שאַפן. זיין וועג פון באַ־גרייפן אונדזערווירקלעכקייט בלייבט דער וועג פון סימבאָלישער אויס־טייטשונג, פון אינטערפּרעטירן זי דורך סימבאָליסטישע בילדער.״ און מ. דובילעט גיט צו: „דער דאָזיקער פּראָגנאָז האָט זיך ניט באַרעכטיקט. דער נסתר האָט באַוויזן, אַז „זיין וועג פון באַגרייפן אונדזער ווירקלעכקייט״ בלייבט ניט „דער וועג פון „סימבאָליסטישער אויסטייטשונג״: דער „נסתר״ (דער פאַרבאָרגענער) איז געוואָרן אַ „נגלה״ (אַן אַנטפּלעקטער).״

עס איז ממש נישט צום גלויבן, ווען מען הייבט אָן לייענען דאָס בוך, אַז דאָס איז געשריבן פון דעם נסתר, וואָס איז געווען די גאַנצע צייט אַזוי אומ־בעצוימט אין זיינע זעאונגען, וואָס איז געווען שטענדיק אַזוי ווייט פונעם רעאַלן, קאָנקרעטן לעבן. די שטוינונג און פאַרגאַפונג וואַקסט און שטייגט

וואָס־מער מיר ווערן אַריינגעצויגן אין דער האַנדלונג, וואָס ווערט פאַנאַנדער־געוויקלט מיט אַזאַ פלאַנמעסיקייט און רעאַלקייט, אויסגערעכנטקייט און געזעצמעסיקייט.

אין דעם „פאָרוואָרט" צום בוך זאָגט דער נסתר: „כ'האָב, שרייבנדיק דאָס בוך, זיך געהאַלטן ביי יענעם מעטאָד פון קינסטלערישן רעאַליזם, וואָס באַטייט דאָס זעלבע, וואָס געטעס באַוואוסטער געבאָט: „מאָל, מאָלער, און שווייג!" — מיט דער זיכערקייט, אַז אַלדאָס געדאַרפטע, דאָס פאַר אונדז געוואונטשענע וועט קומען במילא, אַליין פונעם עצם געטרייען מאָלן, ד. ה. פון דער אינערלעכער לאָגיק פון די גורלות פון אַזוינע פאַרשוינען. . . ."

און ביי אָט דעם מעטאָד האַלט זיך דער נסתר ביים אַרויסברענגען די שטאָט באַרדיטשעוו, וואָס הייסט ביי אים נ—.

עס איז אַ באַזונדערע און זייער אַן אינטערעסאַנטע טעמע, ווי די שטאָט באַרדיטשעוו איז געשילדערט דורך פאַרשיידענע יידישע שרייבער אין זייערע ווערק, — מענדעלע מוכר ספרים (אין זיין „טאַקסע"), שלום־עליכם (אין אַ ריי דערציילונגען: „באַרדיטשעווער טראַמוואַי", „באַרדיטשעווער האָטעלן", „באַרדיטשעווער טריאַטער") און אַנדערע. אין יענע ווערק איז מער אונטער־שטראָכן דאָס נעגאַטיווע, דאָס סאָציאַל־אומגערעכטע, דאָס ווידערשפּרעכנדיקע, וואָס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן. דער נסתר גייט־צו צו באַרדיטשעוו פון אַ געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו מיט טיפע צוריקבליקן און ווייטע אויסבליקן. ער ברענגט אַרויס די שטאָט אין פאַרבינדונג מיט פאַרשיידענע היסטאָרישע, עקאָנאָמישע און גייסטיקע פּראָצעסן. הינטער יעדן פאַרשוין, הינטער יעדן עפּיזאָד, הינטער יעדער אינסטיטוציע ליגן וויכטיקע ווירקזאַמע גייסטיקע כחות און מאַטעריעלע פאַקטאָרן.

די שטאָט אַליין איז ביי דעם נסתר אַ שטיק לעבעדיק באַשעפעניש, אַן אויסטערלישס, אַ מערקווירדיקס, אַ פיל־פּנימדיקס. און טאַקע אַזוי שילדערט ער זי, די שטאָט, מיט אירע שטריכן און קאָלירן אין פאַרשיידענע צושטאַנדן און סיטואַציעס. און יעדער טייל שטאָט ווערט אַרויסגעבראַכט אויספירלעך, מיט אַלע פּישטשעווקעס. די אַלע פּרטים דערגאַנצן דאָס אַלגעמיינע בילד. מיר האָבן דאָ פּראַכטפולע שטייגערישע שטריכן, טרעפלעכע עטנאָגראַפישע איינצל־הייטן, וואָס האָבן אַ וויכטיקן געשיכטלעכן ווערט. עס ווערן דערביי אויך אַרויסגעבראַכט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פונקציעס און פאַרהעלטענישן פון אָרעם און רייך, באַלעבאָס און משרת, פּריץ און פּויער, ייד און גוי, עלטערן און קינדער. דער נסתר האַלט זיך שטרענג ביי די דיכטליניעס, וואָס ער האָט אַליין אָנגעצייכנט פאַר זיך אין זיין פאָרוואָרט: „שילדערנדיק אָט די פאַר־שוינען, שוין פיזיש און גייסטיק פאַרענדיקטע, האָב איך זיך באמת ניט גלאָט

צו „קעמפן" קעגן זיי, ניט אויסצושרייען פֿאַראויס אויף זייער פֿאַראורטיילט־קייט, נאָר זיי געלאָזט אַליין שטיל און פֿאַמעלעך גיין צו זייער אָנגעצייכנטער באַשערטקייט, צו זייער געשיכטלעך־נויטווענדיקן לעצטן גאַנג — צום אָפּ־גרונט." ווייל, ווי נסתר זאָגט, האָט ער עס געטאָן „צוליב געשיכטלעכער דער־קענטעניש", און נישט סתם אַ געשיכטלעכע עקסקורסיע איז עס, נאָר עס איז אַ טיף, אינטערעסאַנט און קינסטלעריש־מייסטעריש ווערק.

דער נסתר איז צוגעגאַנגען צו דער וועלט, וואָס ער שילדערט, מיט דרך־ארץ און פֿאַרערונג. „כ׳האָב זיי געגעבן, זאָגט נסתר, מיט זייער גאַנצן אָרעם ביסל פֿאַרמעגן, ניט פֿאַרמינערט גאָרניט פֿון זייערע אייגנשאַפֿטן." דאָס ווערק איז דערביי געגעבן מיט אַן אויסבליק אויף ווייטער, אויף דעם קומענדיקן. „דער עיקר ציל פֿון מיין אַרבעט אָבער — שטרייכט אונטער דער נסתר — איז געווען ניט נאָר צו פֿאַרענדיקן מיט אַן אַלטן דור, וואָס האָט געשטעקט איבערן האַלדז אין מיטלאַלטערלעכע לעבנס־פֿאַרהעלטענישן, נאָר דער עיקר־ציל פֿון בוך איז ווייזן יענע פֿאַרבאָרגענע כחות, וואָס זיינען דאַן געלעגן טיף דערנידעריקט אין „דריטן רינג" און וואָס זיינען אַזוי טראַגיש אומגעקומען אונטערן לאַסט פֿון יענעם לעבנס־יאָך."

דאָס ווערק, דער ערשטער טייל, האָט בלויז צוועלף קאַפּיטלען, און עס ווערט אין דעם דערציילט וועגן פּאַסירונגען, וואָס דויערן בלויז אַ דריי חדשים. און הגם עס פֿעלט אפשר אויסערלעכע „אַקציע", לייענט זיך דאָס ווערק מיט גרויס שפּאַנונג. עס איז דאָ אַן אינעווייניקסטע האַנדלונג, אין דעם אופֿן, ווי דער נסתר ברענגט אַרויס גאַסן, שיכטן, שולן, משפּחות, פּאַסירונגען און סיטואַציעס.

ווען מען זאָל וועלן רעדן וועגן ענלעכקייט מיט אַנדערע גרויסע קינסטלער, וואָלט מען באַדאַרפֿט דערמאָנען דעם נאָמען פֿ. דאָסטאָיעווסקי. אַזאַ געדיכטע־ניש פֿון שילדערונג, אַזאַ אינעווייניקסטע פֿאַרנומענקייט פֿון די העלדן, אַזאַ שטענדיקע פֿאַראַנטוואָרטונג, אַזאַ גייסטיקע איבערגעלאַדנקייט און אַזאַ גיין און געטריבן ווערן פֿון עפּעס אַ גרויסער, אָפּט־געהיימער שליחות. און עס איז אויך דאָ אין בוך אַ גייסטיק־קראַנקער, וואָס מיט זיין גאַנצער דערדריקט־קייט איז ער ערגעץ־וואו אַ העלזעער. און אויך די נאָענטקייט און איבער־געגעבנקייט פֿון פֿאַרשיידענע געשטאַלטן, פֿון פֿאַרשיידענע נאַטורן, וואָס דערגייט אָפֿט ביז מסירת־נפש, ביז אויפֿגעלייזטקייט, ווי מיר טרעפֿן עס ביים גענייאַלן רוסישן קינסטלער. אַוודאי איז דאָ אַ ווייטער מהלך פֿון דאָסטאָיעוו־סקיס געשילדערטער וועלט, פֿון זיינע ברידער קאַראַמאַזאָוו מיט די ברידער מאַשבער, אָבער עפּעס אַ גרונט־טאָן, אַ לייט־מאָטיוו שפּירט מען אין דער „משפּחה מאַשבער", וואָס דערמאָנט אָן די דאָסטאָיעווסקישע טענער און

מאַטיוון און טאָקע פון דעם ווערק „ברידער קאַראַמאַזאָוו". ווי דאָרט אַזוי אויך ביי דעם נסתר האָבן מיר אַ ברודער וואָס איז „צו גאָט" (לוזי), אַ ברודער „צו לייט" (משה) און אויך אַ ברודער, וואָס איז גייסטיק־פיזיש קראַנק, אָבער פון אים דאַרף, ווייזט אויס, דערנאָך אויפגיין אַ שיין (אַלטער). אויך אַזוי טיף און אייגנאַרטיק ווי דאָסטאָיעווסקי נעמט־אויף דעם עכט־רוסישן פעטערבורג, די פעטערבורגער טעג און נעכט, דעם פעטערבורגער אַראָמאַט, אַזוי אויך, מיט אַזאַ פאַרטיפטקייט, ברענגט דער נסתר אַרויס דעם עכט־יידישן באַרדיטשעוו, דינע טעג און נעכט, זיין כאַראַקטער און סטיל.

„משפחה מאַשבער" איז איינס פון די טיפסטע, גייסטרייכסטע און דערביי — יידישסטע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור. ווי אין דעטאַלן, אַזוי אויך אינעם גאַנצן. מיט וואָס פאַר אַ אינטערעסאַנטע שטריכן און פאַרבן דער נסתר ברענגט אַרויס, אינעם ערשטן קאַפּיטל, די אַלע באַזונדערע יידישע שולן פון דער שטאָט באַרדיטשעוו — די אָפענע שול, די היציקע, די קאַלטע, די אַלטע, און די אַלע באַלמעלאָכישע און חסידישע שולכלעך מיט זייערע דאַוונער, לערנער, מיט זייערע ליכט און שאָטן. דערביי מאָלט ער די פאַר־שיידענע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די 70ער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט.

און ווי אינטערעסאַנט און פאַרטיפט דער נסתר מאָלט די בראַצלאַווער חסידים! ער פירט אַרויס מערקווירדיקע געשטאַלטן פון די בראַצלאַווער, שטעלט זיך אָפּ אויף פאַרשיידענע סצענעס פון זייער לעבן.

דאָס איז אַ נייס אין דער יידישער ליטעראַטור. ווי באַוואוסט, האָט פרץ געשענקט פיל אויפמערקזאַמקייט דעם בראַצלאַווער, ער האָט אין פאַרשיידענע אופנים באַמיט זיך צו געבן דעם תמצית, די פילאָסאָפיע, די נשמה פון אָט־דעם דיכטער־רבין. אויך אַנדערע, מ. י. בערדיטשעווסקי, יהודה שטיינבערג, האָבן אַרויסגעבראַכט איינציקע געשטאַלטן פון חסידים־פאָלקס־מענטשן. שלום אַש, י. אָפּאַטאָשו, י. י. זינגער האָבן (אין „תהילים־ייד", אין די „פוילישע וועל־דער", אין „יאָשע קאַלב") געגעבן שטיקער לעבנס פון רביים און חסידים. די סביבה, זייער וועלט, דעם געזאַנג, דעם עקסטאַז, די פאַרשיידענע טיפן חסידים האָט דער נסתר געגעבן מיט אַזאַ טיפקייט, אַזאַ עכטקייט און מיט אַזאַ פאַרערונג און פאַרשטענדעניש. די קאַפּיטעלעך, וואָס שילדערן די פאַר־שיידענע אָרעמעלייט, וואָס לויכטן־אויף אין דער אָרעמער אָבער מערק־ווירדיקער חסידישער סביבה, זיינען באמת אַ נייס אין דער נעאָ־חסידישער יידישער ליטעראַטור. און לאָמיר באַטאָנען, אַז אַזוי האָט אויפגעכאַפּט די אַמאָליקע חסידישע וועלט אַ סאָוועטישער קינסטלער און אַז דאָס ווערק איז

דערשינען נאָך אין 1939 אין מאָסקווער יידישן מלוכה־פאַרלאַג, און עס איז געשריבן זינט 1936 און פריער.

די משפחה מאַשבער גיט דער נסתר אין פאַרבינדונג מיט דורות און דורות אַפריער. ער פּרואווט אָנצוקניפּן פעדעם מיט דעם שטאַם, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט גייסטיקע געשיכטלעכע פּראָצעסן. „זייער (דער משפחה מאַשבערס — נ. מ׳) שטאַם איז אַן אַלטער, נאָך פון די „גולי ספרד״ (די אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניע), פון רבנים און בעל־שם, און, לסוף, דער עלטערזיידע, דער רב ר׳ יואל (דער פאָטער פון די מאַשבערס), איז זייער יונג פון דער וועלט געגאַנגען, פון תעניתים, און די לעצטע יאָרן פאַר זיין פּטירה איז ער אויך אַ פּרוש געווען. . . .״

דער נסתר באַמיט זיך אָנצושלאָגן שטענדיק אויף די „אונטערערדישע״ קוואַלן, וואָס פון זיי ריזלען שטראָמען אין דעם ברייטן לעבנס־טייך.

לוזין (דעם עלטסטן ברודער) שענקט דער נסתר פיל ליבע און פאַרגאַפונג. ער איז דער אומרו, דער זוכער, די רייכע און באַגייסטערטע געשטאַלט, וואָס זוכט און ווערט נישט מיד צו זוכן שיינקייט און דערהויבונג.

די צווייטע צענטראַלע געשטאַלט — משה מאַשבער, וואָס פירט אַ סוחריש, נגידיש לעבן מיט אַ ברייט־פאַרצווייגטער משפחה, מיט אַ גרויסער שטוב, מיט טעכטער און איידעמס, מיט אייניקלעך, מיט מחותנים, מיט דינסטן און משרתים, משה מאַשבער — זיין אויפקום און באַנקראָט — איז אַ גלענצנדיקע געשטאַלט אין דער רייכער גאַלעריע פון נגידים־סוחרים, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור דורך שלום־עליכם, שלום אַש, דוד בערגעלסאָן, י. אָפּאַטאָשו, י. י. זינגער. דער נסתר, דער דיכטער און סימבאָליקער, האָט באַוויזן אַרויסצוברענגען אָט די געשטאַלט אַזוי אמתדיק און רעאַליסטיש און דערביי מיט אַלע פּרטים, מיט אַלע זיינע געשעפטן, מעקלער, משרתים, געלט־טראַנזאַקציעס און בעל־יועצים, מיט זיין וואָך און יום־טוב, מיט זיין געהויבנקייט און דערשלאָגנקייט.

דער נסתר האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט שילדערן דאָס יידישע לעבן פון יענער צייט, די 70ער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס בילד וואָלט נישט געווען גאַנץ און אויסשעפּנדיק, ווען ער ברענגט נישט אַרויס אויך די דערבייאיקע נישט־יידישע וועלט. אמת, דאָס דעמאָלטיקע יידישע לעבן איז געווען, צוליב אויסערלעכע און אינעווייניקסטע סיבות, אַ שיין ביסל אָפּגערוקט אַן אַ זייט, אָפּגעבאַזונדערט פון דעם נישט־יידישן לעבן אינעם אַמאָליקן צאַרישן רעכטלאָזן רוסלאַנד. אָבער דאָך זיינען געווען פיל באַריר־פּונקטן. דעם נסתר איז געגאַנגען אין דעם, אַז די צייט און דאָס לעבן פון דער יידישער עדה זאָל אַרויסקומען וואָס־פולער און וואָס־

אַלזייטיקער, האָט ער ביי יעדער געלעגנהייט אויך געמאָלט די נישט־יידישע וועלט.

און דעריבער זיינען אונדז באַזונדערס אָנגעלייגט די אַלע שילדערונגען, וואָס דער נסתר גיט אין זיין ווערק פון די נישט־יידן און בעיקר — פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן דאַן געבילדעט אַ פיינע קאָלאָניע אין דער יידישער שטאָט. עס איז נאָך דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863, און דער נסתר איבעראַשט אונדז מיט די פּרעכטיקע בילדער און שילדערונגען פון די פאַרשיידענע טיפּן פּאָליאַקן, רייכע און האַלב־פאַרמעגלעכע, וואָס ער ברענגט אַרויס באַזונדערס אינעם 7טן קאַפּיטל „אויף פּרעטשיסטער יאַריד", זיי זיינען גאָר אַ נייס אין דער יידישער ליטעראַטור, איבערהויפּט די, וואָס האָט צו טאָן מיטן אַמאָליקן יידישן לעבן, וואָס ווייטער פונעם „שבת־גוי" איז מען דאָס רוב נישט געגאַנגען.

עס איז אַ וואונדער, וואָס דער נסתר האָט אויסן געלאָזט אין זיין ווערק אָט די גרופּע יידישע משכילים, די קעמפער און פריידיקער פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און קעמפער פון יידיש, ווי י. מ. ליפשיץ און ש. י. אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים), וואָס האָט דעביוטירט אין יידיש אין 1864 און טאַקע אין דער שטאָט באַרדיטשעוו, וואו ער האָט דאַן געלעבט.

דער צווייטער טייל פון „משפחה מאַשבער" איז נאָך נישט פאַרעפנטלעכט, בלויז קאַפּיטלען פון אים זיינען אָפּגעדרוקט אין יידיש־סאָוועטישע צייטשריפטן. אין דעם צווייטן טייל האָט דער נסתר, ווי ער זאָגט צו אין זיין „פאָרוואָרט", בדעה צו דערגיין צום ווייטערדיקן דור, וואָס זיינע טריט שפּירט ער שוין אין די 70ער יאָרן. „עס זיינען שוין דאַן געוואַקסן יענע קינדער, וועלכע האָבן שפּעטער געריסן מיט גאָר דעם אַלטן, טראַגנדיק פייער אין די פּאַלעס פאַר אַלעם דורותדיקן שימל, וואָס האָט זיך ביי זיי אָנגעקליבן. . . . איז אָט, צו דעם באַהאַלטענעם פייער, וואָס אין די פּאַלעס פון יענעם יונגן דור, איז דער עיקר מיין אויג געווענדט. כ'וויל זיך צו אָט דעם דור דערקלייבן, קינסט־לעריש אים שילדערן און אים אָפּגעבן די ערע, פאַרוואונדערונג און אַכטונג, וואָס גייענדיק מיט אים האָנט אין האַנט, האָב איך אַ לעבנלאַנג געזאַמלט."

מיר אַלע, די מיטצייטלער פון דעם נסתר, וואַרטן אומגעדולדיק אויף דעם ווייטערדיקן טייל פון דעם ווערק „משפחה מאַשבער", און אויף די ווייטערדיקע געשעענישן פון די שפּעטערדיקע צייטן.

.1943

נסתרס קריג־דערציילונגען

פיר נייע דערציילונגען פון דעם נסתר,—אַלע זיינען אָנגעשריבן די לעצטע אַנדערטהאַלבן אָדער צוויי יאָר. דריי פון זיי זיינען געווען געדרוקט אין דעם איקוף־זשורנאַל „יידישע קולטור" („העשל אַנשעלעס", „דער זיידע מיטן איניקל", „מאיר לאַנדשאַפט") און איינע, די פערטע דערציילונג — האָב איך געלייענט אין מאַנוסקריפּט. אויף די ערשטע דריי דערציילונגען איז דאָ אַן אונטערקעפּל „וועגן איינעם אַ פאַל אינעם איצטיקן אָקופּירטן פּוילן", „וועגן אַ צווייטן פאַל" און אויף דער דריטער „וועגן אַ דריטן פאַל". אויך די פערטע, נאָך־נישט־געדרוקטע דערציילונג, מיטן נאָמען „מיין באַקאַנטער", פאַרנעמט זיך אויך מיט „איינעם אַ פאַל". דאָס מיינט, דאָס זיינען אַלץ דערציילונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיטן איצטיקן קריג און מיט די ספּעציעלע מוראדיקע פאַלן, גרויזאַמע פאַסירונגען, שרעקלעכע עפּיזאָדן, וואָס די איצטיקע מלחמה און די בעסטיאַלישע אַריינדרינגער האָבן מיט זיך געבראַכט אין די יידישע פאַר־כאַפּטע שטעט.

און דאָ קומען מיר צו אַ וויכטיקער פעסטשטעלונג, וואָס איז שוין פאַר אונדז אַלעמען געוואָרן גענוג קלאָר: מיט אונדז, יידן, ווערט געפירט אַ טאָפּלטער קריג, אַ קריג אין אַ קריג. אויב אַלע פעלקער, וועלכע דער ברוי־טאַלער, מערדערישער נאַציזם האָט פאַרשקלאַפט, פאַראומווערדיקט, צעשטערט זייער לעבן, גייען אַרויס פון אָט דעם קריג צעשעדיקטע, ווערן מיר, יידן, אינגאַנצן אויסגעקוילעט, אויסגעמאָרדעוועט, פאַרניכטעט, פאַרגיפטעט, פאַר־ברענט, — אַלע, מיט אונדזערע עלטערע און קינדער, מיט אונדזערע מענער און פרויען. די יידישע באַפעלקערונג אומעטום האָט געהאַט און האָט נאָך אויסצושטיין אייגענע ספּעציפיש־יידישע גרויזאַמקייטן און פייניקונגען, ספּעצ־ציעל אויסגעפּלאַנירט אויף דעם נידערטרעכטיקסטן דייטשישן סיסטעמאַטישן אופן פאַר דער יידישער פרידלעכער מאַסע, וואָס דאַרף באַליידיקן דעם גוף מיט דער נשמה.

דעריבער זיינען אַנדערש, גאָר אַנדערש די יידישע איבערלעבענישן, דער יידישער צער־און־צאָרן בעת דעם איצטיקן גרויזאַמען קריג. און במילא איז און דאַרף אויך זיין אַנדערש די יידישע קריגס־ליטעראַטור פון די אַלע אַנדערע קריגס־ווערק, וואָס עס ווערן געשאַפן דורך די אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן אויך זיך גענומען מיט ברען און מסירת־נפש צו באַקעמפן דעם היט־לעריזם און אָפּמעקן אים פון דער וועלט.

יאָ, די יידישע קריגס־ליטעראַטור, וואָס ווערט איצט געשאַפן אַרום די קריגס־פראַנטן, איז אַן אויסטערלישע, אַ פיל־מער וויטיקדיקע, אַ פיל־מער

צעוואונדיקטע. און דערמיט צייכענען זיך טאָקע אויס די פיר קריגס־דער־ציילונגען פון דעם נסתר. וואָס קאָן מען מיט ווערטער, מיט רעאַלע ווערטער דערציילן וועגן די אויסטערלישע גרויזאַמקייטן? וואָס פאַר אַ שפּראַך קאָן מען געברויכן, מען זאָל אויסדריקן דאָס ברוטאַלע, אינקוויזיטאָרישע, וואָס די דייטשן טוען אָפּ אין די אַלע שטעט מיט די יידן? האָט דערבער דער נסתר, ווי אַ טיפער, עכטער, פיינפילנדיקער קינסטלער, זיך געהיט פון אַלגעמיינע באַשרייבונגען פון די באַגאַנגענע שחיטות, אויסראָטונגען, געוואַלדטאַטן, און זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף אייניקע פאַלן, — איין פאַל, אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער. ער נעמט בלויז איין טראָפּן פון דעם גרויסן ים בעסטיאַלישקייט, וואָס דער דייטש, אין דער געשטאַלט פון אַ מענטשן, טוט אָפּ.

דער נסתר כאַפּט אַרויס אַ פּאָר מאָמענטן וועגן אייניקע מענטשן. און ער נעמט זיי אין אויסטערלישע באַדינגונגען און פּאַסירונגען. די אַלע אַרויס־געבראַכטע געשטאַלטן דורך נסתרן זיינען פון אַ העכערן מין, זיי זיינען טיף־קולטורעלע, טיף־ראַפינירטע, טאַלאַנטפולע מענטשן פון העכערע וועלטן און סביבות, און דערמיט שטרייכט ער שאַרפער אונטער דעם אונטערשייד צווישן זיי און דער „העכערער" דייטשער ראַסע, — די מערדער, די שינדער און שענדער, די אויסוואורפן... עס באַקומט זיך, ווי דער נסתר אַליין שטייט אַ פאַרגאַפּטער פאַר דעם געשעענעם, און עס איז אויך דאָס געפיל, אַז ווי פיינלעך און ווייטיקדיק און מוראדיק עס זיינען נישט די פּאַסירונגען, אָבער דאָך איז דאָ אומעטום און פאַרבלייבט די געלייטערטקייט, די דערהויבנקייט, די מסירת־נפש און דאָס נישט אונטערגעבן זיך — דאָס אַלץ שטעלט אַוועק העכער, גאָר העכער דעם געפייניקטן, דעם באַליידיקטן, דעם געשאָסענעם.

אַזוי איז העשל אַנשעלעס פון דער ערשטער דערציילונג, אַזוי דער זיידע ר' אהרן מיט זיין אייניקל איציקל און אַזוי אויך מאיר לאַנדשאַפט, און דאָס נעמלעכע — זיין באַקאַנטער, דער שריפטשטעלער פון דער פערטער דער־ציילונג. — און אַרום זיי אויף דער צווייטער זייט — דער נאַצישער אָפיצער, די דייטשע תלינים, די קאָמאַנדירן אין די דערציילונגען. אין יעדער פון די דערציילונגען קומט פאַר דער שאַרפער געראַנגל פון די ברוטאַלע דייטשן, פון די טעמפּע מערדער, פון די בעסטיאַלישע פייניקער, און אַנטקעגן זיי — די געפייניקטע קרבנות, וואָס ווערן געפייניקט, אָבער זיי בלייבן דערהויבענע, געלייטערטע, קדושים.

דער נסתר פירט אַרויס אויסטערלישע ראַפינירטע פייניקער. אין איין דערציילונג וויל דער אָפיצער, אַז העשל אַנשעלעס, אַט דער וואונדערלעכער אינטעליגענט, דער אויסגעאיידלטער מענטש, זאָל טראָגן זיין פּעקל נישט מיט די הענט, נאָר מיט די ציין. אין דער צווייטער — פאַר עקזעקוציע פון

דעם זיידן מיטן אייניקל אום יום־כיפור, — פאַרלאַנגט מען פונעם אייניקל, ער זאָל שפּייען אויף דער ספר־תורה, וואָס דער זיידע האַלט אין האַנט, און פונעם זיידן — ער זאָל שפּייען אויפן לענין־בילד, וואָס מען האָט אויפגעהאַנגען אויפן אייניקל. און גאָר שרעקלעך איז די שילדערונג אינעם הויז פון דעם זעלטענעם ייִד, דעם מפונק, ר׳ מאיר, וואָס פאַר אים אין די אויגן טשעפּעט זיך דער אָפיצער צו זיין צאַרטער טאָכטער, און דער שטילער, שווייגנדיקער פאָטער טוט דאַן אַ געשריי: „הענדע וועק!" און אַזוי אויך אין דער דער־ציילונג „מיין באַקאַנטער", וואו אַ דייטשער אָפיצער הייסט אים אין גאַס זיך קניען און בוקן פאַר די „נאַציאָנאַל־גענאָסן" און ער דערנידעריקט אים אויפן עקלדיקסטן אופן. — יאָ, דער נסתר האָט זיך געהיט נישט צו געבן די פּשוטע, געוויינלעכע מערדערייען, וואָס די דייטשן באַגייען אין די שטעט און שטעטלעך, נאָר ער האָט אַרויסגעבראַכט די אויסטערלישסטע, אין וועלכע עס ווערט גע־בראַכט צום אויסדרוק די ווילדע, משוגענע בעסטיאַלישקייט פון דער קראַנקער דייטשער נאַציע, פון די אויסוואורפן, פון די נאַצישע דייטשן.

און מערקווירדיק: גראָד אָט די דערציילונגען, וואָס שטעלן זיך נישט אָפּ אויף די מערדערייען גופא, וואָס שילדערן נישט די מוראדיקע פּייניקונגען, מאַכן אַ געוואַלדיקן איינדרוק, נישט צום פאַרגעסן.

די אַלע טראַגישע, רירנדיקע געשיכטעס ווערן דערציילט אין אַ טיף־וויטיקדיקן טאָן, מיט איינגעהאַלטענעם צאַרן, מיט פאַרשטשעמעטע ציין. אָפּטמאָל לייענען זיי זיך ווי די אַמאָליקע פאַרצייטיקע כראָניקעס, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פון עדות פון די גרויזאַמקייטן, וועלכע זיינען אַמאָל באַ־גאַנגען געוואָרן דורך די אויסטערלישסטע גזלנים, מערדער, פּייניקער.

די עטלעכע קרבנות, וואָס דער נסתר פירט אַרויס אין די פיר דערציילונ־גען, וועלן פאַרבלייבן אין דער גרויסער רשימה פון די הייליקע אומגעקומענע יידן דורך די נאַצישע אויסראָטער, זיי וועלן פאַרנעמען אַן אָרט אין דער געדעכעניש פון יעדן איינעם פון אונדז. די גרויזאַמע געשיכטעס וועלן אייננ־געקריצט ווערן אין אונדזער זכרון אויף אייביקע צייטן, נישט צום אָפּמעקן. דאָס איז דער געפיל, וואָס מיר האָבן ווען מיר לייענען זיי.

1945

אַלטער קאַציזנע

„דאָס לעבן שפּראָצט, דאָס לעבן בליט, פאַרבליט,
אַ וועלט פאַרגייט, אַ וועלט באַנייט די כוחות,
און צאַנקט אַ מענטש, פאַרבלייבט נאָך אים זיין ליד,
אַ שפּליטער גאָלד אין שטויביקן פּרוכת."

(א. קאַציזנע — דאָס ליד פון שבעלע הדסהס).

אויך אַלטער קאַציזנע איז פאַרפייניקט געוואָרן דורך די בעסטיאַלישע דייטשן. אויך ער האָט געטיילט דעם גרויזאַמען גורל פון אונדזערע מיליאָנען ברידער און שוועסטער אין פוילן.

ער איז געווען אַ קאָמפּליצירטע פּראָבלעם, און אויב אירווילט — אַ שטיק רעטעניש. איר האָט געקאָנט הערן וועגן אים און זיינע ווערק די סאַמע ווידערשפּרעכנדיקע מיינונגען. ער איז געווען אַ נישט־גלייכגעוויכטיקע פּערזענלעכקייט, וויבאַלד אַז אַזעלכע קעגנזעצלעכע כאַראַקטעריסטיקעס וועגן אים און זיין שאַפן האָבן געקאָנט געמאָלט זיין. אין לויף פון 25 יאָר האָט ער פאַרפאַסט איינפאַכע, פאָלקסטימלעכע לידער און באַלאַדן און אין דער זעלבער צייט — אויך שטאַרק־פאַרוויקלטע און גאָר ראַפינירטע לאַבירינטן־ווערק, וואָס עס איז שווער צו דערקלייבן זיך צו זייער תוך און כוונה; ער האָט פאַרפאַסט עטלעכע דראַמאַטישע ווערק, וואָס יעדעס פון זיי שטייט זיך גאַנץ־באַזונדער אָן אַ פאַרבינדונג צווישן זיך; די מיינונגען וועגן יעדן איינעם פון זיי זיינען אויסטערליש־פאַרשיידן: אייניקע האָבן זיי געשטעמפּלט פאַר שונד־שטיק, אַנדערע האָבן געזען אין זיי עכטע קונסט־ווערק; ער האָט געשריבן אַ גרויסן אַכט־הונדערט־זייטיקן ראָמאַן „שטאַרקע און שוואַכע", וואָס האָט אויך געהאַט דעם זעלבן גורל ווי זיינע דראַמאַטישע שאַפונגען, — די מיינונגען וועגן דעם ראָמאַן זיינען אויך געווען ווידערשפּרעכנדיקע; ער האָט פאַר־עפנטלעכט עלעגאַנטע און גלייכצייטיק שפּילעוודיקע עסייען, וואָס זיינען אָפּט — איבערהויפּט די לעצטע יאָרן — געווען אַדורכגעזאַפּט מיט סאָציאַלן פּאַטאָס, מיט צער און צאָרן; האָבן פיל געלעקט פון זיי די פינגער, און ביי אַנדערע

האָבן די עסייען אַרויסגערופן אַ ווידערגעפּיל. און ווי זיינע ווערק אַזוי אויך דער מענטש אַלטער קאַציזנע — פּיל מענטשן האָבן געהאַט פאַר אים טיפן אָפּשיי און פאַרערונג, און אַנדערע ווידער, „חכמים" און אָפּשפּעטער, האָבן געחוזקט פון אים. און אויך זיין אויסזען — ביי איינע האָט עס געוועקט אַכטונג און פיעטעט, און פאַר אַנדערע — איז עס געווען פּאַזע און אָנשטעל.

און נאָך אַן אינטערעסאַנטע צעצווייטקייט אין דעם מענטש אַלטער קאַציזנע: פון איין זייט — אַ צוגעלאָזענער, אַ מיטגייער, אַ מיטבויער, אַ מענטש פון קאָלעקטיוו, אַ געהאַרכזאַמער און דיסציפּלינירטער, און דאָך — שטענדיק איינער אַליין, מיט אַן אייגענעם קנייטש, מיט אַן אייגענער שיטה, אַ שטיק עקשן, און דעריבער געשטרעבט צו אַן אייגענעם עמוד, געטאָן און „געדאַוונט" אָפּט אַליין, ביחידות, נישט בציבור, נישט מיטן עולם. און אַפּט־מאָל, ווען מען איז געגאַנגען אינאיינעם מיטן ברייטן שליאַך, און אויך קאַציזנע איז מיטגעגאַנגען פּלייצע אין פּלייצע, האָט ער פּלוצים אַ קער געטאָן אַן דער זייט און שוין געקלעטערט אויף אַן אייגן זייטיק שטעגל. מען איז, דוכט זיך, שוין געווען גאָר פאַרטיק מיט אים, אָבער פּלוצים האָט זיך אָנגעהויבן ביי אים אַ „האָר־שפּאַלטעריי", אַ דערווידערונג. אָבער ער איז שטענדיק געווען און איז פאַרבליבן אַ פאַרלאָזלעכער מענטש, פאַרמאָגט איבערגעגעבנ־קייט און טריישאַפט פון אַן אמתן חסיד, פון אַ פאַנאַטיקער, וואָס איז גרייט אויף מסירת־נפש און אייגענעם סיגוף. איז ער דאָך צענדליקער יאָרן געווען אַ וועגעטאַריער, זיך נישט צוגערירט צו שאַרפן געטראַנק און דערפון קיינ־מאָל קיין פּאַזע נישט געמאַכט. פונקט אַזוי האָט ער אַ צוויי צענדליק יאָר אין דעם האַלב־פאַשיסטישן פוילן געהאַט ענגן קאָנטאַקט און פאַרבינדונג מיט דער אומלעגאַלער פּראָגרעסיווער באַוועגונג און ער האָט עס אויך געטאָן שטילער־הייד, אָן באַרימעריי.

מיט דער צייט איז אַלטער קאַציזנע געוואָרן אַ שטיק „אינסטיטוציע" אין דער יידישער וואַרשע, אַן „אינסטיטוציע", וואָס איז אויך שאַרף באַקעמפט געוואָרן דורך שונאים־קעגנער.

ווער ווייסט, אפשר קומען די סתירות, וואָס זיינען געווען אין אים, פון זיין לעבן, פון זיין וואַקסן, פון זיין סביבה. ער איז געבוירן אין דער טיף־יידישער ווילנע, אין סאַמע געדיכטעניש פון דער ווילנער אָרעמקייט. מיר האָבן אַמאָל, אַרום 1930, אַרומגעשפּאַצירט מיט אים איבער די ווילנער אָרעם־שבאָרעמע גאַסן און געסלעך. האָט ער אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסן הויף מיט הילצערנע הייזער, וואו ער איז געבוירן און אויפגעוואַקסן. די ווילנער יידישע געסלעך מיט די הויפן, — וואו קיין טראָפּן בלוט, קיין ביסל גרינס, קיין זכר פון זעט איז נישטאָ. יונגערהייט איז ער פאַרוואַגלט געוואָרן

אין דעם פּאַררוסישסטן יעקאַטערינאָסלאַוו. ווילנע און יעקאַטערינאָסלאַוו. אגב, ער האָט זעלטן־ווען זעלטן געשריבן ... ווען זיך משפּחה, וועגן זיין טאַטע־מאַמע, ווי ער וואָלט געוואַקסן אַ פרעמדער צווישן פרעמדע. הגם ער איז געווען אַ בן־יחיד, אָבער עס האָט אים געפעלט טאַטע־מאַמע־וואַרעמקייט, עלטערן־טרייקייט, — האָט ער עס געזוכט ביי פּרצן און שפּעטער — ביי אַנסקין. ער האָט אין דער נאָענטקייט, אין דער איבערגעגעבנקייט צו אָט די צוויי קינסט־לער־פּערזענלעכקייטן אַריינגעלייגט אפשר זיין גאַנץ וועזן, גאָר די האַרציקייט זיינע, — און דעריבער איז ער געבליבן אַזוי פּאַריתומט נאָך זייער טויט — פריער (אין 1915) נאָך פּרצן און דערנאָך (אין 1920) נאָך ש. אַנסקין. ביידע צינגער האָבן אָפט געהאַט צו טאָן מיט א. קאַציזנעס שטענדיקן טרויער נאָך די צוויי נפטרים. — אַלטער קאַציזנע — האָט מען געזאָגט — איז געבליבן אַן אלמנה נאָך פּרצן, און דערנאָך אַן אלמנה נאָך ש. אַנסקין.

נאָך אין יאָר 1908 האָט א. קאַציזנע אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע אין יידיש־רוסישן זשורנאַל „יעוורעיסקי מיר" (פּעטערבורג). איך ווייס נישט, וואָס ער האָט דאָרט געשריבן און אויף וויפיל עס האָט אַן ענגע שייכות מיט דעם שפּעטערדיקן קאַציזנע. דערנאָך איז ער געקומען קיין וואַרשע, וואו ער האָט מסתמא זיך געוווינט אָנגעבידעוועט, — סיי מאַטעריעל און סיי גייסטיק. אָנדייטונגען וועגן דעם זיינען דאָ איבערגעגעבן אין זיין לאַנגן, פּאַרפּלאָנטערטן, טשעקאַוון און ערטערווייז גאָר־אינטערעסאַנטן ראָמאַן „שטאַרקע און שוואַכע", וואו עס זיינען אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע קרייזן און פאַרשוינען פון דער יידישער וואַרשע, פון דער אויסטערלישער „אַלט־שטאָט", וואָס איז אַ מערק־ווירדיקער געמיש פון קדושה און זנות, פון אידעאַלן און פאַרברעכן, פון העלדן און אונטערוועלט־לייט.

אַלטער קאַציזנעס באַקאַנטשאַפט און שפּעטער גוטפריינטשאַפט מיט פּרצן איז געווען אַ וויכטיקער קערפּונקט אין דער פאַרמירונג און געשטאַלטונג פון זיין, קאַציזנעס, ווייטערדיקן לעבן און שאַפן. נישט נאָר האָט ער זיך גע־וואַרעמט אַרום פּרצן, נאָר ער איז אָנגעגליט געוואָרן פון דעם הייסן שאַפערישן פייער, וואָס איז גאַרנישט אויסגעלאָשן געוואָרן ביי פּרצן דעם מענטש און דיכטער. קאַציזנע האָט זיך נישט באַנוגנט ווי אַ סך אַנדערע יונגע, וואָס זיינען געקומען צו פּרצן פון צייט צו צייט, אין אַ יומא דפגרא (אין אַ יום־טוב טאָג), געכאַפּט „שיריים" פון פּרצעס טיש און יוצא געווען דערמיט. ער האָט, ווי אַמאָליקע אמתדיקע חסידים, פאַרלאָזט היים און אייגענע וועלט און געוואָרן אַ „תושב" ביי פּרצן. ער האָט מעשה־חסיד נאָכגעקוקט נאָך פּרצעס יעדן באַוועג און אויפגענומען פּרצעס אינעווייניקסטע צאַפּלעניש און אויסערלעכע קנייטשן. און דאָס אַלץ, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך, האָט ער דערנאָך

עס איבערגעגעבן אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן פּרצן, — נאָך פּרצעס טויט אין 1915, — אין דער ווילנער „יידישער וועלט".

אַט דער פּרץ־אַרטיקל איז געווען קאַציזנעס ערשטער קינסטלערישער אַרויספאָר אין דער יידישער ליטעראַטור. אַט די אָריגינעלע און טיף־אויס־געטראַגענע פּרץ־אָפּשאַצונג האָט געמאַכט אַ. קאַציזנען אַ נאָמען אין די ליטעראַרישע און לייענערישע קרייזן.

עס געדענקט זיך גוט דער שטאַרקער איינדרוק פון אַט דער פּרץ־כאַראַק־טעריסטיק. פּרצעס טויט איז געווען פאַר דער יידישער יוגנט פיל מער ווי אַ טויט פון אַ גרויסן שרייבער. פּרצן האָט מען פאַרהערלעכט און פאַרגעטערט. פּרץ איז געווען דער לייטער, אויף וועלכן יעדער איינער האָט געפּרואווט שפּרייזן אַרויף אַלץ־העכער. און דאָן, אין סאַמע ברען פון וועלט־קריג, בעת די גרויזאַמע איבערלעבענישן, יידישע גזירות און בלבולים, וואָס פּרץ אַליין האָט עס אַזוי טיף גענומען צום האַרץ און צו זיין דיכטערישן געוויסן, — אין דעם סאַמע־אַנגעגליטן מאָמענט, איז אָנגעקומען די שרעקלעכע בשורה, אַז פּרץ איז געשטאָרבן. און די לוויה גופא אין וואַרשע, די אָנפאַלן אויף די באַ־גלייטער — אויך אַ מערקווירדיקער פינאַל צו דער אומרואיקער פּרץ־געשטאַלט. האָט יעדער איינער אויפגענומען דעם אומגליק ווי אַ טיף־אייגע־נעם בראָך. עס געדענקט זיך, ווי דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, די גאַנצע קיעווער שרייבער־גרופּע איז געווען פאַרלוירן — פאַרלאָרן דעם טאַטן, גע־בליבן יתומים — אָן אַן אָנהאַלט. יאָ, אַ מוראדיקן איינדרוק האָט געמאַכט דער פּרץ־טויט, ווי די פּטירה פון אַ צדיק אויף זיינע גלויביקע חסידים. ש. אַנסקי, וואָס איז דאָן געווען אויפן גאַליציישן פראָנט, ווי דער פאָרשטייער פון דעם רוסישן שטאָטישן פאַרבאַנד, איז דאָן אַן אויפגעטרייסלטער, אַ פאַרלוירענער געקומען צו לויפן קיין קיעוו, און אַ שטאַרק־איינגעהויקערטער פון דער שווערער משא יסורים, פּיין און ווייען, האָט ער אויף אַ צונויפטרעף מיט אונדז אין קיעוו געוויינט ווי אַ פאַרלוירענע איבערגעבליבענע פּרוי נאָך אַ הייס־געליבטן מאַן...

איז פאַרשטענדלעך, וואָס קאַציזנעס אַרטיקל וועגן פּרצן האָט געווירקט אויף אונדז אַלעמען מער ווי די אַלע אינטערעסאַנטע, אָבער דאָך „קאַלטע" אַרטיקלען־אָפּשאַצונגען. קאַציזנע האָט אַרויסגעבראַכט פיל אינטימקייט, מען האָט באַקומען אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם לעבעדיקן פּרץ. און עס איז שוין אַזוי פאַרבליבן אַ טיפע דאַנקבאַרקייט, אַ קרובהשע נאָענטקייט צו אַלטער קאַציזנע, וואָס האָט געקאָנט אַזוי טרעפלעך און אַזוי פּרעכטיק אויסשיילן פּרצעס געשטאַלט, פּרצעס פּערזענלעקייט, און אַזוי פאַרבונדן דעם יום־טוב מיט וואָך, דעם דיכטער מיט זיין סביבה, מיט זיין היים, מיט דעם טאָג־טעגלעכן

אין זיין אומרואיקן לעבן.

אפשר האָט די שטאַרקע נאַענטקייט צו פּרצן פון איין זייט געהאַט אַ פּרוכטבאַרן איינפלוס אויף דעם יונגן עמפּינדלעכן קאַציזנע, און פון דער צווייטער זייט איז ערגעץ־וואו די השפּעה געווען נישט־גאַר קיין גוטע, פּראָ־דוקטיווע אויף אים. אפשר האָט אָט די פּרץ־השפּעה קאַציזנעס נאַטירלעכן שאַפונג־שטראָם אַ דריי געטאָן אין אַן אַנדער ריכטונג. עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז אין פאַרשיידענע צייטן האָט פּרצעס גייסט לאַנגע יאָרן סטימולירט אים צו גרויסע דיכטערישע פאַרמעסטן.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז צו דער פּרץ־פאַרהערלעכונג צוגעקומען ביי קאַציזנען אַ קולט פאַר ש. אַנסקין. אַלטער קאַציזנע איז מיטגעריסן גע־וואָרן פון אַנסקיס גרעאַנגלעניש. א. קאַציזנע האָט ווייטער געוועבט די פאַרבינד־פעדעם מיט פּרצעס גייסט און אויך געוואָרעמט אַ נאָענטקייט צו אַנסקיס אירדעאַלער וועלט. ווידער אַ סתירה, ווידער אַ ווידעראַנאַנד אין זיין כאַראַקטער! אפשר איז געווען ביי אים אַ נויטווענדיקייט אַנצושפּאַרן זיך אין אַ שטאַרקער פּערזענלעכקייט, כדי אַרויסצוהעלפן זיך גופא, זיין אייגענע שאַפונגס־מעגלעכקייטן, וואָס האָבן נישט געקאָנט געפינען די אמתע אויס־דרוק־פאָרמען. אָבער פּונקט ווי פריער האָט א. קאַציזנע געפילט אין זיך די מיסיע אַרויסצואַנטפּלעקן פאַר דער יידישער עפנטלעכקייט וואָס־פולער דעם פּרץ־גייסט, אַזוי האָט ער געהאַלטן פאַר נויטיק אויפצוכאַפּן דעם איבער־געריסענעם שאַפערישן אַנסקי־פאָדעם. האָט דאָך א. קאַציזנע צונויפגעשטעלט ש. אַנסקיס נישט־פאַרענדיקטע דראַמאַטישע שאַפונג „טאָג און נאַכט" און צוגעשריבן דעם דריטן אַקט. עס איז אים מסתמא געווען נאָענט דער טיף־טראַגישער גרעאַנגל פון דעם צדיק, וואָס פאַרמאָגט אין זיך יידיש און גויאיש בלוט און וואָס טראָגט אין זיך די ירושה פון יידן און פון קאָזאַקן. האָט דאָך א. קאַציזנע זיך שטענדיק געפונען צווישן אָט די צוויי קעגנזייטיקע כוחות, — פון איין זייט — דאָס עכטע יידישע פאָלקס־שאַפן און פון דער צווייטער זייט — די אידייען און פּראָבלעמען פון די גרויסע רוסישע גייסטער־קלאַסיקער. ווען עס קומען מיר אויפן זינען די מוסר־רייד און די וואָרנונגס־ווערטער פון א. קאַציזנע ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, — דערמאָנט עס מיר דעם רוסישן לוקאַ פון מאַקסים גאָרקיס „אויפן אָפּגרונט"... און אַפילו זיין עכט־רוסישע ווענדונג צו פריינט, צו אייגענע: „טייערינקער, ליבינקער..."

א. קאַציזנע האָט אָפט געזוכט דעם וועג צו זיך, אָדער ריכטיקער — דעם אַרויסוועג פון אייגענער וועלט. און עס איז אים אַזוי לייכט נישט אָנ־געקומען. עס איז געווען אין אים דער באַקאַנטער גרעאַנגל פון ווידער־שפּרעכנדיקע כוחות און עלעמענטן, וואָס האָבן אַזוי גיך נישט געקאָנט קומען

צו אַ גלײַכגעװיכט. עס איז אין די ערשטע יאָרן געװען בײַ אים אַ דיסטאַנץ צװישן דעם פּאַרמעסט און דער מעגלעכקייט צו רעאַליזירן די קינסטלערישע אויפגאַבן װאָס ער האָט זיך געשטעלט. עס האָט אים געפעלט די פעיִקייט אָפּצוטײלן דעם איבעריקן באַלאַסט, כדי צו קאָנען דערגיין צום תּוך, צום עיקר. עס איז געװען אַן איבערפלוס פון שטאָף, עס איז געװען צופיל גע־װירבל, און עס איז נישט מעגלעך געװען אַרײַנצוקוקן אין אייגענע טיפקייטן.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פון יענער, נאָך נישט גענוג רײַפער שאַפערישער צײַט, איז געװען זײַן װערק „דער גייסט—דער מלך" (1919) און זײַנע „פּראָמע־טעאוס"־לידער און פּאָעמעס, װאָס ציִען זיך אין צענדליקער און הונדערטער זײַטן. נישט געקוקט אויף די פּרעכטיקע שטעלן, אויף געלונגענע שורות און פערזן, איז שװער געװען צו דערגיין צו דער כּװנה, צום מײן פונעם פּאַרפּאַסער. ערטעדװײַז האָט מען זיך געפילט װי אין אַ װילד־װאַלד, װאו עס איז שװער צו כאַפּן דעם אָטעם...

עס איז פאַרשטענדלעך פאַרװאָס אונדזער „קיִעװער גרופּע", װאָס האָט אין 1918־1919 מיט טיפן ערנסט געגרייט דעם ערשטן גרויסן זאַמלבוך „אייגנס", און יעדע אָנגענומענע זאַך געמאָסטן און געװאויגן, האָט אַרײַנ־גענומען אַ גרויסן פראַגמענט פון א. קאַציזנעס „גייסט דער מלך", — די אײנציקע זאַך פון אַ „פרעמדן", װאַרשעװער, קינסטלער. נישט געקוקט אויף אייניקע דערװידערונגען און טענות צו דעם פראַגמענט, האָט מען אין קאַ־ציזנען דאָך געשפּירט אַ הײמישן, אַ נאָענטן, װעמען מ'קאָן אַרײַננעמען אין דער אייגענער אינטימער שרײַבער־משפּחה.

צו יענער צײַט האָט אַלטער קאַציזנע איבערגעדיכטעט פון רוסיש אַלעקסאַנדער בלאָקס באַרימטע פּאָעמע „צװעלף". נישט קיין צופאַל, װאָס אָט דאָס שטאַרק־אָנגעלאָדענע און טיף־אויסגעװייטיקטע װערק האָט פאַר־כּישופט אַלטער קאַציזנען, און ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן פאַר דעם אַ תּיקון אין דער יידישער שפּראַך. א. קאַציזנע האָט ערגעץ־װאו געפילט אַ קרובהשאַפט צום רוסישן דיכטער, װאָס האָט אויפגענומען יענע מערקװירדיקע צײַט מיט אירע בלוט־צייכנס און מיט איר הייליקן אויפלויכט.

אַ װײַטערדיקער שריט אין א. קאַציזנעס שאַפן איז געװען זײַן באַנד נאָװעלן „אַראַבעסקן", װאו ער האָט גענומען געברויכן פּשוטערע רייד און אַרויסגעבראַכט מער־קלאָרע און פאַרשטענדלעכע שילדערונגען און גע־שטאַלטן. דאָס אַריבערגיין צו פּראָזע איז אים װאוילבאַקומען, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די הויכע, צום הימל־שטאַפּלענדיקע פראַזן און אָנגעהויבן רעדן מער־רעאַל, מער־מענטשלעך.

א. קאַציזנע שטעלט זיך אויף דעם נישט אָפּ. פון ליד קומט ער צו נאָ־

וועלע, און פון נאָוועלע צו דראַמע. זיין אומרו־גייסט זוכט נייע קינסטלערישע פאָרמען. אין 1925 פאַרפאַסט ער זיין ערשט דראַמאַטיש ווערק „דער דוכוס״ (גר צדק), געבויט אויף געשיכטלעכע מאַטעריאַלן. ער באַמיט זיך אַרויסצו־ברענגען אין זיין ווערק וואָס מער דראַמאַטישע קאָנפליקטן און שטרייכט באַוואוסטזיניק אונטער דאָס טעאַטראַל־עפעקטוועלע. דאָס שטיק האָט געהאַט גרויס דערפאָלג אויף פאַרשיידענע בינעס פון דער יידישער וועלט, — אין וואַרשע, ווילנע, לאָדז, ריגע, בוענאָס־איירעס, און טיילוויז — אויך אין אַמעריקע. נישט איין באַרימטער יידישער רעזשיסער און נישט איין גרויסער שוישפּילער האָבן זיך פאַרמאָסטן צו געבן אַ סצענישן און שוישפּילערישן תיקון אָט דער פּיעסע. און דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס די מיי־נונגען און די אָפּרופן וועגן אָט דער דראַמע זיינען געווען, ווי אַלעמאָל בנוגע צו א. קאַציזנעס שאַפן, די סאַמע־קעגנזעצלעכע.

א. קאַציזנע האָט אין אַן אַרטיקל („ליט. בלעטער״, 1930, נ׳ 9, אונטערן נאָמען „אַ מזל פון אַ פּיעסע״) זיך פאַרנומען מיט אָט דעם פּראָבלעם — גע־וואָלט דערגיין וואָס זיין פּיעסע „דער דוכוס״ איז. ער הויבט אָן זיין אַרטיקל מיט די ווערטער: „נישט כדי צו ווערן מיין אייגענער היסטאָריקער, נאָר כדי אונטערצופירן אַ געוויסן טעאָרעטישן סך־הכל, וויל איך דאָ ברענגען אין קורצן דעם לעבנס־וועג פון מיין פּיעסע „דער דוכוס״.״ עס איז דאַן געוואָרן 5 יאָר זינט, ווי ער זאָגט, „איך בין געוואָרן אויס בעל־דעה איבערן „דוכוס״, און די פּיעסע האָט אַליין באַדאַרפט קעמפן פאַר איר עקזיסטענץ.״ א. קאַציזנע פּרובירט צו מאַכן פון די לויב־געזאַנגען און ביטערע אָנפאַלן ערנסטע אויס־פירן. „די פּיעסע — שרייבט א. קאַציזנע — האָט באַקומען איר הייסע אָנ־הענגער און קעגנער מחוץ די רעצענזיעס, און מיט אַ וואָך שפּעטער (פון דער אור־אויפפירונג אין 1925) האָט דער „דוכוס״ שוין דערלעבט געמשפּט צו ווערן ביי אַ פול־געפּאַקטן טעאַטער־זאַל. ווער עס האָט געלויבט און ווער — געגאָסן פּעך און שוועבל.״

דער קאַמף אַרום דעם „דוכוס״ האָט זיך דערנאָך אַריבערגעטראָגן קיין ניו־יאָרק. דר. מוקדוני האָט געשריבן: „איך האָב אין מיין רעצענזיע מיט אותות און מופתים באַוויזן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ שלעכט־פאַרשלייערטן שונד. איר רייסט אַראָפּ דעם שלייער, און עקלדיקער שונד באַווייזט דאָס ריכטיקע פּנים זיינס . . . איך האָב אָנגעוויזן, אַז עס איז אַ וויסטער פלוידער־זאַק, אַז דער „דוכוס״ האָט קיין מענטשלעך אויסזען נישט, גראַפאָמאַנישע שאָטנס זיינען דאָרט אַלע מענטשן.״ און אַ צווייטער טעאַטער־קריטיקער (וויליאַם עדלין) האָט געשריבן, אַז „פון ריין־דראַמאַטישן שטאַנדפּונקט איז זי איינע פון די שטאַרקסטע זאַכן אויף דער גאַנצער יידישער בינע. איר פאַר־

נעם קאָן זיך פאַרגלייכן מיט אַזעלכע דראַמעס, ווי שלום אַשס „קידוש השם" און פּויכטוואַנגערס „יוד זיס" . . ."

און א. קאַציזנע גיט צו: „איך בין נישט אַזוי נאַאיוו, אַז נאָך פינף יאָר צייט זאָל איך נישט איינזען די פעלערן פון מיין ערשטער טעאַטראַלישער אַר־בעט. דער „דוכוס" האָט אַ סך חסרונות. אין טעאַטער־פּיעסעס קאָן מען זיך אָבער פאַרפּולקאָמען נאָר בהדרגההדיק און נאָר אין אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן טעאַטער, אויסמיידנדיק ביי יעדער ניי־אויפגעפירטער פּיעסע די טעאַט־ראַלישע חסרונות פון די פריערדיקע."

און דאָס איז נישט קיין חנדלען זיך מיט באַשיידנקייט. עס איז געווען אינעם כאַראַקטער פון א. קאַציזנע צו לערנען, צו שטודירן. אַ שטריך, וואָס מען טרעפט, לײדער, נישט אַזוי אָפט ביי אונדזערע שרייבער, וואו זעלבסט־פאַרבלענדטקייט און זעלבסטפאַרליבטקייט הערשט אָן אַ שיעור. א. קאַציזנע האָט אַלע זיינע יאָרן געהאַט אַ שטאַרקן ווילן צו זוכן און אַרויסצוברענגען אין זיינע שאַפונגען אַלץ־נייע מאָטיוון און פּראָבלעמען.

נאָך דעם „דוכוס", האָט ער פאַרפאַסט אַ היסטאָרישע טעאַטער־שטיק „הורדוס", אַ טראַגעדיע אין 5 אַקטן, וואו ער האָט אַרויסגעבראַכט די קאָמ־פּליצירטע און רייכע הורדוס־געשטאַלט און דערביי געגעבן די געשיכטלעכע אַרומרינגלונג פון די כוחות, וועלכע האָבן אַרויסגערוקט אָט די אויסטערלישע געשטאַלט. אין אָט דער פּיעסע, ווי קאַציזנע זאָגט, „האָט ער זיך באַמיט אויסצומיידן די חסרונות פון דעם ערשטן טעאַטער־שטיק", און ווי ער גיט צו, האָט ער זיכער געמאַכט אַנדערע פעלערן.

און אַזוי ווי עס איז נישט געווען קיין דירעקטע פאַרזעצונג צווישן „דוכוס" און „הורדוס" — אַזוי איז אויך נישט געווען צווישן זיי קיין געמיינזאַמס מיט קאַציזנעס דריטער טעאַטער־שטיק, מיט דער קאָמעדיע „אין קריזיס" (1933), וואו א. קאַציזנע האָט אַרויסגעבראַכט אַ שטיק צאַפּלדיק לעבן פונעם יידישן פּוילן. עס איז געווען אַ פּיעסע ערטערווייז פון דעם טשעכאָווישן שניט, און ערטערווייז האָט זי פאַרמאַגט עלעמענטן פון קאַריקאַטור, פון פאַרס. די קאָמעדיע איז אויפגעפירט געוואָרן דורך די יידישע טעאַטערן אין פּוילן.

אַ באַזונדערן אָרט פאַרנעמט אין א. קאַציזנעס שאַפן די פּיעסע „שלום שוואַרצבאַרד", וואָס א. קאַציזנע האָט פאַרפאַסט לויטן אָנרעג פון דעם באַ־וואוסטן שוישפּילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך.

עס איז געווען ווינטער 1933, ווען א. גראַנאַך איז געקומען פונעם ערשט־פאַרהיטלעריסטישן בערלין קיין וואַרשע אַ טיף־אויפגעשוידערטער, פול מיט ווייי און צאָרן און געוואָלט ברענגען צום אויסדרוק דעם פּיין, האַס, פּראָטעסט קעגן גרויזאַמען פאַשיזם, וואָס האָט גענומען פאַרפעסטן דייטשלאַנד. און נאָך

דעם ווי א. גראַנאַך האָט אין פרידריך וואולפס „געלע לאַטע" (אָדער „פּראָ־פעסאָר מאַמלאָק") אַרויסגעשריגן דעם טראַגיזם פונעם דײַטשישן ייִדנטום, האָט ער געזוכט אַ צווייטע פּיעסע, וואָס זאָל אַרויסברענגען העראָאישע מאָ־מענטן אינעם ייִדישן לעבן. עס האָט א. גראַנאַכן געלאָקט די שוואַרצבאָרד־געשטאַלט, וואָס די גרויזאַמע פּאַסירונגען האָבן אים געטריבן פון זײַן שטילן זייגערמאַכער־וואַרשטאַט צו מאָרד, צו שיסן פּעטליורען. אַ קליינע פאַר־עפנטלעכטע נאָוועלע פון דעם גרויסן פראַנצויזישן קינסטלער־קעמפער אָנרי באַרביוס וועגן שלום שוואַרצבאָרד האָט נאָך מער געשטויסן א. גראַנאַכן אַרויסצוברענגען אויף דער בינע די סביבה, די אַטמאָספערע, וואָס האָט געשאַפן און אַרויסגערוקט שוואַרצבאָרדן.

א. גראַנאַך האָט אין זײַנע שמועסן מיט מיר כסדר זיך אָנגעצונדן פון אָט דעם אויסטערלישן שטאָף. מיר גופא איז באַשערט געווען איבערצולעבן און אַדורכצואוויטיקן יענע גרויסע, גרויזאַמע גליקלעך־טראַגישע צײַט, די אַלע אויסטערלישע פּאַסירונגען, וואָס האָבן געבראַכט צו די מוראדיקע פּאָ־גראָמען און צו די שחיטות אין אוקראַינע.

זײַנען מיר איין מאָל אין אַ פאַרנאַכט געפאָרן צו קאַציזנען אַהיים און אים געבראַכט אונדזער פאָרשלאָג, ער זאָל אָנשרײַבן די שוואַרצבאָרד־דראַמע. אונ־דזער פּלוצלינגער באַזוך און אונדזער קאַטעגאָרישער פאָרשלאָג האָט אים לכתחילה צעטומלט. מיר האָבן אים צוגעשטעלט אויטענטישע מאַטעריאַלן און נאָך לענגערע שמועסן האָט א. קאַציזנע זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט און ער האָט אויסגעפיבערט סצענע נאָך סצענע. און אין עטלעכע וואָכן אַרום איז די דראַמע, אָדער ווי א. קאַציזנע האָט עס אָנגערופן, „אַ סינטעטישער רעפּאָרטאַזש", געווען אינגאַנצן פאַרטיק.

עס געדענקט זיך גוט דער פרימאָרגן ביי אונדז אין הויז, אָנהויב 1935, ווען א. קאַציזנע האָט פאָרגעלייענט פאַר אונדז די שוואַרצבאָרד־פּיעסע. ביי אייניקע טראַגישע שטעלן האָט ער ביים לייענען זיך צעכליפּעט, און יעדער איינער פון אונדז האָט געווישט די טרערן אויף די באַקן.

עס איז געווען אינטערעסאַנט צוצוזען די קינסטלערישע און געזעלשאַפט־לעכע פאַראַנטוואָרטונג פון א. קאַציזנע ביים אַרויספירן מענטשן, סצענעס און סיטואַציעס. עס זײַנען געווען געפאָרן אויפן וועג צו רעאַליזירן אָט די געשיכטלעך־צאַפּלדיקע פּיעסע. מען באַדאַרף באַטאָנען, וואַרפן אַ פּאַסיקן ליכט אויף סצענעס און עפּיזאָדן, מען דאַרף באַזינען די „טונקעלע" טאָטן. אין דער מעשה־שוואַרצבאָרד האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ שטיק אַלגעמיין און ייִדיש לעבן פון דער מלחמה־ און בירגער־קריג־צײַט — באַלטע, פּראָסקוראָוו, קיעוו, און דערנאָך — פּאַריז. רוסלאַנד און פראַנקרייך זײַנען דאָ „קונציק

און מייסטעריש" אַריינגעפּלאָכטן דורכן לעבן גופא אין דעם טאָט פון שלום שוואַרצבאַרד. די עטלעכע שוואַרצבאַרד־שאָסן זיינען געווען אייגנטלעך אָפּ־הילכן פון גרויסע וועלט־געשעענישן. דער מאָרד און דערנאָך דער שוואַרצ־באַרד־פּראָצעס האָבן אַרויסגערופן אָפּקלאַנגען אין גאָר דער וועלט. די באַ־טייליקטע אין דעם אַלעמען זיינען נישט געווען בלויז צופעליקע מענטשן, נאָר געשטאַלטן, וואָס סימבאָליזירן סביבות, שיכטן, צייט און דור. איז דעריבער געווען אַ שווערע אױפגאַבע דאָס אַלץ איינצופאַסן אין עטלעכע סצעניִשע בילדער, און אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס גאַנצע און די איינצלנע זאָלן דערביי נישט לײַדן. און נאָך אַ שווערע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעם: מען האָט באַדאַרפט אויך שילדערן די באַדינגונגען, וואָס האָבן געבראַכט צו די אַלע אויסטערלישע געשעענישן, און דערביי נישט אַריינפאַלן אין שאָוויניס־טיש־ העצערישן טאָן.

די פּיעסע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. און עס איז געווים אָנ־געמאָסטן אויף אָט דער פּיעסע, וואָס א. קאַציזנע האָט אַמאָל געשריבן וועגן זיין „דוכוס": — „פיל סצענעס פון מיין זייער נישט פּולקאָמענעם „דוכוס" האָב איך געשריבן מיט בלוט! מיט בלוט פון מיין האַרצן!"

מיט בלוט פון האַרצן האָט א. קאַציזנע פאַרפאַסט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַ דראַמע, געבויט אויף געשיכטלעכן שטאָף פון אָנהויב 18טן יאָרהונדערט, פונעם ייִדיש־מאַראַנישן לעבן, אונטערן נאָמען „דעם ייִדנס אָפּערע", — אַן אמתדיקע פּאַסירונג מיט אַ ייִדן אַ קינסטלער, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די ייִדן־פיינט און דערנאָך ווערט זיין ווערק געשפּילט. די פּיעסע איז געגרייט געוואָרן צום אויפפירן אין די סאָוועטישע ייִדישע מלוכה־טעאַטערן פאַרן אָנפאַל פונעם בעסטיאַלישן היטלעריזם.

אַן אינטערעסאַנטער פּעריאָד אין קאַציזנעס שרייבערישער און געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט איז די צייט, ווען ער האָט צוזאַמען מיט נאָך אייניקע אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט אין וואַרשע די ראַדיקאַלע און קאָמוניסטישע צייטונג „דער פריינד" (אין 1935), וואָס האָט געבראַכט קאַציזנען פיל קרענ־קונג, און בעיקר — מיאוסע ייִדישלעכע אָנפאַלן און מסירות און די אַלע אַנדערע „גוטע און שיינע" זאַכן. דאָס איז אַ טרויעריק בלעטל געשיכטע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער ייִדיש־פּוילישער וואַרשע ביי דער האַלב־פאַשיסטישער רעגירונג. א. קאַציזנע האָט אויף זיך אויפגענומען די אַלע קלעפּ און די אַלע עמערס שמוץ, און איז דערצו געווען אַ זיכערער „קאַנדידאַט" פאַר דעם באַרימטן אומזיסטיקן „האָטעל" קאַרטוז־בערעזע, — דער קאָנ־צענטראַציע־לאַגער, וואָס זיין נאָמען אַליין שווידערט אויף יעדן איינעם פון אונדז, וואָס האָבן מיטגעמאַכט דאָס שווערע און גליקלעכע לעבן פון ייִדישן

פוילן ערב דעם איצטיקן וועלט־קריג. עס זיינען דאָ לעבעדיקע עדות פון אַט דער „פריינד"־געשיכטע — קאַדיע מאַלאַדאָווסקי און שמחה לעוו.

אין יענער שווערער צייט האָט קאַציזנע אויף אייגענע מיטלען אַרויס־געגעבן אין לויף פון די יאָרן 1936־1939 אַ צוויי־וועכנטלעכן זשורנאַל „מיין פילם", וואָס ער האָט איינער אַליין אויסגעפילט. דער זשורנאַל איז פיל מאָל קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער פוילישער צענזור, אָבער א. קאַציזנע האָט נישט אויפגעגעבן די טריבונע, פון וועלכער ער האָט רעאַגירט, דורך לידער, פּאָעמען, דראַמאַטישע שאַפונגען, פּאָלעמישע אַרטיקלען און נאָטיצן, אויף די טרויעריקע דערשיינונגען אין אַלגעמיינעם און יידישן לעבן און ליטעראַטור אין פוילן. „מיין פילם" איז אַ טרויעריקער טאָגבוך, וואָס עס האָט געשריבן אַ טיף־פילנדיקער מענטש און קינסטלער אין יענע טראַגישע יאָרן.

אַלטער קאַציזנע האָט זיך ווייט נישט אויסגעשעפּט אין זיינע שאַפונגען. די אַלע יאָרן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לעבן און אַרבעטן אין וואַרשע, ביי די פאַרשיידענע קולטור־ און ליטעראַטור־טעטיקייטן און אונטערנעמונגען, איז אַלטער קאַציזנע געווען פון די וויכטיקסטע און באַוואוסטזיניקסטע מיט־שאַפער און מיטבויער. מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז קאַציזנע איז אַלע יאָרן געווען באַשעפטיקט נאָכאַנאַנד, זיבן טעג אַ וואָך, אין זיין פאָטאָגראַפישער אַטעליע. ער איז אין לויף פון צוואַנציק יאָר, פון 1919־1939, געווען רעדאַק־טאָר פון פאַרשיידענע אויסגאַבעס, ער איז אויך איין צייט געווען מיטרעדאַק־טאָר פון די „ליטעראַרישע בלעטער", געווען טעטיק אין פאַרשיידענע טעאַטער־געזעלשאַפטן און טעאַטער־אונטערנעמונגען, געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פונעם יידישן פּען־קלוב, פונעם יידישן ליטעראַטן־פאַראיין, אויפ־געטראָטן מיט לעקציעס, זיך אַרויסגעכאַפּט מיט רעפעראַטן אין די דערביי־איקע שטעט און שטעטלעך. אין די צייטן פונעם קולטור־פראָנט, וואָס מען האָט ביטער באַקעמפט סיי פון אינעווייניק און סיי פון דרויסן, איז ער געווען איינער פון די באַגייסטערטע און איבערגעגעבנסטע טוער. זיין הויז איז געווען באמת, אָן מליצות, אָפן פאַר פריינט, פאַר חברים. עס איז אויך געווען אַן אָרט, וואו מ'האָט זיך שטענדיק געטראָפן, געפירט הייסע דיסקוסיעס, געלייגט גרונט־שטיינער פאַר פאַרשיידענע וויכטיקע ליטעראַרישע און טעאַטראַלע אונטערנעמונגען און בנינים...

אַלטער קאַציזנע און זיין פרוי חנה זיינען פאַרפייניקט געוואָרן אין לעמ־בערג דורך די דייטשע מערדער, ימח שמם!

1944

י. י. זינגער

אַ זייטיקער און פרעמדער קאָן אָפּקומען וועגן י. י. זינגערן, דעם קינסט־לער און מענטש, מיט אַ געוויינלעכן הספּד־אַרטיקל און דערביי זיך באַנוצן מיט אַלגעמיינע שטאַמפּאָווע ווערטער און באַצייכענונגען, ווי ס׳איז טאַקע געווען דער פאַל מיט אייניקע, וואָס האָבן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען איבער זינגערן נאָך זיין פלוצלונגדיקן טויט. גאָר אַנדערש איז מיט איעדן איינעם פון אונדז, וואָס האָט געקענט זינגערן לאַנגע יאָרן, האָט מיטגעמאַכט אָדער נאָכגעפאָלגט די אַלע גלגולים־איבערוואַנדלונגען פון י. י. זינגער דעם מענטש און שרייבער; פאַר אַזאַ איינעם איז עס אַ שווערע, אָבער דערפאַר אַ זייער וויכטיקע אויפגאַבע אַרויסצוברענגען י. י. זינגערן אין זיין גאַנצער ברייט און טיף און מיט אַלע זיינע ווידערשפּרוכן.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס י. י. זינגער האָט די אַלע לעצטע יאָרן געשריבן אַזוי קלאָר, אַזוי „פּשוט״, אַזוי אָפן, אָן קיינע שלייערן און באַ־פּוצונגען, איז ער געווען אַ קאָמפּליצירטע נאַטור, מיט שאַרפע ווידעראַנאַנדן, און דאָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן ווען מ׳האָט זיך איינגעקוקט אין אים גופא און ס׳איז אויך אָן ספק געקומען צום אויסדרוק אין זיינע ווערק. מיר טאָרן אין קיין פאַל נישט באַטראַכטן זינגערן דעם מענטש און קינסטלער, ווי ער זאָל זיין פון איין שטיק אויסגעגאָסן. ער האָט זיך שטאַרק געענדערט, און אָוודאי זיינען די טיפע ענדערונגען קאַנטיק, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט זינגערס שאַפן, זיינע פאַרשיידנאַרטיקע ווערק, אָנגעהויבן פון זיינע ערשטע דערציילונגען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1919 („מאַגדאַ״ און אַנד.) אין קיעוו, דורך זיין דראַמאַטיש ווערק „ערד־ווײ״, 1922, און ביז זיינע ווערק פון די לעצטע יאָרן.

י. י. זינגער האָט פאַרעפנטלעכט אין בוך־פאָרם אַ גרעסערע צאָל דער־ציילונגען, אייניקע דראַמאַטישע ווערק און עטלעכע גרויסע ראָמאַנען: „ערד־ווײ״ (דראַמע), „פּערל״ (דערציילונגען), „ניי־רוסלאַנד״ (רייזע־באַשרייבונגען), „שטאָל און אייזן״ (ראָמאַן), „יאָשע קאַלב״ (ראָמאַן), „די ברידער אשכנזי״ (ראָמאַן), „פרילינג״ (דערציילונגען), „חבר נחמן״ (ראָמאַן), „די משפּחה קאַר־נאָווסקי״ (ראָמאַן). חוץ דעם האָט ער פאַרעפנטלעכט די דראַמע „סאָווינקאָוו״

(אין „גלאָבוס״) און אָנגעשריבן אַ קאָמעדיע, ווי אויך דערציילונגען, וואָס זיינען אין בוך־פֿאָרם ניט דערשינען.

פֿאַר קנאַפּע 25 יאָר ביי די אָפּטמאָל זייער נישט־גינסטיקע און שווערע באַדינגונגען — פֿון פֿאַרשיידענעם כאַראַקטער — איז עס אַן אומגעהויערער קינסטלעריש־מייסטערישער פֿאַרמעג. עס ווייזט י. י. זינגערס פּראָדוקטיווע כחות, און ווען מיר נעמען נאָך אין אַכט די פֿאַרשיידענע וועלטן און די מאָסע טיפּן און געשטאַלטן, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע ווערק, ווערן מיר דערשטוינט פֿון דער פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון זיין טעמאַטיק. און נאָך: צווישן איין ווערק און אַנדערן ליגט נישט נאָר אַ צייט־דיסטאַנץ פֿון אַ פּאָר יאָר, און נישט בלויז אַ מאַטעריאַל־ענדערונג, נאָר ס׳איז אויך דאָ אַ וויטער גייסט־ און אידייען־מהלך. עס איז אָנגענומען צו כאַראַקטעריזירן זינגערן פֿאַר אַ שטרענג־רעאַליסטישן, שטאַרק־אָביעקטיוון און שיער נישט נאַטוראַליסטישן שרייבער. אָבער אונטער דער אויסערלעכער אָביעקטיווקייט איז אויך דאָ אַ טיפֿע סוביעקטיווקייט. מען זעט דערצו ביי זינגערן אַ גלאַטן, געפּלאָסטערטן שאַפֿונגס־גאַנג, אָבער ווער ס׳האָט געקענט זינגערן נעענטער און לענגער, האָט געזען אין אים וויפֿולע מענטשלעכע און קינסטלערישע פּראָצעסן, ערנסטע און שאַרפֿע איבערברוכן.

ביי זיין אָרון און דערנאָך אין די אַרטיקלען־הספּדים האָט מען זיך געאַמפּערט, ווער עס האָט „אַנטדעקט״ זינגערן. פּונקט ווי זינגערס גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור וואָלט זיך אָנגעהויבן אַדאַנק און פֿון אַט דער „אַנטדעקונג״. אין אמתן האָט י. י. זינגער זיך אַליין פּערזענלעך, בהדרגה, דורך ליידן און ווייען „אַנטפּלעקט״, און די, וואָס האָבן זיך אַזוי באַרימט מיט דעם, וואָס זיי האָבן „אַנטפּלעקט״ דעם גרויסן קינסטלער, וואָלטן געמעגט ביים אָרון אַ טראַכט טאָן, וואָס פֿאַר אַן אַרבעטן זיי האָבן פֿון דעם קינסטלער פֿאַרלאַנגט, וואָס פֿאַר אַן אויפֿגאַבן זיי האָבן אים געשטעלט, — אַרבעטן און אויפֿגאַבן, מיט וועלכע זינגער אַליין האָט זיך געשעמט און אַן ספֿק טיף און שמערצלעך פֿון זיי געליטן.

* * *

י. י. זינגער געהערט צום דור יידישע שרייבער, וואָס איז אויפֿגעקומען אין דער צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה און בירגער־קריג. געבוירן (סוף 1893) און אויפֿגעצויגן געוואָרן אין פּוילן, האָט ער פֿאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר אין קיעוו און אין מאָסקווע (1918—1921), שפּעטער געלעבט און געשאַפֿן אין וואַרשע און די לעצטע צען יאָר (זינט 1934) געוועזן אין ניו־יאָרק.

ער איז אָן ספֿק איינער פֿון די שטאַרקסטע און פּראָדוקטיווסטע קינסטלער פֿון יענעם דור שרייבער, וואָס מיר זיינען געוואוינט צו באַצייכענען — דער

פערטער דור. דער ערשטער דור ייִדישע שרייבער געהערט מיט זיין אויפקום צו די 70ער, 80ער יאָרן און זיין פאַנאַנדערוואוקס ציט זיך ביז סוף 19טן יאָרהונדערט און אויך די ערשטע פופצן יאָר פונעם 20טן יאָרהונדערט. דער אויפבלי פון דעם צווייטן דור שרייבער הויבט זיך אָן פון די ערשטע פאַר יאָר פונעם 20טן יאָרהונדערט; דער דריטער דור קומט־אויף איצ און נאָך די רעוואָלוציע־יאָרן פון 1906־1907; דער פערטער דור וואַקסט אַרויס אין און פון די מלחמה, בירגער־קריג און רעוואָלוציע־יאָרן פון 1914־1919.

וואָס איז דער עיקר־שטריך פון דעם פערטן דור שרייבער, וואָס איז געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין די מלחמה־ און רעוואָלוציע־יאָרן? זיי זיינען קינדער, זיי זיינען פּראָדוקטן פון אָט דער אויסטערלישער, גרויזאַמער און העראָאישער צייט, — די צייט האָט זיך טיף אַריינגעשניטן אין זייער לייב און לעבן, האָט אויסגעקריצט אירעליידן און פריידן אין זייערע מוחות און הערצער. נישט אַלע שרייבער און קינסטלער פון יענעם דור האָבן אויף אַ גלייכן אופן אויפגענומען און אַדורכגענומען געוואָרן פון יענער מערקווירדיקער צייט. אייניקע ייִדישע שרייבער זיינען אויפגעשווידערט געוואָרן פון די מורא־דיקע געשעענישן, זיינען אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם כאַאָס, פון דעם חורבן, פונעם „תוהו ובוהו" פון יענער צייט; אַנדערע קינסטלער, פאַרקערט, זיינען פאַרכלינעט געוואָרן פון די נישט־געדאַכטע פּאַסירונגען, זיינען מיט־געריסן געוואָרן פון די גרויסע איבערלעבענישן און זיינען אַליין געוואָרן די אינסטרומענטן, דורך וועלכע יענע צייט האָט אויסגעשפּילט אירע הילכיקע, ברויזנדיקע געזאַנגען. אַ טייל שרייבער, ליידער, האָבן זיך געראַנגלט צווישן אָט די צוויי ווידערשפּרעכנדיקע וועלטן, דער אַוועקגייענדיקער און קומענ־דיקער — אָט זיינען זיי געווען באַזינגער פון דער נייער צייט, פּירזאַגער פון דעם נייעם, אויפגעוואַכטן, אויפגעשטורעמטן ווילן, און אָט האָבן זיי זיך אָפּ־געקערט אָן אַ זייט, זיך דערשראָקן פון זייער אייגענער אויפגעמונטערטער, צעהילכטער שטימע און געקוקט מיט מורא, מיט חשד, מיט אומגלויבן אויף די גרויסע ענדערונגען און איבערוואַנדלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער וועלט, אַרום זיי.

י. י. זינגער האָט געהערט צו דעם לעצטן מין מענטשן־קינסטלער, וואָס זיין אידעאָלאָגישער גאַנג אין לעבן און זיין קינסטלערישער וועג אין דער ליטעראַטור זיינען געווען פול מיט ווידערשפּרוכן, פול מיט זיגזאַגן. ציי‌טנווייז איז ער געשטאַנען אין די רייען פון די בויער און קעמפער פאַר אַ פּראָגרעסיוון ייִדישן שאַפן, ציי‌טנווייז איז ער געווען פאַרכאַפּט פון דער אידייע צו באַגייען די ייִדישע ליטעראַטור, אַדורכצושלאָגן אַ וועג פאַר די קינסטלער־אָנזאָגער פון אַ נייער וועלט; ציי‌טנווייז האָט ער זיך געפרייט מיט יעדן אויפשפּראָץ

אין דער יידישער שעפערישער וועלט. ער האָט מיט אַ באַזונדערן אייפער באַקעמפט אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט די אַלטע, אָפּגעלעבטע דעה־זאָגער און געמאָנט באַציאונג, געשטריטן פאַרן אָנזען פונעם יונגן, נייעם קינסטלער. און שפּעטער האָט ער זיך איינגעצאַנצן צוריקגעצויגן און זיך אָוועקגעשטעלט, ער און זיין שאַפן, „פון יענער זייט באַריקאַדן"...

זיינע דערציילונגען און נאָוועלן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן זינט 1919, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער מייסטערשאַפט. זיי האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער שאַרפקייט און פּלאַסטישקייט. זינגער איז נאָך דאַן געגאַנגען מיטן שמאָלערן וועג, ער האָט געמאָלט איינצלנע מענטשן, אַרויסגעבראַכט איינצלנע טיפּן, און די שילדערונג, די בילדערישקייט האָט פאַרנומען ביי אים אַן אָנגעזעענעם אָרט. ער האָט אויך געמייסטרעוועט יעדן זאַץ, געשליפן יעדן אויסדרוק. די האַנדלונג, די מעשה איז געווען נישט דער עיקר. זיין שאַרף אויג, זיין שניידיקער בליק איז געווען אָנגעצילט אויף דעם איינצל־מענטש און ער האָט באַמיט זיך אים אַרויסצובריענגען מיט אַלע זיינע אייגנאַרטיקייטן און אויסטערלישקייטן.

אין דער זעלבער צייט (1922) פאַרעפנטלעכט ער אַ דראַמע „ערד־ווײ", — אַ סימבאָליש ווערק פונעם אויפפלאַקער פון דער רעוואָלוציע. זינגער פאַרנעמט מער ווי ווי ערד. נישט אומזיסט האָט ער אַדורכגעמאַכט אין קיעוו, — אַליין אַ גר, אַ פרעמדער, — די אַלע ווייען, פּיינען פון דעם בירגער־קריג.

נאָך דער דראַמע „ערד־ווײ", וואָס איז ווי אַ זייטיק ווערק אין זינגערס שאַפן, קומען די צוויי זאַמלונגען פון קלענערע און גרעסערע דערציילונגען: „פּערל און אַנדערע דערציילונגען" (1922) און „אויף פרעמדער ערד" (1925), ווי אויך אַ דערציילונג פאַר יוגנט, „לימ־גרובן" (1922). די צוויי ביכער האָבן אָוועקגעשטעלט זינגערן דעם נאָוועליסט אין דעם אויבן־אָן פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. דאָ זיינען שוין אַרויסאַנטפּלעקט אַלע זינגערס אייגנשאַפטן פון יענעם פּעריאָד ווי אַ קינסטלער־מייסטער, וואָס מאָלט רעליעפע געשטאַלטן, און דערפירט יעדעס מאָל זיינע פאַרשוינען צו שטאַרקע גרעאַנגלעניש, צו שאַרפע קאָנפליקטן. און די גרעאַנגלעגישן און קאָנפליקטן זיינען אָפטמאָל הייסע, בלוטיקע, אכזריותדיקע. דעם מענטשן פון דער בירגער־קריג־צייט, דעם מענטש, וואָס איז אַדורך די אַלע ווילדערנישן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, — זיינען פרעמד און דערווידער סענטימענטן און ווייכהאַרציקייטן. ס'איז אַן אָנגעגליטע צייט און אַזוי אויך קומט אַרויס די סביבה, וואָס זינגער ברענגט אַרויס.

אין 1927 פאַרעפנטלעכט י. י. זינגער זיין ערשטן גרויסן ראָמאַן „שטאָל און אייזן", וואָס דערציילט וועגן דער צייט פון מלחמה, בירגער־קריג און

רעװאָלוציע. דאָס איז געװען אײנס פֿון די באַדײַטנדיקסטע ערשטע ייִדישע קריגס־װערק. בנימין לערנער, דער געװעזענער זעלנער, נאָך עטלעכע חדשים זײַן אויפֿן פֿראָנט אין רוסישן מיליטער, װערט פֿאַרװאונדעט. ער ליגט אין אַ שפּיטאָל. און װען די רוסישע חיילות פֿאַרלאָזן װאַרשע, פֿאַרבלײַבט ער אין װאַרשע, אין פּױלן, און מאַכט אַדורך די דײַטשע ברוטאַליטעטן אין דער אָקופּירטער געגנט. שפּעטער קומט בנימין לערנער קיין רוסלאַנד און איז אַ זײַטיקער שטאַרק־אָפּגעפֿרעמדטער עדות פֿון דער רעװאָלוציע.

אין דער זעלבער צײַט מאַכט י. י. זינגער אַ רײַזע איבער פֿאַרשיידענע שטעט פֿון סאָװעטן־פֿאַרבאַנד און פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בוך רײַזע־שילדערונגען אונטערן נאָמען „נײַ־רוסלאַנד", װאו ער מאָלט גאַנץ־ניכטער, מיט אַ בכיװנדי־קער צוריקגעהאַלטנקייט לעבעדיקע בילדער פֿון דעם נײַעם בויענדיקן לעבנס־שטייגער אין סאָװעטנלאַנד.

י. י. זינגער איז אין אָט די יאָרן, 1928-1922, נישט בלויז קינסטלער, ער איז אויך אַרײַנגעצויגן אין דער קולטור־קינסטלערישער טעטיקייט פֿון דעם אויפֿגעװאַכטן ייִדישן פּױלן. ער איז פֿול מיט שאַפֿערישן ברען, ער באַ־טייליקט זיך אַקטיװ אין אַלע אויסגאַבן, זאַמלונגען, צײַטשריפֿטן. ער איז איינער פֿון די איניציאַטאָרן און באַגײַסטערער פֿון די „רינגען", „ליטעראַרישע בלעטער", פֿון „כאַליאַסטרע", און אַ נאָענטער מיטאַרבעטער אין „קולטור־ליגע"־פֿאַרלאַג און אין קלעצקין־פֿאַרלאַג. ער שטייט אויף דער װאַך פֿון דער ראָש־װאָקסנדיקער ייִדישער ליטעראַטור, שרײַבט רעצענזיעס, רעאַגירט אויף אַלע פּאָזיטיװע און נעגאַטיװע קולטור־דערשײַנונגען און װעקט און מינטערט די שרײַבער און באַגײַסטערטע לײענער.

אָבער דער גורל האָט אַזױ געװאָלט, אַז זינגער דער מאָנער, דער טאַדלער, זאָל אַרײַנגעצויגן װערן אין דער נעץ פֿונעם „פֿאָרװערטס". ער האָט נישט געקאָנט בײַשטיין דעם נסיון און געװאָרן אַ צושטעלער פֿון צײַטונגס־מאַטעריאַל, אָפּטמאָל „קיצלדיקן", שונדישן, פֿאַרן „פֿאָרװערטס" אין דער פֿאָרם פֿון בריװו פֿון פּױלן. אמת — אונטער אַן אַנדער נאָמען, אָבער געשריבן מיט זײַן פֿען, מיט זײַן האַנט. דאָס האָט אָן ספֿק שלעכט זיך אָפּגערופֿן אויף זײַן געמיט. דאָס האָט פֿאַמעלעך אָפּגעטױט דעם גרױזלעכאָפּטלעכן אחריות־געפֿיל, װאָס האָט געלעבט אין זינגערן. זינט דאַן הויבט זיך אָן אַ ריס, אַ שפּאַלט אין זינגערן דעם מוטיקן, מונטערנדיקן שרײַבער.

ס'איז אינטערעסאַנט: אין יאָר 1927 פֿירן מיר אַדורך אַן אַנקעטע אין די װאַרשעװער „ליטעראַרישע בלעטער" — „װעמען קומט דער נאָבעל־פּרײַז פֿאַר ליטעראַטור אין 1927?". אין די ענטפֿערס, װאָס ס'האָבן געגעבן פֿאַר־שיידענע ייִדישע, אויך פּױלישע, קינסטלער, איז געװען קאָנטיק די אידעאָ־

לאַגישע פיזיאָגנאָמיע פונעם שרייבער. י. י. זינגער האָט געענטפערט קלאָר, אַז די נאָבעל־פּרעמיע געהערט צו מאַקסים גאָרקי: „גאָרקי — האָט זינגער געשריבן — איז אַלץ נאָך דער איינציקער אין דער רוסישער ליטעראַטור און אפשר נישט נאָר אין דער רוסישער. ער איז גרויסער דיכטער און גרויסער מענטש גלייכצייטיק... גאָרקין קומט צוויי מאָל דער פּרייז, אי אַלס דיכטער, אי אַלס פאַרשפּרייטער פון הומאַניזם און פרידן. ווייל אַלע ווערק גאָרקיס זיינען נאָך אַלץ פול מיט גרויסער ליבשאַפט צום מענטש, צום לעבעדיקן מענטש, פון וואָסער פאָלק און נאַציע ער זאָל נישט זיין. גאָרקי איז די גאַנצע צייט פּראָדוקטיוו, ער ווערט וואָס־אַמאָל קרעפטיקער, און אויב מ'וועט ביים איצטיקן באַשטימען דעם נאָבעל־פּרייז זיך נישט רעכענען מיט קיין פּאָליטישע טענדענצן, נאָר מיט ריין־קינסטלערישע מאָטיוון, דאַרף דעם נאָבעל־פּרייז באַקומען מאַקסים גאָרקי."

אין אָט די באַגייסטערטע שורות פאַר מאַקסים גאָרקין איז דאָ דער געזעלשאַפטלעך־קינסטלערישער אני־מאמין פון דעם דעמאָלסטיקן י. י. זינגער.

נאָך זיין ערשטן ראָמאַן „שטאָל און אייזן" קומען די וויטערדיקע ווערק פון י. י. זינגער, וואָס האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין די ערשטע רייען פון די אָנגעזעענסטע יידישע קינסטלער: „יאָשע קאַלב", „די ברידער אשכנזי", „חבר נחמן", „די משפחה קאַרנאָווסקי".

אָט די פיר גרויסע ראָמאַנען זיינען פון פאַרשיידענע סביבות, פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער. די אַלע פיר ווערק, ווי פאַרשיידן זיי זיינען ניט, זיינען געשריבן מיט אַ ברייטן פאַרנעם, זיי וויקלען פאַנאַנדער דורות יידיש לעבן, זיי ברענגען אַרויס פאַרשיידנאַרטיקע געשטאַלטן, זיי שילדערן אינטערעסאַנטע פּראָצעסן אין דעם רעליגיעזן, געזעלשאַפטלעכן און שטייגערישן יידישן לעבן. „יאָשע קאַלב" פירט אַרויס אַ שטיק יידיש לעבן פון די רבישע הויפן אין גאַליציע; „ברידער אשכנזי" מאָלט די שטאָט לאָדז און דעם אויפקום פון דער אינדוסטריע, דעם יידישן פאַבריקאַנטס און אַרבעטער־לעבן; „חבר נחמן" דערציילט וועגן דעם לעבן פון אַ יידישן טוער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין פּוילן און וואָס האָט אַדורכגעמאַכט די רעוואָלוציע־יאָרן (דער סוף פונעם בוך איז „צוגעשניטן" און „צוגעפּיקסט" לויט דעם „פאָרווערטס"־רעצעפּט). „די פאַמיליע קאַרנאָווסקי" — דריי דורות — אין פּוילן, דייטשלאַנד און אַמעריקע, אָנגעהויבן פון סוף פונעם 19טן יאָרהונדערט ביז די לעצטע טעג.

שוין פון די עטלעכע קורצע שורות איז צו זען, אַז י. י. זינגער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע ווערק דעם סאַמע פאַרשיידנאַרטיקסטן מענטשן־ און פּאַסירונגען־מאַטעריאַל. י. י. זינגער באַגנוגנט זיך נישט מיט שילדערן בלויז זיין הויפּט־טיפּ, אָדער הויפּט־טיפּן, נאָר ער ברענגט אַרויס גאָר די סביבה, וואו

זיי וואַקסן, ווירקן און ווערן באַווירקט. ער פּרוּווט אויך זיך דערגרונטעווען צו זייערע עלטערן, — און אַזוי אַרום ווייזט ער וואו און ווי די געשטאַלט וואַקסט אַרויס און וואַקסט אויס. דער צייט־דויער פון זיין ראָמאַן איז דאָס רוב אַ לאַנגער — פיל צענדליקער יאָרן. און אין משך פון דער האַנדלונג, אין לויף פון דעם גאַנג פונעם ראָמאַן שטעלט ער זיך אָפּ אויף די פּאַר־שיידנסטע עטאַפּן, וואָס דער טיפּ אָדער טיפּן מאַכן אַדורך. דאָס איז די מעלה און אויך דעם חסרון פון זיינע גרעסערע ווערק. זיי פאַרמאָגן אַקציע, זיי פעלט אָבער יענע מייסטערשאַפט, יענע געשליפנקייט, יענער צמצום, וואָס עס האָבן פאַרמאָגט זיינע דערציילונגען פונעם ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן. דאָ האָט שוין י. י. זינגער געצאָלט צינזן דער צייטונג, זיין צייטונג, וואָס האָט באַדאַרפט דאָס ווערק און זיינע טיילן און זיינע קאַפּיטלען צופּאַסן פאַרן טאָג, פאַרן לויפנדיקן טאָג. מיר פילן עס זייער שטאַרק, ווען מיר לייענען זיינע ראָמאַנען אין בוך־פאָרם. מיר פילן ווי ס׳ווערן אַריינגעבראַכט קאַפּיטלען, וואָס זיינען נישט נויטיק פאַרן ווערק. מיר פילן עס אין דער צעצויגנקייט פון אייניקע טיילן.

מעגלעך אויך, אַז די אומדאַנקבאַרע, „שוואַרצע״ צייטונגס־אַרבעט האָט שלעכט געווירקט אויף זיין קינסטלערישער מייסטערשאַפט. פיל קאַפּיטלען זיינען נישט אַריבערגעוואַקסן דעם געוויינלעך רעפּאָרטאַזש. ס׳איז אָפט אַ שעטנז אין זינגערס קינסטלערישע ווערק.

און אַ פּאָר ווערטער וועגן זינגערס פּיעסעס, וואָס זיינען געגאַנגען די לעצטע יאָרן אין היגן ידישן טעאַטער. ווער עס האָט געקענט זינגערן בלויז פון די פאַרקירצטע, פאַרטעאַטראַלעוועטע אינסצעניזונגען, דער האָט ניט קיין באַגריף וועגן די ווערק גופא. די ווערק, די אָריגינעלע ראָמאַנען, זיינען פיל ברייטער, טיפער און אינטערעסאַנטער ווי די אינסצעניזונגען.

די לעצטע צען יאָר, וואָס י. י. זינגער איז אַריינגעוואַקסן אין דער „פּאַר־ווערטס״־משפּחה, האָבן זיך, לײדער, אָפּגערופן אויף אים, אויף זיין אידעאָ־לאָגישער וועלט־אַנשויאונג, אויף זיין קוק אויף דער ליטעראַטור און איר ראָלע אין לעבן. מיט אַ יאָר צוריק האָט ער עס אויסגעדריקט אין אַן אַרטיקל אין „סביבה״ (אַ זשורנאַל, וואָס קאַדיע מאָלאָדאָווסקי גיט אַרויס אין ניו־יאָרק). דאָרט האָט ער דערפירט די ראָלע פון דער ליטעראַטור בלויז צו אַ פאַרוויילערין — און דאָס גאָר. קיין העכערע אויפגאָבן, קיין אַנדערע צילן האָט פאַר אים נישט די ליטעראַטור. ס׳איז געווען פיינלעך צוצוזען, ווי זינגער איז אַוועק באַרג־אַראָפּ. פיינלעך, ווייל י. י. זינגער איז דאָך געווען אַ גאָר אַנדערער אין זיינע וואַרשעווער יאָרן!

* * *

י. י. זינגערס אומגעריכטער, פאַר־דער־צייטיקער טויט האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אין דער יידישער וועלט, און נאָך מער האָט דער פּלוצים־דיקער טויט אויפגערודערט און צערודערט זיינע לאַנג־יאָריקע פריינט. אַט שרייבט מיר מלך ראַוויטש (פון מאָנטרעאָל): „... שוין צוויי וואָכן, און איך קאָן נאָך אַלץ צו זיך ניט קומען וועגן זינגערן. געדענקסט, געדענקסט אַזוי פיל שעהן, האַלבע נעכט, יאָרן, אַ יאָרצענדליק צוזאַמען אין קאַלטס און אין וואַרעמס, און פּלוצלונג — אַלץ אויס... איך קאָן נישט קומען צו זיך.“

איך בלעטער אין אייגענעם זכרון, ווי מען בלעטערט אין טאָג־ביכער פון יאָרן און יאָרן צוריק. עס טויכן־אויף מאָמענטן, סצענעס, עפּיזאָדן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זינגערן, מיט די קאָלעקטיווע פאַרמעסטן און געמיינזאַמע קולטור־קינסטלערישע טואונגען.

די ערשטע באַגעגענישן אין קיעוו אין 1918, אין יענע גרויזאַמע און מערקווירדיקע יאָרן, ווען פרייד און אומגליק האָבן זיך משונה געפּאָרט, ווען נישט־געדאַכטע איבערלעבענישן מיט אויסטערלישע האָפענונגען האָבן זיך געקרייצט. אונדזער הויז אין קיעוו אויף מאַרינאַ־בלאַגאָוועשטשענסקע. דער יונגער, העל־בלאָנדער, שעמעוודיקער זינגער לייענט פאַר אונדז, — בערגעלסאָן, נסתר, דאָברושין, — זיין ערשטע דערציילונג, וואָס נעמט אויס און ווערט טאַקע אינגיכן אָפּגעדרוקט אין אַ זאַמלבוך.

און זינט 1922 אין וואַרשע, אין לויף פון אַ 12־13 יאָר, טרעפט מען זיך טאָג־אויס טאָג־איין. פאַרשיידנאַרטיקע טעטיקייטן, אינאייגעמדיקע קול־טור־קינסטלערישע פאַרמעסטונגען און אויפטריטן. צייטשריפטן, „קולטור־ליגע“, „רינגען“, „ביכער־וועלט“ און דערנאָך אונדזער אַלעמענס „ליטעראַרישע בלעטער“, וואָס מיר פיר, — י. י. זינגער, פּרץ מאַרקיש, נחמן מייזיל, מלך ראַוויטש, — האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן, און שפּעטער אין פאַרשיידענע צייטן האָבן זיך נאָענט מיטבאַטייליקט מיכאל ווייכערט און אַלטער קאַציזנע א. אַ. און דער גרויסער פאַרלאַג „קולטור־ליגע“ און דער קלעצקין־פאַרלאַג. און אָנגריף־ און פאַרטיידיקונג־קאַמפן און שטרייטן, וואָס מ'האָט געפירט מיט פייער און ברען, מיט ליידנשאַפט און אימפּעט — און אָפטמאָל אויך מיט „חוצפּה“ און „שקאָצעריי“. ס'איז געווען „אַ שטורעם און דראַנג“־פּעריאָד נישט נאָר אין לעבן פון יעדן איינעם פון אונדז, נאָר אין גאַנץ פּוילן, וואָס האָט אין יענער צייט צוגעקראָגן שטיקער גאַליציע, וואָלין, ווייסרוסלאַנד, ליטע. צו די עטלעכע, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די העפטיקע קאַמפן, זיינען צוגעשטאַנען יונגע און יינגערע פון פּוילן. מיר האָבן צוגעקראָגן גיך פאַר־בינדעטע פון אַמעריקע, אַרגענטינע, לעטלאַנד, דייטשלאַנד — און מ'איז גע־וואָרן אַ כוח, אַ פאַקט און פאַקטאָר אינעם יידישן קולטור־קינסטלערישן לעבן

אין פוילן, אין אײראָפּע. און מערקווירדיק: י. י. זינגער, וואָס דאָ אין ניו־יאָרק איז ער געווען אָן אַ זייט, אויסער יעדער קולטור־טעטיקייט, אויסער ליטעראַטור־שטרייטן, — דאָרט, אין וואַרשע, איז ער געווען אַ פולסירנדיקער, אַ קעמפנדיקער, אַ סטימולירנדיקער כוח, געווען איינער פון די אַקטיוויסטע און געזעלשאַפטלעך־פאַראַנטוואָרטלעכסטע שרייבער.

און שוין אויך נאָך דעם, ווי די „ליט. בלעטער" זיינען דורך אונדז פיר איבערגעגעבן געוואָרן צום קלעצקין־פאַרלאַג און די „ליט. בלעטער" זיינען רעדאַקטירט געוואָרן דורך מיר, האָט י. י. זינגער זיך געהאַלטן און זיך געפילט ווי אַן אייגענער, אַ היימישער. אין דעם 200טן יובל־נומער, אין 1928, דרוקט ער אַ וואַרעם אַרטיקל א. נ. „אַן אייגן ווינקל", וואָס ער הויבט אָן אַט אַזוי: „ניין. עס טוט אונדז נישט באַנג, קיינעם נישט פון די ערשטע פיר, וואָס האָבן זיך צונויפגערעדט מיט פיר יאָר צוריק, אַז מען דאַרף האָבן אַ ליטעראַרישע וואָכנבלאַט און טאַקע גלייך, אָן געלט און אָן צוגרייטונג, אַרויסגעלאָזט די „ליט. בלעטער"... צוגעוואוינט שוין פיר יאָר צו די „בלעטער", האָבן מיר שוין פאַרגעסן וואָסער פּנים דאָס ליטעראַרישע לעבן האָט געהאַט פריער, בעת פאַר יעדן קלענסט נאָטיצל וועגן אַ ליטעראַריש־קולטורעלן ענין האָט מען געדאַרפט פירן אַ קאַמף מיט די טאָג־ און נאַכט־רעדאַקטאָרן, בעת די אַנגעוויטיקטע פראַגן פלעגן באַגראָבן ווערן צווישן די „געפּגרטע קעץ" פון רעדאַקטאָרישן שופלאַד... די „ליט. בלעטער" האָבן כסדר געוועקט דעם אינטערעס פאַר אונדזער ליטעראַטור, שפּראַך, שול, וויסנשאַפט — אפילו געווען אַ צייט, ווען אַדאַנק די „ליט. בלעטער" האָבן אַלע צייטונגען אין פוילן איינגעפירט ליטעראַרישע אָפּטיילונגען ביי זיך. דער יידישער שרייבער האָט באַקומען מער אָנזען." און י. י. זינגער מיט זיינע טעמפּעראַמענטפולע אַרטיקלען האָט פיל מיטגעהאָלפן אָט־יענעם אָנזען פון דעם שרייבער.

אייניקע, וואָס האָבן זיך ברייט צעשריבן אין „פאָרווערטס" וועגן זינגערן, הויבן אָן די צייט־רעכענונג פון י. י. זינגערס שאַפן פונעם מאָמענט, ווען ער איז אַריבערגעטראָטן די „פאָרווערטס"־שוועל.*) אָבער י. י. זינגער איז געווען

*) אב. קאַהאַן, אין זיין אַרטיקל וועגן י. י. זינגער („פאָרווערטס", 27טן פעברואַר), בראַקט נישט־געשטויגענע געשיכטעס וועגן י. י. זינגערן אין וואַרשע: מ'האָט אים, אין וואַרשע, „איגנאָרירט פשוט פאַרפאַלגט", ער האָט זיך געפלאָגט, „געשריבן דערציילונגען, וועלכע די רעדאַקציעס האָבן נישט אָנגענומען", זיין דערציילונג „פּערל" האָט ער אין ערגעץ נישט געקאָנט דרוקן, און אַז זי איז יאָ אָפּגעדרוקט געוואָרן, „איז זי געווען אַ פולשטענדיקער דורכפאַל"... אַזוי האָט עס אויסגעזען — דערציילט אב. קאַהאַן — ביז דורך אַ צופאַל איז זי געקומען אין די הענט פון דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע. — און „מיט דעם האָט זיך אָנגעפאַנגען

פאַררעכנט ביי אונדז פאַר איינעם פון די טאַלאַנטפולסטע דערציילער יאָרן און יאָרן נאָך איידער מ׳האָט אים „אַנטדעקט״ אויף איסט־בראָדוויי 175.

אָט מיש איך איצט אויף אַן אַרטיקל וועגן י. י. זינגער, וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן אָנהויב 1925 (אָפּגעדרוקט אין „נאָענטע און וויטע״, ב׳ 2). איך נעם אַרויס פון אים אייניקע אויסצוגן, וואָס באַווייזן, אַז י. י. זינגער איז אין יענער צייט שוין געווען אַן אָנערקענטער שרייבער מיט אַן אייגענער פיזיאָגנאָמיע, און אַז מיר האָבן פון אים זייער פיל געהאַלטן און פיל דערוואַרט.

איך הויב אָן יענעם אַרטיקל: „נישט לאַנג איז י. י. זינגער געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור און ער פאַרנעמט שוין אין דער יידישער בעלעטריסטיק זייער אַ בכבודיק אָרט. זיינע ערשטע בעלעטריסטישע זאַכן האָט זינגער, ווי געזאָגט, פאַרעפנטלעכט אין די קיעווער צייטונגען און זאַמל־ביכער אין די יאָרן 1919־1920, אין 1922־1924 זיינען דערשינען זיינע ביכער „ערד־ווײ״ (אַ דראַמע אין 3 בילדער), „פּערל״, „אויף פרעמדער ערד״ (ביידע — זאַמלונגען פון דערציילונגען).

„...״ערד־ווײ״, אַ סימבאָל־דראַמע פון וועלט־שרפה און וועלט־חורבן, איז געווען ביי זינגערן אַ גאָב דער צייט, דער תקופה — די רעוואָלוציע־ און שחיטה־יאָרן, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט אין אוקראַינע (וואוהין ער איז געקומען פון פוילן אָנהויב 1917). די דראַמע שטייט און וועט מסתמא בלייבן שטיין אָן דער זייט פון י. י. זינגערס רעאַלן שאַפן. דער אָנגעצויגענער פּאַטעטישער סטיל און די הילכיקע, באַפליגלטע פראַזע זיינען נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ניכטערן און וויניק־ראָמאַנטישן זינגער. דער פּאַטאָס און די ווײ־געשרייען קומען אין דער דראַמע מער פון אויסן, מער פון דעם אַרום־און־אַרום, ווי פון זינגערן גופא. זינגער לאָזט זיך נישט מיטרייסן פון פרעמדע רויש־געזאַנגען. ער האָט אַ דורכדרינגענדיקן בליק, אַ שאַרפן געהער, — אָט דאָס זיינען בעיקר זיינע קינסטלערישע כלי־זיין (קליי־זאַין — געווער).

זיין קאַריערע אין דער יידישער ליטעראַטור״... דערנאָך קומען נאָך און נאָך קאַהאַן־מעשיות וועגן זינגערס באַשלוס נישט צו שרייבן, און ער „פאַרטרויט״ אַ סוד, אַז „געוויסע יידישע שרייבער אין וואַרשע האָבן פאַרפאָלגט אים מיט זייערע פיינטלעכע באַציאונגען, מיט זייער נישט־פאַרגינערײ און אינטריגעס״. „דער רעדאַקטאָר״, — דאָס מיינט אב. קאַהאַן — האָט געענטפערט (זינגערן) אין אַ פריילעכן טאָן...״ און מיט אַ שורה ווייטער: „דערביי האָט דער רעדאַקטאָר זיך גוטמוטיק צעלאַכט״, און דאַן „האָט זינגער איינגעזען, אַז ער האָט קיין גרונט נישט זיך צו דערווייטערן פון דער ליטעראַטור צוליב אַ פּאָר פּערזענלעכע נישט־פאַרגינער״...

מערקווירדיק, וואָס ס׳ווערט פון אַ „פאַרפאָלגטן״, נעבעך, זינגער, ווען „דער רעדאַקטאָר צעלאַכט זיך גוטמוטיק״!...

שאַרפֿע, קלאָרע בילדער, בוילעטע, קאַנטיקע שטריכן, ראַשיקע און אָפּגע־האַקטע באַוועגונגען, לעבעדיקע און רעליעפֿע געשטאַלטן — דאָס זיינען זיינע אייגנשאַפֿטן. ווען ער קומט שילדערן אַ מענטש, אַ פּאַסירונג, אַ סיטואַציע, גייט ער מיט זיין גאַנצן קינסטלער־באַגאַזש צום סאַמע צענטער און פֿאַרהאַלט זיך וויניק אויף זייטן־וועגן. ער האָט פֿיינט צעפֿירן די שאַרפֿע פֿאַרבן אין וואַסער, ער האָט אויך פֿיינט צו צוגעבן צום עיקר זייטיקע פּרטים. בעלע־טריסטישע באַרעדעוודיקייט און אַרומשרייבעכץ איז אים פֿרעמד. ער צילט שטענדיק אין סאַמע פֿינטל אַריין. אָבער דאָס פֿינטל איז נישט אַלעמאָל דער מענטש גופֿא. קיין באַזונדערע ליבע און אַכטונג צום מענטש האָט ער נישט. ער צערטלט זיך נישט מיט אים און איז נישט גרייט אַלץ מפֿקיר זיין צוליב אים. דער מענטש איז ביי אים דער פֿלעק אויפֿן פּאַן, דער ציל, וואוהין עס זיינען געווענדט זיינע שאַרפֿע קינסטלער־פֿיילן, וואָס זיינען זייער אָפֿט איינ־געטונקען אין גיפֿט.״

און ווייטער:

„. . . דער עיקר איז ביי אים די שאַרפֿע, טרעפֿלעכע באַצייכענונג, די ריכטיקע, דינסטע כאַראַקטעריסטיק, און נישט סתם ספּור־המעשה. יעדער פֿאַקט פֿאַר זיך איז אינטערעסאַנט, און ער מעג קומען פֿריער אָדער שפּעטער — ס׳איז אַלץ איינס. די פּאַסירונג איז פֿאַרבונדן מיט פֿיל אינעווייניקסטע פּסיכישע איבערלעבענישן און נישט דורך אויסערלעכע צוזאַמענהאַנגען. לייענט זיין אינטערעסאַנטע דערציילונג „פּערל״ נישט לויטן סדר ווי די קאַפּיטלען קומען אין בוך, נאָר אין וועלכער אָרדענונג איר ווילט, וועט איר זען, אַז די „האַנדלונג״ איז נישט וויכטיק — דער עיקר זיינען די איינצעלנע געשילדערטע שטאַרקע סצענעס...

„. . . ווען איר לייענט זיינע שטאַרקערע זאַכן, גייט ביי אייך אַדורך אַ גרויל פֿון דעם לעבן, וואָס ער שילדערט מיט אַזוי פֿיל בייזקייט און אכזריות. אומברחמנותדיק מאָלט ער מענטשן, חיות, באַציאונגען, קאָנפֿליקטן, און אַלץ אַזוי שאַרף, נאַקעט און בייז. כמעט די אַלע דערציילונגען — ווי פֿאַרשיידן עס איז נישט די סביבה, די מיליע, וואָס ס׳ווערט אין זיי געשילדערט — האָבן צו טאָן מיט „שטאַרקע״ מענטשן, מיט אויסטערלישע טיפּן, מיט פֿאַר־קריפּלטע געפֿילן, מיט מאָדנע „שוואַכקייטן״ און דערביי פֿאַרמאָגן זיי אַ משונה־דיקע עקשנות. י. י. זינגער „באַלעקט״ זיך דערמיט, שטעלט זיך נישט אָפּ אויף האַלבן וועג און ער פֿירט און דערפֿירט זיינע פֿאַרשוינען ביז אָפּגרונט און גרונט קאַלטבלוטיק, אַז אַ ברעקל מיטליד און ציטער... סענטימענטן זיינען אים לחלוטין פֿרעמד, השתפּכות־הנפֿש און השתפּכות־הפֿעדער — אוודאי

נישט... ער שילדערט האַרט, קורץ, אָפּגעהאַקט און אָפּגעטאַקט. בוילעטע, רעליעפע פיגורן, בוילעטע, רעליעפע באַוועגונגען און בוילעטע, רעליעפע קאָנפליקטן. האַנדלונג, דיאַלאָג, נאַטור־שילדרונג איז דערפירט ביי אים ביז אַ מינימום. העלע, בונטע, ראַשיקע פאַרבן און געגעבן בוילעט, און עס באַקומט זיך שיער נישט מעשה־באַרעליעף."

און אַט אייניקע שורות פונעם אַרטיקל וועגן זיין צווייטן באַנד דערציילונגען „אויף פרעמדער ערד":

„אויף פרעמדער ערד" — דער נאָמען אַליין איז שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַר זינגערן. אַלע ביי אים לעבן ווי אין דער פרעמד, אויף פרעמדער ערד. נישטאָ קיין היימיש, וואַרעם ווינקל, נישטאָ קיין נאָענטער מילדער מענטש, קיין האַרציק, געמיטלעך צוזאַמענלעבן. אַ וועלט מיט מאָדנע ברואים, משונה כאַראַקטערן, אויסטערלישע אייגנשאַפטן, אומנאַרמאַלע גלוסטונגען, זיטנלאָזע באַציאונגען און קאָנטראַסטן, סתירות..."

אַט די אַלע באַהויפּטונגען זיינען באַגרינדעט מיט ביישפּילן פון זיינע דערציילונגען. און דער אויספיר: „זינגער איז אָריגינעל מיט זיין טעמאַטיק, אָריגינעל אין זיין שילדערונג. און דער עיקר — ער איז אַ קינסטלער, אַ מייסטער... און מיט אַזעלכע גלענצנדע מיטלען, מיט אַזאַ שילדערונג־קראַפט קאָן און דאַרף י. י. זינגער אַרויף אויף ברייטע וועגן פונעם יידישן לעבן, און — מיט ווייניקער אכזריות און בייזקייט און מיט מער פאַרשטענדעניש און ליבע צו מענטשן, צו זייער קאַמף און לעבן, צו זייערע ליידן און פריידן."

דאָס איז געווען די כאַראַקטעריסטיק פון י. י. זינגער דעם קינסטלער פונעם ערשטן, גאַנץ־קורצן פעריאָד פון זיין שאַפן, — דער פריאָד, וואָס נעמט אריין זיין דראַמאַטיש ווערק „ערד־וויי", זיינע צוויי זאַמלונגען פון דערציילונגען, „פּערל" און „אויף פרעמדער ערד". און ס'מוז באַטאָנט ווערן, אַז עס איז געווען ביי אונדז די זיכערקייט, אַז זינגער קאָן און דאַרף אַרויס אויף ברייטע וועגן פונעם יידישן לעבן.

פון די קלענערע דערציילונגען, פון קירצערע שילדערונגען גייט טאַקע י. י. זינגער אַריבער צו ברייטע ראָמאַנען־לייוונטן. אין דער זעלבער צייט איז זינגער מיטגעריסן געווען פון דעם אימפעט, וואָס האָט גענומען שלאָגן אינעם נייעם יידישן פוילן, מיטן דראַנג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און דער באַגייסטערטער יידישער יוגנט. ס'איז געווען דאָן ווי אַנהויב פרילינג, ריטשקע־לעך האָבן רוישיק געפלאָסן אין די ברייט־צעגאָסענע טייכן.

לייענט די מונטערע, מונטערנדיקע אַרטיקלען פון י. י. זינגערן פון יענע יאָרן, לייענט זיינע באַגייסטערנדיקע רופן צו שאַפן און צו בויען, — וועט איר

זיך נישט גלויבן, אַז ס'איז דער זעלבער ניכטערער, צוריקגעצויגענער, „אַנטי־געזעלשאַפטלעכער" י. י. זינגער, וועלכן מ'האָט דאָ געקענט אין ניו־יאָרק, אין אַמעריקע. י. י. זינגער — אַ טרייער מיטגליד אין „פאָרווערטס", וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון די שאַפערישע פּראָגרעסיווע קרייזן. מערקווירדיק, אַז די „פאָרווערטס"־חבריא האָט אים אַפילו אַרויסגעצויגן פון דעם יידישן פּען־קלוב. אין די „ליטעראַרישע בלעטער" איז ער געווען אין לויף פון די יאָרן 1924־1928 פון די פולבלוטיקע, גלויביקע און אַקטיוויזירנדיקע שרייבער, וואָס האָט געוואָרנט, געמאָנט און גערופן צו אַקציע. אין 1926 באַזוכט ער סאָוועטן־פאַרבאַנד און ער גיט אָפּ אַ פריידיקן גרוס וועגן דער ראָלע פון יידיש, וואָס „איז גלייכבאַרעכטיקט מיט אַלע אַנדערע שפּראַכן. די סאָוועטישע רעגירונג, וואָס גיט אַלע פעלקער די גרעסטע מעגלעכקייטן זיך צו אַנטוויקלען אין זייערע שפּראַכן, גיט אויך יידן, כאָטש ניט קיין טעריטאָריעל פאָלק, די ווייטגייענדיקסטע מעגלעכקייטן פאַר דער יידישער קולטור און שפּראַך. עס לערנען זיך העכער 100 טויזנט יידישע קינדער אין די יידישע שולן. די צאָל וואַקסט. פאַראַנען אַ סך יידישע פּעדאַגאָגישע טעכניקומס, אַרבעטער־פאַקולטעטן, יידישע פויערן־שולן, יידישע אָפּטיילונגען ביי די אַלגעמיינע אוניווערסיטעטן, אָוונט־שולן, פּראָפעסיאָנעלע שולן א. אַז. וו." ער האָט אויך מיט גרויס באַגייסטערונג דערציילט וועגן דעם, אַז „דער יידישער שריפטשטעלער האָט אַלע מעגלעכקייטן צו קומען אין באַרירונג מיט דער נישט־יידישער גאַס. עס טרעטן אַרויס יידישע און רוסישע שרייבער צוזאַמען. שלום־עליכמס 10טער יאָרצייט איז געפייערט געוואָרן אין גאַנצן לאַנד. ס'איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע אין גרויסן מאַסשטאַב."

דאָס אַלץ האָט ער איבערגעגעבן אין אַ אינטערוויו אין די „ליט. בלעטער".

סוף 1927 איז י. י. זינגער אַרויסגעקומען מיט אַ הייסן רוף: „יידישע שרייבער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך!" („ליט. בלעטער", 1927, נ' 43.) אין דעם הייסן אַרטיקל־רוף האָבן מיר וויכטיקע באַהויפּטונגען, וואָס זיינען מיט 10 יאָר שפּעטער געלייגט געוואָרן אינעם יסוד פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. י. י. זינגער שרייבט דאָרט צווישן אַנדערן: „אַלע יידישע שרייבער, ווען די יידישע ליטעראַטור איז טייער (אויב נישט, קאָן מען קיין יידישער שרייבער נישט זיין), אַלע, וואָס מיינען ערנסט מיט דער יידישער ליטעראַטור, — דאַרפן געדענקען אָן דעם כלל, אַז נאָר אַ יידישע ליטעראַטור אַ גאַנצע אָן אונטערשייד פון לאַנד און אָרט, וואו זי ווערט געשאַפן, קאָן אונדזער ליטעראַטור זיין! אַלע צוזאַמען זיינען מיר עפּעס, יעדער באַזונדער — גאָרנישט." און דעריבער האָט ער גערופן: „מיר מוזן זיך

אָרגאַניזירן. אַ קאָנגרעס אָדער אַ קאָנפערענץ פון יידישע שריפטשטעלער פון אַלע לענדער מוז צונויפגערופן ווערן. פונקט ווי די טשערנאָוויצער קאָנ־פערענץ האָט אָרגאַניזירט יידיש, אַזוי דאַרף דער שרייבער־קאָנגרעס זיין דער גרונטשטיין פאַר דער איינהייטלעכקייט פון דער יידישער ליטעראַטור, שטאַרקן זי, אָרגאַניזירן זי...״ — — — „אַזאַ קאָנגרעס — האָט י. י. זינגער ווייטער געשריבן — וועט האָבן אויך אַ גרויסע מאָראַלישע באַדייטונג. נאָך דעם ווי מיר וועלן שאַפן די דערנעענטערונג צווישן זיך, וועלן מיר קאָנען שאַפן די דערנעענטערונג צווישן זיך און דער וועלט, צווישן זיך און דער יידישער פרעסע, צווישן זיך און דעם יידישן לייענער, צווישן לאַנד און לאַנד.״

זינגערס אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע. ס׳זיינען געקומען אַרטיקלען־ענטפערס פון נחמן מייזיל, מלך ראַוויטש, א. מ. פוקס, יעקב לעשצינסקי, א. גאָלאָמב, לעאָ קעניג, לייבוש לעהרער א. אַ., וואו די וויכטיקסטע און ווייטיקדיקסטע פּראָבלעמען פונעם יידישן קולטור־שאַפן זיינען ברייט אַרומגערעדט געוואָרן. אייניקע מאָמענטן און שטעלן אין דער דיסקוסיע האָבן נאָך איצט נישט אָנגעוואוירן זייער אַקטועלקייט.

י. י. זינגערס צענדליקער אינטערעסאַנטע, שלאָגפערטיקע, אַרויס־רופערישע אַרטיקלען (פאַרעפנטלעכט אין די „ליט. בלעטער״) זיינען געשריבן געוועזן מיט „באַק־ציינער״. פיל אַרטיקלען האָבן געטראָפן אין פינטל אַריין און געבראַכט אַ שאַרפע פּאָלעמיק. מיר האָבן דאָן אויך אַ קאָלעקטיוון, אָרגאַני־זירטן אופן געשטירצט די אַלטע „פעסטונגען״ אין דער יידישער גאַס און צעטרייסלט די טראָנען פון די געקרוינטע אָדער זעלבסט־געקרוינטע „הערר־שער״ אין דער יידישער פרעסע און ליטעראַטור. ס׳איז געווען אַ פריידיקע צייט, אַ יורנדיקע, אַן אויפברויזנדיקע. עס דערמאָנען זיך זיצונגען קאָנפערענצן, מאַסן־פאַרזאַמלונגען, וואו די גרופּע, די „כאַליאַסטרע״ איז אַרויסגעקומען מיט איר האַרב און שאַרף וואָרט. י. י. זינגער איז נישט געווען קיין רעדנער, אָבער זיינע באַמערקונגען זיינען שטענדיק געווען אין צייט, טרעפלעך, איבערצייגנדיק.

י. י. זינגער איז נישט געווען קיין סענטימענטאַלער אָדער ראָמאַנטישער מענטש. עס איז ווי ער וואָלט זיך געהיט פאַר דעם, נישט געוואָלט פאַרלירן זיין ניכטערקייט, זיין וואַכזאַמקייט. ער איז אָבער געווען אַ מענטש מיט אחריות פאַר אייגענע טואונגען און געמאָנט אָט די אחריות אויך ביי אַנדערע. ער האָט פאַרמאָגט טעמפעראַמענט, אָבער ער האָט אים געהאַלטן פאַרזיגלט אונטער זיבן שלעסער. אָבער דאָך פלעג ער אַרויס „פון די כלים״, און דאַן זיינען ווי אויפגעשלאָסן געוואָרן אַלע שלעסער. אויף צונויפטרעפן, אויף

שמחהלעך און בכלל, ווען מ'איז געזעסן אַזוי אַ פּאָר היימישע מענטשן, האָט י. י. זינגער אויפגעוואַכט, און גענומען שפּרודלען מיט חכמה. ער האָט מייסטעריש נאָכגעמאַכט מענטשן, אימפּראָוויזירט אויסטערלישע נישט־געשטויגענע פּאַסירונגען און געשיכטן וועגן ז. סעגאַלאָוויטש, אַלטער קאַציזנע, פּרץ הירשביין, מאָריס שוואַרץ, אברהם מאָרעווסקי, צבי פּרילוצקי, מלך ראַוויטש, בער האָראָוויץ א. אַז. וו. אַט די „פּריינטלעכע שאַרזשן" האָבן געהאַט אַלע חנען, און זינגער איז געווען גליקלעך צו מאָלן און שילדערן זיי ביי יעדער געלעגנהייט. אין די צייטן ווען פּרץ מאַרקיש איז געווען מיט אונדז אין וואַרשע, האָט י. י. זינגער געהאַט אין אים אַ פּרעכטיקן פּאַרטנער, אַ מיט־שפּילער אין די אַלע שטיפעריַיען. צוויי גאַנץ באַזונדערע כאַראַקטערן, אָבער זיי זיינען געווען פּאַרברידערט אין יענע יאָרן און ס'איז געווען אַן ענגער קאָנטאַקט צווישן זיי.

צו יענער צייט, אין 1927־1928, איז אַרויס פון דרוק אינעם קלעצקין־פאַרלאַג י. י. זינגערס „נײַ־רוסלאַנד" (בילדער פון אַ רייזע), איינדרוקן און שילדערונגען פונעם נייעם לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, באַשרייבונגען פונעם נייעם לעבנס־שטייגער, פונעם קולטור־לעבן א. אַז. וו. מיט אַ פּאָר חדשים פאַר דעם (ווינטער 1927) איז דערשינען י. י. זינגערס ערשטער ראָמאַן „שטאָל און אייזן" (364 ז"ז). אגב, אַט דער ראָמאַן איז געדרוקט געווען אין פאַר־זעצונגען אין אַ וואַרשעווער טעגלעכער צייטונג. אין ראָמאַן האָט זינגער געמאָלט אַ יידישן יונגערמאַן, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט כלערליי גלגולים. דער ראָמאַן איז געשריבן דורך י. י. זינגער אין די יאָרן 1923־1926. אין דעם הויפּט־טיפּ לערנער האָבן מיר דערקענט זינגערן, זיינע איבערלעבענישן און זיינע איבערוואַנדלונגען אין די יאָרן 1915־1919.

זינגער האָט די ערשטע וועלט־מלחמה, דעם בירגער־קריג אַדורכגעמאַכט אויף אייגענע פּלייצעס. אין זיין „ערד־ווײ" האָט ער בעיקר געגעבן די צע־טומלעניש, דעם כאַאָס, דעם שרעק, וואָס ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו באַ־גרייפן און צו פאַרשטיין. „שטאָל און אייזן" איז אַן אמתדיק קריגס־ווערק, הגם קיין שאָסן־קנאַלן הערן מיר נישט אין בוך. אָבער דער קריג פילט זיך אויף יעדן בלעטל. אין אַ שאַרפער, בוילעטער פאָרם איז געמאָלט דאָס „פרייד־לעכע" לעבן ביי דער אָקופּאַציע פון די „קולטורעלע" דייטשן. סאַראַ ברוטאַלי־טעט, סאַר אַן אכזריות די דייטשן ווייזן אַרויס דער יידישער שוצלאָזער באַפעלקערונג! דערנאָך קומט ער קיין אוקראַינע, פּעטערבורג. „שטאָל און אייזן" איז געווען זינגערס ערשטער קער צו דעם ברייטן שליאַך, צום ראָמאַן.

י. י. זינגער איז אַזוי אַרום דאָ, אין 1928, געווען אין סאַמע גליקלעכסטן

און שאַפּערישסטן פּעריאָד פון זיין שאַפן. אַנערקענט און געשאַצט פון דער יידישער וועלט און באַליבט ביי אַרומיקע און נאָענטע.

און ס'איז געווען באַטירלעך און פאַרשטענדלעך, ווען דער קלעצקין־פאַרלאַג, וואָס האָט זינט 1926 אַרויסגעגעבן די „ליט. בלעטער", האָט באַשלאָסן צו באַנייען דעם חודש־זשורנאַל „יידישע וועלט", זאָל י. י. זינגער זיין צווישן די איניציאַטאָרן, אויב נישט איינער פון די ערשטע גרונטלייגער. פּרץ הירשביין, אסתר שומיאַטשער און מלך ראַוויטש געדענקען זיכער די אינטערעסאַנטע זיצונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט דאַן, אָנהויב 1928, וואו מיר האָבן ברייט און אַלזייטיק אַרומגעטראַכט, אַרומגערעדט און באַהאַנדלט די אַלע פראַגן וועגן דעם געפּלאַנטן חודש־זשורנאַל. י. י. זינגער איז געווען דער באַגייסטערער און אינספּירירנדיקער חבר. נאָך לאַנגע ישובים האָבן מיר געמיינזאַם אויסגעאַרבעט די הויפּט־פּרינציפּן פונעם זשורנאַל און פאַרעפנטלעכט דעם ערשטן רוף, וואו מיר האָבן באַטאָנט, אַז „וואָס־ווייטער ווערט אַלץ־מער רייף דער געדאַנק און עס וואַקסט אַלץ־מער די נויטיקייט צו שאַפן דעם גרויסן זשורנאַל, וואָס זאָל גרופּירן אַרום זיך די בעסטע כחות פון די יידישע שריפטשטעלער און וויסנשאַפטלער און וואָס זאָל קאָנען באַפרידיקן אונדזער ערנסטערן, בעסערן לעזער..." מיר האָבן בכיוון אָנגערופן דעם נייעם זשורנאַל „יידישע וועלט", און מיר האָבן באַטאָנט, אַז „דער זשורנאַל וועט שטיין אויף דער געהעריקער קינסטלערישער און קולטורעלער הויך, ווי די „יידישע וועלט" בשעתּו (פון 1913־1915)." „די „יידישע וועלט" — האָבן מיר פאַרזיכערט — וועט זען צו פאַרשטאַרקן און פאַראייניקן די ליטעראַרישע כחות און זיך קעגנשטעלן דער צעשפּליטערונג און צעברעקלונג, וואָס הערשט לעצטנס אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט."

די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל איז באַשטאַנען פון פּרץ הירשביין, י. י. זינגער, נחמן מייזיל, מלך ראַוויטש, און אַלע פיר האָבן זיך דאַן מיט ברען און מיט גאָר דער אחריות גענומען אויפצובויען די באַנייטע „יידישע וועלט", וואָס איז „אַזוי נויטיק דער יידישער ליטעראַטור, דעם יידישן קולטור־בויען", און מיר האָבן פייערלעך צוגעזאָגט, אַז „אַלדאָס פּאָזיטיווע, שעפערישע אין אונדזער לעבן וועט געפינען זיין אונטערשטיצונג אין דער „יידישער וועלט"..."

אינעם ערשטן נומער פונעם זשורנאַל האָט י. י. זינגער זיך באַטייליקט מיט אַן אַרטיקל „פרייהייט פון קינסטלער אָדער שקלאַפן פון דער פרייהייט", וואו ער האָט פאַרטיידיקט די רעכט פונעם קינסטלער און אַרויסגעטראָטן קעגן די פּרוואון צו „פאַרשקלאַפן" אים. און אַלץ איז געגאַנגען גוט. דער ערשטער נומער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַפרידיקונג. פּרץ הירשביין און אסתר שומיאַטשער זיינען אָפּגעפאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד און מיר האָבן זיך

גענומען גרייטן צו די ווייטערדיקע נומערן פונעם זשורנאַל. איך בין אָפּגעפאָרן (אַפּריל 1928) אויף אַ פּאָר וואָכן קיין בערלין צום מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, וואָס האָט דאָן גאַסטראָלירט, וואו איך האָב אויך געפירט אונטער־האַנדלונגען מיט פאַרשיידענע יידישע און יידיש־דייטשע שרייבער, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אינעם זשורנאַל.

פּלוצים קומט מיר אָן קיין בערלין אַ דרינגענדיקער בריוו פון וואַרשע, — ס'איז אַ קריזיס, ס'איז אַ קאַטאַסטראָפע: י. י. זינגער האָט באַשלאָסן זיך צוריקציען פון דער ליטעראַטור און זאָגט זיך אָפּ פון דער רעדאַקציע.

איך בין צוריקגעקומען, און געטראָפן גאָר אַן אַנדערן זינגער. פאַר־שוואונדן די גוטברודערישקייט, שוין נישטאָ די פריערדיקע האַפּערדיקייט, ער האָט פאַרלוירן די אַרויסרופערישע זיכערקייט.

וואָס איז געשען? דער שטויס צו דעם איז געווען אַ נישט־גינסטיקער אַרטיקל וועגן זיין „שטאָל און אייזן" אין אַ ניו־יאָרקער יידישער צייטונג. אָבער איך מיין, אַז דאָס איז געווען נישט מער ווי דער לעצטער שטויס. די אמתע סיבה איז געווען אַ פיל־טיפערע, אַן אינעווייניקסטערע. ס'איז נישט געווען קיין פּלוצלונגדיקער אַטאַק, אַן אומגעריכטער „שאָק", נאָר ס'האָט געטאָטשעט און געפּיקט ביי אים אַ לענגערע צייט, און לסוף האָט עס אויס־געבראָכן. מלך ראַוויטש (אין זיין אינטערעסאַנטן, רירנדיקן געזעגענונגס־אַרטיקל איבער י. י. זינגער אין „קענעדער אַדלער" פונעם 16טן און 17טן פעברואַר) באַרירט אָט די פּאַסירונג, אָבער ער פּרוּווט נישט זיך דער־גרונטעווען אין איר. י. י. זינגער האָט נישט דאָן און נישט שפּעטער נישט גערעדט וועגן דעם. ער איז געווען צו־אַמביציעז, צו־שטאָלץ צו שמועסן מיט פריינט וועגן שוואַכע, נעגאַטיווע טונקל־זייטן אין זיין כאַראַקטער. איך בין זיכער, אַז דער הויפּט־שולדיקער אין דעם אויסברוך איז געווען די „מלאכה בזויה" (די אומציכטיקע אַרבעט), וואָס ער האָט באַדאַרפט טאָן פאַרן „פאָר־ווערטס" ווי זיין קאָרעספּאָנדענט פון פּוילן. אמת, ער האָט פאַר אָט דער אַרבעט געהאַט אַן אַנדער לבוש, אַן אַנדער נאָמען, אָבער ער, זינגער, וואָס איז געווען אַזוי פאַדערנדיק און שטרענג צו אַנדערע אין זיינע אַרטיקלען, אין זיינע שמועסן, האָט געמוזט פילן אַ דיס אין זיך גופא. מיר, נאָענטע, האָבן עס צוגעזען. י. י. זינגער האָט געוויס שטאַרק געליטן פון דעם, ווי ס'האָבן געליטן אַנדערע צושטעלער פונעם קיצלדיקן שטאָף פאַרן „פאָרווערטס" (שרה ברענער פון בערלין, מאַסקוף פון ווין). איך טראַכט, סאַר אַ מאָדנע־פאַר־פירערישן כוח אָט דער „פאָרווערטס"־באַס האָט עס פאַרמאָגט — צו נעמען ריינע, געוויסנהאַפטיקע, טאַלאַנטפולע קינסטלער, און זיי אַרויפפירן אויף דעם גליטשיקן וועג פון שונדישע נישט־געשטויגענע פּאַסירונגען, אָנשטאָט צו

שרייבן וועגן ריכטיקע געשעענישן און שילדערן דעם רייכן לעבנס־שטייגער...
י. י. זינגער, ווי אַ תלמיד־חכם, האָט געפונען אַ באַרעכטיקונג פאַר אָט דער נישט־אָנשטענדיקער אַרבעט. ער האָט פיל יאָרן געליטן נויט און דחקות, אַדורכגעמאַכט די שווערסטע צייטן, האָט ער געפאָלגט די מימרא „פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות" (ווער אַ נבלות־שינדער אין מאַרק, אַבי נישט אָנצוקומען צו לייט). אָבער אַ טיפער ווידערשפּרוך איז עס געווען. — ער — דער מאָנער, דער טאַדלער, דער שטרענגער קריטיקער צו אַלעמען, ער פאַר־נעמט זיך גאָר מיט אומריינע, אומקולטורעלע שרייבערייען. ער האָט עס גע־פרואווט פאַרגלעטן, פאַרטושן, ביז ס'האָט געפּלאַצט..

ס'זיינען געווען פיינלעכע, וויטיקדיקע צייטן נישט נאָר פאַר זינגערן, נאָר אויך פאַר אונדז, זיינע נאָענטע. מיר האָבן זיך ווייטער נאָכאַנאַנד, טאָג־טעגלעך געטראָפן, און ס'איז געווען אַ צער און פאַרדרוס צוצוזען די זעלבסט־פייניקונג פון דעם אָט־ערשט לעבנס־לוסטיקן, פריידיקן זינגער. איך טראַכט: ס'איז אפשר נישט קיין צופאַל, וואָס אין יענער צייט איז ביי אים אויפגעקומען דער ווילן צו שרייבן „יאָשע קאַלב"; מעגלעך, אַז ערגעץ־וואו זיינען דאָ באַריר־פונקטן צווישן יענער געשטאַלט מיט זינגערן פון יענער צייט, וואָס ער גייט אָפּקומען פאַר באַגאַנגענע זינד. מיט אַ מאָדנער אויסגעהאַלטנקייט האָט זינגער אַדורכגעפירט זיין באַשלוס — נישט צו שרייבן. ער האָט, ווי דער פרעכטיקער טיפ שכנא דייק פון ביאַלאָגוריע (פון „יאָשע קאַלב") אַרויסבאַוויזן פאַנאַטישע עקשנות און קאָמפּסלוסטיקייט. ער האָט פלייסיק געלערנט דייטש, זיך אַ נעם געטאָן צו פויליש, און באַמיט צו דערשלאָגן זיך צום דייטשישן און פוילישן טעאַטער מיט ספּעציעל־געשריבענע פאַר זיי דראַמאַטישע ווערק, וואָס ער האָט געלאָזט איבערזעצן אין דייטש און אין פויליש.

ווען איך טראַכט איצט וועגן אָט דער פּאַסירונג קומט מיר אויס, ווי אַ סטרונע האָט געפּלאַצט אין דער זינגער־פידל, און זינגער האָט אַ לאַנגע צייט געשפּילט בלויז אויף דריי סטרונעס. ס'איז אַוועק אַ יאָר און אַ צווייטס, — און עס האָט געהייסן, אַז זינגער „האַלט וואָרט", און ער רירט זיך נישט צו צום קינסטלערישן וואַרשטאַט. אָבער אייניקע פון אונדז האָבן שוין געוואוסט, אַז זינגער אַרבעט פלייסיק און פאַרכאַפּנדיק אויף אַ ניי גרויס ווערק. מיר האָבן שוין אויך זיך דערוואוסט וועגן די אויסטערלישע טיפּן, וואָס זינגער פירט אַרויס אין זיין ניי בוך. און דער קלוגער זינגער, וואָס האָט מורא געהאַט צו זיין נאַריש און לעכערלעך אין יענעמס אויגן, האָט זיך נישט אָנגעשטויסן, אַז מיר נאַרן אים אָפּ, אַז מיר ווייסן וועגן אים און מאַכן זיך נישט וויסנדיק...

איין מאָל אין אַ פרימאָרגן איז ער געקומען צו מיר אין דער רעדאַקציע

„ליט. בלעטער" מיט אַ שווער פּעקל איינגעפּאַקטע מאַנוסקריפּטן, זיך געזעגנט ווי צו שיקן עס באַקוועמער און זיכערער קיין אַמעריקע. מיר האָבן זיך אַלע געפּאַרעט מיטן פּעקל, געוואויגן עס אויף דער פּאָסט־וואָג, געפּאַקט עס און געשנורעוועט. הינטער זיין פּלייצע האָבן מיר זיך געוואונקען, גוטמוטיק געשמייכלט איבער דעם קאַפּריזנעם און אַמביציעזן זינגער, וואָס האָט דאָך נישט אויסגעהאַלטן און אָנגעשריבן אַ גאַנץ ווערק, פון עטלעכע הונדערט זייטן.

ערשט, ווען ס'איז מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אָנגעקומען די ידיעה, אַז „יאָשע קאַלב" הויבט זיך אָן צו דרוקן אין „פאָרווערטס", האָט זינגער, אַ פּאַר־דרויטלטער, אַ „שולדיקער", אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם סוד, און נאָך מער פאַרשעמט און פאַררויטלט איז ער געווען, ווען מיר האָבן אים דערציילט, אַז דער סוד איז שוין לאַנג קיין סוד פאַר אונדז, באַעטנעס, נישט געווען.

„יאָשע קאַלב" (דער ראָמאַן) איז אָן ספק אַן אינטערעסאַנט און רייצנדיק ווערק, עס פאַרמאָגט פּרעכטיקע געשטאַלטן און אייניקע גלענצנדיקע קאַפּיטלען. נישט דאָ איז דאָס אָרט באַהאַנדלען גענויער דאָס ווערק ווי אויך די ווייטערדיקע גרויסע זינגערס ראָמאַנען און זיך אָפּשטעלן אויף זייערע מעלות און חסרונות. דאָס איז אַן אַרבעט פאַר זיך. ס'ווילט זיך אָבער זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם ראָמאַן „יאָשע קאַלב", וואָס איז פאַרשריגן געוואָרן דורך אייניקע קריטיקער ווי אַ שונד־ווערק פון ערגסטן מין. אין אַמעריקע, אין ניו־יאָרק, איז „יאָשע קאַלב" (באַזונדערס אויף דער בינע) געווען אפשר אַ שטיק מעלאָדראַמאַטישע עקזאָטיק, אָבער גאָר אַנדערש איז עס געווען אין פּוילן. דאָס געשילדערטע לעבן אין „יאָשע קאַלב" איז פאַר פּוילן געווען נאָך אַ שטיק ווירקלעכקייט. עס האָט אַרויסגעבראַכט טיפּן, געשטאַלטן, סביבה און סיטואַציעס, וואָס זיינען נאָך געווען אין יענער צייט, — פאַרן אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג, — רעאַל און אַקטיוו אין לעבן. די רבישע הויפן, די חסידישע וועלט זיינען געווען אַ שטאַרקער כוח אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן. זיי האָבן אויסגעפירט רעאַקציאָנערע שליחותן אין לאַנד־מאַסשטאַב און אויך אין די אַלע שטעט און שטעטלעך פונעם פאַרן־מלחמה פּוילן. אמת, די עצם מעשה מיט יאָשע קאַלב האָט געשטאַמט פון אַ 60 יאָר צוריק, אָבער די אַטמאָספער, די שטריימן זיינען נאָך געווען גענוג לעבעדיק. פאַר פּוילן זיינען עס געווען גאַנץ לעבעדיקע און רעאַלע געשטאַלטן.

אין אייניקע שטעלן האָט זינגערס „יאָשע קאַלב" דערמאָנט מיט זיין שאַרפקייט און סאַטירע י. י. לינעצקיס „דאָס פּוילישע יינגל". און ס'איז גוט געווען, עס איז נויטיק געווען צו קומען אַראָפּרייסן דעם „געטלעכן" שלייער פון די רביים און רבילעך, וואָס האָבן זיך געמערט און געפּרוכפּערט אין פּוילן, און אַרויסווייזן זייערע ערדישע חסרונות, וואָס זיי האָבן געוואָלט פאַרמאַס־

קירן מיט „הימלישע" כוונות. ס'איז וויכטיק געווען צו באַקעמפן זייער פינצטערע, רעאַקציאָנערע הערשאַפט אויף דער יידישער גאַס אין פוילן.

און אויף וויפיל זינגערס ראָמאַן האָט געווירקט, האָבן געזאָגט עדות די שאַרפע אָנפאַלן פון דער אָרטאָדאָקסישער אגודה־צייטונג אין וואַרשע, בעת דער ראָמאַן האָט זיך אין 1932 געדרוקט אין פאָרזעצונגען אין „היינט". אין אגודהשן „טאָגעבלאַט" זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן עטלעכע אַרטיקלען, וואו י. י. זינגער איז שאַרף אַטאַקירט געוואָרן. זיי האָבן אים שטאַרק געזידלט און (גאַנץ ריכטיק) באַטאָנט, אַז „דער ראָמאַן דירט אָן נישט נאָר אַ געוויסן פונקט אינעם חסידישן לעבן, נאָר אַז דאָס איז אַ שפּיז אַריינגעשטאָכן אין דער גאַנצער רבישאַפט און אין דער הייליקייט פון די רבים, וואָס איז ביז איצט געווען אומבאַרירלעך. ביז זינגערן — זאָגן זיי — האָט נאָך קיינער נישט געוואָגט אויף אַזאַ אופן אָנצורירן די קדושה..." און אגב, י. י. זינגער האָט דעם נישעווער געמאָלט פון אַ רבין, אַ גוט־באַקאַנטן די לעצטע יאָרן אין וואַרשע, וואָס האָט געהאַט אַלדי אייגנשאַפטן פונעם נישעווער, מיט אַ צוגאָב, וואָס ער האָט זיין טעמפּעראַמענט אויך אויסגענוצט אינעם יידישן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן... ביי אָט דעם „גוט־יידישן" רבין האָט י. י. זינגער געלערנט ייִנגלוויז.

דער גרויסער דערפאָלג פון „יאָשע קאַלב", וואָס האָט זיך געדרוקט אין פאָרזעצונגען אין וואַרשעווער „היינט" און אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", האָט זינגערן שטאַרק אויפגעמונטערט. מאָריס שוואַרץ איז אין יענער צייט געווען אין וואַרשע, האָב איך אים געגעבן לייענען די פאָרזעצונגען פון „יאָשע קאַלב אין „היינט". נאָך זיין אָפּפאָר קיין בוקאַרעשט, האָב איך אים געשיקט די ווייטערדיקע פאָרזעצונגען אַהין, און שוין פון וועג זיינען צו מיר אָנגעלאָפן בריוו פון שוואַרצן צו שמועסן מיט זינגערן מכח דראַמאַטיזירן זיין ראָמאַן. י. י. זינגער האָט צוריקגעקראָגן זיין האָפערדיקייט, הומאָר און שלאָג־פערטיקייט. ער האָט זיך ווידער צוריקגעקערט „עפנטלעך און רעכטלעך" צום יידישן שאַפן און באַמיט זיך צו פאַרגעסן, פאַרווישן יענע געשיכטע מיטן אָפּזאָגן זיך פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געמאַכט דאַן זיין ערשטע רייזע קיין אַמעריקע און צוריקגעקומען אַן אָפּגעפרישטער, אַן אויפ־געמונטערטער. פלעג ער אַזוי יעדן טאָג אָפּזיצן ביי אונדז אין דער רעדאַקציע „ליטעראַרישע בלעטער", מיטלעבן אונדזער לעבן און יעדעס מאָל שפּילן און אָפּשפּילן פאַר אונדזער קליינער „אוידיטאָריע" פרעכטיקע סצענעס פון דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, נאָכמאַכן שוואַרצן אין זיין ראָלע פונעם נישעווער, קעשירן אין דער ראָלע פון קנה א. אַז. וו.

און טאַקע גלייך האָט ער פאַרטראַכט זיין ניי ווערק „די ברידער אשכנזי",

וואָס פּראָטאָטיפּן האָבן געלעבט אין לאָדז און זיינען געווען גוט באַקאַנט דעם ייִדישן פּוילן. ער האָט פלייסיק געזאַמלט שטודירן ווערק, מאָנאָגראַפיעס איבער דעם אויפקום פון לאָדזער אינדוסטריע און די געשיכטע פון דעם ייִדישן לעבן אין דער שטאָט. אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך גענומען גרייטן אַריבערצופאָרן קיין אַמעריקע. דער עיקר־ציל — די צוקונפט פון די צוויי יינגלעך — יאַשאַ און יאָסל. — אין יענער צייט איז אינעם האַלב־פאַשיסטישן פּוילן געווען אַ גיהנום פאַר דער ייִדישער יוגנט אין די הויכשולן. די פאַר־באַרייטונגען צו דער רייזע זיינען ביי זינגערן, ביי זיין פרוי גניאַ, ווי אויך ביי אונדז, זייערע נאָענטע פריינט, געמאַכט געוואָרן ביי אַ דערהויבענעם געמיט־צושטאַנד. און פּלוצים — עטלעכע טעג פאַרן אָפּפאָר — אַ גרויסער אומגליק. דאָס עלטערע יינגל יאַשאַ (אַ הויך, שיין געראָטן יינגל פון אַ 12 יאָר) באַקומט היץ, ווערט געפערלעך און אין אַ פּאָר טעג אַרום שטאַרבט ער. ס'איז געווען אַ מוראַדיקער קלאַפּ פאַר די זינגערס און פאַר אונדז אַלעמען. די רייזע האָט מען אָפּגעלייגט אויף אַ צוויי וואָכן. מ'האָט נאָך באַוויזן צו שטעלן אַ מצבה אויפן פרישן קבר פונעם געליבטן זון, און צעבראָכענע, אומגליקלעכע, צעפייניקטע האָבן די זינגערס פאַרלאָזט פּוילן.

אַזוי טראַגיש, ווייטיקדיק האָט זיך פאַרענדיקט דער וואַרשעווער פּעריאָד ביי י. י. זינגער. —

ווער עס געפינט טרייסט, צעשטרייאונג אין גוזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אין דרויסנדיקן געטומל, אָבער זינגער האָט זיך פאַרקליבן טיפער אין זיך, און געטראָגן זיין ווייטיק אין האַרצן און נישט געפּרוווט זיך צו פאַרגעסן. ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש אין ניו־יאָרק, האָב איך ביי די זינגערס לאַנג פאַרבראַכט, גערעדט און געשמועסט וועגן אייגענע, נאָענטע. זינגער האָט מיר דערציילט וועגן זיין אַרבעט, וועגן זיינע פּלענער. דערנאָך זיינען מיר אַרויס אויף אַ שפּאַציר, אויפן סיגעטער באַרדוואַק. זינגער האָט געשוויגן, און פּלוצים האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און אויף זיין שעמעוודיקן שטייגער אַ זאָג געטאָן:

— איך זע דאָך, נחמן, ווי ס'לעבט זיך אונדז גוט. אַ שיינע היים, דער־פאָלג, מאַטעריעל פאַרזאָרגט. אַלץ איז גוט... אָבער... די וואונד וועט זיך קיינ־מאָל נישט פאַרהיילן.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער קליינער מצבה אויפן קבר פון זיין זון יאַשאַ אויפן וואַרשעווער בית־עלמין. מיך האָט פאַרכאַפּט ביים האַרצן. איך האָב אויף זינגערן נישט געקוקט, אָבער שטאַרק געפילט זיין טיפן צער.

שווייגנדיקע האָבן מיר זיך דערנאָך ביידע אומגעקערט צו אים אין הויז.—

ביי די שפּעטערדיקע באַגעגענישן מיט י. י. זינגערן האָט איך אַלץ־מער

מיט באַדויער זיך איבערצייגט, אַז ער איז שטאַרק אַריינגעצויגן און אַריינ־געזויגן געוואָרן אין דער „פאָרווערטס״־סביבה און, אפשר אַליין נישט באַ־מערקט, איבערגענומען איר קוק און באַציאונג צום לעבן, צו וועלט־פּראָב־לעמען, צום יידישן שאַפן. ער האָט כסדר באַטאָנט, אַז אים „אַרט״ נישט, אַז אים אינטערעסירן נישט קיין כלל־זאַכן, קיין אידעאַלן, קיין געמיינזאַמע קאַמפן. אָבער גלייכצייטיק האָט ער צוגעטראָגן אויך וויכטיקע ווערק צום יידישן שאַפונגס־אוצר. זיין געענדערטן אַנטי־געזעלשאַפטלעכן קוק אויף דער ראָלע פונעם יידישן קינסטלער און אויף דער ראָלע פון דער ליטעראַטור האָט ער אויסגעדריקט אין זיין אַרטיקל אין קאַדיע מאַלאַדאָווסקיס זשורנאַל „סביבה״. סאַר אַ מהלך צווישן זיינע אַמאָליקע אַרטיקלען און דעמדאָזיקן!...

אויף דער לויה פון י. י. זינגער בין איך געשטאַנען אַן אַ זייט, געהערט די רעדעס, וואָס האָבן זיך אַזוי נישט צוגעפּאַסט צו י. י. זינגערן, וואָס איך האָב אים געקענט יאָרן און יאָרן פון אונדזער נאָענטער באַקאַנטשאַפט און פריינטשאַפט אין דער אַמאָליקער יידישער וואַרשע. פאַר מיינע אויגן איז אַלץ געשטאַנען אונדזער י. י. זינגער, דער לעבעדיקער, שלאַגפערטיקער, גוט־ברודערישער י. י. זינגער.

1944

איציק מאַנגער

אַ ניי בוך לידער פון איציק מאַנגער, מיט אַן עכט־מאַנגערישן נאָמען — „וואָלקנס איבערן דאַך", אַרויסגעגעבן דורך דעם מאַנגערישן פאַרלאַג „אַליי־נעניו", מיט אַן אונטערקעפּל „טשערנאָוויץ—וואַרשע—לאָנדאָן". יאָר — 1942. די לידער און באַלאַדעס זיינען געשריבן — ווי איציק מאַנגער גיט אָן אין זיין פאָרוואָרט — „אונטערוועגס, אין וואַרשע, פּאַריז, מאַרסעל, טוניס, אַלזשיר, ליווערפּול און לאָנדאָן", אין די מוראדיקע יאָרן 1938—1942.

„וואָלקנס איבערן דאַך" איז דאָס צענטע בוך פון איציק מאַנגער. דאָס ער־שטע בוך, „שטערן אויפן דאַך", איז דערשינען אין בוקאַרעשט אין 1929. דערנאָך זיינען געקומען זיינע וויטערדיקע ביכער: „לאַמטערן אין ווינט" (וואַרשע, 1933), „חומש־לידער" (וואַרשע, 1935), „מגילה־לידער" (וואַרשע, 1936) און די איבעריקע ווערק, פאַרעפנטלעכט אין וואַרשע אין די יאָרן 1936־1939.

אין דעם פאָרוואָרט צו זיין איצטיקן בוך זאָגט איציק מאַנגער: „שטערן אויפן דאַך" (מיין ערשט בוך) — [איז געווען—נ. מ.] אַן עקספּלאָזיע פון יוגנט־לעכער פאַרשייטקייט און ייִנגלשן טרויער. „וואָלקנס אויפן דאַך" — מיינט אַ געבויגענער יידיש־פאַטעטישער קאָפּ אין רייפן באַדויער."

עס איז אַ בוך פון ווי און פּיין, אַ בוך פון פיבער, נאַכט, מידקייט, שווערע וואָלקנס, אַ בוך פון טויט, קבר, בית־עולם.

איינס אַ ליד „צייט־באַלאַדע" הייבט זיך אָן מיט דעם פערז:

„אין מיטן וועג אַ קינד אַ טויטס,
אַ מיידעלע מיט בלאָנדע האָר,
נאָך פינף וואָכן אָדער זעקס —
וואָלט עס געוואָרן זיבן יאָר.
דער מאַרשאַל געריגנג שפּילט זיך מיט זיין קינד."

אינעם ליד ווערט דערציילט, ווי די „מאַמע שטייט אין מיטן וועג, און ברעכט די בלייכע דאַרע הענט, זי האָט געזען די שטאָט פאַרוויסט, זי האָט געזען די היים פאַרברענט", און „פורלעך שלעפּן זיך פאַרביי, מיט האַק און

פּאַק אויף נע־ונד, וואַגלער זיינען אַלע די, וואָס האָבן ערשט אַ היים געהאַט."

„דאָס דאָזיקע ליד האָב איך פאַרטראַכט
אין לאָנדאָן אין אַ האָספּיטאַל,
דאָס ליד פון טויטן קינד אין וועג
און פון דעם פעטן פעלד־מאַרשאַל,
וואָס טויט, און שפּילט זיך מיט זיין קינד."

אָבער נישט נאָר דאָס ליד, נאָר די אַלע לידער און באַלאַדעס זיינען אויס־געפיבערט אין דעם איצטיקן גרויסן אייראָפּיאישן שפּיטאָל.

איציק מאַנגער באַטראַכט זיין איצטיק בוך ווי אַן אָפּשלוס פון זיין דיכ־טערישן גאַנג אין דער יידישער וועלט, ווי אַן עפּילאָג פון זיין שווערן וועג אין דעם אייגענעם לעבן. צווישן די לידער און באַלאַדעס האָט ער אַ ליד מיטן נאָמען „עפּיטאַף". עס הייבט זיך אָן מיט די ווייפולע שורות, וואָס גיבן אונדז אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם דיכטערס שווערן געמיט:

„דאָ ליגט די טרויעריקע מידע נאַכטיגאַל,
צום ערשטן מאָל אין אַן אייגן בעט.
דער שניידער־געזעלן, בראָדיאַגע און פּאָעט,
דער אויף תמיד פאַרשטומטער לידער־קוואַל."

אין אַן אַנדער ליד דערציילט ער וועגן זיך:

„כ'בין אַרויסגעשפּרונגען אויפן וואָגן פון די „בראָדער זינגער",
און בין מיט זיי אַ מהלך וועגס אָפּגעפאָרן,
דורך שטעט און שטעטלעך, דורך זינגענדיקע יאָרן,
דורך וואָגל, דורך הפקר און דורך הונגער."

דאָ אין דאָרטן פּרווט ער געבן אַ פּאָר שטריכן צו זיין אייגענער געשטאַלט, צו זיין אייגענעם דיכטערישן מהות:

„ווער בין איך? און וואָס מער
ווי אַן אייניקל פון ליאָקעם בדחן,
פון יאַנקל לערער, דעם שדכן,
אַ מעשה, אַ ליד און אַ יידישע טרער."

און זעלטן, גאָר זעלטן פון צווישן די שווערע וואָלקנס (נישט נאָר איבערן דאַך, נאָר אויך אין זיין געמיט), רייסט זיך אַרויס אַ פריילעכע, שטיפערישע נאָטע:

„איך בין אַלץ דאָס פאַרשייטע קינד,
ביי מיינע פערציק יאָר,
מיין יעדער חלום איז וואָר,
און בלאָנד, ווי דער זומער-ווינט."

דאָס נייע ליד־ און באַלאַדע־בוך „וואָלקנס איבערן דאַך" האָט ווידעראַמאָל אַנטפּלעקט פאַר אונדז די אייגנאַרטיק־דיכטערישע געשטאַלט—איציק מאַנגער.

עס איז נאָך קיין פופצן יאָר נישטאָ, ווי איציק מאַנגער איז אַריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור. גלייך פון זיינע ערשטע טריט האָט ער צוגע־צויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די קריטיקער און לייענער סיי מיט דעם באַזונדערן שטאָף און טאָן, וואָס עס האָט פאַרמאָגט זיין יעדעס ליד, ווי אויך דערמיט, וואָס עס איז געווען דער ערשטער באַדייטנדיקער דיכטערישער גרוס פון דעם אַלט־רומעניש יידישן קיבוץ. און מיר באַטאָנען — נישט פון בעסאַראַביע, נאָר פון אַלט־רומעניע.

די יידישע רומעניע, וואָס האָט געגרענעצט מיט רוסלאַנד, מיט פּוילן, איז געווען פאַר אונדז ווי ערגעץ הינטער די הרי־חושך. אַ קנאַפּער מיליאָן יידן האָבן געלעבט אין רומעניע אַן אייגנאַרטיק לעבן, מיט ליידן און פריידן, מיט זאָרגן און פּלאָגן — און מיר האָבן געוואוסט וועגן זיי נישט מער, ווי מיר האָבן אַמאָל געוואוסט וועגן די וויט־פאַרוואָרפענע יידן פון אַפריקע און אויסטראַליע. אַמאָל, אין די צייטן פונעם „גרויסן אומצעטיילבאַרן רוסלאַנד", האָבן מיר געהאַט לעבעדיקע פאַרבינדונגען מיט דער יידישער בעסאַראַביע, וועלכע האָט אונדז געגעבן אייגנאַרטיקע שרייבער און דיכטער ווי יהודה שטיינבערג, ש. בן־ציון, יעקב פיכמאַן, און דאָ אין אַמעריקע — א. ראַבאָי, אפרים אויערבאַך, ש. דייקסל, אליעזר גרינבערג, משה שיפריס, ל. מילער, דוד סעלצער, א.אַ. אין די שאַפונגען פון אָט־די בעסאַראַביער האָבן מיר אויפגענומען דאָס שוואַרצ־ערדיקע, פשוטתדיקע, וואָס דאָס פעטע, זאַפטיקע בעסאַראַביע האָט פאַרמאָגט. אָבער די יידישע אַלט־רומעניע איז געווען פאַרחתמעט פאַר אונדז אונטער שווערע ריגלען. עס האָט אַהין אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט בערל בראָדער און זיך דאָרט איינגעוואָרצלט און פאַנאַנדערגעוואַקסן. אויך דער זשיטאָמירער און דערנאָך אָדעסער משכיל אברהם בן חיים ליפא גאָלדענפאָדים איז אַראָפּגע־קומען אַהען מכוח פרענומעראַנטן פאַר זיין צייטשריפט, און דאָרט, אין אַ יאַ־סיער שענקל, געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַר זיין שפּעטער־שפּילעוודיקן און זינגענדיקן טעאַטער. און ווען רומעניע האָט נאָכן ערשטן וועלט־קריג באַהעפט צו זיך בעסאַראַביע און בוקאָווינע, ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן דער פּרצוף־פּנים פון דער יידישער אַלט־רומעניע דורך דעם בשותפותדיקן שאַפן פון אָט־די דריי באַזונדערע טיילן פון רומעניע.

בעסאַראַביע, בוקאָווינע, אַלט־רומעניע, הגם זיי זיינען געווען פּאַראייניקט און האָבן געהערט צו איין רומענישער מלוכה, אָבער דאָך האָט יעדער פון די דריי יידישע קיבוצים איינגעהיט זיין אייגנאַרטיקייט, זיין ספּעציפישן סטיל און וועזן. ביי אייניקע יידיש־רומענישע דיכטער, וואָס זיינען געבוירן אין איין טייל לאַנד און דערנאָך אויפגעוואַקסן אין אַן אַנדערן טייל רומעניע, האָבן זיך געקרייצט די פאַרשידענע עלעמענטן פון אָט־די דריי באַזונדערע געגענטן. עס זיינען געווען און אָפטמאָל פאַרבליבן ווידערשפּרוכן און ווידעראַנאַנדן, וואָס זיינען נישט געקומען צו אַ סינטעז. אַזאַ איז געווען יעקב שטערנבערג, און אַזוי אויך — דער דעמאָלטיקער אָנפאַנגער איציק מאַנגער.

ווען איציק מאַנגער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין וואַרשע, סוף 1928, האָב איך אים געשטעלט די פראַגע: „בעסאַראַביע איז דאָך פּשטות, שוואַרצערד. מיט וואָס דערקלערט זיך אייער אַלעמענס ראַפינירטקייט?"

האָט איציק מאַנגער געענטפערט: „דאָס וואָס פאַרבינדט אונדזער גרופּע איז קודם־כל דער מאָדערנער גייסט פון אומרו, וואָס אינספּירירט אונדז. ס'איז שוין נישט קיין פראַגע — געפינען די עקספּרעסיע פאַר דער בעסאַראַביער פּשטות. ערד איז קרייז, און אין קרייז שטייט דער מענטש. דער ווירבל פונעם קרייז איז זיין פּראָבלעם. דערפון נעמט זיך די אינטעלעקטועלע ראַפינירטקייט פון דער יידישער שרייבער־גרופּע אין רומעניע... דאָ האָט צו זאָגן אויך די השפּעה פון מערב־אייראָפּע, באַזונדערס פון פראַנקרייך. די דאָזיקע השפּעה סימבאָליזירט מיט זיך זייער שאַרף בוקאַרעשט."

דאָ האָט איר אַ שטיק באַשייד צום פּראָבלעם איציק מאַנגער:

פון איין זייט רומעניש שוואַרצערד, רומענישע פאָלקס־מאָטיוון, רומע־נישער עפּאָס, און פון דער צווייטער זייט — דאָס אולטראַ־מאָדערנע, דאָס פאַרשאַרפט־ראַפינירטע פון דער דעגענערירטער און קרענקלעכער פראַנצוי־זישער דיכטונג. — דאָס זיינען די עיקר־עלעמענטן און כאַראַקטער־שטריכן פון דער יידישער רומענישער דיכטונג, וואָס איר שטאַרקסטע פאַרשטייער זיינען יעקב שטערנבערג און איציק מאַנגער.

און נאָך אַ פּאָר שטריכן, וואָס איציק מאַנגער האָט דאַן, נאָך גאָר אַן אָנפאַנגער, געגעבן וועגן זיך: „געבוירן בין איך אין אַ צוג, צווישן איין סטאַנציע און דער צווייטער. פון דאַנעט נעמט זיך אפשר דער וואַנדער־דעמאָן אין מיר. ווען איך בין נאָך אַליין אַ קינד געווען, איז אויף מיינע הענט גע־שטאָרבן דאָס קלענסטע ברודערל. מיין ערשטער באַריר מיט דער טויט־מיס־טעריע. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דעמאָלט דער באַלאַדע אין איר טונקעלע אויגן אַריינגעקוקט. שפּעטער מיט יאָרן האָט דער דאָזיקער מאָמענט באַקומען פאָרם אין מיינע באַלאַדן."

שוין דאָן, ביים אָנהייב פון זיין שאַפן, האָט מאַנגער באַגריפן זיין אייגנאַרט; ער האָט געזאָגט וועגן זיך: „די לעצטע צייט פּרואוו איך אַנטלויפן פון דער קעניגרייך נאַכט, טויט, שגעון. ס'איז ביי מיר אַן איבערוועטונג פון סימבאָלן.״

אָבער ער איז אויך ווייטער אַפּט פאַרבליבן אין דער קעניגרייך פון נאַכט, טויט, און נישט געקאָנט זיך אַרויסבאַפרייען פון זייער שווערער מאַכט.

ווי אַ דערגאַנצונג צו זיין שמועס, איז געווען דער רעפעראַט, וואָס ער האָט דאַן געהאַלטן אין וואַרשע. אינעם רעפעראַט, — אַ מין דיכטערישער עקספּאָזע, האָט ער „אויפגעהויבן דעם פאַרהאַנג פון דעם יידישן שאַפן אין רומעניע.״ „רומעניע — האָט ער געזאָגט — איז אין לאַנדשאַפט — פאַרביק, פּרימיטיוו. אין צענטער פון דער לאַנדשאַפט שטייט אַ קלאָרער גילדערנער ברונעם. דער היטער פונעם ברונעם איז דאָס קלאָרע, ווייסע שעפעלע „מיאָ־ריצאַ״ — דער סימבאָל פון רומענישן פאָלקס־געמיט, פאָלקס־ליד. די יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס ליגן צעוואָרפן אויף דער דאַזיקער לאַנדשאַפט, שטייען אין צייכן פון דעם אייגענעם פּרימיטיוו. אין צענטער שטייט דער אייגענער קלאָרער ברונעם, נאָר די היטער פון דעם דאַזיקן ברונעם זיינען די „גאָלדענע פאַווע״ און דאָס „גאָלדענע ציגעלע״ — די סימבאָלן פון יידישן פאָלקס־געמיט, פונעם יידישן פאָלקס־ליד.״ און מאַנגער האָט צוגעגעבן, אַז „דער איינציקער דיסאָנאַנס אין דעם גאַנצן פּאַטריאַרכאַליש־אידילישן פּייזאַזש איז די שטאָט בוקאַרעשט, דאָס ברען־גלאָז, אין וועלכן ס'האָט זיך אָפּגעשלאָגן דער אימפּעט און די פּראָבלעמאַטיק פון דער מערב־אייראָפּייאישער קולטור.״ „די יידישע מאָדערנע גרופּע אין רומעניע — האָט ער געזאָגט — האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם דיסאָנאַנס. זי האָט, ווי ווייט מעגלעך, פאַרראַטן דאָס לאָקאַלע, ווייל דער דראַנג איז געווען צו שטיין אין צענטער און אין ווירבל פון דער אייראָפּייאישער קולטור. דאָס באַדלערישע פון דער גרויס־שטאָט האָט געבריצט, פאַרכישופט און געפּאַנגען.״

אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער גרופּע רומעניש־יידישע שרייבער — אלעזר שטיינבאַרג, משה אַלטמאַן, יעקב שטערנבערג און אויף זיך אַליין, האָט ער באַוויזן, אַז „פּאַבל, גראָטעסק און באַלאַדע״ זיינען די וויכטיקסטע פאָרמען פון דער רומענישער דיכטונג.

באַלאַדע און גראָטעסק זיינען געווען און פאַרבליבן די וויכטיקסטע פאָרמען פון זיין, מאַנגערס, דיכטונג. און סיי די באַלאַדע און סיי די גראָטעסק האָבן ביי מאַנגערן באַקומען אייגנאַרטיקע פאָרמען, וואָס זיינען לחלוטין ניי געווען אין דער יידישער ליטעראַטור, און אָפט — אפילו פרעמד, אויסטערליש־פרעמד.

* * *

עס זיינען אונדז גוט באַקאַנט די וועגן־שטעגן, פון וואַנעט עס קומען דאָס רוב יידישע דיכטער. מיר זעען זייערע פּירגייער, מיר קאָנען זיך לייכט דער־קלייבן צו די קוואַלן, וואָס פון זיי שעפּן זיי זייער חיות און יניקה. איציק מאַנגער אָבער און זיין באַלאַדע זיינען געווען פאַר אונדז אַ רעטעניש, אַ גע־היימניש. אָט האָט ער אַ בליק געטאָן מיט אַ ליד, מיט אַ באַלאַדע, עס האָט אויפגעהעלט זיין דיכטערישע און פּערזענלעכע וועלט, אָבער גלייך זיינען אַראָפּגעפאַלן שלייערן און ווידער איז ער פאַרבאָרגן געווען פון אונדז.

און דעריבער האָט מען אָפּט געקאָנט מיינען, אַז איציק מאַנגער איז אַ דורכאויס־פרעמד געוויקס אויף אונדזער דיכטערישן באָדן, אַ געוויקס, וואָס איז אויסגעכאָוועט ערגעץ אויף אַ פרעמדער ראָמאַנטיש־דעקאַדענטישער קול־טור און איז צופעליק אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן אויף אונדזער יידישער ערד. און דערפאַר — די אויסטערלישקייט פון זיינע וויזיעס און בילדער, שטימונגען און פאַרבן. אָבער די נעענטערע באַקאַנטשאַפט מיט אים גופא, מיט דעם שטייגער פון זיין רעאַגירן אויף זאַכן און מיט דעם אופן פון זיין שאַפן, האָט אַלץ־מער קלאָר געמאַכט, אַז מיר האָבן אין מאַנגערן אַן עכט־יידישן דיכטער, וואָס קומט פון אַן אייגנאַרטיקער יידישער סביבה. און נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט: ער איז אויסגעוואַקסן אין דער צייט פון מלחמה און בירגער־קריג און גענומען שאַפן אין דעם פּעריאָד, ווען פרייהייט־לאָזונגען זיינען אויף דעם ברוטאַלסטן אופן דערשטיקט געוואָרן אין זיין היימלאַנד דורך די פאַשיסטישע רומענישע סאַטראַפּן. אין אָט־דער אַטמאָספער פון רעאַקציע, פון טעראָר און פאַרפאָלגונגען, האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט זיין דיכטערישער טאַלענט. און דערפון די שווערע פאַרצווייפלונג־טענער, דער געדריקטער געמיט, דער שרעק, וואָס מיט זיי זיינען אַדורכגעזאַפּט זיינע באַלאַדעס. אָט זאָגט ער וועגן זיך: „אַ טונקעלע האַנט האָט איינגעקריצט אַ פראַגע־צייכן איבער מיין נאַכט.״ שאָטנס, נאָוועמבער, טויט טרעפן מיר כסדר אין זיינע לידער: „אַ שאָטן פיבערט אויף דער וואַנט״; „איך גיי אַרויף אויף טונקעלע טרעפּ״; „מיטן נאַכט האָט אויסגעקלונגען צוועלף שאַרפע שוואַרצע קלאַנגען״. שאָקלענדיקע לאָמטערנס אין פינצטערער נאַכט זיינען פאַר אים געווען מער רעאַל ווי שיי־נענדיקע זון אויף העלע הימלען.

אין אַן אַרטיקל וועגן דער רומענישער פאָלקס־דיכטונג האָט איציק מאַנגער אַמאָל געשריבן: „פאָלקסלידער זיינען אויגן, דורך וועלכע מען קוקט אַ פאָלק אין דער נשמה אַריין.״ און אוודאי לאָזט זיך עס זאָגן וועגן דער דיכטונג פון אַזאַ טיף־סוביעקטיוון דיכטער ווי מאַנגער, וואָס די לידער זיינען אויסגע־ווייטיקט און אויסגעפיבערט אין זיין קרענקלעכער נשמה.

ער אַליין זוכט אָפּט דעם שליסל צו זיין אייגענער דיכטונג. אַט דערציילט ער אין איינעם אַ ליד — וואָס איז אַ מין זעלבסט־פּאָרטרעט:

„מיין טאַטע, זיין עקסעלענץ דער שניידער,
האָט פאַרהוליעט זיין לעבן אין אַ שענק,
מיין מאַמע האָט געצונדן שבת-ליכט
און שטיל געוויינט.
און איר געוויין האָט געזאָגט אַזוי:
„נישט דאָס, מיין גאָט, האָב איך געמיינט,
נאָר מסתמא באַדאַרף זיין אַזוי!"

און „איך — זאָגט איציק מאַנגער וועגן זיך — צווישן שבת־ליכט און ווין וואָרף מיין לעסטערונג און לויב."

„ביי אַ גלעזל ווין ווערט ער סענטימענטאַל,
און זינגט רומענישע דאַינעס די שענסטע איבעראַל."

דאָס זיינען ריכטיקע שטריכן צו דער מאַנגער־פּערזענלעכקייט.

זיין ערשט בוך לידער און באַלאַדן (1929) האָט איציק מאַנגער אָנגערופן „שטערן אויפן דאַך", און דאָס צווייטע בוך (1933) האָט ביי אים געהייסן „לאַמטערן אין ווינט". האָבן אָט־די נעמען אויסגעדריקט זיין מהות, זיין וועזן? איציק מאַנגער, אין דעם קורצן אַריינפיר צו זיין צווייטן בוך (עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מאַנגערן צוצוגעבן אַן „אַריינפיר" צו זיינע לידער־ביכער), שרייבט: „לאַמטערן אין ווינט" הייסט דאָס בוך דערפאַר... גאָט מיינער, צי איז דען דער דיכטער מחויב אויסצוזאָגן אַלע זיינע סודות?"

צי איז דער דיכטער מחויב אויסצוזאָגן זיינע סודות? — דאָס איז אַ באַזונדערע פראַגע. אָבער צי ער וויל, צי ער וויל נישט, אַנטפּלעקט ער זיין פּנים, זיין מהות דורך זיין שאַפן.

* * *

די באַלאַדע איז די הויפּט־פאָרם פון מאַנגערס דיכטערישן שאַפן. און עס איז נישט קיין צופאַל. די פאָרם דרינגט אַרויס פונעם סאַמע עצם פון זיין פּאָעטישער וועלט.

באַלאַדע — ווייסט מען — צייכנט זיך אויס מיט איר פראַגמענטאַרישן אויסדרוק. זי פיקסירט די העכסטע מאָמענטן פון דער האַנדלונג און לאָזט אַדורך די זייטיקע רינגען אין דער קייט פון געשעענעס. איר טעמאַטיק איז פריער פון אַלץ — דאָס טראַגישע, וואָס איז פאַרבונדן מיט אומגליקלעכער ליבע, מיט פאַרראַט, מיט נקמה־געפילן. אין דער באַלאַדע איז שטענדיק דאָ

מער אָפּקלאַנג ווי קלאַנג. דער הינטער־טאָן פון דער באַלאַדע איז אַ כמורנער, מעלאַנכאָלישער, זי פאַרמאָגט שטענדיק אַ טראַגיש־לירישן לייט־מאָטיוו און דערביי אויך אַ רעפרען, וואָס חזרט זיך כסדר איבער און באַגלייט דאָס געשעענע.

אַנומעלטן האָט איציק מאַנגער אין זיינעם אַ רעפעראַט אַזוי כאַראַקטע־ריזירט די באַלעדע — אייגנטלעך זיין באַלאַדע (אין אמתן זיינען דאָ פאַר־שיידנאַרטיקע באַלאַדעס, פּונקט ווי עס זיינען דאָ פאַרשיידענע לירישע לי־דער!): „די באַלאַדע — דאָס איז דער טונקעלער רוף, וואָס שלאָפט אין אונדזער בלוט, דער אומזין, וואָס דרימלט הינטער אונדזער לאָגיק. דער פלאַטער פון די קראָען דורך אונדזער קלאָרן געמיט. די דראַמאַטישע בליצן, וואָס טראָגן זיך איבער די לאַנדשאַפטן פונעם מענטשלעכן געמיט."

מאַנגערס באַלאַדע איז אַן אַדורכגעוויטיקטע אין פּיין, אַן אויסגעפּיבער־טע אין שרעק.

אין דעם רעפעראַט האָט מאַנגער געבראַכט אייניקע ביישפּילן פון באַלאַ־דעס און דערביי אָנגעצייכנט די איבערגאַנגען „פונעם ליריש־אידילישן און ליריש־עלעגישן צום באַלאַדישן" אין זיינע אייגענע לידער.

מאַנגערס באַלאַדע איז אייגנטלעך אַ געמיש פון פאָלקסטימלעכן און מיס־טעריעזן. דער גאַנג אין זיין ליד איז אָפט פון פאָלקס־ליד צום איבערראַפּי־נירטן. זאָגט ער טאַקע אין אַ ליד: „פון פראַסטן לייוונט איז מיין געצעלט." זיין בוך „לאַמטערן אין ווינט" איז „געהייליקט דעם אָנדענק פון זיינע מאַמע— דערפאַר „ווייל זי האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט די וואונדערלעכע שיינקייט פונעם יידישן פאָלקס־ליד, דערפאַר ווייל זי האָט אין מיר אַריינגעזונגען יענעם רע־ליגיעזן ציטער, וואָס האָט שוין נישט איין מאָל אין קריטישע מאָמענטן געראַ־טעוועט מיין לעבן און מיין ליד."

ער דערמאָנט אינעם אריינפיר צום בוך „מיט ליבשאַפט דעם שניידער־געזעל לייבעלע בעקער, דעם ערשטן פריינט אין זיינע פרייע קינדער־יאָרן, וואָס האָט אין אים געוועקט דעם חוש פאַר לירישע שיינקייטן." „די לידער, וואָס ער האָט געזונגען אין מידע פאַרנאַכטן, האָבן מיר מיט מיין מאַמען שיער דאָס חיות אויסגעצויגן." דערביי טוט מאַנגער אַ זאָג: „די אַבסורדן, ציניזמען און נידערטרעכטיקייטן זיינען מיינע אייגענע."

זיינע באַלאַדעס זיינען פאַרשיידנאַרטיקע. אַט — עכט־יידישע: וועגן בעל־שם־טוב, וועגן פאַדאָליער רב, וועגן אַ יידישן סוחרל, וואָס פאָרט אויף אַ יאַריד, וועגן אַ קלעזמער און זיינע טעכטער, און אויך — וועגן גאַסן־פּרוויצן און הוזאַרן, אָדער גאָר וועגן פרינצעסינס און וועגן איוואַן דעם שיכור א.אַז.וו.

און ווי די טעמאַטיק איז ביי אים נישט פאַרשיידן, זיינען דאָך אַלע באַלאַדעס פון דעמזעלביקן כאַראַקטער און סטיל, מיטן זעלבן טרויעריקן רעפרען.

איציק מאַנגער גרייסט זיך כסדר מיט זיין יחוס־בריוו, וואָס ציט זיך פון די „בראָדער זינגער", פון בערל בראָדער און א. גאָלדפאַדן. אָבער אַמאָל, אין אַ מאָמענט פון אויפרייץ און אויפרעג, אָדער אין אַ מאָמענט פון צו־להכעיס, קאָן ער זיך אַ זאָג טאָן, אַז „זיין זיידע איז דער ערצבישאָפ יאָהאַן מאַנגער." אין אַן אַנדער ליד טוט ער זיך אַ זאָג: „אייגנטלעך שטאַם איך פון אַן אַנדער לאַנד, נאָר די גאָלדענע שטערן האָבן מיר פאַרפירט."

דאָ קומט צום אויסדרוק דער פאַרשפּיצטער, עגאָצענטרישער אינדיווידו־אַליזם, וואָס דערגייט אָפּט ביי מאַנגערן דעם מענטש און דיכטער ביז זעלבסט־לעסטערונג, זעלבסט־פּיניקונג און זעלבסט־פאַרלייקענונג.

אין מאַנגערס שאַפן טרעפן מיר כסדר ווידעראַנאַנדן: לעסטערונג און ליבע, טרער און ווין, צניעות און הפקרות. ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס ווינט און קינד ריטמירן זיך ביי אים אַזוי אָפט.

אַ קאָמפּליצירטע דיסהאַרמאָנישע נאַטור — און דאָך — מיט טיפער אינעווייניקסטער דיכטערישער קאָנצענטרירטקייט. דורך און דורך דיסאָנאַנס, וואָס די דיכטערישע מייסטערשאַפט האַלט זיך אין איין ראַנגלען מיט דעם. דאָס עטישע וויל דערפירן צו גאַנצקייט דאָס עסטעטישע. אַט אַן אָפענע וועלט, און ווידער — אַ לאַבירינט.

איציק מאַנגער הערט נישט אויף צו זוכן וועגן צו זיך. אַט זאָגט ער אין איין ליד: „איך בין דער וועג קיין מערב, דער בלאָנדער זונפאַרגאַנג, דאָס ברוינע פאַסטוך־פייפל, דער מידער אָוונט־קלאַנג". און אין אַ צווייט ליד: „איך אַליין דערקען זיך אָפּט — איצט אין מיין טויזנטסטער געשטאַלט — אַמאָל נאָך אין אַ טראָפּן זון, וואָס פינקלט אויף אַ צווייג אין וואַלד, אַמאָל אין צאַפּל פון אַ רויז, אין זשומען פון אַ געלער בין און אין אַ גענדזל אויפן פעלד, וואָס לויפט און ווייסט נישט וואוהין."

אין אַן אַנקעטע, „ווער איז אייער באַליבטסטער שרייבער", האָט מאַנגער געענטפערט: „קודם־כל איז מיר ליב און טייער דער כינעזישער דיכטער און שיכור לי־טאַ־פּע, און דער עיקר ליב איז מיר זיין לעבעדיק ליד — זיין פאַרן שיכורערהייט אין אַ שיפל, ווען כאַפּן די לבנה אין האַנט און שטאַרבן דער־ביי..." ער דערמאָנט ווייטער דעם „פּערסישן זינגער פון ווין אַפּיס" און „דעם פראַנצויזישן שיכור־וואַגאַבונד ווערלען." עס איז אינטערעסאַנט, וואָס זיין צווייט בוך, „לאַמטערן אין ווינט", האָט מאַנגער פאַרענדיקט מיט אַ ליד „בערל בראָדער געזעגנט זיך מיט זיינע תלמידים אין יאַס".

איציק מאַנגער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון די איינפלוסן, אפילו

דאַן, ווען דאָס לעבן האָט געשטעלט דעם דיכטער גאָר אַנדערע אויפֿגאַבן, ווען ער האָט באַדאַרפֿט אַרויס אויף ברייטערע שליאַכן פֿון מענטשלעכע קאַמפֿן און סאָציאַלע געראַנגלענישן.

דאָס איז די געווען די טראַגעדיע פֿון דעם דיכטער, וואָס האָט אונדז געגעבן וואונדערלעכע לידער, אָבער אַלץ לידער פֿון זעלבן שטאָף און כאַראַקטער, וואַריאַציעס אויף די מאַנגערישע טעמעס און מאָטיוון.

* * *

אין דעם נייעם בוך „וואָלקנס איבערן דאַך" איז דאָ אַ סעריע פֿון אַכט לידער אונטערן נאָמען „רות" — אַ פֿראַגמענט פֿון אַ פּאָעמע, וואָס צוויי־דריטל פֿון איר זיינען (ווי מאַנגער דערציילט אין זיין פֿאָרוואָרט) פֿאַרלוירן געגאַנגען „בעת זיין וואַנדער און וואָגל". אָט־די „רות"־פּאָעמע איז געשריבן אין דעם זעלבן גייסט און סטיל, ווי זיינע „חומש־לידער" (1935) און „מגילה־לידער" (1936). אין זיין צייט האָבן די „חומש־לידער" פֿון איציק מאַנגער אַרויסגערופֿן אין די פֿרומע קרייזן אין פּוילן אַ שטאַרקע אויפֿרעגונג און פּאָלעמיק, מען האָט געזען אין זיי אַ לעסטערונג פֿון די יידישע אָבות און ממילא — פֿונעם תנ"ך.

אין דער קורצער הקדמה צו די „חומש־לידער" האָט א. מאַנגער געשריבן, אַז די „לידער זיינען אַ שטיפֿעריי אַזאַ מיט די גרייז־גראָע בערד פֿון די אָבות און מיט די שטערנטיכלעך־עקן פֿון די אמהות." אָבער די באַצייכענונג איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. עס איז אַן אינטערעסאַנטער דיכטערישער פּרואוו אַרויסצוברענגען די חומש־געשטאַלטן אין דער לעבעדיקער און רעאַלער פֿאַרשטעלונג פֿון די חדר־ייִנגלעך.

עס איז פֿאַראַן אַ גרויסער מהלך צווישן תורה און חומש. די תורה איז פֿאַרריגלט, פֿאַרחתמעט, מען קאָן קיין איין אות נישט אַראָפּנעמען און קיין איין אות נישט צוגעבן. אָבער דער חומש איז פֿראַנק און פֿריי פֿאַר דער פֿאַנטאַזיע. פֿאַר דער תורה האָבן מיר מורא געהאַט, מיר האָבן געשטוינט פֿאַר איר גרייסקייט, אָבער מיט חומש זיינען מיר געווען גוטע ברידער, היימישע מענטשן. פֿאַראַן די שלשה אבות און די ארבע אמהות — אברהם, יצחק און יעקב, און שרה, רבקה, רחל און לאה, ווי זיי לעבן אין דער הייליקער תורה, און פֿאַראַן די זעלבע ליבע חומש־געשטאַלטן, וואָס האָבן שוין געהאַט אַן אַנדער אויסזען אין דער יידישער אגדה און דערנאָך פֿאַרגעזעצט זייערע איבערוואַנדלונגען אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון פֿאָלק, אין דער פֿאַנטאַזיע פֿונעם פֿאָלקס־קינד. צווישן די ווענט פֿונעם חדר האָבן די חומש־געשטאַלטן געשפּאַצירט ווי זיי זיינען געענדערט און איבערגעשטאַלטיקט געוואָרן דורך די יידישע מדרשים, דורך דער יידישער פֿאָלקס־לעגענדע, און וויפֿל דורות — אַזוי פֿיל נייע לעגענדעשיכטן זיינען אָנגעוואַקסן אויף די פֿאַרשיידענע חומש־מעשיות. און וואָס די

געשטאַלט איז גרעסער און וויכטיקער, אַלץ־מער באַקומט זי נייע איבער־וואַנדלונגען אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע.

וואָס דאַרפן מיר מער? לאָמיר זען, ווי אליהו התשבי (אָדער אליהו הנביא) ווערט געשילדערט אין תנ״ך (אין מלכים א׳ און מלכים ב׳) און וואָס פאַר אַן אויסזען ער האָט באַקומען אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע. אין תנ״ך איז ער אַ בייזער, אַ צאָרנדיקער. עפּעס אַ קלייניקייט! ער אַליין שעכט אויס די פאַלשע נביאים, ער האַלט די נקמה־שווערד אין זיין האַנט. ער ווערט געמאָלט אין דער באַגלייטונג פון אַ שטאַרקן שטורעם, וואָס „רייסט בערג און ברעכט פעלזן". ער האַלט אין איין בייזערן זיך און שעלטן: „זאָל אַראָפּנידערן אַ פייער פון הימל און פאַרצערן דיך און דיינע פופציק." לסוף קומט „אַ פייערדיקער רייטוואָגן מיט פייערדיקע פערד", און אליהו גייט אַרויף „מיט אַ שטורעם־ווינט אין הימל אַריין." די יידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט דערנאָך אַראָפּגעצויגן אליהון פונעם הימל און געמאַכט אים פאַר אַ גוטמוטיקן און באַהאַרצטן. און וואו עפּעס אַ צרה, וואו עפּעס אַ שווער האַרץ, ברענגט די פאַנטאַזיע אַראָפּ דעם גוטהאַרציקן אליהו, ער זאָל לינדערן דאָס שווערע געמיט. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אים איבערגעגעבן פּשוטע, ערדישע שליחותן — שיער נישט אַ ניאַנקע ביי אָרעמע קינדער און אַ האָלץ־העקער ביי אַ נויטבאַדערפטיקער און קראַנקער אלמנה.

עס איז אַן אַלטער קריג צווישן הלכה און אגדה, צווישן דאָס איינגעשטעל־טע און דאָס אויסגעטרוימטע. עס שטייט געשריבן: „הלכה איז ברויט, אגדה איז וויין, און נישט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש." און נאָך שטייט געשריבן: „האַלט נישט גרינג דעם משל. מיט אַ גראָשנדיק ליכטל זוכט מען אַמאָל אָפּ אַ פאַרלוירן גאָלדן רענדל אָדער אַ טייערן פערל, און דורך אַ לייכטן איינפאַכן משל באַנעמט מען אַמאָל דעם טיפסטן געדאַנק." און דאָס יידישע פאָלקס־וואָרט איז געגאַנגען נאָך ווייטער און געזאָגט: „אַ גויאיש ווערטל איז, להבדיל, אַ תורה..."

עס זיינען נישטאָ קיין גרענעצן פאַר דער באַפליגלטער פאָלקס־פאַנטאַזיע פון אַ לעבעדיק־שאַפעריש פאָלק.

עס זיינען גוט באַקאַנט די פאָלקס־מעשיות, וואו דאָס פאָלק האָט אַרויס־געבראַכט באַליבטע געשטאַלטן אין נייע סיטואַציעס און זיי איינגעטיילט גאָר אַנדערע נייע פונקציעס. ס׳איז באַוואוסט די פאָלקס־מעשה, וואָס איז קינסטלע־ריש באַאַרבעט געוואָרן דורך י. ל. פרץ — „אויב נישט נאָך העכער". דער נעמיראָווער צדיק אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז „אין פויערשע קליידער, אין לייוונטענע פלודערן, גרויסע שטיוול, אין אַ סערמיגע." ער האָט, לויט דער חסידישער פאַנטאַזיע, אָנגעהאַקט האָלץ אין וואַלד און ער ברענגט עס צו דער

אַרעמער אַלמנה און זאָגט צו איר אויף גויאיש, אַז דאָס איז ער, וואַסיל, ער האָט געבראַכט איר האָלץ צום פאַרקויפן . . . און וואַסיל — דער נעמיראָווער רבי — הייצט דערנאָך איין דעם אויוון. און דאָס אַלץ קומט פאָר בעת סליחות־זאָגן, און חסידים האָבן געמיינט, אַז דער רבי איז אין הימל . . . און די ענלעכע פּרצישע פאָלקס־מעשה מיט ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, וואָס אַנשטאָט קומען אין שול צו כל־נדרי, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט ביי אַ קראַנק קינדס וויגעלע...

איציק מאַנגער האָט אויף אַזאַ שטייגער אַריבערגעבראַכט די חומש־געשטאַלטן אין אַ היימישלעכער פאָלקסטימלעכער סביבה, צוגעגעבן זיי כאַראַקטער און סטיל פון דער יידישער פאָלקס־מעשה, פון נאַאיוון, פּרימיטיוון טעאַטער (אָדער פון פּורים־שפּיל — געוועזן צייטן, ווען דער מהלך צווישן זיי איז געוועזן גאָר אַ נאָענטער) און אויפגעפּאַסט זיי אין אַן אייגנאַרטיקער ליריש־באַלאַדישער פאָרם. איציק מאַנגער איז אָבער צו סוביעקטיוו, און ווען אַפילו ער האָט צו טאָן מיט אַ פאָלקס־מאַטעריאַל, קאָן ער זיך נישט אָפּזאָגן פון זיין ספּעציפישער מאַנגערישער מאַניר — צוצוגעבן דער באַלאַדע דעם גראָטעסקעלעמענט. זאָגט טאַקע מאַנגער, אַז די חומש־לידער זיינען ביי אים „אַן איבערמעצאָ אַזאַ אויפן וועג צו דער [צו זיין—נ. מ.] געשטייגערטער באַלאַדעסקער וויזיע."

די מזרח־געשטאַלטן האָבן ביי איציק מאַנגערן „סלאַווישע" שטריכן. פון כנען איז מען פאַרוואַנדלט געוואָרן קיין מזרח־גאַליציע, ווי מאַנגער זאָגט וועגן דעם אין זיין אַריינפיר. ביי מאַנגערן „שטייט רחל ביים שפּיגל און פלעכט אירע לאַנגע צעפּ", און „לאה באַהאַלט דעם שונד־ראָמאַן און ווייזט זיך אויפן שוועל." יעקב, ביי מאַנגערן, כאַפּט אַ קוק אין חומשל, כדי צו דערוויסן זיך דעם וועג צו לבנען. מיט אַזאַ גוטמוטיקן, באַהאַרצטן טאָן, מיט אַזאַ שטיפעריי ברענגט ער אַרויס די חומש־געשטאַלטן. און ווי דער שטייגער עס איז אין אַ באַלאַדע, און — אין מאַנגערס באַלאַדע, קומט שטענדיק אַ טיף־עלעגישער רעפרען נאָך יעדן עפּיזאָד.

אַזאַ מין פינאַל פון אַ ליד:

„אברהם אבינו פאַרטראַכט זיך און שווייגט,
די אויגן געווענדט צום שליאַך,
די נאַכט איז בלוי און סאַמעט קיל,
ווי ס'טרעפט זיך אין תנ"ך."

די ביבלישע אידיליע „רות" הייבט זיך אָן אויף אַ דערציילערישן אופן: „און עס איז געווען אין די טעג, וואָס די שופטים האָבן געהערשט." ביי

מאַנגערן זיינען נעמי מיט אירע צוויי שנורן, ערפּה און רות, אַ היינטצייטיקע דאָרפיש־יידישע מאַמע מיט צוויי גויאישע שנורן.

אין די לידער וואַקסן אויס פאַר אונדז די צוויי באַזונדערע פרויען־געשטאַלטן — ערפּה, וואָס איר גויאיש דאָרף ציט זי צוריק צו זיך, און רות — די טרוימערין, וואָס רייסט זיך צו אַן אַנדער וועלט, צו אַן אַנדער גאָט. רות דערמאָנט זיך אָן די טרויעריקע בילדער פון איר דאָרף, וואוהין זי דאַרף צוריקגיין:

„אַהיים אין דאָרף, וואו דער פּריץ שלאָגט
די קנעכט מיט אַן אייזערנעם רוט,
זי געדענקט ווי הייגט דעם ברודערס גוף
פאַרגאָסן מיט שווייס און בלוט."

און אַזוי, אויף אַ ליריש־ציטערדיקן אופן, אַפּטמאָל מיט צאַרטע אַקוואַרעל־פאַרבן מאָלט דער דיכטער איציק מאַנגער דאָס געמיט פון יעדער איינער פון די דריי אלמנות, וואָס צוויי פון זיי, נעמי און רות, ציען קיין כנען, און די דריטע, ערפּה, קערט זיך אום צוריק צו איר דאָרף.

אין דער „רות"־פּאָעמע האָט איציק מאַנגער זיך ווידער אַ שפּיל און אַ שטיף געטאָן מיט די פּאַרצייטיקע ביבלישע געשטאַלטן און זיי אַריבערבראַכט אין דער נאָענטער היימישער סביבה.

* * *

דאָס גאַנצע בוך לידער, געשריבן אין די לעצטע גרויזאַמע יאָרן, איז אויסגעפיבערט און אויסגעפייניקט ביי די שווערסטע סיטואַציעס, ביי די מוראַדיקסטע געמיט־צושטאַנדן. אין פיל לידער רייסט זיך אַרויס פּראָטעסט, צער און רעזיגנאַציע. „מיין ליד איז אויס" — זאָגט ער אין זיין ליד „עפּילאָג". ער געזעגנט זיך מיט אַלץ און אַלעמען און מיט זיך אַליין. „איך פייף מיין לעצטן ניגון און גיי מיט פרייד אַוועק" — פאַרענדיקט ער אַ ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין לאָנדאָן אין 1942.

אין דעם פּרעכטיקן סאָנעטן־ציקל „סאָנעטן פאַר מיין ברודער נאָטע", וואו ס'זיינען געגעבן מערקווירדיקע כאַראַקטער־שטריכן פון זיינע נאָענטע און פון זיך אַליין, זאָגט ער וועגן זיך: „וואָס זאָל איך זאָגן, זינגען און דערציילן, ווען אַלץ אין מיר איז צעטרעטן און פאַרשעמט?" אָדער: „איך ליג אַ נישט־דערקוילעטער אויף דער עקדה."

אָבער דאָך ענדיקט זיך דאָס טרויעריקע בוך „וואָלקנס איבערן דאַך" מיט אַ ליד „אָנזאָג" — דאָס ליד, וואָס דער דיכטער ווידמעט „דעם ערשטן אמתן יידישן פּאָעט, וואָס וועט קומען פונעם געטאָ".

און ס'איז אָנגעצייכנט דער ווייטערדיקער וועג פאַר דעם דיכטער און זיין ליד:

„וואוהין מיין פאָלקס-ליד?"
„דורך נויט און טויט און טרויער
צום אייביק יידישן דויער!"
„איז וועמען נעמט מען מיט?"

„אונדזערע געווינער און פאַרלירער,
אונדזערע טרוימער און מאַרטירער,
אונדזער נביא און אונדזער שמיד."
— — — — — — — — — — — — — —
„דורך געטאָ-ווענט צו די שטערן..."

און — גיבן מיר צו:
דורך די גרויזאַמע, מאוימדיקע יאָרן —
צו אַ ליכטיקער, פריידיקער פרייער וועלט!

1943

חיים גראַדע

איך בלעטער דאָס ערשט־דערשינענע בוך פון חיים גראַדע „דורות״, איך לייען, שוין צום צווייפלטן מאָל, זיינע ווייפולע, מאַנענדיקע, וואַרנענדיקע לידער און פּאָעמעס, די פריערדיקע און די נייע — און עס שטייען אויף אין מיין זכרון פאַרשיידענע באַגעגענישן און צונויפטרעפענישן מיט חיים גראַדען אין די אַמאָליקע רוישיקע און שאַפערישע יידישע וואַרשע און ווילנע.

עס געדענקען זיך גוט אונדזערע לאַנגע שפּאַצירן איבער די וואַרשעווער יידישע גאַסן אין שפּעטע שעהן פון נאָך האַלבער נאַכט, אויפן וועג פונעם יידישן ליטעראַטן־פאַראיין, טלאָמאַצקע 13, צו מיין היים, אויף גזשיבאָווסקע 24. לאַנגע שפּאַצירן מיט שווערמוטיקע רייד און וויכוחים איבער צעווייטיקטע פראַגן און ווידעראַנאַנדן. ער — דער יונגער דיכטער, וואָס זיינע ערשטע רעאַלע, רעאַליסטישע און גלייכצייטיק טיף־וויזיאָנערישע לידער האָבן גלייך צוגעצויגן און צוגעשמידט צו אים אויפמערקזאַמקייט און נייגיר, — ער, דער 22־23־יאָריקער יונגערמאַן, איז דער שאַרפער פאַרניינער, און איך — דער באַיאָער, ער — דער לייקענער, און איך — דער גלויביקער, ער — דער פּע־סימיסט, איך — דער אָפּטימיסט. פלעגן מיר אַזוי שמועסנדיק צוקומען צום טויער פון מיין הויז, און כדי זיך צו דעררעדן צו עפּעס אַ תכלית, האָבן מיר זיך פונדאַסניי אויסגעדרייט, האָב איך שוין אים באַגלייט, און מיר האָבן ווייטער פאַרגעזעצט דעם צעגליטן שמועס, איינער דעם צווייטן איבערגעשלאָגן און, ווי דער שטייגער איז, אַריין אין די רייד — און לסוף איז יעדער איינער גע־בליבן ביי זיינס... אין תוך האָט יעדער איינער פון אונדז אַרויסגעהערט אין די רייד פונעם צווייטן אייגענעם צווייפל און פאַרנומען אויך אייגענע אמונה. עס איז שוין אָבער אַזוי שטענדיק געווען: ער איז פאַרבליבן אין די געשמועסן — פראָקוראָר, און איך — פאַרטיידיקער. האָב איך אים, צוליב זיינע שאַרפע און בייטשנדיקע רייד אויף יידן און יידישקייט, אויפן יידישן שאָפן און יידישע שאַפער דאָן גוטמוטיק אָנגערופן מיטן איראָנישן צונאָמען „שונא ישראל״. אַזוי האָט ער זיך דערנאָך אונטערגעשריבן אויף זיינע בריוו צו מיר, און אַזוי אויך האָט ער אויפגעשריבן אויף זיין בוך „מוסרניקעס״, וואָס ער האָט אָנהייב 1939

צוגעשיקט מיר פֿון ווילנע אַהער, קיין ניו־יאָרק — „חיים גראַדע, דער שונא ישראל"...

אַט־דער גאָר־יונגער אין די יאָרן בחור מיטן אויסטערלישן נאָמען חיים גראַדע, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער דיכטונג אַ רייפֿער, אַ שווער־אָנגעלאָדענער מיט יידיש וויסן און געוויסן, מיט לאָסטן און חשבונות, חשבון־הנפש און חשבון־האומה, — אַט דער פֿול־געפּאַקטער יונגערמאַן מיט שווער־קייט און אָנגעזעטיקטקייט פֿון אַ מושלם און מופלג, איז געקומען צו דעם יידישן שאַפֿן מיט פֿאָדערונגען און מאָנונגען, מיט אויפֿגאַבן און אחריותן, וואָס האָבן זיך מער געקלאָמערט און געבונדן צו אַמאָליקע יידישע ספרים, ווי צו די מאָדערנע מעשה־ביכלעך. ער האָט דעריבער אויסגעמיטן און איז פֿאַרבייגעגאַנגען די לייכט־שפּילעוודיקע און פֿאַרווילערישע, די גאַרנישט־מיינענדיקע און גאַרנישט־פֿאַרלאַנגענדיקע ליטעראַטור, און אָנגעקניפּט פֿאַר־בינדונג מיט די וואָגיקע, ערנסטע ווערק אינעם יידישן שאַפֿן. איז ביי אים געווען לכתחילה געדאַנק, מוסר־השכל, תכלית, עיקרים, וואָס זיינען אַדורך דורך זיין פּריזמע און געזוכט פֿורעם, געשטאַלטונג. האָט ער אין זיינע דיכטע־רישע פֿאַרמעסטן שטענדיק געזוכט כוונה, מיין, מענטשלעכע השלמה, עטישע דערהויבנקייט, חובת הלבבות, עלית נשמה אויף דער וועלט... ערגעץ־וואו האָט ער געהאַט באַריר־פּונקטן און ענלעכקייט מיט אַ צווייטן יידישן דיכטער, ישראל שטערן, וואָס איז אָבער, ליידער, געפֿאַלן אונטער דער אייגענער לאַסט פֿון סתירות, זוכענישן און בלאָנדזשענישן און האָט נישט דערגרייכט צו דער הויך, צו די הויך־פּונקטן, וואָס ער האָט און וואָלט געקאָנט און באַדאַרפֿט דערגרייכן. ער האָט אויסגעהויכט זיין ליידנדיקע נשמה ווי אַ קדוש אין וואָר־שעווער געטאָ.

חיים גראַדעס לידער זיינען געווען שטאַרק אַנדערש פֿון די לידער, וואָס ס'האָבן געשריבן און געשאַפֿן די אַלע יונגע און יינגערע דיכטער, וואָס זיינען געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן די לעצטע יאָרן פֿאַר דער היטלער־קאַטאַסטראָפֿע. אייניקע זיינען געקומען פֿון געוויינלעכן יידישן שטעטל, אַנדערע — פֿון דער מאָדערנער יידישער שול, אַנדערע ווידער — פֿון די רע־וואָלוציאָנערע אַרבעטער־קרייזן, אָדער גאָר פֿון דער יידיש־פּוילישער סביבה. חיים גראַדע איז געווען אַ פּראָדוקט פֿון אַלטער יידישקייט, פֿון דער אייגנאַר־טיקער מוסר־סביבה, וואָס האָט זיך געראַנגלט אין אַנדערע גייסטיקע עולמות.

אין יענע יאָרן איז געקומען פֿון דער ישיבה נאָך אַ פּאַרטיפֿטער ליריקער, חיים סעמיאַטיצקי, און פֿון אַן אַנדער רעליגיעזער סביבה — דער דיכטער מוניע נאַדלער מיט זיין בוך „בעש"ט־סימפֿאָניע", — מוניע נאַדלער, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ „הציץ ונפגע", — אַריינגעבליקט און „געשטרויכלט" גע־

וואָרן, ער איז אַריבער צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. זיין נאָמען איז געווען שפּעטער א. גאַליצין. (ביידע די דיכטער זיינען פאַרפּיניקט געוואָרן — איינער אין ווילנע, דער צווייטער אין פּאַריז — דורך די דייטשישע בעסטיעס.)

געווען נאָך איינער — ישראל עמיאָט, אַן אַמתער ליריקער, וואָס איז איצט אין בירא־בידזשאַן און לעבט דאָרט ווי אין אַ נייעם גלגול.

חיים גראַדע און זיינע אייגנאַרטיקע שאַפונגען האָבן גלייך פון זיינע ערשטע שריט געררייצט, געוועקט נייגיר און אינטערעס.

ווען איך האָב שפּעטער געלייענט זיין פּרעכטיקע, טיף־ווייטיקדיקע פּאָעמע „מוסרניקעס", און באַזונדערס — די לעצטע צוויי קאַפּיטלען „אין גיהנום אויף אַ קייט" און „דער ארון קודש פאַלט", האָב איך ערשט באַגריפן און פאַרשטאַנען חיים גראַדע דעם צעפּייניקטן מענטש און אויפגעלויכטענעם דיכטער, דעם מענטש און דיכטער חיים גראַדע, וואָס עס איז איינס און דאָס זעלבע, נישט צום אָפּטיילן. איך האָב אין די פאַרשיידענע שאַרפע, ווייטיקדיקע אַרויסזאָגעכצן פון די פאַרשיידענע מוסרניקעס־בחורים דערזען און דערשפּירט די פילקאָלירנדיקע געשטאַלט פון חיים גראַדע.

אין דער פּאָעמע „מוסרניקעס" פיגורירט חיים גראַדע אונטערן נאָמען „חיים ווילנער", אויפן נאָמען פון דער שטאָט, פון וואַנען ער שטאַמט און קומט. און וויל מען אויפנעמען דעם דיכטער אין אַ באַשטימטן פעריאָד פון זיין לעבן, וויל מען אַריינקוקן אינעם טיפן ברונעם, פון וואַנען ער האָט אַ צייט לאַנג געשעפּט קוועלנדיק וואַסער און גיפטיק געטראַנק, וואָס האָט אויפגעפרישט און פאַרסמט זיין געמיט — דאַרף מען לייענען פאַמעלעך שורה נאָך שורה די „מוסרניקעס", און מען וועט זיך דערקלייבן צום מקור, צום מהות פון איינעם פון די יידישסטע אָריגינעלע שרייבער.

אין דעם פאַרלעצטן קאַפּיטל „אין גיהנום אויף אַ קייט" איז געגעבן די באַגעגעניש פון חיים ווילנער מיטן מוסרניק ליבער, און אויב איר ווילט איז עס אייגנטלעך אַ באַגעגעניש און אַ שמועס פון חיים גראַדע מיט זיך גופא, עס איז דער שווערער געראַנגל פונעם מלאך און שד, פון ליכט און שאָטן, — מער נישט, עס איז אָפּט שווער צו דערגיין, וואו ענדיקט זיך דער שטן און וואו הייבט זיך אָן דער מלאך. אָט דער קאַפּיטל דערמאָנט מיט זיין קראַפט, מיט זיינע תהומישע רייד און אויפלויכטנדיקע געדאַנקען דאָס קאַפּיטל „גרויסע אינקוויזיציע" אין פ. דאָסטאָיעווסקיס „ברידער קאַראַמאַזאָוו", ווען איוואַן פירט זיין באַרימטן שמועס מיט זיין ייִנגערן ברודער אַליאָשאַ. ליבערס שאַרפע, שניידנדיקע, קראַנקהאַפטע ווערטער זיינען אייגנטלעך געצילט נישט אין דער גרופּע מוסרניקעס, נאָר צו גאָר דער וועלט. זיי זיינען געצילט אינעם אומרעכט פון דער אָרדענונג, צו די בלאָנדזשעענישן און שוואַכקייטן פון דעם

יידישן מענטש און פון דער מענטשהייט בכלל אין דער איצטיקער צייט.

הערט די בייסנדיקע רייד, וואָס חיים גראַדע לייגט אַריין אין מויל פון דעם אויסגעניכטערטן מוסרניק ליבער:

„מען האָט געזאָגט: דער מענטש איז פריי — נאָר ניט געאָרדנט.
ווילנער, שאָקלט ניט דעם קאָפּ, איר האָט ניט וואָס צו זאָגן,
איך האָב דעם גאַנצן פּיין אַדורכגעטראָגן.
דער גאַנצער פּיין איז שטות, איר וועט ניט ענדערן זיך סיי ווי סיי,
דער מענטש — ער איז ניט פריי...“ (ז' 121).

אָדער אַזעלכע ווערטער:

„זיי ווילן אָפּפאַרבן און ראַטעווען דעם אַלטן שימל,
אויפלעבן, וואָס לעבן קאָן שוין ניט...“ (ז' 122).

דאָס זיינען ווערטער, וואָס חיים גראַדע האָט זיי אַרויסגעבראַכט, כדי צו באַקעמפן זיי און כדי צו דערגרייכן צו זיין אייגענעם מהות און זיך לאָזן מיט זיין אייגענעם ווייטערדיקן באַזונדערן גאַנג אין לעבן און אין שאַפן.

די גאַנצע תקופה פון אַליין פּייניקן זיך, פון פּייניקן צוליב פּייניקונג, האָט חיים גראַדע אויסגעוויינטיקט און אויסגעפּיבערט פאַמעלעך, בהדרגה, און דורך פּייער און פלאַם פון אייגענע יסורים גערייניקט און געלייטערט געוואָרן. אָבער דאָס איבערגעלעבטע, דאָס דורכגעוויינטיקטע האָט זיך טיף איינגעשניטן אין אים אויף שטענדיק און אויף אייביק. אין די סאַמע פרידיקסטע מאָמענטן פון זיין לעבן און שאַפן לויערט אויף אים די פּיין, די יסורים, דאָס שרעקעוודיקע, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך פון די סאַמע קינדער־יאָרן, און אין די אַלע ווייטערדיקע יאָרן פון זיין שווערן און גרויזאַמען לעבנס־גאַנג.

יאָ, חיים גראַדע האָט געהאַט אַ שווער און גרויזאַם לעבן, אַ לעבן, וואָס איז אַ קייט פון נויט, דחקות, געראַנגל פאַרן אייגענעם קיום און פאַרן קיום פונעם יידישן פאָלק. ער איז אַ קינד פון דעם ערשטן וועלט־קריג און אויך אַ קרבן פון יענער שוידערלעכער צייט. ער האָט אַליין, אָן מליצות, אַדורכ־געמאַכט די שווערע מלחמה־יאָרן, די גרויזאַמע אָקופּאַציע־צייט. ער איז גע־בליבן אַ יתום נאָך זיין טאַטן, זיך געוואָלגערט אין יתומים־הייזער, דערנאָך דורכגעוואָגלט פון חדר צו ישיבה, געליטן הונגער, קעלט און עלנטקייט, ביז ער איז אַריינגעפאַלן צו די מוסרניקעס. דאָס אַלץ האָט זיך אַריינגעשניטן אין גראַדעס לייב און לעבן, געלאָזט טיפע וואונדן און צייכנס, וואָס פאַרהוילן און פאַרשווינדן נישט. טראָגט ער די לאַסט פון זיין שווערער קינדהייט און יוגנט, מיט דער טיפער פאַרערונג פאַר זיין טאַטן און מיט נאָך אַ טיפערער ליבשאַפט און טרייקייט צו זיין מאַמע, זינגט ער אויס דעם טיפן טרויער און

די רירנדיקע ליבשאַפט, די פאַרהערלעכונג פאַר זיין פאָטער און די צערט־לעכקייט פאַר זיין מוטער אין פאַרשיידענע צייטן, אין פאַרשיידענע לידער. אָט זעט ער זיי לעבעדיקע, רעאַלע, און אָט שוין אין טרוים און וויזיע. זיי טרעטן פון אים נישט אָפּ, נישט אין פרייד, נישט אין לייד, נישט אין מאָמענטן פון דערהויבנקייט און נישט אין צייטן פון געבראָכנקייט און געפאַלנקייט.

אין „מוסרניקעס" זאָגט ח. גראַדע וועגן זיך, וועגן חיים ווילנער: „ווי אַ פאַרפלאָנטערטער אין דראָטן, האָט ער געריסן זיך: אַזוי פיל צייט געפּטרט, געוואָלט איבערייאָגן אין געלויף זיין שאָטן, און ווי אַ פייגל־טשאַטע האָבן אַרום אים געפלאַטערט ווייטע הייליקע גזאַנגען . . ." אָט די באַצייכענונג איז אָנגעמאָסטן נישט בלויז אויף דעם מאָמענט, ווען ער רייסט זיך אַרויס פון ליבערן און באַפרייט זיך פון זיין דערדריקנדיקער ווירקונג און נאָענטקייט, נאָר אַזוי איז עס אַלעמאָל אין זיין ווייטערדיקן לעבן, ווען ער ראַנגלט זיך מיט אייגענע איבערלעבענישן און פאַרצווייפלענישן, גייט ער לסוף אַרויס אַ זיגער, ווערט פאַרכאַפּט פון „הייליקע נייע גזאַנגען", וואָס עס ברענגען אים די „נייע צייטן מיט די נייע פייגל" . . .

ביים לייענען די „מוסרניקעס" ווילט זיך מאַכן פאַרגלייכן מיט אַן אַנדער וואָגיק דיכטעריש ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור, מיט ח. נ. ביאַליקס „המתמיד", אַרויסאָנטפּלעקן די געמיינזאַמע מאָמענטן און באַטאָנען די אַנדערשדיקייטן, — אַ פּועל־יוצא פון אַנדערע צייטן, פון אַנדערע סביבות און פון אַנדערע צוגאַנגען פון דעם וואָלינער ביאַליק און ליטווישן גראַדע, ווי אויך פון דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די דיכטערישע כאַראַקטערן און וועזנס. אָבער דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר זיך, וואָס מ'דאַרף ביי אַ געלעגנהייט גרינטלעך באַהאַנדלען.

די בילדער און וויזיעס פון זיינע קינדער־איבערלעבענישן, די טרויעריקע געשטאַלטן פון זיין טאַטע און מאַמע, די שאַרפע נויט, די זכרונות פון די שפּעטערדיקע טראַגישע יוגנט־יאָרן — דאָס אַלץ האָט זיך אַריינגעקריצט אין זיין האַרץ און מוח, אין זיינע געהירן און געפילן, און עס איז אָפט דער אויס־גאַנג־פונקט פאַר טראַכטענישן און אויספירן: חיים גראַדע גייט אַוועק פון דעם אַלעמען און מיט יאָרן שפּעטער קומט ער ווידעראַמאָל צו זיי, געשטאַל־טיקט און פורעמט אויס נייע בילדער פאַר נייע אָנווענדונגען, פאַר נייע תביעות.

און דאָס איז אייגנטלעך דער לעבנס־וועג און שאַפונגס־גאַנג פון חיים גראַדע:

זעלבסטפּייניקונג, סיגוף, געראַנגל מיט געפילן און מחשבות. זיך גע־וואָרפן אין אייגענעם כף־הקלע, און גענומען אויף זיך שווערע לאַסטן, ווי מענטש, ווי ייד. געטראָגן תביעות צו וועלט און צו זיך גופא. שטענדיק מיט

אַ העכערער גייסטיקער טעמפּעראַטור און אינעווייניקסטער געפּאַלנקייט. זיך געקלאַמערט אין וואָרט, אַרויסגעשלאָגן פון דעם פונקען און בליצן, וואָס דאַרפן צינדן און ברענען דאָס אייגענע וועזן. אַריבערגעטראָגן אָט די אַלע איינגעשאַפטן אין אַ נייער וועלט פון וויזיעס. זיין דיכטונג איז גאָר פון אַן אַנדער גראַד און תוך. זאָגט ער: „ווי איעדער עפּאָכע לאָזט אין שטיין איר צייכן, האָט אויף מיר מיין אָפּשטאַמונג געלאָזט איר שפור.“ אין אַן אַנדער אָרט רעדט ער וועגן זיין דיכטונג, ווי וועגן זיין „יאָמער, וואָס באַקליידט זיך אין געזאַנג.“ אין נאָך אַ ליד געפינען מיר אַזאַ שורה: „מיין צער אויף דער ערד, צעווייטיקטער, פאַרשרייב איך“, אָדער „ס'פּלאַקערט מיין פּנים — דער בלוטיקער שפּיגל, ברענט מיט דעם אָפּגלאַנץ פון וועלט־קאַטאַסטראָפעס.“ דאָס אַלץ פאַרגעשטאַלטיקט חיים גראַדע אין זיין דיכטונג, הן אין וואָרע ביל־דער און הן אין פאַנטאַסטישע געשטאַלטן פון העכערער מדרגה און פון העכערע עולמות.

* * *

מיט דעם ליד „מיין מאַמע“ האָט זיך אָנגעהויבן זיין ערשט בוך לידער „יאָ“, וואָס איז אַרויס אין ווילנע אין 1934, דאָס צווייטע ליד איז „מאַמע און זון“ און דערנאָך קומט דאָס ליד „מיין טויטער טאַטע“. מיט אָט די לידער עפנט זיך אויך דאָס איצטיקע לידער־בוך „דורות“, און דאָס בוך פאַרענדיקט זיך מיט אַ סעריע נייע באַהאַרצטע און ציטערנדיקע לידער פון בוך „מאַמע און זון“, וואָס חיים גראַדע גרייט צום דרוק. צווישן די ערשטע מאַמע־לידער ביז די לעצטע ליגט אַ קורצער צייט־מהלך פון קנאַפּע צען יאָר, אָבער סאַר אַ מוראַדיקע, מאָנומענטאַלע צען יאָר עס זיינען געוועז פאַר די מאַמעס און די זין פון דעם פילגעפּרואוטן יידישן פאָלק און יידישן מענטש, די מאַמעס, וואָס זיינען פאַרבליבן אין די היימשטעט, און די זין, וואָס זיינען אַוועק אין דער וועלט, וועלכע איז געבליבן אויסערלעך גאַנץ, נישט צעשמעטערט, אָבער דאָך אין דער טיף שטאַרק צעפּייניקט.

אין די ערשטע לידער „מאַמע און זון“ לייענען מיר:

„אַ גרויע מאַמע און אַ בלאַנדער זון —
זיי וואוינען אין אַ קעלער — אַ שוואַרצן ווי טשוגון.
אַ קליינע בלייכע פרוי און ער — אַ דעמבענער געבוי,
איר לעבן הענגט אויף אים ווי אויף אַ צווייג — אַ טראָפּן טוי.“ (ז' 11).

אין איינעם פון די לעצטע לידער, וואָס הייסט „ווייט פינף טויזנט מייל“, זאָגט דער דיכטער:

„איך קום צו דיר, מיין מאמע, אין דער נאכט, —
ווען מיינע האפענונגען זיינען אויסגערונען,
האב איך אין טרוים דיין שטיבל אויסגעדאכט,
און דורך דעם פענצטער — דיך אין שטוב געפונען..." (ז' 204).

און אזוי אויך זיינען פון גאר אן אנדערן כאראקטער די לידער געווידמעט דעם טאטן, וואס גראדע האט געשריבן מיט א צען יאר צוריק, און די טאטע־לידער פון די לעצטע פאר יאר, — אינצווישן ליגט א וועג דורך פיין, דורך אפגרונטן און חורבונות, דורך מוראדיקע וועלט־קאטאסטראפעס און דורך אייגענע שווערע צווייפלונגען, וואס גייען ביי דעם דיכטער אינאיינעם, האנט אין האנט, נישט צום פאנאנדערטיילן.

און לייענענדיק איצט גראדעס לידער וועגן זיין מאמע, דערמאן איך זיך אן די טעג, ווען איך האב זיך געטראפן אין ווילנע מיט גראדען, — עס איז געווען מיט א קנאפע צען יאר צוריק. מיר זיינען שוין דאן געווען היימיש און נאענט, און פארברענגענדיק אין גראדעס היימשטאט ווילנע, האב איך זיך געבעטן ביי אים, ער זאל מיך מיטנעמען צו זיך אהיים, צו באקענען זיך מיט זיין מוטער, וואס ער האט איר געווידמעט אזעלכע וואונדערלעכע פיינפילנדיקע לידער. מיר זיינען דאן געזעסן אין דעם האטעל־צימער, און חיים גראדע האט אלץ פארקערעוועט דעם שמועס אין אן אנדער זייט און נישט געוואלט דער־פילן מיין באגער צו באזוכן אים אין זיין היים ביי זיין מוטער. אבער מיט דער ספעציפישער ווייטיקדיקייט אין זיין שטימע, מיט דעם טיפן ערנסט, וואס האט ארויסגעבליקט פון זיינע אויגן, האט ער מיר דערנאך אויפגעקלערט: זיין מוטער קומט פארנאכט אהיים פון מארק, וואו זי האנדלט מיט ציבעלע, קארטאפל און עפל, א פארפרוירענע, א מידע, א שלעפעריקע, און איך וועל זיך דעריבער נישט פילן גוט ווען כ'וועל שטערן איר רו. דעם צווייטן טאג פארנאכט איז חיים גראדע ווידער געקומען צו מיר אין האטעל אויף א לענגערן באזוך און שמועס. אין האנט האט ער געהאלטן א קליין פאפירן זעקל (א קוליאק), א שטארק־דורכגענעצטן, און דערלאנגט עס מיר, האט ער שעמעוודיק צוגעגעבן:

— דאס האט אייך מיין מאמע געשיקט א מתנה, — געפרוירענע עפעלעך... איך האב איר דערציילט, אז עס איז געקומען פון ווארשע א חשובער גאסט, א רעדאקטאר פון א זשורנאל, — האט זי מיטגעשיקט מיט מיר פאר אייך די עפעלעך . . .

האבן מיר מיט א באזונדערער פארערונג ארויסגענומען די עפעלעך, וואס האבן שוין אנגעהויבן אפגיין פון פראסט, זיי האבן אויסגעזען טונקל־ברויך, מיר האבן זיי געגעסן און געשמאק געגעסן, ווי עפעס א זעלטענע פרוכט,

און זיך, ווי דער שטייגער, אַוועקגעלאָזט אין אַ לענגערן שמועס וועגן אייביקע פראַגן, אַ שמועס, וואָס האָט נישט קיין אָנהויב און האָט נישט קיין סוף.

דעריבער זיינען מיר באַזונדערס נאָענט די שורות, וואו גראַדע מאָלט זיין מאַמע אין דעם ערשטן ליד פון זיין בוך, ווי זי קומט אַהיים אַ דערפרוירענע:

„די באַקן — אייגעפאַלן, און די אויגן — האַלב נאָר אָפן,
הערט מיין מאַמע, ווי עס זיפצן אירע קני,
אַ גאַנצן ווינטערדיקן איינדערפרי
אויף אַלע מערק אַרומגעלאָפן . . ."

חיים גראַדע שילדערט, ווי די מוטער „טאַפּטשעט אום אין שטיבל מיד און שלאָפט . . . דאָס לעמפּל שלוקערצט אין איר האַנט, עס שטיקט זיך אינעם רויכיקן געוויין. זי וויגט זיך ביי אַ וואַנט, ווי אויפן פעלד ביי אַ מצבה־שטיין, און שלאָפט . . ."

אין יענער צייט, ווינטער 1935־1936, איז חיים גראַדע געווען באַזונדערס אומרואיק. עס איז געווען נאָכן גרויסן דערפאָלג, וואָס זיין ערשט בוך לידער „יאָ" האָט געהאַט אין פוילן און אין אַמעריקע. במשך פון אַ פּאָר חדשים זיינען געדרוקט געווען עטלעכע און צוואַנציק באַגייסטערטע אָפּרופן וועגן זיין בוך. אָבער חיים גראַדע, ווי אַ מוסרניק, הגם שוין לאַנג איבערגעפּיבערט אין זיך יענע תקופה, האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין ראַנגלען זיך מיט זיך גופא, מיט אייגענע פאַרלאַנגען און גלוסטונגען. ער האָט דאַן ערנסט שטודירט די אייראָפּייאישע ליטעראַטור, די וועלט־דיכטונג, באַזונדערס געטען, — ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט אַנלאָדן אין זיך אַלץ נייע אַספּיראַציעס ,נייע וויזיעס, כדי גאָר איינגיכן זיי אויסצולאָדן אין נייע שאַפונגען. ער האָט געלעבט אין ווילנע, און אויסערלעך, טאַקע נאָר אויסערלעך האָט ער געהערט צו דער גרופּע „יונג־ווילנע". אין תוך איז ער זיך געגאַנגען און געקלעטערט אויף זיין אייגענעם וועג און שטעג. ער האָט מתפּלל געווען ביחידות, כאָטש ער איז געווען „צוגעשריבן" צו דער ווילנער דיכטער־גרופּע. ער איז טאַקע פּאָטאָ־גראַפירט אויף פאַרשיידענע בילדער מיט דער גרופּע „יונג־ווילנע", אָבער ער האָט זיך שטאַרק אויסגעטיילט פון זיי, פונקט ווי ער האָט זיך שאַרף אויס־געטיילט מיט אַ פּאָר יאָר פריער פון דעם קרייז מוסרניקעס אין דער נאָוואַ־רעדאָקער ישיבה, וואו ער האָט געלעבט אינאיינעם מיט זיינע חברים און דאָך געווען לחלוטין אַן אַנדערער, אַ זעלבשטענדיקער מיט אייגענע ספקות און זוכענישן, מיט אייגענע טרוימען און שטרעבענישן.

צו „יונג־ווילנע", וואָס איז ווי אַ גרופּע, ווי אַ קאָלעקטיוו, אויפגעקומען אַרום 1930, האָט געהערט דאָס טאַלענטפולע, באַגאַבטע און צוזאַגנדיקע דיכטער־יונגוואַרג, מערסטנס פון ווילנע. אַלע זיינען געווען כמעט פון איין

עלטער, אין יענער צייט זיינען זיי געווען בחורימלעך אין די אנהייב צוואנ־ציקער יארן, אבער יעדער איינער מיט א שווער פעקל אייגענע מאטערנישן, פיינען און פלאגן, וואס מען האט אדורכגעמאכט זינט די קינדער־יארן. וואס פאלן צונויף מיט די גרויזאמע יארן פון ערשטן וועלט־קריג, היימלאזיקייט איבער רוסלאנד און אקופאציע־צייט אונטער דער שווערער בייטש פונעם דייטש. אט די דיכטערישע יוגנט האט צונויפגעהאפטן דאס ראדיקאלע, פראָגרעסיווע שטרעבן, אפשר גיכער — די רעאקציע, וואס האט געבושעוועט אין פוילן, אבער מער פון אלץ — דער גלויבן אין דער נייער צאפלדיקער, שאפנ־דיקער ידישער ליטעראטור, אנגעזעטיקט מיט פראטעסט קעגן דעם פאליטישן און סאציאלן אומרעכט. ביי איניקע פון דער גרופע האט זיך מיט דער צייט אויסגעפיקט די בענקשאפט, דער טרוים וועגן נאענטן סאוועטישן לאנד. און כאטש אין תוך זיינען עס געווען גאר פארשיידענע דיכטער מיט גאר פאר־שיידענע כאראקטערן (א. וואגלער, לייזער וואלף, אברהם סוצקעווער, חיים גראדע און די אלע אנדערע), אבער זיי האבן דאך געהאט געמיינזאמע צונויפ־טרעפן, געמיינזאמע אויפטריטן, ווי אויך אינאיינעם ארויסגעגעבן זאמלונגען אויף וויפיל די מאטעריעלע כוחות און די פוילישע מאכט האט דערלויבט. חיים גראדע האט זיך אבער פון סאמע אנהייב שטארק אויסגעטיילט פון דער גרופע מיט דעם ספעציעלן טיפן און שווערן ערנסט, וואס איז געלעגן אויף אים און אויף זיינע שאפונגען, מיט דער איבערגעלאדענער גייסטיקער ירושה און מיט די אלע קארבן און שניטן, וואס עס האט געמאכט אויף אים דאס לעבן און דאס ליידן צווישן די בעלי־סיגופים, די מוסרניקעס. אין דעם ווילנער יונג־ווילנע־ארקעסטער איז גראדע געווען דער וויינענדיקער און מאנענדיקער וויאלאנטשעל מיט אייגענע טיפע טענער, וואס שפילט פון אייגענע נאטן און וואס אפט הארמאנירט עס כלל נישט מיטן דיריגיר־שטעקל פונעם קאלעקטיוו.

* * *

אין א ליד, וואס חיים גראדע האט פארעפנטלעכט אין דער „ידישער קול־טור" אין 1939, מיטן נאמען „גורל־ליד", שרייבט ער (ער איז דאן אלט געווען בלויז 27 יאר):

„דריי פרילינגס פעלן מיר צו דרייסיק יאר,
און אלע בלעטער פון מיין יוגנט האב איך שוין פארלארן.
דער הארבסט האט אויסגעריסן מיינע האר,
אויף מיין אקסל האב איך שוין געטראגן ניט איין ארון . . ."

און ווייטער:

„ניט איך האָב זיך מיין גורל-ליד געוויילט.
ניט איך וועל אויך דעם דויער פון מיין צייט באַשטימען.
נאָר ווער עס האָט זיך, ווי אַ וויעסנע-טייך, פאַרטיילט,
טראַכט ניט פונעם טויט — דאָס לעבן איז זיין הימן . . ."

דאָס טיף־דורכגעטראַכטע און שטאַרק־אויסגעוויטיקטע ליד ענדיקט זיך מיט די סטראָפעס:

„אויף פעדעם גילדענע פון מיין געוויין,
צי איך אַן ווי פּערל אויסגעשטערנטע באַנעמעס.
און קומט די צייט און איך מוז גיין —
פאַרבלייבט נאָך מיר מיין גורל-ליד — מיין אמת . . .
דריי פרילינגס פעלט מיר צו דרייסיק יאָר,
און אַרום מיין מאַלצייט-טיש פיל שטולן זיינען ליידיק, —
דער טויאיקער, דער נייער בלאָנדער דור,
פרילינגט שוין אַריין אין מיינע פענצטער הויך און פריידיק . . ."

אַט אַזוי שרייבט אַ יונגער דיכטער, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט אייגענער מידקייט און אויפמונטערונג. מיט האַרבסט און פרילינג, מיט סך־הכל און אָנהייב. דאָס איז חיים גראַדע אין לעבן, דאָס איז ער אין זיין שאַפן!

אין אַ צווייט ליד פון דער זעלבער צייט, „די ווערבע", זאָגט חיים גראַדע וועגן זיך:

„איך בין אַ ווערבע ביי דעם וואַסער-ברעג,
ווי אַ בעטלער ביי אַ קלויסטער, קרום און לאַם,
עס שווימען אַפּ אין שיפן גילדערנע, — די טעג,
און איך פאַרבלייב אַ פינצטערער ביים ראַנד פון תהום."

און מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער, צו 29 יאָר, שרייבט ער אַ ליד, אַ ווענדונג צו זיין פאָטער:

„טויטער טאַטע מיינער, אונטער אַן אָפּגעמעקטן שטיין,
דיר וואָס ווייטער ווערט דער קבר גרינגער, מיר, דיין זון, ווערט שווערער,
אויסגעשיילט פון קראַנקן פלייש שלאָפט רואיק דיין געביין,
איך ווער קראַנק פון טאָג צו טאָג אַלץ מערער . . ."

און דאָס ליד, מיטן נאָמען „אין טאָג פון געבוירן", האָט אַזאַ מין אַקאָרד:

„מיד ווי דו צו זיבעציק בין איך צו דרייסיק יאָר,
טאַנץ מיט מיר אין וואַלד, — דערוואַרעם מיך און קוש מיר אויס די טרערן,
נעם צוריק מיר אין מיין חלום פון דער האַרטער וואָר,
איך וויל צוריק אַ ייִנגל ווערן . . ."

די לידער, ווי אויך דאָס גרעסערע ליד „געוויין פון דורות" (1936), זיינען גריסן פון דעם שווערן געמיט, וואָס האָט באַהערשט דעם דיכטער אין יענער צייט.

יאָ, ס׳זיינען ווידער געגאַנגען שווערע יאָרן. דער פאַשיזם און היטלעריזם האָבן גענומען פאַרפעסטען די וועלט, — ווין און שפּאַניע, און אַנטיסעמיטיזם, געטאָ־בענק און פּאָגראָמען אויך אין אייגענעם פּוילן. שווער איז געווען דאָס געמיט און דריקנדיק די שטימונג. איך האָב זיך געטראָפן מיט חיים גראַדע אין ווילנע אַ פּאָר טעג נאָכן פּאָגראָם, וואָס די איבערגעטוענע פאַנסקע פּאָליציי האָט אַדורכגעפירט אין ווילנע כדי אַנצושרעקן די דאָרטיקע יידן ערב די פּאָר־שטייענדיקע וואַלן, און חוץ דעם זיינען דאָן פאָרגעקומען כסדרדיקע אָנפאַלן אויף יידישע שילער און סטודענטן אין ווילנער גימנאַזיעס און אוניווערסיטעט, פּונקט ווי אין אַנדערע יידישע שטעט. חיים גראַדע איז דאָן איינגאַנצן געווען אַ צעשרויפטער, אַ צערודערטער, ער האָט געטראַכט גאָר אויסצולערנען זיך זעצעריי און זיך לאָזן אין מרחקים, אין אַן אַנדער לאַנד. ער האָט אַדורכגעמאַכט אַ שווערן פּראָצעס אין זיין לעבן, ער האָט פון ערגעץ געדאַרפט אוועק און ערגעץ־וואו זיך דערקלעטערן, דערגרייכן.

ס׳איז געווען ווי ער מאָלט דאָס לעצטע בילד אין די „מוסרניקעס", עס איז געווען, ווי ער דריקט אויס זיין שטימונג און געדאַנקען דורך דעם נאָוואַ־רעדעקער ראש־ישיבה:

„. . . איך האָב געזען אין רוסלאַנד אין די בלוטיקע מהומה־טעג:
אַ מענטש האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אין אַ געפּאַקטן צוג,
האָט מען אים אַרויסגעשליידערט דורכן פענצטער אויפן מיטן וועג . . ."

און דערפון דער מוסר־השכל:

„אַריינגיין איז נאָך נ ט גענוג,
מען מוז זיך איינבייסן, זיך איינשטעמען, פאַרקלאַמערן,
מען ווערט אַמאָל אין מיטן לויף אַרויסגעשליידערט . . ." (ז׳ 128).

אין יענער צייט, אָנהייב 1939, האָט דער איקוף אין אַמעריקע, ווי באַ־קאַנט, אויסגעטיילט אַ פּרעמיע חיים גראַדען פאַר זיינע לידער־זאַמלונגען „יאָ" און „מוסרניקעס". עס איז דאָן איינגעאָרדנט געוואָרן אין ווילנע אַ גרויס־אַרטיקע פייערונג לכבוד דעם דיכטער צו זיין באַקומען די ליטעראַטור־פּרעמיע פונעם היגן איקוף. חיים גראַדע האָט געהאַלטן אַ לענגערע אינ־טערעסאַנטע רעדע (זי איז פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור", מערץ 1939) וועגן „דעם זינען פון דיכטער און דיכטונג".

מיר ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן פון דער רעדע, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם

דיכטער און וואָס דערציילן אונדז וועגן דעם געמיט־צושטאַנד פון ח. גראַדע אין יענער צייט.

„. . . אַ געפֿאַר שטעקט אין דעם עצם פֿאַקט פֿון דער פּרעמירונג. איך וואָלט די אויסצייכענונג ניט חערט געווען, ווען איך זאָל נישט געדענקען די סכנות, וואָס זי ברענגט מיט זיך... איך רעד נישט איצט ווי אַ מוסרניק וועגן דער שלעכטער מידה פֿון פֿאַרריסנקייט, אין וועלכער אַ יינגל קאָן לייכט אַריינפֿאַלן פֿון אַ קניפּ אין בעקל . . . איך רעד דורכאויס פֿון ריין־קינסטלערישן אינטערעס און נוץ. וואָס וועט ווערן פֿון אַ דיכטער, ווען צוליב זיין פֿאַרליבטקייט אין זיך און אין זיינע פֿערזן וועט ער אויפֿהערן זען אַרום זיך.“ „קאָן דען זיין — פֿרעגט ח. גראַדע — אַ גרעסערע סכנה פֿאַר אַ שריפֿטשטעלער, וואָס זיינע אויסגעדוכטע אָבער צייטווייליקע דערפֿאָלגן מאַכן אים בלינד פֿאַר די טראַגישע קאָנפֿליקטן פֿון לעבן?“

און אַרומרעדנדיק די ראָלע פֿונעם דיכטער אין דער וועלט און באַרירנדיק די אַלע שווערע נסיונות און שטרויכלונגען, וואָס שטייען פֿאַר דעם קינסטלער אין זיין שאַפֿן, און אָפּשטעלנדיק זיך אויף די אויפֿגאַבן, וואָס דער דיכטער דאַרף פֿאַר זיך אָנצייכענען, האָט חיים גראַדע ווייטער געזאָגט:

„און נאָך עפּעס וויל איך זאָגן. איך שעם זיך ניט: די לעצטע צייט האָב איך כסדר געבענקט נאָך דער פֿינצטערניש אין הייל, פֿון וואַנען איך בין אַרויסגעקומען; נאָך יענער איינזאַמקייט, וואָס האָט פֿאַרמירט מיין לעבנססטיל; נאָך יענעם קינדישן שרעק און גלויבן, וואָס האָט מיר געלאָזט איבערלעבן פֿאַנטאָמען און פֿאַטאַ־מאָרגאַנעס, און דאָס אויסגעדוכטע האָט מיר ווײַ געטאָן מער ווי דיווירקלעכקייט; נאָך דער טיפֿער געפֿאַלנקייט ניט צו זיין פֿון קיינעם געקענט; נאָך דעם גליק פֿון פֿאַרהוילעניש; נאָך דעם שטענדיקן פֿיבער און געהעכערטער גייסטיקער טעמפּעראַטור און נאָכן גאַנצן גרויל און שרעק פֿון אַ ניט־באַשירעמטער קינדהייט און עלנטער יוגנט.

„אָבער איך ווייס: צו יענע קאָשמאַרן און שטימונגען טאָר איך זיך ניט אומקערן. מיין וועג איז צו דער געזעלשאַפֿט, צו אירע פּראָבלעמען און צילן.

„אָט דאָס איז די אחריות, וואָס איך פֿיל אויף זיך.

„די קונסט איז פֿאַרן מענטשן, ווי דער שבת אויף רו. כאָטש די רבנים האָבן אונדז געוואָלט איינרעדן, אַז דער ייד איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַרן שבת. יעדע פֿאַרפּולקומונג פֿון דיכטערישן וואָרט, איז כדי גענויער, פּרעציזער און קלאָרער איבערצוגעבן דאָס לעבן אין אַלע זיינע ניואַנסן.“

דאָס זיינען זייער קלאָרע און שאַרפֿע באַצייכענונגען פֿון אייגענע בלאָנדזשענישן און אייגענער אויפֿלויכטונג.

און דער טיף־ליידנדיקער דיכטער, וואָס האָט אין מאַכן חשבונות מיט

וועלט און חשבונות מיט זיך, האָט דאָן גוט פאַרשטאַנען און ער האָט אָנגעצייכנט פאַר זיך גופא די געבאָטן פון זיין לעבן און שאַפן, די געבאָטן, וואָס דער דיכטער מוז אָפּהיטן: דאָס איז די מיסיע זיינע אין דעם לעבן. חיים גראַדע האָט געזאָגט:

„. . . אפשר נאָך קיינמאָל ניט ווי היינט איז דער יידישער ליטעראַטור באַשערט געווען צו דערפילן אַזאַ גרויסע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע. אפשר נאָך קיינמאָל ניט ווי היינט האָבן יידישע שריפטשטעלער אַ מעגלעכקייט געהאַט צו דערוייזן ווי נייטיק זיי זיינען.

„אָבער כדי מיר זאָלן נייטיק זיין, מוזן מיר נוציק זיין. מיר מוזן זוכן אין דער אייגענער געשיכטע באַגייסטערונג, קראַפט אין די העראָאישע ביישפּילן פון דער מענטשהייט, געמוטיקט צו ווערן אין דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, וואָס מיר לעבן איבער. — — —

„אין אַ תקופה פון ירידה — זאָגט ח. גראַדע — מוז דער דיכטער אויפהייבן זיין שטים מיט בטחונדיקן געזאַנג. אַזוי וועט ער לערנען פון די נביאים, וועלכע האָבן אין צייטן פון האָפערדיקייט געוואָרנט פאַר דער סכנה, און אין חורבן, ווען אַלץ איז שוין געלעגן צעשמעטערט — אָנגעזאָגט דעם תחית־המתים.

„יעדעס מאָל ווען איך לייען די נביאים נעמט מיך אַרום אַ ציטער פון ערנסט פאַר יענע גרויסע ווילדע און איינזאַמע נשמות — יענע גרויזאַמע שטראָפערס, וואָס האָבן אין זעלבן אויגנבליק ווען זייערע פאָראויסזאָגונגען זיינען געוואָרן מקוים, און אַלץ האָט געקראַכט — אין דער זעלבער רגע זיינען זיי שוין געוואָרן די אָנזאָגערס פון אַ נייעם מאָרגן.“

לאָמיר געדענקען, אַז די ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די איצטיקע וועלט־קאַטאַסטראָפע, איידער די היטלעריסטישע באַנדעס זיינען באַפאַלן פוילן און די אַנדערע לענדער. אָבער שוין דאַן איז די לופט געווען ווי ערב אַ שטורעם, וואָס אַט־אַט ברעכט ער אויס. חיים גראַדע, דער יונגער, נאָך נישט קיין דרייסיק יאָר אַלט, רעדט דאַן אַזעלכע האַרבע שטראָף־רייד און גלייכצייטיק ברענגט ער אַרויס אויך טיף־דערמוטנדיקע ווערטער:

„מיר מוזן אַ זינען געפינען פאַר אונדזערע אייגענע ליידן, כדי אונדזער טראַגעדיע זאָל ניט ווערן לעכערלעך, ווי ביי אַ טייל פון די ברידער אונדזערע, וואָס מוזן אָפּקומען פאַר עפּעס וואָס זיי ווילן ניט זיין. מען האָט זיי אָנגעוואָרפן צו זיין יידן.

„מיר קאָנען זיי אָבער זאָגן מיט די ווערטער פון נביא יחזקאל צו די אַסימילאַטאָרן פון זיין צייט: והעולה על רוחכם . . . און דאָס וואָס איר רעדט

זיך איין, אַז איר וועט ווערן ווי די פעלקער אַרום אייך, און זיך מיט זיי פאַר־מישן — היה לא תהיה! דאָס וועט ניט זיין! מיט גוואַלד, מיט שטורעם און צאָרן וועל איך אייך . . . צווינגען צו זיין אַ פאָלק . . .

„מיר מוזן אַ זינען געפינען, אַ גורלדיקע פאַרענטפערונג און אַ ווערט אין אונדזערע ספקות, דורכפאַלן און דערגרייכונגען; מיר מוזן געפינען אַ זינען פאַר אונדזער אַפּקומעניש צו זיין דער בליץ־אַפּפירער אין אַלע וועלט־קאַטאַקליזמען און ווייל אונדזער גורל איז צוליב טויזנטער סיבות דער זעל־ביקער, וואָס פון דער קעמפנדיקער מענטשהייט — מוזן מיר ווערן אירע באַוואוסטזיניקע פאַראויסמאַרשירער.

„אין דעם זאָל אויך דער יידישער דיכטער געפינען זיין ציל, זיין רו און זיין שלמות."

די ווערטער זיינען דורך חיים גראַדע אַרויסגעבראַכט געוואָרן אָנהייב 1939, און אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָבן די ווילדע דייטשע האָרדעס געגומען פאַרפלייצן שטעט און לענדער, געבראַכט מיט זיך בעסטיאַלישקייט, פּייניקונג און אויסמאָרדונג פון פרידלעכע פעלקער, און באַזונדערס האָבן זיי אויס־געגאָסן זייער ווילדן שגעון אויף דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג. און דער דיכטער, וואָס אַט האָט ער געהאָפט און געשטרעבט „צו געפינען זיין ציל, זיין רו און זיין שלמות", איז געטריבן געוואָרן דורך די נאַצישע אַריינ־דרינגער און ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן טויזנטער מייל פון זיין היים, פון זיין סביבה. אים איז באַשערט געוואָרן צו ראַטעווען זיך אין סאָוועטן־פאַר־באַנד, ער האָט דאָרט געגאָסן פון דער גוטפריינטשאַפט און חברשאַפט, וואָס די דאָרטיקע מאַכט און קאָלעגן האָבן אים אַרויסבאַוויזן. ער האָט אויפגענומען דאָס סאָוועטישע לעבן, געוועזן אַן עדות פון דער גוואַלדיקער אָנשטרענגונג און פון די הייליקע פּאַטריאָטישע געפילן, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט אַלע פעל־קערשאַפטן צו שיצן זייער לאַנד און צו פאַרניכטן דעם שונא. ער האָט אויך צוגעזען די טיפע קעגנזייטיקע ברודערשאַפט, וואָס עס הערשט דאָרטן צווישן די פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן. און דאָס אַלץ האָט זיך ביים דיכטער צונויפ־געמישט מיט דעם האַס און צאָרן, וואָס האָט געברענט אין אים ביים אויפנעמען די מאוימדיקע ידיעות וועגן די גוואַלדטאַטן און מאַסן־מאָרדן, וואָס די דייטשישע רוצחים זיינען באַגאַנגען אין די יידישע ישובים. און חיים גראַדע ברענגט צום אויסדרוק אַט די געמישטע געפילן — פון האַס און מיטלייד, פון צאָרן און מיטפּיל, פון נקמה און צערטלעכקייטן. זיינס יעדעס ליד, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז די לעצטע יאָרן, האָט אונדז אַלעמען אויפגעטרייסלט און אויפגעשוידערט. זיין יעדעס וואָרט פאַרמאָגט נביאישן גרימצאָרן און דערהויבענעם פּאַטאָס, תוכחה־ווערטער און טרייסט־מאָטיוון, און אַלע די

לידער צייכענען זיך אויס מיט יחידישע מאָמענטן און כללישע עלעמענטן. ס'איז צער און פּיין, האַס און צאָרן, וואָס איז אַ פּועל־יוצא פון אינעווייניקסטער אויפטרייסלונג, פון אייגענער אויפשווידערונג. ער אָביעקטיוויזירט סוביעקטיווע איבערלעבענישן, ער פאַראַלגעמיינערט אייגענעם ווייטיק.

אין דעם בוך „דורות" האָבן מיר אַ דריי צענדליק לידער און פּאָעמעס, געשריבן די לעצטע יאָרן אונטער דעם איינדרוק פון די קלעפּ, וואָס די שוידערלעכע פּאַסירונגען האָבן גורם געווען — דאָ האָבן מיר מאָטיוון און וויי־געשרייען, געזאַנגען און געוויינען פון איוב און פון איכה — געוויין אויף אייגענעם גורל און קלאָגענישן אויפן גורל פונעם פאָלק. ברענגען אויסצוגן וואָלט געמיינט איבערשרייבן גאַנצע און גרויסע טיילן פון די לידער. מיר וועלן בלויז אַרויסכאַפּן פון דאָ און דאָרט אייניקע שורות און אָפּשיקן דעם לייענער צום בוך גופא. זאָגט ער אין איין ליד: „ס'יאָגט אַ קללה מיר נאָך, כ'קאָן קיין רו ניט געפינען" (ז' 181); און אין אַ צווייטן, וואו ער מאָלט זיין פאָרן מיט אַן עשאַלאָן אין טיף־רוסלאַנד: „מיין קאָפּ איז שטענדיק אָנגעשטרענגט צוריקגעדרייט, ווי איך וואָלט אויף די רעלסן עפּעס־וואָס פאַרלוירן, מיט אַלע רעדער גייט דער צוג אַריבער — גיים און גייט — און קאָן מיין בענקשאַפט ניט אַריבערפאָרן . . ." (ז' 197); אָדער אין ליד „כל נדרי", וואו ער באַזינגט די מזרח־בערג פון טאַדזשיקיסטאַן, וואו ער האָט געפונען אַ צייט־ווייליקן עיר־מקלט, זאָגט ער:

„איך ווייסט ניט, אַז מיין האַרץ איז אַ געווערק —
אַ צעבראָכענער געווערק פון שקיעה־זייגער.
פאַרהאַלטן האָב איך, ווי אַ ווייזער זיך אין גאַנג,
איצט קרייז איך אַרום זיך אַליין משוגע, היפּער . . ." (ז' 172).

אינעם ליד „צווייפל" פונעם בוך „מיט דיין גוף אויף מיינע הענט" ווענדט ער זיך צום אייגן האַרץ, ער וויל וויסן וואָס ס'טוט זיך אין פוילן, וואו ער האָט איבערגעלאָזט באָענטע, טייערע, היימישע, און ער זאָגט:

„ווי אַ גליאַיקער שפּיציקער שרויף
דרייט אין מיר זיך דער שלאַנגיקער צאָרן
פון צווייפל . . . ער דרייט מיך צונויף,
זיינע שפּיצן צו מיין האַרץ ווילן דערגרייכן, —
און איך קראַמף און איך האַלט זיך אַן שאַרף,
וואָס צערייסט מיינע אָדער־געוועבן,
און איך ברעך אין מיין בלוט — און איך וואַרף
זיך אַרום צווישן אומקום און לעבן . . ." (ז' 176).

פון גרויס קראַפט און טיפער דערשיטערונג איז דאָס גרעסערע ליד

„דער מיליאַניקער קבר", וואָס רופט זיך איבער מיט ח. נ. ביאַליקס „אין שחיטה־שטאָט" און „השמים, אם יש בכם אל" און מיט פרץ מאַרקישעס „די קופע". דער דיכטער טענהט זיך אויס מיט גאָט דעם אַלמעכטיקן, ער שליי־דערט לעסטערונג־ווערטער אין דעם, „וואָס באַשטראָפט און דערנאָכדעם באַ־דויערט", אין דעם, וואָס „פאַרפלאָנטערט האָט זיך אין זיין אייגענעם דויער" — און די צאַרן־רייד און לעסטערונג־ווערטער מישן זיך מיט גרויליקע ביל־דער, מיט מאַוימדיקע שילדערונגען פון די פאַרפייניקטע קינדער, פון די געשענדעטע מיידלעך. חיים גראַדע זאָגט:

„איך הער אייך, פאַרפייניקטע ברידער, מיך רופן,
מיין גוף בלוטיקט אויס פון זיך טויזנטער גופן,
און גייט דורך דעם וועג וואָס איר זייט דורכגעגאַנגען,
דורך שאַנד און דורך טויט און דורך גליאיקע צוואַנגען." (ז' 209).

און מערקווירדיק: נישט געקוקט אויף דעם שווערן, יסורים־פולן וועג, וואָס דער יונגער דיכטער האָט אַדורכגעמאַכט, נישט געקוקט אויף די אַלע קלעפּ און פּלאָגן, וואָס דאָס לעבן האָט אומברחמנותדיק אים די אַלע יאָרן געגעבן, דאָך פאַרענדיקט דער דיכטער זיין לידער־בוך מיט די סטראָפן:

„איך ווייס, פון מיינע יאָרן בין איך עלטער,
געפּרוּאווט האָרץ מיינס, זאָל עס דיך ניט קימערן,
גרייט בין איך צו אומגיין אַ פאַרשטעלטער
כמורגער זקן . . . נאָר אין מיינע אויגן
הערט ניט אויף אַן אויסגעבענקטער רעגנבויגן
פאַרביק שימערן . . ." (ז' 218).

אין בוך „דורות" זיינען געבראַכט די לידער און פּאָעמעס, וואָס חיים גראַדע האָט געשאַפן די ערשטע יאָרן, און די צווייטע העלפט ברענגט אונדז די שאַפונגען פון די לעצטע עטלעכע יאָר. די אַלע לידער פון דער צווייטער העלפט ווייזן אונדז דעם מענטשלעכן און דיכטערישן לעבנס־ און שאַפונגס־וועג פון חיים גראַדע. יעדעס ניי ליד איז אַ טיף־מענטשלעכער און יידישער דאָקומענט, וואָס פאַרצייכנט ווײ און פּיין, געוויין און מאַנונג, קללה און בענ־טשונג. די לידער פון דעם צווייטן שאַפונגס־פּעריאָד באַווייזן, אַז חיים גראַדע, דער מענטש און דיכטער, שטייגט אַלץ־העכער און אַז ער פאַרמאָגט קראַפט און בילד אַרויסצוברענגען אייגענע שווערע איבערלעבענישן און די גרויזאַמע כלל־יידישע פּאַסירונגען.

1945

זוכצעטל

אבראַמאָוויטש, ש. י. (מענדעלע מו"ס) — 14, 16, 23, 73-28, 78, 98, 101, 107-105, 110, 117, 119, 141, 188, 195, 198, 227, 238, 241, 246, 281, 317, 320, 334, 339, 344, 353, 357.
אברמסון — 221.
אַדלער, יעקב פּ. — 93-91.
אַדלער, סעם — 91.
אואוואראָוו — 15.
אָוערבוך, שבח — 207.
אויסלענדער, נ. — 95.
אויערבאַך, אפרים — 396.
אונגער, מנשה — 248.
אוספּענסקי, גלעב — 138.
אחד-העם — 183, 210, 220, 240, 325, 334.
איבסען, ה. — 102.
איגנאַטאָוו, דוד — 299.
איינשטיין, אַלבערט — 159.
אַלגין, מ. — 63, 65.
אַלטמאַן, משה — 398.
אַלטמאַן, נאַטאַן — 142.
אַנדרעיעוו, ל. — 221, 245, 271, 338.
אנכי, ז. י. — 221, 223.
אַנסקי, ש. — 28, 146-132, 225, 343, 365-363.
אַסעיעוו, ניק. — 230.
אָפּאַטאָשו, י. — 112, 299, 355, 356.
אַקסענפעלד, י. — 238.
אַש, שלום — 95, 140, 212, 264-227, 265, 271, 276, 299, 317, 355, 356.

באַסקין, י. — 160.
באַריישאַ, מנחם — 161.
ביאַליק, ח. נ. — 35, 48, 82, 109, 144, 145, 217-192, 275, 279, 412, 423.
בווילים, מ. — 322.
בינשטאָק, ל. — 50.
ביעלי, אַנדרעי — 241.
בלאָק, אַלעקסאַנדער — 366.
בלאַשטיין — 179.
בן-יעקב, יצחק אייזיק — 15.
בן-עמי, יעקב — 332.
בן-עמי, מ. — 48.
בן-ציון, ש. — 396.
בעזסאָנאָוו, פּ. א. — 31.
בעל-מחשבות — 76, 82, 233, 305, 309.
בעל-שם-טוב — 401.
בערגעלסאָן, דוד — 138, 209-207, 221, 223, 236, 245, 281, 299, 341-304, 352-349, 356, 364, 379.
בערגעלסאָן, יעקב — 326.
בערדיטשעווסקי, מ. י. — 39, 148, 188, 219, 220, 239, 240, 325, 334, 350, 355.
בערנע, ל. — 250.
בערקאָוויטש, י. ד. — 75, 84, 92, 93.
בערשאַדסקי, י. — 330.
בראָדער, בערל — 396, 402.
ברײַנין, ראובן — 20, 21, 37, 191-182, 219.
ברענער, י. ח. — 210, 221, 225, 350.

גאָגאָל, נ. — 89, 231, 250.
גאָטלאָבער, א. ב. — 117.
גאָטליב, דר. י. — 216.
גאָלאָמב, א. — 385.
גאָלדפאַדען, א. — 95, 101, 117, 238, 396, 402.
גאָרדאָן, י. ל. — 40, 79, 117, 192.
גאָרדין, יעקב — 95.

גאַרעליק, ש. — 338.
גאַרקי, מ. — 103, 108, 198, 211, 221,
230, 245, 338, 365, 377.
גינצבורג, מ. א. — 15.
גלאַנץ, א. — 162.
גליקסמאַן, דר. א. — 250.
גנעסין, א. נ. — 221, 328, 350.
גנעסין, מ. — 144.
געטע — 250.
גראַדע, חיים — 8, 408, 423.
גראַנאָווסקי, אַל. — 94, 95.
גראַנאַך, א. — 368, 369.
גריג — 325.
גרינבערג, אליעזר — 396.

דאַברושין, י. — 95, 379.
דאַסטאָיעווסקי, פ. — 223, 338, 354,
355, 410.
דאַרווין — 179.
דובילעט, מ. — 352.
דובנאָוו, ש. — 8, 29, 34, 131-116, 159.
דייקסל, ש. — 396.
דינעזאָן, י. — 26, 41, 42, 99, 117,
146, 238, 273, 299.
דיק, א. מ. — 8, 27-11.
דיקענס, טש. — 251, 252.

האַמסון, קנוט — 109, 338.
האַראָוויץ, בער — 386.
האַרדי, ט. — 250.
הויפטמאַן, ג. — 250.
היינע, היינריך — 102, 107, 250, 272.
הירשביין, פרץ — 95, 156, 212, 265-
274, 276, 281, 299, 320, 386, 387.
הירשקאַן, צבי — 299.
הערצל, טעאָדאָר — 148, 182.

וואַגלער, א. — 416.
וואולף, פרידריך — 369.
וואַכטאַנגאָוו — 142.
וואַרשאַווסקי, דוב יצחק — 324.

וויטשקעוויטש, סט. — 251.
וויטער, א. — 145.
ווייכערט, דר. מ. — 95.
וויינבערג, י. — 160.
ווייסענבערג, י. מ. — 277-275, 299,
317.
ווינטשעווסקי, מאָריס — 156, 157.
ווינער, מ. — 44.
וויספיאַנסקי, סט. — 103, 250.
ווערפל, פראַנץ — 250.

זאַלאַטאַראָוו, דר. ה. — 156.
זאַנגוויל, י. — 185.
זאַסלאַווסקי, דוד — 136.
זאַראַמב, ש. — 114.
זינגער, געניאַ — 392.
זינגער, יאַסל — 392.
זינגער, יאַשאַ — 392.
זינגער, י. י. — 212, 355, 356, 372-
393.
זעווין, ישראל — 92.
זשיטלאָווסקי, דר. ח. — 101, 102, 129,
130, 134, 136, 137, 181-174, 189,
216, 239, 240, 245, 246.

טאָלסטאָי, ל. — 34, 211, 223, 250,
252, 338.
טאָמאַשעווסקי, ב. — 92.
טווען, מ. — 250.
טווערסקי, יוחנן — 249, 252.
טורגעניעוו, א. — 338.
טורקאָוו, זיגמונט — 95.
טיטשינאַ — 230.
טשאַיקאָווסקי, פ. — 325.
טשעכאָוו, א. — 91, 103, 109, 221,
223, 338.
טשעכאָוו, מ. — 144.
טשעריקאָווער, א. — 128.

יאַזיקאָוו — 231.
יאַמפאָלסקי, יצחק — 77.

יאפע, לייב — 145.
יאצקאן, ש. י. — 224.
יהואש — 111, 112, 156.
יעללינעק, דר. א. — 25.

כאראל, שלום — 326.

לאנדע, משה קלמן — 19.
לוי יצחק בערדיטשעווער — 405.
ליבערמאן, יעקב — 223.
לידסקי, י. — 308, 333.
ליטוואקאוו, משה — 136.
לייוויק, ה. — 160, 168, 299.
לייזער, וואלף — 416.
לייזעראוויטש, י. א. — 223.
ליכט, דוד — 95.
ליליענבלום, מ. ל. — 40.
לינעצקי, י. י. — 46, 101, 117, 188, 238, 390.
ליפשיץ, י. מ. — 357.
לעוו, שמחה — 371.
לעהרער, ל. — 385.
לעיעלעס, א. — 161.
לערנער, ח. צ. — 39.
לעשצינסקי, יעקב — 385.

מאטוסאוו, נחום — 223.
מאלאדאווסקי, קאדיע — 371.
מאלאכאווסקי, הלל — 89.
מאלקין, ד. ב. — 216.
מאנגער, איציק — 8, 394-407.
מאנדעלשטאם, פראפ. ע. — 335.
מאן, טאמאס — 250.
מאפו, א. — 41, 182.
מארגאשעס, דר. ש. — 161.
מארעווסקי, א. — 145, 386.
מארקיש, פרץ — 379, 423.
מארקס, קארל — 179.
מולטאטולי — 109.
מוקדוני, דר. א. — 38, 367.
מייזיל, נחמן — 37, 212, 216, 379.

מייזעל, יוסף — 123.
מיכ"ל — 192.
מילך, יעקב — 156.
מילער, ל. — 396.
מיצקעוויטש — 230, 250.
מעטערלינק, מ. — 185, 250.
מענדעלסאן, מ. — 250.
מעריסאן, דר. י. א. — 156.
מרגליות, משה — 64.
מרדכילע, ר' — 331.

נאדלער, מוניע — 409-410.
נאידענאוו, ס. — 245.
נאמבערג, ה. ד. — 102, 108, 111, 233, 244, 265, 276, 299.
נוסינאוו, י. — 352.
נחמן בראסלאווער — 222, 345, 355.
ניגער, ש. — 23, 26, 36-38, 50, 84, 143, 145, 158, 159, 309.
ניטשע, פ. — 102, 153, 221.
נוימאן, י. מ. — 216.
נסתר, דער — 208, 299, 342-360, 364, 379.

סאקאלאוו, נ. — 45.
סולערזשיצקי — 143.
סוצקעווער, א. — 416.
סטאניסלאווסקי, ק. — 143, 144.
סיגאל, ל. — 160.
סירקין, נחמן — 326.
סלאוואצקי — 250.
סלאנימסקי, ח. ז. — 48.
סמאלענסקין, פ. — 40, 182.
סעגאלאוויטש, ז. — 386.
סעלצער, ד. — 396.
סעמיאטיצקי, חיים — 409.
ספיוואקאווסקי, יעקב — 91.
ספענסער, ה. — 179.
ספעקטאר, מרדכי — 26, 83, 101, 117, 238, 277, 281, 299, 320, 343.

עדלין, וו. — 367.
עטינגער, ש. — 238.
עלסבערג, דר. ס. — 156.
עמיאָט, ישראל — 410.
ענגעל, יואל — 142.
ענטין, יואל — 156.
עפּעלבוים, ב. — 35.
עפּשטיין, שכנא — 109.

פּאָפּערנאָ, א. י. — 23.
פּושקין, א. — 230.
פּינסקי, דוד — 95, 99, 156, 160, 277.
פּינסקער, דר. ל. — 23, 148.
פּרוס, ב. — 250, 251.
פּרילוצקי, צבי — 386.
פּרץ, חעלענאַ — 335.
פּרץ, י. ל. — 8, 28, 39, 115-101, 117, 122, 141, 146, 188, 195, 201, 202, 208-206, 210, 211, 219, 227, 230, 232, 242-238, 244, 246, 250, 251, 259, 273, 275, 276, 281, 298, 299, 313, 317, 320, 337-334, 339, 346, 355, 363, 365, 404, 405.

פֿויכטוואַנגער, ליאָן — 252.
פֿוקס, א. מ. — 385.
פֿייערבערג, מ. ז. — 188, 220.
פֿיכמאַן, יעקב — 396.
פֿין, ש. י. — 23.
פֿישבערג, דר. מ. — 91.
פֿרוג, ש. — 121, 141
פֿרויד, זיגמונט — 159, 286.
פֿרישמאַן, דוד — 219, 221, 330.

צונזער, אליקום — 20.
צוקערמאַן, ב. — 156.
צימראָן, ש. ל. — 20, 26-23, 134.
צייטלין, אהרן — 216.
צייטלין, הלל — 8, 226-218, 332.
צינבערג, דר. י. — 107.
צעדערבוים, אַלעקסאַנדער — 48.

קאַברין, לעאָן — 95.
קאַהאַן, אב. — 256, 278, 288, 380, 381.
קאַזשדאַן, ח. ש. — 172.
קאַליניקאָוו — 325.
קאַמינער, דר. יצחק — 80, 327.
קאַנטאָר, דר. ל. — 12, 13, 15, 22, 24, 27.
קאַסעל, דוד — 12.
קאַציזנע, אַלטער — 8, 371-361, 386.
קאַציזנע, חנה — 371.
קאַראָלענקאָ, וול. — 138.
קופּרין, א. — 257.
קלויזנער, דר. יוסף — 240.
קלומעל, דר. מ. — 213, 214.
קלמנסאָן, אלחנן — 223, 327, 328.
קלמנסאָן, משה — 327.
קלעצקין, ב. — 121, 309, 387.

ראַבאָי, א. — 303-289, 396.
ראַוויטש, מלך — 212, 216, 379, 385-388.
ראַווניצקי, י. ח. — 25, 35, 48, 49, 77, 82, 86, 198, 199, 275.
ראָזענפעלד יונה — 288-275, 299.
ראָזענפעלד, מאָרים — 184, 185.
ראָטבוים, יעקב — 94.
ראָלאַן, ראָמען — 244.
ראָקאָ — 142.
ריווקין, ב. — 40.
רייזען, אברהם — 233, 244, 265, 276, 299.
רייזען, זלמן — 13, 20, 22, 25, 225.
רייכערסאָן, צבי הירש — 20.
ריימאַנט, וו. — 250, 251.
רינגעלבלום, דר. עמנואל — 218.

שאַגאַל, מאַרק — 94.
שאָו, בערנאַרד — 247.
שאַליט, משה — 140, 141, 145.
שאַפּירא, ל. — 299.

טאָפּענהויער — 102.
טאָצקעס, משה אהרן — 46, 101.
טוואָרק, מאָרים — 94, 386, 391.
טוואָרצבאָרד, שלום — 369, 370.
טוואָרצמאַן, איסאַק — 223, 327.
טוואָרצמאַן, אשר — 207.
טולמאַן, אליעזר —79.
טולמאַן, קלמן — 41.
טומיאַטשער, אסתר — 274, 387.
טטיינבאָרג, אליעזר — 398.
טטיינבערג, יהודה — 355, 396.
טטיף, נחום — 13, 16, 20, 26.
טטערנבערג, יעקב — 95, 397, 398.
שילער, פּ. — 250.
שיפּרים, משה — 396.
שלום-עליכם — 25, 26, 28, 31, 44, 46, 48-50, 69, 74-100, 101, 105-107, 110, 117, 118, 121, 122, 141, 185, 195, 227, 232, 238, 241, 281, 299, 310, 311, 317, 320, 334, 339, 343, 353, 356, 384.
שמ"ר — 26, 80, 179.
שניאור זלמן מליאַדי — 220, 225.
שניידער, בענאָ — 95.
שעווטשענקאָ, ט. — 230.
שעסטאָוו, ל. — 223, 327.
שעקספּיר, וו. — 250.
שפּינאָזאַ, ב. — 179, 221.
שרירא, שמואל — 77.

תנ"ך — 404.